STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00613

ZAMLBIKHER

Permanent preservation of this book was made possible
by Charlotte Frank
in memory of
Benjamin Frank

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאַמלביכער

2

רעדאַקטירט:
י. אָפּאַטאָשו
ה. לייוויק

ניו יאָרק, יאַנואַר, 1937

Copyright by

"SAMLBICHER"

New York, 1937

490

אַסטאָריאַ פּרעס, 61 איסט 4טע סטריט

ניו־יאָרק, נ. י.

Printed in U. S. A.

חיים גראַדע

א. סוצקעווער

מאיר סעגאַל

ב. דעמבלין (בנימין טײטלבױם)

חיים גראדע

געוויין פון דורות

א

אויף מיין עלטערזיידעס ווייסע קליידער
זע איך אויפפלאַמען דעם קרייץ פון מיטלאַלטער. —

מיין עלטערזיידע זיצט ביים סדר.
א גרויסן ווילדן מאַנדל־שטעקן,
זיינע אבות אויפצואוועקן,
און די ראבן צו דערשרעקן, —
האַלט ער.
אַנשטאָט דריי מצות ליגן דריי לבנה׳ס אויף א טעלער:
די אונטערשטע איז שוואַרץ; די מיטלסטע איז רויט;
די אויבערשטע איז פון די ליכט, די פסח׳דיקע — העלער.
מיין עלטערזיידע שמעקט געפּאַר און טויט —
א קינד אין קעלער...
פון קידוש־בעכער
קריכט א גרינער שלאַנג,
דער פלאַם פון זיינע אויגנלעכער
צינדט אָן דאָס געטראַנק...
מיין עלטערזיידע טרינקט דעם ברענענדיקן כוס,
ער פילט: די אבות אויף דער וואַך, — — — —
און הינטער טיר און שלאָס —
דעם באָרוועסן מאָנאַך...

ב

איך זע מיין זיידן דעם נאַפּאָלעאָנישן סאָלדאַט,
א פאַרלוירענעם אין פינצטערע זאַווייען.
דעם טרוים פון וועלט־באַפרייאונג, וואָס ער האָט געהאַט,
האָט ער צוזאַמען מיט זיין פערד פאַרגראָבן אין די שנייען.

דער אָפּגעריסענער, דער לעצטער גרענאַדיר,
אַנטלויפט פון קאַלטן צפון.
עס יאָגט אים נאָך אַ ווייסער בער — סיביר:
— זאָל רוסלאַנד שלאָפן ווי זי איז ביז איצט געשלאָפן,
איינגעוויגט מיט שווערע גלאָקן,
און מיט קנוטן —
זאָל רוסלאַנד שרעקן ווי זי האָט געשראָקן,
און אין שניי פאַרבלוטן.

מיין זיידע אונטער מאָסקווע, — פראַנצויזישער סאָלדאַט און פּאַטריאָט,
זינגט די מאַרסעליעזע אונטער אַ הארמאַטן־ראָד, — — —
און הערט ווי ס'פּייפט דער אוראַגאַן,
און פּייקלט אויף זיין באַראַבאַן
דעם מאַרש צום עשאַפאָט...

ג

הענט,
צוויי ליכטיקע, צוויי שטילע הענט,
עפענען זיך אויף און תפילות פלאַטערן פון זיי אַרויס ווי טויבן;
נביא'ישע צוויי הענט
פאַרברעכן זיך —— זיי קענען מער ניט גלויבן;
צוויי אייזערנע קולאַקעס
שמעטערן די ווענט, —
מיין טאַטנס הענט...

מיין טאַטע האָט געליבט די הייסע מטרוניתא פון קבלה,
דערנאָכדעם — די בת־מלכה פון השכלה,
צום סוף האָט ער פאַרדאַמט אי מענדעלסאָנען, אי דעם זוהר,
און נאָר געליבט זיין האַס צו די פרומאַקעס...
עס האָט געגעסן אים דער טרויער,
אַז ער איז בלויז אַ ברעט אין צאַם אַרום די קברים
וואו עס לעבן די אַמאָליקע העברייער, —
אַזוי ווי אין דעם טויטן לעבט דער וואָרים...

ער איז געווען אין שטיבער גביר'ישע אַ לערער,
האָט געהאַט אַ ווייב און קינדער,
נאָר בלוט האָט ער געהאַט פון אַ פאַרשווערער,
און אַן אונטערצינדער...
אַ ריז — האָט ער געוויינט מיט קינדישע פאַרשעמטע טרערן,
אַ פילאָזאָף — האָט ער פאַרטרונקען זיינע יאָרן.
ער איז געווען אַן אָנזאָג בלויז פון וואָס ער האָט געדאַרפט נאָך ווערן —
און איז ניט געוואָרן...

ד

מיין עלטערזיידע, וואָס איז אומגעקומען צו מקדש זיין דעם שם, —
שטייט אין פלאַמען ביי מיין בעט און וויינט:
— בין איך געשטאָרבן אויפן שייטער־פלאַם פאַר דעם,
עס זאָל זיך פרייען אין זיין קלויסטער־צעל דער בּאָרוועסער מאָנאַך,
אַז ס'קען מיין אייניקל ניט שטאַרבן פאַר זיין זאַך? —
ניט דאָס האָב איך, מיין אייניקל, געמיינט,
ניט דאָס האָב איך געמיינט.

מיין זיידע וועלט־באַפרייער, —אויסגעמאַרטערט, דערפרוירענער סאָלדאַט,
הייבט זיך אויף פון שניי און קוקט מיר אָן דערשטוינט:
— פאַר דעם האָב איך אַליין זיך איינגעשפּאַנט אין אַ האַרמאַט,
און נאָכגעגאַנגען ביז אַהינטער מאָסקווע מיין חלום און נאַפּאָלעאָן,
אַז דו זאָלסט מורא האָבן פאַר אַ ביקס און פאַר אַ פאָן? —
ניט דאָס האָב איך, מיין אייניקל, געמיינט,
ניט דאָס האָב איך געמיינט.

מיין טאַטע, וואָס האָט ווי אַ ווינט פאַרלאָשן אַלע יאָרצייט־ליכט אין קלויז,
טוליעט צו זיין סיוון קאָפּ צו מיר און וויינט:
— פאַר דעם בין איך געווען אין חרם אין מיין אייגן הויז,
און אַ פאַרשטויסענער געליטן ווי דער פילאָזאָף פון אַמסטערדאַם,

אז דיר זאָל זיין אַ שאָדן צו צעשמעטערן דעם צאָם? —
ניט דאָס האָב איך, מיין קינד, געמיינט.
ניט דאָס האָב איך געמיינט.

ה

מיינע עלטערזיידעס, מיינע זיידעס,
און מיין טאַטע אַ פאַרקלעמטער איינגעבויגן, —
אַ געפּייניקטע הכנעה׳דיקע עדה,
שמייכלט מיר אַריין מיט ליבשאַפט אין די אויגן.
און אַ וואוקסיקער פאַרשנייטער זיידע
שפּרייט אויס זיינע הענט ווי דינע צווייגן:
— אייניקל, אַ איד דאַרף קענען גיין צו דער עקידה, —
קענען גיין און שווייגן...
צעוויגט זיך אין אַ וואַלד אין ווינט דער טויטער ציבור:
— אַ נייס דאָס איז, אַז מיר די ברינימער פאַר׳סמ׳ען;
אַז מען יאָגט אונדז פון די שטיבער,
און ס׳יאָגן אונדז די שטיבער נאָך אין פלאַמען. — — —
אַ נייס דאָס איז פאַר זיך אַליין אונדז אויסצוגראָבן גריבער, —
און אויפהענגען דעם טאַטן מיט דער מאַמען...
עדות קענען זיין די ווענט, די שויבן,
די בלוט און מאַרך באַשפּריצטע קישנס,
אַז אונדזער האָב און גוטס איז לייכט צו רויבן,
און ס׳לאָזט זיך אונדזער בלוט פאַרווישן. — — —
עדות קענען זאָגן אונדזערע געשענדטע ווייבער;
די עופה׳לעך אַרויסגעריסענע אין טראָגן;
אונדזערע פאַרקריפּלטע, פאַרשעמטע לייבער,
און אויך די קליידער קענען עדות זאָגן:
מיר קענען איבער זיך ווי איבער וויין און חלה מאַכן קידוש,
מיר קענען ווי די לעמער, ווי די ביימער איבערטראָגן
זיין פאַר העק, פאַר פלאַמען און פאַר חיות — **שפּייז.**
פאַר אונדז איז קיין זאַך ניט קיין חידוש,
קיין זאַך ניט קיין נייס... — — —

הויב איך אונטער זיך פֿון בעט אויף מײַנע עלנבויגנס,
און ווי אַ גוסס וויל וואָס זאָגן, —
זאָג איך מער אַרוּם מיט מײַנע פֿיבערדיקע אויגן:
— די שונאים טענה'ן, אַז מיר האָבן זיי צוריקגעשלאָגן...

— „צוריקגעשלאָגן?!"
ציטערט אויף דער גאַנצער טויטער ציבור.
און מײַן דינער וואוקסיקער פֿאַרשנייטער זיידע
קוקט מיט שטיינונג און מיט שרעק זיך איבער
מיט דער מתים־עדה...
נאָר מײַן טאַטע שטייט שוין מער ניט אײַנגעבויגן, —
ווי די איבעריקע זקנים אײַנגעבראָכן,
עס ברענט אַ בייזע פֿרייד אין זײַנע אויגן,
און זײַן פּנים צוקט פֿון פֿײַנלעכן נצחון:
— אַזוי, איר האָט זיך ניט געלאָזן שעכטן פֿאַר זײַן נאָמען?
ס'איז אײַער לעבן ניט בלויז הייליק, נאָר אויך טײַער, — — — —
איר האָט שוין ניט געשעפּטשעט אונטער די חלפֿים: אָמן?
איר זענט שוין ניט געגאַנגען מיט געזאַנג אין פֿײַער? —
מעגט איר איצט אויף זיך די האַרבסטע שטראָף אַפֿילו נעמען!
איר דאַרפֿט זיך ניט, מײַן זון, באַקלאָגן,
איר האָט זיך ניט מיט וואָס צו שעמען!

נעם איך אָן מײַן טאַטן פֿאַר דער האַנט
און פֿאַרגראָב אין אים מײַן ברענענדיקן פּנים:
— טאַטע, דאָס איז אונדזער וויטאָג, אונדזער שאַנד:
ווי זאָלן מיר אַריבערטראָגן די באַשטראָפֿונג
פֿאַרן שלאָגן שונאים?
מיר זענען דאָך ווי אַלעמאָל אַנטלאָפֿן!
ווי אַלעמאָל אַנטלאָפֿן. — — —

ו

אַ סך קאָשמאַרן האָבן מיך געפּײַניקט — און פֿון גרויל
געבלוטיקט האָט מײַן האַרץ, געציטערט האָט מײַן ווילן;

ביז וואַנזיניקער שמייכל האָט פאַרקרימט מיין מויל, —
און איך האָב זיך גענומען מיט קאַשמאַרן פינצטערע פאַרשפּילן. —
און איך האָב אין דער פינצטערניש באַשוואָרן
צונג און גוף און קאָפּ:
— וואַרף זיך ניט אין חלום ווי אַ ווינט אין קאָרן,
זינקסטו — זאָלסטו מיטן קאָפּ אַראָפּ —
אין תהום ארונטערפליען.
שרייסטו — בלייב געליימט!
קיינער זאָל נישט זאָגן, אַז איך האָב געשריען
אין מיין שוואַרצן טרוים...

דעמאָלט איז מיין טאַטע אין אַ נאַכט אַ שטורמישער געקומען,
ער האָט דעם צודעק פון מיין בעט אַראָפּגעריסן,
און אין פּנים מיר געשמיסן, —
נאָר איך האָב דאָך באַשוואָרן זיך אַליין — צו שטומען...

ער האָט גערעדט: דו, ברענענדיקער דאָרן,
דו האָסט דיין הייסן קערפּער איינגעדעקט
אין ליילעך אונטער וועלכן ס'האָט דיין מאַמע דיך געבאָרן, —
און וואָס האָט מיט מיין טויטן גוף געשמעקט. — — —
דו, תאווה'דיקער ברענענדיקער דאָרן,
דו וויקלסט אין מיין צודעק דיינע גלידער,
מיין תאווה — איז די שולד פון דיין געבאָרן,
און נאָר מיין לוסט איז אויפגעשטאַנען אין דיר ווידער...
בן סורר דו, בן מורה,
אַז איך בין שוין באַגראָבן — לאָז מיך זיין באַגראָבן;
אַז מען באַהאַלט אַ פּסול'ע פאַרמעקטע ספר תורה,
דאַרף מען אויך איר מענטעלע ניט האָבן. —
גיי הויקער זיך צוזאַמען ווי אַ בערגל אויפן פעלד,
און זאָלן דיך פאַרוואַקסן געלע גראָזן; —
ווי וואַגסטו אומטראָגן מיין פּנים אויף דער וועלט,
אַז דו האָסט נאָך מיין ליידנשאַפט ניט אויסגעלייזט געלאָזן...

חיים גראַדע

חשבון מאַנען דײַנע זײדעס:
— וואָס איז דײַן באַרוף און וואָס — דײַן וואָרט?
אַן ענטפֿער גיב די דורות־עדות, —
אויב דײַן געבורט בלײַבט בלויז אַ צופֿאַל — איז עס מאָרד. — — — —

אַזוי האָט אַ דערצאָרנטער מײַן טאַטע מיטן צודעק מיך געשלאָגן.
אַ נאַקעטער בין איך געלעגן און געציטערט.
גאָרנישט האָב איך דער באַשוואָרענער געקענט אים זאָגן,
ווי אַן אויסגעהאַקטער וואַלד, וואָס קען אַפֿילו זיך פֿאַר דעם געוויטער
ניט באַקלאָגן...

ווילנע, 1936

א. סוצקעווער

די טויערן פון געטאָ

א

...עס האָט אַ לאַנגע פייערדיקע האַנט
די טויערן פון געטאָ אויפגעריסן.
ווי אַ בעטלער שטייט דער טאָג
ביים ראָג
פון געטאָ־וואַנט,
מיט פאַרקילטע גראָשנס אין די פויסטן.
ער האָט נאָך גאָרנישט ניט איבערגעביסן.
זעעוודיקער שטעקן. טאָרבע צער.
אין פאָראויס — צעהוידעטער פאָנאַר,
דורך די שאָטנס — פלאַטערדיקע שלייערן.
אָ, אים וואָלט זיך וועלן איצט אַ שטויס־טאָן
אַלע טויערן,
ווי דער העברייער־העלד
די טויט־קאָלאָנעס.
און פאַלן דאָ צוזאַמען מיטן געטאָ.

(אָ, טויערן, — צעיאָמערטע לבנות
מיט געדאַנקען־פינגער איצט באַגלעטע!)

ס'איז מעסערדיקע וואָר,
פון אַלטע דעכער
פליען אָפּ די שטערן —
קינדער היימלאָזע —
און הערן
ווי ס'פיבערט שטומערהייט אַ דור.
אַ דור פון קעמפער, זינגער און פאַרברעכער,
איינגעפלאָכטן אַלע אין איין קנופּ.

א. סוצקעווער

ס׳איז מעסערדיקע וואָר.
ביי יעדע שטוב
ברענט אַ וואונד — אַ רויטער מוכאַמאָר.
אַן אָסיענבלאַט איז יעדערנס געזיכט.
ווי אַ שלאַנג די אומרואיקייט קריכט
אַריבער
שטיבער
טויערן
און — העכער!...

ב

אַ קאַטאַרינשטשיק ווי אַ פּורים־נאַר
צימבלט אויף זיין קראַנקן אינסטרומענט.
און אַ שיקלדיקער פּאַפּוגיי
היפּט אויף זיינע ביינערדיקע הענט.
דער ייד איז אויך אַ זינגער.
און ער קנעלט
אין ווינט אריין אַ ליד,
וואָס קומט באַלד אָן
צו יעדנס אויער:

— „זיבן ברידער האָט מען אויסגעמאָרדעט
אין פּאָגראָם,
דער אַכטער ליגט פאַרוואונדעט ביי אַ טויער״...

קינדערלעך באַרינגלען
די פאַרשטויבטע קאַטאַרינקע,
(ס׳וועט פון דעם דער גורל
ניט צעפינקלען...)
און דער ייד דער געלער
מיט די באָרוועסדיקע קינדער,
צוזאַמען מיטן פּאַפּוגיי
אין קרישלדיקן קעלער, —

הייבן אָן זיך שאַרף אַריבערווינקען.
און אויך דערביי דער לאַמער וואַסערטרעגער
און אַלע אויסגעמאַרעטע און מידע. —
אַ סטייע ברידער,
ווי גרויע וועלף אַנטלאָפן
פונעם טויטנשאָס פון יעגער,
לויפן זיך צוזאַמען אין אַן עגול,
פאַרצאַרנט, האַרט, ווי די פאַרגרויטע שטיינער,
און איינער
פאַרן צווייטן איז אַ שפּיגל.

ג

עס טרעפט: ס'גיט זיך פּלוצים אַ טרייסל דאָס געטאָ,
עס עפענען פענצטערלעך זיך פּיאַלעטע.
דורך בראַנזענעם שטויב, — ווי אַ טיכל צעקלונגען —
מאַרשירט זיך אַ האָרדע בלויאויגיקע יונגען.
די אַרבל פאַרקאַשערט. און פעסט די ידים:
— מיר ווילן דאָס פאָלק פון זיין געטאָ באַפרייען! . . .
דער עכאָ באַפאַלט ווי אַ דונער די שטיבער,
די אַלטינקע טויערן קוקן זיך איבער.
אַ בליץ און אַ בלענד, און עס הייבן זיך בליקן,
עס ציען זיך קלאַנגען ווי ליכטיקע בריקן.
די געסעלעך טוליען זיך אַלט און פאַרטייעט
און זעען: ווי בלוט שטראָמט די ליבע, די פרייהייט
דורך שטיינערנע גרונטן, אין בוגנטן, און בונטער
צעשפּילן זיך הערצער אין הילכיקן מונטער.
אַ בליץ און אַ בלענד. זענען יונגען ניטאָ שוין.
עס האָט זיך די גילדערנע זעאונג פאַרלאָשן . . .

ד

אָוונט. דאָס געטאָ נעמט בלאָען.
עס פלאַטערן מידע קאַלירן.
דער זילבערדיקער ווילנער גאון
העלט אויף פון פאַרבאַרגענע טירן.

עס ווערן די שאָטנס אַלץ גרעסער.
די זון פליט אַוועק ווי אַ פּאַווע.
אַ יונג ציט אַרויסעט אַ מעסער
אַזוי ווי אַ שטראַל, פון כאַליאַווע.

און איך — אַ פאַראייגנטער — ווייטער,
דורך געסלעך פאַרנעפּלט מיט כמאַרע,
איך טראָג דאָ אַרום אַ פאַרשייטער
מיין בענקשאַפט — אַ שטומע גיטאַרע.

איצט פאַסט זיך דאָ בלויז אַ לבנה.
נאָר אָט איז זי דאָ, פול מיט לויער.
און ס'דאַכט זיך מיר אויס: ס'איז אַ פּאַנע
וואָס הייבט זיך אַהינטער אַ טויער.

מיין שוועסטער

פון די אָוונטיקע שנייען, בלויע, זילבערלעכע סטעפּעס,
קומט אַנטקעגן מיר מיין שוועסטער אויף אַן אויסגעטרויטמטן בריק.
ווי אַ זילבערנע לעגענדע, צי אַ וואונדערלעכער עפּאָס,
אויסגעשפּונען ווי פון זונען אויף די סטרונעס פון מוזיק.

אירע אויגן — נישט קיין שטערן, נאָר צוויי גליענדיקע בינען
אין געיעג צו האָניק־בלומען. און ווי קייטן צוויי די צעפּ.
און אַוואו די פיס באַטרעטן, בלייבט דער סליאַד פון אַ באַגינען,
ווערט פאַרגאַנגען אַ לבנה אויפן אָוונטיקן סטעפּ.

אַ, כ'דערקען זי דאָך, מיין שוועסטער! די פאַרגאַנגענע, די ווייטע,
מיט די שקיעדיקע ליפּן. אָט־אָ שטייט זי אין מיין טיר. —
אַזש אַהערצו אָנגעקומען, אַזאַ יום־טוב'דיק באַפרייטע,
פון אַ כוטערל פאַרוואָרפן אינעם ליכטיקן סיביר.

ס'איז דאָס כוטערל נישטאָ שוין . . . לאַנג פאַרכוואַליעוועט די שפּורן.
נאָר אַ גייסט ווערט ניט פאַרפאַלן; און מיין שוועסטערס גייסט—געוויס;
אויסגעטאָן פון אַלע נעפּלען לויכט אַרוים צו מיר איר פּורעם,
און זי שטייט פאַר מיר און שמייכלט. ס'לויכטן שנייאיק אירע פּיס.

ווערט אַלץ אָפּן. און מיין עלנט טוט זיך אָן אין קרוין פון קלאַנגען.
איבער מיר — דער דאַך צעווייגט זיך ווי אַן אויפגעהילכטער גלאָק.
און איך הער: מיין שוועסטער לייענט לידער דימענטענע, באַנגע
פון דעם זאַנגיקן יעסענין און געהיימניספולן בלאָק.

און כ' דערמאָן זיך: ס'האָט מיין שוועסטער אויך אַמאָל געשריבן לידער.
אין פאַרנאַכטן, ווען פון ערדן גייען אויף צום הימל טרעפּ.
און בשעת אַ יאָמער־פויגל האָט מיט איר געפליסטערט ודוי,
האָט אין זילבן זיך צעשאָטן איר געביין איבערן סטעפּ.

צו מיין געבורסטאָג

דער פאַסטעך פּאַשעט אַלץ נאָך די בהמות פאַרן פּאָן.
זיינס איז בלויז דאָס וואָרקענדיקע פייפל
און דער דינער עלנט וואָס גייט נאָך אויף יעדן שפּאַן.
אויך דו —
(איך זאָג אַז קיינער זאָל נישט הערן)
טרייבסט אַרוים
דיין סטייע טעג אין סטעפּ פון הוילע וועלף,
און שפּילסט פאַר זיי דיין ביסל בענקשאַפט אוים
אונטערן געוויין פון קאַלטע שטערן.

אויך דו — וואָס טראָגסט ביי זיך אין אינגעווייד
דאָס שליסעלע צו אַ געהיימער פרייד.

נישט קיין פּאַווע איז דיין דור, אָ, ברודער,
נאָר זונפאַרגאַנג אויף שטורעמהאָריזאָנט.
קוק זיך איין אין די וואָלקנס רונדאַרום —
דאָס זענען די אילוזיעס פול מיט גרויל
וואָס שאַרן זיך ווי זעלנער אויפן פראָנט.

מיט פאַרב פון דיינע טרוימען
מאָלסטו וועלטן —
און דאָס איז וואויל.
ס'איז גוט וואָס דו גייסט אַנגעטאָן אין קלאַנגען
ווען דיין גוף איז ווי אַ פלאַקן הויל.
נאָר פייגעלעך אין בוזים פיקן ס'האַרץ.
איז נישט כדאי צו כאַוועץ זיי באַזונדער.
בעסער זאָלן זיי זיך פריי צעפליען
דאָרט, וואו ווייסע קאַרשנביימער בליען,
ביז דאָס גאָלדן הימל־אויג פאַרשיינט.
זאָלן שכנים אויך הנאה האָבן פונעם וואונדער
און האָוועקן אויף דיין יעדן טראָט, מיין פריינט.

לערן זיך ביי ביימער העלן מוט,
בויג זיך נישט פאַר יעדן ליליפוט.

זאָל אויפגיין איבער דיר די קרוין פון לעבן
ווי פאַרביקייט פון רעגנבויגן־שיין.
צעריים די נאַכט, וואָס פלעכט פאַר דיר
אַ תליה־שטריק פון שטערן,
אָ, ברודער מיין,
און אַלץ וועט מאָרגן פייערקלאָר דיר ווערן:
דיין ווילן — אַ געניטער בומעראַנג
וועט ברענגען דיר אַ וואַרעמען דעם פאַנג
פון דיינע שענסטע,
מעכטיקסטע
באַגערן.

מיין בענקשאַפט

איך קען זיך שוין מער נישט פאַרצאַמען
מיט גילדענעם פלאַנקען פון טרייסט.
אומזיסט האָט אין ווילנע אַ מאַמע
אַמאָל מיט איר זון זיך געגרויסט.

עס פליען צוריק די סעקונדן
ווי פונקען באנאכט פון א באן.
ווער ווייס, צי זיי האבן געצונדן
מיין צייט, וואס איז מער נישט פאראן.

וואס איצט איז פאראן איז בלויז ציינער,
און שטעביקער דראט אונטער פיס,
פארהאגלט מיט פלאמיקע שטיינער
ליגט ערגעץ דער צארטער האפיז.

איך ווייס, אז אין שיינקייט פארמאכן
וואלט איך מיינע אויגן באדארפט,
נאר ווען ס׳הייבן דונערס אן לאכן
פארטויבט זיך דער קלאנג פון א הארץ.

ווי א ציגיינעריש מעסער
האלט איך מיין בענקשאפט געגרייט
פון אונטערן פלאשטש, און איך לעסטער
די זון וואס גייט אויף און פארגייט.

ברודערשאפט

שווער אונדז צו זיין אין די טורמישע
בלוטיק־באשטערנטע שטעט.
— ברידער, באפליגלטע, שטורמישע,
קומט נאר אהערצו — און זעט:

ווייט ליגט אן ערד א באקארנטע
אונטער א זון־טאמבורין — — —
רופט אונדז, חברים פארצארנטע,
ווי א געליבטע — אהין.

רופט מען אונדז — ווערן מיר דרייסטערע,
גיבן די פויסטן א הויב.

א. סוצקעווער

און אין א מארש א באגייסטערטן —
ביז עס ווערט טוי אַנשטאָט שטויב.

זעען מיר: פעלדער שוין צייטיקע
רייפן מיט גילדענער פרוכט,
לויטערדיק שמייכלען זיי: — „ווייטיקע
נעמט אונדז, איר האָט דאָך געזוכט — ——

ווען אין א קייט א באלאדישער
האָט אייער אמת געטאנצט,
האָט אייער טרוים דער בראוואדישער
דאָ זיינע קערנער פארפלאנצט.

און פון דער טונקעלער טיפעניש
האָבן געטאָן מיר א היפ.
נעמט אונדז מיט סערפּן־געשליפעניש,
נעמט אונדז מיט גאריקער ליפּ!״ . . .

פלעכטן זיך אָרעמס אין ברודערשאפט:
„יע, טאקע אייביק געזוכט״ . . .
און די געצונדענע ברודערשאפט
שמעקט מיט געזאנג און מיט פרוכט.

ווייט — אונדזער היים די אמאָרפישע
צאנקט ווי א קראנקער טיפון, —
אונדזערע לייבער די טאָרפישע
טאנצן אין העמדלעך פון זון.

געזאנג

כ׳ברענג א הויפן ערד. און ווי באפליגלט
מיינע אָדלער־בליקן שניידן טיף
זיך איין אין הארץ פון יעדן מינדסטן זעמדל!
קוקן אזוי לאנג, ביז אויפגעריגלט
ווי א טיר צעעפנט זיך די טיף

און עס ווערן נאָענט אַלע פרעמדן.
ס׳קומט אַרויס מיט בלוט־רויטן פאַנאַר
קעגן מיר די צייט. לויכט רונד אַרומער.
און איך ווייס נישט, בין איך קנעכט, צי האַר — — — —
אין אַ שטויב כ׳דערקען מיין לעצטן זומער,
און מיין קינדהייט, וואָס האָט אויסגעברענט
ווי אַ שטערן אין דעם פירמאַמענט.

נאָר נישט בלויז מיין צאַרנדיקע קינדהייט
בליצט אַרויס פון הויפן ערד אויף מיר. —
וועלטן גאַנצע! אַדלערדיקע גייסטער
פינקלען אויף באַפּאַנצערט און באַגרינדעט
פונעם פראָסטן הויפן ערד אויף מיר.
כ׳זע אַ דור אין זיגערישקייט דרייסטער
אָנגעטאָן אין רויטן דיאַדעם
פון געבענטשטער ליבשאַפט, פול מיט גבורה.
כ׳זע זיין פאָן — — — און וואָרהאַפטיק כ׳פאַרנעם
ס׳ליכט זיינס. ווי אַ שיף דעם פייער־טורעם
באַדערנאַכט, אין ים, ווען ס׳איז נישטאָ
קיין וואוהין. בלויז לאָקערדיקער דנאָ.

און וואָס מער איך גאַף, אַלץ קלאָרער, קלאָרער
ווערט מיין בליק אין פראָסטן הויפן ערד.
יעדע רגע מיינע — לאַנג פאַר׳שקיעה׳ט —
פלאַטערט אויף אַ העלע ווי אַווראָרע
אינעם לאַבירינט פון הויפן ערד.
און פון ווייט, — ווי דימענט — פינקלט, טליעט
פול מיט רייץ מיין בלאָע מאָרגנרייך;
פאַרביקט אויס פאַר מיר געהיימע שטיגן
וואו כ׳וועל אויפשטייגן צו דיר, צו אייך — — — —
און איעדן טרויער־תהום באַזיגן.

קוים אַ שעה פאַרבראַכט מיט ערד, מיט שטויב,
און — סאַראַ באַפליגלטער דערהויב!

* *

מאיר סעגאַל

פון ווינטערלאַנד

דין געוויין

פאַרנאַכט —
ס'ציטערדיקע שעפּסעלע וויינט צו דער וועלט:
גיב מיר אָפּ מיין פּאַסטוך, דעם גרינעם בוים, דעם ווייסן שטיין. —
דער פויער אויפן ווינטערדיקן פעלד פאַרנעמט דאָס דין געוויין.

ליגט דער ווינט הינטער אַלע הייזער אין דאָרף
און דערציילט: נאַכט קומט אָן פרעמד און קאַלט; —
זענען ביימלעך אויף געפרוירענע שויבן אַרויף, —
אַנטלויפנדיק פון וויטן וואַלד.

שטייט דער פויער מיט אויסגעדאַרטע הענט;
ס'האָט שוואַרצע ערד ס'בלוט אַרויסגעצויגן,
און איצטער זינקען זיינע גרויע, הונגעריקע אויגן.
— — — — — — — — — — — — — — — — —
באַנען פולע, שווערע, סאָפּען דורך דער נאַכט —
ס'געשריי זאָגט אָן, אַז אַלע שייערן זענען ליידיק אין דאָרף,
און רויטע שויבן טראָגן האַסטיק זיך פאַר חרפּה דורך.

נאַכט.
עס שלאָפט דער הונגעריקער פויער שוין אין שטוב,
עס ברענט דאָס לעצטע ביסל שטרוי אין אויוון רויט,
און ס'ציטערדיקע שעפּסעלע וויינט נאָך אַלץ צו דער וועלט:
גיב מיר אָפּ, גיב מיר אָפּ מיין פּאַסטוך.

אַ גרוס

אַ גרוס פון פרעמדן קאַלטן לאַנד,
וואו ס'זענען בערג איינגעדעקט מיט שניי,
און ס'גייען וועלף מיט אויסגעדאַרטע פּיס
לאַקערן אין ווינטערדיק געשריי.

פון ווינטערלאַנד

אַ גרוס פון פרעמדן קאַלטן לאַנד,
וואו וואַרימקייט פון כאַטע הילט דעם פויער איין,
און אָנגעצילט אין ווייטקייט איז זיין ביקס —
ווען ער קוקט אין ווייסער צפון'דיקער שיין.

אַ גרוס פון פרעמדן קאַלטן לאַנד,
וואו ס'שפינט דער פישער זיין נעץ ביים פייערל פון קנויט,
און זינגט אַליין ביים ברעג פון ים —
ביים קאַלטן ים דאָס ליד פון ברויט.

אַ גרוס פון פרעמדן קאַלטן לאַנד,
וואו ס'האָט די בלויקייט זיך אויף וואַלד און באַרג צעשפּרייט,
און ס'חלום'ט זיך דעם יעגער פון פאַנג די ווילדע פרייד, —
די נאַכטיק, ווילדע פרייד.

אַ ן ה י י מ ע ן

מיטן טונקעלן אָוונט קומען זיי אָן אין פאַרקס,
ווען ס'פאַלן פון צווייגן קופּערנע בלעטער,
און לאָזן זיך אַראָפּ אויפן שטיינערנעם ברוק
און זינקען אַריין אין נאַכט אין שפּעטער.

לויפט אַרום דער ווינט אַ האַרבסטיק־נאַסער,
טראָגט אוועק מיט זיך זייערע שטאַמלענדיקע רייד,
זיי האָבן לאַנג שוין פאַרגעסן די זאַטקייט פון היימען,
און פון ווייסע בעטן די ווייכע שטילע פרייד.

מיטן מאָרגן־ליכט הייבן זיי זיך פון די שטיינער,
טאַפּן מיט די הענט די רויטע אָנגעגליטעביילן,
און לאָזן זיך מיט נידעריקע הינטער־גאַסן,
אָפּגעריסענע, אין הונגעריקן איילן.

אַזוי קומען זיי אין פּאַרקס מיט האָריקע טשופּרינעס,
ווען ס׳פאַלן פון סוף־זומערדיקע צווייגן קופּערנע בלעטער,
און לאָזן זיך אַראָפּ אויפן שטיינערנעם ברוק,
און זינקען אַריין אין נאַכט אין שפּעטער.

פּראָסטיקער טאָג

דאָס לעבן בייסט מיט גרויע צוואַנגען.
עך, בלוויאינקער באַגינען, פרײדיקער שניי.
דאָס האַרץ, ווי מיט מעסערס דורכגעשטאָכן,
הוידעט זיך אין ווייטיקדיקן וויי.

גאַסן אָרימע, ס׳לעבן הפקר׳דיק,
טאָג געטרייער פּירט אין ווינטערדיקן גאַנג.
ס׳ציט די בענקשאַפט פון שפּיצן פינגער —
צום גאָפּל־מעסערדיק געקלאַנג.

שפּעטער אָוונט אויף דער ערד,
שניי און ווינט אויף אַלע צווייגן.
שטאַרקער ווי דער בלויער פראָסט
דראָעט דאָס שטילע שווייגן.

נאַכט געקומען.
וויקלען ווינטן זיך, ווי שטריק אַרום דער ערד,
און ס׳רייצט לבנה, ווי אַ דאָרפיש ברויט;
פון הונגער אויף דער וועלט —
איז זי אויך צאָרנדיק און רויט.

דאָרף

דאָרף —
אַ גאַנצן טאָג האָט מיין בענקשאַפט זיך צו דיר געטראָגן,
ווען כ׳האָב דערהערט די רעדערדיקע רייד
פון אַ פאָרנדיקן וואָגן.

האָט מיין בלוט צו דיר
אזוי זיך געצויגן —
ווען ס׳האָט די גרויקייט מיך דערמאָנט
אינעם פֿויערס אומעטיקע אויגן.

ל י ד

ערד, ביזט מיר אזוי באַשערט
אויף דיר צו לעבן.
בין איך אויף דיין פֿרייען פֿעלד געוואָקסן
צווישן ביימער דיינע יונג און שטארק,
ווי עס וואַקסט אין ווילדן סטעפּ דער באַרג.
ווי עס לויפֿט דער יונגער טייך און קוועלט.
אזא שטילע וועלט —
צווישן הימל, ערד,
איז מיר אזוי באַשערט.

ב. דעמבלין *)
(בנימין טייטלבוים)

וועסט־סאַיד

(ראָמאַן)

*) בנימין טייטלבוים האָט געביטן זיין נאָמען אויף ב. דעמבלין.

1

נאָך גרויס מי, נאָך לאַנגן לויפן צום טעמעני־קלוב, דאָרטן, וואו ער קריגט יעדן יאָר אַ גוטן ציגאַר פאַר אָפּגעבן זיין שטים טעמעני, האָט דזשים וואייט ענדלעך געקראָגן אַ שטעכער מיט אַ זאַק און איז אויך געוואָרן אַ קלייבער אין שמאָלן, בערגיקן פּאַרקל, לענג אויס דעם האָדסאָן.

נאָך די לאַנגע חדשים דזשאָב־זוכעניש, נאָך די הונגעריקע טעג און וואָכן זענען די פּופּצן דאָלער אַ וואָך, פאַר דריי טעג „שפּאַצירן" אין פּאַרק, געוועזן ממש אַן אויפרעכטעניש אין דזשים וואייטס הויז.

נישט איינמאָל, קריכנדיק איבער די לאַנקעס מיטן צעעפּנטן זאַק פּאַראויס, האָט ער פאַר די אַנדערע קלייבער, הויך אויפן קול, געדאַנקט גאָט און געלויבט טעמעני פאַר דער גרויסער אויפרעכטעניש. און טאָ־מער האָט ווער, פון די אַנדערע קלייבער, אַן אומצופרידענעם מורמל געטאָן, האָט ער אים גלייך דערמאָנט:

— דו ביזט אַ פרעמדער! און איר, פרעמדע, זענט שטענדיק אומ־צופרידן! אַז איר וועט רייך ווערן, וועט איר נאָך ערגער זיין!

און כדי אונטערצושטרייכן זיין אייגענע צופרידנקייט, האָט ער זיך אויף גיך אָפּגעקערט פון דעם אומצופרידענעם און גענומען קלייבן די פּאַפּירלעך מיט נאָך מער חשק . . .

נאָך אַזאַ טאָג אַרומקריכן מיטן צעעפּנטן זאַק אויפן בויך, גייט דזשים וואייט, פאַרנאַכט אַהיים. פאַרזיכטיק קרייצט ער דורך דעם שטראָם מאַשינען פון „דרייוו", וועסט־ענד, און בראָדוויי און פאַר־נעמט זיך מיט הונדערטסטע סטריט, צו זיין קאָלאָמבוס־עוועניו, וואו ער וואוינט שוין באַלד דרייסיק יאָר, זינט ער איז אַהערגעקומען פון ליווער־פּול, ענגלאַנד.

זיינע דריי טעג צו קלייבן בלעטער זענען מאַנטיק, דינסטיק און מיטוואָך. איצט, אַהיימגייענדיק, האָט ער פאַר זיך גאַנצע פיר ליידיקע טעג. אַמאָל פלעגט ער נאָך אַרויסגיין זוכן אַ דזשאָב. איצט? נישט מער! אַט קומען זיינע דריי זין, הויכע, געזונטע יונגען, יעדן טאָג אַהיים מיט גאָרנישט. זיצט ער אינדערהיים און איז צופרידן מיט דעם, וואָס גאָט און מייק דאָפי, פון טעמעני, האָבן אים צוגעטיילט.

אַ צופרידענער גייט ער זיך, דזשים וואייט, איצט איבער דער הונ־

דערטסטער סטריט. דער גאַנג זיינער איז אַביסל אַ קרומער, און איינגע־בויגענער, פון די לאַנגע יאָרן אַרבעטן פאַר דער פאָרד בייקינג קאָמפּאַני. די צעקנייטשטע קעפּקע איז אים פאַררוקט אין די אויגן. אַלע ווײַלע טוט ער אַ שפּיי דעם אַנגעזאַמלטן טאַבאַק־זאַפט און אַ קראַץ דאָס באַ־וואַקסענע פּנים.

אין ראַג קאָלאָמבוס עוועניו, כמעט לעבן זיין טיר, טרעט ער אָפּ אין דער „איי ענד פּי״. דאָרטן וואַרט שוין פאַר אים אַ פאַרגרייט טאָרב־קעלע מיט אַ שטיק פלייש, אַביסל קאַרטאָפל און גרינסן. אויף גיך נעמט ער דאָס מיט זיך אַרויף, אין דער טונקעלער קיך אַריין, צו צוריכטן דעם איינקאָך, די יונגען זאָלן האָבן מיט וואָס דעם מאָגן אָנצופילן, ווען זיי קומען אהיים נאָך אַ טאָג דזשאָב־זוכעניש.

פון זינט ס׳לעצטע ווייב זיינס, איוו, איז געשטאָרבן, פאָרעט ער זיך אַליין אין דער האַלב־פינצטערער קיך. אַליין האָט ער דאָ די יונגען אויסגעכאָוועט. אויך איצט פאָרעט ער זיך מיטן שטיק פלייש איבערן גאַז־קעכל און די געל־געפּלעקטע קאַץ גייט אים נאָך פוס־טריט, מיטן תאווה׳דיקן ווײַדל פאַרהויבן, ווי אַ פראַגע־צייכן אין דער לופט.

דורך דער פינצטער זשמורעט זי צו אים אירע פינקלענדיקע אויגן און מיאַוקעט אַרויף מיט געבעט: מיאַו, מיאַו . . . אָבער דזשים ווהייט קוקט זיך נישט אום. ער האָט אין זינען די הונגעריקע זין. זי, עלסי, האָט שוין געהאַט ס׳איריקע.

אַז ער איז פאַרטיק מיטן איינקאָך, גייט ער געמיטלעך אַריין אין פראָנט שטוב. דאָרטן, אין מיטן צימער, שטייט אַ גרויסער, ברוינער, רונדיקער טיש. צווישן ביידע פענצטער שטייט אַ גלעזערן שענקל מיט אָנגעשטויבט גלאָזוואַרג און ביליק, צעבראָכן פאָרצעלאַי. אויף דער וואַנט, אַנטקעגן, הענגט אַ פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיע פון אַ יונגער פרוי, מיט אָנגערוויטיקטע באַקן און אַ הויכן ביוסט. אויבן אָן, אין ווינקל, לעבן איין פענצטער, שטייט אַ ברוינע וויג־שטול.

פּאַוואָליע און צופרידן זעצט ער זיך אַריין, דזשים ווהייט, אין דער וויג־שטול. נאָך איידער ער באַוויזט אויסצושטרעקן אַ פוס, שפּרינגט אים שוין עלסי אין שויס אַריין. זי וואַרמט אים אַזוי זיס. ער גלעט איר ס׳קעפּל און וויגט זיך אַזוי פויל הין און צוריק. פון זיך אַליין שליסן זיך אים די אויגן. האַלב אין דרימל קוקט ער דורך די גע־לעכלטע פורהאַנגען אַרויס אין גאַס, ווי עס ציט זיך דער הויכער געשטעל, אויף וועלכן עס טוט אַלע ווײַלע אַ לויף אַדורך אַן „על״ מיט

געבראַזג אונטער די רעדער און לאָזט נאָך זיך אַזאַ שטיל, ציטערדיק קלונגען אין די שויבן . . .

פון דער זייטיקער גאַס דערטראָגט זיך צו אים, דורכן אָפענעם פענצטער, אַ געטומל פון קינדער, וואָס לויפן אויף רעדלעך און שרייען און לאַכן. עס דערמאָנט אים: „ווי לאַנג איז גאָר אַז זיין יונג, דזשאָ, האָט זיך דאָ געדרעדלט אויפן טראָטואַר? היינט איז ער שוין העכער פון אים! ווי עס וואָלט איצטער געווען! אָט־אָ־דאָ, זענען זיי דאָך, אַלע דריי יונגען, געבוירן געוואָרן! פון דאַנען, אָט פון דעם הויז, האָט ערביידע ווייבער אַוועקגעפירט אויפן בית עולם.

ווי עס וואָלט איצט געווען, אַזוי קלאָר געדענקט ער! ער איז צו־ריקגעקומען מיטן קליינעם דזשאָ פון „סעמעטערי", פרעגט אים דער קליינער:

— „פאַ", גייסט אַריינעמען אַן אַנדער „מאַ" אין הויז אַריין?...

— ניין, מיין קינד! האָט ער געדעט אין דער לידיקער שטוב אַריין, נישט מער! גאָט ווייל נישט דזשים וואַיט זאָל האָבן אַ ווייב. נישט מער!

אין מיטן דרימלען האָט ס'הייזעריקע גלעקל, אין טונקעלן קאָרי־דאָר, זיך צעבאָרכלט. ער האָט געעפנט די אויגן. אין פלוג האָט זיך אים געדאַכט אַז עמיץ ווערגט אים די קאַץ און זי כאָרכלט דאָס. מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז צום קאָרידאָר איז ער געבליבן אומבאַוועגלעך. דאָס וויגן פון דער שטול האָט אויפגעהערט. דערנאָך איז ער פאַמעלעך און פויל אויפגעשטאַנען. עלטי האָט זיך געטאָן אַ שיט אַראָפּ פון שויס און געבליבן שטיין אויף אַלע פיר נאָך צעטומלטער ווי ער.

אין טונקעלן קאָרידאָר האָט ער פאַוואָליע געעפנט די טיר אויף אַ קליין שפּעלטעלע. אַ יונגערמאַן, מיט אַ ברוין פאַפּירענע טעקע אונטערן אָרעם, אַ נאַסלעך פאַרקעמטער, אין אַ גרוי, גלאַט־געפרעסטן אַנצוג, האָט אים אַריינגעפרעגט:

— דאָ וואוינט מיסטער דזשיימס וואַיט?

דאָס אָנרופן אים ביים פולן נאָמען, האָט אויפן אַלטן געווירקט, ווי אַ גוטער שמעק טאַבאַק. נישט אָפּט הערט ער: מיסטער דזשיימס וואַיט! ער האָט אַזש אויפגעריסן די אויגן!

— קום אַריין! קום גלייך אַריין! האָט ער ברייט געעפנט די טיר.

דער יונגערמאַן איז געגאַנגען איבערן לאַנגן קאָרידאָר פאָראויס

און מיסטער דזשיימס וװהייט, אַ שטאַרק נייגעריקער, נאָך אים.

אין פראָנט־שטוב, ביים טיש, זענען ביידע געבליבן שטיין איינער אַנטקעגן אַנדערן. דער יונגערמאַן האָט זיך געפּאַרעט צווישן די פּאַפּירן און דער אַלטער, אין בלויזן קאָפּ, מיט צעטומלטע הענט אויפן טיש, האָט נייגעריק אים באַטראַכט.

— ווי אַלט זענט איר? האָט דער יונגערמאַן, נאָך אַלץ לויפנדיק מיט די אויגן אין פּאַפּיר, אים געפרעגט.

— כ׳וועל זיין זיבן און פופציק קומענדיקן ווינטער.

— אַ ווייב האָט איר?

— מיין צווייט ווייב, אַט־די וואָס דו זעסט אויף דער וואַנט, איזו האָט זי געהייסן, אָ, זי איז שוין טויט זיבעצן יאָר!

— עפּעס קינדער?

— אָ, יע! דריי באָים!

— ווי אַלט זענען זיי?

— דער עלטסטער, פיהט, ניין און צוואַנציק. דער צווייטער, נאָרמאַן, זעקס און צוואַנציק. די ביידע האָב איך פון ערשטן ווייב. דער יונגסטער, דזשאָזעף, פון צווייטן ווייב, ווערט פיר און צוואַנציק!

— וועל, מיסטער וװהייט, האָט דער יונגערמאַן ענדלעך אַרויסגענומען די אויגן פון פּאַפּיר, ס׳פּאַרדריסט מיך איך צו זאָגן, מיר מוזן צונעמען ביי אייך דעם דזשאָב!...

— וואָס? דעם דזשאָב? האָט דער אַלטער אויסגעגלאָצט זיינע פייכטע אויגן. דעם דזשאָב? פאַר וואָס? פאַר וואָס? האָט ער צעטומלט געשטאַמלט.

דער יונגערמאַן האָט געביסן די ליפּ און געשוויגן. ס׳איז אים, קענטיג, נישט אָנגענעם געווען דעם אַלטנס ווייטיקדיקע איבעראַשונג, אָן אַ וואָרט האָט ער צענויפגעלייגט די פּאַפּירן. דערנאָך, נישט אויפהויבנדיק אפילו דעם קאָפּ האָט ער געזעדט אויף די אייגענע הענט אַרויף:

— ס׳פּאַרדריסט מיך, מיסטער וװהייט! אמת׳דיק ווי ס׳פּאַרדריסט מיך! ס׳איז אָבער נישט מיין שולד! אַזאַ אָנזאָג האָב איך! דו ווייסט, ס׳איז אַ שלעכטע צייט. מען מוז די שטעלעס געבן צו פאַמיליע לייט. דיך קאָנען אויסהאַלטן דיינע זין.

דעם יונגנמאַנס רואיק רעדן, אָנשטאָט דעם אַלטן באַרואיקן, האָט עס אים גאָר אויפגעקאָכט. ער האָט דערפילט ווי די צעקנייטשטע הענט ביילן זיך אים אין פויסטן. אַט־דער אויסגעפרעסטער גאַרנישט זאָגט

אים: פאמיליע לייט! און ער, דזשים וו'הייט, וואס איז?
— מיינע זין זאגסטו? זיי ארבעטן דאך קיינם נישט? איך מוז זיי אויסהאלטן!; קום וועסטו זען דעם איינקאך, וואס איך גרייט זיי אלע טאג אן! קום וועסט זען! האט ער שוין געשריען נישט מיט זיין קול.
אין אנפאנג האט זיך דער יונגערמאן שטארק געהאט פארלוירן פון אלטנס שרייען. נאר איצט, דאס שלעפן אים ביים ארבל, צו זען דעם איינקאך, האט אים ארויסגענומען פון דער פארלוירנקייט:
— עס גלוסט זיך מיר לאכן, פאפ, האט ער גוטמוטיק ארויסגענומען דעם אלטנס האנט פון זיך — דיינע זין זענען עלטער פון מיר! זיי קאנען גאנץ וואויל אויף זיך אליין אכטונג געבן...
ער איז אוועקגעגאנגען, דער יונגערמאן. דזשים וו'הייט איז געבליבן אליין מיט דער פארביילטער פויסט אויפן טיש. ס'איינגעפאלענע מויל איז אים געווען שטארק פארשלאסן, אזוי פארשטשעמעט, אזש די באַוואקסענע גאמבע האט שיר געגרייכט צום שפיץ נאז... די ווייבע, געלגרויע האר איבערן שטערן, זענען אים געווען צעשויבערט און אויפגעשטעלט ווי דראטן. די פייכטע אויגן האבן געקוקט אינדערוויט, נאר געזען האבן זיי אלץ דעם יונגענמאן אין אויסגעפרעסטן אנצוג, וואס איז דא נארוואס געווען און אים געזאגט אז ער דארף נישט מאכן קיין געקעכטס פאר די יונגען... אז דעם דזשאב דארף מען געבן פאַמיליע לייט! אַט־צו־וואס דער רעפובליקאנער פרעזידענט הואווער האט געבראכט די „יונייטעד־סטייטס”...

2

דזשים וו'הייט האט שוין איצט נישט געהאט נישט קיין שטעכער און נישט קיין זאק. פוסט און פאסט איז ער איצט געזעסן אין פארק און צוגעקוקט ווי די ביימער ווערן הויל, ווי בלעטער פליען אין ווינט און אנדערע, „פאמיליע לייט”, גייען מיט די שטעכערס און קלייבן... אַ, יעס, ווען זיין איוו וואלט געלעבט, וואלט ער אויך געווען אַ פאמיליע מאן! נו, און אזוי? און ער אליין דארף נישט לעבן? און די יונגען דארפן פגר'ן?...
פול רציחה איז ער אוועק צו מייק דאפי, אין טעמעני קלוב, מאנען גערעכטיקייט פאר די אלע יארן שטימען פאר טעמעני.

יענער איז געלעגן האלב אויסגעליגט אין דער ברייטער שטול, די פיס אויפן טיש, געקייעט אפעטיטלעך דעם טאבאק און צווישן איין שפּיי און דעם אנדערן זייער באַדויערלעך געזאָגט:

— ס'טוט מיר לייד, דזשים! מיר קאָנען איצט גאָרנישט טאָן פאַר די „באָיס". גאָרנישט! דאָס איז הואווער'ס „רעליעף"!

נאָך אזא ענטפער איז דזשים אוועק א וואָרטשענדיקער:

— אַלץ גייט צום טייוול! טעמעני גייט אויך צום טייוול!

דערנאָך, אינדערהיים, זיצנדיק אין דער וויג־שטול, זענען אריינגעקומען די צוויי עלטערע זין. גלאַט אַזוי האָט דער אַלטער געפרעגט אין דער שטוב אריין:

— נו, באָיס, וואָס וועט זיין? וואָס וועט איצטער זיין?...

דער יונגערער, דזשאָ, וואָס איז נאָך פון פריער געשטאַנען ביים פענצטער, האָט גאָרנישט געענטפערט. די צוויי עלטערע, פּיהט און נאָרמאַן, האָבן זיך איבערגעקוקט און אים געזאָגט:

— מיר גייען אוועק, פּאַפּ! צו וואָס הענגען ארום דיין האלדז?

— יעס, האָט ער געזאָגט, דער אַלטער, גלעטנדיק די קאַץ, יעס באָיס, פּאַפּ מאכט נישט מער קיין געקעכטס!...

נאָר דער יינגסטער, דזשאָ, האָט דערזען דעם פאָטערס פייכטע אויגן, איז ער צוגעגאַנגען, אים געקלאַפּט אין פּלייצע:

— ס'וועט זיין אָלרייט, פּאַפּ! זאָרג נישט! איך בין געווען ביי דער פּאָרד בייקינג קאָמפּאַני!

דער אַלטער איז געווען גערירט פון יונגנס צערטלעכקייט. „פּונקט ווי זיין פארשטאָרבענע מוטער"... יענע, די צוויי עלטערע, זענען אַלעמאָל געווען אָן איינזעעניש! אויפגעלעבט פון דעם נאָמען: „פּאָרד בייקינג־קאָמפּאַני", וואו ער האָט אַזויפיל יאָרן אָפּגעארבעט, האָט דער אַלטער דזשים מיט גרויס נייגיר איבערגעפרעגט:

— וואָס האָסטו געזאָגט? „פּאָרד־בייקינג"?

— יאָ, איך בין דאָרטן געווען! כ'האָב זיי געזאָגט איך בין דזשים וּוהייטס זון.

— זיי געדענקען מיך נאָך? האָט דער אַלטער פון גרויס פרייד אַזש אָנגעכאַפּט דעם יונגנס האַנט. זיי געדענקען מיך נאָך? וואָס האָבן זיי געזאָגט?

— אָ, דו ווייסט וואָס זיי אַלע זאָגן היינט! מ׳דאַרף נישט קיי־נעם! מ׳וועט דאַרפן וועט מען מיך רופן . . .

אָן אַנטוישטער, האָט ער צוריק אָפּגעלאָזט דעם יונגס האַנט און ווידער זיך גענומען וויגן אין דער שטול:

— איך האָב געזאָגט: אַלץ גייט צום טייוול! . . .

די צוויי עלטערע יונגען, נאָרמאַן און פּיהט, זענען אַוועק. ער האָט אַפילו נישט געוואוסט וואוהין. ער האָט נאָר געוואוסט אַז דאָס פינצטע־רע קאַמערל, וואו עס שטייען זייערע צוויי בעטלעך, איז איצט לעער, און בלויז ער, דזשאָ, האַלטן זיך איצט אויף אין דעם גאַנצן הויז.

זענען זיי געבליבן אַליין. קיין געקעכטס האָט מען שוין לאַנג נישט געמאַכט. פאַרקערט, פון זינט מ׳האָט ביי אים צוגענומען דעם שטעכער מיטן זאַק, האָבן ביידע, דער טאַטע מיטן זון, זיך צוריק אָפּגעוואוינט צו וויסן פריער, פון וואַנען עס וועט קומען אַ ביסן צו שטילן דעם הונ־גער. פונקט ווי פריער, איידער ער האָט געקראָגן דעם שטעכער מיטן זאַק, האָבן זיי ווידער גענומען ארומלויפן גאַנצע טעג מיט איין געדאַנק: כאַפּן אַ ביס! . . .

יעדן טאָג איז מען אויפגעשטאַנען און אויפסניי אַוועקגעקראָכן זוכן. דער אַלטער האָט זיך צוריק גענומען גיין אויף זעקסטע עוועניו. ער האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן די האָפנונג עפּעס צו קריגן אין יענע אַגענטורן מיט וואָס צו פאַרנעמען די הענט, כאָטש דזשאָ, דער בלאָנדער ייִנג, האָט שוין לאַנג געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט:

— וואָס קומט דערויס, האָט ער גע׳טענה׳ט צום פאָטער, זיי האָבן סאַי־ווי נישט קיין „דזשאָבס"! זיי שטעלן נאָר אַרויס די צעטעלעך זיך צו רייצן מיט אונדז. — צו וואָס־זשע זאָל ער גיין אויף זעקסטער עווע־ניו? הענגט ער בעסער אַרום די מאַרקעטס! ווי אַ הונט טרעט ער נישט אָפּ פון דאָרט. און אַז עס געלינגט אים אָפּצוטראָגן די פולע קוישן גרינס און פלייש, וואָס די זאַטע מאַדאַמען קויפן איין, קומט ער פאַרנאַכט צו לויפן ווי אַ הונט צו דער נאָרע און טוט אַ געשריי:

— פּאָפּ, זע וואָס איך האָב! מ׳קאָן מאַכן אַן איינקאָך, ערנסט, פּאָפּ, ווי מען קען! . . .

דער אַלטער, שטאַרק גערירט, קלאַפּט אים דאַן איבערן אַקסל:

— ביזט אַ טייערער יונג, דזשאָ! געטריי ווי דיין מאַמע!

אָפּטמאָל, נאָך אַ טאָג אַרומבלאָנקן איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, גע־

טריבן פון ווינט, קערט זיך דער אַלטער אום אַהיים אַ מידער, אַ געפּרוי־רענער, אַן אויסגעשעפּטער פון ביסל כוחות. פּאַוואָליע קריכט ער אַרויף די קוים־באַלויכטענע טרעפּ. אין פינצטערן קעכל בלייבט ער אַוויילע שטיין, שניפּט מיט דער נאָז צום פאַרלאָזענעם אייוועלע, וואו עס פלעגן זיך קאָכן די געשמאַקע עסנס. דערנאָך גייט ער, אַ שליאַבעריקער, אַריין אין פראָנט־צימער, זעצט זיך אַריין אין וויג־שטול, נעמט עלסין אין שויס און הייבט אָן געדולדיק וואַרטן אויפן יונג, טאָמער וועט ער עפּעס ברענגען.

אין שטוב איז דאַן פינצטער. די עלעקטרי איז שוין פון לאַנג אָפּגעשטעלט. פון גאַס־לאָמפּ, דורכן פענצטער, פאַלט אַ פּאַס ליכט אויף זיין שויס. וויגנדיק, ציהט זיך דער ליכט־פּאַס הין און צוריק, ווי ס׳וואָלט אים געבאַרשט די קני . . . עלסי ליגט אַן איינגעקורטשעטע. ביי יעדן וויג־אַריין אין ליכט־פּאַס, זשמורעט זי מיט די אויגן און מיאוקעט שטאַרקער: עסן, עסן! . . . נאָר אַט לויפט אָן אַן „על״ מיט אַ הילך, מיט אַ געקלאַפּ, וואָס פאַרטויבט איר שוואַך קרעכצן. ווי אַ שלאַנג וויקלט זיך דער לויפנדיקער „על״ איבער זיין באַלויכטענער שויס. איינס, צוויי, דריי, רעדלען זיי זיך אים אַדורך, די וואַגאָנען. אַט טוט דער לעצטער אַ שווינד אַראָפּ און עלסי בלייבט ווידער אַ באַלויכטענע און איר מיאוקען קלינגט ווידער אין דער שטילער שטוב מיט אַזאַ געבעט, אַז עס שניידט אים זיין האַרץ.

וואָס קאָן ער מער טאָן, דער אַלטער, ווי גלעטן איר ס׳קעפּל און רעדן צו איר:

— וואַרט, וואַרט, אַט־קומט דזשאָ. ער וועט ברענגען! ער וועט זיכער ברענגען פאַר דיר אויך! . . .

אין מיטן אַזאַ טרייסטן, דערהערט זי דערוויי׳ל, די קאַץ, ווי בלינדע פינגער טאַפּן דאָרטן, אין טונקעלן קאָרידאָר, דאָס שלאָס פון דער טיר. מיט איין שפּרונג איז זי שוין דאָרטן! מיט קעציש׳ער הכנעה נעמט זי זיך רייבן אָן דעם יונגס פיס. מיט אַ פאַררסין קעפּל, גייט זי אים פאַר־אויס און זוכט דורך דער פינצטערניש זיינע אויגן:

— מיאו, מיאו!

נאָר דזשאָ איז געקומען אַ פאַרביטערטער, מיט ליידיקע הענט, טוט ער זי אַ שליידער אַוועק מיטן פוס:

— גיי צום טיוול!

דעם אַלטן האָט דאָס אַזש אַ שטאָך געטאָן. אַ בייזער, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, צוריקגענומען די קאַץ אין שויס און געשטראָפט דעם יונג:

— וואָס ווילסטו פון איר? דאָס אָרעם באַשעפעניש איז הונ־געריק!

— איך בין אויך הונגעריק! האָט דער יונג פּלוצים און מיט רוגזה געטאָן אַ וואָרף אַריין דעם צעשויבערטן קאָפּ אין באַלויכטענעם פענצטער. באַלד האָט ער זיך צוריקגעצויגן אין פינצטערן ווינקל, פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט אַ שטיל, אויפגערעגט סאָפּן.

דער אַלטער איז געוואָרן ווייכער. ער האָט שוין חרטה געהאַט וואָס ער האָט זיך געבייזערט. נאָכאַלעמען איז דאָך דער יונג אויך הונגעריק! איינגעמענדיק די קאַץ מיט זיינע לאַסקעס, האָט ער אַהין גערעדט אין יענעם ווינקל אַריין:

— דו ביזט גערעכט מיין זון! דו ביזט אודאי גערעכט! אָבער עס וואָלט נאָך ערגער געווען ווען מיר דאַרפן איצט גיין זוכן אַ גע־לעגער . . . אַנדערע זוכן טאָקע! און ווי איינצושטילן דעם יונג, אַט ווי ער שטילט איין די קאַץ, האָט ער אויסגעצויגן די האַנט איבער דער פינצטערער שטוב און אים אָנגעוויזן: — דו זעסט, דאָרט איז דיין בעטל און דאָ איז מיינס! . . .

אַ מינוט איז געווען שטיל. בלויז די שטול האָט, וויגנדיק זיך, געקרעכצט. דזשאַ, אַליין שוין באַהערשט פון רחמנות צו דער הונגע־ריקער קאַץ, האָט פּלוצים פון ווינקל אַרויסגערעדט:

— פּאַפּ, ס'איז אַ רחמנות! טרייב זי אַרויס! זאָל זי זיך אַליין זוכן עסן.

— וועמען? עלסין? דזשאַ, ביזט אַ שלעכטער יונג! האָסט נישט קיין האַרץ! וואו וועט דאָס אָרימע נפש גיין? ער איז געוואָרן גוט אין כעם אויפן יונג! — וואָס מיינסטו? אַרויסטרייבן? פאַרוואָס טרייב איך דיך נישט אַרויס? פאַרוואָס טרייבסטו מיך נישט אַרויס? ס'איז איר היים פּונקט ווי דיינע! זי איז דאָ געבוירן געוואָרן און דו ביזט דאָ געבוירן געוואָרן! דו ווייסט דאָס! גיי בעסער שלאָפן, דו שלעכטער יונג! ביזט מיר און הונגעריק און צו זיך אַליין שוין, ווי ער וואָלט געוואָלט ווייזן דעם יונג אַז ער איז דאָ גאָרנישט שולדיק, האָט ער געברומט: — איך האָב געזאָגט: אַלץ גייט צום טייוול! טעמעני קאָן גאָרנישט טאָן פאַר די באָיס, טעמעני גייט אויך צום טייוול! . . .

3

צומאָרגנס איז אָנגעשטאַנען אַ קאַלטער טאָג. אַ בייזער ווינט האָט געשניטן דאָס פּנים. צווישן די הויכע מויערן און אין די גאַס־ווינקלען, דאָרט, וואו די זון האָט זיך דורכגעריסן און געוואָרפן אַ פּאַס ליכט, איז נאָך געווען וואַרעם. אָבער אין די לאַנגע, שמאָלע גאַסן, איז געווען שאָטנדיק און דער ווינטער איז געקראָכן אין די ביינער אַריין.

דעם אַלטן דזשים האָט עס דורכגענומען. קריכנדיק, ביסלעכווייז, האָט ער זיך אַזש אַראָפּגעשלעפּט, פֿון דער הונדערטסטער גאַס, צו טיימס סקווער. געגאַנגען איז ער, אייגנטלעך, ווי יעדן טאָג, זוכן עפּעס צו פֿאַר־דינען. נאָר דערזעענדיק דאָרט אַ לאַנגע ריי מייקס און דזשימס, ווי ער, מיט אויפגעשטעלטע קעלנערלעך, שווייגנדיקע, שפּייענדיקע, וואָס וואַרטן אַז אַ טראָק זאָל דאָ באַלד טאָן אַ פֿאָר אָן מיט אַ גרויסן אויפשריפט:

„מיסטער וויליאַם ראַנדאָלף הוירסט קאָן נישט ליידן קיין הונגעריקע אין אונזער שטאָט! סאַנדוויטשעס און קאָפע פריי פאַר אַלעמען! לייענט דעם „דזשורנאַל”! לייענט דעם „אַמעריקאַן”! . . . איז ער אויך אַהין צוגעגאַנגען.

דאָס ערשטע מאָל, אַז דזשים וויהייט האָט זיך צוגעשטעלט צו אַ ריי. אייגנטלעך האָט ער זיך אַליין נישט צוגעשטעלט. דאָס האָט דער מאָגן זיינער, וואָס האָט זיך איצט געקראַמפּפט פֿון הונגער, אים אָנגענומען און אים צוגעשטעלט, ווי מען שטעלט צו נאָך אַ ברעטל צו אַ פּאַרקאַן...

פאַר אַ מינוט איז ער געשטאַנען מיט דער נאָז אויף איינעמס אָן איינגעטוליעטע פּליצע. באַלד האָבן די אויגן זיינע גענומען וואַנדערן אין ביידע זייטן טיימס־סקווער, אויף די מיליאָנען לעמפּלעך, וואָס צינדן און לעשן זיך אין ריזיקע טעאַטער שילדן, אין מיטן העלן טאָג, כאָטש זיי באַלייכטן גאָרנישט, נאָר שווינדלען בלויז אין די אויגן . . . ער האָט נעקוקט אויף די מאַסן מענטשן, וואָס לויפן, פּליען, כוואַליען זיך פון אַלע ראָגנעם דאָ אַהער, ווי אָן אַ ציל. דאַקעגן ער, מיט זיין שטיין דאָ, האָט שוין גאָר אַ ציל! „ווען אים געלינגט אַזוי צו כאַפּן אָן עקסטרע סאַנד־וויטש, לויפט ער גלייך דערמיט אַהיים צו עלסי. דאָס אָרעם באַשעפעניש הונגערט! . . .

ער האָט געכאַפּט אַ קוק הינטער זיך: „ווי גיך די ריי וואַקסט! מיסטער הוירסט וועט קיינמאָל נישט האָבן אַזויפיל סאַנדוויטשעס פאַר אַלע! קיינמאָל!”

געדולדיק האָט ער זיך צוריקגעשטעלט מיט דער ברוסט צום שכנ׳ס פּליִיצע. יענער, אַ הויכער און ברייטער חברה־מאַן, אין אַ פֿאַרגעלט רעקל פֿון אפשר טויזנט יאָר צוריק, האָט אַריבערגערעדט איבער זיין שכנ׳ס אַקסל:

— געוועזן קאַלט אין פּאַרק, לעצטע נאַכט! ס׳וועט ווינטער!

אויך הינטער דזשימען האָבן צוויי שכנים עפּעס גערעדט. אויף זיי פּאַרדריסט אים שוין גאָר: פּרעמדע! . . .

דער קליינער מיטן היבשן בויך און שווערע וואָנסעס, מוז זיכער זיין אַ „וואָפּ", אַן איטאַליענער. דער צווייטער איז אודאי אַ פּאָליאַק! פּרעמדע! דוקא קרומען זיי די פּיסקעס צו רעדן ענגליש ווי די „וואָוילע יונגען", די אירישע פֿון קאָלאָמבוס עוועניו . . .

פֿול מיט ביטול איז דזשים וואָס ווהייט געשטאַנען צו זיי מיט דער פּליי־צע. בלויז זייטיק, מיט איין אויער, האָט ער זיך באַמיט צו כאַפּן, וואָס דאָס קורצע איטאַליענערל מאָלט דאָרטן מיטן מויל. ערשט אַז ער האָט דערהערט ווי זיי זאָגן אויך, פּונקט ווי ער, אַז אַלץ אין אַמעריקע גייט צום טייוול, האָט ער באַוויליקט זיך אויסצוקערעווען און זיי ווייזן אַ פּנים . . .

אָבער דעם איטאַליענערל איז, ווייזט אויס, דזשים ווהייט׳ס פּנים נישט אָנגעגאַנגען. פּונקט ווי פֿריער האָט ער ווייטער געמאָלן מיטן מויל, געשלונגען די ענגלישע ווערטער, ווי ער שלינגט זיינע לאָקשן, די איטאַליענישע מאַקאַראָני:

— נאָ גוד אַמעריקאַ! נאָ גוד! מ׳דאַרף צוריקפֿאָרן אין דער אַלטער היים! פֿון גרויס התלהבות האָט דער איטאַליענער אַזש פֿאַר־רוקט דעם ברוינעם, פֿאַרפֿעצטן קאַפּעליוש אויפֿן קאַרק: — אַ, איטעלי! אָ סיסילי! געהערט פֿון סיציליען? מיין היים! מיין קאַנטרי! האָט ער זיך געקלאַפּט מיט דער האַנט־פּלאַך אין האַרץ אַריין. — וואַרעם דאָרט, אין איטעלי! . . .

דער אויסגעדאַרטער פּאָליאַק, מיט די שטרויענע האָר און וואַסערי־קע אויגן, האָט דעם איטאַליענער נישט געלאָזט זיך אַזוי פֿאַרגיין. דעם פּאָליאַק האָט זיך געדאַכט, ער באַגייט דאָ אַן עוולה קעגן זיין געליב־טער „אויטשיזנע" . . .

— און ביי אונדז, אין פּוילן, געהערט פֿון פּוילן?

— געוויס! האָט אים דער צעוואַרעמטער איטאַליענער איבערגע־ריסן. אודאי געהערט!

— און ביי אונדז, אין פּוילן, רעגנט איצט . . . האָט דער פּאָליאַק געשטאַמלט מיט תּמימות ווי אַ קליין יינגל. — נאָר כּדי צוריק צו כאַפּן דעם שלעכטן איינדרוק פֿון רעגנס האָט ער צוגעגעבן מיט גרוים ערנסט:
— נאָר מען שלאָפֿט נישט ביי אונדז אין די פּאַרקן, אָ, נאָ! אין מיין דאָרף ברענגט מען איצט פֿולע זעק „פּאָטייטאָס”! פֿאַרשטייסט, איצט נעמט מען אַראָפּ די קאַרטאָפֿל פֿון פֿעלד! . . .

דאָס איטאַליענערל האָט זיך שטאַרק צולאַכט:

— כאַ־כאַ! וואָסער „קאָנטרי”! „פּאָטייטאָס”! אין איטאַליען עסט מען מאַקאַראָני! גוד מאַקאַראָני!

דזשים וואַייט האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַז די דאָזיקע לייט זענען פֿרעמדע! אַז זיי צעדרייען אים זיין ענגליש! ער האָט גאָר מיטגעשמייכלט: „די באָים זענען געדעכט . . . אַמעריקע גייט צום טייוול! די באָים טראַכטן פֿון צוריקפֿאָרן אין די אַלטע היימען. אפשר וואָלט ער אויך צוריקגעפֿאָרן אין ליווערפּול? מ'זאָגט, אין ענגלאַנד קריגן אַלע רעליעף”! געוויס, „גוד אָלד ענגלאַנד” איז דיר נישט אַמעריקע! . . . אָט שטימט ער שוין אַזוי לאַנג פֿאַר טעמעני! און איצט קאָן טעמעני גאָרנישט טאָן פֿאַר אים. יאָ, טעמעני גייט געוויס צום טייוול! . . .

פֿאַרנאַכטצו, מיט מיסטער הוירסט'ס אַ פֿלייש סאַנדוויטש און אַ טעפּל קאַפֿע אין בויך, איז דזשים וואַייט געקראָכן צוריק אַהיים, אַרויפֿשטאָט. וואָס וועט ער זיך נאָך וואַלגערן אין דער קעלט? אין הויז ביזטו כאָטש געשיצט פֿון ווינט.

לעבן הויז, שוין אויף דער שוועל, איז אים אַנטקעגנגעקומען פֿרעד ווילסאָן, דער שוואַרצער הויז־אויפֿזעער, מיט אַ בלעכן פֿעסל מיסט איןביידע הענט:

— העלאָ, מיסטער וואַייט!

— אָ, העלאָ, אַלטער פֿריינט!

— גוט ביזט געקומען, מיסטער וואַייט! דער לענדלאָרד וויל דיך שוין זען עטלעכע טעג. ער האָט מיך שוין געפֿרעגט אויף דיר עטלעכע מאָל.

— אָ, יע, ס'נאָ גוד פֿרעד! זאָג אים איך בין אין הויז.

— יעס סער, דאָס וואָס איך וועל אים זאָגן!

נאָך איידער ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער וויג־שטול, דזשים וואַייט, ער האָט נאָך נישט באַוויזן אפֿילו צו נעמען עלסי אין שוים

אריין, האָט שוין ס'גלעקל, אין קאָרידאָר, זיך צעכאָרכלט. ער האָט געעפענט די טיר. דער לענדלאָרד איז אריינגעקומען.

— העלאָ, מיסטער וזהייט!

— אַ העלאָ, העלאָ!

דאָס האָבן די צוויי מענטשן זיך אַזוי פּאַרעווע איבערגעוויטעט, גייענדיק איבערן לאַנגן קאָרידאָר, דער לענדלאָרד אַפּריער און דזשים ווהייט נאָך אים.

אין פראָנט־שטוב, אין דער ליכט שוין, האָט דער אַלטער באַמערקט אַז דער לענדלאָרד איז פאַר דער צייט, וואָס ער האָט אים נישט געזען, נאָך געלער געוואָרן און פּיל, פּיל דאַרער! „ער מוז שוין איצט דעם קרעקער מיט זויער מילך אויך נישט אָרן עסן" . . .

— ווי גייטס, מיסטער ווהייט?

— אַזוי, אַזוי נישט צום פאַרזינדיקן! . . .

דער לענדלאָרד האָט זיך ברווח אריינגעזעצט אין דער וויג־שטול, אוועקגעלייגט די צוויי פּאַרמעטענע הענט אויף די אָנהאַלטערס. דזשים איז געשטאַנען ביים רונדן טיש אין צעקנייטשטן קעפּקעלע. אפילו ס'קעלנערל, פון אָפּגעטראָגענעם, לייכטן מאַנטל, האָט ער נאָכנישט געהאַט באַוויזן אראָפּצומאַכן. אַ שטילער, כמעט אַ גלייכגילטיקער, האָט ער געקוקט אויף דעם קראַנקן, פאַרגעלטן מענטשן, דעם לענדלאָרד זיינעם, וואָס, זאָל ער נאָר וועלן, קאָן אויך ער, דזשים ווהייט, באַלד זיך וואַלגערן אין פּאַרק, ווי יענער הויכער שכן זיינער, אינדערפרי, אין דער הונגער־ריי אויף טיימס־סקוועער.

דער לענדלאָרד אָבער, קוקנדיק אויף צוריק, אויף דזשימס איינגעפאַלן, צעקנייטשט פּנים, האָט גאָר געטראַכט, אַז אָט־קאָן דער דזשים דוקא יאָ אריינעסן אַ געזונטן סטייק, פאַרבייסן מיט אַ „פּאַי" און קאַפּע און . . . אָט האָסטו דיר! אַ פּנים שוין באַלד ווי זיינס! אַ, ווען ער קאָן אַזוי אריינעסן! וואָס וואָלט אים געפעלט? . . .

— ווייסט נאָך וואָס איך בין געקומען, מיסטער ווהייט?

— אודאי ווייס איך! שוין דער זעקסטער מאָנאַט!

— שוין דער זיבעטער, דזשים! אָבער נישט קיין געלט מיין איך. זאָל גאָט אויסהיטן! ביי וועמען וועל איך נעמען געלט? איך מיין... מיסטער ווהייט . . . דו פּאַרשטייסט! די מאָנאַטן לויפן . . . וואָס טויג דיר, מיסטער ווהייט, אַזאַ דירה? . . . איך האָב געהערט דיינע זין זענען אוועק. איז דאָך נאָר דו און דזשאָ . . דו ווייסט דאָך,

טעקסעס מוז איך צאָלן און פאַר וואַסער אויך, דו ווייסט דאָך דזשים ווי . . . איך . . .

דעם לענדלאָרדס שטאַמלען, דאָס נישט ארויסרעדן גלייך, האָט דעם אַלטן געמאַכט זיך פילן שולדיק. אויף גיך איז ער אים אריינגעפאַלן אין די רייד:

— יאָ, וואָס אַן אמת, מיסטער פיעלד, האָסט מיך אַלעמאָל „באַהאַנדלט" פיין, נישט צו פאַרזינדיקן, נישט צו פאַרזינדיקן, מיסטער פיעלד!

— אַט־דאָס טאַקע וויל איך דאָך מיט דיר רעדן. האָט שוין דער לענדלאָרד אַ דרייסטערן רוק זיך געטאָן פאָראויס מיט דער שטול: — ווי לאַנג וואוינסטו שוין אין דעם הויז, דזשים? פינף און צוואַנציק? וואָס, מער נאָך? אַט האָסטו דיר! אַז דו וואוינסט דאָ נאָך איידער ס'הויז האָט באַלאַנגט צו מיר! נו וועל איך דיך נעמען אין „קאָורט"? ווילסט הערן מיין עצה, דזשים, פאַרקויף ס'ביסל בעבעכעס און נעם זיך אַ צימער . . .

די פריערדיקע, כלומרשטע גלייכגילטיקייט, דזשימ'ס, איז מיטאַיינמאָל אַוועק. די דירעקטע עצה האָט איבערן אַלטנס פנים פאַרצויגן אַ ווייטיקדיקע, אַ ביטערע גרימאַסע. דאָס האָט דער לענדלאָרד, מיט זיינע מאַטע, האַלב אויסגעלאָשענע אויגן גלייך באַמערקט. כדי אָפּצושוואַכן זיין צו שאַרפן זאָג, האָט ער אויף גיך צוגעגעבן:

— נישט פאַר מיר מיין איך דאָס, דזשים! איך וויל נישט קיין געלט ביי דיר! ווילסט נישט פאַרקויפן דיינע זאַכן? מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! קאָנסט עס אַראָפּשטעלן אין קעלער. איך וועל דיר גאָרנישט רעכענען! . . . אַז אַ מענטש וואוינט אָפּ אין אַ הויז איבער פינף און צוואַנציק יאָר, וועל איך אים רעכענען פאַר האַלטן אַביסל זאַכן אין קעלער? נאָ סער! . . .

דער אַלטער האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט. זיינע פייכטע אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער דעם געל־פאַרמעטענעם לענדלאָרד, נאָר גענזן האָט ער סאַי־ווי גאָרנישט! עפּעס איז אין אים אַנגעגאַנגען אַ ווירבל, וואָס איז געווען איבער זיינע אַלטע כוחות. ער האָט געפילט אַז די פיס ברעכן זיך אונטער אים. ער דאַרף זיך צוזעצן נאָר ער האָט נישט וואו . . . ער שלעפּט זיך איבער די גאַסן, אונטער שניידיקע ווינטן. ס'פּנים פרירט! די גלידער זענען שטייף . . . מיט אַלע כוחות דערשלעפּט ער זיך צום סאָבוויי. ער וויל אַריין . . . נאָר דאָרטן שטייט אַ מענטש מיט אַ גלאַנ־

ציק קנעפל אויפן היטל.ביידע הענט האלט ער צענומען, ווי יעזוס אויפן קרייץ און שרייט: „אוועק! דא איז נישט קיין האטעל! דאס איז פריוואט איינגנטום”! . . .

— וועל, מיסטער ווהייט, האט דער לענדלארד, אויפשטעלנדיק זיך, אים א מינטער געטאן. — וואס דענקסטו וועגן מיין פלאן? . . .

דזשים ווהייט האט געעפנט די אויגן, ווי יענער וואלט אים פלוצים פון א דרימל ארויסגעריסן. ערשט איצט האט ער אויף קלאר דערזען דעם לענדלארד. ערשט איצט האט ער אויף אן אמת דערפילט, אז אלץ גייט טאקע צום טייוול! ער האט געוואלט עפעס זאגן, דזשים, עפעס פון דעם, וואס איז אין אים אנגעגאנגען. נאר ארויסגעקומען איז נאר:

— יעס! דו ביזט גערעכט! מ׳קאן נישט וואוינען אן רענט!...

4

אז דזשים ווהייט האט פארמאכט הינטער זיך די טיר פון דעם הויז, וואו ער האט אפגעוואוינט איבער פינף און צוואנציק יאר, האט ער גענומען עלסין, די געל־געפלעקטע קאץ, אויף דער האנט, געגלעט איר ס׳קעפל, געקוקט איר אין די אויגן און גערעדט צו איר אזוי:

— עלסי, נישטא מער קיין היים! האלט זיך ארום דעם הויז. אז איך וועל געפינען א ווינקל, קום איך נאך דיר.

נאר עלסי האט אים גארנישט געהערט. זי האט געמיאוקעט, געלעקט זיך ס׳פנימל און ענדלעך געטאן א שפרונג אריין אין פרישן פעסל מיסט, וואס דער שווארצער הויז־אויפזעער האט נארוואס אוועקגעשטעלט.

מיט לײדיקע הענט איז דער אלטער געבליבן שטיין. לײדיקע הענט און . . . פולע קעשענעס. פון א גאנצער שטוב האט ער איצט א העמד אין איין קעשענע און א האנטוך אין דער צווייטער . . . אפילו עלסי ווארפט אים אוועק! זי האט פעסער מיסט . . . אבער ער? . . .

— קום, פאפ, האט אים דזשא א ריר געטאן ביים ארבל. איך האב א „צימער”!

איין נאכט בלויז האט דער אלטער איבערגענעכטיקט מיט דזשא אין זיין מעבלירט־צימער. דער יונג, אין מיטן טומל פון אראפטראגן דאס גלעזערנע שענקל און וויג־שטול אין קעלער אריין, איז אוועק און זיך גענדונגען א קליין צימערל מיט א פענצטער אויף א גרויער, בלינדער וואנט ארויף. דא, אין דעם צימערל, זעט זיך נישט קיין הימל. דא קומט נישט

צו קיין ליכט. דערפאַר, ס׳בראַזגעריי פון דורכלויפנדיקן „על״ קריגט זיך אריין אין דעם קעסטל, צווישן די הויכע ווענט, קאָן עס שוין מער נישט ארויס. ווי אַ געפאַנגענער פויגל בלייבט עס שוין דאָ הענגען און עס קלאַפּט מיט אומגעזעענע פליגל אין די לויזע שויבן אריין מיט אַזאַ אומעט, אַז מען מוז אַנטלויפן פון דעם האַלב־פינצטערן שטיבל ארויס...

נאָכן דינגען דאָס דאַזיקע צימער האָט דער יונג געזאָגט:

— פּאַפּ, כ׳האָב באַצאָלט פאַר אַ וואָך. קאָנסט דערוויילע זיין מיט מיר.

איז ער דאָ געשלאָפן איין נאַכט, דער אַלטער. צומאָרגנס, אראָפּ־גייענדיק די ווייך־געבעטע שטיגן, כאָטש ער האָט זיך געשלייכט ווי אַ גנב, האָט אים דאָך דער „סופּער״, אַ הויכער, געזונטער דייטש, מיט אַ רויט פּנים און נאָך רויטערע וואָנסעס, געטאָן אים אַ פּאַק אָן, ביי דער גלעזערנער ארויסגאַנג־טיר:

—— סעי, ווער ביזטו?

אַ דערשראָקענער, אַן איינגעטוליעטער האָט דער אַלטער גע־שטאַמלט:

— איך... מיין זון... מיין יונג דזשאָ, דזשאָ ווהייט...

— פון נומער פינף? ער האָט אַ צימער פאַר זיך אַליין! דו זאָלסט זיך מער דאָ נישט ווייזן!

אַ צאַפּלדיקער איז דזשים ווהייט קוים ארויס פון אונטער יע־נעמס שטעכיקע וואָנסעס און נאָך שטעכיקערע אויגן.

— נאָ מאָר, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט. מער גייט ער דאָ נישט אריין!

אַן ארויסגעוואָרפענער איז דזשים ווהייט געבליבן שטיין אויפן טראָטואַר. עס איז אַלץ נאָך דיזעלבע „וועסט־סאַיד״, וואו ער האָט אָפּ־געלעבט די גאַנצע קנאַפּע דרייסיק יאָר, וואָס ער איז אין ניו־יאָרק. אונטער די רעדער פון קאָלאָמבוס עוועניו „על״ איז אַלץ פאַרבייגע־לאָפן... און איצט? ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן, האָט עמיץ גע־טאָן אַ צענעם די פיר ווענט, וואָס ארום אים, און געלאָזט אים שטיין אויפן טראָטואַר, אונטערן שאַרפן ווינט, איינעם אַליין! אפילו דער יונג, דזשאָ, ווייסט נישט וויסן וואו צו געפינען אים, דעם אַלטן פּאַפּ...

דזשים ווהייט האָט געקערעוועט דעם בליק אין ביידע זייטן. צוויי בלאָק צו „איסט״ ליגט דער סענטראַל־פּאַרק. דאָרט זענען דאָ באַרגיקע סקאַלעס, נאַקעטע און גראָזיקע טאָלן, וואו אַזעלכע דזשימס טוליען

זייערע געפרווירענע ליבער, אין די ווינטיקע נעכט, צו א האַרטן שטיין. פיר בלאָק אַראָפּ, צו וועסט, פליסט דער האָדסאָן. דאָרטן, באַרג־אַראָפּ דעם „דרייוו", צופוסנס די הויכע, וואויל געכאַליעטע הייזער, ציט זיך דאָס לאַנגע, משופּע׳דיקע פּאַרקל, וואו ער איז אַ גאַנצן זומער אַרומגע־קראָכן מיט אַ פאַרשאַרצטן זאַק איבער אַ רייף, מיט אַ שטעכער אין האַנט און געקליבן די בלעטער און פּאַפּירן, וואָס דער ווינט טראָגט אָן.

אָט־דאָס פּאַרקל איז אים, דזשים ווהייטן, אַזוי גוט באַקאַנט! כאָטש סענטראַל־פּאַרק איז אים אונטער דער האַנט, גייט ער נישט אַהין! דאָרט לויפן גלאַנציקע מאַשינען. אַמאָל, געדענקט ער, זענען ציכטיקע פּערד דאָרט געלאָפן געשפּאַנט אין לייכטינקע פייעטאָנען נאָך היינט יאָגן זיך דאָרטן שלאַנקע פערד, מיט אויסגעפּאַסטע רייטער, אין אַ זאַרגלאָזן גאַלאָפּ . . . דאָ אָבער, באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף דעם האָד־סאָן, פילט ער זיך אינדערהיים. דאָ לאַכן מאַטראָזן הויך אויפן קול און ווינקן פריי צו די ווייס־כאַלאַטלטע דינסט־מיידלעך, וואָס מאַכן זיך אַנטלויפן צו די קינדערשע וועגעלעך . . . דאָ קאָן ער יעדן וועכטער פון די ביידלעך אויף דער ניו־יאָרק סענטראַל פּראַכט־ליניע: פון צוויי און זיבעציק ביז אַרויף, אַרויף אַזש וואו דער האַרלעם ריווער פאַלט אַריין אין האָדסאָן!

אַ דערשלאָגענער, אַן איינגעבויגענער איז ער פּאַמעלעך אַראָפּגע־קראָכן אַהין, אין זיין פרייער היים אַריין. אַן איינזאַמער האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף אַ פאַרלאָזענער באַנק.

ס׳איז שוין באַלד געווען האַלבער טאָג. די זון האָט זיך שוין גע־האַט אַריבערגעכאַפּט די הויכע מויערן פון בראָדוויי, וועסט־ענד און דעם „דרייוו". אַ פולע, אַ בלענדנדע, איז זי געשוואומען אינדערהויך און זיך געשפּיגלט אין ברייטן האָדסאָן.

כאָטש די זון האָט געבלענדט, האָט דאָך אַ שאַרפער ווינט, פון די ניו־דזשוירזער פּאַליסאַדן, זיך געריסן אַהער, אויף זיינע פלייצעס אַרויף. דזשים האָט זיך געטוליעט אין די אויפגעשטעלטע קעלנערלעך פון ביידע רעקלעך און דינעם, אויסגעריבענעם מאַנטל.

פונקט ווי דער ווינט די פלייצע, אַזוי האָט דער הונגער געריסן איני־ווייניק, אין בויך. ער האָט געכאַפּט אַ קוק צו דער זון און געטראַכט, אַז די סאַנדוויטשעס, וואָס מיסטער הוירסט טיילט אויף טיימס־סקווער, מוזן שוין זיין אויפגעגעסן ביז איינעם! ווען אפילו נאָך נישט, איז ער אויך צו ווייט פון דאָרט. גאַנצע זעכציק בלאָק!

זיצנדיק איז אים קאַלט געוואָרן אין די פיס. ער האָט גענומען קלאַפּן אַ שוך אָן אַ שוך. אַ וועוויריקאַלע, ווייזט אויס פון הינטער זיין באַנק, האָט זיך דערשראָקן און איז אָפּגעשפּרונגען. אַביסעלע אַוועק פון אים איז עס געבליבן זיצן אויף די הינטערשטע לאַפּקעלעך, אין די פעדערשטע האָט עס געהאַלטן, ווייזט אויס אַ ניסעלע, געקוקט דערויף, דערנאָך אויף אים, ביז ענדלעך, ס'האָט אַוועקגעהאַצקעט צו אַ פּאַר־באַרגן היילכל, וואו קיין מענטשלעך אויג קאָן נישט צוקומען. „דזשים, וועסט זיך אויך מוזן געפינען עפּעס אַ היל וואו אַרויסצוליגן ס'העמד מיטן האַנטוך פון די קעשענעס אַרויס.—אַ מענטש איז אַזוי לאַנג מענטש, ווי לאַנג ער האָט אַ ווינקל וואו אַ העמד איבערצוטוען! אָבער ער?... דער יונג, דזשאַ, וועט אים אַרומזוכן און אפילו נישט וויסן וואו אים צו געפינען"...

דער הונגער האָט אים אַרויסגעטריבן פון פּאַרק. לעבן אַ מאַרקעט איז ער געבליבן שטיין, געקוקט אויף די בערג אָראַנדזשעס, אויף די רויטע עפּל, גרינע און שוואַרצע ווייַנטרויבן, אויף די גרינסן און פליישן, וואָס ליגן הינטער גלאָז, אין לאַנגע, ווייסע בופעטן. ס'איז אים איינגעפאַלן אַרייַנצוגיין, ווי דזשאַ, בעטן מ'זאָל אים געבן אָפּצוטראָגן די פולע קערב, וואָס די מאַדאַמען קויפן איין. הענגען אָבער אַרום אַזויפיל יונגע יינגלעך! נישט נאָר ער איז איבעריק, אויך זיי זענען איבעריק! אַלע זענען איבעריק!...

ער איז אַוועק, דזשים וווהיט. אָן אַ ציל איז ער געקראָכן. כאָטש דער מאָגן האָט שוין גאָר געוואָוסט וואוהין ער שלעפּט אים. אויף טיימס־סקווער, אין אָוונט, טיילט מיסטער הוירסט ווידער סאַנדוויטשעס...

פאַרנאַכט שוין איז ער אָנגעקומען צו טיימס־סקווער. אָט־איצט האָבן די מיליאָנען לעמפּלעך געהאַט אַ זין! דעם גאַנצן, נאַכטיקן הימל האָבן זיי פאַרשטעלט. נאָך פונדערווייטנס, פון די עטלעכע און פופציקער גאַסן, האָבן אים שוין, סאַמע אויבן, ביים הימל כמעט, אַנטקעגן געלויכטן די ווייסע, עלעקטרישע אותיות: „ ט י י מ ס "...

דאָ, אויף בראָדוויי, אין דעם ליכטיקן ים, איבערן גאַנצן סקווער, האָט געבוואַליעט מיט מענטשן פון אַלע זייטן. פּאַוואָליע און געדיכט, ווי געדיכטע פליסיקייטן פון מעכטיקע פּעסער אַרויס, האָבן די מענטשן געפליייצט פון די זייטיקע גאַסן אַהער, אַהער אין דעם ליכטיקן ים אַריין, דער ים פון בראָדוויי!... אַרום און אַרום, איבער אַלע טראָטואַרן, האָבן הונדערטער שילדן געלויכטן און געוואונקען: „אַהער! אַהער!"

און אינדערמיט, גרעסער און שרייענדיקער, קונציקער און שווינדלדיקער
האָט געגרופן איין שילד: „בורלעסק! הונדערט נאַקעטע מיידלעך!!!
אינדערהייך, אויף ווענט, צו פיר, זעקס און אכט שטאָק, פאַרדע־
קנדיק אַלע פענצטער, האָבן געבלינצלט שילדן אָנזאָגנדיק דער וועלט,
אַז נאָר אין די אונטער־הויזן פילט מען זיך יונג. — אַז אין די זאָקן
בענדלעך קאָן מען פלינק לויפן און אַז מען עסט דאָס ברויט האָלט מען
אָן די יונג־מיידלשע צערע אופן פנים...

אויף איינער אַזאַ שילד האָבן צוויי קליינע פּאַיאַצעלעך, אין דריי־
עקיגע מיצן אויף די קאָמישע קעפּ, זיך געבויגן, געבראָכן אין אַלע זייטן,
די האַנט צו פוס און דעם פוס צום קאָפּ און דערביי געוואונקען מיט
גרין־עלעקטרישע אויגלעך: — „וריגליס קיי־גומע!...

אַנטקעגן איבער, אויף דער גרויס און ברייט פון אַ גאַנצער וואַנט,
האָט געלויכטן די שילד פון „די צוויי שמייכלענדיקע אַלטע"... מיט
זאַטע, אויסגערוטע, רויטע פּנימער, שמייכלען זיי איינער צום אַנדערן
און קוקן אויף די צוויי טעפּלעך אין זייערע הענט, פון וואַנען עס ציט
זיך אַזאַ קונציק, עלעקטריש פּאַרעלע. אינדערהייך, איבער זייערע קעפּ,
איז איבערגעדרייט אַ טעפּל, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעטריפט דער
לעצטער טראָפּן, אַ טראָפּן, גרויס ווי אַ... פּאָליציייסקער שטעקן, וואָס
האָט אָנגעצייגט אויפן אונטערשריפט: „מאַקסוועלס הויז קאַפע! גוט
ביזן לעצטן טראָפּן!!!

און אינדערמיט, צווישן דעם ברייטן בראָדוויי פון איין זייט און
זיבעטע עוועניו פון דער אַנדערער זייט, אונטערן טרובערייִ פון קריכנ־
דיקע טעקסיס און אויטאָמאָבילן, אונטערן קלונגערייִ פון פאַרהאַלטענע
טראַמווייען, אונטערן פייפערייִ פון פּאָליסלייט, אין מיטן געדרענג פון
די כוואַליעס, וואָס רייסן זיך גיריקע אין די הונדערטער בלענדנדיקע
טעאַטערס, הונגעריק נאָך פאַרווייַלונג, אינדערמיט פון דעם אַלעם, אויף
אַ קליין אינזעלע, דאָרט, וואו עס פירן די טרעפּ אונטער דער ערד, אין
עפּנטלעכן אָפּטרעט, אָט־אויף דעם קליינעם אינזעלע, אין מיטן שטורמיקן
בראָדוויי, האָט זיך געוויקלט די ריי מענטשן, וואָס האָט געדולדיק גע־
וואַרט אויף מיסטער הוירסט'ס וואָגן, וועלכער וועט דאָ באַלד טאָן אַ
פּאָר אָן און זיי צום צוויטן מאָל היינט דערמאָנען: „לייענט דעם
דזשורנאַל! לייענט דעם אַמעריקאַן!!!

מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג האָט זיך דזשים וועייט קוים דורכ־
געקרוגן דאָס געדרענג און זיך צוגעשטעלט צו דער ריי ווי מען שטעלט צו

נאָך אַ ברעטל צו אַ פּאַרקאַן . . . ער האָט געקוקט אויף די צוויי אַלטע לייט איבער די טעפּלעך קאַפע און געטראַכט, אַז ער האָט נאָך היינט קיין טעפּל קאַפע אין זיין מויל נישט געהאַט.

די שכנים זיינע, פאַר אים און הינטער אים, האָבן זיך געטוליעט, טייל האָבן אונטערגעהאַצקעט אויף די פאַרשטאַרטע פּיס און זיך איבער־געוואָרפן, אַז מיסטער הוירסט וועט איצט זיכער טיילן „העם־סאַנדוויטשעם" . . .

— געוויס, רופט זיך אָן איינער, האַצקענדיק פון קעלט, געוויס, מיסטער הוירסט איז אַ ברייטהאַרציקער מענטש! . . . ער איז אַ דזשענ־טעלמאַן!" אויף וואָס אַן אַנדערער האָט געטאָן אַ שפּרונג אונטער, ווי ער וואָלט אים געוואָלט דורס זיין:

— אַ, יע??? העם־סאַנדוויטשעם ווילסטו? מאָרגן וועסטו שוין איינגאַנצן נישט טאָרן דאָ שטיין!

— וואָס דען האָסטו געמיינט, רופט זיך אָן איינער, איבער דזשימס אַקסל אַריבער, האָסט געמיינט די „דזשענטללייט", וואָס לויפן אין די טעאַטערס אַריין זיך „וויילן", זיי וועלן לאָזן אונדז זען ווי זיי איז גוט? . . .

— געוויס, האָט דאָס האַצקעדיקע מענטשל מיטאַיינמאָל פאַרגעסן זיין פריערדיק לויבן מיסטער הוירסט,—געוויס, די גרויסע פלאָקנשיסער אין די האַרטע קאַפּעליושן, זיי ווילן נישט מיר אָרעמע טייוואָלים זאָלן זען ווי זיי לויפן אין קאַבאַריים . . .

אָן אַנדערש מאָל וואָלט זיכער דזשים וויהייט, ביי אַזאַ געשפּרעך, געטראַכט: פרעמדע, האַלטן זיך אין איין בריקן! . . . איצט אָבער טראַכט ער: „די באָים זענען גערעכט! זיי זענען גערעכט די באָים..."

5

מאָדנע! פריער, שטייענדיק אין דער ריי נאָך מיסטער הוירסט׳ס סאַנדוויטש, האָט ער זיך גאָרנישט אָנגעקערט מיט די איבעריקע שטייער. איצט, נאָך דעם ווי זיי האָבן קוים אַריינגעשלונגען דעם ביס, און די פּאָליציי האָט זיי בינטלעכווייז אַרויסגעשטופּט פון סקווער אין די זייטי־קע גאַסן אַריין, איצט גייט ער מיט אַזאַ בינטל, גלייך ער וואָלט געווען מיט זיי אַ גאַנצער מחותן . . . און נאָך מאָדנער איז פאַר אים, וואָס ער ווייסט נאָך אַפילו איצט נישט ווער עס איז דער נאָנטסטער חברה־

מאַן לעבן אים, אַט־דער, ביי וועמען דער לינקער אַרבל הענגט נאָך, אַז אַרויסגעטרעטנטער כמעט ביזן לעצטן שטאָך און די שיך זענען ביי אים אַזוי ברייט און צעפּאַרן און ער גייט אַזוי שטיל, אַז ער מוז זיכער האָבן פאַרלוירן די זוילן . . .

— הינטישע זין! זאָגט ער, דער אַרויסגעטרעטנטער אַרבלניק, אים דזשימען, כמעט אין פּנים אַריין. — נאָר זיי טרייבן! אין סאָבוויי איי־בערנעכטיקן לאָזן זיי נישט אַריין! נאָך נישט גענוג קאַלט פאַר זיי!...

— געדאַרפט זיי אַרויסטרייבן זיך וואַלגערן היינט אין די פּאַרקן!...

דזשים האָט זיך אומגעקוקט. פון ביידע זייטן האָבן דאָס די מיט־גייער זיינע געהאַנגעלט מיט ווערטער, ווי קייקלעך גיפט . . . דאָס מענטשל, וואָס האָט פריער געלויבט מיסטער הוירסט, ווי אַ דזשענטעל־מאַן, האָט דאָס איצט געשטאָכן מיטן ווייז־פינגער אַ גרופּע הערן און דאַמען, וואָס האָבן פאַר זיי פאַרבייגעאײַלט אין טעאַטער אַריין, אָדער צו אַ באַל, אויסגעפּוצטע, אין צילינדער־היט און לאַנגע באַלאָווע קליידער, מיט רויט און גרין סאַמעטענע פּעלערינען אויף די דינע אַקסלען.

ער האָט זיך אַזש דערשראָקן, דזשים! אים האָט זיך געדאַכט, אַז די פאַרבייאײַלנדיקע הערן און דאַמען האָבן געהערט וואָס דאָס מיט־גייערל לעבן אים האָט געזאָגט! . . . אַז זיי האָבן געזען זיין ווייז־פינגער, אין דעם איז ער געווען זיכער!

פּלוצים האָט אים אין מוח אַ בליץ געטאָן: „פון וואַנען האָט ער זיך דערנומען אין דעם בינטל אַריין? וואָס טוט ער צווישן זיי?" מיט איינמאָל איז קלאָר געוואָרן פאַר דזשים ווהייט ווער זיינע מיטגייער זע־נען! דאָס זענען דאָך „באָמס"! באָמס פון דער באַורי! . . . און דזשים ווהייט איז אייך נישט קיין באָם! „נאָ סער"!

אָן אַ וואָרט צו זיינע מיטגייער האָט ער זיך פּלוצים געטאָן אַ קער־רעווע אוים און גענומען שפּאַנען צוריק צו זיין וועסט־סאַיד. „אָ, די חברה האָט אים געוואָלט פאַרשלעפּן ערגעץ אויף דער באַורי. אָ, נאָ! ער באַלאַנגט נישט אַהין!! נישט דזשים ווהייט! עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן וואָס ער האָט זיך אַזוי געלאָזט פאַרשלעפּן אַזש צו דער אַכט און דרייסיקסטער סטריט „איסט"! וואו קומט ער „איסט"? . . . ער איז אַ וועסט־סאַידער!

פּול מיט רוגזה האָט ער איצט אויסגעמיטן טיימס־סקווער. טיימס סקווער איז ביי אים אויך געוואָרן „איסט"! . . . און ער האָט פיינט

איסט! אַלע זיינע יאָרן האָט ער אָפּגעלעבט וועסט וועט ער איצט איסט נישט גיין! נאָ סער! . . .

מיט וצענטער עווועניו, די אמת'ע וועסט־סאַיד זיינע, האָט ער איצט געשפּאַנט „אַהיים". אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך געווען אין די נידריקע גאַסן, האָט ער געשפּאַנט גיך, נישט געזען גאָרנישט, ווי איינער, וואָס איילט טאַקע אַהיים. נאָר אַזוי גיך ווי ער האָט דערגרייכט די אַכציקער גאַסן, האָט ער זיך געכאַפּט: „וואו, צום טיוול, איילט ער דאָס אַזוי"?...

פּאַמעלעכער, ווי איינער, וואָס האָט פּלוצים פאַרלוירן דאָס ציל, האָט ער זיך איצט גענומען שאַרפער „וועסט", צום „דרייוו". דאָרטן האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. ער האָט געאָטעמט שווער פון אימפּעטדיקן לויפן פון דער חברה „באָמס". אויף דער צווייטער באַנק איז געזעסן עפּעס אַ הער מיט אַ קליין הינטעלע אויף אַ לעדערן רימענטל. באַלד האָט זיך יענער אויפגעשטעלט, ס'הינטעלע פאָראויס און ער נאָך, זענען זיי ביידע אַוועק. לײדיק! די ביימער, וואָס זומער פאַרמירן זיי דאָ אַן אַלייע, זענען שוין געווען האַלב נאַקעט. ס'ליכט פון די לאַמטערן האָט געשניטן שאַרף איבער די לערע בענק. די איינצלנע דורך־שפּאַצירער, וואָרעם אָנגעטאָן, האָבן גענומען קוקן אויף אים אַזוי זייטיק . . . און אַנטקעגן, אין די הויכע הייזער, איז ליכטיק אין אַלע פענצטער! און וואַרעם, איז ער זיכער, איז אויך דאָרט! „מ'גיט שוין זיכער סטים"... אין די גלאַנציקע מאַשינען, וואָס שוועבן אַזוי לייכט פאַר זיינע אויגן, מוז אויך זיין וואַרעם. און די דורכגייער, וואָס קוקן ווי ער קורטשעט זיך אין די אויפגעשטעלטע קעלנער, זיי איז אויך וואַרעם! פאַרדאַמט זאָל עס ווערן! . . . זיי זענען גערעכט געווען: די „באָמס"! מ'וואָלט זיי אַלע, די פון די רייכע הייזער, געדאַרפט אַרויסטרייבן זיך וואַלגערן אין די פּאַרקן! . . .

ער האָט אַ וויִיטן, רוגזה'דיקן שפּיי געטאָן און גענומען באַקוקן די באַנק. יאָ זי איז אַ ברייטע און אַ לאַנגע, די באַנק, אָלרייט! ער וואָלט זיך דאָ גערן אויסגעצויגן. אונטן, אין פּאַרק, וועט ער אַזאַ באַנק נישט געפינען. איז אָבער דאָ אַזוי פאַרדאַמט ליכטיק! כאָטש נעם און ציִ זיך אויס פאַר אַלעמען אין די אויגן.

זיצנדיק איז אים געוואָרן קאַלט. די גלידער האָבן זיך אים געקורטשעט, געצויגן מיט דער גאַנצער, שווערער מידקייט, זיך צו טאָן אַ דריי איין ווי אַ הונט, אָט־כאָטש־דאָ, אויף דער באַנק. „ס'וועט גאָרנישט העלפן, דזשים, מוזט זיך גיין זוכן אַ ווינקל!"

פויל, אָן חשק, איז ער געקראָכן באַרג־אַראָפּ, אין פּאַרקל אַריין. ס'איז דאָרטן איצט געווען אַזוי סומנע! קיין לעבעדיקן מענטשן האָט מען נישט געזען. איינזאַמע, פאַרלאָזענע האָבן זיך געצויגן ווי שמאָלע וועגעלעך ערגעץ אין אַ פּוסטער נאַכט אַריין. די לאָמפּן זענען אויך געשטאַנען איינזאַם און שוואַך באַלויכטן קליינע, פּוסטע שטיקלעך לאַנ־קעס. די ביימער, צעוואָרפענע אין דער פינצטער, האָבן געשטאָכן מיט זייערע האַלב־נאַקעטע צווייגן דעם נאַכטיקן הימל.

— „דזשי", האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, „ערגער ווי אַ הונט"! ווען ער קאָן, וואָלט ער איצט אַנטלאָפן אין דער וועלט אַריין! נאָר וואו קאָן אַ אַרויסגעוואָרפענער מענטש לויפן? ווייטער ווי צווישן די ביימער, אין די קוסטן, קאָן ער דאָך נישט לויפן? . . .

טאַקע דאָרטן, צווישן די נאַקעטע, שטעכיקע קוסטן, האָט ער איצט געטאַפּט מיט די הענט, געשנאַפּט מיט דער נאָז, פּונקט ווי אַ חיה, וואָס זוכט זיך צו באַהאַלטן פון אַ שטורעם. ער קאָן אָבער דאָס פּאַרקל! דאָ זענען קיין היילן נישטאָ! דאָ איז כאָטש צי זיך אויס אין דער אָפענער לאָנקע, וואו עס פייפט אַזוי אומ'רחמנות'דיק דער ווינט, גלייך פון ברייטן, טונקלן טייך.

אויף אַ פאַרשלעפּטער באַנק האָט ער זיך ענדלעך צוגעזעצט. דאָ איז שוין יאָ געווען טונקל. קיין מענטשלעך אויג זעט אים שוין נישט. דאָ וואָלט ער זיך שוין יאָ געקענט אויסציען, איז דאָס אָבער אַ צעפּער־טעלטע באַנק . . . מיט פינף אייזערנע הענט־אָנלען איז די באַנק צע־טיילט אויף גלייכע פיר פּלעצער. דאָס צעפּערטלען אַ באַנק אויף פיר באַ־זונדערע פּלעצער, פּלעגט אַלעמאָל דוקא געפעלן דזשים וויהיטן. דאָס איז געווען אַ גוטע אידייע . . . דו זיצסט זיך אויף דיין פּלאַץ און דער צווייטער איז פון דיר אָפּגעטיילט. ער קאָן זיך נישט טאָן אַ רוק אַרויף אויף דיר . . . איצט אָבער געפעלט אים נישט די באַנק. עס געפעלט אים שוין גאָרנישט די אידייע . . . וואָסער באַנק איז דאָס, אַז דו קאָנסט אפילו זיך נישט אויסציען און אויסגלייכן אויף איר די מידע ביינער?...

ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט דזשים וויהיט, ערשט איצט, דער־פילט אַז עפּעס טויגן נישט די זאַכן, וואָס ער האָט שטענדיק געמיינט אַז זיי טויגן יאָ . . . געוויס, אַז האָסט אַ וואַרימע שטוב מיט אַ בעט, איז אַ צעפּערטלטע באַנק זער גוט! אָבער איצט? . . .

ווידער האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גענומען קריכן איבערן פינצטערן פּאַרקל און נישטערן מיט דער נאָז נאָך עפּעס אַ ווינקל. ערשט

האַרט לעבן דער הויכער, שטיינערנער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם טאָ־ליקן פּאַרק פון הויכן „דרייוו" איז ער געבליבן שטיין. עפּעס אויף דער ערד האָט זיך א ריר געטאָן. ער איז צו נענטער. דאָס פּעקל דאַרטן, ווי א טשערעפּאַכע, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטער דעם צודעק:

— ווער איז דאָרט?

— שלאָף, שטער זיך נישט. האָט דער אַלטער זיך גענומען דער־נענטערן.

יענער דאַרטן, אויפן שטיין, האָט צוריק איינגעצויגן ס'קעפּל, ווי מער וואָלט אים שוין גאַרנישט אָנגעגאַנגען! דער אַלטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, דערנאָך האָט ער אַזוי נישט דרייסט, אַזוי הכנעה'דיק זיך צוגעלייגט. נאָר אַז יענער האָט פון אונטערן רעקל אַרויס־געברעדט: „אַלרייט, רוק זיך צו, וועט זיין וואַרימער!" האָט ער דער־נענטערט דעם געפּרוּוירענעם גוף צו יענעמס לייב. ער האָט אפילו גע־וואָלט צורוקן זיין פּנים צו יענעמס אָטעם. יענער איז אָבער געלעגן אַזוי צונויפגעוויקלט אַז ער האָט זיך געוואונדערט ווי ער קאָן גאָר בכלל אָטעמען . . .

מיט שטאַרע אויגן איז איצט דזשים געלעגן און געקוקט אויפן פּעקל לעבן זיך, אויף זיך אַליין. „נעמט א מענטש און לייגט זיך צו צו איינעם און ווייסט אפילו נישט ווער יענער איז . . ."

דערווייל איז געוואָרן שפּעט. די מאַשינען אויפן „דרייוו" זענען אַפּנים שיטערער געוואָרן. איצט, אַז א מאַשין טוט זיך פּלוצים א שטעל אָפּ, טוען די רעדער אויפן אַספאַלט אַזא סווישטש, אַז עס גייט אַזש דעם אַלטן אַדורך א שטראָם איבערן געפּרוּוירענעם לייב. אויך דער הימל האָט געוויזן אַז עס איז שפּעט. דער הימל איז איצט געוועזן פּיל בלויער, לויּ־טערער און די שטערן האָבן געבליצט פּיל שאַרפער און קעלטער. נאָר דער ווינט, וואָס בלאָזט פון טייך, וויל אַלץ נישט נאָכלאָזן! ווען ער האָט א דעקע אַרומצוּוויקלען די פיס . . . די פּלייצע האָט ער שוין באַ־וואָרנט לעבן־יענעמס לייב, נאָר די פיס! עפּעס ווערן זיי אים אַזוי געגלי־ווערט, פאַרשטאַרט, ווען ער האָט נאָר א דעקע! . . .

פּלוצים האָט זיך דאָס פּעקל געטאָן א זעץ אויף. דזשימס אָנ־געוואָרעמטע פּלייצע איז נעבעך מיטאַיינמאָל געבליבן אָפּגעדעקט! דער ווינט האָט אים געטאָן א שמיר, ווי עמעץ וואָלט אים פּלוצים א וויש געטאָן א נאַס טוך איבער דער נאַקעטער הויט.

— הער נאָר, דו, האָט יענער אים אַ שטורכע געטאָן, איך האָב אַ פּלאַן! האָסט אַ „דיים״? דאָ וועט מען פאַרפרוירן ווערן! פאַר אַ „דיים״ קאָן מעןביידע נעמען די סאָבוויי זיך אויסציען אויף דער באַנק און פאָרן קיין ברוקלין. דערנאָך צוריק אין די בראָנקס. אזוי אַ גאַנצע נאַכט! פאַרשטייסט, פאַר אַ ניקל יעדער, קאָן מען איבערשלאָפן די נאַכט. דאָ וועט מען פאַרפרוירן ווערן! . . .

דער אַלטער האָט זיך נעבעך אויך געמוזט אויפזעצן. אַ שווייגנדיקער האָט ער געקוקט אויף דעם פרעמדן, ווייזט אויס נאָך גאָר אַ יונגער, וואָס רעדט ענגליש ווי אַן אמתער „וועסטערנער״ און מאַסאַזשירט זיך דערווייל די פיס . . . ווייזט אויס, אויך דעם יונג זענען די פיס פאַרפרוירן געוואָרן. אַנשטאָט ענטפערן האָט דער אַלטער זיך אויך גענומען מאַסאַזשירן די פיס . . .

יענער, זעענדיק אַז דער אַלטער ענטפערט נישט, האָט אים נאָכאַמאָל אַ שטורכע געטאָן:

— וואָס, געפעלט דיר ניט מיין פּלאַן? האָב איך אַן אַנדערן! לאָמיר פאָרן אין די בראָנקס. דאָרטן, אויף די סאָבוויי סטיישאָנס, זענען די קאַסירערס גוטע בּאָים! קאָנסט זיך אויסציען אויפן דיל אָדער גאָר פּאַקן אַ באַנק. און ס'איז דאָרטן וואַרעם! פאַרגעס דאָס נישט!...

— מיין בּאָי, האָט שוין דער אַלטער זיך נישט געקענט איינהאַלטן, וואו זאָל איך דיר נעמען אַ „דיים״? אַז זינט אונדזער נאָבעלער פּרעזידענט האָט ביי מיר אַוועקגענומען דעם דזשאָב האָב איך נאָך קיין צען סענט אין די אויגן נישט געזען . . .

דער יונג האָט זיך שטאַרק אָנגעבויגן און געקוקט דעם אַלטן אין די אויגן אַריין. אַ מענטש, ביי וועמען דער פּרעזידענט האָט צוגענומען דעם דזשאָב? . . . פּלוצים האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט, דער יונג, דעם אַלטן גלייך אין פּנים אַריין:

— ס'געפעלט מיר! וואָס האָסטו געזאָגט? דער פּרעזידענט האָט ביי דיר אַוועקגענומען דעם דזשאָב? . . . כ'גיי אַ געוועט ביזט געלאָפן קעגן רוזוועלטן! ביזטו דאָך דער דורכגעפאַלענער פּרעזידענט הואווער . . . דער יונג האָט אַזוי הויך געלאַכט אַז ער האָט זיך אַזש אויסגעצויגן אויפן שטיין אין זיין גאַנצער לענג.

דעם אַלטן איז עפּעס ביטער געוואָרן אין מויל פון יענעמס געלעכטער. ער האָט זיך שוין געוואָלט צוריק איינטוליען און זיך אַוועק־

ליגן, אָדער אפשר גאָר אינגאַנצן אוועקגיין . . . דער יונג אָבער האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט. א לאַכנדיקער איז ער ווידער צו אים צו־געשטאַנען:

— אַזוי, ביזטו דער עקס־פּרעזידענט . . . דאַרפסט דאָך גאָר זיצן אין וואַשינגטאָן! דיין טערמין איז נאָך נישט אויס! וואָס טוסטו אין ניו־יאָרק? . . . זעענדיק אַז דער אַלטער לאַכט נישט, אַז ער איז כסדר עפּעס אָנגעדרודלט, האָט ער אים אויפּסניי א שטורכע געטאָן: — מיס־טער הואווער, זיי נישט אַזוי בייז וואָס ביזט דורכגעפאַלן! זיי א ספּאָרט!

דער אַלטער האָט זיך שוין נישט געקאָנט העלפן. כאָטש ער האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן האָט ער זיך דאָך האַרציק צעלאַכט:

— פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט, איך בין א טעמעני־מאַן! אַלע יאָרן געווען! האָט ער מיט רוגזה אונטערגעשטראָכן, — איז געקומען הואווער און צוגענומען מיין דזשאָב. און איצט, דער נייער פּרעזידענט רוזוועלט, זאָגט מען, וועט אויך געבן א „פיט" טעמעני! . . .

— אָבער וואָסער דזשאָב? האָט דער יונג געלאַכט נאָך העכער.

—כ'גיי א געוועט ביזט א דזשאָדזש פון „סופּרים־קאָורט" . . .

— אָ, דו ביזט א ליַ! האָט דער אַלטער גוטמוטיק געקלאַפּט אים איבער דער פּלייצע.

— וואָס רעדט איר דאָרטן אַזויפיל?

זיי האָבן אונטערגעהויבן די קעפּ. אינדערהויך, אַריבערגעבויגן איבער דעם שטיינערנעם צוים, איז געשטאַנען א פּאָליס־מאַן, אָנגעשפּאַרט אָן זיין קלאָב און האַלב שפּאַסיק זיך אַראָפּגעבייזערט צו די צוויי טומלענדיקע חברה־לייט. ער זיי, אין דער פינצטער, האָט זיכער נישט געזען. אָבער זיי אים, איצט, אין שאַרפן ליכט, וואָס האָט אַראָפּגעפלייצט פון „דרייוו", האָבן שוין גאָר געזען! ווי א שוואַרצער פלעק אין א בלענדנדיקן הינטערגרונט איז ער געשטאַנען און געגלאָצט אויף זיי . . .

שטילערהייט האָבן זיך ביידע צוריק איינגעקורטשעט, צוגערוקט פּלייצע צו פּלייצע און שווייגנדיקע געקוקט. דער יונג, מיט א גרויסער צונג, צום פּאָליסמאַן און דער אַלטער אַהין, אין יענער זייט האָדסאָן, וואו עס פּלעמלען זיך צוויי קייטן לעמפּלעך לענג אויס דעם וועג און א מאַשין לויפט דאָרטן מיט די ליכטער פאָראויס, ווי א קליין ווערמל, מיט פייערדיקע אויגן, וואָלט געשוועבט אין דער לופט . . .

6

ענדלעך האָט עס געגומען טאָגן. דאָס ליכט פון די לאָמפּן איז געוואָרן מאַט און בלאַס. דער יונג האָט אויסגעשטרעקט אַ פוס. דערנאָך האָט ער ארויסגעשיילט דעם קאָפּ פון אויבער בגד. ער האָט געקוקט אויפן איינגענורעטן פּעקל לעבן זיך: „ער שלאָפט אַלרייט, דער דורכגעפאַלענער פּרעזידענט״! . . . מיטן עלנבויגן האָט ער דאָס פּעקל אַ טאָרע געטאָן:

— העי, ס'טאָגט!

דער אַלטער האָט פון צווישן די לאַכעס ארויסגעשיקט אַן אויג. דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויקלט דער קאָפּ. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט... צוויי ווילד־פרעמדע מענטשן! נאָך אַ נאַכט זיך ווארימען איינער ביים אַנדערנס אָטעם, האָבן זיי ערשט איצט, אין גרויען באַגין, געקאָנט זען ווי זיי זעען אויס . . .

דער יונג האָט דערזען לעבן זיך אַן אַלטן מאַן, מיט אַן איינגעפאַלן, צעקנייטשט, געל־גרוי באַוואַקסן פּנים. די גאָמבע, אַן אמת'ער שפּיץ! און דער אַלטער האָט דערזען אַ יונג מיט אַ לאַכנדיק, רונד־אויסגעפילט פּנים, אַ בלוילעך־געפרוירנס און שטרוי־הערעלעך הארטע, כמעט ביז די קליינע, איינגעגראָבענע אייגעלעך. אָט ליגט ער לעבן אים איינגענורעט אין סאַמעטענעם קעלנערל. „ווער איז ער, דער יונג?״

דזשים ווהייט האָט זיך אויפגעזעצט און גענומען זיך טשוכען און קראַצן. דער יונג, דערזעענדיק ווי דער אַלטער קראַצט זיך אַזוי קאָמיש, האָט ביי אים צוריק אויפגעוואַכט דאָס געלעכטער, וואָס דער פּאָליסמאַן האָט ביינאַכט אַזוי אומגעריכט אין אים דערשטיקט:

— דו קראַצסט זיך אַלרייט! ווי אַן אמת'ער פּרעזידענט . . .

דזשים ווהייטן האָט אָבער איצט גאָרנישט געגלוסט זיך צו לאַכן. דאָס ביסל ענערגיע, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט נעכטן, איז איבער נאַכט, אויפן הארטן שטיין, אינגאַנצן אויסגערונען. חוץ דעם איז אויפטייען דעם פאַרשטאַרטן פוס ביי אים איצט וויכטיקער ווי לאַכן! . . .

דערווייל איז די פּאַרטאָגיקע בלויקייט געוואָרן העל־גרוי. די צוויי איינגעקנאָדערטע מענטשן האָבן זיך אויפגעשטעלט. איבער נאַכט האָט אַ דינע פייכטקייט זיי דורכגענומען. אויך דאָס שפּעט־הארבסטיקע גראָז, אונטער זייערע פיס, איז געווען פייכט. אַ לייכטע, מאַט־זילבערנע ראָסע איז געווען אויסגעשפּרייט. טראָפּנס, ווי פולע טרערן, האָבן ארויסגע־

פינקלט. אין דער גרויער ווייט, איבערן האָדסאָן, האָט נידריק געהאנגען א לייכטער נעבל, וואָס האָט פארהוילן די פּאַליסאַדן פון יענער זייט טייך.

— לאָמיר גיין, האָט געזאָגט דער יונג, אויסגלייכנדיק זיין ברוין פארפעצטן הוט.

דער אַלטער, אָן איינגעטוליעטער, די אויערן אין קאָלנער, האָט אים געגומען נאָכגיין. ווי א געהאָרכזאַם יינגל איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך דעם ווילד־פרעמדן יונג! עפּעס האָט ער איבער נאַכט גאָר זיין ווילן פאַר־לוירן.

אין דער הויך, דער „דרייוו״, איז געווען לער און פאַרטאָגיק שטיל. די ליכט־סיגנאַלן — אויסגעלאָשן, בלינד . . . אָן אויטאָמאָביל, מיט נאָכנישט פאַרלאָשענע ליכט־אויגן האָט זיך אָנגעטראָגן און געטאָן א שוועב פאַרביי. דאָס געדויש פון גומע אָן הארטן אַספאַלט האָט זיך אויסגעמישט מיטן ריטמישן געקלאַפּ פון פערדישע פּאָדקאָוועס. א ווייס מילך־וועגעלע האָט זיך געטאָן א קערעווע אריין פון א זייטיקער גאָס. דאָס ברוין־רויטלעכע פערד איז געווען פאָרזיכטיק איינגעדעקט מיט א גרין־גרויער וואָל־דעקע . . .

ציטערנדיקע, דורכגעפרוירענע, האָבן די צוויי מענטשן געשפּאַנט איבער דעם לערן טראָטואַר. בלויז ווייט ארויף, זיי אַנטקעגן, איז געקראָכן א פארשלאָפענער פּאָליסמאַן מיט א נודנעם געגעץ פאַראויס. פון לאַנגווייל האָט ער זיך געשפּילט מיטן שטעקן, געוואָרפן און גע־כאַפּט און ווידער א וואָרף און ווידער א כאַפּ צוריק.

דזשים וואָהיט האָט דערוויילעט, גייענדיק, צוריק אויפגעטייעט. אויך דער מוח האָט ביי אים אויפגעוואַכט: „וואוהין פירט ער אים דאָס, דער יונג?״ און נישט וואַרטנדיק מער אפילו איין מינוט האָט ער אים געפרעגט:

— זאָג נאָר, יונגערמאַן, וואוהין גייסטו? . . .

דער יונג האָט זיך אפילו נישט אומגעדרייט. בלויז אזוי, פאַר זיך, האָט ער פויל ארויסגעמורמלט:

— עעע, וואָס איז דער אונטערשייד? . . . אין אפשר א מינוט ארום האָט ער זיך דערמאָנט: — מ׳דאַרף זיך גיין אָנוואַרעמען, דאַרף מען נישט? . . .

— אָנוואַרעמען, האָט דער אַלטער מיט חשד געמורמלט, אָבער וואוהין? . . .

דער יונג האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. זייטיק האָט ער גענומען

פאַרשן דעם אַלטן, וועמען עס איז אַזוי שטאַרק געלעגן וואוהין מען גייט זיך אַנוואַרעמען:

— וואוהין, פרעגסטו? אפשר האָסטו וואו, וועל איך מיט פאַר־גענינגן מיט דיר מיטגיין!

דאָס אומגעריכטע איבערגעבן די ברירה צו אים, האָט דעם אַלטן אַנטוואָפנט... „טאַקע, וואו האָט ער צו גיין? צוריק אויפן שטיין אין פאַרק"?... אַ שולדיקער, אַ פאַרבענקטער, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געבליבן שטיל. נאָר אינערלעך, כאָטש שווייגנדיק, איז ער דאָך געווען אויף דער וואָך. ווער ווייסט וואו אַזאַ חברה־מאַן קאָן אים פאַרשלעפּן...

ביים איבערקרייצן בראָדוויי, ווייטער צו איסט, האָט דער אַלטער אפילו געטראַכט צו לאָזן דעם יונג אָן אַ וואָרט און זיך אַוועקגיין זיין וועג. נאָך אַלעמען, ווער איז דער יונג צו אים?... האָבן זיי אָבער, אין דער זייטיקער גאַס, ביידע גלייך דערפילט אַ וואַרעמען ריח פון פריי־שע זעמל און זים געבעקס. נאָך איידער זיי האָבן אפילו געזען אַ סימן פון אַ בעקעריי, האָט זיי שוין דער וואַרעמער ריח געטאָן אַ שלאָג אין דער נאָז אריין.

— דאָ מוז ערגעץ זיין אַ בעקעריי! האָט דער יונג אַ טיפן ציִ געטאָן דעם אָטעם. מ'דאַרף גיין אַ קוק טאָן.

דער וואַרעם־זיסלעכער ריח איז אַלץ געוואָרן שאַרפער און געדרייצט זייערע נאָזלעכער און די גומענס. ביידע זענען זיי שוין אַרוים אויף אַמסטערדאַם עוועניו. באַלד אין ראָג איז געווען אַ וויים בליאַנקנדיקע בעקעריי, מיט צוויי גרויסע, ציכטיקע פענצטער. אונטן, אין טראָטואַר, זענען געווען אָפן צוויי אייזערנע לאָדנס. אַ גרויסע אייזערנע קייטל, אַ פּרענט אַ גאַנצער, האָט צוגעהאַלטן די צוויי לאָדנס, זיי זאָלן נישט צו־זאַמענפאַלן און פאַרמאַכן דעם אַריינגאַנג אין בעקער־שאַפּ.

צוגלייך מיט זייער באַווייזן זיך אין ראָג, האָט פון דער קעלער־עפע־נונג, צווישן די צוויי לאָדן, זיך באַוויזן אַ קאָפּ אין אַ וויים מיצל. אַלץ העכער און העכער האָט זיך דער קאָפּ געהייבן אַרויס. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ יונג אין אַן איינגעמעליקט העמד מיט אַ זאַק פאַר די לענדן. אין די צוויי פאַרשאַרצטע הענט האָט ער אַרויפגעהייבן אַ ווייסן, צוויי־אויערנדיקן קויש מיט פריש אָפּגעברווינטע זעמעל.

פלינק האָט ער געטאָן אַ שטעל אַריבער איבער דעם קייטל אַ פוס מיט אַ פאַרמעליקטן, אָן שנירלעך צעעפנטן שוך. באַלד דעם צווייטן.

דערנאָך האָט ער אויפגעשלאָסן די קראַם, אַריינגעשיבט דעם קויש, צוריק פאַרשלאָסן, געבליבן אַ ווײַלע שטיין מיט נאַקעטע הענט, געקוקט אויפן פאַרשלאָפענעם, לערן אַרום און באַלד אויף גיך צוריק אַראָפּ אין דער קעלער־בעקערײַ.

דער זיסער ריח פון פריש געבעקס און די וואַרעמקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון דער קעלער־עפענונג, האָט די צוויי אויסגעהונגערטע, דורכגעפרוירענע מענטשן געטאָן אַ שלעפּ צו, ווי אַ מאַגנעט אַ נאָדל...

גלײַך ווי דער בעקער איז פאַרשוואונדן אין דער עפענונג, האָט שוין דער יונג געוואָלט נאָכשטעלן פיס... דער אַלטער האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— וואו גייסטו?

— מען דאַרף זיך אָנוואַרעמען, דאַרף מען נישט?...

— זיי וועלן דיך אַרויסשליידערן! גיי נישט!

— אפשר ביזטו גערעכט, פּאַפּ, נאָר פּרוּוון דאַרף מען סאַי־ווי!

נאָך איידער דער אַלטער האָט אים געקענט זאָגן נאָך איין וואָרט, איז ער שוין געקראָכן טרעפּ־אַראָפּ און באַלד אינגאַנצן פאַרשוואונדן אין דער עפענונג, פונקט ווי דער בעקער־יונג אין ווייסן מיצל.

בײַ דער קייטל, ווי בײַ אַ גרענעץ, איז דער אַלטער געבליבן שטיין. ער האָט געקוקט אין דער עפענונג, וואו דער יונג איז פאַרשוואונדן, און זיך געוואונדערט: „אַ מאָדנער חברה־מאַן, דער דאָזיקער, ער פרעגט גאָרנישט און גייט גלײַך אַראָפּ צו יענעם אין אַ פּלאַץ! ניין, ער וועט אַזעלכעס נישט טאָן! ער קאָן אַזעלכעס נישט טאָן! כאָטש ער האָט מער שיכות מיט אַ בעקערײַ איידער דער יונג! וויפיל יאָר האָט ער אָפּגעאַרבעט פאַר דער „פּאָרד־בייקינג”? אפילו נאָך היינט קאָן ער פון בלויזן ריח ווּיסן וואָס זיי באַקן דאָרטן אונטן!” ער האָט גוט אַריינגעשניפּט דעם ריח, געפּרוּווט מיטן צונג איבערן גומען, ווי ער וואָלט אַריינגעקראָגן עפּעס ממשות׳דיקס אין מויל אַריין... „ניין, קיין ברויט באַקט מען דאָ איצט זיכער נישט! זעמל און קייק — דאָס איז זי־כער”! ער האָט אַריינגעבויגן דעם קאָפּ טיף אין דער עפענונג, אַזש ביזן האַלבן קערפּער. ער האָט שטאַרק געוואָלט דערגיין וויפיל אויוונס אַזאַ בעקערײַ האָט. און כאָטש ער האָט נישט געקאָנט זען מער ווי אַן אַלטע טיר מיט ברעטלעך אָנשטאָט שויבן, מיט שטיקער ברודיק, פאַרטרו־קנט טייג אויפן טיר־הענטל, און אַ קופּע נאַס־גלאַנציקע קוילן, האָט ער דאָך אָפּגעמאַכט אַז מער ווי צוויי אויוונס האָט די בעקערײַ זיכער נישט.

ער האָט זיך אָנגעהייבן לאַנגווײלן, דער אַלטער דזשים וועהיט. אָנ־געשפּאַרט אָן דער גלעזערנער שויב איז ער געשטאַנען און געקוקט ווי ביסלעכווייז צעפּאַרט זיך די גאַס. אָפּטער לויפן שוין די טראַמווייען. מענטשן, ארומגעוואַשענע, איילן שוין צו דער אַרבעט.

— סעי, פּאַפּ, קום אַריין איידער דער באָס קומט אָן!

דער אַלטער האָט אומגעדרייט דעם בליק. אין דער עפענונג, צווישן די צוויי אייזערנע לאַדנס, האָט זיך קוים געזען דער צעפּלאַשעטער קאָפּ פון זיין ביישלעפער, שוין גאָר אַ היימישער, אָן אַ קאַפּעליוש, מיט פאַר־רויטלטע באַקן, ווי ער וואָלט נאָרוואָס אַוועק פון הייסן אויוון.

דזשים וועהיט האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל דאָ טאָן! „וואו צום טייוול שלעפּט אים דאָס דער באָס, אין אַ פרעמדער בעקעריי?...״ אָבער די ווארעמקייט, וואָס שלאָגט פון דאָרט און דער זיסער געבעקס־ריח, זענען געווען שטאַרקער איידער זיין ווידערווילן צו קריכן, ווי אַ בעטלער אין פרעמדע טירן.

פּאַוואָליע האָט ער אַריבערגעשפּרייזט דעם קייטל און גענומען קריכן טרעפּ־אַראָפּ.

אינווייניק, אַזוי גיך ווי ער האָט נאָר געהאַט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט אים אַרומגענומען אַ ליבע ווארעמקייט. כאָטש ס'איז דאָ נישט געווען איבעריק ליכטיק, די לאָמפּן זענען געהאַנגען נידעריק, נידעריקער ווי אַ מענטשנס הויך און באַלויכטן בלויז די הענט, וואָס האָבן אין דער ליכט געאַרבעט; כאָטש די ווענט זענען געווען פאַרלאָזן, שוואַרץ, האָט ער דאָך, מיטן ערשטן בליק, גלייך דערזען אַז ער איז גע־רעכט געווען! אַז דאָ זענען טאַקע נישטאָ מער ווי צוויי אויוונס . . . ביי איינעם איז געשטאַנען אַ יונג, אָפּגעטונקט אין רויטן פלאַם, און פלינק געקערעוועט מיט אַ לאַנגן שטעקן, צעשאַרנדיק די גליאיקע קוילן אַזש ביז אַראָפּ צו דער עפענונג. דער צווייטער אויוון איז געווען פאַר־מאַכט. דאָרטן זענען איצט געזעסן בלייכע זעמל און זיך געברוינט די פּנים'לעך. אין דער מיט, אונטערן ליכט־קרייז, איז געשטאַנען אַן אַל־טער בעקער, שוין אַ גרויער און געוויקלט מיטביידע בלייכע הענט שטיקלעך טייג און געלעגט רייענווייז אויף אַ ברעט. אַן אַנדער בעקער האָט געשאָטן מעל אין אַ רונדן קעסל און צוגעגרייט די מאַשין זאָל נע־מען דרייען און פאַרמישן אַ נייעם, אַ פרישן טייג. און דער יונג, וואָס האָט פריער געשלעפּט דעם קויש זעמל, איז געשטאַנען און גערעדט מיט זיין ביישלעפער, גלייך זיי וואָלטן שוין פון לאַנג אָן געווען פריינט. און

דער ביישלעפער זיינער פּילט זיך שוין דאָ גאָר היימיש. גלייך ווי דזשים וויהיט האָט אַריינגעצויגן דעם וואַרעמען ריח, זאָגט ער אים:

— וואַרעם זיך אָן, פּאָפּ. זיי זענען פיינע באָים . . .

אַ נישט דרייסטער, האָט דער אַלטער זיך צוגעשאַרט צו אַן איבער־געקערט קעסטל, אין אַ ווינקעלע, און זיך שטילערהייט אָוועקגעזעצט. באַלד איז דער ביישלעפער זיינער צוגעקומען און אים איינגערוימט אַ סוד:

— זאָג גאָרנישט, פּאָפּ! זיי מאַכן טיי. מיר וועלן באַלד קריגן טיי מיט פרישע געבעקס!

דער אַלטער האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן. וואו איז ער דאָ, אין אַ חלום? . . . און ווער איז דער יונג? . . . אַ מאָדנער יונג דער דאָזי־קער! פרעגט גאָרנישט, גייט אַראָפּ אין אַ פרעמדער בעקעריי און אָט זאָגט ער, וועט מען באַלד טרינקען טיי מיט פרישע זעמל . . .

דערנאָך, זיצנדיק מיט הייסע טעפּלעך טיי אין די הענט און אַ באַרג אויפגעבראָכענע זעמל מיט שטיקלעך פּוטער אַריינגעפּאַקט, זאָגט דער ביישלעפער צו אים:

— ס'איז אַלרייט, פּאָפּ. מעגסט עסן, איך האָב אים צוגעזאָגט אַז מ'וועט אים אַרויפשלעפּן די קוישן זעמל אין קראָם אַריין . . .

אַ צופרידענער האָט דער אַלטער געשמייכלט און מיט נאָך מער אַפּעטיט געבראָקעט די פריש־קנאַקנדיקע זעמל. שפּעטער האָט ער, אַן אויסגעוואַרעמטער, אַ דאַנקבאַרער, געשלעפּט גיך איין קויש געבעקס נאָכן אַנדערן. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען. דער באָס וועט קומען קאָנען נאָך די יונגען כאַפּן אַ גנב!

אין גרויס איילעניש האָט ער דערווייל פאַרזען דעם יונג, דעם ביי־שלעפער, וואָס דרייט זיך אַרויס פון נעמען אַ קויש. אַז מער ווי צורוקן דעם קויש צו דער טיר און אים אַרויסלאָזן, טוט ער נישט . . . און נאָך עפּעס האָט דער אויפגעוואַרעמטער, צעשמייכלטער אַלטער נישט באַ־מערקט. ער האָט אין גרויס איילעניש נישט געזען ווי דער ביישלעפער זיינער האָט פון יענעם יונג געקראָגן עפּעס אין קעשענע אַריין אויך...

7

דער חשד צום יונג, וואָס האָט זיך ביים אַלטן זינט נעכטן גענו־מען וועבן, האָט איצט, נאָך די פרישע זעמל מיט טיי, גענומען צערינען

און ווערן נישט! ארויסקומנדיק פון קעלער, צוריק אין דער צעליב־טיקטער, שוין אויפגעטומלטער גאס, האט זיך דער אלטער דערלויבט און געטאן דעם יונג א קלאפ איבערן אקסל:

— באי, איך מוז דיר זאגן, דו ביזט אלרייט! איך וואלט קיינמאל נישט געוואגט אראפצוגיין צו פרעמדע מענטשן ווי דו האסט עס געטאן...

מ'מוז, פאפ! האט דער יונג א זער ערנסטער געזאגט. מ'מוז, אז נישט קאן מען פגר'ן ווי א הונט...

פאר א ווייל זענען די צוויי גיך־געווארענע פריינט, געגאנגען און געשוויגן. פאר דער צייט, וואס זיי זענען געווען אין קעלער, האט זיך דא דערווייל די גאס צעוויגט. לאסט־אויטאמאבילן, אנגעלאדענע און ליידיקע זענען געפלויגן הין און צוריק. מאשינען זענען געלאפן, מענטשן, ארומגעוואשענע, האבן שוין געאיילט צו דער ארבעט. קראמען האבן זיך צעעפנט. קינדער, מיט די העפטן און ביכלעך, זענען געלאפן אין שולע. דער אלטער, אן אויפגעהייטערטער פון דעם גאנצן טומל ארום, האט פלוצים געזאגט:

— דו ווייסט, מיין באי, איצט דארף מען גיין אויף זעקסטער עווענין קריגן עפעס א דזשאב!...

דער יונג האט זיך אפגעשטעלט. זייטיק האט ער גענומען אפפארשן דעם אלטן, פון צעקנאדערטן קעפעלע, ביז די פארמעליקטע שיך און זיך ראפטום אזוי הויך צעלאכט, אז דעם אלטן איז אזש אומהיימלעך געווארן.

— וואס האסטו געזאגט? א— א — דזשאב?... דו ווילסט מיר איינרעדן אז דו זוכסט נאך ארבעט? און דו קריגסט נאך אויך?...

דער אלטער האט נישט געקאנט פארשטיין וואס דער יונג האט זיך אזוי צעלאכט. די גאנצע סצענע איז אים געווען זער פיינלעך. שטייט א יונג אין מיטן גאס און לאכט אים אין פנים אריין... איילנדיקע מענטשן שטעלן זיך אפ קוקן, גלייך איינער פון זיי ביידע וואלט דא משוגע געווען! אבער ווער איז דא משוגע? ער, וואס זוכט נאך א דזשאב, צו דער יונג, וואס לאכט אים אזוי הויך אויס?...

— מיין טייערער באי, האט ער שוין מער נישט געקאנט אויסהאלטן, — איך ווייס נישט וואס דו לאכסט!

— פאפ, האט זיך דער יונג נאך אלץ נישט געקאנט בארואיקן, דו מוזט מיר פארגיבן, איך מוז דיר זאגן אז דו ביזט עפעס א קאמישער

חברה־מאַן! דער פּרעזידענט זאָגסטו, האָט ביי דיר צוגענומען דעם דזשאָב, שלאָפסט אין פּאַרק און . . . זוכסט אַרבעט! און ווי צו איבערצייגן דעם אַלטן אַז ער געהערט שוין נישט צו די נאַאיווע מענטשן, ענדיגט ער שוין גאַנץ ערנסט: — איך פּאַפּ, אַרבעט שוין נישט פון זינט יענער „הורן־זון" האָט מיך אַזוי אויסגענוצט און מיר נישט געוואָלט באַצאָלן. נאָ סער! מער נישט קיין אַרבעט פאַר מיר!

איך פאַרשטיי דיך נישט, האָט דער אַלטער שוין גענומען גיין און אים אויך אָנגענומען פאַרן אַרבל. איך פאַרשטיי דיך נישט, מאַך מיר קלאָר!

— ס'איז גאָרנישטאָ וואָס קלאָר צו מאַכן, פּאַפּ! איינמאָל גיי איך אויף צענטער עווענין, נידריקער אַראָפּ, ס'איז געווען אין אַ פרימאָרגן, אַזויווי איצט, כאַפּט מיך אָן אַ מאַן, אַ קורצער, אַן אמת'ער קאַרליק: — „העי, דו! ווילסט אפשר אַן אַרבעט טאָן?" פאַרוואָס נישט, זאָג איך. פאַרשטייסט, פּאַפּ, איך בין דאַן געווען הונגעריק, מער ווי הייַנט! זאָג איך צו אים: אָלרייט, וואו איז עס? „אַט־דאָ באַלד, אויפן ערשטן שטאָק", זאָגט ער מיר. „וועל", איך בין מיט אים אַרויפגעגאַנגען. דאָרטן זע איך אַז ס'איז אַן אמת'ע שטאָל. אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן! וואָס דאַרפסטו דאָ טוען, פרעג איך אים. „ער גייט דאָ איינאָרדענען, זאָגט ער מיר, אַ בלעכער שאַפּ. ער איז אַ בלעכער, וויל ער איך זאָל אים אויסרייניקן דאָס פּלאַץ. „אָלרייט, זאָג איך, אָבער מוזט מיר געבן פריער אַ קוואָדער אויף אַ ביים. איך בין הונגעריק און איך וועל נישט קאָנען אַרבעטן . . .

— נו, און ער האָט דיר געגעבן? האָט דער אַלטער זיך אויפגע־כאַפּט. איז ער דאָך געווען אַ דזשענטלמאַן! . . .

אַ דזשענטלמאַן, זאָגסטו? אַ הינטישער זון, דאָס איז ער געווען! נאָכן אָפּאַרבעטן אַ גאַנצן טאָג ווי אַ פערד, נעמט ער אַרויס אַ „באָס" און גיט מיר! וואָס? זאָג איך, אַ דאָלער פאַר דער אַרבעט? נאָ סער! דאָס קאָסט דריי דאָלער! זאָגט ער, „אַ פּלאָם אין די אויגן, וועט ער מיר געבן, נישט קיין דריי דאָלער"! זאָג איך, איך וועל נישט נעמען ווייניקער און וועל נישט פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ! זאָגט ער, „איך וועל דיך אַרויסוואַרפן!" זאָג איך, וועסט נישט! נאָר סאַי־ווי וויל איך דאָס זען! פאַרשטייסט, פּאַפּ, איך האָב נאָר געוואָלט דעם קאַרליק אַרויס־קריגן אין קאָרידאָר. און אַזוי איז טאַקע געווען. אַזוי גיך ווי ער האָט געעפנט די טיר מיך אַרויסצושטופּן, האָב איך אים מיטגעשלעפּט און דו,

פּאָפּ, האָסט געדאַרפט זען וואָסער בלוי אויג דער קאַרליק האָט געכאַפּט! אָ, באָי! האָט ער געקראָגן! ס'איז אמת, דעם דאָלער האָב איך נישט געהאַט, און צען טעג האָב איך אויך געקראָגן. נאָר עס האָט זיך גע־לוינט! פאַרשטייסט, ביים דזשאַרדזש איז דער קאַרליק געווען דער יחסן. ער איז דאָך דער באָס! פון דאַן אָן האָב איך געזאָגט: אַר־בעטן? נישט מער פאַר מיר! זאָלן די אויסוואורפן אַליין אַרבעטן!

דער אַלטער האָט, גייענדיק, אויסגעהערט די מעשה מיט אַן אָפן מויל און מיט נאָך מער אויפגעריסענע אויגן. עפּעס איז געווען אין זיינע פּייכטע, פאַרטרערטע אויגן אי חידוש אי שרעק. פון איין זייט האָט אים דער יונג געלאָקט! עפּעס גאָר אַ מאָדנער יונג. פון דער אַנדערער זייט האָט ער אים געשראָקן: אַ טרעמפּ! ווער ווייסט וואו ער קאָן אים אזוי פאַרשלעפּן . . .

— ווי־זשע לעבסטו? דו אַרבעטסט גאָרנישט! אפילו ווען דו קריגסט אַ דזשאָב?

— דו רעדסט נאַריש, פּאָפּ, ווער דאַרף אַרבעטן? האָסט געזען פריער ווי איך בין אַראָפּ אין דער בעקעריי און איינס — צוויי געקראָגן עסן פאַר דיר אויך?

— ריכטיק. אָבער פאַרגעס נישט, דאָ האָב איך דאָך געאַרבעט! און כדי אונטערצושטרייכן אַז ער עסט נישט אומזיסט, דזשים ווהייט, האָט ער צוגעגעבן: — אָן אָפּאַרבעטן, וואָלט איך נישט געווען געגעסן...

— וועמען דערציילסטו, פּאָפּ! האָט דער יונג שאַרף אים געקוקט אין די אויגן. — עסטו נישט מיסטער הווירסטס סאַנדוויטשעס? . . .

דער אַלטער האָט דערפילט ווי דער יונג האָט אים מיט דער פראַגע געפּאַקט ביים גאָרגל. געוויס עסט ער מיסטער הווירסטס סאַנדוויטשעס. אָבער... אָבער... ער זוכט דאָך כאָטש אַרבעט!

— און איך, האָט דער יונג וואוילעריש געלאַכט, איך עס מיסטער הווירסטס סאַנדוויטש און האָב אים אין דער ערד . . .

— וועל, קאָנסט דאָך אָבער נישט לעבן אויף מיסטער הווירסטס סאַנדוויטש אַליין!

— דאָס איז ריכטיק! וועל, דאַן גיי איך אַריין אין אַ רעסטאָ־ראַן, עס אָפּ און זאָג דעם קאַסיר שטילערהייט: מיסטער, איך האָב נישט צו באַצאָלן. קאָנסט מיך אַרעסטירן, אויב דו ווילסט! אָבער דערווייל האָט מיך נאָך קיינער נישט אַרעסטירט. ס'האָט שוין יאָ געטראָפן אַז אַ מאַן האָט געהערט און באַצאָלט מיין טשעק. דעם האָב איך געפרעגט

אויב ער וויל איך זאָל אים מיט עפּעס אָפּאַרבעטן. ער איז אָבער געווען א דזשענטלמאַן! האָט ער געזאָגט: באַי, פאַרגעס עס! איינמאָל האָט א מענעדזשער מיך געהייסן וואַשן געפעס פאַר די דרייסיק סענט, וואָס איך האָב אָפּגעגעסן. האָב איך צעבראָכן מער ווי כ'האָב געוואַשן... אָבער דאָס איז אמת, פּאַפּ. קיין קייק נעם איך קיינמאָל נישט! איך נעם זיך נאָר א געקעכטס מיט ברויט פאַר א קוואָדער און א קאָפע. פאַר דעם זאָלן זיי מיר טוען וואָס זיי ווילן!...

— און וואָס טוען זי דיר?

— זיי טוען גאָרנישט! זיי זאָגן נאָר: „דו, באָם! מער זאָלסטו נישט אריינקומען". אויך דאָס זאָגן זיי שטילערהייט. זיי ווילן נישט באַלעסטיקן די געסט מיט קיין סקאַנדאַלן. נאָר וואָס אַרט עס מיך? אַבי איך האָב אָפּגעגעסן...

די גאַנצע צייט האָט דער אַלטער זער אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט אין יונגס תורה. עפּעס איז ער אים יאָ פאַרגעקומען אביסל גערעכט, דער יונג! די אויסוואורפן, וואָס זיי ווילן טוען זיי דאָך מיט אונדז. אָט האָט מען ביי אים צוגענומען דעם דזשאָב. מ'האָט אים צוגענומען דאָס ווינקל צו וואַוינען. איצט איז ער געצוואונגען זיך וואַלגערן אין פּאַרק, כאַפּן א ביס, ווי א בעטלער, אָדער גאָר שטיין נאָך מיסטער הוירסטס סאַנדוויטש. אביסל איז ער גערעכט דער יונג! אָבער אריינגיין צו יענעם, אומגעבעטן זיך אוועקזעצן אָפּעסן און זאָגן טו מיר עפּעס?... נאָ סער! אַזוי טאָר מען נישט טוען! ער געפעלט אים נישט דער יונג! פונדעסטוועגן איז ער נאָך אַלץ נייגעריק צו ווייסן ווי אזוי ער לעבט זיך דורך. ער ווייסט אַז עס זענען דאָ „האָבאָוס", די וואָס אַרבעטן קיינמאָל נישט. אָבער א „האָבאָו", אַז מען גיט אים אָפּצועסן, וויל ער גערן אָפּאַרבעטן דערפאַר. דער יונג אָבער...

— און וואו שלאָפסטו?

דער יונג האָט זיך ווידער צעלאַכט:

— דו ביזט מיט מיר געשלאָפן! ביזטו נישט?

ווידער האָט ער דעם אַלטן געפּאַקט ביים קאָרק, אַז ער, דזשים ווהייט, איז פּונקט אַזאַ באָם ווי ער. דער אַלטער האָט זיך נעבעך ווידער גענומען פאַרענטפערן:

— ס'איז געווען מיין ערשטע נאַכט, פאַרשטייסט! און איך טראַכט עפּעס צו טוען...

— אַ, יע — ע — ע? האָט דער יונג אים אַריינגע׳חוזק׳ט אין די אויגן אַריין. — דו טראַכסט וואָס צו טוען? איך טראַכט שוין נישט, פּאַפּ! ווי לאַנג איך קאָן שלאָף איך דאָ! באַלד וועל איך זיך טאָן אַ כאַפּ אַרויף אויף אַ באַן און פאָר גלייך „סאוט״! אין פלאָרידא איז איצט גאַנץ גוט צו שלאָפן דרויסן . . .

נאָך דעם שטיק תורה, איז דזשים ווהייט נעבעך גאָר געוועזן צעמישט! ווידער און אָבער האָט ער זייטיק אָפּגעמאָסטן דעם יונג. דער נעכטיקער חשד האָט זיך צוריקגענומען קלייבן. ער זעט דאָך קלאָר אַז דאָס איז אַ טרעמפּ. ער וואָלט שוין באַדאַרפט אים לאָזן שטיין און אַוועק אָן איין וואָרט. ער איז דאָך ערגער ווי די נעכטיקע „באוריבאָמס״! יענע ווילן אַרבעטן! דער אָבער איז אַן אמת׳ער רויבער! נאָר אַוועקגיין קאָן ער נישט. עפּעס האַלט ער אים צו, דער יונג! קעגן זיין ווילן האָבן אין אים אָנגעהייבן אַרויסטויכן זכותים. „ווען דער יונג לאָזט אים נישט נעכטן זיך צוטוליען, וואָלט ער געוויס געווען פאַרפרוירן געוואָרן אין פּאַרק. און היינט אינדערפרי? . . .״

נאָך דעם גאַנצן טראַכטעניש אויב ער זאָל יאָ אָדער נישט אַוועקגיין, האָט ער פלוצים אַ זאָג געטאָן, מער צו זיך ווי צום יונג:

— ניין, מיין באָי! אַזוי איז נישט רעכט! איך וואָלט קיינמאָל אַזוי נישט געקאָנט לעבן, קיינמאָל!

— אָלרייט, פּאַפּ, קאָנסט לעבן ווי דו ווילסט! . . .

8

אַ גאַנצן טאָג איז דער אַלטער געווען אַ געפּלעפּטער. ער זעט דאָך איין! אַריינציען דעם יונג צו גיין זוכן אַ דזשאָב, קאָן ער נישט. אויפהייבן זיך און אַוועקגיין, קאָן ער אָבער אויך נישט... דאָס נעכטיקע אַרומבלאָנקן אין קאַלטן, פינצטערן פּאַרק איינער אַליין, שטייט אים נאָך פאַר די אויגן? דער יונג, קאָן זיין, זאָל היינט ביינאַכט עפּעס געפינען פאַר אים אויך. דערפאַר האַלט ער זיך איצט אַ שטילינקער, אַ נאָכגיביקער און גייט נאָך וואו נאָר דער יונג קריכט.

צוזאַמען זענען זיי געשטאַנען אויף טיימס-סקווער און געוואַרט אויף מיסטער הווירסטס טראָק. דערנאָך זענען זיי ביידע צוגעקראָכן צום ברייענט פּאַרקל, זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן דער זון און אַריינגעקוקט אין אַ געפונענער צייטונג. דער יונג האָט אויסגעזען צו זיין רואיק.

ער איז שוין צוגעוואוינט צו דעם אַלעם. דער נעכטיקער טאָג איז ווי היינט, דער היינטיקער ווי מאָרגן . . . נאָר דזשים וזהייט איז נישט געווען רואיק. ביי אים איז עס אַלץ נאָך דער אָנפאַנג. און ער וויל דאָס נישט! קוקנדיק אין ציטונג, הערט ער אַלץ ווי עס פּויקט אים אין קאָפּ: „דזשים, דו גייסט צום טייוול! דו חבר'סט זיך מיט אַ באָם!... פונדעסטוועגן, אַז דעם באָס האָט פּלוצים ווידער געזאָגט: „לאָמיר גיין! ס'איז קאַלט", איז ער אים, פונקט ווי אינדערפרי, נאָכגעגאַנגען און זיך געלאָזט אַריינפירן אין עפנטלעכן אָפּטרעט, אויף טיימס־סקווער און דאָרטן ארומהענגען ביז פאַרנאַכט, ווען מיסטער הוירסטס טראַק איז נאָכאַמאָל געקומען זיי דערמאָנען אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן לייענען דעם „אַמעריקאַן" און דעם „דזשורנאַל" . . .

אפילו אין אָוונט, נאָכן אַריינשלונגען די קאַפע, ווען זיי האָבן זיך געשטופּט צווישן די מאַסן טעאַטער־גייער און פאַרגעניגן־זוכער, ווען פּלוצים האָט אים דער יונג געזאָגט: „פּאַפּ, ס'איז צייט צו גיין אין סאָבוויי אויף נאַכטלעגער", אפילו דאַן האָט ער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט אפילו נישט געפרעגט פון וואַנען דער יונג האָט אַ ניקל פאַר דער סאָבוויי, אַ שטילער, פונקט ווי אַ גאַנצן טאָג, איז ער אים נאָכגעשוואוּמען צווישן די געדיכטע מענטשן־כוואַליעס. נאָר שוין ביים אַריינגאַנג פון סאָבוויי, ווען דער יונג האָט אים געזאָגט: „פּאַפּ, מ'דאַרף גנב'־ענען אַ ניקל פון דער קאָמפּאַני! מ'דאַרף זיך ביידע אַריינדרייען פאַר איין ניקל!" ערשט דאַן האָט ער געפונען אין זיך דעם כוח צו טאָן זיך אַ שטעל אָוועק, פונקט ווי אַן איינגעשפּאַרטער אָקס פאַרן שעכט־הויז:

— נאָ סער! נישט איך!

נאָך דעם נאָ סער, האָט ער זיך גענומען אַוועקגיין. נאָר דער יונג האָט אים געהאַלטן ביים אַרבל און שטאַרק געלאַכט:

— אָלרייט, פּאַפּ! דער „דיים" איז דיין! דו האָסט געטראָגן די קוישן.

שפּעטער, אין סאָבוויי שוין, האָט נאָך דער יונג געפּרוּווט באַווייזן דעם אַלטן וואָסער מצוה עס איז אָפּצונאַרן די קאָמפּאַני. נאָר דזשים וזהייט האָט שוין דאָס מאָל נישט געוואָלט אויסהערן זיין תורה. „אַ, אַז דער חברה־מאַן וויל שוין אים אויך אַריינשלעפּן אין די שווינדלע־רישע „ביזנעס"! נאָ סער! . . .

ביסלעכווייז האָבן זיי זיך באַרואיקט. דער אַלטער — פון בייזערן און דער יונג — פון לאַכן . . .

דער וועסט־סאיד עקספּרעס איז געלאָפן. די רעדער האָבן גע־קלאַפּט. דורך די פענצטער האָבן געשוועבט לאָקאַלע סטאַציעס. דער אַלטער האָט נאָך אַלץ נישט געכאַפּט וואוהין ער פאָרט. ער האָט נאָר געוואוסט אַז אין דער ענגשאַפט, שטייט ער אַקסל צו אַקסל מיט דעם באָם. דערנאָך האָבן אָנגעהייבן ווערן פריי פּלעצער. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט. צוליב דעם וואָס ס׳איז נאָר פריי געוואָרן איינצלנע פּלעצער, איז דער אַלטער געזעסן אין איין עק און דער יונג ווייטער אַרויף, אין צווייטן. נאָר אַזוי גיך ווי לעבן אַלטן איז פריי געוואָרן אַ פּלאַץ, האָט זיך דער יונג געטאָן אַ זעץ איבער.

— וואו שלעפּסטו מיך? האָט דער אַלטער שוין מיט אָפּגע־קילטע רוגזה געפרעגט. מיר זענען דאָך אין ברוקלין.

— דאַרפסט זיך נישט זאָרגן, פּאָפּ! פאַר דיין ניקל וועסטו זיך היינט געניגן אָנפאָרן!

דער אַלטער האָט באַלד ווידער געמוזט איינזען, אַז אויך דאָ איז דער יונג שוין געניט. וואָרום נאָך איידער די באַן איז אָנגעקומען צום לעצטן פּונקט, האָט אים שוין דער יונג געגומען ביים אָרבל אַרויס, אויף אַ סטאַציע, אַריבער מיט אים אין דער אַנדערער זייט, און שוין גע־נומען אַ באַן, וואָס לויפט גלייך צוריק אין די בראָנקס! און כדי נישט צו ווערן אויפפאַלענד די באַן־לייט מיטן פאָרן הין און צוריק, האָט ער דעם אַלטן אפילו פאַרשלעפּט קיין קווינס. ס׳ערשטע מאָל אַז דזשים וזהייט איז געפאָרן אויף דער ליניע קיין קווינס.

אַזוי לאַנג ווי עס זענען נאָך געפאָרן מענטשן און דער יונג האָט געמוזט זיצן גלייך, ווי אַ פּאַסאַזשיר, איז דער אַלטער געזעסן לעבן אים. אָבער גלייך ווי דער יונג האָט זיך געטאָן אַ ציִ אויס אויף דער באַנק, אין זיין גאַנצער לענג, ווי אין אַ בעט, האָט זיך דזשים וזהייט איבערגע־זעצט אויף דער אַנטקעגנדיקער באַנק. זאָל מען נישט זען אַז ער האָט עפּעס אַ שייכות מיט דעם באָם . . .

זיצנדיק אין סאַמע ווינקעלע, אַנטקעגן דעם אויסגעצויגענעם יונג, וואָס שנאָרכט אַזוי געשמאַק, האָט דזשים וזהייט נישט געוואוסט צו ער זאָל דעם יונג מקנא זיין, וואָס ער רעכנט זיך נישט מיט קיינעם, אָדער זאָל ער אים באַדויערן? ער האָט אָבער יאָ געפילט אַ דאַנקבאַרקייט צום יונג. ווען נישט ער, וואָלט ער זיך מסתם איצט געוואַלגערט אין פּאַרק. אין אַ געהייצטער סאַבוויי, איז פאָרט בעסער ווי אין אַ פּאַרק אויף אַ שטיין . . . ביסלעכווייז האָט ער זיך אויך דערלויבט, דזשים

וווהייט. ער האָט איינגעצויגן די נאָז אין קאָלנער אריין, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער און צוגעמאַכט די אויגן . . .

די באַן האָט זיך אַלעמאָל געשטעלט. אַ מענטש איז אריין, אַן אַנדערער איז ארויס. ווידער האָבן די רעדער געקלאַפּט. די פאַרשלאָ־פענע פאָרער האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ: „יאָ . . . יאָ . . ." אויך דזשים וווהייט האָט געשאָקלט אויף יאָ . . . יאָ!

פּלוצים האָט זיי דער קאָנדוקטאָר אויפגעוועקט: „ארויס! אַלע ארויס! דער לעצטער סטאָפּ!" זיי זענען ארויס, געבליבן אַ ווײַלע אויפן פּלאַטפאָרם. דער יונג האָט זיך באַלד אויסגעטשוכעט און צוריק אריין אין דערזעלבער באַן צו פאָרן אויף צוריק! „ער מוז דאָך צו־ריק"! איצט איז שוין דער אַלטער געזעסן לעבן אים און נישט גע־לאָזט אים זיך אויסציען. אין איין שרעק האָט ער שוין איצט געמינ־טערט דעם יונג: טאָמער וואַרפט מען זיי אינגאַנצן ארויס, אָדער גאָר מען ארעסטירט זיי פאַר ארומשלעפּן זיך אין די סאָבווייס.

ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען אויף „זיין", דעם באָמס סטאַציע, אין די בראָנקס! ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. אין דעם פּעדער־הייזל, דאָס וואַרט־צימערל, וואָס פירט צום אָפּטרעט, זענען שוין געווען פיל אַזעלכע פאַרשוינען ווי זיי. אויף דער איינציקער באַנק, ביי דער וואַנט, זענען געלעגן צוויי פרויען ארייגעפּאַסט איינע אין דער אַנדערער. איינערס פיס ביי דער צווייטערס פּנים. אויף דער אָנגעשפּי־גענער פּאָדלאָגע זענען שוין געלעגן מענער מיט די פּויסטן צעקאָפּנס. אַנדערע זענען נאָך געזעסן, די פיס אונטער זיך, ווי זיי וואָלטן נאָכגע־קלערט צו זיי זאָלן זיך ארייגלעגן אין דעם שמוץ. אַנדערע זענען גאָר געשטאַנען און ארויסגעקוקט אויף די אויסגעלאָשענע וואַגאָנעס, וואָס רוען איצט, אויף די רעלסן, איבער נאַכט. אַלע ווײַלע האָט אַן אַנדערער אַ שפּיי געטאָן אַ מויל ברוינעם טאַבאַק־זאַפט . . .

גלייך ווי זיי זענען אריינגעקומען, דער אַלטער מיט דעם באָם, האָט זיך דער באָם געמאַכט היימיש. ער האָט זיך באַלד אראָפּגעזעצט לעבן איינעם אויף דער פּאָדלאָגע. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן, פּונקט ווי יענער, מיט דער פּויסט צעקאָפּנס איינגעטוליעט, גלייך ער וואָלט שוין דאָ געלעגן פון ווער־ווייסט ווי לאַנג! דזשים אָבער איז געבליבן שטיין באַלד ביים אריינקום, געקוקט אויף די אַלע מענטשן, וואָס וואַלגערן זיך ווי ראַצן אין שמוץ, זיך געוואונדערט וואָס פרויען ליגן אויך דאָ.

יאָ ווען די צוויי ווייבער וואָלטן נישט פאַרנומען די באַנק וואָלט ער זיך דאָ צוגעלייגט. נאָר מסתם האָבן די באָים אַליין אָפּגעטרעטן די באַנק פאַר די פרויען. אויב יאָ, האָבן זיי ריכטיק געטאָן, די באָים! אין די ווייבערישע וואָרט־שטיבלעך מוז זיין קאַלט . . . אָרעמע פרויען, זיי וואַלגערן זיך אויך אין גאַס . . . ווען ער האָט כאָטש אַ ציימונג זיך אונטערצושפּרייטן! אַזוי אָבער? ווי קאָן מען זיך אויסציען אויף אַזאַ דיל? . . .

ער איז געבליבן שטיין ביי דער גלעזערנער טיר, דזשים וויהיט. דרויסן, אויף די גלאַנציקע רעלסן, איז געקומען אָנצעפאָרן נאָך אַ באַן. עטלעכע פאַרשלאָפענע מענטשן זענען אַרויס. גיך זענען זיי געלאָפן צו די טרעפּ. אַ וואָרעם בעט וואַרט זיכער ערגעץ פאַר זיי! די באַן איז אַוועק. געבליבן דאָ איז נאָר דער גערויש פון די רעדער, און ער, דזשים וויהיט, מיט דער נאָז אויף דער פינצטערער שויב . . .

פון לאַנגן שטיין האָבן זיך אים די פיס גענומען זעצן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע. די פּלייצע אָן דער טיר, די עלנ־בויגנס אויף די האַרטע קני, האָט ער אונטערגעהאַלטן דעם קאָפּ אַ היבשע ווײַלע. פון דער טיר האָט גענומען יאָגן אַ דין, שניידיק ווינטל, ווי אַ שאַרף מעסערל, גלייך אויף זיינע פּלייצעס. ער האָט זיך אָפּגע־רוקט און געבליבן מיט דער פּלייצע אין דער לופט, אָן אַן אָנשפּאַר. דערנאָך, זייענדיק מיד פון אַזאַ זיצן, האָט ער זיך איינגעדרייט אין מאַנטל און ווי אַ קנויל זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאָדלאָגע.

די שכנים זיינע, איינגעדרייטע ווי ער, האָבן געשמאַק געשנאָרכט. טייל האָבן אינדערשטיל צו זיך אַליין געמורמלט, ווי זיי וואָלטן געשאָלטן זיך און די גאַנצע וועלט! . . . פון כעס האָט אַזאַ איינער, אַלע ווײַלע, געטאָן אַ שפּיי, וואו נאָר ער האָט געטראָפן! אָט־אַזאַ שפּיי האָט גע־טראָפן דזשים וויהיטן גלייך אין אויפגעשטעלטן קאָלנער אַריין! ווען זיין פּנים איז נישט איינגעדרייט אין בגד, וואָלט עס אים געווען גע־טראָפן גלייך אין די אויגן אַריין . . .

מער האָט שוין דזשים דאָס נישט געקאָנט אויסהאַלטן! ער האָט זיך צוריק אויפגעשטעלט, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער גלעזערנער טיר און ווידער גענומען גלאָצן אין אומהיימלעכן, נאַכטיקן דרויסן אַרויס. ער האָט געטראַכט שוין איצט פון דאַנען אַוועקצופאָרן, אָבער וואו גייט מען אין אַזאַ פינצטערע, ווינטיקע נאַכט?

9

נאָכן אָפּוואַלגערן זיך אַ נאַכט אין וואַרט־צימער פֿון אַ בראָנקסער סאָבוויי־סטאַציע, איז דזשים ווהייט, אינדערפֿרי, געפֿאָרן צוריק צו זיין וועסט־סאַיד מיטן פֿעסטן באַשלוס אַז: „נאָ מאָר!” מער רירט ער זיך נישט אַוועק פֿון דער „וועסט”! וואָס עס דאַרף מיט אים זיין, זאָל עס זיין דאָרטן! ער האָט קנאַפּע דרייסיק יאָר אָפּגעלעבט „וועסט”, וועט ער שוין דאָרטן בלייבן!

ער איז געשטאַנען אין וואַגאָן אַן איינגעפּרעסטער אין ווינקעלע ביי דער טיר. דער דרויסן האָט געבלויט. די באַן איז געלאָפֿן מיט אַ געקלאַפּעריי. אויף יעדער סטאַציע האָט זיך די טיר געעפֿנט און אַ פֿרישע כוואַליע אויסגערוטע, אַרומגעוואַשענע מענטשן, איילנדיקע צו דער אַרבעט, האָט זיך געטאָן אַ לאָז אַריין. כאָטש קיינער האָט נישט אין זין געהאַט דעם צווייטן, האָט זיך אים, דזשים ווהייטן, אין זיין איצטיקער געפֿאַלנקייט, אין דער נישט אויסגעשלאָפֿנקייט, נאָר געדאַכט אַז אַלע קוקן אויף אים ווי אויף אַ „באָם”. וואָרום ווי אַ באָם האָט ער זיך טאַקע געפֿילט אַ גאַנצע נאַכט אויף יענעם אָנגעשפּיגענעם דיל... כדי איינצושרומפּן וואָס מער, האָט ער אַריינגעצויגן דעם קאָפּ און באַגראָבן ס'באַוואַקסענע פּנים טיף אין אויפֿגעשטעלטן קאָלנער. אָבער אין די אויערן האָט כסדר געקלונגען דער דומפּער בראַזג פֿון די רעדער. דורך די שויבן האָבן אָן אויפֿהער געשוועבט שטאָלענע סלופּעס, איינצלנע לעמפּלעך, באַלויכטענע סטאַציעס, ביז, ענדלעך, ענדלעך! ער איז אָנגעקומען אויף זיין זעקס און ניינציק, „וועסט־סאַיד” . . .

איבער ניו־יאָרק איז דערווייל ווידער אויפֿגעגאַנגען אַ בלוי־גאָלדענער טאָג. די זון האָט זיך ווידער גערוקט פֿון מזרח, איבער די הויכע הייזער, אַהער צו בראָדוויי. כאָטש אַזוי הויך ווי אין אויגוסט וועט די זון היינט נישט אויפֿגיין. אָבער דערווייל איז נאָך וואַרעם. ס'איז אָלרייט!

ווי אַ הונט, וואָס עמעץ האָט פֿאַרשלעפּט פֿון זיין היים, געפֿינט ענדלעך דעם וועג און לויפֿט צוריק אָן אַן אָפּשטעל, אַזוי איז איצט דזשים ווהייט, גלייך ווי ער איז אַרויס פֿון סאָבוויי, געלאָפֿן אַראָפּ צום פּאַרקל און פֿון דאָרט ווייטער אַראָפּ צום וואַסער. אָן אַן אָפּשטעל איז ער געלאָפֿן. ער האָט געוואָלט וואָס פֿריער זיין דאָרטן. וואָס פֿריער

זיך אַרומוואַשן, זיך אויסגלייכן, אַזוי אַז די פאַרבייגייענדיקע אויגן זאָלן נישט קוקן אויף אים ווי אויף אַ באָם!

ביים ברעג טייך האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל מיט די רעקלעך, פאַרשאַרצט די אַרבל פון העמד און גענומען אויסגלייכן דעם צעקנאָדערטן גוף. ער האָט זיך געבויגן אין אַלע זייטן, געשפּרונגען, געוואָרפן די הענט, ביז ס'ביסל אַלטע בלוט האָט גענומען שאַרפער ריזלען אין די אָדערן. און ס'איז אים טאַקע געוואָרן וואַרעמער אויך! אַן אויפגעלעבטער האָט ער זיך גענומען וואַשן און פּליעסקן. ס'וואַסער איז אפילו נישט געווען אַזוי ריין. עפּעס האָט זיך אַ בלויע פעטקייט, ווי אויל, געשפּרייט אַרום ברעג. דערפאַר אָבער איז עס געווען קאַלט און פריש, אַ מחיה!

גאָר אַ פרישער מענטש, איז ער איצט געשטאַנען און געאָטעמט טיף די בלויע לופט און געקוואָלן פון דער רחבותדיקער ברייטקייט אַרום און אַרום. דער האָדסאָן, לעבן זיינע פיס, אַ גרינלעכער, אַ ברייטער און אַ רויקער, איז זיך געפלאָסן שטיל, אַן איין כוואַליע. אַרויף, נאָרד, אין דער בלוי-דורכזיכטיקער לופט, הענגט דער דזשאָרדזש-וואַשינגטאָן בריק, אַזאַ וואונדערלעכער, האַלב-רונדער געפלעכט, אַזוי בולט נאָר מיטן האַנט צו גרייכן! איבערן רויקן טייך זשומען קליינע מאָטאָרשיפלעך, ווי וואַסער-פליגן. און דאָ, באַלד, ביי הונדערט פינף און צוואָנציקסטער סטריט, שפּאַצירן צוויי פּערי-שיפן הין און צוריק, ווי צוויי ברוינע, גוידערדיקע דאַמען וואָלטן געטאַנצט אַ קידער-ווידער טאַנץ! גייט די אַהער, גייט די אַנדערע אַהין און אַזוי הין און צוריק, אָן אַן אויפהער! און אָט קומט גאָר אָנצושווימען אַ ווייסע שיף, אַ בליאַנקע, ווי אַ וואונדערלעכע פּרינצעסן מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ. זי טוט אַ פייף! פון ערגעץ ענטפערט איר אַן אַנדער שיף מיט אַ העכערן פייף! . . . ס'איז דאָך דאָ אַן אמת פאַרגעניגן! ער האָט אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פאַר פרייד! קומט אַ באָם און פאַרשלעפּט אים ערגעץ אויף אַן אָנגעשפּיגענעם דיל, נאָ סער! מער גייט ער נישט! . . .

אין מיטן טאָג איז דער אַלטער געזעסן אין פּאַרקל, אויף אַ באַנק, אַ מידער. דאָס האַנטוכל אין איין קעשענע, אַ העמד אין דער צווייטער, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אַהינטער, ס'היטל פאַררוקט איבער די אויגן, אַזוי איז ער געזעסן און געשנאָרכט מיט גרויס אַפּעטיט אַרויף צום בלויען הימל.

אויפֿן צווייטן עק באַנק האָט זיך עמעץ געטאָן אַזוי נאָכלעסיק אַ זעץ אַוועק. די באַנק, וואָס איז געשטאַנען קרום, האָט זיך אַ בויג געטאָן. דער צוגעקומענער, נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו, האָט גע־פֿרעגט:

— כ׳האָב דיר געשטערט?

דער אַלטער האָט אין דרימל דערקאַנט דאָס קול. ער האָט געעפֿנט די אויגן, געטאָן אַ זײַטיקן קוק אויף דעם צוגעקומענעם: „אָט איז ער ווידער דאָ!״ האָט ער אַ טראַכט געטאָן. אָן אַ וואָרט, אָבער פֿול מיט רוגזה, האָט ער זיך געטאָן אַ דריי אויס מיט דער פּלייצע צו יענעם און צוריק פֿאַרמאַכט די אויגן. ער האָט, הייסט עס, גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט . . .

דער צוגעקומענער האָט אָבער גלייך דערפֿילט די רוגזה, וואָס האָט זיך צו אים אַ הוידל געטאָן צוזאַמען מיט דער באַנק. האָט ער זיך שוין מטריח געווען און זיך אויסגעדרייט: „אָט־איז ער דאָך, דער אַלטער פּאָפּ!״

— סעי, פּאָפּ! וואָס ביזטו אַזוי אַנטלאָפֿן? ס׳זעט אויס דיר געפֿעלט נישט די בראָנקס . . .

— נאָ סער! האָט דער אַלטער זיך געטאָן נאָך אַ שאַרפֿערן דריי אַוועק.

דער יונג האָט געזען אַז דער אַלטער איז שוין אויף אַן אמת בייז. און ער האָט גראָד פֿיינט בייזע מענטשן! מיט איין גליטש האָט ער זיך געטאָן אַ שאַר אַהין אין אַלטנס עק באַנק. די באַנק האָט ווידער פֿאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און זיך נאָך אַ שאַרפֿערן וויג געטאָן. דער אַלטער האָט זיך שוין געטאָן אַ קערעווע אויס אויף דעם באָמס סאַמע נאָז אַרויף:

— דו ביזט אַ פֿרעכער יונג!

נאָר דער יונג, גלייך נישט אים מיינט מען, האָט גאָר דעם אַלטן געקלעפּלט איבערן אַקסל אַזוי גוטמוטיק, ווי אַ דערוואַקסענער זון אַן אויפֿגערעגטן טאַטן:

— קאָם אָן פּאָפּ״! טו אַ שמייכל . . . וועסט זען, טעמעני וועט נאָך געבן אַ „פּייט״ דעם נייעם פּרעזידענט און דו . . . דו וועסט נאָך קלייבן בלעטער! „קאָם אָן״, טו אַ שמייכל!

דער אַלטער האָט זיך נעבעך ווידער נישט געקענט העלפֿן. קעגן זײַן ווילן האָט ער נעבעך פֿאַרלוירן די רוגזה. דאָס פּנים האָט צוריק

אויפגעשיינט. מיט גוטע, פארטרערטע אויגן האט ער שוין געקוקט אויפן יונג, ביי וועמען דער קאפעליוש האט זיך פאררוקט אזוי ווייט אהינטער אזש דער גאנצער, ווייסער שטערן האט זיך ענטפלעקט איבער דעם רויט־אפגעווינטיקטן פנים.

— ווער ביזטו? האט דער אלטער אים גוטמוטיק, פאטערלעך געפרעגט. דו ביזט א פריילעכער יונג, אלרייט! אבער ביזט א באם! און איך האלט זיך אוועק פון באמס . . .

— א יעס, איך וויים! דו ביזט א וועסט־סאידער טעמעניט . . . האט אים דער יונג נאך אלץ גוטמוטיק, אבער היבש חוזק׳דיק, געגלעט די פלייצע. — איך וויים, דיר שטייט נישט אן צו שלאפן ערגעץ אויסער אין וועסט־סאידער פארק . . .

— אבער סאיווי, ווער ביזטו? איז דער אלטער געווארן גאר נייגעריק.

— א, וואס איז דער אונטערשיד! פון דא, פון דארט, און אומעטום! . . .

נאר נאך לאנגן צושטיין, איז דער אלטער ענדלעך געוואר געווארן אז דער יונג, וועמען עס ארט גארנישט, הייסט הערבערט לארסאן, אז ער שטאמט פון ערגעץ ארום דער מיסיסיפי; אז ער האט זיך שוין ארומגעשלעפט איבערן גאנצן לאנד; אז אפילו שוין איצט, קאן ער זיך טאן א כאפ ארויף אויף איינעם פון די וואגאנען, וואס ציען דא אדורך, פאר זייערע פיס, און זיך ווידער אוועקלאזן „סאוט״, וואו עס איז ווארעם, וואו מען קאן שלאפן וואו נאר מען לייגט זיך צו . . .

אויב נעכטן, ווען דער אלטער האט אויסגעהערט דעם יונגנס באמעוואטע תורה, איז ער געווען צעמישט, נישט געוואוסט און נישט געהאט דעם מוט זיך צו טאן א טרייסל אפ, האט ער אבער איצט, נאכן פארטאגיקן אוועקרייסן זיך, שוין גאר דעצעדירט אים געזאגט:

— מיר געפעלט דאס נישט! . . .

נאר דער יונג, ווי זיך צו רייצן מיט אים, האט געענטפערט:

— און איך וועל עס טאן גאנץ אין גיכן! אט האסטו מיר אליין דערציילט אז דיינע זין זענען ערגעץ אוועק!

— יא, האט דער אלטער טרויעריק צוגעגעבן, אז קיין „איינקאך״ איז שוין מער נישט געווען, זענען זיי פלוצים אריינגעקומען און געזאגט: „פאפ, מיר גייען אוועק״ . . .

ער איז שטיל געבליבן, דער אלטער. ארום, אין פארק, האט עס גע־

ווײַבלט מיט קינדערשע קולות. באַלס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופֿט. צעפּלאַמטע קינדער, אין הוידלקעס, האָבן געשטרעקט די פֿיסלעך אַלץ העכער און העכער. דינסט מײדלעך, מיט קינדערשע וועגעלעך, זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען, שמייכלענדיק, פֿאַרשעמט איבער די פּרעכע וואונקען פֿון גיריקע מאַטראָזן . . . און פֿון יענער זײַט, איבער דער פּראַכט־ליניע פֿון ניו־יאָרק סענטראַל, איז געשטאַנען נאָך אַ גרעסערער טומל. פֿולע לאַסט־אויטאָס קומען אַלע ווײַלע און וואַרפֿן אָפּ הויפֿנס שטיינער און מיסט און ערד. מיט יעדן טאָג ווערט דאָס שטיק לאַנד, וואָס שטאָט רײַסט אַרויס בײַם האָדסאָן, אַלץ העכער און ברייטער און דער טײַך — שמע־לער און טיפֿער.

אין מיטן טומל, איז אָנגעפֿאָרן אַ לאַנגער פּראַכט־צוג. מיט איינ־מאָל האָט ער זיך געטאָן אַ שטעל אָפּ! די וואַגאָנען האָבן זיך געטאָן אַ קלאַפּ צוזאַמען. פֿאַר אַ לאַנגער ווײַלע האָט די לופֿט אָפּגעענטפֿערט מיט קליינע קלעפּעלעך. דערנאָך איז געוואָרן שטיל. צוליב דעם שטיין־געבליבענעם צוג, האָבן די לאַסט־אויטאָס זיך געמוזט אָפּשטעלן. די אויסגעליידיקטע האָבן נישט געקאָנט פֿאָרן אַהער און די אָנגעלאָדענע נישט אַהין.

קוקנדיק צו דעם פּלוצים אָפּגעשטעלטן צוג און די אַלע אויטאָס, איז דעם אַלטן אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק. ער האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף, געלאָזן דעם באָם אַליין אויף דער באַנק און פֿאַמעלעך, מיושבדיק צוגעשפּאַצירט צו דער שטיינערנער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם באַרגיקן פּאַרק, פֿון דער באַן־ליניע, אין טאָל. דער געדאַנק האָט דערווײַל אין אים אויפֿגעלויכטן מיט אַזאַ פֿרייד, ווי בײַ אײנעם, וועלכער האָט פּלוצים צוריקגעפֿונען עפּעס אַ זער טײַערע זאַך.

— בײַ גאָלי! איז ער צוריקגעלאָפֿן צו דער באַנק און אָנגעכאַפּט דעם יונג בײַ די לאַצן. — בײַ גאָלי! איך האָב אַ פּלאַן! מיט כּוח האָט ער דעם יונג אויפֿגעשטעלט פֿון דער באַנק און אים געצייגט אַהין, צום וואַסער־ברעג, צו די אָפּגעוואָרפֿענע מיסטן:—זעסט דאָרטן? מיר קאָנען דאָך דאָרטן געפֿינען אַן אָרט צום שלאָפֿן! און פֿאַרוואָס נאָר שלאָפֿן? מ׳קאָן דאָרט וואוינען! יעס סער! מ׳קאָן דאָרט וואוינען . . .

דער יונג האָט אַפֿילו נישט געוואוסט וואָס דער אַלטער וויל פֿון אים. נאָר סאיז איז אים געפֿעלן וואָס דער אַלטער איז פּלוצים געוואָרן אַזוי פֿריידיק צעפּלאַמט!

— שטענדיק זאָלסטו זיך האַלטן ביי אַ וואַסער ברעג. האָט אים דער אַלטער גענומען פּאַטערלעך לערנען. אויף טייך־ברעגן זענען אַלע שטעט געבויט געוואָרן!

— דו מיינסט זיך האַלטן אין דער וועסט־סאַיד, פּאַפּ . . .

— דו מעגסט לאַכן, דו באָם! אָבער איך וועל זיך האַלטן אַרום מיין וועסט־סאַיד. דאָ וועל איך נישט פּאַרלירן גיין! און דו וועסט זען! . . .

שפּעטער, ווי נאָך דער פּראַכט־צוג איז אַוועק, האָט ער אַריבערגע־שלעפּט דעם יונג אין יענער זייט, צווישן די בערגלעך אַש און איבער־געברענטע קוילן, צווישן די מיסטן און שטיינער. דער יונג האָט זיך נעבעך געריסן אַרויס פון דעם שמוץ, נאָר דער אַלטער האָט כסדר מיט אים גע'טענה'ט אַז אָט, אָט וועט ער געפינען! וועסט זען מ'וועט געפי־נען! מ'מוז דאָ געפינען! . . .

נאָך לאַנגן אַרומבראָדזשען אין די שטויבן, האָט דער באָם ענד־לעך דערהערט דעם אַלטן, ווי ער שרייט דאָרטן, פון צווישן אַ קופּע שטיינער, וואָס מען האָט אַרויסגעריסן מיט דינאַמיט, פון אונטער דער אַכטער עוועניו סאָבוויי:

— דאָ, מיסטער לאַרסאָן! כ'האָב געפונען!

דער יונג האָט קוים דורכגעשלעפּט די פיס צווישן די קופּעס מיסט און אַש. ווייט אַוועק, צווישן אַ קופּע שטיינער, פעלזן גאַנצע, האָט ער געפונען דעם אַלטן, איינגעבויגן איבער אַ שטיין, וואָס איז געווען דריי פערטל איינגעגראָבן אין ווייכן באָדן און איין פערטל געשטאַנען דיבאָם, ווי אַ האַרמאַט, נאָר אַרויפצושיסן צו די הויכע, וואויל־געכאַליעטע היי־זער אויף ריווערסאַיד־דרייוו.

— זעסט, האָט דעם אַלטנס פּנים אַזש געשטראַלט פאַר פרייד, זעסט, אונטער דעם שטיין וועלן מיר שלאָפן! דאָס איז אַן אידעאַל פּלאַץ. זעסט, האָסט אַ וואַנט פאַר דער פּלייצע און אַ דאַך איבערן קאָפּ . . .

דער יונג האָט אַרונטערגעקוקט אונטערן שטיין, אין דער נאָרע, און זיך שטאַרק צעלאַכט:

— כ'גיי אַ געוועט, פּאַפּ, דו מיינסט אַז איך וועל דאָ שלאָפן!

דעם אַלטן איז שוין אָבער נישט אָנגעגאַנגען וואָס דער יונג זאָגט אויף זיין ניי־געפונענער דירה. ער האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל און אַליין אַרונטערגעקראָכן אונטערן שטיין. דאָרטן, מיט דער האַנט־

פלאַך איבערן מוח, שטייענדיק אויף די קני, ער זאָל זיך נישט אַזוי טאָן אַן שטיין, האָט ער גערדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן און אַרויסגערעדט צום יונגס שיך און הויזן:

— דו זעסט, אַ דאַך מיט אַ וואַנט איז דאָ! עס וועט זיין אָלרייט! בעסער ווי דאָרט! געוויס בעסער ווי דאָרט אויף דעם אָנגעשפּיגענעם ריל!

אַ צופרידענער איז ער אַפּירגעקראָכן, דער אַלטער. פון גרויס גדולה האָט ער געכאַפּט דעם יונג אונטערן אָרעם:

— אַז וועסט נישט זיין קיין באָם, וועסטו אויך קאָנען דאָ שלאָפן... ס'איז גוט פאַר צוויי!

— אַדאַנק, פּאָפּ! כ'האָב מורא וועסט דאָ דאַרפן שלאָפן אַליין, אָן מיר. אָן מיר, פּאָפּ!

10

אין אָוונט האָט זיך דזשים וויהייט אַרומגעשלעפּט איבער בראָדוויי, אַרום זעקס און ניינציקסטער סטריט, וואו עס ווימלט מיט מאַטראָזן, וועלכע קוקן נאָך פאַרדעכטיקע מיידלעך... לעבן אַ בלענדענדיק באַלויכטענער קאַפּעטעריע, איז ער געבליבן שטיין און געקוקט ווי אײַנ־וויניק זיצן מענטשן און רייבן אויף פולע באַקן. ווי אַ יונג מיט אַ ווייסן מיץ אויפן קאָפּ, שטייט איבער אַ ברוינער, זאַפּטיקער אָקסן־פּאָלקע און שנײַדש מיט אַ לאַנגן מעסער דינע פּעניצן רויטלעך פלייש. אַ צוגעשמידטער איז ער דאָ געשטאַנען, דער אַלטער, אונטער דער די־קער שויב! פאַר אַ רגע האָט ער אפילו אַ טראַכט געטאָן צו בעטן ביי די זאַטע, צופרידענע אַרויסגייער מיט די צאָן־שטעכערס צווישן די ליפּן, אַ פּאָר סענט. יענע אָבער, האָבן אים נישט געזען! און קריכן זיי מיט אַן אויסגעשטעקטע האַנט אין די אויגן אַריין, דאָס קאָן דזשים וויהייט ביי זיך נישט פּועל'ן.

מיט אַ סלונעדיק מויל, אַ הונגעריקער, אַ פאַרביטערטער, איז ער געקראָכן אַראָפּ צום וואַסער. ווי אַ בלודנער הונט איז ער געקראָכן אין זיין געפונענער נאָרע אַריין. מער נישט, אַ בלודנער הונט לייגט אַוועק דעם נאָכהונגעריקן בויך, דעם אײַנגעפאַלענעם, אויף דער ערד, און ער, דער בלודנער מענטש, האָט זיך פריער אונטערגעשפּרייט אַן אַלטע געפונענע צייטונג...

אן איינגעקאָרטשעטער, איז ער איצט געלעגן מיט א שטאַרן בליק צו דער עפענונג. בלויז א קליין שטח פון די אנגעשאָטענע מיסטן האָט זיך דאָ געזען. לויט דער פינצטער אין דער נאָרע, איז דאָרט, דרויסן, געווען ליכטיק. ווען עס גייט עמיץ דורך, וואָלט ער גוט געקאָנט זען יענעמס טריט ביז די קני. דעם דורכגייער וואָלט אָבער נישט איינ־געפאַלן אז אין דער נאָרע ליגט א מענטש. עס איז אָבער דאָרט יאָ געלעגן א מענטש! דזשים וואָלט איז דאָרט געלעגן! צוויי געפילן האָבן זיך דאָרטן געבאָרעט אין דער פינצטער מיט דעם מענטשן. פון איין זייט איז ער געווען צופרידן וואָס ער ליגט נישט אונטערן פרייען הימל, אָדער גאָר, ווי נעכטן, אויף אן אנגעשפיגענעם דיל; וואָס א שטיין פארשטעלט אים כאָטש די פלייצע געגן די הוזשעדיקע נאָוועמ־בער ווינטן, וועלכע רייסן זיך פון טייך; פון דער צווייטער זייט האָט אָבער דער לײדיקער, איינגעפאַלענער בויך געבורטשעט און געברומט: „עס גייט צום טיוול! אַלץ גייט צום טיוול!"

דעם דורכגייער, וואָלט טאַקע נישט איינגעפאַלן אז דאָ ליגט א מענטש, אָבער דער ווינט האָט גלייך אויסגעפונען אז אונטער דעם שטיין, אין דער נאָרע, ליגט א מענטש. מיט געוואַלדיקער רוגזה, מיט הויפנס אש און קוילן־שטויב, האָט זיך דער ווינט אהער ארונטער גע־ריסן. די ציַיטונגען, אונטער דזשימען, האָבן גענומען בלאָזן און פלאַ־טערן. אפילו אין איינגעטוליעטן האלדז אריין האָט ער געטראָפן, דער ווינט!

— צום טיוול, האָט דער אַלטער געברומט צו זיך אַליין. ווען דער יונג איז דאָ, וואָלט עס געווען וואַרעמער. אן אמת'ער באָם, דער יונג! . . . אָבער מיט עפּעס פארשטעלן די צוויי זייטן וואָלט ער דאָך אַליין געקאָנט. זאָל כאָטש זיין איין זייט אָפן.

ווי א טשעריפּאַכע שטעקט אַרויס ס'קעפּל פון אונטערן פּאַנצער, אזוי האָט ער אפּערגערוקט דעם קאָפּ פון אונטערן שטיין. ער האָט גע־זוכט ארום זיך עפּעס א ברעטל, א שטיקל בלעך, אָבער מער ווי בערג מיסט האָט ער ארום זיך נישט געזען. אזוי אָבער ליגן ווערט אים אַלץ מער אוממעגלעך. אויף אַלע פיר איז ער צוריק אפּערגעקראָכן. ווי א שאָטן האָט ער זיך געשלייכט אין דער נאַכטיקער פינצטערניש, צווישן די אנגעוואָרפענע בערג מיסט און שטיינער. פון טייך האָט געיאָגט מיט ווינטיקער איינזאַמקייט. ווייט אַרויף, איבער די טונקעלע וואַסערן, איז געשווימען א צאַנקענדיק ליכטל. צוליב דער פינצטערניש האָט

מען נישט געקאָנט וויסן ווי גרויס עס איז דאָס שיפל, פון וואַנען דאָס ליכטל פלעמלט. „דער ווינט וועט נאָך עפּעס ברענגען", האָט ער, זוכנ־דיק, געמורמלט צו זיך אַליין. „עס וועט נישט גוט זיין טאָמער רע־גענט" . . .

געדולדיק און מיט גרויס מייסטערשאַפט איז ער דערנאָך געשטאַ־נען אויף די קני און אַריינגעפּראַוועט שטיקער בלעך אין ווייכן באָדן און זיי פאַרשטעלט מיט שטיינער. געלאָזט אָפּן האָט ער נאָר דעם פּאָרנט, דעם העכסטן אַריינגאַנג. איצט איז ער געלעגן אין דעם גע־צעלט, וואָס איז שוין פון דריי זייטן פאַרמאַכט און געקוואָלן: „ביי גאָלי", האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, „ס'איז וואַרעמער און אַריינרע־גענען וועט שוין דאָ אויך נישט" . . .

אין מיטן דער גרויסער פרייד זיינער, האָט ער אויפגעכאַפּט עפּעס אַ שאָרכן אין די אַשעס. ער איז שטיל געבליבן. דאָס שאָרכן איז געקומען נענטער. דייטלעכע טריט האָבן זיך דערהערט. דערנאָך האָבן זיך אַ פּאָר טרעטערס געטאָן אַ שטעל אַריין אין דער סאַמער עפענונג. ער האָט געקוקט אויף די שיך און די שיך — אויף אים! ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, געוואָלט זיך מאַכן נישט וויסנדיק . . . אָבער די צוויי טרעטערס גלאָצן אויף אים מיט אַזאַ שווערקייט!

— ווער איז דאָס? האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף די צוויי שיך.

— אָ, ביזט דאָ, פּאָפּ?

דער יונג האָט זיך אַראָפּגעזעצט „טשיפּקע", אַריינגערעדט אין לאָך אַריין, דערנאָך איז ער במחילה אינגאַנצן אַרונטערגעקראָכן . . . זיצנ־דיק לעבן אַלטן האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקעלע געוויקלט אין פּאַפּיר:

— פּאָפּ, זע וואָס איך האָב פאַר דיר!

— וואו האָסטו דאָס גענומען?

— דו ווייסט! מיסטער הווירסטס סאַנדוויטשעס! די פּאָליציי האָט געטריבן פון טיימס־סקווער צו קאָלאָמבוס סוירקל. דאָרטן האָב איך געכאַפּט אַ סאַנדוויטש פאַר דיר אויך!

— און קאָפע האָט מען אויך געטיילט?

— געוויס! הייסע קאָפע!

— אַ שאָד איך בין דאָרטן נישט געווען! נאָר אַ גוטער יונג ביזטו סאַי־ווי! האָסט געדענקט אָן פּאָפּ!

נאָך אײדער דער אַלטער האָט אַרונטערגעשלונגען צװײ ביס, האָט זיך עפּעס גענומען רירן צװישן די צײטונגען.

— אַ ראַץ! אַ ראַץ! האָט דער יונג געשריען און גענומען קאָפּען און װאַרפֿן מיט די פֿיס.

— זײ זענען הונגעריק! מ'טאָר אַהער קײן שפּײַז נישט ברענגען. זײ װעלן דיר פֿון מויל דעם ביס אַרויסרײַסן!

דער יונג איז אָפּגעקראָכן. דער אַלטער, מיטן סאַנדװיטש צװישן די צײן, נאָך אים. אונטערן כּמורנעם הימל האָט דער יונג דערצײלט זײַנע איבערלעבונגען פֿון טאָג און דער אַלטער, מיט אַ פֿול מויל ברויט־מיט־גליטשיקס, האָט זיך צוגעהערט, דערבײַ האָט ער נישט אַראָפּגענומען די אויגן פֿון דער עלעקטרישער װערטער־סטענגע, װאָס װיקלט זיך דאָרטן, אין יענער זײַט טײַך, און זאָגט אָן דער װעלט, אַז מאַזאַלאַ אויל איז דער בעסטער צום פֿרעגלען און צו „סאַלאַדס". און נאָך יעדן אָפּװיקלען דעם שפּרוך, שפּרינגט אַרויס די צײַט: „איצט איז 9:41! אין אַ מינוט אַרום: 9:42!!!

דערװײַל האָט זיך דער װינט כּסדר געשטאַרקט, װי ער װאָלט געװאָלט די צװײ מענטשן װאָס גיכער אַרונטערטרײַבן צוריק אין דער נאָרע אַרײַן. טוליענדיק זיך צום יונגס װאַרעמען קערפּער, האָט דער אַלטער זיך צוגעהערט צום אײַנזאַמען, אָפּגעריסענעם טרובען פֿון אַ דורכשװײַמענדיקער שיף; צום קלינגערײַ פֿון אַן אַנלויפֿנדיקן לאָקאָמאָטיװ און, הויפּטזעכלעך, צו דעם אומהײמלעכן קלאַפּן פֿון די שטיקער בלעך, אים צוקאָפּנס. דער װינט האָט מורא'דיק געשלאָגן בלעך אָן שטײן און פֿון דעם איז אין דער נאָרע געשטאַנען אַ שרעקלעך קלונגערײַ, װאָס האָט געקאָנט טרײַבן צו משוגעת! ער װאָלט זיכער געטאָן אַלץ, דער אַלטער, דאָס קלונגערײַ זאָל אויפֿהערן! אָבער װאָס קען ער מער טאָן װי אַרומלײגן מיט שטײנער?...

דאָס קלינגען האָט אים אַזוי לאַנג געעגבערט דעם מוח, ער האָט אַזוי לאַנג איבערגע'חזר'ט: „מ'דאַרף עפּעס טאָן", ביז אין צעטומלטן קאָפּ איז אים געבוירן געװאָרן אַ נײַער געדאַנק: „פֿאַרװאָס, אײגנטלעך, קאָן ער זיך דאָ נישט אויפֿשטעלן עפּעס אַ שטעלכל, פֿון שטיקער בלעך און שטיקער ברעטער? פֿאַרװאָס טאָקע נישט???"

— הײ, בחור! האָט ער אַ טאָרע געטאָן דעם יונג, איך האָב אַ נײַעם פּלאַן! אַ װאונדערלעכן פּלאַן!

— לאָז געמאַך מיט דיינע פּלענער! האָט דער יונג פּוילערהייט אַ בורטשע געטאָן.

— מיינע פּלענער זענען בעסערע ווי דיינע! האָט דער אַלטער ברוגז׳דיק זיך אויסגעדרייט פון באָם. נישט צו וואַלגערן זיך אין סאָבוויים אָדער אויף אָפּגעשפּיגענע דילן לעבן אָפּטרעט! . . .

די נאַכט האָט שוין דער אַלטער נישט געקאָנט קיין אויג צומאַכן. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף טאָג. אַז ער האָט נאָר דערזען די בערגלעך מיסט בלויער ווערן, איז ער שוין אַרויס פון דער גאָרע. דערנאָך האָט ער ממש איבערגעוואַלט אָפּערגעשלעפּט דעם יונג און מיט אים געגאַנגען לענג אויס דעם טייך. דער אַלטער האָט ערשט איצט דערזען וואָס פאַר אַ מאַסע ברעטלעך און קלעצלעך און סתם שטיקער האָלץ, עס הוידלען זיך אין וואַסער, ביים סאַמע ברעג. ער האָט גאָר אויפגעלעבט, דער אַלטער! די הענט האָבן אים אַזש גענומען בריען! „בִיי גאַלִי”! ווי האָב איך געקאָנט שטיין דאָ און וואַשן זיך און דאָס גאָרנישט באַמערקן?!

מיט גוואַלטיקער ענערגיע, גאָרנישט ווי אַ מאַן אין די ווייטע פופציקער, נאָר עפּעס אַ יונג בחור׳ל, האָט ער גענומען שלעפּן די שטיקער ברעטער פון וואַסער. צום ערשט האָט אים דער באָם נאָך צוגעהאָלפן. באַלד איז עס אים אָבער נמאס געוואָרן. ער זעט נישט וואָס פון דעם שלעפּעניש וועט ווערן! און דערווייל מאַכט ער זיך נאַס! האָט ער אַ וואָרף געטאָן די אַרויסגעפישטע ברעטלעך און פאַרלוירן געוואָרן אָן אַ וואָרט אפילו! נאָר דעם אַלטן זאָל דאָס גאָר אָנהייבן צו אַרן! פאַרקערט, ער טוט נאָך די אַרבעט איצט מיט מער ברען! אַז אַ ברעט שפּילט זיך מיט אים אין הוידלקע, ווייל הייסט עס, ער וויל עס כאַפּן טראָגט עס זיך אָפּ פון ברעג, פוילט ער זיך נישט, דזשים ווהייט, פאַרטשעפּעט אַ שטיק דראָט אָן אַ שטעקן, ווי אַ הוק און פאַר־בעט דאָס ברעט אַרויס צו זיך בכבוד גדול. אים אַרט אפילו נישט וואָס די יונגען פון די לאָסט־אויטאָס, וועלכע וואַרפן אַלע ווײַלע אָפּ אַ ניי בערגל מיסט און שטיינער, לאַכן פון אים און קוקן מאָדנע וואָס עפּעס ער שלעפּט אָן אַזאַ קופּע נאַסע העלצער.

דזשים ווהייט וויים אָבער יאָ וואָס ער טוט! מיט גרויס התמדה לייגט ער די נאַסע פלעקער אויף די שטיינער אונטער דער זון צום טרי־קענען. דערנאָך, אַז ר׳האָט זיך שוין גוט געהאַט אָנגעאַרבעט און אַ היבש ביסל אייגנטום ליגט שוין אויסגעלייגט אונטער דער זון, האָט ער זיך

אוועקגעזעצט רואיק אפּהיטן דאָס פּאַרמעגן . . . זינט פיל טעג האָט ער איצט, ס'ערשטע מאָל, ווידער דערפילט אַז ער איז ערגעץ צוגעבונדן. אַז ער קאָן נישט נעמען און טאָן אַזאַ גיי אוועק! ביז די ברעטלעך וועלן נישט זיין טרוקן און פאַרטאָן אין ווענט, קאָן ער נישט אוועקגיין! צוזאַמען מיט דעם געפיל פון צוגעבונדנקייט, האָט ער אויך, ס'ערשטע מאָל אין די עטלעכע טעג, דערפילט ווי ער נויטיקט זיך אין זיין יונג, אין דזשאָן. נאָר וואָס קומט אַרויס, ער ווייסט דאָך אפילו נישט וואו ער איז! איז ער נאָך אין יענעם צימערל? נאָר ווען יאָ? ער וועט סאַי־ווי אַהין מער נישט צוגיין. ער וועט מער מיט יענעם רויטן דייטש קיין אַרגומענט נישט האָבן! נאָ סער!

צו מאָרגנס, נאָכן אָפּליגן איינער אַליין אין דער נאָרע אַ לאַנגע, קאַלטע, ווינטיקע נאַכט, האָט ער באַשלאָסן זיך צו שטעלן בויען. אָבער ס'ערשטע שטיקל האַלב־אָפּגעפוילטע קלעצל, וואָס ער האָט גענומען אַריינזעצן אין באָדן, האָט אים איבערצייגט וואָסער דזשאָב ער וועט דאָ האָבן! אַז מער ווי די הוילע הענט האָט ער נישט! נישט קיין האַמער, נישט קיין טשוועקל! אָבער דזשים ווהייט שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר אַזעלכע זאַכן! ער בויט אַ היים! אָן אייגענע היים פאַר זיך! און קיין באָס ווי זיין ביישלעפער, דער הוירבערט לאַרסאָן, איז ער אויך נישט! ער וועט זיך אַן עצה געבן!

מיט אַ טעמפּ שטיקל ברעטל האָט ער אַזוי לאַנג געגראָבן ביז ער האָט געמאַכט אַ גריבל אין באָדן. דערנאָך האָט ער מיט אַ שטיין געשלאָגן איבערן קלעצל מיט גרויס פרייד און אימפּעט. ביי יעדן קלאַפּ האָט ער אויסגעשריען: „ביי גאַלי״! עס שטייט!

נאָר אַז דאָס ערשטע קלעצל איז געשטאַנען אין באָדן, האָט ער זיך אַליין געפרעגט: „וואָס אייגנטלעך וויל ער דאָ מאַכן? אַ שטעלכל? מיט דעם ביסל ברעטלעך? ווי קאָן ער? זאָל ער כאָטש מאַכן אַ ווענטל צו דער נאָרע, דער ווינט זאָל נישט אַזוי קלאַפּן מיט די בלעכן!״ אפילו דאָס איז דאָך אים אָנגעקומען מיט גרויס מי און שווייס. אַז כדי איבערצוברעכן אַ ברעט האָט ער עס געמוזט אָנשפּאַרן אָן אַ שטיין און דערויף דריקן מיט זיין גאַנצן געוויכט, אָדער שלאָגן דערויף מיט אַ שטיין אינמיטן ביז עס האָט זיך איבערגעבראָכן. אַז, כדי אַרויסצוקריגן אַ פאַרזשאַווערט טשוועקל, צו האָבן מיט וואָס צו פאַרפעסטיקן אין ברעטל צום צווייטן, האָט ער זיך געמוזט קליגן מיט אַ שפּיציק

שטיינדל. אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס? פאַר דזשים וועייט איז זיס יעדער שווערקייט. ער בויט זיך אַ היים! . . .

העי, אַלטער! וואָס מאַכסטו דאָרטן? אַ פּאַלאַץ אויפן האָד־סאָן? . . . האָבן די יונגען פון די לאַסטוועגן פון אים געחוזק'ט.

— דו, פּלאָקנשיסער, מעגסט לאַכן! פאַר דיר וואָרט אַ וואָרעם בעט!

די טעג זענען נאָך אַלץ געשטאַנען שיינע, כאָטש ס'איז שוין געווען האַלב נאָוועמבער. נאָר די נעכט זענען געוואָרן אומדערטרעגלעכער! לויט ווי ס'האָבן געריסן די ווינטן האָט עס אויסגעזען אַז אָט באַלד לאָזט זיך אַראָפּ אַ שניי. פון איין זייט וואָלט ער געווען צופרידן, דזשים וועייט. ביים ראַמען שניי פרעגט מען זיכער נישט צו ביזט אַ פאַמיליע־מאַן. יעדער איינער קריגט אַ לאָפּעטע! אָבער אין די נעכט וועט עס זיין אוממעגלעך צו ליגן אין דער נאָרע. מ'קאָן שוין נישט ליגן! און דער באָס ווייזט זיך נישט מער! טאָמער קומט ער טרייבט ער אים אַוועק ווי אַ הונט . . .

ביינאַכט ליגט ער טאַקע, דער אַלטער, אַ שטאַרער, אַ געפּרווירענער און דער מוח אַרבעט פיבערדיק איבער עפּעס אַן אַנדער פּלאַן, וואו ווייטער צו פאַרבויען און פאַרשלאָגן אַ ווינקל. און ביסלעכווייז הייבט עס טאַקע אָן אויסזען, דאָס געבויעכץ, ווי אַ שטעלכל, כאָטש אין אַלע זייטן סטאַרטשן אַרויס אָפּגעבראָכענע ברעטער־עקן, שטעכיקע פּלאָקנס. נאָר וואָס מאַכט עס אויס, אַבי אינווייניק זעט עס אויס וועגטלדיק, מיט ברעטלעך איבערן קאָפּ.

איינמאָל, אינמיטן טאָג, בעתן זיין שטאַרק פאַרטאָן אַרום דעם שטעלכל, איז צוגעקומען דזשאָ, אים אַ ריר געטאָן אין אַקסל: — העלאָ, פּאָפּ!

מיט אַ פאַרזשאַווערט טשוועקל צווישן די דינע, בלוי־פאַרטריקנטע ליפּן, האָט ער אַן איבערראַשטער געשטאַמלט, דער אַלטער:

— זע, זע ווער ס'איז דאָ! העלאָ, העלאָ דזשאָ!

— וואָס מאַכסטו דאָ, פּאָפּ?

— אָ, איך דענק צו מאַכן אַ קעמערל צום וואוינען. עס יאָגט נאָך אַלץ אַריין דער ווינט! און דו? וואו האַלסטו זיך אויף? נאָך אַלץ אין דעם צימערל, ביי דעם רויטן? מיין גאָט! ער מוז זיין אַ גענגסטער! . . .

— וואָס דו רעדסט, פּאָפּ! נאָר סאַי־ווי בין איך נישט מער דאָרט.

געהאט צו באצאָלן בלויז פּאָר איין וואָך. לעצטע נאכט האָב איך ארומ־געהאנגען מיט חברה ביים האפן. איך וויל זיך ארויפקריגן אויף א שיף. דערווייל האָב איך גענעכטיקט אין „סאַלווײשאָן־ארמעי". אָ, פּאָפּ! דאָרט איז אַן אמתער גהינום! טוסט גוט, פּאָפּ, וואָס מאכסט זיך אַן אייגן ווינקל דאָ.

— דו זאָגסט מיר? פּאָפּ ווייסט אַלעמאָל וואָס ער טוט! יעס, פּאָפּ ווייסט! אויף א שיף, מיין באָי, וואָלט געווען גוט! אָבער פון דער „סאַלווײשאָן ארמעי" האַלט זיך אַוועק! האַלט זיך אַוועק דזשאָ, וועסט ווערן א באָם! . . .

11

מיט איינמאָל האָט זיך אויפן אַלטן דזשים וואַייט א גאָס געטאָן א גאַנצע שפּע מיט גוטס. מיט איינמאָל האָבן די לאָסט־אויטאָס גענומען ברענגען אַהער גאַנצע שטיקער פון הייזער, וואָס מען האָט צענומען אין די אַלטע געגנטן פון אראָפּ אַבטע עוועניו. מ'האָט אַהער געבראַכט בלע־כענע סופיטן, וואָס האָבן געקאָנט דינען פאַר גאַנצע ווענט. מ'האָט אַהער געבראַכט ציגל און בעלקעס, שטיקער אייזן און דראָט, מאַסן ברעטער און טירן און אויך גאַנצע פענצטער, מיט די שויבן אפילו! ער האָט אפילו געזען רערן פון אייוועלעך און א ווייס מעדיצין שענקעלע מיט א שפּיגל! . . .

דזשים וואַייט איז נעבעך צעטומלט געוואָרן פון דעם פּלוצימדיקן גאָס! ער האָט נישט געוואוסט וואָס פריער צו כאַפּן! און דאָס גע־כאַפּטע האָט ער נעבעך נישט געוואוסט וואו איז א זיכער אָרט עס אוועקצולייגן. מיט א פאַרקלעמט האַרץ איז ער נעבעך געשטאַנען און צוגעזען ווי די האַרצלאָזע יונגען לײדיקן אויס דאָס מיסט און אַש גלייך אויף די אוצרות אַרויף און אַלץ ווערט אים באַגראָבן אויף אייביק!

— דזשאָ, לאָמיר ראַטעווען וואָס מען קאָן! האָט ער געשריען צום זון.

ווי א יינגל, וואָס האָט אין חלום געפונען א גרויסן אוצר אין א ווילדן וואַלד און ער וויל ראַטעווען וואָס מער, וואָס מער, אַזוי האָט איצט דער אַלטער געכאַפּט און געשלעפּט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט! איבער זיינע כוחות האָט ער געאַרבעט! ער האָט אפילו נישט אַוועקגע־לאָזט דזשאָן נאָך א ביסן ברויט. „לאָמיר, האָט ער געזאָגט, פריער האָבן דאָס אַלץ לעבן אונדזער שטעלכל"!

אַז זיי האָבן שוין געהאַט אָנגעשלעפּט אַ היבשע קופּע ברעטער און בלעכן און דער אַלטער האָט זיך דערליובעט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, האָט ער ערשט איינגעזען אַז ער האָט נישט וואָס צו כאַפּן, אַז וואָס אַמאָל ברענגען די לאַסט־וועגן אַלץ מער און אַז אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער קאָן איצט פון די מאַטעריאַלן מאַכן, זעהען די דריי צעקרימטע, צע־שפּיצטע ווענטלעך, לעבן דער נאָרע, אויס זייער נעבעכדיק, אַזוי נעבעכ־דיק, אַז אפילו אַ הונט טאָר מען דאָ נישט אַריינלאָזן! . . .

אָפּגעמאַטערטע זענען זיי איצט, דער טאַטע מיטן זון, געזעסן לעבן דער קופּע ברעטער און בלעכן און דער אַלטער האָט געמאַכט פּלענער וואָסערביידל ער וועט ערשט איצט אויפשטעלן! איצט וועט ער מאַכן אַן אמת'ע היים! ער האָט דאָך אַפילו אַ האַמער געפונען! און טשוועקעס זענען אויך דאָ גענוג אין די ברעטער! „כ'גיי אַ געוועט, האָט ער געזאָגט צום יונג, ווען מען זאָל גוט זוכן, וואָלט מען אַ זעג אויך גע־פונען!"

— וועסט דאַרפן אַריינשטעלן אַ פענצטער אויך, פּאַפּ!

געוויס אַ פענצטער! דאָס קליינע פענצטערל, מיט די פיר שויבן, וועל איך אַריינשטעלן! אַ גרויס פענצטער וועט זיין צו קאַלט! איצט, זון מיינער, האָבן מיר צייט! אין דעם קליינעם שטעלכל, לעבן שטיין, קאָנען מיר דערווייל וואוינען ביז מ'וועט אויפבויען אַן אמת'ע היים!

אינמיטן זייער געמיטלעך פּלאַנעווען, איז דערווייל צוגעקומען עפּעס אַ מאַן מיט אַזאַ מאָדנעם אינסטרומענט. דערנאָך נאָך איינער. פּונקט לעבן זייערע פיס האָבן זיי זיך געשטעלט מעסטן דאָס שטיקל פּלאַץ. לויט דער טיף פון וואָסער האָבן זיי דאָ געמאָסטן די הויכקייט פון אָנ־געשיטן באָדן. נאָכן אַרוממעסטן אַרום און אַרום, זאָגט איינער צום אַלטן:

— וועסט זיך מוזן אָפּטראָגן פונדאַנען מיט דיין אוצר, מ'דאַרף דאָ העכער מאַכן און אויסגלייכן דעם באָדן.

נאָך איידער דער צעטומלטער דזשים ווהייט האָט זיך געכאַפּט וואָס דאָ גייט פאָרקומען האָבן שוין גענומען אַהער פאָרן אויטאָס מיט אַש און מיסט.

— וואָס זאָל מען איצט טאָן, דזשאָ? האָט דער אַלטער פאַרלוירן געשטאַמלט. וואָס זאָל מען איצט טאָן?

— איך דענק מ'דאַרף וואַרטן ביז זיי וועלן אויסגלייכן דעם באָדן!

— זיי וועלן אַלץ באַגראָבן אונטערן מיסט! לאָמיר עס אוועק־טראָגן, דזשאַ, גיך!

פאַרהצווייפלטע האָבן זיי ווידער גענומען ראַטעווען דאָס ביסל אָנ־געקליבענע גוטס. אָבער די אַריינגעשטעלטע ווענטלעך, מיט דער נאָרע אונטערן שטיין, האָבן זיי נישט געקאָנט ראַטעווען. הילפלאָזע, זענען זיי געשטאַנען איבער דער אָנגעשלעפּטער קופּע בלעכן און ברעטער און צוגעקוקט ווי אין טאָלעכל, צווישן די שטיינער, לעבן זייער ווינקל, שיטן זיך אָפּ פרישע בערגלעך און באַלד קומט אַ מאַשין, אַט־יענע חיה, וואָס דרייט זיך אויף שווערע, אייזערנע פּעסער־רעדער און פּרעסט איין און גלייכט אויס דעם באָדן. און אַט קאָלערט זיך דער מאָנסטער אַרויף און וואַרפט אום די ווענטלעך, אויף וועלכע ער האָט אַזוי פיל אַרבעט גע׳פּטור׳ט. נאָך איידער ער האָט באַוויזן עפּעס בעסערס אויפצובויען, האָט ער שוין פאַרלוירן דאָס שטיקל נאָרע פון איבערן קאָפּ אַראָפּ. מער ווי אַ שפּיץ פון יענעם שטיק פּעלז, האָט מען איצט פון אויסגעגלייכטן באָדן נישט אַרויסגעזען. אפילו אַ הונט וואָלט זיך איצט דערונטער נישט געקאָנט שיצן.

— איצט איז אָלרייט. איז דער מעסטער צו זיי צוגעקומען פון דער זייט. איצט קאָנט איר שוין דאָרטן טאָן וואָס איר ווילט. מער וועט מען אייך שוין נישט באַלעסטיקן.

ס׳איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג. איידער מען קוקט זיך אום פאַלט צו די נאַכט. נאָך אַזויפיל מי און אַרומוואַלגערניש איז ער ווידער אָן אַ שטיין צוקאָפּנס, פּונקט ווי דאַן, ווען ער האָט זיך קוים אַרויסגעכאַפּט פון אונטער דעם רויטן דייטשס וואָנסעס! אויף גיך האָבן טאַטע און זון גענומען מאַכן אַ שטיקל דעכל צו קאָנען דערווייל, אויף איבער נאַכט, אַרונטערקריכן. דערנאָך האָט דער אַלטער זיך געשטעלט בויען אויף אָן אמת! דאָס מאָל האָט ער שוין נישט געוואָלט אָפּכאַפּן. אַז אַ דעכעלע איז דערווייל, פּאַר אַ נויט, דאָ — קאָן ער זיך פּאַרגינען צו בויען מיט אַ טאַלק, רואיק, מיט אַ פּלאַן. מיטן זון האָט ער זיך איינגע־טיילט: ער, דזשאַ, זאָל ווידער גיין וצו די מאַרקעטס יעדן טאָג באַזאָרגן עסן און ער אַליין וועט דאָ, לעבן טייך, אונטערן טרובעריי פון די לאַסט־וועגן און שיפן, בויען די היים!

מיט זעלטענעם געדולד און נאָך מער ליבע, האָט דזשים וו‏הייט איצט צונויפגעהעפט אַ ברעטל מיט אַ בלעך, אַ בלעך מיט אַ קלעצל און עס איז געוואָרן אַ וואַנט! און אַז אַ וואַנט איז שוין געשטאַנען און

ער האָט געזען אַז דער ווינט בלאָזט דורך, האָט ער, ווען דער יונג איז אַהיימגעקומען, געזאָגט:

— דזשאָ, מ'דאַרף אויסזוכן סמאָלע פּאַפּיר! מ'וועט דאַרפן דעקן נישט נאָר דעם דאַך, נאָר אויך די ווענט!

ביסלעכווייז האָט דאָס „בויעכץ" באַקומען אַן אויסזען! אַפילו דאָס פיר־שייבלדיק פענצטערל איז שוין, נאָך לאַנגע קלערענישן, געווען אַריינגעזעצט אין ווענטל, וואָס קוקט אַרויס צום טייך.

אין מיטן דעם גאַנצן פיבערדיקן בויען, האָט ער אָבער געדענקט יעדערס מאָל צו־צו לויפן צו אַ פריש אָנגעוואָרפן בערגל און זיך דאָרטן ראַיען און אַרויסשלעפּן עפּעס וואָס איז אים נוצלעך. ער האָט שוין אַפילו אַרויסגעשלעפּט אַ צעבויגן אייזערן בעטל, וואָס ער האָט געדולדיק צוריק אויסגעגלייכט און עס אַוועקגעשטעלט אין ביידל, לעבן פענצטערל. און איבער די געפונענע זאַכן האָט ער זיך שוין נישט אַזוי געצאַפּלט. נישט נאָר ווענט און ברעטער מיט סמאָלע־פּאַפּיר אויבן, נאָר אַפילו אַ טירל הענגט שוין ביי אים! אַ רויט טירל, וואָס אַמאָל האָט עס זיך געוויגט הין און צוריק אין אַן אַלטן ביר־סאַלון, ערגעץ אַרום האוסטאָן סטריט, הענגט שוין איצט אויף זיין ביידל! און אַז ער גייט אַוועק, שליסט ער עס פּאַוואָליע צו און איז רואיק נישט נאָר איבער דעם העמד און האַנטוך, וואָס ער האָט ביז איצט געמוזט טראָגן אין די קעשענעס, נאָר אויך איבער אַלץ, וואָס ער האָט שוין דאָ באַוויזן אָנצוזאַמלען!...

און זיין פאַרמעגן פאַרגרעסערט זיך מיט יעדן טאָג! אָט האָט ער געפונען אַ שטאַנג, אַ רער אַזאַ, אויף וועלכער ס'איז נאָך געווען אַרומגעוויקלט די אַמעריקאַנער פאָן, אַן איינגעשמוצטע, מיט איינגעריסענע שטרייפן און איין דורכגעלעכערטן שטערן. מיט גרויס פרייד האָט ער דאָס געכאַפּט און צוגעבראַכט צום ביידל. אַ היבשע ווייַלע האָט ער דאָס געהאַלטן אין דער הויך, אויפן דעכל, איבער דער טיר. „ביי גאַלי"! ער וועט נאָך דאָ די פאָן אַרויפציען! דאָ איז אויך „יונייטעד סטייטס טעריטאָרי". זאָל אויך דאָ פלאַטערן די אַמעריקאַנער פאָן! . . .

צוזאַמען מיטן מערן זיך פון זיין פאַרמעגן, אָט אַ שטייגער דער בלויער, אָפּגעקנאַקטער טשייניק, וואָס ער האָט נאַרוואָס געפונען, מערט זיך אים אויך זיין פאַנטאַזיע! ער האָט ממש געגליט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, וואָס ער האָט שוין און וואָס ער קאָן נאָך אַלץ דאָ אָנ־זאַמלען! ווען די אַלע, וואָס שטייען נאָך סאַנדוויטשעס, וואָלטן נישט געווען קיין באַמס, וואָלט מען דאָך אַ גאַנצע שטאָט געקאָנט דאָ אויפ־

בויען! פון צוויי און זיבעציקסטער ביז ארויף נאָרד, צו הונדערט און פינף און צוואַנציקסטער סטריט, ציט זיך דאָס שטיק ניי־געשאַפן לאַנד. און פון וואָס צו בויען איז אויך דאָ! די לאַסט־אויטאָס האַלטן אין איין ברענגען! אַ גאַנצע „קאָמיוניטי״ וואָלט מען געקאָנט אויפבויען! ווען דאָ, לענג אויס דעם האַדסאָן, וואָלטן זיך געצויגן אַ סך אַזעלכע ביידלעך ווי זיינס, וואָלט ער נישט באַדאַרפט גיין מיטן טשייניק אַזש צו זעקס און ניינציק נאָך אַביסל וואַסער. די „קאָמיוניטי״ וואָלט געשיקט אַ דעלעגאַציע צום מעיאָר, וואָלט מען דאָ זיכער צוגעצויגן וואַסער! פאַרוואָס נישט? מיר זענען נישט קיין בירגער? . . . און אַ קאָמיוניטי וואָלט אפשר געהאַט אַ מעיאָר אויך! פאַרוואָס נישט? . . . זיי וואָלטן זיכער געמאַכט אים . . . „מעיאָר דזשים ווהייט! „ביי גאָלי״! ווען זיי וואָלטן נישט געווען קיין באָמס . . .

— זיכער, פּאָפּ! דיך דאַרף מען מאַכן פאַר מעיאָר! דו ביזט דאָ דער ערשטער בירגער!

ער איז געווען זיכער אַז דאָס האָט אים דער יונג געזאָגט. אינדער־אמת׳ן איז דער יונג דאָ גאָרנישט געווען. אַליין איז ער געשטאַנען, דזשים ווהייט, אין ביידל, איבער אַ באַרג ציגל, וואָס ער האָט אָנגע־שלעפּט. די נעכט זענען געפערלעך קאַלטע און קיין אייוועלע, וואָס ער האַלט אין איין ארומזוכן, קאָן ער אַליין נישט געפינען, מוז ער זיך שטעלן בויען אַן אייוועלע. עס איז אַלרייט! דזשים ווהייט געדענקט גוט ווי מען פלעגט בויען די ציגלענע אייוועלעך אין „אָלד ענגלאַנד״.

ווי אַן אמת׳ער מויערער איז ער איצט געשטאַנען און געלייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל. אינדערזייט, אין ווענטל, האָט ער געלאָזן אַ קונציקע עפענונג אויף אַריינצורוקן טעפּ. אינדערהויך האָט ער ארויפגעפּאַסט אַ שטיק אייזערנע פּליטע און צוזאַמען מיטן פאַנטאַזירן, הויך אויפן קול, ווען דזשים ווהייט אַלס מעיאָר פון דער נייער „קאָמיוניטי״, האָט זיין פאַנטאַזיע שוין אויך געזען ווי די פּליטע גליט אַזוי פייערדיק־רויט און דער טשייניק וואַסער זידט מיט קאָכיקע בלעזעלעך, און ער אַליין זיצט ביי דער היימישער פּליטע און הערט זיך־צו ווי עס פייפט דער ווינט אין דרויסן . . .

העלאָ, פּאָפּ!

אין זיין גרויסער פאַרטוענקייט, סיי מיטן געדאַנק, סיי מיט די הענט, האָט ער גאָרנישט געהערט ווי ס׳טירל האָט זיך געעפנט און דער באָם האָט זיך געטאָן אַ שטעל אַריין גלייך הינטער אים!

— העלאָ, פּאָפּ! איך זע דו אָרדנטסט זיך דאָ איין ווי אַן אמת'ער לאָרד!

אַ שטאַרק איבעראַשטער, האָט אים דער אַלטער אָנגעקוקט, האַלטנדיק די צוויי פּאַרנומענע הענט אין דער לופט. אין איינער האָט ער געהאַלטן אַ פּויסט ווייך, נאָס ליים, און אין דער צווייטער — אַ רויטן ציגל. ער האָט זיך גאָרנישט געריכט אַז נאָך אַזויפיל טעג, זאָל זיך דער באָס ווידער באַווייזן. ער האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל דאָ מיט אים טאָן. פון איין זייט האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן באַגער אים אַרויסצוטרייבן! „אַרויס פון מיין הויז, דו באָם"! . . . אַזאַ ווי דו, האָט נישט קיין רעכט אויף קיין דאַך! פון דער אַנדערער זייט האָט אָבער דער גוטער דזשים געוואָלט אים אַרומכאַפּן, אָט מיטן ציגל און מיטן ליים אים אַרומכאַפּן: „הוירבי, קום גלייך אַהער! פאַראַן גענוג דאָ פון וואָס צו בויען! שטעל זיך אויף אַ ביידל. איך וועל דיר העלפן! רוף נאָך באָים. „לאָמיר אויפשטעלן אַ שטאָט!" נאָר געטאָן האָט ער נישט ס'ערשטע און נישט ס'צווייטע. מיט ביטול און נאָך מער פאַראַכטונג, האָט ער זיך אָוועקגעקערט פון דעם באָם און ווידער גענומען בויען דאָס אייוועלע . . .

— וואָס איז דער מער, פּאָפּ, שוין ווידער בייז?

— אָ, סאָ, סאָ . . . האָט אים דער אַלטער אָפּגע'פּטור'ט. ער האָט זיך אָבער לאַנג נישט געקאָנט איינהאַלטן! די פריערדיקע וויזיעס פון אַ קאָמיוניטי אויפן ברעג האָדסאָן: די וואַסער־רערן און אפשר נאָך לאָמפּן אויך, וואָס מען וואָלט דאָ זיכער פאַרצויגן; דער אַמעריקאַנער פלאַג איבער זיין דעכל און אפשר אויך, פאַרוואָס נישט? דזשים וההייט אָלס מעיאָר: אָט־דאָס אַלץ האָט אים נישט געלאָזט זיין אָנגע'ברוגז'ט. ס'ביסל בייזקייט, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט, ביים יונגס אַריינקומען, איז איצט געוואָרן צעבלאָזן, ווי שפּינוועבס אונטער אַ שטאַרקן ווינט.

— הער מיך אויס, האָט ער זיך פּלוצים זייער ערנסט געטאָן אַ דריי אוים צום באָם. הער וואָס פּאָפּ זאָגט דיר! שטעל דיר אויף אַ געצעלטל! אַז אַ מענטש האָט אַ ווינקל וואו זיך אָוועקצולייגן, געפינט ער שטענדיק וואָס אָפּצועסן אויך! ניו־יאָרק איז אַ גרויסע שטאָט! זעסט, אָט מאַך איך שוין אַן אייוועלע! ס'וועט מיר זיין וואַרעם . . . האַלץ צום ברענען וועט מען דאָ שטענדיק געפינען! הער וואָס פּאָפּ זאָגט דיר! . . .

— איך מיין, איר זענט גערעכט, מיסטער דזשיימס וויייט . . .

„מיסטער דזשיימס וויייט״ . . . דער אַלטער האָט עפּעס נישט גע־וואוסט ווי אַזוי ער זאָל אויפנעמען אָט־דעם זאָג: מיסטער דזשיימס וויייט. ביי דעם יונג ווייסט ער קיינמאָל נישט צו ער חוזקט אָדער ער רעדט ערנסט. פון זינט ער האָט אים יענע נאַכט באַגעגנט לעבן דער וואַנט, אַן איינגעקנוילטן און זיך צו אים צוגעטוליעט, הערט ער ערשט דאָס ערשטע מאָל פון אים זיין פולן נאָמען. נישט בלויז דזשים, נאָר מיסטער דזשיימס וויייט״, ער קאָן נאָך זיין „מעיאָר דזשיימס וויייט״ אויך! מ׳קאָן גאָר נישט וויסן! אַוודאי קאָן מען גאָרנישט וויסן! . . .

12

די פּאַטערלעכע לעקציע, וואָס דזשים וויייט האָט נעכטן געגעבן דעם „באָם״, הויבערט לאַרסאָן, האָט אים נעבעך היינט פאַרשאַרפט פיל האַרצווייטיק. וואָרום דער באָם איז נישט געקומען אַליין! באַלד אינ־דערפרי, האָט ער זיך אַהער אַראָפּגעלאָזט מיט אַ פריינט זיינס, אַ חברה־מאַן, מיט וועמען ער האָט זיך די לעצטע טעג געוואַלגערט אין די סאָבוויי־סטיישאַנס. יענער, דער פריינט זיינער, דאָס איז עפּעס אַן אויסטערלישער לאַנגגאַץ! דעם אַלטן דאַכט זיך, ווען דער יונג זאָל צעשפּרייטן די צוויי פיס, וואָלט ער זיכער געקאָנט שטיין אויף ביידע ברעגן האַדסאָן און נאָך אונטער זיך דורכלאָזן די שיפן פון טייך... אַ פּאָר הענט האָט ער, דער לאַנגער, קאָן ער זיכער מיט זיי גרייכן צו דער דזשאָרדזש וואשינגטאָן בריק. דעם יונג האָט דזשים וויייט פיינט גע־קראָגן גלייך ווי ער האָט אים נאָר דערזען.

גלייך ווי ער איז נאָר צוגעקומען, דער לאַנגער, האָט ער שוין גענו־מען לאַכן פון אַלטנס ביידל: „אָט־אַזאַ חורבה מאַכט מען? געלאַטעטע שטיקער סמאָלע־פּאַפּיר מיט ווייסע בלעך? ברוינע ברעטער מיט ווייסע טירן אין אַ וואַנט? כאַ, כאַ, כאַ! ער וועט מאַכן! פון הוילע ווייסע בלעכן וועט ער מאַכן! אפילו דעם דאַך וועט ער מאַכן פון ווייסן בלעך! אַ פּאַלאַץ וועט ער זיך מאַכן! ס׳וועט זיין אַ פּראַכט! און מיט די ציגל, וואָס וואַלגערן זיך דאָ, וועט ער אין פרילינג אויספּלאַסטערן אַ רויט שטעגעלע צום ווייסן פּאַלאַצל, און די דראָטן און שטיקער רער וועט ער אויך פאַרנוצן. ער וועט זיך מאַכן דערפון אַ גערטל . . .

אַז דער אַלטער האָט דאָס דערהערט, האָבן אים גענומען דריגן

הענט און פּיס! ער האָט מיט איינמאָל פֿאַרלוירן אַלץ! נישט נאָר די זיכערקייט אין זיך, נאָר דעם באָדן אונטער זיך האָט ער פֿאַרלוירן! ער האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל דאָ כאַפּן טאָן! און דער לאַנגאַץ רעדט נישט בלויז. דאָס איז דיר נישט דער באָם לאַרסאָן! דער לאַנגאַץ ראַיעט זיך שוין אין די אָנגעוואָרפֿענע בערג מיסט און שלעפּט שוין גאַנצע קופּעס . . .

— דזשאָ, מיר געפֿעלט נישט דער לאַנגער! לאָמיר אים נישט לאָזן צונעמען אַלץ! ער איז אַ רויבער, דו הערסט, דזשאָ! . . .

— אָ, פּאָפּ, וואָס דאַרפֿסטו דעם אָפּפֿאַל?

דזשים וויהיט האָט אָבער נישט געהערט וואָס דער יונג זאָגט. מיט זיין געזונטן חוש האָט ער דערפֿילט אַז דער לאַנגער, מיט דעם אויסגע־צווינגענעם, בלייכן פּנים, וועט זיך דאָ נישט בלויז אויפֿשטעלן אַ דאַך איבערן קאָפּ, נאָר אַז ער וועט טאַקע פֿאַרשלינגען אַלץ וואָס דאָ איז נאָר פֿאַראַן. מיט הארצווייטיק האָט דער אַלטער געקוקט ווי יענער שלעפּט די בלעכן און ברעטער. אַלץ וואָס ער האָט נעבעך געקאָנט טוען, דער אַלטער, איז קריגן זיך מיט לאַרסאָנען. וויל זיך אָבער דער באָס נישט קריגן! אַז נאָר ער לאַכט און קלאַפּט אים אין פּלייצע:

— וואָס אַרט עס דיך, פּאָפּ? . . .

אָבער אַז דער אַלטער האָט דערזען ווי דער לאַנגער האָט געבראַכט צו שלעפּן אַ שטול! אַ גוטע שטול! ערנסט, ווי אַ גוטע שטול . . . האָט ער שוין מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. נישט ווייסנדיק צו וואָס, אַפֿילו נישט ווייסנדיק וואו ער וועט נאָך פּאַקן דאָס אָנגעקליבענע, האָט ער זיך ווידער אַ פֿלאַטערענדיקער, אַ צעטראָגענער, אוועקגעלאָזט צווישן די אָנגעוואָרפֿענע מיסטן. איצט האָט ער שוין נישט געזוכט וואָס ער דאַרף. ער האָט שוין געכאַפּט אַלץ וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט. ווייל דאַרפֿן, אייגנטלעך דאַרף ער דאָך גאָרנישט! ער האָט נאָר מורא אויב ער וועט נישט כאַפּן דעם צעשאָסענעם זייגער, אָן ווייזערס, ביי וועמען די געדערים הענגען אַרויס, נאָכגעלאָזטע, וועט דער הויכער דאָס צוכאַפּן. חוץ דעם, די אומרואיקייט טרייבט אים דווקא דאָרט, וואו דער הויכער איז . . . נישט איינמאָל האָט ער זיך צונויפֿגעשטויסן מיטן לאַנגן:

— דאָס איז מיין! האָט ער געשריען. איך האָב עס צום ערשט דערזען!

אָבער דער הויכער האָט געטאָן אַ ריס דאָס שטיק רער מיט אַזאַ רציחה אַז דער אַלטער איז שיר אומגעפאַלן.

אַ באַזינגטער דורך דעם הויכן אין אָפענעם שלאַכט־פעלד, צווישן די קופּעם מיסט, האָט דער אַלטער זיך נעבעך צוריקגעצויגן צום אייגענעם ביידל און מיט גרוים פאַרדרוס צוגעקוקט ווי דער „רויבער" מאַנדרעוועט טאַקע אַרום ווייסע, בלעכענע ווענט! דאָס איינציקע, וואָס ער האָט דורכן באָס געפּועלט, איז געווען, דער „רויבער" זאָל זיך כאָטש אָפּרוקן אַביסל ווייטער. „וואָס, קאַרג פּלאַץ פאַראַן אויפן האָדסאָן"?

און ער שטעלט זיך טאַקע אָן אמתן פּאַלאַץ, דער הויכער! ווייס־געפאַרבטע, בלעכענע ווענט; אַ משופּע, ווייס דעכל און דריי פענצטער אין דריי זייטן! דריי גרויסע פענצטער! אָט וואָס דער „רויבער" האָט זיך פאַרנומען אויפצושטעלן! צו אַלדע טייוול! וואָס האָט ער, דזשים ווהייט, זיך אַזוי געאיילט? . . . ס'אַלטע האַרץ האָט אים נעבעך גע־קלעמט פון קנאה. ער האָט זיך געוואָלט נעמען איבערמאַכן זיין גאַנץ שטעלכל. זענען אָבער שוין געשטאַנען קאַלטע טעג. ס'האָט אים שוין געבריט אין די פינגער. דערצו נאָך האָט אים דער יונג זיינער, דזשאָ, אָפּגעהאַלטן: „ס'לוינט נישט, פּאָפּ! סאַי־ווי וועט מען פונדאַנען אַראָפּ־טרייבן . . . ער, דזשים, גלייבט אפילו נישט. וואָס הייסט מען וועט אַראָפּטרייבן? פאַרוואָס? וואָס אַרט דען די שטאָט אַז ער, דזשים ווהייט, האָט דאָ, אויפן ברעג האָדסאָן, צווישן די סאַמע מיסטן, אַ ביידל? נאָר ווען אפילו מ'זאָל אַראָפּטרייבן, וועט ער דערלאָזן דער „רויבער" זאָל האָבן דריי פענצטער און ער נאָר דאָס קליינע, פיר שייבלדיקע לעכל?... נאָ סער!

אויף גיך האָט ער אַרויסגעבראָכן עטלעכע לאַטעס פון דער וואַנט, וואָס גייט צום לאַנגגאַס ביידל און מיט גרוים הנאה, יענעם אויף צעפּי־קעניש, גענומען אַריינשטעלן אַ האַלב פענצטער, וואָס ער האָט מיט גרוים מסירת נפש אַוועקגעריסן, טאַקע פון אונטערן רויבערס הענט. זאָל ער זען, דער לאַנגאַץ, אַז ביי אים וועט זיין נאָך אַ פענצטער און טאַקע אין זיין זייט אַריין! . . .

כדי דעם לאַנגן נאָך מער צו קרענקן, איז ער אויף צומאָרגנס אויפ־געשטאַנען ווען ס'האָט נאָך געבלויט און גענומען אויף גיך אַרויספּעפּעס־טיקן דעם שטאַנג מיט דער פאָן, איבער דער טיר. דערנאָך איז ער גע־שטאַנען מיט איין אויגל אין זעלבן האַלבן פענצטער און זיין אַלט, שוואַך האַרץ האָט אָנגעקוואָלן קוקנדיק, ווי דער לאַנגער איז אַרויסגעקו־

מען פון ביידל און געבליבן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, אַ פאַר'חידוש'־טער: פונוואַנען האָט זיך פּלוצים דערנומען אַ פּאַן איבערן אַלטנס נאַרע . . .

שפּעטער, ווען דזשאַ איז געקומען אַ פרייִדיקער, מיט אַ בשורה אַז פון יענער זייט זעקס און ניינציק, ביז אַראָפּ דער צוויי און זיבעציקסטער סטריט, שטעלן זיך חברה אַסאַך אַזעלכע ביידלעך, האָט דער אַלטער נע־בעך נישט געוואוסט צו ער זאָל זיין צופרידן, אָדער גאָר מורא האָבן...

נאָר צו וואָס האָט ער געדאַרפט גיין אין יענער זייט זעקס און ניינציקסטער? אַז דאָ, אַרום אים, איז ממש געוואָרן אַ מהומה! ס'וואַקסן ביידלעך איבערן טאָג! יעדן טאָג יאָוועט זיך נייע שכנים. ווען נישט דער לאַנגער „רויבער", וואָלט דזשים ווהייט זיכער צופרידן געווען וואָס עס וואַקסט אַ „קאָמיוניטי". ער וואָלט אפילו אַלעמען צו־געהאָלפן! אַזוי אָבער, שלעפּט ער זיך נעבעך אין די מיסטן, כאַפּט נאָך אַ בלינדן זייגער, אַן אַ ציפערבלאַט, הייבט אויף נאָך אַ צעבויגן רעדל פון אַ קינדער־וועגעלע, כאָטש ער באַדאַרף דאָס אַלץ אויף כפרות. אויב ער טוט דאָס, איז עס בלויז ער זאָל קאָנען קוקן דעם לאַנגן אויף די הענט, וואָס ער זוכט . . . ער מוז אַוודאי זוכן, דער לאַנגאַץ, עפּעס אַן אייזערן אייוועלע. ס'איז אים שוין אַוודאי קאַלט, דעם הורן־יונג! אָבער אַן אייוועלע האָט ער, דזשים ווהייט! אַליין זיך איינגעמויערט אַן אייוועלע, ווי אין „אָלד־ענגלאַנד" . . .

פאַרטאָן אין אייגענעם ביסל פרייד, וואָס ער האָט אַן אייוועלע בעת יענער, אין „וויסן־פּאַלאַץ", פרירט, האָט ער פּלוצים דערהערט אַ געטומל. נאָך פון וויטנס, צווישן די בערגלעך, האָט ער שוין דערזען ווי קעפּ אַמפּערן זיך דאָרט און ווי דער העכסטער, דער „רויבער" וואַרפט זיך פלינקער פון אַלעמען! אַן אומרואיקער האָט ער גענומען איילן אהין. ער איז זיכער געווען אַז איינער פון די שכנים האָט דערטאַפּט אַן אייזערן אייוועלע און דער הויכער רייסט עס ביי יענעם אַרויס, ווי ביי אים ס'שטיק רער.

נאָך איידער ער איז צוגעקומען נאָנט, אַזוי גיך ווי ער האָט זיך פאַרנומען אין אַ זייט פון הויכן בערגל, האָט ער שוין דערזען אַז דאָס רייסט מען זיך איבער אַן אַלט שטרויען קינדער־וועגעלע, אַ לאָמס, אַן רעדלעך! ס'איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, דעם אַלטן. אבי נישט קיין אייוועלע! אָבער ווי דער „רויבער" דאַרף דאָס אַלץ! אפילו אַ צעבראָכן קינדער־וועגעלע! צו וואָס דאַרף ער דאָס אַלץ? כ'גיי אַ

געוועט ער וועט אהערברענגען א ווייב מיט א בייבי אויך! אויף אזא חברה־מאן איז אלץ צו גלויבן . . .

צוקומענדיק האט עס אים גאר הנאה געטאן וואס דאס מאל קומט עם דעם „רויבער" נישט אזוי לייכט אן! דער אנדערער, כאטש פיל נידריקער, לאזט זיך נישט! ער זעצט צוריק! ער האט זיך אפילו גע־וואלט געוועטן מיטן לארסאנען, מיט אט־דעם געמיינעם „באם", וואס האט דעם רויבער אהערגעבראכט, אז דאס מאל וועט שוין דער הויכער נישט געווינען. אבער צו זיין באדויערן איז דער באם גערעכט געוועז. אויך איצט האבן דעם „רויבערס" צוויי לאנגע הענט געגעבן יענעם א שליידער און ארויסגעריסן ס'וועגעלע. שפעטער האט דער אלטער מיט נאך מער הארצווייטיק זיך צוגעקוקט ווי יענער פאסט דערויף אן רעדלעך און נעמט דערמיט פארן איבערן פעלד, ווי א גאנצער באלעבאס! דער „רויבער" דארף שוין איצט נישט טראגן דאס געפונענע. ער פאקט אן א פול וועגעלע און רעדלט דערמיט צו צום ביידל! . . .

געשלאגן פון לאנגן אין אלע זייטן, האט דער אלטער כאטש גע־וואלט דעם באם אביסל אפעסן ס'הארץ:

— לארסאן, ער וועט דיך נאך ארויסטרייבן פון דיין פאלאץ.

— מיך ארט דאס נישט, פאפ! איידער ער וועט זיך נאך האבן איינגעשטעלט, וועל איך שוין זיין אוועקגעפארן „סאוט". דערווייל שטעלט ער פאר מיר א געצעלט . . .

דעם אלטן איז נעבעך איצט גארנישט געבליבן, איבער דעם הויכן, מער ווי זיין אייוועלע. ער האט זיך איצט אנגעהאלטן אן דעם, ווי אן זיין איינציקן כוח! וואס קעלטער עס איז געווארן, אלץ מיט מער פרייד האט ער געהייצט דאס אייוועלע און געשטאנען דרויסן, מיט זיין גאנצן שטאלץ און געקוקט אויפן שווארצן קוימענדל, וואס שטעקט ארויס פון דער וואנט, ווי א פארהויבענער עק ביי א קאטער . . . מערקווירדיק, צוליב דער בייזקייט אויפן לאנגן, האט ער שוין הנאה געהאט וואס קיי־נער האט נישט קיין אייוועלע, וואס פון קיינעמס ביידל זעט זיך נישט קיין רויך!

איינמאל איז דזשים וויטהעד אויפגעשטאנען פארטאג. דאס איז גע־וועזן נאך א נאכט ווען עס איז אויסגעפאלן דער ערשטער שניי. זיין כסדר'דיק וועלן וואס שטארקער ווי טאן דעם הויכן, האט אים היינט, לכבוד דעם ערשטן שניי, געטריבן וואס פריער צו מאכן פייער. פונקט ווי דאן מיט דער פאן, אזוי האט ער געוואלט זאל היינט דער הויכער

באַלד אינדערפרי זיך נעמען עסן ס'האַרץ פון דעם רויכל, וואָס גייט פון „פּאַפּס" אָרעמען ביידל, בעת זיין „וויסער־פּאַלאַץ" שטייט אַ קאַלטער, אַ געפרוירענער . . .

מיט גרויס ווירדע, ווי אַן אמת'ער באַלעבאָס, איז איצט דזשים וואַיט געשטאַנען דרויסן, לעבן זיין טירל, אין פריש אָנגעפּאַלענעם שניי. קיין איין טריט האָט נאָך קיינער דאָ נישט געשטעלט. דאָס גאַנצע שטיק פעלד, וואָס איז נעכטן געווען איין גרויסער מיסט־קאַסטן, האָט איצט געפינקלט אין בלענענדיקער ווייסקייט. די נעכטיקע בערגלעך אַש האָבן זיך איצט אַרויסגעהויבן אַזעלכע ווייסע, רונדע, פּוכקע אויסגע־פילטע, ווי וואונדערלעכע קופּאָלן צעשטעלטע אויף דער ערד. אויך די געלאַטעטע דעכלעך פון די ביידלעך זענען געווען צוגעדעקט מיט בלענ־דענדיקע, פּוכקע דעקן! אפילו אויפן שטערצל פון זיין שוואַרץ קוי־מענדל, האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ רונדיק, ווייס בליאַנקענדיק קישעלע.

ווי ווייט זיין אויג האָט געקאָנט כאַפּן דורכן בלוי־פינקלענדן פרי־מאָרגן, זענען די ביידלעך אין זיינע ביידע זייטן געשטאַנען טויטע, אָן אַ רויכל. בלויז זיין ביידל רעדט דאָס אַזוי וואַרעם אַרויף אין דער קאַל־טער, בלויער לופט אריין דורך אַ קרייזלדיק רויכל אַזש פונקעלעך פליען! אַ צופרידענער, האָט ער פּאַוואָליע גענומען שטעלן טריט אין פּוכקן שניי. ווי אַ באַלעבאָס איז ער געגאַנגען אַראָפּ צום האָדסאָן טוען זיין מענטש־באַדערפניש. ערשט אַפּערשפּרייזענדיק די וואַנט, איז ער געבליבן שטיין ממש אַ פאַרגאַפטער! אפשר דאָס צענטע ביידל אַרויף, לאָזט אויך פון זיך אַ רויך! . . . וואָס איז דאָס? וואוינט דאָ נאָך איינער, וואָס קאָן מאַכן אייוועלעך ווי ער? ער פאַרלירט, הייסט עס, דעם לעצטן כוח זיינעם? . . .

ער איז שוין נישט געגאַנגען וואו ער האָט באַדאַרפט . . . מיט אַ ברעטל אין האַנט האָט ער גיך גענומען זיך מאַכן אַ שטעגל. אומגעדול־דיק האָט ער געוואָרפן דעם שניי אין ביידע זייטן און זיך געשניטן אַלץ ווייטער און ווייטער איבער דער בלענדענדער ווייסקייט, פאַרביי איין ביידל, אַ צווייטס און אַזוי בסדר, ווי מען וואָלט אים גערונגען דאָ צו מאַכן אַ וועג. שוין ביי יענעם ביידל האָט ער אָנגעטראָפן אַ נידריקן מענטשן, אַ געזעצטן, אַ רונדן, איינגעבויגן, מיט אַ ברעטל אין האַנט, זיך מאַכן אַ שטעגעלע פּונקט ווי ער.

— גוד מאָרנינג, וואָס ברענגט דיך אַהער אַזוי פרי? האָט דער איטאַליענער זיך אויסגעגלייכט באַווייזנדיק אַ רויט אָפּגעפרוירן, שוואַרץ

באוואקסן פּנים. — דאכט זיך דו ביזט דער שכן פון יענעםביידל דאָרט?

— יעס, האָט דער אַלטער געזאָגט, אַ שכן. כ'האָב זיך געוואוג־דערט. ביי קיינעם זעט מען נישט קיין רויך נאָר ביי דיר! ווי קומט דאָס?

— איך זע ביי דיר די גאַנצע צייט רויך.

— דאָס איז אמת. איך האָב אַליין אַריינגעשטעלט אַן אייוועלע, ווי מען פּלעגט עס טאָן ביי אונדז אין ענגלאַנד.

— אָ, דו קאָנסט דאָס? ביים איטאַליענער האָבן אַזש די אויגן אויפגעלויכטן. ער האָט געלאָזט פאַלן דאָס ברעטל און געכאַפּט דעם אַלטן אונטערן אָרעם אין ביידל אַריין. דער דערפרייטער איטאַליענער האָט נעבעך געמוזט אים אַריינפירן אינווייניק כדי מיט די הענט און אויגן, מער ווי מיט ווערטער, צו ווייזן דעם אַלטן ווי עס רויכערט נע־בעך דאָס אייזערנע אייוועלע, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מי געבראַכט אַהערצושלעפּן פון זיינס אַ פריינט, פון ערגעץ ווייט, אַראָפּ־שטאָט.

דעם אַלטן איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ! „אַבי עס איז נישט קיין געמויערטס, דאָס אייוועלע. אוודאי וועט ער אים אויסשטרעקן אַ האַנט! נאָך דערצו ווען דער איטאַליענער איז אַ פיינער יונג, ער בעט אים אַזוי העפלעך. געוויס וועט ער אים העלפן! נאָך היינט קומט ער אַהער און וועט עס פאַר אים איינשטעלן, דאָס רויכערדיקע אייוועלע, זיינס.

צוריקקומענדיק צום אייגענעם ביידל, האָט דערוויל דער הויכער גע־האַט פאַר אים אָנגעגרייט אַן אַנדער האַרץ־עסעניש. ווי ער וואָלט זיך מיט אים ספּעציעל געדרייצט, דער „רויבער"! דו האָסט אַן אייוועלע האָב איך עפּעס אַנדערש . . .

אַ שטאַרק פאַרטועגער איז ער געשטאַנען, דער לאַנגער, אויפן סאַמע ברעג טייך און געמאַכט עפּעס אַ קליין שטיבעלע . . . דער אַלטער האָט באַלד באַנומען וואָס ער מאַכט דאָ, דער „רויבער"! הע, אַ—אַ—אַן אַפּטרעטל איבערן טייך מאַכט ער זיך דער לאַנגער! באַקוועמלעכקייטן זוכט ער זיך! וועט ער דאָס שווייגן? נאַ סער!

באַלד האָט דער אַלטער אויך גענומען שלעפּן ברעטער און דרענ־נער. ס'גאַנצע ביסל האָלץ, וואָס ער האָט זיך נעבעך אָנגעקליבן צו הייצן, צו האַלטן זיך וואַרעם, האָט ער איצט אַרויסגעשלעפּט. באַלד אָבער איז ער געבליבן שטיין. צו וואָס זאָל ער זיך איילן? זאָל יענער פריער אויפשטעלן. דערנאָך וועט ער מאַכן זיינס בעסער און לאַכן פון

יענעם. אַז יענער האָט געהאַט אויפגעשטעלט זיין שמיבעלע, האָט ערשט דער אַלטער געגומען פאַרזעצן זיינע סלופּעס אונטן, האַרטביים וואַסער.

— פאַפּ, מען וועט נישט דאַרפן רייניקן! איז דזשאָ אונטערגעשפּרונגען אַ צופרידענער, פון אַלטנס איינפאַל.

— געדעכט דו ביזט! האָט דעם אַלטנס איינגעפאַלן, אַפּגעפּרווירן פּנים געקוואַלן אַזש די אויגן זענען אים איבערגעגאַנגען פון גרויסן זיג...

אָבער נישט נאָר זיין קלוג אויפגעשטעלט אַפּטרעטל האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. נאָך מער האָט דאָס געטאָן זיין קוימענדל מיטן רויכל. גלייך ווי די חברה אומבאַקאַנטע שכנים זענען אַרויס פון די ביידלעך און דערזען דעם ווייסן שניי־דעק — האָט דאָס רויכל זיי געגומען ציען אַהער. אין אָנפאַנג האָט ער געמיינט אַז דאָס וועט דער פּלאַג, וואָס פּלאַטערט איבער זיין דעכל, ברענגען זיי אַהער. נאָר, ווייזט אויס, אַז די „באָמס" ליגט ווינציק אין זינען דער אַמעריקאַנער פּלאַג . . .

דעם זעלבן טאָג האָבן זיך אַריינגעשטעלט צוויי יונגע בחורים, אָט אַזעלכע ווי זיין דזשאָ. דאָס זענען צוויי איינוואוינער אין ביידל פון זיין לינקער זייט, פּונקט ווי דער רויבער מיטן באָם פון דער רעכטער.

כאָטש בײדע זענען אַזוי ענלעך, איז ער געוואויר געוואָרן אַז איינער איז אַן אײרישער און דער צווייטער נאָר אַ ייִדישער. ביידע קומען זיי פון דער איסט־סאַיד. דאָס טאַקע האָט אים אַזוי אימפּאָנירט. אָט, צוויי ייִנגלעך, קומען ביידע פון אַזוי ווייט „איסט", און זענען דאָך אַזעלכע פיינע באָים! זיי האָבן זיך מיט קיינעם נישט געריסן. אַלע האָבן דווקא געזוכט בלעכן פאַר די ביידלעך, זענען זיי געווען קלוגער! זיי האָבן צוזאַמענגעקליבן אַלע „לינאָלעאומס" און דערמיט געדעקט סאַי די ווענט סאַי דעם דאַך! דערפאַר דערקאָנט מען זייער ביידל פון ווי ווייט! איז איין וואַנט ביי זיי פון ווייסע קעסטעלעך מיט בלויע שלעקעלעך, איז נאָר די צווייטע אַ ברוינע, מיט גרינע צייכענונגען . . . און דער דאַך איז גאָר אַ געמיש פון שטיקער צעראַטע מיט אַלע קאָלירן! און עס גלאַנצט, ווי עס וואָלט געווען אָפּגעלאַקירט. און דער רעגן און ווינט וועלן דאָרט נישט אַריין. אָ, נאָ!

— ס'איז קאַלט, האָבן זיי געזאָגט, די צוויי ייִנגלעך, אַריינקומענדיק זיך וואַרעמען ביי זיין אייוועלע. — מען דאַרף מיט עפּעס זיך האַלטן וואַרעם.

— געוויס, האָט געזאָגט דער אַלטער. אוודאי איז קאַלט. גרייט

אָן לײם און ציגל. מיט פאַרגעניגן װעל איך אײך װײזן װי מען מאַכט אײװועלעך בײ אונדז אין „אַלד־ענגלאַנד".

אויף דער באַם, לאַרסאַן, איז אַרײנגעקומען:

— אַ, פּאַפּ, בײ דיר איז װאַרעם!

— דאָס װאָס עס איז! האָט אים דער אַלטער געענטפערט מיט גרױס שטאָלץ.

— דו װײסט, פּאַפּ, האָט ער געפּרואװט דעם אַלטן אַביסעלע אַראָפּקלאַפּן פון שטאָלצן טאָן, דו װײסט, פּאַפּ, דער הױכער, מײן פּאַרט־נער אין בײדל, איז אױך אַן ענגלישמאַן װי דו . . . דערבײ, זאָגנדיק דאָס, האָט ער געהאַלטן די הענט אױסגעשטרעקט צו דער גליאַיקער פּליטע און מכלומרשט געקוקט אױפן קאָכיקן טשײניק, װאָס האָט גע שפּריצט מיט זודיקע בלעזלעך אױף דער פּליטע אַרױף. אין דער אמתן האָט ער גאָר געהאַלטן דעם גנב׳שן בליק אַזױ זײטיק געװענדט צום אַלטן.

— נאַ, ער איז נישט! האָט דער אַלטער זיך געטאָן אַ װאָרף אױף אים אַ באַלײדיקטער. אַזאַ רױבער קאָן נישט זײן קײן ענגליש־מאַן! אַן ענגלישמאַן איז אַלע מאָל אַ דזשענטלמען! דו װײס דאָס גאַנץ װאױל!

— דאָס זאָג איך דאָך אױך, פּאַפּ! נאָר קאַלט איז סאַי־װי . . .

פאַר דער צײט, װאָס דער יונג האָט פאַרבראַכט מיטן אַלטן, האָט ער שױן געװאוסט אַז כּדי צו געװינען דעם „פּאַפּ", איז נױטיק צום ערשט אים אַביסעלע אױפרעגן און באַלד אים נאָכגעבן. אַז דער יונג האָט נאָכן מסכּים זײן, אַז דער רױבער איז נישט קײן ענגלישמאַן, נאָך צוגעגעבן אַז עס איז קאַלט, האָט ער שױן דעם אַלטן צוריקגעשטעלט אין זײן שטאָלצער פּאָזע, אָבער אַסאַך װײכער װי פריער.

אװדאי איז קאַלט! און ס׳װעט ערשט זײן! לאַרסאַן, דאַרפסט דאַנקען מיר, דײן פרײנט דזשים װהײט, װאָס האָסט איצט אַ דאַך איבערן קאָפּ!

— געװיס דאַנק איך דיר! האָט ער אים געװאָלט נאָך מער אַנט־װאָרטן! אָבער ס׳איז קאַלט בײ אונדז אין פּאַלאַץ . . . װאָלסטו נישט, פּאַפּ, מיר צוגעװײזן מאַכן אַן אײװועלע װי דײנס? װאָלסטו נישט? . . .

באַלד, האָט דער אַלטער גאָרנישט געענטפערט. נאָך דערנאָך האָט ער געלאַכט דעם יונג אין פּנים אַרײן:

— דיר? דו ווילסט דאָך אַ ציגל אין האַנט נישט נעמען, דו באָם!

דער יונג האָט שוין געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט. אַן אויס־געוואָרעמטער איז ער אַרויס. אין אַפּשר אַ פֿערטל שעה אַרום האָט זיך שטיל געעפֿנט דאָס טירל און דער לאַנגער, אַן איינגעבויגענער, ער זאָל זיך נישט צעכמאַליען דעם קאָפּ, האָט זיך געטאָן אַ שטעל אַרײַן.

— הערט, מיסטער וועייט, צו וואָס זאָלן מיר זיך „פֿייטן"? לאָמיר זיך בעסער געבן די הענט. נאָכאַלעמען זענען מיר דאָך שכנים...

דער אַלטער איז געווען איבעררעשט! מיט די צוויי גראָבע פֿינגער פֿאַרשטעקט אין רימען פֿון די הויזן, איז ער געבליבן שטיין און זיך געוואונדערט אויף דעם לאַנגנס חוצפּה. אָבער מיט אין זיך איז ער געווען צופֿרידן וואָס דער יונג, זײַן ערנסטער שונא, איז דאָך געקומען. מער נישט, ער האָט אים נישט גלייך געטרויט. אים האָט זיך געדאַכט אַז דער לאַנגאַץ וויל אים דאָ אַריבערכיטרעווען.

דער יונג, זעענדיק דעם אַלטנס צווייפֿלענדיק זיך צוריקהאַלטן, האָט גאַנץ היימיש זיך צעשמייכלט און פֿראַסט פּשוט אַרויסגענומען דעם אַלטנס האַנט פֿון רימען און זי גענומען צווישן זײַנע לאַנגע הענט אַרײַן:

— „קאָם אָן, פּאָפּ"! זיי נישט איינגעשפּאַרט!

פֿאַרנאַכט, אַז דזשאָ איז געקומען צעקריכן פֿון אַרומהענגען אַרום די מאַרקעטס, איז אים דער אַלטער אַ צופֿרידענער אַנטקעגן געגאַנגען:

— ווייסט, דזשאָ, אונדזער שכן, דייוויד קראָופֿאָרד, הייסט ער, איז אַן ענגלישמען, טאַקע אַן אמתער ענגלישמען, פֿון די ניו־ענגלאַנד סטייטס. און ער איז אַ פֿיינער יונג אויך! איך האָב אים געוויזן ווי מען מאַכט איווועלעך אין „אָלד־ענגלאַנד" . . .

— גוט האָסטו געטאָן, פּאָפּ, צו וואָס זיך „פֿייטן"?

13

נאָכן שלום מאַכן מיט זײַן ערשטן און נאָנטסטן שכן, האָט דער אַלטער צוריקגעוואונען דאָס גלייכגעוויכט. איצט האָט אים לחלוטין נישט געאַרט וואָס דער הויכער האָט זיך געמאַכט אַ פּרנסה פֿון דעם אָנגעקליבענעם אָפּפֿאַל. פֿאַרקערט. איצט, אַז ער האָט געזען ווי דער לאַנגער פֿילט אָן אַ וועגעלע, אָט־דאָס קינדער־וועגעלע, צוליב וועלכן עס איז געווען אַזאַ קאַמף, מיט שטיקער ברוך און אַלטוואַרג און רעדלט

געלאַסן דערמיט אַוועק ערגעץ אין אַ פּלאַץ דאָס צו פּאַרקויפן, זאָגט ער צו די אַרומשטייענדיקע שכנים; „ער איז אַ בראַווער חברה מאַן, דער הויכער! און קלוג אויך! אָט בין איך דאָ געווען פאַר אים און מיר איז גאָרנישט איינגעפאַלן אַז מען קאָן מאַכן געלט. איך גיב אים סרעדיט! זאָל ער מאַכן געלט, אויב ער קאָן!"

ביסלעכווייז און מיטן אַלטנס הילף האָט זיך פון דעם אָנגעלאָפּענעם עולם איינגעשטעלט אַ קליין שטעטל. לענג־אויס דעם אָנגעוואָרפּענעם שטיק ערד, צווישן דעם האָדסאָן און דער סענטראַל־פּראַכט ליניע, זענען שוין געשטאַנען אַ פופצן אַזעלכע קרומע, צענויפגעשטוקעוועטע ביידלעך. און אויף יעדן, צי דאָס איז געווען אַ דעכל פלאַך ווי אַ דיל, מיט שטיינער צו צוהאַלטן דאָס סמאָלע־פּאַפּיר, צי דאָס איז געווען אַ דעכל פון סאָלידן בלעך, אָנגעבויגן משופּע, אומעטום איז איצט געלעגן אַ פּוכקער דעק ווייסער שניי. פון יעדער שוועל זענען שוין געלאָפן צווי שמאָלע, אויסגעטראָטענע שטעגעלעך, איינס צום קליינעם הייזעלע, איבערן וואַסער . . . און ס׳אַנדערע, צום ברייטן, אויסגעטראָטענעם שטעג, אויף וועלכן מען טרעפט זיך מיט שכנים מ׳זאָגט זיך „גוד־מאָרנינג" און מען פאַרשווינדט מיט זעקס און ניינציק ערגעץ אין דער גרויסער שטאָט.

אויך די כאַטקעלעך זענען שוין איצט נישט מקנא איינס דאָס אַנדערע. פון יעדן דעכל אָדער ווענטל שטעקט שוין איצט אַ קוימענדל, ווי אַ טרובע, דורך וועלכן דער רויך זאָגט אָן דעם קאַלטן דרויסן אַז אינווייניק ברענט אַן אייוועלע און אַז געזונטע יונגען, אויסגעפרוירענע נאָך אַ טאָג שניי שאַרן, אָדער אַזוי פוסט־און פּאַס זיך אַרומשלעפּן, פּאָרען זיך איצט איבער טעפּ, שלינגען הייסע קאַרטאָפל און זופּן קאָכעדיקע טיי.

און אַז מען קומט אַהער אין אָוונט שלאָפן שוין נישט די ביידלעך, איינגעטוליעטע, צוגלייך מיטן אַראָפּפאַל פון דער נאַכט. אָ, ניין! זייערע פענצטערלעך קוקן שוין איצט אַרויס ליכטיקע צום פאַרשנייעטן דרויסן. נאַפט־לעמפּלעך פלעמלען שוין אינווייניק! ביי טייל, ווי ביים הויכן קראָופאָרט, ברענט עלעקטריע! די כוואַטסקע יונגען האָבן שכל געהאַט און אויפגעהייבן פון די מיסטן די אַלטע ראַדיאָ באַטעריעס. איצט האָבן זיי פאַרלייגט קליינע לעמפּעלעך און זיי ליכטיק! אפילו אַ ראַדיאָ שפּילט שוין דאָ! די צוויי שותפים אין גלאַנציק־צעראַטענעם ביידל, דער אירישער און יידישער בחור, האָבן דאָס אויסגעמאָנדרעוועט עפּעס אַ געפונען קעסטל און עס שפּילט! אין אָוונט קלייבן זיך יונגען

אהער אײַנצוהערן זיך ווי אַ מײדל דזשעזעוועט ערגעץ אויף בראָדוויי...

זיי האָבן זיך אײַנגעבירגערט, די צענויפגעלאַטעטע הײזקעס. יע־דערס איז געוואָרן אָנגעשטאָפּט מיט „אײַגנטום!״ . . . אפילו שלעס־לעך אויף די טירן הענגט שוין בײַ יעדן! און די קרײזלענדיקע רויכ־לעך טענה׳ן זיך אױס מיט די הויכע, פּערצן, פּופּצן שטאָקיגע געבײַדעס, דאָרטן איבערן „דרײַוו״, די װאָרעמע, די אויסגעבאַליעטע: איר זעט? פון גאָרנישט, פון אָפּפאַל און פון שמאַטעס זענען מיר געמאַכט! אָבער פרײד איז בײַ אונדז דאָ מער ווי בײַ אײַך! פון אונדזער יעדן גליאיקן אײַוועלע זינגט אַרויס די פרײד! און מוזיק שפּילט אויך בײַ אונדז! איר זעט פון וואָס? פון גאָרנישט! ווײַל מיר קאָנען בויען!

נאָר די הויכע מויערן, מיט די ברייטע פענצטער אונטער זײַדענע פורהאַנגען, וואו עלעקטריש ליכט פּלייצט צום בלענדן; וואו וואָרעמקייט שטראָמט דורך רערן, וואָס אַ געדונגענער קנעכט שיקט פון טיפן קעלער אַרויף; דאָרטן וואו עס באַליען דאַמען מיט הינט; וואו מען גענעצט פון לאַנגווײַל און מען שפּילט אין קאָרטן כדי צו הרגענען די טעג; אָט יענע הײַזער האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס אויף דעם נײַעם שטיק „לאַנד״ וואָס „זייער״ שטאָט רייסט אַרויס בײַם האַדסאָן, אָט פונקט דאָרטן, וואו זיי קוקן אַראָפּ, זאָלן אויסוואַקסן אַזעלכע קליינע, אַזעלכע לויזיקע באַטקעס פון ברעטלעך און קעסטלעך, פון צעריסענע לינאָלעיאומס און צעבויגענע שטיקער בלעך; אָט דאָרטן, פונקט דאָרטן, וואוהין די דאַמען, פון אונטער די זײַדענע פורהאַנגען, קוקן אַרויס צום „זון־פאַרגאַנג״; דאָרטן, וואו דער שניי האָט באַדאַרפט ליגן פּאַר זיי אַ בליאַנקענדיקער, אַ נישט באַטראָטענער; דאָרטן גאָר האָבן זיך צוזאַ־מענגעקליבן אַזעלכע באָפּטעס פאַרלויזטע, אָפּגעריסענע יונגען, באָמס און פאַרדאָסן זיי דעם גאַנצן אויסבליק . . .

ניין! זיי האָבן עס נישט געקאָנט פאַרליידן, יענע צאַרטע, וואויל געבאַליעטע דאַמען!

אין איין טאָג, ווען כמעט אויף אַלע טירלעך פון די ביידלעך הענ־גען שלעסלעך, ווען די יונגען שלעפּן זיך שוין איבער דער שטאָט, ווער בײַם שניי־שאַרן, ווער לעבן די מאַרקעטס אָפּצוטראָגן קערב גרינסן, אַנ־דערע וואַרטנדיק אין דער הונגער־ריי אויף וויליאַם ראַנדאָלף הוירסטס אַ סאַנדוויטש; אין אַזאַ טאָג איז אַ דאַמעטשקע אין גרין־זײַדענע פּאַ־דזשאַמעס, מיט טײַערן האַפּט אַרום די ברייטע אַרבל און פוס־קנעכלעך, אויפגעשטאַנען פון איר בעט, ווײכן בעט, זיך צורעכטגעמאַכט דעם

טיפן דעקאָלט פון איר וואַרעם אויסגעבאַליעטער ברוסט און איז צוגע־גאַנגען צום באַגאַרדינטן פענצטער כאַפּן אַ קוק אויף דעם פריש אויס־געפאַלענעם שניי. זי האָט אַזש אַ קוויטש געטאָן פון אויפרעגונג! זי האָט נישט געגלויבט אירע אויגן! ווי אַ ווינט איז זי אַריינגעפלויגן אין צווייטן צימער. מיט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע בינאָקלען איבערן ווייסן נעזל, האָט זי זיך ערשט אויפסניי געשטעלט צום פענצטער קוקן „וואָס די באַמס האָבן געמאַכט פון דעם ווייסינקן שניי" . . . פון אויפ־רעגונג האָט זי שיר די זיידענע גאַרדינען אַפּגעריסן! „זי האָט „אים" געזאָגט, דעם טייערן מאַן אירן, אַז מען דאַרף אַרויס פון דעם געגנט. די באַמס האָבן שוין געמאַכט אַ תל פון דער גאַנצער וועסט־סאַיד! זע נאָר ווי די באַמס האָבן זיך דאָ צעלייגט! מיין גאָט, אַפּטרעטן האָבן זיי זיך געמאַכט! . . . זיי וועלן שוין באַלד קריכן אין די שטיבער אַריין. און אונדזער פּאָליציי זעט דאָס אַלץ נאָך נישט"!

דעם זעלבן טאָג האָט עס טאַקע די פּאָליציי באַמערקט . . . פּלוצים האָבן זיך באַוויזן צוויי פּאָליציאַנטן. פּאַוואָליע זענען זיי געגאַנגען איבער דעם אויסגעטרעטענעם שטעג און זיך געוואונדערט סאַי אויף די שלעסלעך סאַי אויף די צעהויקערטע, איינגעבויגענע, צענויפגע־קלעפּטע שטיבעלעך, וואָס זענען טאַקע אויסגעוואַקסן איבער נאַכט און אונטער זייער נאָז.

ביז דער פּאָליציים באַזוך, האָבן זיך די צוויי שטעטלעך גאַרנישט אָנגעקערט. זעקס און נײַנציקסטע סטריט האָט זיי ביידע איבערגעשניטן און צעטיילט. איין „שטעטל" איז געלאָפן אַראָפּ „סאַוט", ביז דער צוויי און זיבעציקסטער סטריט. דאָס צווייטע, דזשים ווהייטס שטעטל, איז געלאָפן אַרויף, „נאָרד", צו דער הונדערט פינפאונצוואַנציקסטער סטריט. איצט, נאָך דעם ווי די צוויי פּאָליסלייט האָבן אַלץ באַקוקט און אַריינ־געוואָרנט יעדן אין דער נאָז אַריין: „באַמס, איר וועט זיך דאַרפן אָפּ־טראָגן פון דאַנען! די איינוואוינער פון „דרייוו" ווילן דאָס נישט ליידן! איר וועט זיך מוזן פּאַקן באַמס! איצט האָבן די יונגען פון „סאַוט" פּלוצים דערפילט אַן אָנגעהעריקייט צו יענע פון „נאָרד" . . .

אין אָוונט, צוזאַמענקריכנדיק זיך פון אַלע לעכער אין ניו־יאָרק, איינגעבויגענע, אויסגעפרוירענע, האָבן זיי זיך תיכף דערוואוסט וועגן דעם באַזוך פון די „בלויע רעק".

פון זיך אַליין האָבן יונגען גענומען קריכן אַהער, „צו מיסטער ווהייטס ביידל". צי עס איז געווען די אַמעריקאַנער פּאָן, וואָס האָט דאָ

געפּלאַטערט איבערן דעכל און געמאַכט דאָס שטיבעלע חשוב׳ער, אָנגע־זעענער; צי דערפאַר וואָס דזשים וויהיט האָט זיי אַלעמען אַזוי געדול־דיק געהאָלפן און געוויזן ווי אַזוי אריינצומויערן אַלט־ענגלישע אייווע־לעך; אָדער אפשר גאָר דערפאַר ווייל ער איז דאָ געווען דער עלטסטער בירגער, סאַי אין עלטער און סאַי אין צייט פון וואוינען דאָ? נאָר ווער ווייסט וואָס עס האָט אַזוי געצויגן די אַלע פאַרזאָרגטע, די אַלע פאַרלוי־רענע און צעבראָכענע מענטשן אַהער צו הערן וואָס דער אַלטער דזשים וויהיט האָט צו זאָגן?

נאָר דער אַלטער איז נעבעך געווען מער פאַרלוירן ווי די אַלע וואָס שטייען ארום אין אַ קופּקעלע! אַלץ צו וואָס ער קאָן זיך דערטראַכטן איז: „מען דאַרף גיין זען מייק דאָפּי פון טעמעני קלוב״ . . . דער גע־דאַנק איז ביי אים אַ פּשוטער. „טעמעני איז טאַקע געשלאָגן צו געבן אַ יונג אַ דזשאַב, אָלרייט! אָבער טעמעני דאַרף נישט לאָזן אַראָפּ־טרייבן די באָים!״ . . .

נאָר פּיליפּ מעקאַרטי, דער יונגער, איירישער שכן זיינער, וואָס שטייט אַזאַ שטילער, אַזאַ פאַרזאָרגטער, דעם קאָפּ אַראָפּ צום ברודיק, איינגעטרעטענעם שניי, ער רופט זיך פּלוצים אָן אַז ער וויים בעסער! ער איז אַן איירישער און קאָן בעסער סאַי מאַיק דאָפּי סאַי טעמעני!ביידע, זאָגט ער, דאַרפן אונדז נאָר כדי מיר זאָלן שטימען פאַר זיי. אָבער היינט, ווען מיר האָבן נישט קיין אדרעסן און במילא קיין רעכט צו שטימען, צו וועלכן טייוול זאָל זיך טעמעני מיט אונדז דרייען אַ קאָפּ? . . .

— אויב אַזוי דאַרף מען רופן אַ מיטינג! רופט זיך אָן ווילי בענדער, פּיליפּ מעקאַרטים, יידישער ביישלעפער. אַן אומרואיקער, ווי אַ נערוועז פערדל, שטייט ער די גאַנצע צייט און רייבט מיטן פוס דעם שניי. — מען דאַרף רופן אַ מיטינג! מ׳דאַרף האַנדלען ווי אַן אָרגאַני־זירטע קאָמיוניטי. וואָרעם דער וועט זאָגן אַזוי און דער אַזוי, דערווייל וועלן זיי קומען און אונדז אַראָפּטרייבן!

די גאַנצע צייט וואָס דאָס גרופּקעלע איז געשטאַנען אַזוי צונויפ־געדרוקט און זיך געאַמפּערט וואָס מען זאָל דאָ טאָן, איז דער הויכער קראָופאָרד געווען אינדערזייט, אָפּגערוקט, ווי איין איינציקער, הויכער טאָפּאָל, לעבן אַ גרופּקע נידעריקע יאָדלעס. זיין גלייכער, לאַנגער שאָטן, איז געפאַלן איבערן נאַכטיקן, ווייסן שניי, ווי דער שאָטן פון אַ הויכן טעלעגראַף סלופּ. אים איז נעבעך געווען ביטערער ווי אַלעמען. אויב

מען זאָל אַראָפּטרייבן איז ער גאָר פאַרלוירן! וואו וועט ער אהינטאָן דאָס גאַנצע אייגנטום, וואָס ער האָט דאָ אָנגעקליבן? ער האָט איצט נעבעך אויסגעקוקט אויף עפּעס אַן עצה מער ווי יעדער איינער. ווילי בענדערס עצה צו רופן אַ מיטינג איז פאַר אים איצט געווען ווי פאַר אַ זיך טרינקענדן אַ שטרוי.

— ער איז גערעכט! האָט ער זיך מיט אימפּעט געטאָן אַ רוק אַריין אין בינטל פאַרזאָרגטע יונגען! ער איז גערעכט! איך דענק מיר זענען שוין אַ קאָמיוניטי! מיר קאָנען אַפילו אויסקלייבן אַ מעיאָר אויך! מיסטער וויהיט וועט זיכער זיין אַ גוטער מעיאָר!

אָן אַנדערש מאָל וואָלט דער אַלטער זיכער נישט געלאָזט רעדן וועגן אַזעלכעס! וואָס מיינען זיי עפּעס מיטינגען מיט דעלעגאַציעס? וואָס זענען זיי דאָ, סאָציאַליסטן? אָדער גאָר, גאָט באַהיט, קאָמוּ־ניסטן? . . . אָבער איצט, ווען מען וויל אַראָפּטרייבן אַלעמען; ווען מען דאַרף מאַכן אַ „קאָמיוניטי", און אפשר טאַקע אים אויסוויילן פאַר מעיאָר . . . איצט איז עפּעס אַנדערש. איצט זענען זיי גערעכט. אוודאי זענען די באָים גערעכט! זאָל מען שוין גיין אַלעמען זאָגן אַז ביי זיין ביידל וואָס מיט דער אַמעריקאַנער פאָן, קומט היינט פאַר אַ וויכטיקער, אַ זער וויכטיקער מיטינג . . .

דעמזעלבן אָוונט נאָך זענען זיך אהער צוזאַמענגעקומען פון ביידע שטעטלעך אַ פופציק יונגע, געזונטע מענער. אין קיין ביידל, אַפילו אין קראָופאָרדס „וויסן פּאַלאַץ" וואָלטן זיי נישט געקאָנט אַריין. איז מען געשטאַנען אין קאַלטן דרויסן, אין שניי, אין אַ צענויפגעפּאַקטן קנויל און גערעדט און געשריען אַלע צוזאַמען. יונגען האָבן זיך אַפילו דער־לויבט און געדראָט מיט זייערע הארטע פויסטן, אַרויף צו צו די ברייטע, העל־באַלויכטענע, זיידן באַגאַרדינטע פענצטער! די אויסוואורפן! זיי ווילן אונדז אַראָפּטרייבן! מען דאַרף זיך נישט לאָזן! מען דאַרף זיי ווייזן ווער מיר זענען!

— „שור", האָט אונטערגעכאַפּט דער רונדער איטאַליענער, יענער, וועמען דער אַלטער האָט דער ערשטער פאַרריכט ס'רוויקע, אייזערנע אייוועלע. — „שור", האָט ער געשלונגען די ענגלישע ווערטער גיך, — מיר דאַרפן נישט זיין קיין אַמעריקאַנער אידיאָטן! מיר דאַרפן זיי געבן אַ „פייט"! אַנ'אמת'ן פייט . . .

— וואָס סקאַמאַליעט ער דאָרטן, דער „וואָפּ!" האָט דער לאַנגער קראָופאָרד געטאָן אַ ביטול'דיקן שפּיי אין איטאַליענערס זייט אַז עס איז

אזש געוואָרן אַ לאַנגער, שוואַרצער שניט אין בליאַנקן שניי, ווי ער וואָלט מיט אַ שטעקן אַ שניט געטאָן!

דער איינציקער, וועמען עס איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען דאָס גאַנצע שרייען און דראָען און קאָכן זיך, איז געווען דער „באָס", הווירבערט לאַרסאָן! ער איז געשטאַנען אין קרענצל און געלאַכט מיט דער רויטער נאָז, סאַי אויסן איטאַליענער און סאַי אויסן לאַנגן קראָופאָרד. און צו דזשאָ'ן, וואָס איז דאָ געשטאַנען איינגאַנצן אַ שטילער, האָט ער גע־זאָגט: „זאָלן זיי זיך דאָ „פייטן"! מיטן ערשטן פּראַכט־צוג פאָר איך „סאוט"! פאָרסט מיט? . . ."

און דער אַלטער איז נעבעך געשטאַנען אָן אַ זייט, מיט דער פּלייצע אויפן ביידל: „אַז סאַי־ווי פאָלגט מען אים נישט! צו מאַיק דאָפי ווילן זיי נישט גיין! אוודאי איז דער איירישער אַ קלוגער באַי! אוודאי דאַרף מען גיין אין אַ דעלעגאַציע צום מעיאָר. אָבער קיין דעמאָנסטראַ־ציעס דאַרף מען נישט! נאָ סער! די לײדים פון די הויכע הייזער ווילן אים אַראָפּטרייבן פון דער וועסט־סאַיד? ער וואוינט לענגער וועסט פון זיי! און טעמעני וועט זיכער נישט לאָזן אַראָפּטרייבן, נאָ סער!"

שפּעטער, ווען דער יידישער בחור, ווילי בענדער, האָט זיך אַרויפגע־כאַפּט אויף אַן איבערגעקערט קעסטל און געדונערט הויך:

— באָס, מען וויל אונדז אַראָפּטרייבן, פאַרוואָס? ווייל מיר האָבן אין די מיסטן זיך געמאַכט אַ היים! אָבער זאָגט מיר, ווער פון אייך האָט געלאָזן אַ וואַרעמע היים און געקומען אַהער? זיי זאָגן אַז מיר ווילן נישט אַרבעטן? איז עס נישט אַ פאַקט, אַז מיר זוכן יעדן טאָג אַרבעט און זיי גיבן אונדז נישט! איך זאָג אייך, זיי ווילן אונדז נישט דאָ! דאָס אַלץ. זיי ווילן מיר זאָלן פגר'ן אויף דער באַורי, אָט־וואָס זיי ווילן!

אַז דער אַלטער האָט דערהערט אַזאַ לשון האָט ער עס שוין נישט גע קאָנט אַריבערטראָגן! כאָטש געפילט האָט ער אַז ער איז גערעכט, דער יונגער ווילי בענדער! נאָר פאַר אים איז עס שוין צופיל! צופיל!...

— דזשאָ, די חברה־לייט געפעלן מיר נישט! דאָס זענען „ראַדי־קאַלס"! . . .

— זאָלן זיי זיין ראַדיקאַלס! האָט דזשאָ זיך אַ בייזער געטאָן. אָבער גערעכט זענען זיי, זענען זיי נישט? סאַי־ווי־סאַי, וואָס האָסטו מורא, פּאָפּ?

ער וואָלט זיך זיכער געוועזן אָפּגעטראָגן, דער אַלטער. נאָר אינמיטן

דערינגען, אין מיטן היציקן טומל, האָט דער הויכער גאָר פאַרגעשלאָגן מען זאָל בעסער ווערן אַ „קאָמיוניטי" מיט אַן אייגענעם מעיאָר, אָנשטאָט דעלעגאַציעס מיט דעמאָנסטראַציעס!

אויך ער, דער הויכער, האָט זיך דערשראָקן אַז די חברה ווערן עפּעס צו ראַדיקאַל! דאָס אָנגעקליבענע „איינגנטום" זיינס, האָט אים אונטערגעזאָגט אַז אַ קאָמיוניטי מיט אַ מעיאָר וועלן אפשר בעסער אויספּועלן ווי קאַמף . . .

— און איך שלאָג פאָר מען זאָל בעסער אויסקלייבן מיסטער ווהייט אַלס אונדזער מעיאָר פון דער קאָמיוניטי! האָט ער איבערגעשריען דעם צעהיצטן ווילי בענדער.

דער באָם לאַרסאָן האָט מער נישט באַדאַרפט! פּונקט ווי אין יענער נאַכט, ווען דער אַלטער האָט זיך ס'ערשטע מאָל צו אים צוגעטוליעט, האָט ער זיך אָנגעלאַכט, רופנדיק אים „עקס פּרעזידענט הואַווער", אַזוי האָט ער זיך איצט אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט: „מעיאָר דזשים ווהייט"! גלייך ווי קראָופאָרד האָט דערמאָנט דעם אַלטנס נאָמען, האָט ער אים שוין גענומען זוכן אין אַלע זייטן. באַלד האָט ער אים מיט גרוים פּאָמפּ און נאָך מער חוזק גענומען אונטערפירן אונטער די אָרעמס און געטאָן אים אַ שטעל אַריין אין מיטן קרענצל:

— אָט איז ער! הוראַ פאַר דעם מעיאָר! „הוראַ! הוראַ! . . ."

דער אַלטער האָט נעבעך נישט געוואוסט צי ער זאָל זיין ערנסט, לויטן הויכנס טאָן, אָדער זיך משוגע מאַכן ווי דער באָם . . . דער עולם אָבער האָט עס גענומען דווקא גאַנץ ערנסט!

— אַ קאָמיוניטי דאַרף אויך האָבן אַ נאָמען, האָט דער הויכער געזאָגט.

— ריכטיק! ווי זאָל מען רופן אונדזער קאָמיוניטי?

— אָרעמע כאַלאַסטרע, האָט דער איירישער געזאָגט אין שפּאָס.

— לאָמיר געבן דעם כבוד דעם נייעם פּרעזידענט. לאָמיר עס רופן „רוזוועלטאַון"! האָט ערנסט פאַרגעלייגט ווילי בענדער.

— ניין, עס וואָלט געווען אומגערעכט! דער נייער פּרעזידענט איז נאָך נישט אין מאַכט.

נאָר דער באָם האָט נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט דעם אַלטן און לאַכנדיק אַלעמען אַריבערגעשריען:

— באָיס, לאָמיר עס רופן — „דעפּרעשאָן ביטש"!

און ער האָט געוואונען, דער באָם. די נייע קאָמיוניטי אויפן ניו־יאָרקער ברעג האָדסאָן, הייסט „דעפּרעשאָן ביטש" און איר מעיאָר איז דער ערשטער און עלטסטער בירגער, „מיסטער דזשיימס ווהייט" . . .

14

דערווייל זענען אָנגעשטאַנען פּרעסט. דער שני אונטער די פּיס האָט געסקריפּעט, ווי אָנגעמאָלן גלאָז. אַז ס'האָט זיך געטאָן אַן עפּן אַ טירל פון אַ כאַטקעלע, האָט געטאָן אַ זעץ אַ פּאַרע, ווי פון אַ באָד. די יונגען זענען געווען אין הוילע שרעק טאָמער קומען טאַקע די פּאָ־ליסלייט און טרייבן זיי אַראָפּ. פון גיין צום מעיאָר איז גאָרנישט גע־וואָרן. יעדער האָט געשיקט דעם אַנדערן. ווידער גיין אַלע האָבן זיי מורא געהאַט. איז במילא אַוועק דער ערשטער טאָג.

דערנאָך, אַז די פּאָליציי האָט זיך מער נישט געוויזן, איז שוין פון זיך אַליין צערונען די מורא. בלויז די זער פּאַרזיכטיקע האָבן זיך עטלעכע טעג באַהאַלטן אונטער דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע . . . לויט דער קאָנסטיטוציע, טאָר זיך קיינער נישט אַריינברעכן אין יענעמס היים. זענען די פּאַרזיכטיקע פּאַרטאָג אַוועק און פּאַרשלאָסן די טיר־לעך. די פּאָליציי וועט דאָך קיין שלאָס נישט רירן! . . .

אַז די שרעק פּאַרן אַראָפּטרייבן איז שוין נישט געווען, האָבן זיך די איינצלנע ביידלעך ווידער גאָרנישט אָנגעקערט. ס'איז צוריק געוואָרן גרוי און פּראָסטיק אַרום. יעדער האָט זיך צוריקגענומען צום געיעג נאָכן שטיקל ברויט. אינדערפרי, אָדער אין אָוונט, אַז מען האָט זיך אָנגעגענט אויף דער ברייטער סטעזשקע, וואָס פירט צו זעקס און נײַנציקסטער סטריט, האָט מען זיך געזאָגט העלאָ און זיך פּאַרנומען דעם אייגענעם וועג.

דער נײַ אויסגעוויילטער „מעיאָר", דזשים ווהייט, האָט גלייך גע־זאָגט: „ער האָט געוואוסט ס'וועט אַזוי זיין! טעמעני וועט נישט לאָזן אַראָפּטרייבן די באָמס!" האָט אָבער דער איירישער אים אויסגע־לאַכט: „נישט טעמעני! דאָס האָט די עפנטלעכע מיינונג געטאָן! די צייטונגען האָבן געשריבן, האָט זיך די פּאָליציי מורא איינצורייסן! נאָר דער באָם, לאַרסאָן, האָט ווידער געלאַכט: „ביידע האָבן זיי אייך אין דער ערד! די עפנטלעכע מיינונג און די פּאָליציי! . . . אויב נישט איצט וועלן זיי אייך אין פרילינג אַראָפּטרייבן!

הייסט עס, אומזיסט און אומנישט האָט זיך נעבעך דער לאַנגער קראָופּאָרד ארומגעשלעפּט גאַנצע טעג, אַן איינגעקאָרטשעטער, אַ געפּרוי־רענער, ווי אַ הונט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן. ער איז נעבעך געווען אַממערסטן איבערגעשראָקן און איז דער ערשטער ארונטערגעקראָכן אונטער דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע . . . צוליבן פאַרשליכן „ס'ווייסע פּאַלאַצל" זיינס פון פאַרטאָג, ביז שפּעט ביינאַכט, האָט ער גע־האָט די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיטן באָס, דעם ביישלעפער זיינעם. לאַרסאָן האָט זיך נישט געוואָלט ארומשלעפּן אין דער קעלט. דער הויכער האָט אָבער מורא געהאַט טאָמער קומען די בלויע רעק. וואָס וועט ער טאָן מיט זיין אָנגעזאַמלט „אייגנטום"? האָט ער דעם באָס נישט געוואָלט געבן ס'שליסעלע! איצט אז ער האָט זיך שוין קוים באַרואיקט קומט ער ווידער, דער באָס, און זאָגט אז מען וועט אַראָפּ־טרייבן . . .

אויך אים, לאַרסאָנען, איז דערעסן דער הויכער ביישלעפּער זיינער. נאָר ער קריכט ארום ווי אַ ראַץ אין די מיסטן און קלייבט! איצט, צוליבן שניי, אז ער קאָן שוין נישט קלייבן דרויסן, ליגט ער גאַנצע טעג איבער דער אָנגעקליבענער קופּע איןביידל און קלייבט אויפסניי איבער, לייגט אָן אַ פּול ווענגלע און רעדלט זיך דערמיט אוועק. „ער מוז שוין האָבן אַ מאַסע געלט, דער ראַץ"! דעריבער האָט ער, דער באָס, זיך דערנענטערט צום אַלטנס יונג, דזשאָ.

שפּאַנענדיק ביידע צוזאַמען איבער דער אויסגעטרעטענער סטעזשקע, צווישן די פאַרשנייטע בערגלעך מיסט, האָט ער דעם יונג דערציילט פון זיינע אַוואַנטורעס אין דער „וועסט" און „סאַוט". דאָס טרעפן זיך מיט גאַנצע מחנות פּאַרער. און . . . מיידלעך אויך! און וואָסערע מייד־לעך! און די געשלעגן מיט די באַן־וועכטער!

דזשאָ'ס פאַנטאַזיע האָט אויפגעגליט. אים האָט עס שוין לאַנג גע־צויגן זיך צו טאָן אַ לאָז אַוועק ערגעץ אין דער וועלט! וואָס וועט ער ליגן אין שטעלכל, וואו ער קאָן זיך צומאָל נישט אויסגלייכן אין דער גאַנצער הויך. אַ גאַנצן טאָג, ארום די מאַרקעטס, ווערט ער געפּרווירן איידער ער קריגט עפּעס אהיים צו ברענגען. ביינאַכט וואָיעט דער ווינט און דער פּאַפּ קלאַפּט אַ גאַנצע נאַכט אַ שטיק רער אָן אַ בלעך און טרייבט די ראַצן. ווען נישט דאָס טרייבן זיי, וואָלטן זיי געקראָכן אונ־טערן צודעקל, אויפן בעטל. וואָס־זשע וועט ער דאָ ליגן? זאָל זיין מיט שיפן, זאָל זיין מיט באַנען, אַבי אַוועק! אין פלאָרידאַ שיינט די

זון. מ׳קאָן כאַפּן אַ שווים אין ים. שלאָפן קאָן מען אומעטום! אָ, ער איז זיכער אַ יונג ווי ער וועט נישט פאַרלוירן גיין!

נאָך אַזאַ אויפגעוואַרעמטן שמועס מיטן באָם, איז ער עקסטראַ געקומען אינמיטן טאָג, ווי דאַן די ברידער זיינע, זאָגן דעם פּאָפּ אַז ער פאָרט אויך אוועק. צוקומענדיק האָבן זיי געפונען ס׳טירל פאַרשלאָסן. אפשר אַ מינוט זענען זיי ביידע געשטאַנען, ער און דער באָם, און גע־טראַכט. פּלוצים זאָגט דער באָם: „ווייסט וואָס, דזשאָ? לאָמיר אָנ־שרייבן אויף דער טיר „גוד באַי״! האָבנדיק הנאה פון זיין איינפאַל, האָט ער, אונטער דזשאָ׳ס עטלעכע ווערטער, אויך צוגעשריבן: „איך פאָר אויך, פּאָפּ״!

אינגאַנצן, ווען דער אַלטער איז צוגעקומען אַ געפרוירענער, האָט ער פּלוצים דערזען ס׳טירל באַשריבן מיט ווייסן קרייד. אומזיסט האָט ער אָנגעשטרענגט די פאַרטרערטע אויגן. ער האָט געמוזט אַרויסקומען מיט אַ ליכטל אין האַנט. אַז ער האָט איבערגעלייענט, האָט ער אַ גיפּ־טיקן בליק געטאָן צו קראָופאָרדס ביידל. — ליכטיק! „דער באָם האָט אים אוועקגעשלעפּט ס׳יינגל!״

דער אַלטער איז געשטאַנען און געקוקט אַרום זיך. דאָס ליכטל האָט זיך געבלאָזן, זיך געאַמפּערט מיטן ווינט. דער שניי פינקלט. אין טונקל בלויען הימל, בליצן עטלעכע קאַלטע שטערן. אויפן האָדסאָן שווי־מען אייז קריעס. דער ווינט שטאַרקט זיך און רייסט זיך מיטן שוואַכן ליכטל . . . און ער אַליין ווייסט נישט צי זאָל ער זיך אַריינלייגן אין ביידל אָדער אַריינגיין צו דעם קראָופאָרד, טאָמער נאַרן אים גאָר די יונגען אָפּ, שפּילן מיט אים אַ טריק און וואַרטן ער זאָל זיי קומען זוכן?

איינגעבויגן, מיטן זיך לעשנדיקן ליכט צווישן די פינגער, איז ער געקראָכן איבער דעם שמאָלינקן שטעגעלע. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אַז ער גייט אַריין צום הויכן שכן זיינעם. דענצמאָל, ווען ער האָט אים געוויזן ווי אַזוי צו מאַכן ס׳אייוועלע, האָט ער אפילו זיך נישט אומגע־קוקט ווי דער „ווייסער פּאַלאַץ״ זעט דאָרטן אויס. איצט גייט ער אַהין זיך אָנוואַרעמען . . .

לאַנג איז ער דאָרטן נישט געווען, דער אַלטער. דער הויכער, אַ צופרידענער וואָס דער באָם איז אוועק און ער וועט איצטער האָבן דעם גאַנצן „פּאַלאַץ״ פאַר זיך אַליין, האָט אים געזאָגט: „וואָס דאַרפסטו דעם יונג? קאָנסט אויסקומען אָן „אים״! גלייך דזשאָ וואָלט אויך געווען אַ באָם, ווי לאַרסאָן! . . . אויף דזשאָ׳ן אַליין האָט אים נישט

פאַרדראָסן. היינטיקע יונגען ווילן נישט איינזיצן אויף אַן אָרט. אָבער דער באָם!

די איינזאַמקייט, ביי זיך אין שטעלעכל, האָט אים איצט געדריקט ווי מיט צוואַנגען. איגנוויניק האָט עפּעס גענאָגט. מיטן יונג איז דאָ פּאַרט געווען היימלעך . . . און אַזוי וואַרעם. ער האָט שטאַרקער אַרויסגעדרייט דאָס נאַפט־לעמפּל, וואָס איבערן אייוועלע. אַמאָל האָט דאָס לעמפּל, מיט אַ רויט, פייערדיק גלעזל, געהאַנגען אויף אַ געשטעל, לעבן אַן אויפגעבראָכענעם וועג און געוואָרנט קעגן געפאַר . . . איצט הענגט עס ביי אים אויפן ווענטל און לייכט אויף אים מיט אַזויפיל איינזאַמקייט און דער שאָטן זיינער, ליגט אים ביי די פיס אַן איבערגעבראָכענער. „וואָס זאָל ער טאָן? וואָס זאָל ער איצט טאָן?"

מיט נערוועזע הענט האָט ער געבראָכן ברעטלעך און געפּאַקט אין אייוועלע אַריין. און צו זיך אַליין האָט ער גערעדט אויפן קול, ווי ער וואָלט גערעדט צו דזשאָ'ן: „מאָרגן גייסטו, דזשים, זען וואָס עלסי טוט. די אָרעמע קאַץ, איך האָב איר צוגעזאָגט צו קומען. מאָרגן גייסטו, דזשים, אויף זיכער.

דערנאָך איז ער געלעגן איינגעטוליעט אויפן בעטל, געקוקט דורכן פענצטערל אין פאַרשנייעטן דרויסן און געטראַכט אַז צו זיין דאָ אַליין איז נישט גוט. אַ מענטש דאַרף האָבן עפּעס אַ לעבעדיק וועזן לעבן זיך . . . אָ, ווען זיין איוו וואָלט איצט געלעבט! וואָס קומט דערפון זי וואָלט דאָ סאַי־ווי נישט געקאָנט זיין! זי וואָלט אָבער נישט באַדאַרפט דאָ זיין! ער וואָלט געווען אַ פאַמיליע־מאַן און געהאַט דעם דזשאַב...

אין דרויסן האָט דער ווינט אַלץ שטאַרקער גענומען! אַ געפּייפעריי און אַ געקלאַפּעריי פון שטיקער בלעך האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. פון דער ברוזיקער שטאָט האָבן זיך אַהער דערטראָגן בלויז איינצלנע, אָפּגעריסענע קלאַנגען. שפּעטער האָט זיך דער ווינט איינגעשטילט, אַזוי שטיל אַז מען האָט געהערט דאָס פּליעסקן פון וואַסער אַן ברעג. פון צייט צו צייט האָט אַ פּראַכט צוג דורכגערעדלט. מאָנאָטאָן האָט געקלונגען דער לאָקאָמאָטיוו־גלאָק, גלין, גלין, ביז ער איז פאַרשוואונדן. דערנאָך האָט אַ פייף פון אַ שיף איבערגעריסן די שטילקייט.

אַ וואַכער איז ער אַלץ געלעגן און געקוקט דורכן פענצטערל אַהין, אין יענער זייט האַדסאָן. יעדערס מאָל וואָס דער נאָמען „פאָרד" צינדט

זיך דאָרטן אָן איבערן נאַכטיקן הימל, פֿאַלט אַ פֿײַער־פֿלאַם אין זײַן פֿענצטערל און ער ווערט אָפּגעגאָסן מיט רויט . . . ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער ווײַל איצט פֿאַרגעסן אָן יונג, אָן באָם, אָן אַלעמען ווײַל ער פֿאַרגעסן! פּלוצים האָט ער אַ ציטער געטאָן! אַ קוויטש האָט זיך דערהערט און באַלד נאָך איינער, אַ העכערער און עס איז ווידער געוואָרן שטיל.

אָן אויפֿגעציטערטער פֿון די צוויי קוויטש, איז דער אַלטער געזעסן אויפֿן בעטל און געטראַכט פֿון וועלכער זײַט, פֿון וועלכן בײַדל, זענען דאָס די קוויטשן געקומען? דערנאָך איז ער אַרויס פֿאַרן טירל, געקוקט אויף די פֿאַרשנייעטע בײַדלעך. אין אַ טײל האָט זיך נאָך געלויכטן. דורך די פֿאַרהאַנגענע פֿענצטערלעך האָט זיך געזען ווי שאָטנס פֿאָרען זיך, גייען הין און צוריק, ווי אָן אַ ציל. אָבער פֿונוואַנען די צוויי פֿרויען־קוויטש זענען געקומען, קאָן ער אַלץ בײַ זיך נישט אָפּמאַכן. נאָר ווי קומען דאָ אַהער פֿרויען? . . . יעס, די באָמס שלעפּן שוין אַהער ווײַבער! די גאַנצע קאָמיוניטי וועט גיין צום טײַוול! אָהאָ, אַז ווײַבער זענען שוין דאָ דאָ! . . .

אַ גאַנצע נאַכט זענען אים די צוויי קוויטש געשטאַנען אין די אויערן. פֿאַר די אויגן האָט אים כסדר געשוועבט אַ בילד, וואָס שפּילט זיך דאָ אוודאי אָפּ, ערגעץ אין אַ בײַדל, צווישן אַ יונג מיט אַ מויד . . .

„פֿונוואַנען קומען דאָ אַהער מיידלעך?" אָן אויפֿגערעגטער האָט ער געהאַלטן אין איין שפּײַען אין לבנה־פֿענצטערל, וואָס איז געלעגן אָפּגעשפּיגלט לעבן זײַן בעטל, אויף דער ערד, און צו זיך אַליין האָט ער אַלץ גערעדט: „דזשים, וועסט מוזן ברענגען די קאַץ! גלײַך מאָרגן ברענגסטו זי, דזשים!" . . .

15

נאָכן אָנשרײַבן אויפֿן טירל „גוד באַי, פּאָפּ", האָט דער באָם שוין געוואָלט ווערן דער פּירער איבער דזשאָ'ן. ער האָט זיך שוין געוואָלט פֿאַרקערעווען צו דער באַן־ליניע. נאָר דזשאָ איז דזשים וו-הייטס אַ זון. ער לאָזט זיך נישט אַזוי לײַכט פֿירן. אפֿשר, אויסער ניו־יאָרק, יאָ. אָבער נישט דאָ! נאָכאַלעמען איז נישט דער באָם נאָר דזשאָ דאָ אויפֿגעוואַקסן אויף דער ליניע. דאָס פֿלעגט ער דאָ אַרומלויפֿן מיט די יינגלעך צווישן די פֿראַכט־וואַגאָנעס, קריכן און כאַפּן זיך פֿון איין דאַך אויפֿן אַנדערן.

— לאַרסאָן, זײַ מוחל, דאָ װעל איך דיר װײַזן װאו מען כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ צוג! . . .

לאַרסאָן האָט אַ זײַטיקן קוק געטאָן מיט זײַן רויט־צעװײנטיקט פּנים אויף דזשאָ'ן. אָט, פּונקט אַזאַ בליק האָט ער צוגעװאָרפן דעם אַלטן פּאַפּ, יענעם אינדערפרי, װען דער אַלטער האָט אים געװאָלט נע־מען פירן ערגעץ אויף זעקסטער עװעניו זוכן אַ דזשאַב.

— מיר געפעלט דײַן חוצפה, דזשאָ!

דזשאָ אָבער פאַלט נישט אַראָפּ בײַ זיך פון דעם באַמס ביטול. װי אײנער װאָס װײס דאָך בעסער, טוט ער אים אַ צײג אָן מיטן פינגער:

— לאַרסאָן, װאָס איז דער מער מיט דיר? זעסט נישט דאָרטן ס'בײדל? דער װעכטער דערזעט אונדז, איז „גוד באַי טריין"!

אַ שטילער איז איצט דער באַם נאָכגעגאַנגען דזשאָ'ן. זאָל ער הײסט עס, פּאָר אַ מינוט, זײַן דער פירער. פּאַרדאָס, אויסער ניו־יאָרק, װעט מען שוין זען!

האַרט בײַם װאַסער־ברעג, איבער סקריפּנדיקן שנײ, בערגל אַרויף, בערגל אַראָפּ, האָט איצט דזשאָ געפירט לאַרסאָנען העכער אַרויף, נאָרד. יעדערס מאָל, װאָס אַ פראַכט־צוג האָט אָנגערעדלט, האָבן בײדע געװאָרפן אַ זײַטיקן, שטומען בליק, צי מען קאָן זיך שוין נישט טאָן אַ װאָרף אַרויף . . .

ערשט נאָך דער הונדערט פינף און צװאַנציקסטער סטריט, האָבן זיך די צװײ יונגען געקאָנט פאַרנעמען צו דער ליניע.

צום ערשט האָבן זײ זיך גוט אַרומגעקוקט. עס איז געװען אַ לײדי־קער דרויסן, אַ בלויער, אַ פינקלענדער פון קעלט. דער שנײ אונטער די פיס סקריפּעט האַרט. רעכטס, אין טאָל, שטײט אַ לאַנגע רײ פראַכט־װאַגאָנען טויטע, פאַרלאָזענע, װי צוגעפרוירן צו די שינעס. לינקס, פליסט דער האָדסאָן. שטיקער אײז יאָגן זיך איבער אים, װילן זיך צע־נויפציען, באַהעפטן און אים אָפּשטעלן, אײַנפרירן אים אָט־װי די װאַגאָ־נעם אַנטקעגן. דער האָדסאָן איז אָבער שטאַרקער. ער שװימט אַװעק אין אָפענעם ים, שיקט אָן אַ מעכטיקן װינט װאָס צעטרײַבט און צע רײַבט די שטיקער אײז אויף שפּריץ.

די צװײ יונגען, די אײנציקע שװאַרצע שאָטנס אין גאַנצן שנײ־װײסן אַרום, האָבן זיך געשאַרט אַלץ נענטער און נענטער צום טאָל.

— דאָ, לאָמיר אַראָפּ!

פלינק האָבן זיך בײדע געטאָן אַ גליטש אַראָפּ אויף די געזעסן.

לאַרסאָן האָט געטאָן מיט איין בליק אַ מעסט אַף דעם צוג. מ׳זעט נישט קיין אָנהייב, מ׳זעט נישט קיין ענד! אפילו ער, דער באָם מיט זיין געניט אויג, האָט נישט געקאָנט באַשליסן אויב דאָס איז אַ צוג, וואָס דאַרף ערגעץ אַרויסרירן. וואָרעם אַ געלאָדענער, זעט ער, איז דער צוג זיכער. עס קאָן אָבער אויך זיין אַז דער צוג וואַרט דאָ אַראָפצו־פאָרן, צו אַ ליידיקער פראַכט־סטאַנציע, אויסגעלאָדן צו ווערן.

סאַי־ווי, שטיין אין דער בלויער ווייסקייט, וואו פון ווי ווייט קאָן אַ באַן־וועכטער, אַן אויסוואָורף דיך דערזען, דאָס קאָן מען אויך נישט!

— לאָמיר דערוויי׳ל אַרונטער צווישן די רעדער, האָט דער באָם אויף גיך אַ זאָג געטאָן.

געשיקט, ווי קעץ, האָבן זיי זיך געטאָן אַ שניף אַרונטער אונטער אַ וואַגאָן. דאָרט, צווישן דער אַקס, לעבן די פעדערשטע רעדער, זענען זיי געבליבן זיצן איינגעדרייטע, ווי צוויי גוט צעגנויפגעוויקלטע קנוילן. די אייזנס, אָן וועלכע זיי האָבן זיך געמוזט אָנהאַלטן, האָבן געבריט פון פראָסט. שטילערהייט, איינגעקנוילטע, קוים רירנדיק מיט די ליפּן, האָבן זיי אָפּגעמאַכט אַז דאָ מוז מען זיך אויסבאַהאַלטן ביז עס וועט אָנרעדלען אַ צוג. דאַן וועט מען טאָן אַ שפרונג אַפער און — היידאַ, סאַוט!

נאָר וואַרטנדיק אין דעם באַהעלטעניש אויף אַן אַנדער צוג, האָבן דערוויי׳ל די וואַגאָנען, צו זייער שטוינען, זיך געטאָן אַ קלאַפּ צוזאַמען און פלוצים גענומען פאָרן! די יונגען איז באַפאַלן אַ טויט־שרעק! זיצן דאָ און פאָרן איז אומעגלעך. מ׳קאָן פאַרפרוירן ווערן און אַראָפּ־פאַלן אַ פאַרשטייפטער, ווי אַ געפרוירענער פויגל פון אַ צווייג אַראָפּ. דערצו נאָך איז גאָרנישט נויטיק פריער פאַרפרוירן צו ווערן. דער קלענסטער בויג, דער מינדסטער אומפאָרזיכטיקער גליטש, ליגסטו גלייך אויף די שינעס און די רעדער — איבער דיר! . . .

די יונגען האָבן זיך דערפילט ביים טויט צווישן די ציין. בלויז איין קריץ און זיי זענען פאַרטיק! מיט פאַרביסענע ליפּן, מיט גאַל אין די אויגן, האָט דזשאָ גענומען קוקן אויפן קנויל לעבן זיך, דעם באָם. דאָס האָט ער דאָך אים אַהער אַרונטערגעפירט! נאָר קוקן אויפן באָם איז איצט געפערלעך! מ׳קאָן פאַרלירן ס׳גלייכגעוויכט! מ׳מוז קוקן פאַר זיך! נאָר פאַר זיך, לויפן די גלאַנציקע שינעס און די רעדער איבער זיי שלייפן: טאַ—טאַ—טאַ! טאַ—טאַ—טאַ!

— דזשי! האָט ער אַ קרעכץ געטאָן!

דער באָס, אַנשטאָט צו בלייבן אויך אַזוי פאַרלוירן, האָט זיך גאָר פון דעם יונגס טעראָריזירטן קרעכץ: „דזשי", שטאַרק צעלאַכט. דער באָס האָט שוין, ווייזט אויס, אַמאָל געמוזט אַזעלכעס איבערלעבן. אויב ער איז פריער געוואָרן צעטומלט, איז עס בלויז, ווייל ער ווייסט נישט אין וועלכער ריכטונג דער צוג פאָרט. וואָרים אויב מען פאָרט אַראָפּ צו אַ פּראַכט־סטאַנציע, פאַלט מען גלייך אַריין אין די הענט פון די מער־דערישע באַנוועכטער! און פאַר אים איז דאָס, ווייזט אויס, ערגער ווי הענגען אַ צייט אויף דער אַקס, לעבן די זיך דרייענדיקע רעדער.

אין מיטן געלעכטער זענען דערוווייל די רעדער אַרויף אויף אַ געפלעכט פון רעלסן. דעם באָס איז גלייך קלאָר געוואָרן פון אָט־דעם רעלסן־געפלעכט, אַז דער צוג גייט טאַקע אַוועק, אַרויס פון ניו־יאָרק. באַטש וואוהין ער גייט, טראַכט ער איצט נישט. פאַר אים איז שוין גענוג, וואָס דער צוג איז אַראָפּ פון אינזל מאַנהעטן און ציט ווייטער! איצט, אַז די באַן האָט זיך צעפאָרן אויף אַן אמת מעג ער דאָך אוודאי לאַכן!

— הער, דזשאָ, באַמיט ער זיך אַריבערצושרייען דאָס געקלאַפּערײ פון די רעדער, — נאָכאַלעמען, אינגאַנצן אַזוי שלעכט איז עס דאָ נישט! אַרויפכאַפּן זיך אויף אַ גייענדיקן צוג איז נישט אַזוי לייכט! נאָך דערצו אין אַ שניי, ווען אַלץ איז גליטשיק. דאָ אָבער, פאָרסטו שוין! . . .

— גיי אין דער ערד! דו באָס. האָט דזשאָ אַ געשריי געטאָן מיט רציחה אַז ער איז שיר נישט אַראָפּגעפאַלן פון דער אַקס. — דו רופסט דאָס פאָרן? מיר וועלן דאָך באַלד גע'הרג'עט ווערן!

נאָר דער באָס, אַ צעזאַמענגעהויקערטער אין זיין ווינקעלע, צעלאַכט זיך ערשט אויפסניי! עס אַמוזירט אים דעם יונגס טעראָריזירטער צו־שטאַנד. אים טוט, ווייזט אויס, הנאה וואָס באַלד, ביים ערשטן אַרויס־פאָר, וועט דער יונג האָבן די אמת'ע דערפאַרונגען, וואָס וועלן אים פאַר־הארטעווען. ס'אָלרייט! ס'וועט אים צונוצקומען! ער איז נאָך גאָר אַ קינד, דער דזשאָ! און אַ טרעמפּ דאַרף זיין אַ מאַן מיט דערפאַרונג...

פונדעסטוועגן, אַז דער באָס האָט דערזען ווי דזשאָ פאַרלירט זיך אויף אַן אמת און עס איז דאָ אַ געפאַר ער זאָל טאַקע פאַרלירן ס'גלייכ־געוויכט, האָט ער אים גענומען גאַנץ ערנסט געבן די ערשטע לעקציע. איצט, הייסט עס, איז געקומען די צייט ער זאָל ווערן דער פירער. דזשאָ מעג טאַקע מאַכן דעם אָנשטעל אַז ער האָט זיך געכאַפּט אויף באַנען. אָבער ער ווייסט דאָך יאָ אַז דאָס זענען געווען שטייענדיקע

באַנען. קריכן אונטער לויפנדיקע וואַגאָנעס, העננען מיט פאַרוואָרפענע הענט און פיס אָן אַ רער, צוגעפּרעסט מיטן בויך, בעת די רעדער קאַלערן זיך! קונציק אַריבערציען זיך פון איין פּאָר אַקסן צו די אַנדערע, און פון דאָרט אַפּער צום אייזערנעם לייטערל און זיך אַרויפקריגן אויפן דאַך, דאָס קאָן דער באַם בעסער פון אים! די דאַזיקע שולע איז ער דערפאָלגרייכער דורכגעגאַנגען. וואָרום ער, לאַרסאָן, האָט שוין נישט איינמאָל אַזוי דורכגערעדלט ס׳לאַנד, בעת דזשאָ איז נאָך אויסער ניו־יאָרק קיינמאָל נישט אַרויסגעפאָרן!

ערנסט און מיט גרויס ווירדע איבער זיין קענטניש, האָט ער גענו־מען אַריבערשרייען צום צעשראָקענעם יונג, דעם איינגעקנוילטן דזשאָ:

— איצט, דזשאָ, פאָלג מיר נאָך! אָבער האַלט זיך אָן פעסט! דער עיקר, נישט געאײַלט! און געדענק דאָס, דזשאָ! ווען דו האַלטסט זיך אָן אַן אייזן, לאָז נישט אָפּ פריער ביז ביזט נישט זיכער מיטן צווייטן ריר. קוק ווי איך טו דאָס!

מיט פינטלענדיקע אויגן פון שרעק, האָט דזשאָ צוגעזען ווי דער באַם האָט זיך גענומען ציען איבער דער רער מיט פאַרוואָרפענע הענט און פיס, דעם בויך אַרויף, די פּלייצע אַראָפּ, צום שווינדלדיקן באָדן! אפילו אַ קאַץ וואָלט נישט געקאָנט אַזוי זיך דראַפּען זי זאָל נישט אַראָפּ־פאַלן און צעריבן ווערן אונטער די רעדער! נאָר דער באַם רוקט זיך אָן אַ פונק מורא! ווי ער וואָלט געשוואומען מיטן פּנים אַרויף! קונ־ציק פאַרוואָרפט ער איין האַנט און כאַפּט אָן אַ שטיק אייזן. באַלד כאַפּט ער עס מיט דער צווייטער. אַז ער פילט ער איז שוין זיכער באַ־לאַנסירט, טוט ער אַ שוואונג אַריבער די פיס פון יענער פּאָזיציע און טוט זיך אַ צי אַריבער אַהער. דזשאָ׳ן הייסט ער וואַרטן ביז ער וועט זיין אויפן צווייטן אַקס. דערנאָך, זיצנדיק שוין אויף יענעם געשטעל, כאַפּט ער אָפּ דעם אָטעם און דזשאָ מוז נעבעך נעמען נאָכציען לויט זיין קאָמאַנדע. וואָרום פון דאָרט איז שוין לייכט צו צוקומען צום לייטערל, וואָס פירט צום דאַך.

ערגער איז וואָס מען טאָר נישט זיין אויפן דאַך אויך! חוץ דעם וואָס דער ווינט רייסט אָן אויפהער, קאָן מען לייכט באַמערקט ווערן. נאָר אויפן דאַך וויניגסטנס, קאָן מען אָן געפאַר אָפּכאַפּן דעם אָטעם און באַטראַכטן וואו ווייטער זיך צו פאַרשטעקן.

דערווייל האָט זיך דער צוג דערנענטערט צו אַ וועכטערביידל. שנעל האָבן זיך ביידע געמוזט אויסציען אויפן דאַך ברעט. ליגנדיק אין

שניי, האָט דער באָם באַשלאָסן אַז דאָ טויג אויך נישט! מען מוז זיך זען אַראָפּקריגן ערגעץ אין אַ וואַגאָן אַריין. זומער קאָן מען ליגן וואו עס איז. אין אַזאַ קעלט אָבער, מוז מען זיך געפינען אַ פאַרמאַכט ווינקל. אַמבעסטן איז אין אַ ביידל, וואָס איז צוגעטשעפּעט אָן עק וואַגאָן. אין אַזאַ ביידל איז זיך לייכט אַריינצוקריגן גלייך פון דאַך. אין אַזאַ ביידל זיצט אָבער שטענדיק אַ וועכטער, אַ פאַרקויפטע נשמה...

פונדעסטוועגן מוז מען זיך וואָס גיכער אַראָפּקלייבן פון ווייס־פאַרשנייעטן דאַך.

ווידער נעמט דער באָם זיך דראַפּן איבער די אייזערנע שטאַנגען, וואָס לויפן ווי אַ לייטערל פון דאַך ביז די רעדער. מיט די הענט און פיס האַלט ער זיך אָן די שטאַנגען און מיטן קאָפּ דרייט ער אין אַלע זייטן, נישטערט מיט די אויגן אין שאַרפן ווינט, אפשר איז אַ טיר פון אַ וואַגאָן אָפן און מען קאָן זיך אַהין אַריינקריגן איידער דער צוג קומט אָן אין האַרמאָן!

— סעי, דזשאָ. מיר דאַכט דער פינפטער וואַגאָן איז אָן אָפּענער. מען דאַרף זיך אַהין אַריינקריגן!

ווידער האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אויף די בייכער און זיך גענו־מען ציען לענג־אויס די דעכער. ציענדיק זיך האָט מען זיך דערוויל דערוואַרעמט. פאַר איין וועגס האָבן זיי שוין אָפּגעווישט דעם שניי פון די דעכער. ביי יעדן ענד פון אַ וואַגאָן האָט דער באָם קונציק געטאָן אַ וואָרף זיך אַריבער אויפן צווייטן דאַך. דזשאָ, ווי אַ שטיל, געהאָרכ־זאַם יינגל — נאָך! ביים פינפטן וואַגאָן, האָט לאַרסאָן זיך צוגעשאַרט צום עק און אַראָפּגעשטעקט זיין קעפּל. באַלד האָט ער צוריק אויסגע־דרייט ס׳רויטע פּנים צו דזשאָ׳ן:

דזשאָ, מיר האָבן מזל, ס׳איז אָפן!

ווידער איז ער אַראָפּ אויף די לייטער־שטאַנגען. מיט איין האַנט האָט ער גענומען רוקן די שווערע, רעדלדיקע וואַגאָן־טיר צו זיך, ביז ער האָט אָנגעפּאַקט דעם שווערן ריגל. פלינק האָט ער געטאָן אַ וויג דעם קערפּער, אַ פלאַטער דאַכט זיך אין דער הוילער לופט און שוין איז ער אינוויייניק!

בעת דער באָם האָט זיך געטאָן אַ שוואונג אַריין, האָט דזשאָ׳ן געשווינדלט אין די אויגן. דער באָם האָט גאָרנישט געזען די געפאַר. ער אָבער, צוקוקנדיק פון דאַך אַראָפּ, האָט גוט געזען מיט וואָס דאָס

שמעקט! איין קליינעם בויג, און ער פליט אויף אַ טעלעגראַף־סלופּ אַרויף, אָדער גאָר גלייך אונטער די רעדער אַרונטער!

פונדעסטוועגן, אַז עס איז געקומען זיין נעקסט, האָט ער גאָרנישט געדענקט די געפאַר, אָדער אפשר האָט ער נישט געוואָלט טראַכטן דער־וועגן? וואָרום, ווען ער טראַכט יאָ? וואו איז די ברירה? בלייבן הענגען מיט די הענט אָן די בריענדיקע שטאַנגען? אפשר ליגן און געפרוירן ווערן אויפן דאַך, פון וואַנען אַ וועכטער וועט דיך אַראָפּשלעפּן, געבן דיר מיטן רעוואָלווער איבערן קאָפּ און דערנאָך ערשט פאַרפּאַקן דיך ערגעץ אויף צוואַנגס־אַרבעט!

דערפאַר איז ס׳גלייכסטע, ווי דער באָם, טון זיך אַ שוואונג, אַ כאַפּ אָן דעם ריגל און ביזט שוין אויך אינווייניק!

נישט לאַנג נאָך דעם איז דער צוג אָנגעקומען צו האַרמאָן. די וואַ־גאָנען האָבן זיך געטאָן אַ קלאַפּ צוזאַמען און געבליבן שטיין. די יונגען האָבן אפילו נישט באַוויזן צו פאַרמאַכן די טיר. איצט אָבער איז שוין נישטאָ קיין צייט פאַר דעם! זייער גליק, וואָס אין דעם וואַגאָן זענען געווען אָנגעוואָרפן קעסטלעך און גרויסע בויגנס פּאַפּיר. דער וואַגאָן איז, ווייזט אויס, נישט אויסגערוימט געוואָרן נאָכן אויסלאָדן. גיך האָבן זיי זיך פאַרשטעקט צווישן די קעסטלעך, אין אַ ווינקל. טאָמער טוען אַ פאָר אויגן אַ בליץ אַריין זענען דאָ בלויז קעסטלעך.

ליגנדיק פאַרשטעקט אונטער קעסטלעך, האָבן זיי געהאַלטן וואַך די אויגן צו דער אויפגעפּראַלטער טיר. מען דאַרף זיין אויף דער וואַך, טאָ־מער דאַרף מען פליען פון אונטער אַ וועכטערס הענט אפער! נאָר דער־ווייל האָט מען קיינעם נישט געזען. דרויסן, צווישן די פאַרשנייעטע לי־ניעס זענען אַרומגעלאָפן באַן־אַרבעטער פאַרהאָרוועטע. לויט דעם פרישן שאָקל פון די וואַגאָנעם האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז מען האָט אָפּגעטשעפּעט דעם עלעקטרישן לאָקאָמאָטיוו. טייל וואַגאָנען האָט מען איבערגע־וועקסלט אויף אָן אַנדער ליניע. אויך זייער וואַגאָן, פילן זיי, פאָרט פאַ־מעלעך ערגעץ וואו. ענדלעך איז ער ווידער שטיין געבליבן. ווער ווייסט וואָס מיט דעם וואַגאָן וועט נאָך ווערן. וועט ער ווייטער פאָרן? וועט ער דאָ בלייבן? אין יעדן פאַל טאָר מען נישט אַרויסשטעקן די נעז ביז עס ווערט נישט נאַכט!

ליגנדיק אין אַ באַרג פּאַפּירן, אין דער אומבאַשטימקייט, האָט זיך די צייט פאַר זיי געצויגן אומדערבאַרעמלעך לאַנג. זיי האָט זיך גע־דאַכט עס וועט שוין גאָר קיין סוף נישט נעמען! ווען דער באָם קאָן

טאָן בלויז איין בליק, וואָלט ער גלייך דערשנאַפּט וואָס דאָ איז: וואַרט מען איבער אַ פּאַסאַזשיר־צוג? שטייט דער וואַגאָן אינגאַנצן אָפּגעטשע־פּעט? אָדער וויים עס דער טייוול, וואָס דאָרטן גייט אָן אין דרויסן! אַזוי אָבער מוז מען ליגן איינגעלייגט און וואַרטן!

דזשאָ אָבער, חוץ די לאַנגווייל פון אומבאַשטימטן וואַרטן, האָט אים אויך געדריפּעט דער הונגער. פון הינטער זיין קעסטל אָפּער האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ צום באָם, אַ שפּיי געטאָן פון זיך:

— פו, עס דריפּעט אין בויך! כ'בין הונגעריק ווי אַ הונט!

לאַרסאָן, פון הינטער זיין קעסטל, האָט אים צוריק אָהערגעשיקט, מיטן שטערן און מיט די חוזק'דיקע אויגעלעך, אַזאַ האַלב שמייכעלע. באַלד האָט ער טאַקע אַרויסגעהייבן פאַר אַ מינוט ס'גאַנצע פּנים, זיך גע־טאָן אַ פּאַרקרים און אַרויסגעקוועטשט אַ לאַנגן, אָן אָפּלאַכערישן:

— אָ, י—ע—ע—ע! טאַקע הונגעריק? . . .

16

עס איז געוואָרן נאַכט. אַ בלוי־ווייסע נאַכט. אינדרויסן איז עס געווען דער טינט־בלויער הימל אויבן און דער ווייסער שניי אויף דער ערד; אין וואַגאָן — דער בלויער חלל און אַ וויים־צעשאָטענער פּאודער.

פּאַוואָליע און שטיל האָט זיך לאַרסאָן אין דער טונקלקייט גענומען אַרויספּלאָנטערן פון בארג פּאַפּירן, צווישן די קעסטלעך, און זייטיק גע־נומען זיך רוקן צו דער אויפגעפּראַלטער טיר. פון רוקן זיך איז ער גע־וואָרן וויים, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעטונקט אין מעל. ביי דער טיר האָט ער זיך אויסגעצויגן לענגאויס דער וואַנט. בלויז ס'לאַכעדיקע פּנים מיטן וואַכן קעפּל האָט ער פּאַוואָליע און פּאָרזיכטיק אַרויסגערוקט אין דער עפענונג, אָט אַ שטייגער ווי אַ טשעריפּאַכע רוקט אַרויס איר קעפּל פון אייגענעם באַהעלטעניש. די אייגלעך זיינע האָבן געבליקט פּאָראויס, אין דער ווייט, אַ שטייגער: דער ווילפּטער וואַגאָן פון לאָקאָמאָטיוו איז דער דאָזיקער? דערנאָך האָט ער געבליקט אין דער אַנדער זייט: איז עס אַ לאַנגער צוג, אָט־דער? וואָרום פון יעדן שטוים און שטופּ, בעת ער איז געלעגן אונטערן קעסטל, האָט ער פאַרשטאַנען אַז דאָס ריכט מען אוים אַ לאַנגן צוג!

אַרום די ווענט האָט ער זיך איצט געכאַפּט צוריק אונטער די קעסטע־לעך צו דזשאָ'ן:

— דו הערסט, דזשאָ, איך דענק מיר וועלן באַלד פאָרן ! אונדזער וואַגאָן איז נישט ווייט פון לאָקאָמאָטיוו. דאָס איז אויסגעצייכנט ! וואָרום די וועכטער היטן מערסטנס די הינטערשטע וואַגאָנעס.

— אָבער וואוהין פאָרט מען ? האָט דזשאָ שטילערהייט א פרעג געטאָן.

— דאָס קאָן איך דיר נישט זאָגן. נאָר סאַי־ווי וועט מען דאָ לענגער ווי ביז אינדערפרי נישט קאָנען פאָרן. מ׳וועט דאַרפן עסן. וואָס זאָגסטו, דזשאָ ?

דזשאָ׳ן האָט זיך געדאַכט אז דער באָם לאַכט דאָס אים אויס, ווייל ער האָט פריער געזאָגט ער איז הונגעריק. ער האָט א בייזן בליק געטאָן דעם באָם אין אויסגעמעליקטן פנים אריין :

— וואָס ? מאָרגן ? איך . . .

ער האָט זיך דאָ געוואָלט א נעם טאָן צום באָם, אויסלאָזן צו אים זיין גאַנצן כעס וואָס האָט זיך אין אים אָנגעקליבן, צוליבן פריערדיקן הענגען אונטערן וואַגאָן, צוליבן פרירן און הונגערן. נאָר דער באָם קאָן אים שוין, פונקט ווי ער קאָן זיין טאַטן. ער האָט אים באַלד איבערגעהאַקט. ער ווייסט אז די בעסטע זאַך, ווען א חברה־מאַן ווערט בייז, איז אים אביסעלע אויסצולאַכן, אביסעלע אָפּצו׳חוזק׳ן. אָט א שטייגער ווי ער האָט אויסגעלאַכט דעם אַלטן פּאָפּ, יענע נאַכט אין פּאַרק, ווען דזשים האָט זיך באַקלאָגט אז ער האָט פאַרלוירן דעם דזשאָב.

— וועסט מיר מוזן אנטשולדיקן, דזשאָ ! האָט ער גאַנץ ערנסט פאַרקנייטשט ס׳איינגעוווייסטע פנים. כ׳האָב זיך זער געאיילט, האָב איך נישט באַוויזן צו רעזערווירן פאַר דיר א ספּעציעלן עס־וואַגאָן . . .

— גיי אין דער ערד ! דו באָם. שטענדיק מוזטו זיך וויצלען.

ער האָט נעבעך נישט געקאָנט אויסלאָדן זיין ביטער הארץ, דזשאָ. פונקט ווי דער אַלטער דאַן אין פּאַרק, אזוי האָט ער זיך אויך געמוזט צורוקן מיט דער פּלייצע צום באָם, דעם גוטמוטיקן שכן זיינעם.

ווידער שטיל. ארום — פינצטער. בלויז ביי דער געעפנטער טיר פאַלט א שמאָלער פּאַס ליכט פון אנטקעגנדיקן לאָמפּ. זייטיק און קרום פאַלט דאָס ליכט ביז דער האַלבער פּאָדלאָגע, מיט אַן אָפּשפּיץ אויף א קעסטל ארויף. אין דרויסן סקריפּען פיס איבערן געפרוירענעם שניי. א גייענדיק לעמפּל טוט זיך א וויג אריין. עס ווערט ווידער שטיל.

אינמיטן דער שטילקייט האָט דער צוג פּלוצים געריררט. די רעדער האָבן גענומען קלאַפּן. איינס און איינס האָבן די דרויסנדיקע לאָמפּן

מיט זיי זיך געזעגנט. יעדער לאָמפּ האָט אַ באַזונדערן ווינק אַריינגעטאָן דורך דער אויפגעפּראַלטער טיר, אַ ווינק און פאַרשוואונדן. ביז, נאָכן לעצטן לאָמפּן ווינק איז געוואָרן אויף אַן אמת פינצטער אין וואַגאָן. בלויז דער צעשאָטענער פּאודער ווייסט זיך קוים, קוים אויף דער ערד.

די רעדער קלאַפּן האַסטיק. די באַן לויפט. איצט מעג מען זיך אויפשטעלן. די וועכטער זענען געווים פאַרשטעקט אין זייערעביידלעך.

אָנגעשפּאַרט אין דער אויפגערוקטער טיר, איינער אַנטקעגן אַנדערן, זענען די צוויי יונגען געשטאַנען און געקוקט אויף דעם שוואַרצן רויך, וואָס דער לויפנדיקער לאָקאָמאָטיוו זעצט פון זיך איבער דעם ווייסן שניי, איבער דעם שטילן, מיט פראָסט־אָטעמדיקן האָדסאָן. זיי האָבן געקוקט הינטער זיך, ווי עס ציט זיך נאָך אַ לאַנגע, לאַנגע ריי וואַגאָנעס, פינצטערע, שטילע, אויסגעלאָשענע. אפשר ווייט, ווייט אַראָפּ, ציט נאָך אַ ספּעציעלער וואַך־וואַגאָן, וואו עס זיצן באַוואָפנטע לייט ביי קליינע לעמפּעלעך און טרינקן הייסע טיי אָדער שוואַרצע קאַווע.

— פאַר דער נאַכט זענען מיר זיכער, האָט פּלוצים לאַרסאָן אַ זאָג געטאָן צום מיטפאָרער זיינעם, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אים אין בלויען שניי ליכט, אַ בלאַסער, אַ געפרוירענער און היבשלעך זויערער. —דו ווייסט, דזשאָ, מיר דאַכט דו קאָנסט דאָס נישט פאַרנעמען. דאַרפסט געדענקען, פאָרן אין אַ וואַגאָן איז נישט ס׳ערגסטע!

דזשאָ׳ן איז נישט אָנגעשטאַנען אַזאַ לעקציע. ס׳יינגל אין אים האָט נישט געקאָנט הערן אַז ער איז אַ שוואַכלינג. ער האָט געטאָן אַ מעסט אָפּ דעם באָם פון די אויסגעווייסטע שיך־שפּיצן ביז זיין פאַררוקטן קאַפּעליוש:

— איך קאָן עס נישט פאַרנעמען? איך געוועט זיך, דו וועסט פריער מיד ווערן פון מיר!

— מעגלעך. האָט לאַרסאָן אַ שמייכל געטאָן און געגאַנגען צוריק הינטער די קעסטלעך, צום בארג פּאַפּירן.

דזשאָ האָט גענומען פאַררוקן די טיר.

— נאָו! טו דאָס נישט! האָט ער פון אונטער זיין באַהעלטעניש אָפּגערופן. — אַ וועכטער קאָן אונדז נאָך אַמאָל פאַרשליסן! אַז די טיר איז אָפן קאָן מען זיך פון אונטער זיינע הענט אַרויסכאַפּן!

— דער באָם איז אָלרייט. ער האָט געהירן! האָט דזשאָ, צולייגנדיק זיך צו יענעמס פּלייצע געטראַכט. ס׳וואָלט טאַקע געווען גרויסע

צרות, ווען מען פֿאַרשליסט זיי דאָ. מ׳וואָלט געקאָנט פֿנג׳ן פֿאַר אַ ביסל שניי אויף אַ טרונק צו טאָן. שוין אָפּגערעדט פֿון עסן!

— סעי, לאַרסאָן, וואו דענקסטו פֿאָרן מיר? האָט דזשאָ אין אַ מינוט אַרום זיך ווידער אויפֿגעזעצט.

דער באָס, ווי שטענדיק, גרייט אַ לאַך צו טאָן, האָט אים ליגנדיק גלייך געענטפֿערט:

— וואָס, ווייסט דען נישט? אונדזערע טיקעטס זענען דירעקט קיין פֿלאָרידאַ! . . .

דזשאָ האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיין שוואַכקייט. אָבער מיטלאַכן האָט ער אויך נישט געקאָנט. אין בויך בורטשעט דאָרטן דער הונגער. די פֿיס זענען אים פֿאַרשטאַרט און אינגאַנצן ציטערט ער פֿון קעלט. אַנשטאָט לאַכן אָדער ענטפֿערן דעם איינגעקנוילטן באָס, האָט ער זיך גאָר גענומען אויפֿטייען די פֿיס, זיי רייבן און מאַסאַזשירן. ערשט איצט האָט זיך דער באָס צעלאַכט. פֿון וועלן לאַכן וואָס שטילער האָט ער זיך אַזש פֿאַרהוסט. הוסטנדיק און לאַכנדיק האָט דער באָס ענדלעך אַרויסגעבאָלבעט:

— דזשאָ, ביזט פּונקט ווי דיין פּאַפּ. אַט פּונקט אַזוי האָט זיך דער פּאַפּ דיינער געקראַצט אין פּאַרק, ווען ער האָט זיך לעבן מיר צוגעלייגט. איך האָף נאָר ביזט נישט קיין דורכגעפֿאַלענער פּרעזידענט...

פֿאַר דזשאָ׳ן איז די מעשה געווען גאָר ניי. דער פּאַפּ האָט אים קיינמאָל נישט דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפֿן מיט דעם באָס.

— ס׳טאַקע קאָמיש, האָט דזשאָ ענדלעך אַ שמייכל געטאָן אינדערפֿינצטער און זיך צוריק צוגעלייגט צום באָס.

די רעדער האָבן אַלץ ריטמישער און מאָנאָטאָנער געקלאַפּט. דאָס שטאַרקע טוליען זיך איינער צום אַנדערן האָט זיי אַביסל דערוואַרעמט. דאָס ביסל וואַרעמקייט און דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפּן האָט זיי ביסלעכווייז איינגעדרעמלט. זיי האָבן פֿאַרלוירן דעם גאַנג פֿון די לאַנגע שעה׳ן. פּלוצים, פֿאַרטאָג, האָבן זיי זיך אויפֿגעכאַפּט דערשראָקענע אויף טויט!

מיט איינמאָל האָבן זיי דערהערט אַ רוק פֿון דער טיר. אין האַלב דרעמל, האַלב וואַך, האָבן זיי געגלאָצט אַהין, וואו עס איז געשטאַנען עפּעס אַ חברה־מאַן אין דעם אָפֿענעם קוואַדראַט. אין ווייס־שנייאיקן הינטערגרונט האָט ער אויסגעזען ווי אַ גרויסער פֿאַרטרעט אין נאָך אַ ריזיקער ראַם. אין זייער פֿאַרשלאָפֿנקייט האָבן זיי נישט געקאָנט באַשליסן צו דאָ דאָס איז אַ היטער אָדער אַזאַ פּאַסאַזשיר ווי זיי. זיי האָבן

איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דזשאָ האָט שוין געטראַכט ווי אַזוי צו טאָן אַ שפּרונג אויף אים, כּדי זיך צו קאָנען אַרויסכאַפּן פון דאַנען.

ענדלעך האָט יענער גענומען אַביסל פּאָררוקן די טיר. דערנאָך האָט ער זיך פאַרנומען צו די קעסטלעך, אין דער אַנטקעגנדיקער האַלבער זייט פון וואַגאָן.

איצט איז זיי געווען קלאָר ווער דער פאַרשוין איז. זיי האָבן זיך נאָר געוואונדערט וואָס זיי האָבן דאָס באַלד נישט איינגעזען. וואָרום אַ וועכטער גייט נישט ביינאַכט אָן אַ לעמפּל.

— סעי, באַדי! וואו זענען מיר? האָט לאַרסאָן שוין גאַנץ דרייסט אַרויסגעהייבן זיין קעפּל פון באַהעלטעניש.

יענער, ווייזט אויס אַ געניטער פּאַסאַזשיר, האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט:

— אָ, איך בין נישט אַליין?

מיט זיין גאַנצן, געהייבענעם כּבוד האָט ער זיך גלייך מטריח געווען אין זייער זייט אַריין:

— פון וואַנען, באָים?

— פון ניו־יאָרק, האָט דזשאָ זיך אָנגערופן.

— און דו, ברודער? האָט לאַרסאָן אים געפרעגט.

אָ, איך בין פון פּיטסבורג, האָט זיך דער נייער גאַסט שוין גאַנץ היימישלעך אַראָפּגעזעצט צווישן די קעסטלעך. — די באַן גייט קיין מערילאַנד. פון דאָרט דענק איך זיך צו כאַפּן „סאַוט"!

— אָט פּונקט ווי מיר ווילן! האָט זיך לאַרסאָן פון גרוים פרייד אַזש אויפגעזעצט.

— דו הערסט, דזשאָ, די באַן וועט אונדז ברענגען קיין מערילאַנד!

נאָר דזשאָ'ן איז איצט, ווייזט אויס, געווען אַלץ איינס וואו די באַן וועט אים ברענגען. דערוויל איז ער הונגעריק. ווען דער יונג האָט עפּעס מיט זיך, דאָס וואָלט געווען אַן ענין!

— סעי, באַדי, האָסט אפשר עפּעס אַ ביס צו טאָן? האָט ער שוין אויך אונטערגעהייבן דעם קאָפּ.

אָבער לאַרסאָן, ווי הונגעריק ער איז נישט געווען, האָט אַלץ געהאַלטן דעם נייעם גאַסט „ביזי" מיט אויספרעגן אים וואו ער געפינט זיך אין דער וועלט. פאַר אים איז דאָס איצט וויכטיקער ווי כאַפּן אַ ביס.

— מיר זענען נאָך אַלץ אין פּענסילווועניאַ. נאָר די באַן גייט קיין

מערילאַנד, אין דעם בין איך זיכער! באַלד האָט זיך דער דערציילער דערמאָנט אַז דער צווייטער יונג האָט ביי אים געבעטן אַ בים.

—וואָס, אַ קיי? געווים! כ׳האָב מיט זיך עטלעכע סאַנדוויטשעס.

ווי לאַנגיאַריקע פריינט זענען איצט די דריי יונגען געזעסן צווישן די קעסטלעך, אין פינצטערן, לויפנדיקן וואַגאָן און געקייט מיט גרוים אַפּעטיט פּענסילוועניער סאַנדוויטשעס.

אין מיטן דערינען האָט דער באָם אַ קלאַפּ געטאָן דזשאָ׳ן איבער דער פּלייצע:

— זעסט, דזשאָ, כ׳האָב דיר געזאָגט אין וועג זענען די באָים אַנדערש ווי אין שטאָט. זיכער בעסער ווי אין ניו־יאָרק. ניו־יאָרק איז אַ פּאַסקודנע שטאָט, זאָג איך דיר!

דזשאָ׳ן האָט אפילו פאַרדראָסן וואָס דער באָם באַליידיקט אים זיין ניו־יאָרק, נאָר ער איז איצט צו מיד און צו פויל זיך צו שטערן דעם בים און אריין אין אַ קריג מיטן באָם . . .

17

דזשים וווהייט איז ווידער געבליבן אַנגעוויזן אויף זיך אַליין. פריער, אין די אָוונטן, פלעגט דזשאָ ברענגען פון די מאַרקעטס וואָס נאָר ער האָט געקאָנט. אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ מעיער, אַ פּאָר ביינער. טיילמאָל אויך אַ שטיק פליישׂ! קיין איינקאָך האָט מען טאַקע נישט געקאָנט מאַכן דערפון, אָבער אַ געשמאַקע זופּ האָט ער אַלעמאָל געמאַכט! איצט מוז ער זיך אַליין פאַרזאָרגן. אַרומשלעפּן זיך פון איין הונגער־ריי אין דער אַנדערער נאָך אַ סאַנדוויטש, דאָס קאָן ער נאָך אַלץ ביי זיך נישט פועל׳ן. בלויז ווען ער האָט שוין נישט קיין ברירה, ווען איןביידל איז מער ווי דער טשייניק וואַסער נישטאָ, דעמאָלט שטעלט ער זיך אַוועק צוגלייך מיט די אַנדערע באָמס, וואַרטן אויף מיסטער הוירסטס סאַנדוויטש־טראָק . . . אַזוי צבער קריכט ער אַרום איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, ווי פיל אַנדערע איינוואוינער פון „זיין שטעטל” און זוכט עפּעס צו פאַרדינען.

דעם יונג, דזשאָ׳ן, איז עס געווען פיל לייכטער. אים האָט מען אין יעדן מאַרקעט געגעבן קערב צו טראָגן. דעם אַלטן אָבער וויל מען נישט געבן. ס׳פּאַסט נישט אַרויפצושיקן צו אַ געבאַליעטער דאַמע אַן אַלטן

מאַן אין אַזעלכע אָפּגעטראָגענע בגדים . . . אַ יונג ווי דזשאָ, מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ ווייכע, זײַדענע האָר, מיט בלויע אויגן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ ווען אַ פרוי קוקט אויף זיי צו נאָענט, אָט־אַזאַ יונג דאַרף מען שיקן! איז ער שוין צו קיין מאַרקעטס נישט געגאַנגען, דער אַלטער.

אָן איינגעבויגענער, איינגעוויקלט אין געל אויסגעריבענעם מאַנטל, איז ער יעדן פרימאָרגן געקראָכן אין שטאָט אַריין. די קעלט אין די פּלייצעס האָט אים שוין אויפגעהערט צו אַרן. אָבער וואָס טוט ער מיט די צעפּאַלענע שיך? וואָס וועט ער טאָן? אַרום ביידל איז דער שניי אַ האַרטער. אָבער אין די ניו־יאָרקער גאַסן? דאָ ווערט עס באַלד אַ בלאָטע! און קריכן מוז ער! אַ מענטש קאָן דאָך נישט ליגן אין אַ ביידל, ערגעץ אויפן ברעג האַדסאָן און אויסגיין נאָך אַ ביסן ברויט, בלויז ווייל די שיך צעפאַלן! קאָן ער? . . .

ער האָט גענומען פּרוּוון מזל, דער אַלטער, וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזט. צו מאָל פלעגט ער הכנעה'דיק עפענען אַ טיר פון אַ באַרבער־שאָפּ. ווי אַ געשלאָגענער הונט האָט ער אַריינגעשיקט די צוויי פייכטע אויגן — אפשר? . . . אפשר ווען מען אים אָנטאָן די צוויי שילדן, איינע אויף די פּלייצע און איינע פאָרנט, אויפן ברוסט, און אים אַרומשיקן אָנזאָגן דער וועלט אַז אין דעם באַרבער־שאָפּ גאָלט מען און מען שערט פאַר איין קוואָדער!

אַז גאָט האָט אים געהאָלפן, ער האָט געקראָגן אַזעלכע צוויי שילדן און זיך אַריינגעשטעלט אין מיטן, פון וואַנען מען האָט נאָר אַרויסגעזען אַ קאָפּ מיט אַ פּאָר פיס, האָט ער גענומען גיין הין און צוריק, איבערן גאַסן טראָטואַר, ווי אַ קיסר! נאָך אַזאַ טאָג האָט ער פאַרנאַכט זיך שוין דערלויבט! אין אַ זייטיק רעסטאָראַנטל, וואו מען לאָזט אַריין אפילו אין אַזעלכע שיך ווי זיינע, האָט ער געגעסן פאַר אַ קוואָדער אַ מאָלצייט און פאַרטרונקען מיט אַ הייסער קאַפע . . .

איינמאָל איז ער אַזוי געקראָכן אַראָפּ, אַראָפּ ביז ער איז אַריבערגעקראָכן די בריק אַזש קיין ברוקלין! זינט ער וואוינט אין ניו־יאָרק, איז ער נאָך דאָרט נישט געווען. אַזוי ווייט „איסט״? . . . אַזש אַריבערן ״איסט־ריווער״? נאָר סאַי־ווי איז דאָס אַ גליקלעכער טאָג פאַר אים!

גייענדיק מיט ברוקלינער בראָדוויי, אונטערן בראָזג פון „על״, האָט ער געטראַכט אַז דאָ איז פונקט ווי אויף זיין קאָלאָמבוס עוועניו. אויך דאָ איז די גאַס שטענדיק פינצטער, דער הימל פאַרשטעלט מיטן שטאָ־

לענעם געפּלעכט פון רעלסן און בעלקעס. אויך דאָ הערסטו נישט דאָס אייגענע וואָרט. פּונקט ווי דאָרט, לויפט דאָ אויך אַלע ווײַלע אַן אַ באַן איבערן קאָפּ, אַזש ס׳דאַכט זיך דיר דער געשטעל פאַלט איין און דעקט דיך צו, ווי אַ שטיין אַ זעמדל.

פון לאַנגוויל האָט ער געקוקט אין די וויטרינעס. זיך אָפּגע־שטעלט אויף אַ ווײַלע און ווייטער געגאַנגען אָן אַ ציל. ביי איין פענ־צטער, אין אַ ראָג גאַס, איז ער געבליבן שטיין לאַנג און זער פאַראינ־טערעסירט. אין פענצטער זענען געשטאַנען עטלעכע שטיגן איינע אויף די אַנדערע, אָנגעפּאַקט מיט הינער. די הינער האָבן זיך געשטופּט, גע־פּאַקט צו די שטיגן־שפּאַלטן, אַרויסגעשטעקט די קעפּלעך און אַזוי טאַמעוואַטע געקוקט אין אַלע זייטן. אינוויייניק, אין דעם לאַנגן און גרויסן „טשיקן מאַרקעט״, זענען געשטאַנען נאָך פיל אַזעלכע שטיגן אַזש ביזן סופיט. אַז די טיר האָט זיך פאַר אַ מינוט געעפנט, האָט זיך געטאָן אַ טראָג אַרויס אַ געקוואָקעריי, אַ קרייערײַ, עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט שוין זער לאַנג נישט געהערט. נאָר דעם אמת געזאָגט, וואָס ס׳האָט אים טאַקע געהאַלטן ביי דעם פענצטער, זענען נישט גע־ווען די הינער. עס איז גאָר געווען אַן אַנדער שטיג, אַ קלענערע, אָבער אַ פיל העכערע, אין וועלכער עס זענען „פרײַ״ אַרומגעגאַנגען טויבן . . .

אַ פאַרגאַפטער, מיט ייִנגלשער פרייד אין אַלטן פּנים, האָט ער גע־קוקט אויף די רויטינקע פיסעלעך, אויף די שוואַרץ־בלישטשנדע קרעלן־אויגעלעך, אויף די בויגיקע העלדזלעך, וואָס מיניען זיך פון בלוי אין פּורפּור, פון ווייס אין גאָלדן־געל.

ווי דורך אַ כישוף זענען מיטאײַנמאָל פאַרשוואונדן די קנאַפּע דרייַ־סיק יאָר ניו־יאָרק. אויסגעוועפּט איז געוואָרן די „פאָרד בייקינג קאָמ־פּאַני״; צערונען — טעמעני און מייק דאָפי און מיסטער הוירסטס ברייט האַרציקייט. אפילו דער „פּאַלאַץ״ זײַנער אויפן האָדסאָן האָט מיט איינמאָל געטאָן אַ שווינד אַרוים פון זיין לעבן! ער איז צוריק אַ ייִנגל, ערגעץ הינטער ליוועראַפּול. עס איז אינדערפרי. די זון שיינט. ער שטייט אויפן דאַך מיט אַ לאַנגער בייטש. מיט יעדן פּאָך צעפליען זיך זײַנע טויבן. זיי צירקלען אַרום, אינדערהויך, איבער זיין קאָפּ . . . ער טוט אַ פײַף און אַ פּאָך מיט דער בייטש קומען זיי צוריק . . .

— סעי, פּאַפּ! ווילסט נישט עפּעס אַן אַרבעט טאָן?

ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס פריידיקע פּנים זײַנס האָט

געלויכטן. כאָטש די פרייד האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער אַר־בעט, וואָס דער נידריק, געפּאַקטער יונג ליגט אים דאָ פאַר.

— זיכער, האָט ער געזאָגט אַזוי טאַמעוואַטע, עפּעס ווי ער וואָלט געוועזן אַ פאַרשלאָפענער. — זיכער, פאַרוואָס נישט?

שפּעטער איז ער געשטאַנען אין דעם מאַרקעט און געקוקט די שטיינער אויף נידריקע וועגעלעך, פון איין אָרט אויפן צווייטן. ער האָט געסקראַבעט די אָנגעדאָסטע פאָדלאָגע, געשייערט די לערע שטיינער. אין איינער אַזאַ שטייג, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ ברוינער הון מיט אַ געל געשפּרענקלטן האַלדז. זי איז געזעסן אין סאַמע ווינקעלע, ווי אַ פאַרגעסענע. ער האָט זי אַ שטופּ געטאָן. זי האָט זער שוואַך אָפּ־געוואָרטשעט און צוריקגעבליבן זיצן, דעם ווײדל אַראָפּ, ס'קעפּל איינ־געקאָרטשעט און די פליגל האַלב צעעפנט. אַזוי גיך ווי ער האָט אוועק־גענומען פון איר די האַנט, איז זי ווידער שטיל געבליבן אַזוי איינגע־פאַלן, ווי אַ קראַנק קינד, וואָס וויל מען זאָל עס נישט שטערן דאָס רואיקע ליגן. עפּעס איז ביי איר דער קאַם און די מאָרדעלעך געווען אַזוי בלוי און די קליינע, רונדע אייגעלעך האָט זי געהאַלטן אין איין פאַרציען מיט די בלוילעכע לעדנדלעך.

אַ געזונטער יונג, דאַכט זיך, דער וואָס האָט אים אַריינגערופן אַר־בעטן, אַ יונג מיט אַ רויט פּנים, אַ רונדיקס, ווי אַ לבנה, האָט אים לאַכנדיק געפרעגט:

— וואָס גלאָצטו אַזוי, פּאַפּ? זעסט דאָך עס איז אַ קראַנקע הון. זי וועט באַלד אויסציען די פיסלעך.

— אַ רחמנות, האָט דער אַלטער אַ זיפץ געטאָן.

— ווילסט זי? קאָנסט זיך זי נעמען! וועסט האָבן „טשיקן־סופּ"! . . .

נאָך דער אַרבעט, ביים אַהיימגיין, האָט מען דעם אַלטן מיטגעגעבן די פגירה. מיט געוואַלדיקער צערטלעכקייט האָט ער זי געטראָגן אין בוזעם דעם גאַנצן וועג אַהיים צו זיך. אַלע ווײַלע האָט ער אוועקגע־בויגן דעם לאַץ פון רעקל און אַריינגעקוקט אויב זי אָטעמט נאָך, אויב זי האָט געטון לופט! ער האָט געציטערט זי זאָל אים נישט אַנטגיין אין בוזעם, איידער נאָך ער קומט אַהיים. עס איז אים גאָרנישט איינ־געפאַלן, ווי יענעם יונג, „טשיקן־סופּ"! חלילה! ער האָט בלויז גע־פילט אַ רחמנות צו דעם קראַנקן באַשעפעניש! דער איינזאַמער מענטש,

אַט־דער דזשים וויהיט, וואָלט זיך איצט צוגעטוליעט צו אַ שטיין אַבי ס׳זאָל אים זיין אייגן, נאָנט און וואַרעם . . . יעדערס מאָל, וואָס דאָס קראַנקע עוף האָט געטאָן אַ צי מיט אַ פיסל און אים געגעבן אַ ראַץ איבער דער הוילער ברוסט, האָט ער אַ טאָפּלטן ציטער געטאָן. ס׳האָט אים געפרייט דאָס וואַרימע ווען, וואָס ער טראָגט אַהיים מיט זיך, אין דער זעלבער צייט האָט עס אים געשראָקן טאָמער איז דאָס דער סוף!

דעם קראַנקן, דערשלאָגענעם באַשעפעניש, איז אָבער אין דער וואַרעמקייט בעסער געוואָרן. די הון האָט ממש אויפגעטייעט. זי האָט אַלעמאָל געצויגן אַן אַנדער פיסל צוליב דעם צופלוס פון ענערגיע. זי האָט גענומען וואַרטשן, רעדן צו אים אין האַרץ אַריין! און ער, איבערגעפילט פון פרייד, האָט אַוועקגעשאַרצט דעם לאַץ און איר געענטפערט: „העלאָ טשיקי! העלאָ, העלאָ טשיקי״! ער האָט אַזש פאַרגעסן צו קוקן וואו ער גייט . . .

איןביידל האָט ער זי פאַוואָליע אַרויסגענומען פון בוזעם און זי אַוועקגעזעצט אויפן בעטל. ער האָט זי געפּרוואוט אויפשטעלן, אָבער דאָס באַשעפעניש האָט אים בלויז געטאָן אַ פּיק מיטן שנאָבעלע אין האַנט און וואָרטשנדיק זיך צוריקגעזעצט. דעם אַלטן האָט דאָס אויפגעהייטערט, פונקט ווי אַ קינד זאָל אים אַ בים טאָן מיט צוויי ערשט געפוינענע ציינדלעך.

און פונקט ווי פאַר אַ הילפלאָז קינד האָט ער איצט פאַר איר גענומען זוכן אַ פּאַסיק אָרט. דאָס נידריקע ווינקל, לעבן שטיין, וואו ער האָט געהאַט זיין ערשטע נאָרע, און וועלכעס ער האָט, נאָכן פאַרשיטן, עקסטרע עס אַריינגענומען אין די פיר ווענט פון זיין ביידל, אַט־דאָס ווינקל וואָלט גאָר גוט געווען! עס איז לעבן אייוועלע, וואַרעם! אָבער צו אַלדע טייוול! די ראַצן! זיי וועלן זי אויפעסן! אָרעמע „טשיקי״! האָט ער רחמנות׳דיק געגלעט דעם הינדלס קעפּל. ניין, ער וועט זי היינט מוזן האַלטן מיט זיך אין בעט. מאָרגן וועט ער שוין זען!

דערווייל האָט ער איר צוגעשטעלט אין אַ טעלערל אַ טרונק. ס׳הינדל האָט איינגעטונקן ס׳שנאָבעלע, פאַרוואָרפן ס׳קעפּל אַהינטער איינמאָל און נאָך אַמאָל. דער אַלטער איז אַלץ געשטאַנען און געקוואָלן. דערביי האָט ער גערעדט צו זיך אַליין: „טשיקן־סופּ״, וואָס אַ יונג קאָן איינפאַלן! „טשיקן־סופּ״... זי וועט ביי אים ווערן געזונט און ער וועט האָבן אַ פריינט אין הויז!

פארטאָג איז שוין דער אַלטער אויפגעשטאַנען. ער האָט שוין גע־האַט היינט פאַר ווענען צו זאָרגן. כאָטש אַליין אַן אומגעגעסענער, האָט ער זיך גענומען קאָרמען ס׳הינדל. מסתּם שוין לאַנג אַז דאָס עוף האָט נישט געהאַט געגעסן, דערפאַר האָט עס אַזוי איצט געשלונגען די איינגעווייקטע שטיקלעך ברויט, געזופּט דאָס וואַסער מיט אַזאַ אַפּעטיט, אַז ביים אַלטן האָבן אַזש אויפגעלויכטן די פאַרטרערטע אויגן: „טשיקי ווערט אויף אַן אמת געזונט״! ער האָט זי געפּרוּווט אַראָפּשטעלן אויפן באָדן. די הון האָט זיך אויסגעטשוכעט, צעפּעכערט די פליגל און גענומען זיך אַרומקוקן וואו וי איז ערגעץ אין דער וועלט. מיט אַמאָל האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן אונטערן בעטל. די הון, אין איין שרעק, האָט זיך פּלוצים געכאַפּט אַז זי האָט פליגל און געטאָן אַ פלי צוריק אַרויף אויפן בעטל.

— מיין אָרעמע טשיקי, האָט דער אַלטער זי געגלעט. איך וויים, איך וויים, די ראַצן!

די הון איז שוין געבליבן זיצן אויפן בעטל. דער אַלטער האָט אויף גיך זיך גענומען מאַנדרעווען איבער אַ גרוים שטיק בלעך. ער האָט אַזוי לאַנג געקלאַפּט און געבויגן, ביז ער האָט אויסגעמייסטערט אַ באַקוועמע שטייג, ווי אַ גרוים ביידל, מיט גענוג לעכלעך פאַר לופט און אַ טירל צו פאַרמאַכן. אַפילו אַ בלעכל פאַר וואַסער האָט ער צוגעפּעסטיקט.

די הון האָט דערווייל פאַרגעסן אַז זי איז קראַנק געווען. אַ וואָרטשנ־דיקע האָט זי צוריק אַרומשפּאַצירט אויפן ערדענעם דיל. געפּיקט מיטן שנאָבעלע אין דער ווייכער ערד, געזוכט און געזוכט. אַלע ווײַלע האָט זי זיך דערמאָנט אָן די פליגל, וואָס זענען איר אַזוי לאַנג פאַרשטייפט גע־ווען. זי האָט ווידער געטאָן אַ פלי אויפן בעטל, פון בעטל אויפן אייווע־לע און דערביי געגאָגערט אַזוי פריידיק. דער אַלטער איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט, די ווייכע אויגן פול מיט פרייד, פּונקט ווי אַ טאַטע, ווען ס׳קינד האָט פּלוצים גענומען גיין...

איצט, אַז דזשים וועיט האָט צוגעשלאָסן ס׳שטעלכל און אוועקגע־גאַנגען זוכן פּרנסה, איז ער געווען גאָר אַן אַנדער מענטש, ווי נעכטן און אייערנעכטן, נאָכדעם ווי דזשאָ איז פון אים אוועק. אַ לויכטנדער איז ער געגאַנגען זוכן ברויט פאַר זיך און טשיקי. אין דער שטייג וועלן שוין קיין ראַצן נישט אַריין. און וואָסער האָט זי אויך, טשיקי! און קרישקעלעך ברויט — איבערגענוג!...

18

דזשאַ'ן האָט אָנגעהויבן באַנג טאָן וואָס ער האָט זיך געלאָזט אָוועקשלעפּן פון פּאַפּס ביידל. ער האָט געמיינט: אָט־טוט מען זיך אַ זעץ אַריין אין אַ באַן און מען שטייגט גלייך אויס אין פלאָרידאַ. דאָ וואַלגערט ער זיך שוין טעג אַ הונגעריקער און ווערט נאָך געפּרווירן דער־צו! צו וועלכן פאַרמער זיי דערשלעפּן זיך צו טאָן עפּעס אַן אַרבעט פאַר עפּעס אַפּצועסן, לאָזט מען זיי אויף דער שוועל נישט אַרויף! צום ערשט האָבן זיי געמיינט: אין דרייען איז שווער זיך צו עפּעס צו דער־שלאָגן. אַ פאַרמער דערזעט אויף זיין שוועל אַזעלכע דריי יונגען, אַ מאַב אַ גאַנצן, דערשרעקט ער זיך און לויפט כאַפּן די ביקס! . . . האָבן זיי זיך געזעגנט מיט זייער נייעם פריינט. יענער איז אַוועק מיט איין וועג און זיי מיט אַ צווייטן. אפשר וועט מען זיך ווען באַגעגענען אין וואָרע־מען פלאָרידאַ, אָדער כאָטש אין דזשאָרדזשיאַ. דערווייל מוז מען זיך שיידן. דזשאָ איז הונגעריק. ער וויל גיין זוכן עסן. און לאַרסאָן, כאָטש ער וואָלט בעסער געגאַנגען מיט יענעם ווידער צו דער באַן, וועט ער זיך אָבער נישט אָפּרייסן פון זיין ניו־יאָרקער פריינט, דזשאָ וואַהייט.

גייען זיי אַליין, דער הויכער דזשאָ אין די דריי רעקלעך, אין בלויזן קאָפּ און דער נידריקער לאַרסאָן אין אויסגעריבענעם, לאַנגן מאַנטל, מיטן ברוינעם, פאַרפּעצטן קאַפּעליוש פאַררוקט אַהינטער. ביידע זענען רויט, געפּרווירן און מיד.

ס'איז אַ שטילער וועג, אַ ווייס־פאַרשנייטע שטילקייט. דער הימל איז לויטער. די זון שיינט, נאָר די ביימער, אין ביידע זייטן זענען ווי פון ווייסן צוקער. קיין לעבעדיקן דוך זעט מען נישט! עס איז אַ הויפּט־וועג און דאָך אַ פאַרוואָרפענער. דאָס זעען זיי ביידע אין די איין פּאָר איינגעפּאָרענע „שינעס", וואָס אַן אויטאָמאָביל האָט דאָ גע־מאַכט אינמיטן וועג. זעלטן אַז דאָ טראָגט זיך אָן אַ מאַשין. פון קריגן אַ „ליפט" איז אָפּגערעדט. אַז אַ פאָרדל קומט שוין יאָ אָנצוקלונגען מיט די ווינטערדיקע באַקייטלטע רעדער און זיי טוען אַ ווייז דעם גראָבן פינ־גער, טראָגט עס זיך דורך נאָך איידער זיי קאָנען זען ווער עס זיצט דאָרטן ביים רעדל.

— לאַרסאָן, מיר וועלן דאָ פאַרפרווירן ווערן!

— איז וואָס ווילסטו טאָן?

ריכטיק. וואָס וויל ער טאָקע טאָן, דזשאָ? זיך אַוועקזעצן אונ־

טער אַ פּאַרשנייעטן בוים און וואַרטן? אויף וועמען וועט ער וואַרטן. איין מענטש האָט, זעט ער, דעם אַנדערן אין דער ערד! מוז ער ווײַטער שלעפּן די מידע, געפרווירענע פיס. האָבן טענות קאָן ער אויך נישט. דער באָס האָט דאָך גלייך געוואָלט אַרויף אויף אַ צווייטער באַן און ווייטער רעדלען. פאַרן באָס איז נישט קיין נייס זיך צו שלעפּן אין די באַנען טעג אָן אַ בים ברויט. דאָס האָט ער דאָך, דזשאָ, געוואָלט מען זאָל זיך צוכאַפּן צו אַ פאַרמער עפּעס פאַרדינען און פאַר איין וועגס זיך גוט אָנעסן.

גייען די צוויי יונגען שטילערהייט צוזאַמען, נאָר טראַכטן טראַכט יעדער באַזונדער.

לאַרסאָן — אַז דער דזשאָ איז נאָך גאָר אַ „בעיבי״ . . .

דזשאָ ווידער טראַכט: וואו ווייזט זיך אים עפּעס אַ זייטיק וועגל, אַ פאַרמער, אַ וואַרעמע שטוב . . .

בלויז דער שניי אונטער זייערע פיס רעדט צו ביידן:

— שלעכט, יונגען, זער שלעכט! עס זעט זיך נישט קיין פאַרם...

שפּעטער, דעם זעלבן טאָג, האָט ביי זיי אויסגעבראָכן אַן ערנסטער קריג. דאָס איז געווען דער ערשטער צוזאַמענשטויס זינט זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון ניו־יאָרק.

דאָס איז געווען, ווען פּלוצים האָט זיך אינמיטן שניי־פעלד, רעכטס, לעבן אַ ווייס־נאַקעטן, אויסגעקרימטן בוים באַוויזן אַ שמאָל וועגל. אייגנטלעך גאָרנישט קיין וועגל! בלויז אַ פּאָר לאַנגע, אויסגעפּאָרענע צייכנס זענען אַוועקגעלאָפן ווייט אין פעלד אַריין. נאָר אייזערנע רעדער פון אַ פאַרמעריש וועגעלע האָבן געקאָנט איינפּרעסן אַזעלכע שמאָלע צייכנס.

דזשאָ האָט גלייך זיך געוואָלט פאַרנעמען אַהער. ער איז שוין מיד. ער מוז געפונען עפּעס אָפּצועסן! דעם באָס געפעלט אָבער נישט דער וועג. עס פירט, זאָגט ער, צו־ווייט אַוועק פון דער באַן־ליניע. און פאַרנעמען זיך צו־ווייט טאָר מען נישט! דזשאָ וויל אָבער נישט נאָכגעבן! ער איז הונגעריק! אויף דעם הויפּט־וועג, לעבן דער ליניע, איז ער שוין מיד געוואָרן צו גיין און קיין פאַרמער זעט מען אַלץ נישט. דזשאָ, ווי דער אַלטער פּאַפּ זיינער, אַמאָל לעבן סאַבוויי, איז זיך גרייט געווען אָפּצורייסן פון זיין פריינט און אַליין זיך פאַרנעמען אַהין וואו די צוויי אויסגעפּאָרענע צייכנס פירן. לאַרסאָן וויל דאָס אָבער נישט לאָזן. איינער אַליין אין וועג, ווייסט ער, איז זער געפערלעך. מ׳קאָן פאַרפרוירן

ווערן אויף טויט. אָבער נאָכגעבן דעם יונג קאָן ער אויך נישט. ער מיינט, דזשאָ, די פאַרמערס האַלטן נאָך זייערע טירן אָפן פאַר פאַרביי־גייער. היינט הונגערן די פאַרמערס אַליין!

— איך זאָג דיר, דזשאָ, האָט זיך דער באָס ביי אים געבעטן, הער מיך! מ'טאָר נישט פאַרקריכן פון הויפּט־וועג. מ'וועט דאָ זיך אויך אָנשלאָגן אָן אַ פאַרם. ס'אַלרייט! ביינאַכט וועט מען זיך קאָנען גלייך אַריינקריגן אין אַ באַן און פאָרן ווייטער.

— אָ, לאָז מיך צורו! האָט דער יונג זיך געטאָן אַ ריס פון אים און זיך פאַרנומען רעכטס, צום בוים. גייענדיק האָט ער נאָך צוריקגע־רעדט צום שטיינגעבליבענעם באָס:

— איך בין שוין מיד און קראַנק פון דיין שלעפּן מיך. טאָמער געפין איך נישט עפּעס אָפּצועסן וועל איך נאָך אַ מאָרד באַגיין!...

מיט איינמאָל איז ביים באָס פאַרשוואונדן די ערנסטקייט. דער זאָרגלאָזער שטיפער אין אים האָט זיך אויפגעכאַפּט: אַ קלייניקייט, דזשאָ וואָהייט וועט באַגיין אַ מאָרד! ווי געפעלט אייך דאָס?

אַ לאַכנדיקער איז ער נאָכגעלאָפן דזשאָ'ן. לעבן בוים האָט ער זיך פּלוצים געטאָן אַ צי אויס אויפן שניי אין זיין גאַנצער לענג, מיטן לאַכ־דיקן פּנים און געפּרווירענער נאָז אַרויף:

— דזשאָ, ווילסט באַגיין אַ מאָרד? אָט־דאָ בין איך! פאַרגעס נישט, דאָס איז דיין איינציקער שאַנס! קאָנסט דאָ אַמאָל אָפּוואַרטן אַ גאַנצן טאָג און קיין אַנדערן נישט האָבן!...

דזשאָ האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. איבערן באָס איז ער גע־בליבן שטיין, געקוקט צו אים אַראָפּ, אין שניי אַריין און געמוזט אַ שמייכל טאָן! דער לאַרסאָן איז אויף אָן אמת אַ לוסטיקער חברה־מאַן! ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן פון שטאַרק לאַכן. דאָס וואָלט געמיינט נאָכגעבן דעם באָס. און דזשאָ איז נישט אַזוי לייכט נאָכצו־געבן. ספּעציעל ווען אין אים בורטשעט דער הונגער!

ענדלעך האָבן זיך די צוויי איינגעשפּאַרטע פריינט געאייניקט צו וואַרפן גורל. אַ פּעני אויף אַ וואָרף צו טאָן קאָפּ צו שלאַק, האָט קיינער נישט. האָבן ביידע אַ קנאַק געטאָן די פינגער, גראַד צו אום, איינמאָל, אַ צווייט מאָל און עס איז דאָך געבליבן ווי דזשאָ האָט געוואָלט.

אַ פאַרשפּילטער, אָן חשק, האָט דער באָס שוין געמוזט נאָכקריכן דזשאָ'ן.

אויף דעם וועגל איז דער שניי געווען טיפער. וויניק רעדער האָבן

אים איינגעפאַרן. דאָס שטעלן פיס קומט דאָ אָן שווערער. נאָר צו זייער גרויס איבערראַשונג איז זיי לאַנג דאָ נישט אויסגעקומען צו גיין. אפשר אַ מייל פון הויפּט־וועג איז געווען אַ פאַרם־הויז. צום ערשט האָבן זיי דערזען אַ גרויסן, רויטן שייער מיט אַ הויכן, פאַרשנייעטן דאַך. באַלד האָט זיך הינטער דעם שייער געזען אויך אַ הויז.

— וועל, וואָס האָב איך געזאָגט? האָט דזשאָ אַ טאַרע געטאָן דעם באָס, וואָס איז נאָך אַלץ געקראָכן פון הינטן, אָן חשק.

— אָלרייט, אָלרייט, האָט לאַרסאָן צוריק אַ ברום געטאָן.

דאָס פאַרם־הויז, אָן אַלטס, אַ נידריקס מיט איין פענצטערל אין דער הויך, אין שפּיץ, און צוויי־פיר שייבלדיקע פענצטער אונטן, איז געשטאַנען פאַררוקט פון וועג, אין אַ קליין, אַרומגעצוימט גערטל מיט צוויי נאַקעטע, ריזיקע דעמבעס אין ביידע זייטן. זומער, ווען די צווייביימער זענען צעגרינט, קאָן מען זיכער דאָס הייזל נישט אַרויסזען. נאָר איצט, ווען די צווייגן זענען ליידיק, ווייס פון שניי, זעט זיך דאָס שמאָלע סטעזשקעלע, שלענגלענדיק גלייך צו דער איינגעפאַלענער ווערענדע.

פאַרן שייער נאָך זענען זיי געבליבן שטיין. פון דערפאַרונג ווייסן זיי אַז גיין צוזאַמען טויג נישט. דער פאַרמער קאָן זיך נאָך אויך דער־שרעקן און לויפן כאַפּן די ביקס . . . איז געבליבן אַז גיין זאָל דער באָס. ער טויג זיך בעסער אויס. דזשאָ איז געבליבן וואַרטן אונטערן שייער. פון דאַנען, האָט ער געטראַכט, גייט ער נישט אַוועק. ער מוז קריגן עפּעס אָפּצועסן, ווען אפילו ער זאָל דאַרפן באַגיין אַ מאָרד!

אויף דער שוועל האָט דערוויל לאַרסאָן זער בראַוו און זער דרייסט זיך געקלאַפּט דעם שניי פון זיינע שיך. ערשטנס וועט מען דאַרטן, אין שטוב, דערהערן אַז אַ מענטש איז דאָ דרויסן. און דווקא אַ מענטש, וואָס וויל זיך נישט אַריינ׳גנב׳ענען. אָן איינגענער מענטש לאָזט וויסן אַז ער איז געקומען . . . צווייטנס וועט ער נישט דאַרפן קלאַפּן אין דער טיר. קלאַפּן אין טיר האָט ער דווקא פיינט, דער באָס.

באַלד האָט זיך טאַקע געעפנט די טיר. אַ שוואַרץ באַשעפעניש, איינגעבויגן פון דער העלפט אָן אַזוי נידריק, אַז לאַרסאָן האָט גאָר קיין פּנים נישט געזען, האָט געטאָן אַ שיק אַרויס אַ געל־גרוי אָפּגעדעקט קעפּל מיט אַ לאַנגער פּלייצע. כאָטש נעם שווין און זעץ זיך דעראויף. די ווייכע הערעלעך פון דעם קעפּל האָבן זיך געטאָן אַ צעפּלאַטער אין קאַלטן דרויסן.

לאַרסאָן האָט זיך דערשראָקן. זינט ער לעבט האָט ער נאָך אַזאַ

באַשעפעניש נישט געזען. די פּלײצע איז אַזוי גלײך אויף אַ פּאַראויס, אַז ווען „דאָס" לאָזט אַראָפּ די צוויי הענט איז עס אַ פולשטענדיק פיר פיסיק באַשעפעניש. ווי אַזוי וואַקלט זיך „דאָס" נישט איבער מיט דער נאָז צו די שיך שפּיצן? אַ וואונדער! און דער אַנדער האַלבער קערפּער, מיט די פיס, שטייט נאָך אַלץ אינווייניק, פון יענער זייט טיר. ער ווייסט נאָך נישט, לאַרסאָן, צו דאָס איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי.

ענדלעך האָט דאָס באַשעפעניש אויסגעקרעוועט ס'קעפּל, אַרויף צו לאַרסאָנען. ערשט איצט האָט ער דערזען אַ קלײן פּנים'ל, אַ געקאַרבט, וואָס האָט שוין פאַרלוירן יעדן סימן פון געשלעכט . . .

— ווילקאָמען, פּרעמדער, האָט דאָס פּנים'ל אַרויסגעבעבעט.

— קום אַרײַן אין הויז! קום גלײך אַרײַן!

— אַ דאַנק, פּאַפּ, אַ דאַנק! ס'איז זער פײַן פון דיר. מ'קאָן געפרוירן ווערן אין דרויסן.

אין פאַרמאַכטן פעדער־הויז, לעבן די טרעפּ, וואָס פירן אַרויף צו די צוויי בוידעם שטיבלעך, זענען זײ בײדע געבליבן שטײן. דער אַלטער האָט באַדאַרפט אין שמאָלן קאָרידאָר אויסקרעוון זײַן אויסגעבויגענעם קערפּער. דערנאָך האָט ער געעפנט די טיר רעכטס, אַרײַנגעשיקט דעם אויבערשט האַלבן קערפּער פאַראויס און געדעדט דאָרטן צו די אײגענע שיך־שפּיצן:

— ווער האָט דיך אַהער געבראַכט,פרעמדער? אין אַזאַ וועטער, אין אַזאַ וועטער!

אינווייניק, אין שטיבל, האָט זיך דער באָם נײַגעריק אַרומגעקוקט. אַזאַ אָרעמקייט האָט ער נאָך נישט געזען. און אפשר איז עס געווען בלויז אָפּגעלאָזנקייט. סאַי־ווי איז ער געווען שטאַרק פאַרנומען מיט קוקן אויף דעם טשיקאַוון אַלטן, וואָס שטייט ביים רונדן, אײַזערנעם אויוון, אינמיטן שטוב, און וואַרעמט זיך דעם קאָפּ.

— מעג איך זיך צוזעצן, פּאַפּ?

— מיט פאַרגעניגן, מיט פאַרגעניגן! האָט זיך דאָס אויסגעבויגענע מענטשל צו אים אומגעדרייט. — האָב נאָר געדולד, פרעמדער, מײַן ווײַב וועט באַלד אַראָפּקומען וועט זי דיך שוין דערוואַרעמען. האָב נאָר געדולד . . .

לאַרסאָן האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטרוי־געפלאָכטענער שטול, לעבן פענצטערל. ער האָט געטראַכט פון דזשאָ'ן, וואָס שטייט דאָרטן אַ געפרוירענער הינטערן שייער. מ'דאַרף אים אַרײַנרופן, דעם יונג.

— פּאַפּ, איך האָב וועסט נישט האָבן געגן. מיין פריינט וואַרט דרויסן. איך וויל אים אריינרופן. ער איז געפרוירן.

דאָס מענטשל האָט זיך ווידער צו אים אויסגעקערעוועט:

— וואָס? אַ פריינט? האָסט אים געלאָזט שטיין דרויסן? רוף אים גלייך אריין! מיין ווייב וועט באַלד אַראָפּקומען, זי וועט אייך שוין אָנוואַרעמען!

לאַרסאָן האָט געלאָזט דעם קאַפּעליוש אויפן בענקל, געטאָן אַ פלי ארויס פאַר דער טיר:

— דזשאָ! דזשאָ, קום אריין!

הינטער זיין פּלייצע, אויף די שטיגן, האָט זיך באַוויזן די פאַר־מערקע, אַ הויכע, דאַרע פרוי, אַ גלייכע ווי אַ שטעקן, נאָך פאַר די מיטעלע יאָרן, מיט אַ האַרט, בייז געזיכט. זי האָט געטראָגן אויף זיך אַ טונקל ברוינעם, שווערן סוועטער, וואָס האָט אויף איר געהאַנגען לויז. דער לויזער סוועטער מיט איר האַרטן פּנים זענען, ווייזט אויס, אין שטענדיקן קריג. דאָס האַרטע פּנים שרייט:

— אַוועק! אַוועק פון מיר! . . .

דער לויזער סוועטער דאַגעגן:

— ס'אַלרייט! נישט אַזוי שרעקלעך . . .

דאָס האָט דאָס פּלוצימדיקע, פרעמדע קול זי אַראָפּגעבראַכט פון די אויבערשטע האַלב לערע, פוסטע שטיבלעך, וואו עס יאָגט מיט אומעט, מיט טיפער בענקשאַפט נאָך עפּעס, וואָס איז דאָ קיינמאָל נישט געווען!

אַ מינוט, אפשר, איז די פרוי געשטאַנען הינטער דעם פרעמדנס פּלייצע, אים אָפּגעמאָסטן פון אונטן אַרויף און באַלד צוריק, פון אויבן אַראָפּ. זי האָט אַלץ נישט געקאָנט ביי זיך אָפּמאַכן וואָסער מענטש דאָס איז. ענדלעך האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ווער ביזטו?

לאַרסאָן האָט זיך אַן אומגעריכטן קער געטאָן אין איר זייט:

— „האַו דו יו דו, לעידי?"

ווען דער גלייכער שטעקן, מיט דעם שאַרפן פּנים, קומט אים נישט אַזוי אומגעריכט אונטער, וואָלט ער איר געזאָגט: לעידי? אַ שיינע לעידי איז דאָס! מיט דעם סוועטער? מיט דער קופּקע אויפן קאָפּ און מיט די שיך אויף די פּיס? שוין איינמאָל אַ לעידי!

— מיר זענען דאָ פאַרבייגייער, איך און מיין פריינט.

דזשאָ האָט זיך דערוויײַל אַרײַנגעשטעלט. זײַן לענגליכטיק פּנים מיט דער חן־גריבל־גאָמבע, איז איצט געווען אָנגעפּלאָמט, רויט. די אויגן, נאָכן אַרומוואַנדערן איבער אַזוי פּיל בלענדנדן שניי, נאָכן באָדן זיך אין אַזויפּיל בלויע הימלען, זענען געווען נאָך בלויער און די בלאָנד־זײַדענע האָר, נאָך בלאָנדער, דערצו — אומרואיק, פלאַטערדיק.

— דאָס איז די מאַדאַם, דזשאָ, האָט דער באָס האַלב חוזק׳דיק זיי פאָרגעשטעלט, גלײַך ער אַליין וואָלט שוין דאָ געווען אַ גאַנצער אייגענער.

די פאַרמערקע, דערזעענדיק דזשאָ׳ן, און נאָכן פאָרשטעלן זי, האָט געמאַכט אַ טריט אַראָפּ נענטער צו אים. אויף דער לעצטער טרעפּ איז זי ווידער געבליבן שטיין. זי האָט געפילט, אַז דער קאָליר אין איר פּנים בײַט זיך. זי דאַרף געווים עפּעס זאָגן אויף יענעמס פאָרשטעלן זי, נאָר עפּעס האָט זי פאַרלוירן דעם פאָדעם און זי ווייסט נישט וואָס צו זאָגן.

דזשאָ, דאַגעגן, האָט גלײַך געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ:

— „גוד מאָרנינג, לײדי".

דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט: אַ שיינער גוט מאָרגן! ס׳איז שוין באַלד נאָכט!

די פאַרמערקע, נאָך דזשאָ׳ס „גוד מאָרנינג, לײדי" האָט זיך שוין גאָר פאַרלוירן. זי איז אַראָפּ די פּאָר טרעפּלעך און אָן אַ וואָרט אַרײַן אין שטוב. זי האָט בלויז געלאָזט אָפן די טיר, די צוויי יונגען זאָלן נאָך.

— אָט איז זי, מײַן ווײַב. האָט דאָס אײַנגעדרייטע מענטשל דאָרטן אַרויסגעבעבעט צום אויװן. די פרוי האָט זײַטיק געכאַפּט אַ בליק צום טישל צו די צוויי יונגען:

— וואָס טראַכטן זיי וועגן איר, דאָס ווײַב פון אַזאַ „מאַן"?

דזשאָ האָט טאַקע געוואָרפן זײַטיקע בליקן פון דעם אויסגעקרימטן באַשעפעניש צו איר: — זי איז טאַקע נישט קיין יונגע פרוי, נישט קיין שיינע, אָבער דאָס ווײַב פון אַזאַ „מאַן"? ער האָט זיך אָנגעבויגן מיט אַן אויער צום באָס, דעם בליק געהאַלטן אויף דעם מענטשל:

— לאַרסאָן, „דאָס" איז אַ מאַן?

19

פאַר דער פרוי איז דזשאָ׳ס קומען אויף דער האַלב חרוב׳ער פאַרם געווען ווי אַ פרישער ווינט אין אַ טוכלער, פאַרדומפּענער שטוב אַרײַן. גלײַך ווי זי האָט אים דערזען אויף דער שוועל, אָט־דעם בלאָנדן קאָפּ

צעווינטיקטע האָר און בלויע אויגן, האָט זי פאַרלוירן די בייזע שטרענג־קייט, די פאַרביטערטקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעלייגט אויף איר פּנים אין לויף פון די יאָרן אַליין זיין מיט אַט־דעם „מאַן״ אירן.

כמעט אַ צעטומלטע האָט זי זיך שטיל געפּאַרעט פון די יונגענס וועגן, געמאַכט פאַר זיי וואַרעם עסן, געטראָגן האָלץ פון שנייאיקן דרויסן און געפּאַקט אין רונדן, אייזערנעם אויוון אַריין, עס זאָל זיי זיין וואַרעם. זייטיק האָט זי געוואָרפן באַהאַלטענע בליקן צום טישל, וואו דזשאָ איז געזעסן אַ שעמעוודיקער, אַ שטילער און זיך צוגעהערט ווי דער באָס האַלט זיך אונטער מיטן אַלטן, גלייך ער וואָלט שוין דאָ געווען פון יאָרן.

שפּעטער, ווען דער אַלטער איז אַרויסגעקראָכן דרויסן, האָט זי זיי איינגעלאַדן בלייבן דאָ נעכטיקן. גערעדט האָט זי כלומרשט צו לאַרסאָנען, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען און זיך געוואַרעמט ביים אייזערנעם אויוון:

— ס׳הויז איז גרויס. האָט זי געזאָגט. אויב זיי ווילן איז פאַראַן אַרבעט גענוג! זיי זעען דאָך אַז דער אַלטער איז שוואַך . . . די פאַרם איז פאַרלאָזן. נישטאָ דאָ קיין לעבעדיקער דוך אויסער זיי. אַט־וועט זי אַליין זיי מוזן פירן ווייזן וואו זיי וועלן שלאָפן. דעם שעמעוודיקן בלאָנדן, האָט זי שמייכלדיק אַ ווייז געטאָן צו דזשאָ׳ן, אים וועט זי אַליין מוזן אַרויפפירן אינדערהייך, אין שלאָף־צימער. דעם אַלטן קאָן זי נישט שיקן. ער איז שוין אינדערהייך נישט געווען פאַר יאָרן און יאָרן. ער קאָן נישט גיין אויף טרעפּ. און שוין מיט אַ גאַנץ דרייסט געלעכטערל האָט זי צוגעגעבן:

— אַז ער גייט אויף די טרעפּ צעשלאָגט ער זיך די נאָז.

דערנאָך, ס׳איז נאָך געווען גאַנץ פרי, האָט זי גענומען ס׳אָנגעצונ־דענע לעמפּל פון ווינקל און אַ רוף געטאָן דזשאָ׳ן:

— קום מיט מיר, יונגערמאַן!

זי איז געגאַנגען איבער די שטיגן פאָראויס און ער הינטער איר. אינדערהייך, אין דער האַלב־געעפנטער טיר פון בוידעם־שטיבל, איז זי געבליבן שטיין מיטן לעמפּל אין האַנט. ס׳רויטלעכע פייערל אין גלעזל האָט באַלויכטן איר דאַר, פאַרטרוקנט געזיכט. די עטלעכע זומער־שפּרענ־קעלעך אויף איר שטערן און באַקן, האָבן עפּעס גאָר אויפגעבליט. זי האָט אַריינגערעדט אינווייניק, צו דזשאָ׳ן, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן

שטיבל, אין קאַרגן שיין פון איר לעמפּל, מיטן שטיקל נישט־אָנגעצונדע־נעם ליכט אין האַנט:

— זאָל ער זיך נישט וואונדערן! דער אַלטער האָט פאַרדינט די שטראָף, וואָס גאָט האָט אויף אים אָנגעשיקט. ער איז אַ קאַרגער! זער, זער אַ קאַרגער! קיינמאָל האָט ער קיין פאַרם־האַנט אויפן פאַרם נישט ארויפגעלאָזט. שטענדיק געאַרבעט אַליין! נאָר אַליין! און, האָט זי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, קינדער, זעט ער דאָך, איז נישטאָ . . . אַפילו אויף מאַשינערי האָט ער נישט געוואָלט אויסגעבן אַ סענט. איז דאָס דער רעזולטאַט! איינגעבויגן מיט דער נאָז אויף די שיך. זי איז דאָ זער איינזאַם. קיינער וויל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן... דער סוף וועט זיין, זי וועט אים דערמאָרדן, דעם אַלטן הונט, אָדער זי וועט אַזוי אַנטלויפן אין שטאָט אַריין.

דזשאָ איז געווען גערירט. ער האָט געקוקט אויף איר מיט יינגלש־רחמנות׳דיקע אויגן. ער וואָלט זער געוואָלט וויסן ווי קומט זי, „נאָך גאָר אַ יונגע פרוי" צו דעם אַלטן? נאָר פרעגן האָט ער נישט געוואַגט. באַטש אויפן אַלטן איז אים אויך געווען אַ רחמנות. אַ פאַרשאָלטענער מענטש געבעך! ווי אַזוי שלאָפט ער? אַז זיצן, שטעלט ער זיך פאָר, דאַרף אים זיין אוממעגלעך! און זי וויל אים גאָר דערמאָרדן.

די פאַרמערקע האָט אים ענדלעך געזאָגט אַ גוטע נאַכט. מיט אַ ווייבעריש, צווייי־דייטיק שמייכעלע, האָט זי זיך אַנטשולדיקט וואָס דאָס טיר־שלאָס אַרבעט נישט.

ער זעט דאָך, אַלץ איז דאָ צעבראָכן . . . נאָר אים וועט קיינער נישט באַפאַלן! זי געוויים נישט. ער מעג רואיק שלאָפן! אַ גוטע נאַכט.

דער יונג האָט שוין דאָס שטיקל ליכט נישט אָנגעצונדן. ער האָט געקוקט פון דאַך־שטיבל, דורך די נאַכטיקע שייבלעך, אין פרעמדן, פאַרשנייעטן דרויסן. ס׳רונדע ברונעלע מיטן רעדל און קאַלבע, האָט אים דערציילט אַז זעלטן נעמט מען דערין וואַסער. איצט, אין פריען־אָוונט שלאָפט עס שוין איינגאַנצן. דאָס קלעצל, אויף וועלכן מ׳שפאַלט האָלץ, איז אויך טיף אונטער שניי. „יאָ, ס׳אַ פאַרלאָזענע פאַרם! זי איז גערעכט, די פרוי!"

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אויסגעפרוירענעם בעט אַריין. דאָס פאַרלאָזענע בעט, האָט זיך אים געדאַכט, וואַרט שוין אויף אים יאָרן!

א ווײַלע האָט ער געקוקט אויפֿן דאַכיקן סופּיטל, אויף די פּילע ווינקלען, וואו דער בלײַכער בליאַסק פֿון דרויסנדיקן שניי קומט נישט צו. ער האָט נאָך א פּאָר טראַכט געטאָן וועגן דער פֿרוי, וועגן דעם אַלטן, אײַנגע־דרייטן מענטשל, וועגן דער חרובֿ׳ער פֿאַרם, וועגן זיך און לאַרסאָנען, אַז אויב דער באָס זאָל וועלן, קאָן מען דאָ פֿאַרבלײַבן כאָטש ביז פֿרילינג. „וועט ער דען וועלן, דער באָס? וועט ער?״ ער איז אײַנגעשלאָפֿן.

צומאָרגנס איז געווען א וואַרעמער טאָג. די זון האָט געשײַנט. ס׳האָט זיך געדאַכט, נאָך אַזא טאָג, צעגייט דער שניי און ס׳פֿעלד בליט אויף. אָן אים צו זאָגן, האָט ער אָראָפּגעשאַרט דעם שניי און זיך גע־נומען האַקן האָלץ. ס׳ערשטע מאָל אין זײַן לעבן אַז ער שפּאַלט א קלעצל. נאָר ס׳אָלרײַט! אַזוי זאָגט אַפֿילו זי, די פֿאַרמערקע, מיסעס האָנט. און ער אַליין זעט, אַז ער מאַכט עס נישט ערגער פֿון באָס, וואָס שטאַמט פֿון א פֿאַרם. שפּעטער האָבן זיך ביידע גענומען צו דער שטאַל. די צוויי פֿערד, ווען זיי האָבן פּלוצים דערזען אַרײַנקומען די יונגען, האָבן געטאָן א פֿאַרסקע מיט די נאָז־פֿליגלען, אַז דער האָבער איז אַזש געפֿלויגן אין דער לופֿט. באַלד האָט זיך די פֿאַרמערקע, אין ברוי־נעם סוועטער, אַהער אַרײַנגעשטעלט. זי האָט געגלעט דאָס רויטלעך־ברוינע פֿערד אויפֿן הינטן, אונטערן בויך און זיי דערציילט אַז די אײַנ־ציקע אַרבעט, וואָס דער אַלטער טוט נאָך, איז אָפּפֿירן ס׳ביסל מילך צו דער קאָמפּאַני, נאָר שפּאַנען די פֿערד מוז זי אַליין.

בײַנאַכט האָט די פֿאַרמערקע ווידער גענומען ס׳לעמפּל און גענאַנ־גען אָפּפֿירן דזשאָ׳ן אַרויף אין זײַן בוידעם־שטיבל. דעם יונג איז דאָס פֿאַרגעקומען מאָדנע: נעכטן האָט ער נישט געוואוסט וואו דאָס געלעגער איז. אָבער הײַנט? צו וואָס דאַרף זי אים הײַנט אַרויפֿפֿירן?

— נישט נויטיק, מיסעס האָנט, א דאַנק!

— ס׳אָלרײַט! זי איז געוואוינט אַליין צו בעטן די בעטן. אָט בעט זי ס׳בעט פֿאַר מיסטער לאַרסאָנען אויך!

נאָכן מאַכן אים ס׳געלעגער, איז זי ווידער געבליבן שטיין מיטן לעמפּל אין דער האַלב־אָפֿענער טיר. דאָס הײַנטיקע שטיין אירס בײַ דער טיר איז שוין פֿאַר דזשאָ׳ן געווען גאָר פֿײַנלעך. אַלץ האָט זי אים שוין כמעט אויסדערציילט. ער האָט נישט מיט איר וואָס צו רעדן. בכלל האָט ער נישט וואָס צו רעדן מיט ווײַבער. דער באָס, ער קאָן רעדן מיט יעדן! אָט זיצט ער דאָרטן אונטן, מיטן אַלטן, און לאַכט און רעדט. נאָר ער האָט נישט וואָס צו רעדן.

מיסעס האַנט האָט דאָס, ווייזט אויס, דערפילט. זי האָט אַ פּאָר־שעמטן, אַ פאַררויטלטן שמייכל געטאָן:

— וועל, מיסטער ווהייט? אָבער איך בין גערעכט געווען! קיינער איז דיך נעכטן נישט באַפאַלן . . . אַ גוטע נאַכט, מיסטער ווהייט. שלאָף רואיק . . .

זי האָט צוגעלענט די טיר. אין שטיבל איז געוואָרן פינצטער. דזשאָ איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אָן שענקל און געהערט ווי זי גייט פּאַוואָליע אַראָפּ די טרעפּ.

עטלעכע נעכט האָט זי דאָס אַזוי איבערגע׳חזר׳ט, דאָס פירן אים ליינען. דזשאָ האָט זיך צוליב דעם אָנגעהייבן פילן דאָ שלעכט. בייטאָג, ביי דער אַרבעט, פרעגט אים דער באָס פּאַסקודנע זאַכן . . . ער איז גרייט דעם באָס צו געבן אין די ציין דערפאַר, נאָר יענער לאַכט:

— ביזט אַ גרויסער נאַר, דזשאָ!

חוץ דעם, דאַכט זיך אים, אַז דאָס אַלטע מענטשל, וועמענס פּנים ער האָט נאָך נישט געזען, מוז אים אוודאי שפּיזן מיט די אַלטע אויגן, וואָס פאַלן שטענדיק אויף די אייגענע שיך־שפּיצן.

עס ווערט אים דאָ ענג, דזשאָ׳ן! גלייך עס וואָלט אים דאָ לופט פאַרפעלט. וואָס ענגער אים ווערט, אַלץ צערטלעכער, אַלץ מער צוגעלאָזן ווערט זי צו אים, די מיסעס האַנט. יענעם סוועטער, דעם ברוינעם, זעט ער שוין נישט אויף איר. אויך נישט יענע קאָמישע קופּקע און די גרויסע שיך. יעדן טאָג, איידער ער קוקט זיך אום, דערשיינט זי צום רונדן, אייזערנעם אויוון, אין אַ דין קליידל, פון בלוילעך־גרויען שטאָף, מיט קורצע אַרבל, פון וואַנען עס ווייסלען זיך אירע נאַקעטע, זון־געשפּרענקלטע הענט, גלייך עס וואָלט נישט געלעגן קיין שניי דרויסן, נאָר עס וואָלט שוין געהאַנגען יונגער צוויט אויף צעבליטע ביימער.

ביים עסן, באַמערקט ער, דערלאַנגט זי אים אויף ס׳לעצט. פאַרוואָס טוט זי דאָס? צום ערשט האָט ער געמיינט אַז זי וויל פאַרדעקן דאָס ביסל חשד, נישט אַזוי דעם אַלטנס! ער זעט דאָך סאַי־ווי נישט מער ווי די אייגענע שיך־שפּיצן. לאַרסאַנען, האָט ער געמיינט, וויל זי פאַרשטעלן די אויגן. איצט אָבער, זעט ער, אַז גלייך מיט זיין טעלער, ברענגט זי זיך איר טעלער און זעצט זיך גלייך אַנטקעגן אים זען ווי ער עסט.

דזשאָ׳ן איז דאָס פיינלעך, נאָר זי, ווייזט אויס, האָט הנאה פון זיין שעמעוודיקייט, פון זיין איידעלען, שטאַטישן אויפפירן זיך ביים טיש. נאָר וואָס מער ווייבערשע געננגלעך זי געפינט אויס אים צו דער־

נענטערן, אַלץ מער ציט זיך דער יונג איין אין זיך. ער הייבט זי אפילו אָן פיינט קריגן. און נישט נאָר פיינט, ער הייבט אויך אָן מורא האָבן. ביינאַכט, ווען ער גייט שלאָפן, נאָך איר אַראָפּגיין די טרעפּ מיטן לעמפּל אין האַנט אַזוי שטיל, בלייבט ער דאָ ליגן מיט אַ שרעקלעך געפיל. אים דאַכט זיך: אָט, אָט עפנט זיך די טיר. דער אַלטער, פון יענער זייט שוועל, שיקט אַריין אַהער דעם האַלבן קערפּער. מיט די צוויי לאַנגע, אַראָפּהענגנדיקע הענט גרייכט ער זיין האַלדז און נעמט אים שטיקן מיט די טויטע, ביינערדיקע פינגער. און זי, די מיסעס האַנט, שטייט דערביי און שטשירעט מיט אירע הונגעריקע ציין:

— ווערג אים, פיליפּ, ווערג אים! ער איז שלעכט צו מיר . . .

די ערשטע נעכט, ווען זי האָט אַזוי אומשולדיק געשמייכלט איבער דעם שלאָס, וואָס עס אַרבעט נישט, האָט ער אויך מיטגעלאַכט. איצט איז ער אויף אַן אמת אומרואיק. גלייך ווי זי לאָזט אים אַליין אין דעם משופּע׳דיקן שטיבל און ער צינדט נאָר אָן דאָס שטיקל ליכט, פאַר־שפּאַרט ער גלייך די טיר מיט דעם איינציקן בענקל, וואָס געפינט זיך דאָ לעבן בעט.

די מיסעס האַנט גייט נעבעך אַרום אָן אַ קאָפּ. דאָס גאַנצע ביסל לעבן, וואָס איז אין איר דערשטיקט געוואָרן, האַלב אָפּגעטויט דורך די יאָרן פאַרהאַקט זיין, איינזאַם, אָפּגעריסן אויף דער פאַרוואָרפענער פאַרם, האָט זיך מיט דזשאָ׳ס קומען אָנגעצונדן, זיך צעפלאַמט און פאַר־ברענט זי. פון איר פריסטער יוגנט וועלקט זי דאָ. גאַנצע ווינטערס גייען אַוועק און זי זעט נישט קיין מענטש פאַר די אויגן. אפילו זומערס גאַנצן לויפן פאַרביי אין איינזאַמקייט מיט אָט־דעם איינגעדרייטן אַלטן אירן.

אין די נעכט, זינט דער בלאָנדער דזשאָ האָט זיך דאָ באַוויזן, לעבט זי איבער אויף דער וואָר איין לאַנגן, קאָשמאַרנעם חלום. איר דאַכט זיך אָט באַלד קומט דער יונג זיך אַריינצו׳גנב׳ענען. באַלד וועט ער פאַלן אויף די קני, לעבן איר בעט. ער וועט זיך בעטן: — טייערע, איך האָב דיך ליב, אַזוי העלף מיר גאָט! שטיי נישט מיט דעם אַלטן מנובל.

יעדער נאַכט לעבט זי איבער אָט־דעם חלום אַ וואַכעדיקע. דערנאָך בלייבט זי ליגן מיט שטאַרע אויגן, פאַרגאַפט, מיט אַן אָפן מויל, די אויערן אָנגעשפּיצט צו יעדן שאָרך, וואָס טראָגט זיך הינטער דער טיר. אינדערפרי, מיט דעם סוד אין זיך, אַ שטילע, אַ פאַרטראָגענע נעמט

זי ווידער אַרומהאַוועןן אַרום דזשאַ'ן, ווי נעכטן און אייערנעכטן, מכלומרשט גאָרנישט.

ס'איז אָבער געקומען איינמאָל, ווען די פרוי אין איר האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ברען!

דאָס איז געווען נאָך אַזאַ חלום אויפן וואָר, ווען זי איז געבליבן ליגן אין אָנמאַכט. אַנגסטן האָבן איר אַרויסגעשלאָגן איבער דעם גאַנצן קערפּער. אין איין מינוט האָט זי איבערגעלעבט די שרעקלעכע בושה, וואָס נאָר פרויען קאָנען איבערלעבן, ווען זיי דערזעען ווי דער מאַן, וועמען זיי האָבן ליב, וואַרפט זיך מיט זייער לייב. באַלד איז די בושה איבערגעגאַנגען אין אַ רציחה! אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט וואַנזין!

אָן שום ווייטערדיק טראַכטן, ווי אַ נאַכט־וואַנדלערן, אין איין העמד, איז זי אַראָפּ פון בעט. בלינדערהייט האָבן אירע הענט געטאַפּט טיר נאָך טיר. דערנאָך האָט דזשאַ'ס קליאַמקע זיך געטאָן אַ דריי, די שטול האָט זיך געטאָן אַ רוק.

נאָך איידער דזשאַ האָט באַוויזן זיך אויפצוזעצן, האָט זי געטאָן, דורך דער פינצטער, אַ פאַל צו זיין בעט.

ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן:

— מיסעס האַנט, וואָס טוט איר דאָ?

אפילו דאָס האָט ער איר נישט געלאָזט באַקומען! אפילו צו־פאַלן מיט איר גליאיקן קאָפּ צו זיין בעט, לאָזט ער זי נישט! אָ, ווען ער פרעגט זי גאָרנישט, וואָלט זי זיכער אַרויסגעהעשעט:

— דזשאַ, פאַרוואָס? פאַרוואָס?

אַזוי אָבער? נאָ! זי האָט נאָך ווירדע!

זי האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט. מער שוין ווי אַ מאַמע איידער אַ פרוי, האָט זי געצערטלט זיין צעפּלאָטערטן קאָפּ:

— שרעק זיך נישט, מיין יינגל! ס'גאָרנישט! אין דער זעלבער צייט האָט אין איר עפּעס געוויינט און זיך געריסן אַרום באַטש מיט צוויי ווערטער:

— אָ דזשאַ, ווען דו ווייסט!

דזשאַ איז געזעסן אַ צעטומלטער, אַריינגענורעט אין צודעק ביזן האַלדז. בלויז דער קאָפּ, אונטער איר הייסער האַנט, האָט געשטאַרט אין דער פינצטער:

— פליז, מיסעס האַנט, גייט צוריק צו אייער געלעגער. איר ווייסט,

איך, איך בין דאָך דאָ אַ גאַסט. מיסטער האַנט איז אַזוי גוט צו מיר...

— נאַ, נאַ! האָט זי אַ דריגע געטאָן מיטן גאַנצן גוף, דערמאָן נישט זיין נאָמען! דערמאָן נישט! איך וועל אים דערמאָרדן! ביי גאָט! וואָס האָט ער געמאַכט פון מיר!

אַ שטילע, אַ צוריקגעפאַלענע, אָן אויסגעשעפּטע איז זי אַרויס. דזשאָ, ווי אַ גרויס יינגל, איז נאָך לאַנג געזעסן אָן איינגעטוליעטער אין בעט און זיך צוגעהערט צו די ווייכע, קעציישע טריט, וואָס זענען שוין לאַנג, צוזאַמען מיט איר געוועזן פאַרשוואונדן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, אין שטאַל ביי דער אַרבעט, האָט דער באָס אים עפּעס געזאָגט. ער איז דאָן געשטאַנען, דער באָס, אויפן היי־בוידעם און אַראָפּגעוואָרפן בינטן היי די פערד אין לייטערל אַריין. דזשאָ האָט אונטן, מיט אַ גרויסן, פאַרמערישן היי־גאָפּל, אַפּערגערוימט ס'מיסט פון אונטער די פערדס פיס. אין שטאַל איז געשטאַנען אַ פּאַרע פון אונטער־געהויבענעם, נאַסן מיסט. אַ שטאַרקער ריח פון פערדן־השתנה האָט געגעסן די אויגן און געררייצט די נאָז־לעכער. דער שטאַטישער דזשאָ איז נישט צוגעוואוינט צו די ריחות. חוץ דעם האָט אים געקרענקט אויפן באָס, וואָס ער וואַרפט אים אַלעמאָל צו אַ ווערטל, ער וואָלט געדאַרפט מיט דעם באָס רעדן. ער קאָן אָבער נישט רעדן. ער האָט דעריבער אַ שפּיי געטאָן:

— ס'שטינקט! דערנאָך: ס'קריכט מיר שוין פון האַלדז!

לאַרסאָן האָט זיך אויסגעצויגן אין היי דאָרטן, אויפן בוידעם, אַראָפּגעשטעקט ס'גנבה'שע קעפּל דורך דער עפענונג:

— סעי, גרויסער קנאַקער! דו האָסט זיכער נישט וואָס זיך צו באַקלאָגן! די באַלעבאָסטע פּגר'ט דאָך אוועק נאָך דיר! מיינסט איך וויים נישט אַז זי קומט צו דיר ביינאַכט? דער אַלטער וויים אויך! זי איז אַן אויסוואורף, זאָגט ער, פון אַלע יאָרן!

מיט איין צי האָט זיך דער באָס געטאָן אַ לאָז אַראָפּ פון בוידעם. דזשאָ אָן אויפגערעגטער, אַ בייזער האָט אויפגעהערט גראָבלען אין מיסט. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם פּוס אָן די גלאַנציקע גאָפּל־ציינער. די הענט האָט ער אָנגעשפּאַרט אָן הענטל. ער האָט עפּעס געזאָגט לאַרסאָנען, אָבער עס איז נישט געווען דאָס, וואָס ער וואָלט געדאַרפט זאָגן. ער וואָלט אוודאי געדאַרפט זאָגן דעם באָס, אַז זי איז נישט קיין אויס־וואורף. פאַרקערט, זי איז אַ פיינע פרוי. ער האָט מיטליד מיט איר. נאָר געזאָגט האָט ער:

— לאַרסאָן, מיר גייען אַוועק פון דאַנען!

די פערד האָבן געבראָמשקעט דאָס פרישע היי פון די לייטערלעך אַרויס. אַלע ווײַלע האָבן זיי אויסגעקערעוועט די קעפּ מיט זייערע פּיכ־טע, קלוגע אויגן. לויט זייערע אויפגעשפּיצטע אויערן האָט מען געקאָנט מיינען, אַז זיי באַדויערן, וואָס די צוויי יונגען גייען אַוועק. זיי האָבן גע־פּאַרסקעט מיט די נאָז־לעכער, גלייך זיי וואָלטן זיך געבעטן:

— גייט נישט אַוועק! ווער וועט אויף אונדז אויפפּאַסן? . . .

20

פּאַר דזשים והייט זענען איצט די ווינטער טעג געגאַנגען ווי די שיפן אויפן האָדסאָן. איינדערפרי — אַ שיף אַראָפּ, אין אָוונט — אַ שיף אַרויף, און עס איז געווען איין טאָג! און אַזוי איינער נאָכן אַנ־דערן! איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט איז געווען פּרילינג.

דורך די געשווינד גייענדיקע טעג האָט זיך דערוויל דעם אַלטנס לעבן אַזוי איינגעשטעלט, אַז ס'האָט זיך אים געדאַכט ער וואוינט שוין דאָ אייביק. מיט די שכנים האָט ער געהאַט ווייניק וואָס צו טאָן. „העלאָ" און „גוד־באַי"! קיין מיידלעך קוויטשן, ווי יענעם אויפדער־נאַכט, האָט ער מער נישט געהערט. כאָטש ער האָט גאַנץ גוט גע־וואוסט אַז ווייבער קומען אַהער צו די יונגען אין די ביידלעך. נאָר וואָס האָט דאָס מיט אים צו טאָן? אַז דער הויכער קראָופּאָרד מאַכט אַזויפיל געלט פון דעם אָנגעקליבענעם אַפּפאַל אַרט עס אים עפּעס? יעדער לעבט ווי ער קאָן! אויך ער לעבט ווי ער קאָן. אָפּטמאָל קומט אים גאַנץ שווער אָן דאָס דורכשטופּן די טעג. אָבער נישט צו פאַרזינ־דיקן! האַלץ שלעפּט ער אָן גענוג. ס'אייוועלע ברענט. ס'איז וואַרעם. און „טשיקי", פּאַר איר איז שטענדיק דאָ גענוג! אַביסל קערנער פון לעבן אַ מאַרקעט, אָן איינגעווייקט שטיקל ברויט, אַלץ איז גוט פאַר טשיקי! זי וועט אים נאָך לייגן אייער אויך! זאָל נאָר קומען דער פרילינג.

און פרילינג איז טאַקע געקומען! מיטן אויפשיין פון דער זון, זענען די שניי־קאַפּלען אויף די בערגלעך מער און מער איינגעשרומפּן. די ווייסקייט איז געוואָרן — נישט! צווישן די ברודיקע שניי־פלעקן האָבן צוריק אַרויסגעסטאַרטשעט די בערגלעך אַש און איבערגעבלענטע קוילן אַזעלכע נאַסע, גלאַנציקע. אונטער די פיס האָט זיך דער ווייכער

באָדן געשפּאָלטן און ריטשקעלעך, ווי אָדערן, האָבן זיך געצויגן און גע־שטראָמט אין אַלע זייטן. דער ווינט, וואָס איז געקומען מיטן האָדסאָן, פון די באַרגיקע געגנטן, ווייט אויסער דער שטאָט, האָט געטריקנט און געגלעט ס׳פּנים און געבלאָזן די האָר. מ׳האָט שוין געקאָנט עפענען די טירלעך און לאָזן די ביידלעך אָפן! ס׳האָט גענומען שמעקן מיט היים נישט נאָר אינווייניק, נאָר אויך דרויסן, אַרום די ביידלעך. און טשיקי האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר דער טיר, געשאַרט מיט די פיסלעך און גע־זוכט אַ פרישן זאַפטיק ווערימל.

אויך דזשים האָט דערפילט היים אויסערן ביידל. יעדן טאָג האָט ער עפּעס אַנדערש צוגעשלאָגן. אַט מאַכט ער אַ רינע פאַרן רעגן, פון דעכל אַראָפּ. און אַט־איז אַ ניי שטעלכל פאַר טשיקי, מיט אַ גערטל אַרום, זי זאָל אים נישט פאַרקריכן צווישן די מיסטן, עמעץ זאָל זי דער־ווייל נישט אַוועקנעמען.

ער פּעדערט זיך אויך פאַרן הויכן, און נעמט מאַכן אַ שטעגל, פון די אַלטע ציגל, וואָס ער האָט זיך אין האַרבסט פאַרגרייט. ער פּלאַנירט אויס דאָס טראָטואַרל זאָל אויסזען ווי די שטעגעלעך אין גערטלעך אַרום פיינע, פּריוואַטע היימען. מיט גרויס ליבע לייגט ער די ציגל אין דער לענג און אין דער ברייט און פאָרמט אויס פאַרשידענע פאָרמען. אין ביידע זייטן שטעלט ער אַריין ציגל אָנגעלענט איינעם אויפן אַנדערן, מיט איינציקע שפּיצן אַרויף, ווי רויטע ציין. און ער ציט דאָס טראָטואַרל אין צוויי זייטן, ווי צוויי צעעפנטע אָרעמס. איינס צום קליינעם, פּריוואַטן שטיבעלע . . . און דאָס צווייטע אַרויס, צום סאַמע ברייטן שטעג.

ער האָט גרויס הנאה פון דער אַרבעט, דער אַלטער. אים אַרט איצט לחלוטין נישט וואָס דער הויכער קראָופאָרד טוט אים נאָך און פאָרעט זיך אויך דאָרטן, אַרום זיין „פּאַלאַץ" ווי אַן אמת׳ער באַלעבאָס. אַזוי דאַרף זיין! וואו מען וואוינט דאַרף מען זיך מאַכן אַן אמת׳ע היים! און ער וועט טאַקע מאַכן! ער וועט זיי נאָך ווייזן ווי מען מאַכט גערטנדלעך אין „אָלד ענגלאַנד"!

ביים לייגן די ציגל, גראַבלענדיק אין באָדן, האָט ער געפונען אַ פרישן אויפגעשפּראָצט גרעזעלע, אַ דינס, אַ לאַנגס. ער האָט זיך דערפרייט: „פרילינג איז דאָ! פרילינג! צייט צו מאַכן אַ גערטל!"

צומאָרגנס האָט ער צונויפגעשלעפּט אַלע רערן, אַלע דרענגלעך, אַלע ברעטער און שטיקער דראָט, אַלץ וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין האַרבסט

האָט ער איצט צונויפגעבראַכט און געשלאָגן און געפּלאַכטן און ענד־לעך באַוויזן אויך ס'ערשטע גערטל דאָ צו האָבן, ס'ערשטע גערטל אין דער „קאָמיוניטי דעפּרעשאָן־ביטש” . . .

פּונקט ווי אין האַרבסט, ביים צונויפלאָטן די בײדלעך, איז אויך איצט אָנגעגאַנגען אַ געיעג ביי די גערטלעך. אָבער שוין אָן ביטער־קייט! פּאַרקערט, איצט האָט מען גאָר געוואָלט וויזן איינער דעם אַנ־דערן ווי אַזוי עס זעען אוים די גערטלעך אין די היימען, פון וואַנען מען קומט.

מענטשן, לײדיקגייער, וועמען דער פּרילינג האָט אַהער אַרויסגע־בראַכט זען וואָס די שטאָט מאַכט דאָ מיט די אָפּגעשאָטענע מיסטן, זע־נען געבליבן פאַר'חידוש'ט לעבן די איינגעפונדרעוועטע כאַטקעלעך און זייערע באַוואוינער, וואָס מאַכן אפילו גערטלעך אין די הוילע אַשעס...

— העי דו, ס'וועט סאַי־ווי גאָרנישט וואַקסן! וואָס מאַכסטו זיך צום נאַר מיט אַ גאָרטן!

דער מאַן וואָס האָט דאָס אַריבערגעשריען פון יענער זייט פּאַרקנדל, האָט אפילו געמיינט, אַז דער אַלטער הערט אים נישט. אָבער דזשים ווהייט האָט גוט געהערט! ער האָט נאָר פיינט זיך צו אַמפּערן. ער האָט ליב צו באַוויזן!

פּאַוואָליע, מיט ביטול־שמייכל איז ער אַוועק פון יענעם טייל פּאַרקנדל, וואָס ער האָט נאָך געהאַלטן אין פּלעגן, איז צו צום ווענטל לעבן טשיקים ניי־אויפגעשטעלטן הייזעלע, דאָרטן האָט ער אַרויסגעריסן אַ פּאָר גרעזעלעך און עם געשטופּט דעם מאַן אין דער נאָז אַריין:

— אַז דאָס וואַקסט, וועלן בושעם אויך וואַקסן! און בלימלעך אויך! אַפילו אַ ראָז־בוש וועל איך נאָך דאָ פּאַרפלאַנצן!

— איך באַוואונדער דיין קוראַזש, האָט יענער אים געקלאַפּט אין פּלייצע. איך גיי אַ געוועט, פּאָפּ, וועסט נאָך דאָ וויין אויך פלאַנצן...

— דו מעגסט לאַכן! אָבער אַ בוים וועט דאָ וואַקסן, יעס סער!

דאָס גערטל האָט ער ווי עס איז אַרומגעצוימט, אָבער מיט וואָס צו פאַרזעצן האָט ער עס נישט. אַלע האָבן אַרומגעצוימט גערטלעך, נאָר וואַקסן וועט סאַי־ווי גאָרנישט. אָבער ניין! ביי אים וועט יאָ וואַקסן! עס וועט מוזן.

ער האָט צייט גענוג, דער אַלטער דזשים ווהייט. זיינע באַדערפענישן זענען קליינע און ער פּטור'ט זיי אָפּ מיט וואָס ער קאָן. אָבער אַ היים, דאָס איז עפּעס אַנדערש! דאָס איז איצט זיין גאַנצע אַמביציע. מיט

דעם לעבט ער איצט! און ער וועט נישט דערלאָזן אַן ארומגעצווימט פלאַנקענדל מיט גאָרנישט! אַן אומרו האָט זיך אין אים באַזעצט. עס גייען אַזעלכע גרויסע טעג, גאָלדענע! באַלד וועלן אָנהייבן שווימען די ווייסע שיפן איבערן האָרסאָן און זיין גערטל וועט שטיין ליידיק?

טעג זענען אַוועק. ער האָט זיך שוין געשעמט וואָס ער האָט גאָר איינגאַנצן דאָס גערטל געמאַכט. פלוצים, זיצנדיק פאַר דער טיר אין אַ פאַרנאַכט, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק: „פאַרוואָס קאָן ער נישט ארומהענגען דאָרט, וואו מען פאַרקויפט איצט יונגע ביימלעך צום פלאַנצן און זריעה און שוואַרצע, פעטע ערד? אַז ער האָט געאַרבעט אין אַ „טשיקן־מאַרקעט“ האָט ער אַהיימגעבראַכט טשיקי, קאָן ער דאָך פון דאָרט ברענגען עפּעס צו פאַרזעצן, פאַרוואָס נישט? . . .“

צומאָרגנס האָט שוין דזשים וועלייט אַראָפּמאַרשירט צו קאָרט־לאַנדט סטריט. אָבער נאָך עטלעכע טעג האָט ער אויסגעפונען אַז ארום די גרויסע געשעפטן וועט גאָרנישט זיין. דאָרטן זענען דאָ גענוג אָנגעשטעלטע און מען דאַרף אים נישט. וועט ער זיך בעסער האַלטן ארום די, וואָס ברענגען ארויס די ביימלעך און פלאַנצן אויפן טראָטואַר.

מיט גרויס חשק האָט ער נעבעך געקוקט אויף די ביימעלעך, וואָס ליגן אויסגעלייגט איינס אויפן אַנדערן, אַזעלכע קליינינקע, דינע, מיט נאַקעטע צווייגעלעך, ווי האָר. די וואָרצלען, צוזאַמען מיט ביסלעך ערד, זענען אַזוי פאַרזיכטיק איינגעפּאַקט אין זעקעלעך און גוט פאַרבונדן.

כאָטש קיינער האָט אים נישט געבעטן, האָט ער, פאַרנאַכט, אַליין זיך גענומען העלפן אַריינשלעפּן זעק און קאַסטנס. אויך די יונגע ביימ־לעך טראָגט ער מיט גרויס ליבשאַפט אין זיינע אָרעמס, ווי קינדערלעך.

ביסלעכווייז איז ער געוואָרן אַ היימישער. קיינער פון די אייגנ־טימער ווייסט נישט ווען מ'האָט אָנגעהייבן זיך שאַפן מיט דעם אַלטן. אָבער מען שאַפט זיך מיט אים. מ'רופט אים „פּאָפּ“ און מ'גיט אים אַ „דיים“ אויף קאַפע. אָבער קיינעם פאַלט נישט איין אַז ער האָט אַ גערטל . . . ווען ער האָט געגעלט קויפט ער זיך איין זריעה! ער וואָלט זיך אפילו געקויפט אַ ביימל פאַר צוויי דאָלער. געוויס וואָלט ער!

יעדן טאָג איז ער ווידער געקומען, דער אַלטער, כאָטש ער האָט נישט געוואוסט וואָס פון דעם קומען וועט ווערן! אַ הון קאָן קראַנק ווערן! אָבער אַ ביימל?

איינמאָל, עס איז שוין געווען שפּעט אין אַפּריל, איז ער געשטאַ־נען איינער אַליין לעבן דער קופּע ביימלעך. די אייגנטימער, סאַי ער,

סאַי זי, האָבן אים שוין געקאָנט און אים דאָ געלאָזן בעת זיי האָבן זיך געפּאָרעט דאָרטן אין סקלאַד. אָן אַנדערן וואָלט זיכער איינגעפאַלן אָפּצוציען מיט אַזאַ ביימל. אָבער דזשים ווהייטן וועט אַזעלכעס נישט איינפאַלן. אָט קוקט ער אויף זיי! זיי ליגן אַזעלכע צאַרטינקע, אָבער ווי קומט ער צו זיי? ער איז ממש געוועזן פאַרצווייפלט! נאָר דאָ האָט אים געטאָן אַ בליץ אויף אַ געדאַנק. אַ שרעקליכער געדאַנק... אַ מיאוסער! צום ערשט האָט ער אוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט דעם געדאַנק אוועקגעטריבן פון זיך. פּע, אַזעלכעס פּאַסט פאַר אַ רויבער, פאַרן לאַנגאַץ פּאַסט דאָס . . . אָבער דער געדאַנק האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אים באַזעצט אין מוח און ביסלעכווייז געוואָרן היימיש, אייגן. שפּעטער האָט אים שוין דער געדאַנק גאָר־נישט אויסגעזען אַזוי שרעקלעך אויך. און ער האָט עס טאַקע געטאָן!

וועו קיינער האָט נישט געזען, האָט ער זיך איבערגעבויגן, ווי ער וואָלט גלייכגעלייגט די ביימלעך. זער פלינק האָט ער ארויסגעכאַפּט זיין קעשענע־מעסער, געטאָן אַ שניט אין אַ ביימל און עס אויף גיך באַהאַלטן צווישן די איבעריקע . . .

דערנאָך איז ער געשטאַנען פון וווייטנס, ווי געוועגלעך, און קוים איינגעהאַלטן זיין נערוועזיטעט. אים האָט זיך געדאַכט ער איז נאָר־וואָס באַגאַנגען אַ מאָרד! און ווער ווייסט אויב עס איז טאַקע נישט קיין מאָרד? ווער ווייסט אויב דאָס ביימל וועט נאָך קאָנען לעבן? אַזאַ דינס, און ער האָט עס אַזאַ טיפן שניט געטאָן! ער האָט שוין געוואָלט אוועקגיין פון דאַנען, אַנטלויפן, ווי עס אַנטלויפט אַ מערדער פון מאָרד פּלאַץ . . . אָבער ער איז נישט אוועק! עפּעס האָט אים דאָ געהאַלטן. איז עס געווען דאָס געוויסן וואָס פּלאָגט אים? דאָס שולד־געפיל און די האָפנונג עס גוט צו מאַכן, אָדער גאָר די האָפנונג דאָך צו קריגן דאָס, נאָך וואָס ער גלוסט איצט אַזוי שטאַרק?

אַ יונגע פרוי און אַ מאַן זענען צוגעקומען. די פאַרקויפערן האָט גענומען זוכן צווישן די ביימלעך, ווייזנדיק דעם פּאָר פּאָלק איינס און נאָך איינס ביז זי האָט דערטאַפּט דאָס מיט דעם שניט. אפשר אַ מינוט האָט זי געהאַלטן דאָס ביימל לעבן די אויגן: „פון וואַנען אַזאַ פרישער שניט?“ באַלד האָט זי עס אוועקגעלייגט אָן אַ זייט, זיך גע־נומען ווייטער ווייזן דעם פּאָר פּאָלק און, ווייזט אויס, פאַרגעסן אָן דעם . . .

דזשים איז צוגעגאַנגען מכלומרשט זען וואָס מען לייגט דאָ אוועק

אין א זייט. ערשט איצט האָט ער גוט געזען וואָס ער האָט געטאָן! עס איז געווען א יונגינק ווערבעלע. ער האָט זיך געמאַכט ווי ער וואונדערט זיך אַזוי רואיק, נאָר אין האַרץ האָט עס אים געשניטן. אַזוי טיף איז די וואונד! די צווייגעלעך, דאַכט זיך, חלש'ן שוין אַוועק . . . דאָס ביסעלע זאַפט, וואָס ריזלט פון די שוואַכע וואָרצעלעך שטעלט זיך דאָ אָפּ, ביי דעם שניט, און די צווייגעלעך דאַרן אָפּ . . .

ער האָט עס צוריק אַוועקגעלייגט, כאָטש עס האָט אים שוין איצט געצויגן ווי דאָן די קראַנקע הון. עס איז אים איצט שוין נישט גע־גאַנגען איןביימל צום פלאַנצן, ווי עס אויסהיילן, צוריק געזונט מאַכן!

פאַרנאַכט, ווען ער האָט געזען אַלע האָבן אָן דעם פאַרגעסן, עס ליגט אָן א זייט ווי גרייט אַוועקצוואַרפן, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געבעטן דעם מאַן ער זאָל עס אים געבן.

— צו וואָס טויגן דיר ביימער? האָט די גוט־איינגעפעלצטע באַ־לעבאָסטע זיך אַריינגעמישט.

איר פרעגן האָט אין אים אויפגעוועקט די גאַנצע פריערדיקע שולד. ער האָט עפּעס גענומען שטאַמלען, דערנאָך האָט ער שעמעוודיק ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט:

— אָ, איך . . . איך מאַך מיר א גערטל אַרום מיין היים.

— א היים! האָבן ביידע, דער באַלעבאָס און זיין ווייב זיך צעלאַכט. וואו, אויף דער באָורי שטעלסטו זיך אויף א היים? . . .

דעם אַלטן איז געוואָרן זער פיינלעך. איצט זעט ער ווי ער האָט זיך דאָ געמאַכט צום נאַר. ווען ער שעמט זיך נישט גייט ער שוין אַוועק! אָבער יענע לאָזן אים שוין נישט אָפּ! פאַר זיי איז דער אַל־טער א גוטער שפּאַס. אָט איז אָן איינגעפּאַלענער מאַן, די פוס־פינגער אינדרויסן; שלעפּט די קאַסטנס פאַר א „דיים” אויף קאָפּע, האָט ער גאָר ערגעץ א הויז און ס'פעלט אים נאָר א בוים! . . .

— קאָם אָן, פּאַפּ, זאָג, וואו האָסטו דיין „פּראָפּערטי”?

א פאַרשעמטער, ענג פון דער קלעם אין וועלכער ער האָט זיך אַליין אַריינגעפּאַקט: א הויז גאָר האָט ער . . . האָט ער שוין נעבעך געמוזט דערציילן פון דעם גערטל, וואָס שטייט דאָרטן א ליידיקס, צווישן די מיסטן און וואַרט ער זאָל עס מיט עפּעס פאַרזעצן.

דער נידעריקער, אָנגעפּעלצטער פרוי, מיט איר רויטן, אָפּגעווינ־טיקטן מאַן, די איינגעטימער פון א פלאַנצן און בוימער „נוירסערי”, ערגעץ אַרום פּיקסקיל, זיי איז ערשט דער אַלטער גאָר געפעלן געוואָרן.

אַט האָסטו דיר! באַהעלפסט זיך מיט אַן אָפּגעריסענעם פּאַר אַ גאָר־נישט, מיינסט ער איז אַ באָם פון דער באַוערי, צום סוף איז ער גאָר אַ גאַנצער באַלעבאָס פון אַ כאַטקע אין די שטאַטישע מיסטן און וויל זיך גאָר פלאַנצן אַ גאָרטן!

אַז זיי האָבן שוין אָפּגעמאָסטן דעם אַלטן האָבן זיי ערשט אויף אַן אמת דערזען זיינע שיך. דער מאַן האָט אים גענומען מיט זיך אין דער האַלב פינצטערער קראָם, וואו זיי האַלטן איבערנאַכט די סחורה. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון צווישן קאָסטנס אַ פּאָר אַלטע שיך:

— שלעפּ אַרויף, פּאָפּ. זיי וועלן גוט זיין!

דער אַלטער איז געוואָרן רויט. די פייכטע אויגן האָבן גענומען פינטלען. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. די מענטשנס גוטס־קייט צו אים האָט שאַרפער געמאַכט דאָס פיינלעכע געפיל פון חרטה אויף דעם וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן!

ערשט אַז דער גוטער מענטש האָט אים געקלאַפּט איבערן אַקסל: „נעם, שלעפּ אַרויף, זיי וועלן גוט זיין!" האָט ער זיי גענומען. אָבער דאָ אָנטאָן — דאָס נישט!

נאָך די שיך האָט אים דער מאַן געגעבן די יונגע ווערבע. זיי האָבן אים שוין נישט געלאָזט וואַרטן ביז נאַכט. שוין זאָל ער אַהיים־גיין און זי פאַרזעצן. און דאָ, אויפן אָרט, האָט מען אים געוויזן ווי אַזוי ער זאָל עס אַרומבאַנדאַזשירן אַז די וואונד זאָל וואָס גיכער זיך פאַרהיילן. אין אַ זעקעלע האָט מען אים מיטגעגעבן אַביסל שוואַרצע ערד און אַביסל באַמיסטיקונג:

— פּאַס אויף ביים פאַרזעצן, די וואָרצלען זאָלן זיין צעשפּרייט און אין ווייכן גרונט!

דער אַלטער האָט גענומען דאָס פאַרוואונדיקטע ביימל אין איין האַנט, די שיך אין דער אַנדערער און שוין געוואָלט גיין. דאָ האָט אים די פרוי פון קראָם אַרוים אָפּגעשטעלט:

—— וואַרט אַ מינוט, פּאָפּ! זי האָט אים צוגעבראַכט אַ קליינע פלאַנץ אין אַ צייטונג איינגעוויקלט. היט עס אָפּ! עס וועט זיך שיין צובליען! איך וועל קומען זען דיין גאָרטן!

ביים אוועקגיין האָט אים דער מאַן דערמאָנט:

— קום מאָרגן, פּאָפּ! פאַרגעס נישט!

ער האָט נישט פאַרגעסן, דער אַלטער, אָבער געגאַנגען איז ער מער נישט אַהין. אַזעלכע פיינע מענטשן און ער האָט זיי אָפּגעטאָן אַזאַ

מיאוסע זאך! צעשניידן א ביימל! א, דזשים! דו האסט זיך גע־ביטן! דו גייסט צום טייוול, דזשים ווהייט . . .

21

וואס נענטער „סאוט" דזשא איז געקומען, אלץ מער האט ער איינגעזען אז דער באם איז גערעכט. גאנץ אמעריקע טרעמפּעוועט אויף אן אמת. וויינינגסטנס האט עס זיך אים אזוי אויסגעוויזן! או־מעטום האבן געוואנדערט כנופיות יונגען און מיידן, וואס ציען איבער אמעריקע הפקר'דיק, אן א וועג, אן א ציל!

עס איז דאן געווען דער רעכטער מיטן פון גרויסן קראך! דאס אומגעזעענע ראד, וואס קערעוועט מיטן פארמער ביים אקער, וואס האלט צוגעשמידט דעם ארבעטער צו דער פאבריק, האט פלוצים אויפ־געריסן! אפשפריצן פון דעם צעזאמענפאל האבן זיך געטראגן איבער גאנץ אמעריקע. אט־די פייער־שפריצן האבן געצונדן די דעכער פון קאטן און טאבאק־פארמער אין דער סאוט, פון די קארן און ווייץ־פראדוצירער אין דער מיטלוועסט, פון די פאבריק־ארבעטער איבער אלע שטעט און שטעטלעך! אלע טאג האבן זיך אנדערע בענק פארמאכט. און די באנקירן, ווי צעטומלטע שטשורעס אין מיטן א שרפה, זענען געלאפן זיך באהאלטן אין א זיכער ווינקל! די אמעריקאנער יוגנט האט פלוצים דערזען א העלישע שרפה איבערן קאפ: זי האט מיט איינמאל פארלוירן דעם באדן אונטער די פיס, האט זי זיך געלאזט לויפן איבער די וועגן פון אמעריקע! ווארום אויפן פארם און אין פאבריק איז מען סאי־ווי געווארן איבעריק. און אינדערהיים, דאס וואקעגענו־מענע שטיקל ברויט פון קלענערן ברידערלס אדער שוועסטערלס מויל, ווערגט די קעל, איז שוין בעסער זיך איבערגעבן דעם הפקר'דיקן וועג...

און דער וועג איז אנדערש ווי די היים. אינדערהיים, אז דער דאך איבערן קאפ איז געשיצט, אז ס'שטיקל ברויט אויפן טיש איז זיכער, איז מען איבערקלייבעריש! דער שטייט מיר נישט אן פאר א שכן, און יענער קאן מיין פריינט נישט זיין! אויפן וועג אבער איז אנדערש. דא ברודער, קאנסטו זיך נישט בלאזן! איינער אליין ביזטו פארפאלן! מוזט אויפהערן צו זיין א „מענטש", דארפסט ווערן א וואלף און זיך האלטן אין סטאדעס! וואס גרעסער די גענג, אלץ שטארקער און זי־כערער ביזטו. א גענג קאן זיך אפילו אן עצה געבן געגן די באוואפנטע

באַן־וועכטער! אפילו די פּאָליציי אין די קליינע שטעטלעך מאַכט זיך אַוועקקוקן ווען אַ גענג ציט דורך.

האָבן די בלודנע, די פּאַרוואָרלאָזטע, וואַנדערנדיקע ייִנגלעך און מיידלעך פון פאַרמס זיך געברידערט און געשוועסטערט מיט שטאָטישע יונגען און מיידן. פונקט ווי בלודנע הינט האָבן זיי דערשמעקט איינער דעם אַנדערן און זיך געהאַלטן באַנאַנדער. צוזאַמען, כאַפּטעס־ווייז, האָט מען געזוכט אַ ביין. צוזאַמען האָט מען אַוועקגעלייגט אָפּדעכן די מידע גופים.

אָט אַזוי, אומבאַמערקטערהייט האָט זיך דזשאָ אַריינגעדרייט אין אַ גענג. איידער ער האָט זיך אומגעקוקט איז ער געווען איינער פון אַ גאַנצן טוץ!

אין דער גענג זענען געווען ניין יונגען און דריי מיידן. דזשאָ האָט אפילו נישט געוואוסט אַלעמענס נעמען. און ער האָט גאָרנישט גע־דאַרפט זיי וויסן! אויסער עטלעכע, האָט מען אַלע גערופן ביי צו־נעמען. עס איז דאָרט געווען:

„ראַסטי", אַ רויטער זון־געפּלעקטער יונג, אַ זשוואַרער, אַ שטיק פייער!

„די לופט־פליגל", אַ יונג מיט אַ פּאָר לאַנגע הענט.

„שאָרטי" אַ קורצער, אַ פּעסלדיקער, אַ געפּאַקטער.

„דער טעלעגראַף־סלופּ", אַ הויכער, אַ דאַרער און גלייכער יונג.

„די קאַק־אייד", אַ שיקלדיקער וואָס האָט געזען מיט די קרומע אויגן בעסער ווי יעדער אַנדערער פון דער גענג.

חוץ זיי זענען געווען:

וואָלטער דיק, אַ קאַראָליינער פאַרם־ייִנגל, מיט אַ קינדיש, גע־פּלעפט פּנים און אַ פּאָר אַראָפּהענגענדיקע, פאַרשלאָפענע הענט; דזשאָ וועייט און הערבערט לאַרסאָן, דעם באָם; דזשעם קלאַרק פון אייאָוואַ סטייט און די דריי מיידלעך, וויוויאַן, נעטי און „בייבי־פּיים" . . .

דזשאָ'ן האָבן די מיידלעך אָפּגעעקלט. ער האָט גאָרנישט געקאָנט באַנעמען ווי מיידלעך קאָנען פירן „אַזאַ לעבן" . . .

לאַרסאָן דאַגעגן, איז איצט געווען אַריינגעטאָן אין דעם לעבן מיט אַלע זיינע חושים. ער האָט אַזש אויפגעהערט צו זען אים, דעם ניו־יאָרקער פריינט זיינעם, דזשאָ וועייט. און עס איז נישט קיין וואונדער! דער באָם האָט איצט געהאַט צרות! אָט־דער דזשעם קלאַרק פון אייאָ־וואַ סטייט, וואָס האָט זיך אַזוי שטיל אַריינגעכאַפּט אין דער גענג,

איז אַ גאַנצער אינטעלעגענט און ווייל שטאַרק צונעמען ביים באַם די פּירערשאַפט.

אַט־דער דזשעם קלאַרק האָט פון קליינוויז אויף זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ חלום:

—— ער מוז ווערן רייך! ער מוז מאַכן געלט! אַ סך געלט!

מיט דעם חלום האָט ער דורכגעמאַכט פּאַבליק־סקול, הײַ־סקול און אפילו דריי גאַנצע טערמינען קאַלעדזש!

פון קליינוויז אויף האָט דזשעם קלאַרק געוואוסט אַז דער נאָנט־סטער וועג צו מאַכן געלט אין אַמעריקע, איז צו ווערן אַ באַנקיר. איז אַזוי גיך ווי ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ דזשאָב אין דער שטעטלשער „פאַרמער־באַנק", האָט ער אויפגעגעבן קאַלעדזש.

— ס'אָלרייט! האָט געזאָגט דזשעם קלאַרק! אַ באַנקיר מוז נישט זיין אַ קאַלעדזש גראַדויקטער!

האָט אָבער אין דזשעם קלאַרקס שטעטל, אין אייאָוואַ סטייט, אַ שפּריץ אַראָפּגעטאָן אַ פונק פון דעם גרויסן ניו־יאָרקער אויפרייס און „זיין" באַנק האָט אויך אויפגעריסן! דזשעם קלאַרק איז געבליבן ביים ווייסן, באַנקירישן שרונטל אינמיטן קאָפּ, ביי די מאָדערנע, רעמ־לאָזע גלעזלעך אויף דער שאַרפער, פּאַר'עקשנ'טער נאָז און אַ צערו־נענעם חלום פון אומגעזעענע, פּאַבלהאַפטע מיליאָנען אין די אַנטוישטע הענט.

יאָ, ביי נאָך עפּעס איז געבליבן דזשעם קלאַרק! אַרום זיין דין, דעצעדירנדיק מויל, האָט זיך אוועקגעלייגט אַ קלוג שמייכעלע, אַזאַס, וואָס האָט אַלעמען געזאָגט:

— ס'אָלרייט! אויב נישט דורך אַ באַנק, מאַכט מען אין אַמע־ריקע געלט דורך אַ גענג!

איז אָט, איז ער דאָ, צוזאַמען מיט דזשאָ וווהייט, אין דעם באַמס גענג. אָבער אים געפעלן נישט לאַרסאַנס לויזיקע טריק זיך צו שלעפּן אין באַנען און גנב'ענען ביי אַ מילך קאָמפּאַני אַ קעסטל מילך, אָדער וואַשן געפעס צו קריגן אָפּצועסן. דזשעסי קלאַרק מיינט נישט אַזאַ גענג! ער ווייל אַ גענג, וואָס זאָל מאַכן „דזשאַבס" און ווערן רייך! חוץ דעם טראַגט ער אַ בייז הארץ אויף די בענק. ער וואָלט וועלן באַפאַלן בענק זיי זאָלן זיך מוזן פאַרמאַכן, ווי „זיין" באַנק האָט זיך מיט איינ־מאָל געמוזט צומאַכן! און ער זעט גאָרנישט קיין שוועריקייטן דאָס צו דערגרייכן. ער האָט אפילו אַ פּאַרטיקן פּלאַן ווי אַזוי אָנצוהייבן.

— די מיידלעך אין דער גענג, ספּעציעל וויוויאַן און די "בייבי־פּיים" וועלן זיך אויסטויגן! אַלץ וואָס זיי דאַרפֿן טאָן פֿאַר אַן אַנ־הייב איז — פֿאַרנאַרן אַ צוויי שטעטלשע דזשענטלמענער . . . אַז מען וועט נאָר קריגן די ערשטע הונדערט דאָלער אויף געווער וועט שוין דער־נאָך גיין אַ גאַנג . . .

לאַרסאָן אָבער וויל נישט הערן דערפֿון. וואָס איז ער אַ רויבער? און צו די באַנקירן האָט ער אויך גאָרנישט. זיי האָבן זיין דזשאָב נישט צוגענומען. און אויב ברעכן די באַנקירן, האָט ער אַ בעסערן פּלאַן! זאָלן נאָר אַלע ווערן טרעמפּס! זאָלן אַלע אויפֿהערן צו אַרבעטן, וועלן שוין סאַי־ווי די באַנקירן גיין צום טייוול!

ביי זייער אַרומרייסן זיך, קומט דזשאָ׳ן אויפֿן זינען פֿיליפּ מעקאַרטי און ווילי בענדער, די צוויי שכנים לעבן פּאָפּס בײַדל אויפֿן האָדסאָן־ברעג. יענע, דערמאָנט ער זיך, האָבן אויך עפּעס גערעדט דאָן, אויפֿן מיטינג, וועגן אַ קאַמף מיט די רייכע.

ער אַליין, דזשאָ, זעט נישט מיט וואָס די גענג גייט קעמפֿן קעגן די רייכע. אים געפֿעלט נישט דעם באָמס געגנלעך, — נאָך וויניקער געפֿעלן אים דזשעם קלאַרקס פּלענער. די צוויי שכנים אין ניו־יאָרק, פֿאַרשטייט ער נאָך. זיי האָבן געוואָלט קעמפֿן קעגן אָראָפּטרייבן זיי מיט זייערע בײַדלעך. אָבער זיי דאָ? ניין! עס וועט אים דערעסן!

די גענג אַלס גאַנצע האָט גיכער נאָכגעפֿאָלגט דעם באָם. אָראָפּציען אַ קעסטל מילך אָדער אַ קויש געבעקס, ערגעץ אין אַ הינטערגעסל פֿון אַ קליין שטעטל, איז וויניקער געפֿאַר ווי מאַכן אַ „דזשאָב" אויף אַ באַנק. חוץ דעם, ווער וויל דאָס רייך ווערן? יונגען ווילן זען ס׳לאַנד, האָבן אַביסל דערפֿאַרונגען און, אפֿשר, קריגן אַ דזשאָב ערגעץ.

פֿון דער גאַנצער גענג זענען בלויז דאָ צוויי וואָס וואָלטן געגאַנגען מיט דזשעסי קלאַרק. דאָס איז וואָלטער דיק, דאָס פֿאַרמער־ייִנגל פֿון קאַראָליינאַ, מיטן קינדערש געפּלעפּטן פּנים, וואָס קוקט אויף דזשעט קלאַרק, דעם פּלינקן, דעם אַלץ ווייסנדיקן „עקס־בענקער" ווי אויף אַ גאָט. און וויוויאַן, אויך אַ קאַראָליינער.

יאָ, וויוויאַן! דאָס איז אַן אינטערעסאַנט מיידל. זי האָט, דאַכט זיך, גאָר קיין אייגענעם ווילן נישט, פֿונדעסטוועגן טוט זי אַלץ וואָס זי וויל! עפּעס איז דאָ אין איר אַ טראַציקייט. נאָר זי טוט צעלאָכעס. אַז זי האָט נישט וועמען אָפּצוטאָן אַ שפּיצל, טוט זי זיך אַליין אָפּ. זי

וועט עקסטרע אָנטאָן איר קליידל אויף דער לינקער זייט און מאַכן אַלע זאָלן לאַכן פון איר.

אַט־די וויוויאַן האָט אויך גאָרנישט צו די באַנקירן. אויך איר דזשאָב, מיינט זי, האָט קיינער נישט צוגענומען. זי איז אַוועק פון דער פאַרם צוליב דער ברוטאַלקייט אין איר היים. דערפאַר—די שפּיצלעך אירע און דער צעלאַכעס. איצט וואָלט זי געוואָלט זיין ברוטאַל. זי וואָלט גראָד יאָ געוואָלט פאַרנאַרן אַ דזשענטלמאַן און לאָזן דזשעס קלאַרק זאָל אים אויסליידיקן די קעשענעס, אַט פּונקט ווי עס האָט זי פאַרנאַרט דער פאַרמער־שכן אויפן היי־בוידעם. נאָר אַז די מערהייט גייט מיט לאַרסאָנען, גייט זי מיט דער מערהייט!

דזשעסי קלאַרק האָט געמוזט איינזען מיט זיין קלוגן שמייכעלע אַז אָנהייבן אַ געננג מיט וואָלטער דיקן אַליין קאָן ער נישט. ער וועט מוזן וואַרטן ביז אים וועט געלונגען אַריינצוקריגן עטלעכע אמת׳ע חברה. דאַן וועט שוין וויוו אויך נישט קווענקלען זיך.

22

דזשאָ ווהייט האָט איצט געפּירט אַ לעבן צו וועלכן ער איז לחלוטין נישט צוגעוואוינט. בטבע איז ער אַן אַרבעטזאַמער יונג, ווי זיין פּאָפּ, דזשים ווהייט. דאָס אַרומשלעפּן זיך איבער שטעט און שטעטלעך, נעכטיקן הינטער פּלויטן אין פּאַרקן, אויפן פעלד, אָדער גאָר אין אַ געדיכטן וואַלד, האָט אים געוואַלדיק צעשרויפט. אויפן באָם איז ער שוין פון לאַנג אין כעס, וואָס ער האָט אים פאַרשלעפּט פון ניו־יאָרק. דעם פּאָפּס ביידל האָט אים גאָר אָנגעהייבן דערשיינען אין אַן אַנדער ליכט. מיט יעדן טאָג האָט ער אַלץ וויניקער געקאָנט פאַרטראָגן דאָס שלעפּן זיך איבער די וועגן מיט די פאַרהונגערטע יונגען און מיידן, צו וועלכע דער באָם האָט אים אַלעמאָל צוגעטשעפּעט. עס איז אים געווען דערווידער, ביז ברעכן, דאָס הינטישע „לעבן", וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די יונגען מיט די מיידן. — ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, און נאָך וויניקער פאַרנעמען, ווי די מיידן קאָנען זיך לייגן אַזוי פריי פאַר די יונגען, וועלכע וואַרטן איינער הינטערן אַנדערן, — פּונקט ווי פאַרוואָרלאָזטע, אַרומבלאָנקענדע הינט. עפּעס גאָר אַן אַנדער מאָראַל דאָ! אַ יונג פאַרווילט זיך, נעמט ער די מויד הינטער אַ בוים. — דער צווייטער כאַפּט זיך

וואָס דאָרטן קומט פאָר, לויפט ער אויך אהין וואַרטן אויף זיין „נעקסט".

— פו, אַן עקל כאַפּט אין אַן!

וואָס ווייטער סאוט, וואָס זוניקער די טעג, אַלץ מער פאַרכמורעט ווערט דזשאָ וואַהייט. ער איז אַזוי פאַרביטערט, אַז ער קאָן נישט קוקן אויפן באָס! פון רעדן צו אים איז אָפּגערעדט! דזשאָ טראַכט ערנסט פון אויסדרייען דעם דישעל און פאַרקערעווען צוריק קיין ניו־יאָרק צום פּאַפּס ביידל. ער האָט שוין אַ פּרוב געטאָן ביי עטלעכע פון די טרעמפּס. נאָר זיי, וואָס וועלן זיי איצט טאָן אין ניו־יאָרק? געפרוירן ווערן אין פּאַרק? עס קומט אים אויס זיך אָפּצורייסן פון דער גענג און אַליין זיך פאַרנעמען אויף צוריק. פעלט אים אָבער מוט. דזשאָ וואַהייט איז פון קיינמאָל נישט קיין גרויסער אונטערנעמער. ווען נישט דער באָס וואָלט ער דאָך קיינמאָל נישט געווען אַוועק פון ניו־יאָרק! אָט אַ שטייגער, ווען עמיץ פון די טרעמפּס, אפילו דער טאַמעוואַטער וואָלטער דיק וואָלט מיט אים געגאַנגען, טוט ער אַ שפּיי אויף דעם באָס און קומט אַהיים צוריק צום אַלטן פּאָפּ.

די „גענג" ציט אָבער אַלץ ווייטער סאוט. ביי יעדן, אויסער דזשעס קלאַרק, איז דער ציל מיאַמי־ביטש. דאָרטן איז אַ פאַרגעניגן, גלייך די האָטעלן דאָרטן, וואָלטן געשטאַנען גרייט פאַר די טרעמפּס...

לאַרסאָן, זינט דער „געוועזענער באַנקיר" איז געוואָרן אַ געוועזענער נאָכגייער, האָט ער איבערגענומען די גענג־קאָמאַנדע אויף אַן אמת.

— צו דער באַן! באַפעלט ער, און די חברה נעמען זיך אין דער ריכטונג.

אומבאַמערקט, ווי ראַצן, קריכן זיך אַלע אריין אין אַן אויסגעליידיקטן מעהל־וואַגאָן. שטיל רוקט מען צו די שווערע טיר. קונציק פאַרטשעפּעט דער רויטער דעם קלאַמקע־פּרענט צום הוק. אפילו אַ גענים אויג וואָלט אין פלוג געמיינט אַז דאָ איז אַ פאַרלאַדעוועטער וואַגאָן סחורה.

— איצט, קאָמאַנדעוועט דעם באָס, זאָל זיין שטיל, ביז די באַן וועט אָנהייבן רעדלן.

די חברה האָבן זיך, אין אַ קופּע, אויסגעלייגט אין איין זייט וואַגאָן. אין דער אַנדער זייט, אַ מידער, אַ בייזער, האָט זיך אָנגעשפּאַרט דזשאָ. אויך די וויוויאַן האָט זיך עפּעס אוועקגעלייגט איינע אַליין,

אַנטקעגן אים, גלייך דאָס גאַנצע לעבן, די גאַנצע גענג, וואָלט איר אָנ־געהייבן עקלען.

דזשאָ האָט זייטיק געקוקט אויף איר און זיך געוואונדערט. זינט ער האָט זי באַגעגנט איז זי די רירעוודיקסטע, די געוואַגטסטע פון אַלע דריי מיידלעך. זי שטייגט איבער אין איר געוואַגטקייט אפילו דעם רויטן. און דאָ, פלוצים, אַזאַ איינזאַמע מידקייט.

ער וואָלט געוואָלט פאַרשטיין דאָס מיידל, דזשאָ. אַלע מיידלעך וואָלט ער געוואָלט פאַרשטיין! עפּעס געפעלט אים יאָ די מאָראַל דאָ... אַ מיידל לאָזט נישט הונגערן אַ יונג צוליב דעם וואָס ער האָט איר נישט צו געבן קיין פּאָר סענט. — אָבער די מיידלעך גייען שוין גאָר איבער יעדער גרענעץ! אָט טאָקע די וויוויאַן. אַזוי איז זי אַ וואויל מיידל, מ׳קאָן זי אפילו ליב האָבן, נאָר עפּעס טוט זי זאַכן, וואָס ער קאָן נישט פאַרשטיין. סיידן אין דעם מיידל זיצט עפּעס אַן אומרו, וואָס טרייבט איר צו טאָן אַלץ אָבי עפּעס אָפּטאָן! אפילו אַליין רופן צו זיך דעם לאַנגן, ווען יענער האָט זיך גאָר געאַמפּערט מיט נעטין:

— סעי, טעלעגראַף, קום אַהער!

ער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין דאַן און ער קאָן דאָס נישט פאַרשטיין איצט! ער ווייסט. זי האָט דאָס נישט געטאָן פאַר געלט! קיינער פון די יונגען האָט נישט אַ סענט! ליב האָט זי אים אויך נישט, דעם טעלעגראַף. די מיידלעך דאָ האָבן קיינעם נישט ליב. אַלע זענען גלייך פאַר זיי: יונגען! פאַרוואָס־זשע האָט זי דאָס געטאָן? . . .

דזשאָ האָט זי פון אַנטקעגנאיבער, אַזוי פרעגנדיק אָנגעקוקט. דער וואַגאָן האָט זיך געשאָקלט. די רעדער האָבן געקלאַפּט. די יונגען און די אַנדערע צוויי מיידלעך זענען געלעגן אין דער אַנדער העלפט וואַגאָן, אין אַ ווינקל, עפּעס שטאַרק פאַרטאָן. בלויז ער און וויוויאַן זענען גע־ווען אַ אָפּגעזונדערט פון אַלעמען אי איינער פון אַנדערן. נאָר בעת ער האָט זי אָנגעקוקט, געטראַכט פון איר, האָט זי אים גאָרנישט געזען!

זי איז געלעגן האַלב־זיצנדיק אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַגאָן וואַנט. אירע האָר, שוין לאַנג נישט געשוירן, זענען איר געוווען צעוואָרפן, ווילד און פאַרשטעלט ס׳פּנים. בלויז אַ קליינער מויל־שניט און אַ שטיקל נעזל האָבן זיך דורכגעזען דורך דער בלאָנד־האָריקער וואואַל. די הענט זענען געלעגן מידע, נאַכלעסיקע אין שוים, אויפן גרין־קאָלירענעם קליידל. אַ ווייסע קני האָט זיך אַפּערגעזען. בשום אופן האָט זי דאָס נישט גע־

טאָן עקסטרע. וויוויאַן לייגט בלויז נישט קיין אַכט אויף איר מיידלשן קערפּער.

קוקנדיק אויף איר האָט אין דזשאַ'ן אויפגעטייעט אַזאַ נאָגנדיק רחמנות־געפיל:

— די וויוויאַן מוז אודאי אַלט זיין וואָסערע אַכצן יאָר, נישט מער. וואָס ווייסט ער וואָס איר האָט געטריבן צו דער גענג?

די גאַנצע צייט האָט וויוויאַן געהאַלטן אירע אויגן אונטער די דעקלעך פאַרשלאָסן מיט די לאַנגע ווייעס אירע, טונקעלע, כמעט שוואַרצע וויעס. נאָר פּלוצים, ווי זי וואָלט דערפילט דזשאָ'ס אויגן אויף זיך, האָט זי געעפנט אירע, גלייך אויף אים. דזשאָ האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין בליק פון איר און אים גיך אָנגעהאַנגען אויף די אייגענע שיכשפּיצן, וואָס הייבן אָן נאָכלאָזן, צעריסן ווערן, פון שטענדיקן שלעפּן זיך איבער די וועגן.

וויוויאַן האָט געביטן איר פּאָזיציע, זיך מער אויסגעצויגן אויף דער פּלייצע, בלויז דער קאָפּ איז געבליבן אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. אַ מינוט אפשר האָט זי געקוקט אויף דעם מאָדנעם יינג, דזשאָ, וואָס שלעפּט זיך מיט דער גענג און איז דאָך שטענדיק כמעט אַליין. אפילו קיין איינע פון די מיידלעך האָט אים נאָך נישט גענומען. — דערנאָך איז איר, ווייזט אויס, נמאס געוואָרן ס'גאַנצע טראַכטן. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווי אין האַלב דרימל. דזשאָ האָט גלייך ווידער גענומען קוקן אויף איר.

מאָדנע. ס'ערשטע מאָל אַז ער האָט דערפילט אַ באַגער צו דער וויוויאַן. — איז עס געווען ווייל איר קליידל איז אַזוי נאַכלעסיק פאַרהויבן? ער האָט זיך פאַררויטלט. ער האָט אָבער געפילט אַז עס איז נישט צוליב דעם. איינמאָל האָבן די מיידלעך אַנטבלויזט זייערע לייבער פאַר אַלעמען אין די אויגן? — דאָן האָט זי אים טאַקע אָפּגעעקלט. איצט אָבער, אין איר איינזאַמער מידקייט, איז זי אַזוי שיין. יאָ, זי איז אַ זיס מיידל, וויוויאַן. ער פילט ער וואָלט זי איצט געוואָלט אַרומנעמען, אַ קוש טאָן.

אינמיטן דעם טראַכטן איז צוגעקומען לאַרסאָן. צווישן דזשאָ און וויוויאַן, אין מיטן וואַגאָן, איז ער געבליבן שטיין ווי אַן אָקס, מיט צעגומענע פיס. דעם באָם האָט עפּעס פאַרדראָסן וואָס די מויד האָט זיך אַהער אַליין פאַרקליבן. אַז דזשאָ זאָל זיך האַלטן פרעמד פון דער גענג

איז ער שוין געוואוינט. ער וויל אָבער נישט אַז די מויד זאָל זיך אָפּזונדערן.

דזשאַ האָט אויפגעהייבן צו אים דעם קאָפּ. די לעצטע צייט, זינט דער באָס איז געוואָרן דער פירער פון דער גענג, איז ער גאָר געוואָרן אַ ברוטאַלער חברה־מאַן. עפּעס גאַרנישט מער דער זעלבער לאַכנדיקער לאַרסאָן, גלייך ער וואָלט טאַקע געווען דער „קעפּטן" פון אַן אַרמיי! מיט פאַראַכטונג האָט דזשאַ אַעווקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ.

אויך לאַרסאָן האָט, קוקנדיק פאַר אַ סעקונדע אַראָפּ צו דזשאַ'ן געטראַכט אַז:

— דער יונג ווערט אים אַ לאַסט.

ער האָט זיך דערנענטערט צו וויוויאַן, דער באָס. פּאַוואָליע זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די שפּיצפינגער, אַזוי טשיפּקע. דערנאָך האָט ער זיך צו איר צוגעזעצט גאַנץ באַקוועם.

דאָס מיידל האָט בלויז איינמאָל געטאָן אַן עפן די אויגן אויף אים און זיי באַלד פאַרמאַכט, גלייך ער וואָלט זי גאַרנישט אָנגעגאַנגען. לאַר־סאָן האָט גענומען גלעטן איר די קני. אין דער זעלבער צייט האָט דזשאַ אָנגעשטעלט אַ וואַכן בליק אַהין. עפּעס האָט אים לאַרסאָנס אַוועקזעצן זיך איצט לעבן מיידל גאָר אַ ברי געטאָן. לאַרסאָן אָבער, האָט אים צוריק געשענקט אַ פאַרמעליקטע פּלייצע און זיך געטאָן זיינס.

וויוויאַן האָט זיך אַוועקגעשאַרט די האָר פון די אויגן, געטאָן אַ שאַרפן בליק אויף דעם רויט־באַוואַקסענעם לאַרסאָן. וואָס האָט איר איצט אויסגעזען עפּעס זער עקלדיק:

— לאָז מיך אָפּ. האָט זי אים כמעט בעטנדיק געזאָגט.

לאַרסאָן האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט פון איר אַוועקדרייען זיך. ער האָט זיך גאָר אויף אַן אמת געמאַכט באַקוועם לעבן איר און זי אַרומגענומען אַרום דער טאַליע. וויוויאַן האָט זיך געטאָן אַ רוק אָפּ. פאַר לאַרסאָנען איז דאָס געווען אַ נייס! זינט ער האָט אָנגעטראָפן די וויוויאַן איז נאָך נישט געווען דער פאַל זי זאָל זאָגן: „נאָ". און נישט נאָר אים, דעם גענג־פירער, נאָר יעדן, אפילו דעם שיקלדיקן! מיט די אַנדערע צוויי, מיט געטין און דער „בייבי־פּיים" האָט יאָ געטראָפן זיי זאָלן נישט וועלן. אָבער קיינמאָל נישט וויוויאַן. פאַרקערט, עס האָט זיך שטענדיק גערדאַכט, אַז זי טראָגט אַרום איר קערפּער און בעט זיך די יונגען זאָלן אים נעמען.

געוועלנלעך איז לאַרסאָנען נישט קיין אונטערשייד ווער ס'מיידל

איז, וויוויאַן צו נעמי, אָדער גאָר די „בייבי־פּיים״. איצט אָבער, ווייל זי האָט אַזוי לאָמיכגעמאַכטיק זיך ארויסגעשיילט פון זיינע אָרעמס, איז די לײדנשאַפט ביי דעם רייפן, אַכטאונצוואַנציק יאָריקן לאַרסאָן געשטיגן דוקא צו איר, וויוויאַן. און ווער אָדער וואָס עס זאָל אים אָפּהאַלטן איז דאָ נישטאָ. אַלע שלוזן, אַלע צאַמען, וואָס האַלטן דעם מענטשן אין זיין נאָרמאַלן לעבן, זענען דאָ נישטאָ, זענען דאָ צעבראָכן, פאַרשלייערט! עס הערשט דאָ אַן אַנדער, גאָר אַ נייע מאָראַל! ס׳מיידלשע לייב איז ווי אַ שטיקל ברויט, וואָס איינער פון דער גענג האָט. פּונקט ווי עס וועט נישט איינפאַלן איינעם זיך אָפּצוזאָגן פון טיילן זיך מיטן שטיקל ברויט, אַזוי איז נישט אָנגענומען אַ מיידל זאָל אָפּזאָגן איר לייב... מ׳קאָן פאַרשטיין אַ מיידל טוט זיך כלומרשט אַ שפּיל: זי וויל נישט. אָבער די וויוויאַן מיינט עס איצט ערנסט!

לאַרסאָן האָט זיך געטאָן אַ רוק־נאָך שוין מיט רוגזה.

דערווייל האָט די גאַנצע גענג, וואָס איז געווען פאַרטאָן מיט זיך, אין יענעם האַלבן וואַגאָן, געטאָן אַ וואַקס אויס דאָ, לעבן לאַרסאָן און וויוויאַן. עס האָט זיי אַ רייץ געטאָן די ראַנגלעניש, וואָס וועט דאָ באַלד אַנטשטיין. און גלייך האָט זיך די גענג צעטיילט. די צוויי מיידלעך האָבן גענומען אים צוגעבן קוראַזש:

— נעם זי, לאַרסאָן! זיי אַ מאַן!

אין זיי, אין די מיידלעך, האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ ווייבערש, טיוולשער נייגיר בייצוואַוויגען דעם געאַמפּער.

די יונגען דאַגעגן האָבן געדייצט זי, וויוויאַנען:

— וויוו, לאָז זיך נישט! גיב אים אין די ציין! לאָמיר זען ווי בראַוו דו ביזט!

זיי, די יונגען, איז דאָ אויך געגאַנגען מער נישט ווי אין האַזאַרד. אַ קונץ ווען אַ מיידל גיט זיך? זאָל ער זיין אַ קנאַקער און זי נעמען ווען זי וויל נישט!

וויוויאַנען אָבער האָט נישט אינטערעסירט דער גאַנצער האַזאַרד. זי איז אויף אַן אמת געווען מיד. איר גאַנצער קערפּער האָט געלעכצט נאָך רו. ס׳איז איר נישט געגאַנגען אין דעם ווער עס וועט דאָ געוואונען. זי האָט זיך אפילו נישט צוגעהערט צו די אויפגעהיצטע אויסרופן. זי האָט בלויז אָנגענומען לאַרסאָנען און אים ווידער אָפּגעשטופּט פון זיך:

— פּליז, לאָז מיך אָפּ!

נאָר לאַרסאָן, אויפגעפייערט פון שטאַרקן באַגער און נאָך אונטער־געהיצט פון דער גאַנצער הפקר־חברה, האָט זי געטאָן אַ כאַפּ מיט זיין גאַנצן כח!

די גאַנצע צייט האָט דזשאָ געשפּיזט אַהין די אויגן, כאָטש אויפ־געשטעלט זיך צו דעם ספּעקטאַקל האָט ער נישט. ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכנונג וועגן זיין אָנגעשפּיצטער אויפגערעגטקייט. צי קומט דאָס פון דעם פּלוצימדיקן רחמנות־געפיל, וואָס האָט אין אים פריער אויפגעטייעט צו דעם מיידל. אָדער, קאָן ער נישט פאַרטראָגן, רעוואָלטירט אין אים דער מענטש, דער מאַן, דער קאַוואַליער, וואָס ער איז שטענדיק צו פּרויען און דאָ זעט ער פּלוצים, פאַר זיינע אויגן, פאַר־געוואַלטיקן אַ מיידל מיט כח, מיט ברוטאַלן כח? נאָר סאַי־ווי! ער איז געטאָן אַ שפּרונג אויף מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די חברה האָט אַזש אַ בליק געטאָן הינטער זיך, אַוועק פון דעם הייסן געראַנגל, וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר זייערע פּיס. ביז אַהער האָבן זיי גאָר געהאַט פאַרגעסן אָן דזשאָ׳ן!

ווי אַ ווינט האָט ער זיך אַ ריס אַריינגעטאָן אין מיטן קרענצל, גע־טאָן אַ כאַפּ דעם באָם ביי די ווילד־צעקודלטע האָר מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט אים אַזש אַ שליידער געטאָן אין מיטן וואַגאָן אַריין!

לאַרסאָן האָט זיך אומגעקוקט פון וואַנען דער שליידער איז געקור־מען. ער האָט דערזען דזשאָ׳ן. — אַ רויט פייערל האָט אויפגעטיקט אין זיינע אויגן. דאָס איז געווען אַ צווייענדיק פייער: אַ פייער פון אויפגעהיצטע, נישט געשטילטע לייִדנשאַפטן, און אויך אַ פייער צו דעם, וואָס האָט אים אַוועקגעריסן און געשטערט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פּאַוואָליע, לאַרסאָן, אָבער גאַנץ דע־צעדירט. לאַנגזאַם איז ער צוריק צוגעגאַנגען צו דזשאָ׳ן. ער האָט זיך איצט גאַנץ ערנסט פאַרמאָסטן, דער באָם! איצט האָט ער נישט געזען פאַר זיך זיין ניו־יאָרקער פריינט דזשאָ ווהייט. איצט איז געשטאַנען פאַר אים אַן אויפגעקאָכטער שונא, וואָס האָט געשפּריצט מיט נאָך מער פייער און האָס ווי ער אַליין. נאָר נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו הייבן אַ האַנט, איז דזשאָ געווען פלינקער!

פון דעם מעכטיקן זעץ איז לאַרסאָן געפאַלן הינטערוויילעכטס, מיטן קאָפּ צו דער וואַנט. און דזשאָ האָט גליך געהאַלטן גרייט ביידע הענט פאַרשטשעמעט אין פויסטן, טאָמער דערנענטערט ער זיך נאָכאַמאָל, דער

באַם . . . ער האָט אויך געסאַפּעט, דזשאַ, כאָטש די דינע ליפּן זענען אים געווען פאַרקראַמפּט ביז בלויקייט.

די חברה איז גאָר געבליבן צעטומלט. זיי האָבן זיך גאָרנישט גע־ריכט אויף אַזאַ ערנסט פאַרמעסטן זיך.

וויוויאַן האָט זיך אַראָפּגעשאַרצט ס׳קליידל. זי האָט געקוקט פון דער ערד אַרויף צו דזשאַ׳ן מיט גרויס וואונדער אין די אויגן. צום ערשט איז איר נישט קלאָר געווען צוליב וואָס דער בלאָנדער, בלוי־אויגיקער דזשאַ האָט דאָס אינגאַנצן אָנגעהייבן. זי איז קיינמאָל נישט געוואוינט געווען צו קיין ריטערלעכע אויפמערקזאַמקייט. איידער זי האָט נאָך אָנגעהייבן ווערן רעכט אַ פרוי, איז זי שוין אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין אַ גענג. געבן דעם קערפּער איז ביי איר געוואָרן ווי טאָן אַ שפּיי. זי וואָלט איצט אויך געווען געגעבן זיך. נאָר עפּעס איז זי געווען מיד און אַפּהענטיק. מער נישט ווי אַפּהענטיק! נאָר אַז דער בלאָנדער יונג האָט פאַרפירט אַזאַ געשלעג?

דער פּלוציםדיקער זעץ, וואָס דזשאַ האָט געגעבן לאַרסאָנען צוליב איר, האָט אין וויוויאַן אויפגעוועקט אַ שטאָלץ, אַ געפיל וואָס זי האָט אפשר קיינמאָל נישט געהאַט, אָדער עס פאַרלוירן ערגעץ אויף דער פאַרם אין נאָרט־קאַראָליינאַ, נאָך איידער זי האָט געוואוסט וואָס דאָס געפיל איז אַזוינס. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. איצט, פילט זי, וואָלט זי וועלן דער דזשאַ זאָל זיך שלאָגן פאַר איר נישט נאָר מיט לאַרסאָנען, מיט דער גאַנצער וועלט וואָלט ער זיך געדאַרפט פאַר איר שלאָגן . . .

לאַרסאָן האָט זיך דערווייל ווידער גלייכגעשטעלט פון דעם מעכטיקן זעץ. ער איז צוריק־צו צו דזשאַ׳ן:

— דו הינטישער זון!

— דו בעסער שטיי דאָרטן! האָט דזשאַ אים געוואָרנט מיט אַן אויבערפלעכלעכער רואיקייט, וואָס האָט פאַרדעקט אַן אינערלעכע גע־וואַלדיקע רציחה.

די חברה האָט געזען אַז דאָס געשלעג וועט זיך צעוואַקסן לויט אַלע געזעצלעכע כללים, האָבן זיי זיך צערוקט, געמאַכט פּלאַץ. נאָר אומזיסט. אין לאַרסאָנען איז אַפּגעגאַנגען די היץ. ער איז שטענדיק מער ווי־צלער ווי קעמפער. ער איז צוריק אַוועק אין אנדערן ווינקל פון וואַגאָן. די חברה—נאָך אים. צו ער וועט נאָך זיין זייער פירער נאָך דעם פאַרלוירע־נעם פאַרמעסט, דאָס וועלן זיי זען שפּעטער.

דאָ, אין דעם האַלבן וואַגאָן, זענען נאָר געבליבן דזשאָ, און וויוויאַן אַנטקעגן אים, ביי דער צווייטער וואַנט.

אויך דזשאָ האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. בלויז וויוויאַן האָט נישט געוואוסט וואָס זי זאָל איצט טאָן מיט זיך. זאָל זי זיך צוריקזעצן, גלייך קיינמאָל גאָרנישט? אָדער גאָר צוגיין צו דעם בלאָנדן דזשאָ?

23

נאָך דעם געשלעג איז אין וואַגאָן אָנגעשטאַנען אַ געדיכטע אַטמאָס־פערע. עס איז ממש געוואָרן ענג! דער וואַגאָן איז געוואָרן צוויי לאַגערן. אין איין זייט האָט זיך פאַרקליבן ס׳גאַנצע בינטל מיט די צוויי מיידלעך, נעטי און די „בייבי־פּיים״ אינדערמיט. און דאָרטן, אין יע־נעם האַלבן וואַגאָן, זענען געבליבן — דזשאָ, אין איין ווינקל, און אַנט־קעגן אים, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט, איז געבליבן וויוויאַן.

אין דעם בינטל איז אָנגעשטאַנען אַ טומל. דזשעם קלאַרק האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט איצט איינגעזען אַ געלעגנהייט אַפּצוריסן עטלע־כע חברה און גרינדן אַן אמת׳ע גענג צו מאַכן אַ דזשאַב אויף אַ באַנק. וואָרום:

— וואָסער גענג־פירער איז דער באָם אַז ער קאָן אפילו נישט ביי־שטיין אַן אָנשטענדיקן קלאַפּ!

ביי די צוויי מיידלעך האָט אויך דער באָם עפּעס גאָר אַלץ פאַר־לוירן!

— וואָסער מאַן איז ער? אַז וויוויאַן האָט זיך אים נישט גע־געבן, אַז ער האָט נאָך געקראַגן אַ זעץ אין דער מאָרדע! און זאָל ער נישט פאַררעדן די ציין, אַז דזשאָ איז אַ קינד. ער איז אַ מאַן, דזשאָ וֹוהייט!

זיי וואָלטן זיך געוויס אַריבערגעקליבן צו דזשאָ׳ן, כאָטש ביידע צווייפלען צו ער וואָלט זיי גאָר צוגעלאָזט צו זיך. נאָר אויב זיי פּרובירן אפילו נישט אַהין גיין, איז עס צוליב דער וויוויאַן. אויף איר זענען זיי גאָר אין כעס! עס קרענקט זיי, די צוויי מיידלעך, וואָס יענער האָט זיך איינגעגעבן נישט צו וועלן, בעת זיי, אפילו זיי מיינען אַמאָל ערנסט אויף נישט — נעמט מען זיי אויך! און עס איז אפילו נישטאָ קיינער וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי!

לאַרסאָן אַליין איז געזעסן אַרומגערינגלט מיט זיינע געטרייסטע

נאָכפּאָלגער. עס איז דאָרט געווען דער רויטער, דער „טעלעגראַף־סלופּ" און דער שיקלדיקער. ער האָט מכלומרשט איגנאָרירט דעם געוועזענעם באַנקיר, דזשעם קלאַרק און אײַנגע'טענה'ט, אַז ער האָט זיך נישט גע־וואָלט שלאָגן ווײַל דזשאָ איז אַ קינד נאָך. חוץ דעם, ער קאָן דעם פּאָטער זײַנעם אין ניו־יאָרק . . .

דזשאָ האָט זיך נישט געמאַכט פון דעם אַלעם, וואָס דאָרטן גייט אָן. ער האָט איצט גאָר ערנסט געטראַכט פון אויסדרייען דעם דישעל און פאַרקערעווען צוריק קיין ניו־יאָרק. דאָ האַלט אים שוין זיכער גאָרנישט! ספּעציעל איצט, נאָכן געשלעג, מיט זײַן איינציקן פרײַנט, דעם באָם!

וויוויאַן ווידער, האָט זיך אויך פּלוצים דערפילט ווי זי וואָלט מיט־איינמאָל ארויסגעפאַלן פון דער געגנט. כאָטש זי אַליין האָט דאָ גאָרנישט געטאָן. סיידן דאָס פאַרברעך, וואָס זי האָט זיך נישט געלאָזט נעמען מיט געוואַלט. נאָר איז עס טאַקע אַ פאַרברעך? קיינמאָל, ווען נאָר זי האָט זיך אונטערגעטראָגן צו אַ יונג, האָט זי נישט געפילט אַז זי וויל, פונקט ווי זי האָט נישט געפילט אַז זי וויל נישט! אָט, זי האָט זיך געגעבן! עס קאָסט איר עפּעס? דאָס מאָל אָבער האָט זי אויף אַן אמת נישט געוואָלט! איז עס אַ פאַרברעכן?

די באָן האָט זיך געשאָקלט, געשאָקלט. ביסלעכווײַז איז פאַר־שלונגען געוואָרן דער טאָג. עס ווערט אַלץ טונקעלער אין וואַגאָן. דאָס קאַרגע ביסל ליכט, דורך די טיר־שפּאַרעס, גייט אויס. די נאַכט איז צוגעפאַלן. און ער, דזשאָ, האָט נאָך אַלץ נישט באַשלאָסן וואו ער זאָל טאָן אַ שפּרונג אַראָפּ און לאָזן די גאַנצע געגנט הינטער זיך.

די גאַנצע צייט, פון זינט דעם צוזאַמענשטויס מיטן באָם, זעט ער ווי וויוויאַן נעמט נישט אַראָפּ פון אים קיין אויג. זי — אים, אינטערע־סירט נישט. פאַרקערט, ער האָט זי פײַנט! וואָרום ווי קומט אַן אָנ־שטענדיק מיידל אין אַזאַ געגנט אַרײַן? פונדעסטוועגן וואָלט ער געוואָלט וויסן וואָס זי טראַכט. מער פון אַלץ וואָלט ער געוואָלט וויסן פאַרוואָס האָט זי די גאַנצע צייט אַזוי פרײַ און נאָך אַזוי אָפן דערצו, זיך געגעבן יעדן יונג און דאָ, פּלוצים, האָט זי זיך אײַנגעשפּאַרט און געבראַכט צו דעם געשלעג? נאָר אפילו אַזוי! איז ער נישט גערעכט געווען וואָס ער האָט געגעבן דעם באָם אין די ציין?

אינדערפינצטער, פון בינטל אָרויס, האָט ער געהערט ווי עמעץ פליסטערט דאָרט:

— לאָמיר אַרויסוואַרפן דעם ניו־יאָרקער חברה־מאַן פון וואַגאָן! ער צעברעכט די געננג! אויב די הור וויל גיין מיט אים, זאָל זי!

— נאָ! האָט, דאַכט זיך, דער רויטער געזאָגט, לאָמיר זיי בעסער איבערבעטן, די צוויי פריינט, ווהייט און לאַרסאָן!

נאָר דזשאָ איז דאָ געזעסן גלייך נישט אים גייט דאָרטן אָן דער גאַנ־צער געשפּרעך! ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און איינגעדרימלט. אויך אין יענער זייט וואַגאָן איז שטיל געוואָרן. ס'בינטל, ווייזט אויס, איז דאָרטן זיך צעפאַלן. איינציגווייז איז מען אַנדרימלט געוואָרן. דאָס קלאַפּן פון די רעדער האָט אַלעמען פאַרוויגט. געווען אויך, מיט בלי־ציקע אויגן דורך דער פינצטער, איז נאָר וויוויאַן. זי האָט אויסגענוצט אַלעמענס אַנדרימלט ווערן. שטיל, נישט אויפשטעלנדיק זיך, ווי אַ גע־שייטע שלאַנג, האָט זי גענומען ציען איר בויגעוודיק, יונג־מיידלשן קער־פּער צו דזשאָ'ן.

דזשאָ האָט געדרימלט אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. די קני אויפ־געשטעלט, ווי קראַקוועס, די עלנבויגנס אויף די קני; אין די האַנט־פּלאַכן — די חן־גריבלדיקע גאָמבע.

וויוויאַן האָט דורך דער פינצטער געקוקט צו אים און נישט גע־וואוסט וואָס זי זאָל דאָ טאָן. אָט־דאָס מיידל, וואָס האָט זיך געגעבן יעדן יונג, וואָס יעדן האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז דאָס געשייטסטע מיידל, אָט־די זעלבע וויוויאַן האָט איצט, ווען געטריבן פון אַן אמת, אויפריכטיק געפיל צו אַ בחור, לחלוטין נישט געוואוסט וואָס זי זאָל דאָ טאָן!

געוואָלט האָט זי אַ סך! גאָר אַ סך!

זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן באַגער אַרומצונעמען דזשאָ'ס צעפּלאָ־שעטן קאָפּ, אַוועקלייגן אים ביי זיך אויף דער ברוסט און צערטלען דאָס לענגלעכדיק פאַרהונגערטע פּנים.

זי וואָלט אויך שטאַרק געוואָלט, אָט־אַזוי ווי ער זיצט דאָ, אַ שלאָפנדיקער, מיט אַן אָפן מויל, אים געבן אַ קוש אָט־טאַקע אויף די בלייכע ליפּן.

זי וואָלט דאָס אַלץ געוואָלט טאָן נישט אויס דאַנק־באַרקייט. אָ, נאָ! ס'אָלרייט! נאָך יענער דערפאַרונג, וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט מיטן פאַרמער שכן אויפן היי־

בוידעם האָט נאָך קיין יונג נישט פאַרגוואַלדיקט וויוויאַנען. עס איז אמת, זי האָט טאַקע קיינעם פון די יונגען נישט באַגערט. אָבער עס האָט איר אויך נישט געאַרט! וואָלט זי טאַקע די אַלע מאָלן אויף אַן אמת נישט געוואָלט, אָט־ווי היינט מיט לאַרסאָנען, וואָלט זי זיי אַלע צע־ביסן ווי די הינט און זיי וואָלטן זי קיינס געקראָגן! אויך לאַרסאָן וואָלט זי היינט נישט געווען געקראָגן. זאָל ער זיך נישט איינרעדן! זי וויל דזשאָ'ן אַרומנעמען בלויז ווייל ער איז עפּעס אַ מאָדנער יונג! ער איז דער איינציקער אמת'ער מענטש, וואָס זי האָט אין איר לעבן באַגעגנט! פון אַלע יונגען, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן, איז ער דער איינ־ציקער, וואָס האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף קיינער פון די מיידן. ווען אַלע זענען נאָך זיי נאָכגעלאָפן ווי די הינט און געוואַרט אויף אַ „נעקסט", איז ער געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך אַוועקגעקערט און גאָרנישט געוואָלט אפילו זיין דערביי. זי האָט אַלעמאָל געמיינט ער איז עפּעס אַ שמעגעגע, גאָר קיין מאַן נישט! היינט אָבער, ביי דעם געשלעג האָט זי שוין געזען ווער דזשאָ ווהייט איז.

פּאַוואָליע, נישט דרייסט, האָט זי אַריינגעלייגט איר קאָפּ אין זיין ווייכן שויס אונטער דעם אויפגעשטעלטן עלנבויגן־דעכעלע. דזשאָ האָט געדרימלט. ער האָט זיך גאָרנישט געכאַפּט וואָס לעבן אים קומט פאָר, וויוויאַן איז געלעגן מיט די אויגן אַרויף צו זיין געזיכט און פון ווייטנס, נישט באַרירנדיק אפילו, געטרונקן דעם זאַפט פון זיינע צעעפנטע ליפּן.

אַ היבשע ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אָט־דאָס דורשטיקע, אומגע־שטערטע טרינקען אירס. באַלד האָט דזשאָ עפּעס דערפילט אויף זיך. ער האָט געעפנט די אויגן, געקוקט אַראָפּ . . . אין דער סעקונדע האָט זי צוגעמאַכט אירע. דזשאָ איז געווען צעטומלט. ער האָט גאָרנישט געוואוסט פון וואַנען זי האָט זיך אים דערנומען אין שויס אַריין. און אַז זי דרימלט, מוז שוין אודאי זיין לאַנג אַז איר קאָפּ ליגט אים אין זיין שויס. ער האָט געהאַט אַ מאָדנע געפיל האַבנדיק איר קאָפּ ביי זיך. צום ערשט האָט ער געוואָלט פּאַמעלעך אַראָפּלאָזן איר קאָפּ אויף דער פּאָדלאָגע און אַליין זיך איבעררוקן אַביסל ווייטער. באַלד אָבער האָט ער באַשלאָסן צו וואַרטן ביז זי וועט זיך אויפכאַפּן. דערווייל, קוקנדיק אויף איר לענגלעך פּנים, וואָס האָט דורך דער פינצטער געבליאַנקט מיט אַ מאַטער בלאַסקייט, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקער באַגער אונ־טערצוהייבן דאָס פּנים מיט די פאַרשלאָסענע אויגן, אונטער די גרויסע,

וואונדערלעכע וויעס אירע, און געבן איר אזא שטילן קוש, זי זאָל גאָר־נישט פילן און וויסן. נאָר דאָס האָט ער אויך נישט געטאָן. ער האָט בלויז אויסגעצויגן די פיס, איר קאָפּ זאָל באַקוועמער זיין אין זיין שוים.

אין דעם פאַרזיכטיקן אויסציען די פיס, האָט וויוויאַן דערפילט, אַז ער וויל נישט אַראָפּוואַרפן איר קאָפּ פון זיך. אינדערפינצטער האָט איר האַנט גענומען זיך שאַרן, זוכן אַזוי נישט דרייסט, ביז זי האָט גע־פונען זיין האַנט. פונקט ווי אַ פייער, וואָס האָט זיך געשטיקט, געשטיקט און טוט זיך פּלוצים אַ קריג אַדורך, אַזוי האָט זי געטאָן אַ קלאַמער איין אירע ברענענדע פינגער אין זיינע.

דזשאָ האָט נישט געפּרוּווט אפילו צונעמען זיין האַנט. ער איז געווען באַהערשט פון אַזעלכע געפילן, וואָס זענען אים גאָרנישט געווען קלאָר. אָבער די ליידנשאַפט, וואָס האָט אים פּלוצים אַרומגעכאַפּט, אַ דאַנק וויוויאַנס געשיקטער נעץ, האָט דאָך נישט פאַרטומלט אים דעם קאָפּ. איצט, ווען זיינע ליפּן האָבן זיך אָפּגעטיילט פון אירע, ווען זי איז געלעגן אַן אויסגעשעפּטע אין זיין שוים, האָט ער ערשט געטראַכט:

— ווער, צום טייוול, איז די וויוויאַן?

אינדערפינצטער, פאַר זיינע אויגן, איז אים אויף דער פראַגע געטאָן אַ שווים פאַרביי יענע וויוויאַן, ווי זי ליגט מיטן באָס און רופט דעם „טעלעגראַף־סלופּ״ ווייל „אַלץ איינס ליג איך שוין״.

אַן עקל, צוזאַמען מיט אַ רציחה, האָט אַ ברויז געטאָן אין אים. ער האָט געפילט ווי די פויסטן ביילן זיך אים. ער האָט געוואָלט זי נעמען שלאָגן. — באַלד אָבער האָט אים צוריק באַהערשט דאָס בייטאָגיקע רחמנות־געפיל צו איר. ער האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, געוואָלט דורך דער פינצטער איר אַריינגלאָצן אין די אויגן. זי אָבער, אַן אויפגעוואַכטע, אַ באַהערשטע פון דעם וואונדער־לעכן געפיל זיך צו געבן דעם, וועמען זי וויל, און ווען זי וויל, האָט מיט נאָך מער פייער געטאָן אַ צי זיין קאָפּ צו זיך. דזשאָ׳ן האָט מיט איינ־מאָל צוריק באַהערשט דאָס עקל און רציחה געפיל. מיט דאָס האָט ער געטאָן אַ רוק אַראָפּ איר קאָפּ פון זיין שוים, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשאַרט פון זיך עפּעס, וואָס איז זער מיאוס, זער שמוציק און עקלדיק.

וויוויאַן האָט געקראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין קאָפּ. זי איז געבליבן ליגן צעווייטיקט. נישט אַזוי פון דעם קלאַפּ ווי פון דער באַליידיקונג,

וואָס ער האָט זי פֿון זיך אַזוי מיאוס אַראָפּגעוואָרפֿן. שטילערהייט, און אַ קרעכץ אפֿילו, האָבן איר געגומען רינען טרערן איבערן פּנים.

דזשאָ האָט דאָס, דורך דער פֿינצטער, נישט געזען. הערן פֿון זיך האָט זי נישט געלאָזט. אַ ווײַלע איז ער געזעסן אַליין. אַ געפֿיל פֿון חרטה האָט אים אַרומגענומען. ער האָט איצט געוואָלט און געהאָפּט זי זאָל זיך צוריקרוקן. ווײַוויאַן איז אָבער געלעגן אויף דעם זעלבן אָרט, און אַ ריר זיך צו טאָן. ער האָט נישט געקאָנט מער איבערהאַלטן. דאָס געפֿיל אַז ער האָט זי באַליידיקט, האָט אים געפּייניקט. ער האָט זיך צוריק צו איר צוגעבויגן, אויפֿגעהייבן דעם קאָפּ צו זיך. איצט האָט זי זיך נאָכגעלאָזט. שטילע שלוכצן האָבן זיך דורכגעריסן. ער האָט דערפֿילט ווי טרערן רינען פֿון איר פּנים אויף זײַנע הענט.

— הער אויף, ווײַוויאַן, האָט ער זי געקושט, איך בעט דיך, הער אויף!

— דזשאָ, האָט זי קוים אַרויסגעמורמלט, לאָמיר אַוועק פֿון דאַנען!

ווײַוויאַן איז געבליבן אין זײַנע אָרעמס אַ מידע, אַ שטאַרע. ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן אַז זי האָט דערפֿילט אַ צוגעבונדנקייט צו אַ מענטש. ביז איצט איז זי געווען ווי אַ ווינט. אויפֿן פּאַרק, אינדערהיים, איז זי געווען — אַ געצאַמטער ווינט, אַ געכאַפּטער, וואָס האָט זיך געריסן אַרויס, אַרויס! איצט פֿילט זי, אַז דאָ וויל זי זײַן, אָט מיט דעם מענטשן. דאָס איז ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן אַז זי האָט דערפֿילט אַז זי האָט ליב אַ מענטשן. פֿון קליינערהייט אָן האָט זי אַלע מענטשן, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, געהאַסט פֿאַר זייער שלעכטקייט צו איר. פֿון דעם שטענדיק הילפֿלאָזן האַס איז זי איבערגעבערענט געוואָרן און עס האָט זיך אין איר אַנטוויקלט אַ גלײַכגילטיקייט אפֿילו צו זיך אַליין, צום אייגענעם ליבן, אַ גלײַכגילטיקייט, וואָס האָט זיך אָפּט איבערגעבראָכן אין אַ צעלאָכעס געפֿיל. איצט פֿילט זי איז דאָ איין מענטש אויף דער וועלט, וועמען זי קאָן קיין צעלאָכעס נישט טאָן, פֿאַר וועמען זי וואָלט געטאָן אַלץ, וואָס ער וואָלט נאָר געוואָלט! אפֿילו שטאַרבן פֿאַר זײַנעט וועגן! ביז איצט פֿלעגט זי טאָן די שרעקלעכסטע זאַכן מיט אַזאַ לײַכטקייט, ווי זי וואָלט אַ שפּיי געטאָן. זי האָט נישט געפֿילט וואָס עס איז אַזוינס אַכטונג צו זיך אַליין. איצט וואָלט זי פֿייאיק געווען צו דערמאָרדן יעדן איינעם, וואָס וואָלט וואָגן אָנרירן איר מיידלש ליבע.

זי האָט צוגעצויגן זיין קאָפּ צו זיך, אים געקושט:

— דזשאָ, טייערער, לאָמיר אַוועק פון דאַנען! נעם מיך אַרויס פון דער געגנט.

דזשאָ האָט זי געדריקט צו זיך:

— יאָ, מיין ליבע, איך טראַכט פון דעם!

שעה'ן זענען געגאַנגען. איבער נאַכטיקע רעלסן איז די באַן געלאָפן אין אומבאַקאַנטע געגנטן. עס איז געווען שטיל. דאָס אָטעמען און מידע שנאָרכן פון דער קופּע דאָרטן, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן אַנאַויפהעריקן קלאַפּן פון די רעדער. זיי האָבן איינגעדרימלט. דורך דער טיר־שפּאַלט האָט אָנגעהייבן אַריינבלויען אַ שמאָלער פּאַס ליכט. אין וואַגאָן איז געוואָרן גרוי. פון צווישן בינטל, אין יענעם האַלבן וואַגאָן, האָט זיך עפּעס גענומען רירן, מיט אַ געטומל, מיט אַ געשטורכע. זיי האָבן געעפנט די אויגן. לאַרסאָן האָט זיך דאָרטן צוגעכאַפּט צו דער פעטלעכער „בייבי־פּיים". דער באַם האָט דאָס איצט אויסגעלאָזט די נעכטיק־איבערגעשלאָגענע ליידנשאַפטן. דורך דער פּאַרטאָגיקער גרויקייט, פון מיטן בינטל אַרויס, האָט עס אויסגעזען ווי צוויי הינט פּאָרן זיך.

ס'ערשטע מאָל אַז וויוויאַן האָט אויפגעשוידערט פון אַזאַ סצענע און באַהאַלטן אירע אויגן אין דזשאָ'ס ברוסט. דזשאָ האָט אַ הויכן שפּיי אַהין געטאָן:

— הינט!

אינדרויסן האָט גענומען טאָגן. אַ דרום־זון האָט דורכן טיר־שפּאַלט זיך אַריינגעגנב'עט. אויך דאָ, לעבן דזשאָ און וויוויאַן, האָט דער ליכט־פּאַס געגרייכט. זי האָט געוואונקן, די זון, געלאַכט.

— וועסט מיר קאָנען נאָכשפּרינגען, וויוו?

— איך וועל שפּרינגען פאַר דיר, דזשאָ!

זיי זענען אויפגעשטאַנען פון דעם אויסגעשמוצטן, אויסגעמעליקטן ווינקל. שטיל האָבן זיי אַראָפּגעשאַרט פון זיך אַלץ, וואָס האָט זיך אויף זיי, דורך דעם וואַלגערן, אָנגעקליבן. שטיל זענען זיי צו צו דער טיר. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. לאַרסאָן האָט סאַי־ווי אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיט פאַרוואונדערונג געקוקט ווי זיי פּלאָנטערן אויף דאָס דראָטל פון דער טיר. דער באַם האָט זיי געוואָלט אָפּהאַלטן. ער האָט זיך געשראָקן. די באַן לויפט צו שנעל צו קאָנען איצט שפּרינגען:

— דזשאַ! האָט ער פון ווינקלאַרוים גערופן, עס איז געפערלעך, דזשאַ!

דזשאַ האָט מיט רוגזה, דעם באָס צו להכעיס, געטאָן אַ רוק אויף די טיר. אַ ים זון־ליכט האָט געטאָן אַ פלייץ אַריין אין גאַנצן וואַגאָן. ס'גאַנצע בינטל האָט אונטערגעהייבן די קעפ. נעטי האָט זיך געריבן די אויגן לעבן דזשעס קלאַרקן. פאַרשלאָפענערהייט האָט זי געזאָגט:

— ער וועט נישט שפּרינגען! און זי וועט אודאי נישט שפּרינגען!

דזשאַ האָט זיי נישט געהערט. אין דער צעפּראַלטער טיר איז ער געשטאַנען אַ ווײַלע מיט וויוויאַנס האַנט אין זײַנער. ביידע האָבן גע־קוקט אויף די פעלדער, גרינע, פרישע, און אויף די ביימער, וואָס שווינדן פאַר זייערע אויגן אין אַ געדריי. ביידע האָבן פאַר אַ מינוט זיך אײַנגעהערט אין דעם שטאַרקן קלאַפּן פון די רעדער:

— וויוו, שפּרינג מיר נאָך!

אָבער וויוויאַן האָט אים נישט געלאָזט. זי האָט אַרויסגענומען איר האַנט פון זײַנער און געטאָן אַ שפּרונג אין דער זעלבער ריכטונג וואו די באַן לויפט. דער וואַגאָן מיט אים האָט זיך געטאָן אַ טראָג אַדורך פאַר איר, אין טאָל, וואו זי איז געפאַלן. נישט טראַכטנדיק מער האָט ער גע־טאָן אַ שפּרונג נאָך און געפאַלן אפשר צוויי־הונדערט פוס אַוועק פון איר.

די באַן האָט פאַרביי גערעדלט. דזשאַ האָט איר נאָכגעקוקט. אין דער אָפענער טיר האָט געפלאַטערט אַ מיידלשער קאָפּ האָר. לעבן דעם מיידל איז געשטאַנען נאָך איינער. דאָס איז געווען לאַרסאָן, דער באָס, וואָס האָט, פון דער לויפנדיקער באַן, אָהערגעקוקט, ווי דער פרײַנט זײַנער פון ניו יאָרק רײַסט זיך אָפּ פון אים. לעבן אים איז דאָס גע־שטאַנען נעטי, וואָס האָט זיך נישט געגלייבט אַז זיי וועלן שפּרינגען.

די באַן איז פאַרשוואונדן. דזשאַ איז געגאַנגען צוריק אין דער ריכטונג, צו וויוויאַן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען אים ניין אַנטקעגן.

— מײַן טײַערער, טײַערער דזשאַ . . .

— יעס, מײַן ליב מיידל. דאָ בין איך! אָבער מיר מוזן אָנהייבן גלײַך צוריק קיין ניו־יאָרק!

24

פאַר דער צײַט וואָס דזשאַ האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין די באַנען

און איבער די וועגן פון אמעריקע, איז דא דערווייל דער פּאָפּ זיינער, דער אַלטער דזשים וואַיט, געוואָרן אַ יוסטער באַלעבאָס. אַנדערע ביידלעך האָבן טאַקע אויסגעקוקט גלייכער און אפשר שענער פון זיינס, אָבער זיינס איז מער און שטאַרקער איינגעפונדעוועט! בלויז ביי אים אויפן דעכל פּלאַטערט די אמעריקאַנער פאָן!

פאַר דער צייט פון דזשאָ'ס אַוועקזיין האָט ער זיך צעוואַקסן, דזשים וואַיט! ער האָט צונעשטעלט אַ פעדער־הייזל צום באַטקעלע; ער האָט אויפגעבויט אַ קליין הייזל פאַר זיין פריינט טשיקי; אויך אַ רינע איבערן דעכל, גלייך צום טייך אַראָפּ. אונטערן קרומען פענצטער, פון דער ערד אַרויס, דראַפּעט זיך שוין אַ קריכנדיקע פּלאַנץ, וואָס אַט, אַט וועט זי באַגרינען דאָס צעהויקערטע ווענטל. אין דער זייט, נאָנט צום וואַסער־ברעג, שטייט פאַרפּלאַנצט דאָס יונגע ווערבעלע. צווישן דריי דרענגלעך, ווי צווישן שומרים, שטייט עס. באַלד, באַלד און קלייניקע קנאָספּן וועלן אויפשפּראָצן! אַרום און אַרום, אין גערטל, איז די אַשיקע ערד אויפגעוואָרפן און בלומען־זריעה וואַרעמען זיך דאָרטן אויס. אַז ס'וועט אים געלונגען וועלן אפשר בלעטלעך אַרויס. און אפשר וועלן בלימעלעך אויך אויפגיין? אינדערמיט גערטל, צווישן די רויט־ציגלנע שטעגלעך, אין אַ פיין אַרומגעזעצט ציגל־רעדל, זיצט נאָך אַ פּלאַנץ, זער אַ חשוב'ע: דער ראָז־בוש, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אים אַליין מיטגעגעבן. און דאָס אַלץ איז אַרומגענומען מיט אַ געפלאָכטן דראָטן פּלאַנקענדל, פאַרמאַכט אויף אַ טירל, מיט אַ ריגעלע . . .

אויף אַ צענויפגעלאַטעט בענקל, פון די מיסטן אַרויס, זיצט ער אַליין, דער אַלטער, אין די וואונדערלעכע אָנהייב־זומער טעג. אַ רואי־קער, אַן אָפּגעצוימטער אין זיין גערטל, אונטער די וואַרעמע פליגל פון זיין פריינט טשיקי, זיצט ער און קוקט זיך צו ווי עס האַלטן אין איין פאָרן די שווערע לאַסט־אויטאָס, און ווי דער הויכער ווערט גאָרנישט מיד זיך צו גראַבלען אין די קופּעס אָפּפאַל. ער, דזשים וואַיט, האָט גענוג. וואָס דאַרף אַ מענטש אויף צו שטילן דעם הונגער? ער האָט שוין גענוג! זיצט ער און קוקט ווי עס שווימען די ווייסע שיפן אויפן האָדסאָן, אינדערפרי, אַרויף צו אַלבאַני און פאַרנאַכט, צוריק אַראָפּ. און ווי די פראַכט־צוגן, אין דער אַנדערער זייט, לויפן אין פרישגע־פאָרמטן טאָל. צוליב דער הויכאָנגעוואָרפענער ערד, זעט מען זיי שוין באַלד נישט אַרויס, די צוגן. בלויז די דעכער און שטיקלעך אויבערשטע

טיילן פון די וואַגאָן־וועגט, זעט ער, ווי זיי שלענגלען זיך אַדורך: ווייסע, רויטע און גרינע, מיט נעמען פון ווייטע שטעט און לאַנד־טיילן, פון פּאַסיפישן ים־ברעג און קאַנאַדע און פון דער „סאַוט"... אָט מיט אַזאַ פראַכט־צוג האָט דאָס דער באָם פאַרשלעפּט זיין דזשאָ׳ן.

אין די אָוונטן פאַרשליסט ער טשיקין אין איר ביידל, פאַרמאַכט, מעשה באַלעבאָס, ס׳טירל פון גערטל און זעצט זיך צוריק אויף דעם בענקל אַ וואַכער, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. גאַרנישט גייט פאַר־לוירן פון זיין אַלט, פייכט אויג. ער זעט אַלץ! ער זעט ווי די מיידלשע סילועטן שלייכן זיך דורך און ווערן פאַרלוירן צו די יונגען אין די בייד־לעך אַריין... ער ווייסט גענוי וועלכע ביידלעך. אָבער ער מאַכט זיך ער ווייסט גאַרנישט! ער קוקט בלומרשט אַריבער אין יענער זייט, צום ניו־דזשוירזי ברעג, וואו „פאָרד" ברענט איבער די דעכער פון זיינע פאַבריקן מיט אַזאַ העלישער רויטקייט; ווי אַלע ווייל לעשט זיך דער אויפשריפט אוים און צינדט זיך ווידער גלייך אָן און אַלץ אַרום טיקט זיך אין רויט. ער זעט אויך ווי עס צינדט זיך און וויקלט זיך אָן אויפ־הער די עלעקטרישע סטענגע מיט „מאַזאַלאַ".

שפּעט אין אָוונט, אַז דאָס אַלץ הערט אויף, עס הערן אויף די פאַרשטיקטע געלעכטערן אין די ביידלעך, עס פאַרשווינדן די בלאַנקענדע מיידל־שאָטנס, די שטערן אין טונקל בלויען הימל ווערן גרעסער און בליציקער, ווען עס ווערט שטיל, אַזוי שטיל, אַז ער דערהערט דאָס פּלעסקן פון האָדסאָן אָן די שטיינער, ווי ער וואָלט גערעדט צו אים, דער האָדסאָן: „ס׳איז צייט, דזשים, צייט צו גיין אין ביידל!" ערשט דאַן גייט ער אַריין, פאַרריגלט אונטער זיך ס׳טירל און לייגט זיך אויפן בעטל.

ער איז צופרידן פון זיין איצטיק לעבן, דער אַלטער. כאָטש איינ־דערפרי ווייסט ער קיינמאָל נישט מיט וואָס ער וועט דעם טאָג איבער־קומען. ער איז צופרידן ווייל די רו פון אייגענעם ווינקל פאַרגלעט אַלץ. אָט דאָ, אין דעם רואיקן ווינקעלע, וועט ער שוין אָפּזיצן זיינע פּאָר יאָר. פון דאַנען וועט אים שוין קיינער נישט קאָנען וואַרפן. אַלץ איז דאָ זיין! זיינס אַליין! מיט די אייגענע הענט צונויפגעלאַטעט! דער באָדן געהער אפילו דער שטאָט! ער ווייסט עס! ער זאָגט נישט עס איז זיינס. ער ווייסט אָבער אויך, אַז עס טרעפט, נאָך לאַנגע יאָרן וואוינען, אַז דער באָדן בלייבט שוין אויך דיין... עס טרעפט, פאַר־וואָס נישט?

איז אים געגאַנגען אַזוי די צייט אַ רואיקע, אַן איינגעפּונדעוועטע. פון פרילינג איז געוואָרן זומער. איבער די שטרעקעס מיסטן זענען ווילדע גראָזן אויסגעוואַקסן. עס האָט גענומען אויסזען ווי פעלד אַרום. אויך אין זיין גערטל האָבן זיך גרינע גרעזלעך דורכגעריסן. די פאַרגראָבענע זוימען, אַרום פאַרקנדל, האָבן דינע, צאַרטע בלעטלעך אַרויסגעשאָסן. און די קריכנדיקע פלאַנץ, אונטערן פענצטער, ווערט אַלץ גרינער און דראַפּעט זיך אַלץ העכער. אויך די וואונד אין ביימל היילט זיך. פון די פּיצינקע, ראָז־ברוינלעכע קנאָספּן שיסן אַרויס לאַנגע בלעטלעך, ווי שאַרפע, גרינע צינגלעך. די צווייגעלעך ווייגען שוין נישט אַראָפּ אַזוי נאַקעט. עס ווערט גרין! גרין! און טשיקי האָט זיך אַזוי ברייט און שיין צעוואַקסן! דער קאָם איז ביי איר רויט און דער עק, אַ שטייפער, שטייט דיבאָם, צום הימל! און דער הינטן איז ביי איר אַזאַ ברייטער, אַ פוכקער! און זי האָט אים שוין געלייגט אַן איי, אַ וואַרעם, ברוין איי!

און שפּעט אין זומער האָט זיך אויך דזשאָ אומגעריכט צוריק אַריינגעשטעלט. דער זומער האָט אים צוריקגעבראַכט. נאָר געקומען איז ער נישט אַליין. ער האָט גאַרנישט געזען, דער אַלטער, ווי ער איז אויסגעוואַקסן הינטער אים, אין גערטל, מיט אַ מיידל לעבן אים.

דער אַלטער איז דאַן געלעגן אויף דער ערד, מיטן הינטן אַרויף, דעם קאָפּ אין טשיקיס הינער־ביידל און דאָרטן עפּעס געמאַנדרעוועט. ער האָט גאַרנישט געזען און נישט געהערט ווי דזשאָ איז אַריינגעקומען מיט דעם מיידל וויוויאַן און שטילערהייט געשטאַנען אַ לאַנגע ווײַלע פאַרחידוש'טע פון דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן דאָ געפונען.

דזשאָ האָט גאַרנישט דערקאָנט די „היים". ווען ער איז אַוועק איז דאָ אַלץ געווען וויסט. ער האָט איבערגעלאָזט אַ נעבעכדיק, פאַרשנייעט ביידל, אַ געלאַטעטס, וואָס האָט זיך געטרייסלט אין ווינט. איצט איז אַלץ אַזוי באַפּעסטיקט, אויסגעשפּרייט און באַגרינט און אָפּגעצוימט, ווי אַן אמת'ער גאָרטן.

אויך וויוויאַן איז געווען געוואַלטיק איבערראַשט. לויט ווי דזשאָ האָט איר דערציילט האָט זי זיך דאָ גריכט אָנצוטרעפן עפּעס אַ חורבה'לע, וואו זי וועט דאַרפן זיין מיט דזשאָ'ן ביז זיי וועלן אָנהייבן עפּעס אַרבעטן און קאָנען זיך איינאָרדנען אַן אייגענע היים. צום סוף געפינט זי גאָר אַ הייזקע אין אַ גאָרטן, מיט רויט־ציגלנע שטעגלעך און

א פּאַן פּלאַטערט איבערן דעכל, און אַ צעוואַקסענע, ברוין־געלע הון שפּאַצירט אַרום געמיטלעך.

זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט דזשאָ און וויוויאַן. דזשאָ האָט געטראַכט:

— ער האָט דאָ געאַרבעט, דער פּאָפּ, בעת איך האָב געטרעמפּעוועט.

— פּאָפּ! האָט ער אַ רוף געטאָן.

דער אַלטער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם קאָפּ פון טשיקעס ביידל, געקוקט הינטער זיך דערשטוינט:

— זע ווער ס'איז דאָ! זע נאָר דאָ!

באַלד האָט ער אַ זשמורע געטאָן די צוויי פייכטע אויגן אויף וויוויאַן.

— דאָס איז וויוו, פּאָפּ! מיין „סוויטהאַרט".

דער אַלטער, נאָך אַלץ אויף די קני און הענט, מיטן הינטן אַרויף און דעם קאָפּ קאַפּויער, האָט עפּעס אַ נאַרישן שמייכל געטאָן מיטן האַלבן פּנים, דאָס צו וויוויאַן, דאָס אַנדערע האַלבע, צו דזשאָ'ן, האָט געשטוינט אין גרויס חידוש;

— אַ „סוויטהאַרט"? פון וואַנען? ווער, וואו? . . .

אין מיטן גרויסן חידוש האָט ער זיך גאָר געכאַפּט, דער אַלטער, אין וואָסער נאַרישע פּאָזיציע ער ליגט דאָ, פּונקט מיטן הינטן צו דעם גאַסט. — ער האָט זיך גיך אויפגעשטעלט, זיך אַנטשולדיקט אַזוי שטאַמלנדיק פאַר דעם מיידל און גענומען זיך ווישן די אויסגעריכטע קני פון דער ערד. דערביי, נישט אויפהייבנדיק קיין אויג אפילו האָט ער געטראַכט ווי ענלעך דער נאָמען איז אויף דעם פאַרשטאָרבענעם ווייבס:

— וויוו, איוו. יעס, דער יונג האָט זיך אויסגעקליבן אַ מיידל מיט אַ נאָמען זער ענלעך אויף זיין מאַמעס: איוו, וויוו . . .

דזשאָ האָט דערפילט די פאַרלוירנקייט אין וועלכער דער פּאָפּ איז אַריינגעפאַלן צוליב וויוויאַנ'ס פּלוצימדיק דערשיינען דאָ. ער האָט אַ טראַכט געטאָן אַז ער וואָלט בעסער אַ פרעג טאָן דעם פּאָפּ אויף דעם אַלעם דאָ אַרום:

— ווי אַזוי האָסטו דאָס אַלץ געמאַכט, פּאָפּ?

דער אַלטער האָט מיטאיינמאָל צוריק געוואונען זיין געוועגלעכע

ווירדע. אַט־דאָ איז ער אינדערהיים! מיט גרויס שטאָלץ האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף דעם אַלעם, וואָס ער האָט דאָ אויפגעבויט. ווי ער וואָלט בלויז מיט דעם איינעם בליק געוואָלט ווייזן דעם זון וועג עס האָט מער דערגרייכט דורך דער צייט וואָס ער איז געווען אַוועק. פונ־דעסטוועגן האָט ער גאַנץ שטיל און גאָר איינגעהאַלטן געזאָגט:

— אָ, דו ווייסט, פּאָפּ האָט ליב צו אַרבעטן! פּאָפּ באַמעוועט נישט אַרום!

— איך מוז אייך זאָגן, פּאָפּ, איר זענט אַלרייט! האָט די פּאַר־חידוש'טע וויוויאַן אים צוגעלייגט איר קאָמפּלימענט.

— איך גיי אַ געוועט איך בין, האָט דער אַלטער געקוואָלן, וואָס נישט נאָר דעם זון, נאָר אפילו דעם מיידל געפעלט זיין היים.

— און ווי איז עס דיר דערגאַנגען? האָט ער זיך צוריקגעווענדעט צום זון.

נאָר דזשאָ האָט זיך גאָר גענומען יאָגן נאָך דער הון, טשיקי. דער אַלטער איז געבליבן מיט דער פראַגע אויף די ליפּן און די אויגן אויף וויוויאַן. אַליין מיט איר, האָט ער זיך צוריק דערפילט פאַרלוירן. אויך זי, וויוויאַן, האָט נישט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טאָן. זי האָט גענו־מען נאָכקוקן ווי דזשאָ יאָגט זיך נאָך דער הון. דער אַלטער האָט זיך דערוויל געראַטעוועט צו זיין בענקל, לעבן דער טיר. דאָ האָט ער זיך דערפילט מעשה באַלעבאָס, פון דאַנען האָט ער געקאָנט אָפּמעסטן ס'מיידל:

— זי איז אַלרייט! שיר אַזוי הויך ווי דזשאָ, און כמעט אַזוי בלאָנד . . .

וויוויאַן האָט דערפילט דעם אַלטנס בליק אויף איר פּלייצע. זי האָט זיך צוריק אויסגעדרייט. אַזוי איז אָבער געווען נאָך ערגער. זי האָט מיטאיינמאָל דערפילט אַן ענגקייט צוליב דעם יצעפּאַלענעם, ברוד־דיקן קליידל אירן, צוליב די נאַקעטע פיס, אָן זאָקן, אין אַ פּאָר צעטראָ־גענע שיך, און נאָך מער, וואָס אירע האָר זענען אַזוי נישט פאַרקאַמט. עס האָט זי געפּייניקט דער שלעכטער איינדרוק, וואָס איר אָפּגעריסנקייט וועט דאָ מאַכן אויף דעם אַלטן פּאָפּ. און דזשאָ האָט אים אַזוי ליב און קלעפּט אַזוי צו אים . . .

טשיקי איז אַליין געלאָפן אַרום געגרטל. זי האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט כאַפּן פון דזשאָ'ן. ענדלעך האָט זי געטאָן אַ פלי אַריבער

דאָס פאַרקאַנדל אין דער אַנדער זייט אַריין. דער אַלטער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

איצט ערשט האָט זיך דזשאָ דערמאָנט אָן טאַטנס פּראַגע, ווי עס איז אים דאָרט דערגאַנגען. ער איז צוריקגעקומען. זיך אָוועקגעזעצט לעבן פּאַפּ, אויף דער ערד. וויוויאַן, ווי זי וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן הינטער דזשאָ׳ן, האָט זיך באַלד לעבן אים צוגעזעצט:

— וואו, אויפן וועג מיינסטו, פּאַפּ? אָ, נישט שלעכט! ס׳איז אַ שיין לאַנד די סאַוט! נאָר עס קומט נישט צו אונדזער ניו־יאָרק!

— איך האָב דאָס געוואוסט, דזשאָ! איך האָב דאָס געוואוסט אָן אַרומבאָמעווען!

— און דאָ, פּאַפּ, באַלעסטיגט מער קיינער נישט? די פּאָליציי קומט מער נישט?

— פאַרגעס וועגן דעם, דזשאָ! האָט זיך דער אַלטער שוין כמעט אַ בייזער געטאָן. — דו האָסט געמיינט עס איז ווי די „ראַדיקאַלן״ זאָגן? האָט ער אַ שטעכיקן ווייז געטאָן מיטן פינגער צום ביידל, וואו עס וואוינען די צוויי שכנים זיינע, דער איירישער מעקאַרטי און דער יידי־שער, ווילי בענדער. — געדענקסט, דזשאָ, איך האָב דיר געזאָגט, טע־מעני וועט נישט לאָזן אַראָפּטרייבן די באַים. איך האָב דיר געזאָגט. די לײדים דאָרטן, האָט ער גערעדט צו וויוויאַן און געוויזן מיט דער האַנט הינטער זיך, צו די הויכע, ריווערסאַיד־דרייוו הייזער, די לײדים, זיי מעגן וועלן! אָבער טעמעני איז מיט אונדז, מיטן אָרעמען פאָלק... אונווענדנדיק זיך צוריק צו דזשאָ׳ן, — פאַרגעס דזשאָ פון אַראָפּטרייבן. דאָ וועלן מיר שוין קאָנען וואוינען. קיינער וועט אונדז נישט טשעפּן. דו ווייסט, אַלץ איז דאָ מיין!

— יעס פּאַפּ, אָבער דער באָדן?

— דער באָדן? ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן. די אַלטע, פאַר־טרערטע אויגן זענען געוואָרן נאָך פייכטער. — דער באָדן? דאָס ביזטו גערעכט, מיין יונג, ביזט גערעכט! אָבער דו ווייסט, אַ שטאָט איז נישט ווי אַ לענדלאָרד! אַז מען וואוינט אויף שטאָטישן באָדן טרייבט מען שוין נישט אַראָפּ. יעס דזשאָ, עס האָט שוין געטראָפן אַזעלכעס! און דאָ וועט אויך אַזוי זיין! וועסט זען! און וואָס זאָג־סטו? האָט ער פּלוצים זיך געווענדעט איבער דזשאָ׳ן צו וויוויאַנען.

דאָס מיידל האָט זיך דערפילט זער דערהייבן וואָס מען נעמט זי אויך אַריין אין דעם וויכטיקן געשפּרעך:

— איך זע נישט פּאַרוואָס נישט, האָט איר אויפגעלויכטן פּנים אַ שמייכל געטאָן.

— געווים וועט אַזוי זיין! געווים וועט מען דאָ קאָנען וואוינען!

25

מיט וויוויאַנס אַריינקלייבן זיך איז געוואָרן ענג אין דזשימס ביידל. נאָך מער ענג איז געוואָרן אין אים אַליין, גלייך עס וואָלט מיט איינמאָל פאַרפעלט לופט אויפן ניו־יאָרקער ברעג האַדסאָן... וואָרום זינט דזשימס ווייב, איוו, איז געשטאָרבן, איז נאָך קיין פרוי ביי אים אין הויז נישט געווען! דאָ, פּלוצים, דרייט זיך דיר אַ יונגע פרוי אונטער די אויגן.

חוץ דעם איז די ענגקייט אין אים אויך געקומען פון מורא. ער האָט זיך געצאַפּלט דער הויכער קראָופאָרד זאָל זיך נישט אויספּלאַפּלען אַז אין דזשימס ווהייטס הייזקע געפינט זיך אַ פרוי. פרויען טאָרן אין די ביידלעך נישט וואוינען! ער ווייסט אפילו אַז די יונגען פון אַנדערע ביידלעך שלעפּן יאָ אַהער ווייבער, און דוקא נישט אַזעלכע פיינע קינדער ווי דזשאָ׳ס וויוויאַן. אָבער ער שווייגט! דער הויכער קראָופאָרד אָבער, וואָס איז נאָר פאַרטאָן אין זיין דזשאָנק און אין מאַכן געלט, ער ברענגט נישט אַהער קיין ווייבער. אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז אין צווייטן ביידל איז דאָ אַ פרוי, וועט ער באַלד לויפן דערציילן. אויף דעם יונג איז אַלץ צו גלויבן!

נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? וואו זאָל זי גיין, וויוויאַן? דאָס אָרים קינד איז אַפּגעריסן! און אַ מיידל איז נישט קיין מאַן! ער געדענקט נאָך די צוויי פרויען, וואָס זענען דאָן געשלאָפן לעבן אים אויף דער בראָנקסער סאָבוויי־סטיישאָן, ווי זיי האָבן אויסגעזעזן!

דזשאָ זאָגט, אַז דאָס איז דערוויילע. ער וועט קריגן אַ דזשאָב וועט ער פאַר איר קויפן אַ קלייד, שיך און זאָקן וועט זי קאָנען אַליין גיין זוכן אַרבעט. דערנאָך וועלן זיי זיך איינאָרדנען אַ היים און דאָ, אַהער צום פּאָפּ, וועלן זיי קומען אין געסט.

נאָר סאַי־ווי, דערווייל איז אים געוואָרן ענג, דעם אַלטן דזשימס ווהייט.

ס׳לעבן האָט זיך איצט איינגעשטעלט אַזוי:

דזשאָ האָט זיך צוריקגענומען צו זיין אַלטער באַשעפטיקונג, נאָר

מיטן צוגאָב וואָס אינדערפרי לויפט ער ווידער אויף זעקסטער עוועניו זוכן אַ דזשאָב. ער גלייבט אַז איצט, אין וויוויאַנס זכות, קאָן ער אַמאָל פּאַקן אַן אמת׳ן דזשאָב. דערנאָך, אין האַלבן טאָג, אַז ער איז פּאַרטיק מיט די אַגענטורן לויפט ער צוריק צו זיין מאַרקעט און נעמט אָפּטראָגן די קוישן גרינס און פּרוכט, וואָס די מאַדאַמען האָבן איינגעקויפט.

אינדערהיים, אין ביידל, בלייבן דער פּאַפּ און וויוויאַן אויף גאַנצע טעג אַליין.

צום ערשט האָט ער זיך געפילט שלעכט מיט איר, דער אַלטער. ער האָט נישט געוואוסט וואָס מיט איר צו רעדן. ער פלעגט זיצן אין דער אָפענער טיר, קוקן צו טשיקי, ווי זי זוכט כסדר ווערעמלעך אין ווייכן באָדן, ווי זי פּיקט אונטער די יונגע פלאַנצעלעך און זי, וויוויאַן, ליגט מערסטנס אויפן בעטל, אין ביידל, קוקט אַרוים צום וואַסער, אָדער צו זיין פּלייצע און טראַכט אודאי אַז דער פּאַפּ איז זער אַ בייזער, אַ שלעכטער מענטש! ער רעדט צו איר גאָרנישט.

פאַרנאַכט, אַז דזשאָ קומט און ברענגט עפּעס אַהיים, וויל זי אים צוהעלפן:

— לאָז מיך, פּאַפּ, זאָגט זי.

נאָר וואָס איז דאַרטן דאָ צו טאָן? עס נעמט אים אַ מינוט מאַכט ער עסן. חוץ דעם איז ער טאַקע צוגעוואוינט פון אַזויפיל יאָרן זיך אַליין צו פּאָרען ביי די טעפּלעך. נאָר די אָרימע מיינט נעבעך אַלץ ער איז אַזוי שלעכט.

ער האָט זיך דוקא באַמיט צו זיין גוט צו איר, דער אַלטער. גלייך ווי זי האָט זיך אַריינגעקליבן האָט ער איר מיט דזשאָ׳ן אָפּגעגעבן זיין בעטל און פאַר זיך האָט ער אַנטקעגן, צו דער אַנדערער וואַנט, לעבן אייוועלע, צוגעשלאָגן עטלעכע ברעטער און אויף דעם געמאַכט זיין געלעגער.

שפּעטער איז ביסלעכווייז די ענגקייט אין ביידל אַוועק. ער האָט זיך צוגעוואוינט צו אַ דריטן מענטשן. פאַרדאָס איז אָבער די ענגקייט אין אים אַליין געשטיגן! דער דריטער מענטש אין ביידל איז אַ פרוי...

דזשים וויהייטן האָט פּלוצים אָנגעהויבן אַרן וואָס זיינע הויזן זענען אַזוי צעטראָגן; וואָס דאָס בלויע העמד, אונטער דעם געקאַרבטן האַלדז, לאָזט נאָך. ער האָט זיך געכאַפּט אַז זייטיק קוקט ער צו איר און פאַרשעמט זיך ביז רויט ווערן, וואָס איר קלייד, וואָס איז שוין מער

גרוי ווי גרין, פאַלט פון איר אַראָפּ און שטיקער ווייס־ראָזעווע לייב זעט זיך אַרויס. ער האָט זיך אפילו באַמיט זי זאָל נישט מערקן אַז ער קוקט און זעט. נאָר וועלכע פרוי דערפילט דאָס נישט אַז אַ מאַן קוקט אויף איר לייב? וויוויאַזוי איז דעריבער געוואָרן זער אויפמערקזאַם און זיך אויך אָנגעהייבן פילן שלעכט.

דער אַלטער האָט געטראַכט:

ווען ער האָט נישט קיין מורא זי אַרויסצונעמען פון בײדל, וואָלט ער שוין געהאַט זער פיל מיט איר צו טאָן. ער וואָלט זי אַרומגעפירט און איר געוויזן יעדעס בלעטל, יעדן פלאַנץ. ער וואָלט איר געוויזן דעם שניט אין ביימל, ווי עס היילט זיך שוין. ער וואָלט איר נישט געזאָגט, אַז דאָס האָט ער דעם שניט געמאַכט. אָ, נאָו! טשיקי וואָלט ער איר געוויזן. דערנאָך וואָלט ער איר דערציילט ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלץ צענויפגעבראַכט און דאָ איינגעפלאַנצט און אויפגעבויט.

האָט ער אָבער מורא זי זאָל זיך ווייזן פאַר דער טיר. און זיצן מיט איר אינווייניק ווערט אים ענג אין האַלדז . . . עפּעס באַהערשן אים געפילן פון וועלכע ער האָט שוין לאַנג נישט געוואוסט. ער הייבט אָן מורא קריגן פאַר עפּעס. אים פאַלט איין ווידער זיך אַרויסצולאָזן אין גאַס פאַרדינען, וויוויאַזוי זאָל זיך קויפן עפּעס אָנטאָן, זי זאָל קאָנען וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען. אַז נישט? אַז נישט:

— ועסטו גיין צום טייוול, רזשים!

באַלד אָבער האָט ער חרטה. ער זעט איין אַז ער וויל גאָרנישט דאָס מיידל זאָל אַוועק. פאַרקערט, עס ווערט אים אָנגענעם וואָס זי איז דאָ אין בײדל. אַלע ווײַלע טוט ער אַ בליק אַריין אַזוי זייטיק, ווי אירע שטייפע בריסט רייסן זיך פון אונטערן ענגן קליידל. טיילמאָל, ליגנדיק, זעט ער אויך אירע פיס ווייט אַריבער די קני.

עטלעכע מאָל האָט אפילו עפּעס גענומען אין אים רעדן, וואָרענען, מאָנען:

— רזשים ס'איז נישט רעכט אַזוי! דאָס איז דיין קינד! דזשאָ האָט זיך געבראַכט אַ מיידל, ער האָט זי ליב!

באַלד אָבער האָט עפּעס אַנדערש אין אים אָפּגעענטפערט:

— זי איז אפילו נישט זיין ווייב. זי איז אַ פרעמדע! ער האָט מיט איר נישט חתונה געהאַט.

פריער פלעגט ער זיין נאָר אויסערן בײדל. איצט ציט עס אים

נאָר אריין אינווייניק. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן דרייסטער. ער האָט שוין מיט איר וואָס צו רעדן. ער קאָן איר שוין קוקן אין די אויגן אריין. מיט אַלע כוחות האָט ער איר אַרויסגעצייגט אויפמערקזאַמקייט בלויז ווי א פאָטער. ער האָט נישט געוואָלט דאָס מיידל זאָל זיך פילן שלעכט אין זיין אָנוועזנהייט. פאַרנאַכט, אַז דזשאָ ברענגט עפּעס פון מאַרקעט, לאָזט ער זי שוין אָפּשיילן די קאַרטאָפל, אַפילו פּאָרען זיך ביים אייוועלע, אַרום די טעפּלעך, לאָזט ער זי, אויך אויפגעבן דאָס אָפּגעקאָכטע אין בלויען, אָפּגעקנאַקטן פענדל אַריין, פון וועלכן אַלע דריי עסן אין גרויס פרידן.

אויך וויוויאַן האָט, ווייזט אויס, געביטן איר מיינונג וועגן אים. זי פילט זיך שוין דאָ נישט ווי מיט אַ פרעמדן אַלטן, אַ שלעכטן מענטשן. פאַרקערט, זי האָט זיך אָנגעהייבן פילן צו אים צוגעלאָזן. זי האָט שוין נישט געפילט אין זיינע בליקן דאָס, וואָס זי האָט געפילט אין אָנהייב. — ער איז געוואָרן פאַר איר אַ ליבער אַלטער פּאָפּ, פאַר וועמען מען דאַרף זיך נישט אַזוי איינקרעמפּעווען. וואָס איז אַז אַן אַלטער פּאָפּ זעט אַ שטיקל נאַקעט לייב ווען זי וואַרפט אַרויף אויף זיך ס'קליידל? ווען זי זאָל אַפילו נישט וועלן קאָן זי זיך דאָך אויך נישט העלפן. אַז דאָסביידל איז אַזוי קליין! און זי קאָן דאָך נישט אַרויסבעטן דעם פּאָפּ פון זיין היים. זי איז דאָך דאָ די פרעמדע!

ביסלעכוווייז איז עס געוואָרן פאַר איר נאַטירלעך זיך צוצוזעצן לעבן אים, אַרומנעמען אים:

— אָ, פּאָפּ, דו ביזט אַ טייערער!

און אַז דער אַלטער האָט איר אַ גוטן קוש געטאָן האָט זי אים צו־ריקגעגעבן אַ קוש און האָט גאָרנישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם הייסן שטראָם, וואָס האָט דעם אַלטן אַ זעץ געטאָן אין די שלייפן אַריין.

דער אַלטער האָט דאָס אַלץ געזוכט פאַר איר צו באַהאַלטן. פאַר זיך אַליין אַפילו דאָס אונטערדריקן. פונדעסטוועגן האָט ער באַלד ווי־דער זיך אָוועקגעזעצט לעבן איר אויף דעם בעטל פאַר שטונדן און איר אויסדערציילט צום וויפלטן מאָל, ווי ער האָט אַלץ, וואָס זי זעט דאָ, אויפגעשטעלט פון גאָרנישט. דערנאָך האָט זי אים פונסניי דערציילט אַ מעשה פון איר היים אין קאַראָליינאַ, ווי זי איז אַנטלאָפן, זיך גע־שלעפּט אין געגנס, ביז זי האָט געטראָפן דזשאָ'ן, זיך פאַרליבט אין אים און אָט: „דאָ איז זי"!

בעת'ן דערציילן, האָט דער אַלטער איר אַזוי אומשולדיק, פאָטער־

לעך געגלעט די האָר, אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין שויס און געהאַט הנאה פון דער וואַרעמקייט פון איר יונגן קערפּער, ווי עס צינדט אין אים דאָס בלוט, וואָס איז שוין געווען האַלב אָפּגעשטאָרבן פון אַזויפיל יאָרן! ביסלעכווייז האָט ער גאָר אויפגעהערט צו הערן וואָס זי דער־ציילט אים. ער האָט גאָר געטראַכט ווי נישט רעכט ער האָט גע־האַנדלט דאַן, ווען ער איז צוריקגעקומען פון בית עולם און דער זעלבער דזשאָ, דאַן זיבן יאָר אַלט, האָט אים געפרעגט:

— פּאַ, גייסט אַריינגעמען אַן אַנדער מאַ אין הויז אַריין?

— נאָ, האָט ער געזאָגט. נישט מער, מיין קינד.

עך האָט דאַן שלעכט געטאָן! איצט ווייסט ער, אַז ער האָט שלעכט געטאָן. ער האָט יאָ באַדאַרפט נעמען אַן אַנדער ווייב. ער וואָלט דעם דזשאָב נישט פאַרלוירן, און אפשר . . .

נאָר דאָ, אין מיטן דערינען, איז אַריינגעקומען דזשאָ. וויוויאַן האָט געטאָן אַ שפּרונג אויף מיט איר קאָפּ פון אַלטנס שויס. מיט גרויס פרייד האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט דזשאָ׳ן אויפן האַלדז און אים דערציילט ווי גוט דער פּאָפּ איז צו איר. ביז איצט האָט זיך איר געדאַכט דער פּאָפּ וויל נישט זי זאָל דאָ זיין. איצט זעט זי דעם טעות:

— ווייסט, דזשאָ, האָט זי אַלץ נישט אָפּגעלאָזט דזשאָ׳ס האַלדז, דער פּאָפּ איז אַ טייערער. ער איז אַזוי גוט צו מיר!

— דו זאָגסט מיר? געוויס איז ער אָלרייט! מיין פּאָפּ וועט דיך נישט אַרויסטרייבן ווי דיינע אויסוואורפן, דאָרטן, אין קאַראָליינא . . .

26

אין דזשים׳ס וווהייט איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. וויפיל ער האָט זיך נישט באַמיט צו זיין צו וויוויאַן בלויז אַ פאָטער, האָט ער עס אַלץ נישט געקאָנט. דער מאַן אין אים, וואָס איז געווען דערשטיקט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר, האָט זיך אַ ריס— אַרויסגעטאָן מיט אַ גע־וואַלדיקן אימפּעט גאָר איבער זיינע כוחות! עס האָט נישט געהאָלפן זיין מוסר׳ן זיך, זיין זידלן זיך. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך קאָנטראָ־לירט, זיינע האַנדלונגען זאָלן איר נישט ווערן אויפפאַלנד. ער האָט אין זיך באַקעמפט יעדן דראַנג זי אָנצורירן. ער האָט אָבער נישט געקענט באַקעמפן אין זיך די אויגן. די אויגן האָבן אים לחלוטין נישט געפאָלגט! אַן זיין ווילן, אָן זיין שיקן זיי, זענען זיי נאָר געלאָפן אין יענער ריכטונג,

וואו וויוויאַן וואַרפט אַרויף אויף זיך אַ קליידל, אָדער בעת זי ליגט אין בעטל מיט אַן אַנטבלויזטן האַלדז און האַלבע בריסט. אַ ריר נאָר דאָס שטיקל צודעק, און עס זעען זיך אויך די קליינע, מיידלשע וואָרצלען.

פון דעם גוואַלדיקן קאַמף מיט זיך אַליין, איז דער אַלטער געוואָרן אויסגעשעפּט. ער איז געוואָרן שטיל ווי אַ שאָטן, כמעט רואיק. אים האָט זיך שוין געדאַכט דער פּלאַם איז אַריבער. אָבער דער נאַטירלעכער דראַנג, וועלכן ער האָט אַזוי העפטיק באַקעמפט, האָט זיך געפונען אַ קרומען, אַן אומנאַטירלעכן וועג.

אין די נעכט, ווען דזשאָ און וויוויאַן האָבן געמיינט דער פּאָפּ שלאָפט און האָבן געטרונקען פריי פון זייער יונגער ליבע, מיט וועלכער ביידע האָבן געשווימט איבער די ברעגעס, איז ער געלעגן ביי זיך אויפן געלעגער אַן אָטעם, אַן אַהינגעריסענער און מיטגעטרונקען פון זייערע צוויי בעכערס דעם זיסן, פּיינלעכן געגנום.

נאָר ווי לאַנג קאָן דען ברענען אַ פּלאַם, וואָס כאַפּט אַרום אַן אַלטן, האַלב־צעפוילטן פּיען? וויפיל זאַפט, וויפיל נאַרונג פאַר פייער איז עס געבליבן אין אַזאַ פּיען? האָט טאַקע דער פּלאַם, נאָך עטלעכע אַזעלכע אויסברוכן, גענומען זיך לעשן, לעשן ביז נאָר אַ קליין פונקעלע, אַ שוואַכס, אַ קוים טליענדיקס איז געבליבן ערגעץ לייכטן.

דזשים האָט אָנגעהייבן ווערן רואיקער. ער האָט זיך באַמיט צו יאַלטן אַוועק פון איר. ער האָט שוין אַפילו געקענט נישט קוקן אין איר זייט. אַזוי זענען אַוועק אַ ריי טעג, כמורנע, גרויע. עס איז געווען יענע גרויע רואיקייט, וואָס קומט תיכף נאָך אַ שטורעם. און פונקט ווי נאָך אַ שטורעם האָט עס זיך אין אים גענומען אויסלייטערן. ער איז צוריקגעוואָרן זוניק. דער מאַרך איז אים מער נישט פאַרגאָסן געוואָרן. איר לייב האָט אים מער נישט געמאַניעט. כאָטש ס'איז אים נאָך אַלץ גוט געווען פון בלויזן געדאַנק אַז וויוויאַן איז דאָ אין ביידל.

אַ באַרואיקטער איז ער צוריקגעזעסן אויף זיין בענקל פאַר דער טיר, אַ באַהאָפטענער מיט דעם גאַנצן אַרום, מיט דעם שפּעט־זומער טאָג, מיט די געלווערנדיקע פלאַנצן. פונקט ווי דער שפּעט־זומער טאָג, פונקט ווי געלווערנדיקע בלעטער קאָנען זיך נישט מער באַנייען, סיידן אַ נייער פריליגג, אַ יונגער וועט ווידער געבוירן, אַזוי קאָן דזשים וואָרט שוין מער נישט אויפפלאַמען. שטיל און מיד און זיס וועט זיך שוין איצט ציען זיין שפּעט־זומער טאָג, שטיל און מיד ווי דאָס זשומען פון אַ שפּעטער האַרבסט־פליג.

אַן אַנדער וויוויאַן האָט איצט דזשים ווהייט פאַר זיך געזען. זי איז איצט געווען פאַר אים אַ גרויס, דערוואַקסן קינד, אַ זוניקס. ער האָט זיך שוין איצט נישט געשעמט און נישט געשראָקן צו זען ווי אירע בריסט קוועלן, הייבן זיך אונטערן קליידל, ווי איר גאַנצער קערפּער ווערט פולער און ס׳פּנים אירס, לויכט מיט אַ בלענדנדן ווייס און רויז.

נישט נאָר ער, אַ בלינדער האָט געקאָנט זען אַז אין דעם מיידל גייט אויף אַ ניי לעבן, וואָס טרינקט שוין און נערט זיך פון אירע בלוטן.

דער אַלטער האָט וויוויאַנען דערפאַר נאָך מער ליב באַקומען:

— זי איז זיס, האָט ער אינדערשטיל צו זיך אַליין געמורמלט.

וואָרום פונקט ווי טשיקי און דאָס קליינע ווערבעלע און דער נאָכ־נישט אויפגעבליטער ראָז־בוש, האָבן אים געגעבן ס׳געפיל פון יוסטער איינגעפונדעוועטקייט, פון זיכערקייט מיט דעם שטיקל באָדן אונטער די פיס, אַזוי האָט איצט וויוויאַן, מיט דעם צוקונפטיקן וועזן, מיט דעם נאָכ־נישט געבוירענעם, מער נאָך פאַרשטאַרקט אין אים דאָס געפיל:

— ער וועט זיך נאָך דאָ צעוואַקסן! ער וועט נאָך דאָס ביידל איבערבויען!

ער האָט ערנסט געטראַכט איבערצורעדן מיטן לאַנגן קראָופאָרד. אַז דער יונג וועט נאָר נישט פּלאָפּלען וועט שוין אַלץ זיין אַלרייט!

און אַז וויוויאַן איז צוגעקומען צו אים, האָט ער זי ארומגענומען ווי אַן אמת׳ער פאָטער:

— וויוו, דו זאָגסט מיר נישט, אָבער איך זע! צום פּרילינג וועסטו אונדז געבן אַ דזשאָ ווהייט „דזשוניאָר”.

וויוויאַן האָט אים דאַן אַרומגענומען דאָס צעקאָרבטע פּנים:

— אָ, פּאָפּ, ווי גוט דו ביזט!

נאָר דזשים, איבערגעפּילט פון פרייד, סאַי ווי אַ גליקלעכער פאָטער און סיי פון יענעם קליינעם פּלעמעלע, וואָס צאַנקט נאָך אין אים ער־געץ . . . איז אַרויסגעגאַנגען אין גערטל צו טשיקי. דעם געדאַנק, אַרויס־צוגיין זיך ווידער אָנטאָן צוויי שילדן און פּאַרדינען פאַר וויוויאַן אויף אַ קליידל, האָט ער אויפגעגעבן. צו וואָס זאָל ער לייקענען? ער וויל נישט וויוויאַן זאָל אַוועק פון דאַנען. אַ קלייד וועט זיכער העלפן זי זאָל אַוועק. ניין! דאָ וועט זי זיין! דאָ וועט דאָס קליינע אַרומלויפן, פונקט ווי טשיקי. דאָ וועט עס אויפוואַקסן, דאָ, אויפן ברעג פון האָד־סאָן!

נאָר פונקט ווי פאַרן אַלטן זענען די טעג, צוליב דעם נייעם וועזן, געוואָרן ליכטיקער, זוניקער, אַזוי האָבן זיך סאַי דזשאָ, סאַי וויוויאַן גענומען שרעקן. די טעג רוקן זיך, אַט־אַט קומט דער ווינטער און ער האָט נישט קיין דזשאָב, און וויוויאַן האָט נישט קיין קלייד צו פאַרדעקן ס'לייב, און דאָס קליינע אין איר וואַקסט.

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, איז דזשאָ געקומען צולויפן גאָר אַ פרייד־דיקער. דער אַלטער האָט געמיינט אַז דאָס איז צוליב די סאַך ביינער און פלייש, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר אַ גוטן איינקויף. נאָר דער יונג האָט גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם. ער האָט גאָר ליבן וויוויאַן, אויפן בעטל, פאַנאַנדערגעוויקלט אַ צייטונג און איר געוויזן אַן „עד" אַז מען זוכט אַ „באָי" פאַר פערצן דאָלער אַ וואָך אויף אָנצופאַנגען! שפּעטער קאָן ער זיך אַרויפאַרבעטן.

— ביז אַ פּרעזידענט פון דער פירמע, האָט וויוויאַן, אַן אויפגע־לויכטענע פון גרויס פרייד, אַליין צוגעגעבן צו דעם קליינעם אַנאַנס.

ביי ביידע, דעם פאַרהונגערטן דזשאָ, און נאָך מער ביי דער וויוויאַן, דאָס נאַאיווע, קאַראַליינער פאַרם־מיידל, האָבן זיך די אויגן צעצונדן. זיי האָבן שוין אָנגעהייבן פּלאַנען ווי אַזוי זיי וועלן זיך איינאָרדענען אַ היים. און דאָס קליינע וועט אויסוואַקסן און זיי וועלן עס אהער ברענגען צום אַלטן, ליבן זיידן!

— ניין! האָט זיך וויוויאַן צוריקגעכאַפּט. דער גרענד־פאַ וועט אויך מיטגיין. דער פאַ וועט זיין מיט אונדז!

די גאַנצע צייט פון לייענען דעם אַנאָנס און פּלאַנירן, איז דער אַלטער געשטאַנען ביים אייוועלע, די פּלייצע צו זיי, און זיך געפּאָרעט אין טעפּל. ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט אָבער זער שאַרף דער־פילט ווי עפּעס נעמט זיך לעשן אין אים, עפּעס אַ ליכטיקער פונק גייט אויס... עפּעס ווערט אין אים פינצטער. ער איז אַליין. די הענט ווערן אים שווער. נאָר ווען זי האָט געזאָגט:

— מיר וועלן דעם פּאַפּ אויך מיטנעמען, האָט ער זיך אויסגעדרייט און שאַרף געטאָן אַ שניט אָפּ:

— נאָ! איך האָב אַ היים! דאָ וואוין איך...

דזשאָ האָט געקוקט אויפן פּאָטערס פּלייצע. ער האָט נישט גע־וואוסט פון וואַנען נעמט זיך צום אַלטן, גוטמוטיקן פּאַפּ, אַזאַ שאַרפע בייזקייט? נאָר באַלד זענען ביידע ווידער געווען פאַרטאָן אין די פּלע־

נער, וואָס זייער יונגע, גליאיקע פאַנטאַזיע האָט געצונדן מיט די פערצן דאָלער אַ וואָך.

אַ גאַנצן אָוונט איז דער אַלטער געזעסן אויפן בענקל, פאַר דער טיר, אַן אַ וואָרט, ווי אַ שאָטן. דזשאָ און וויוויאַן זענען געווען אינווייניק און ווייטער געשפּונען דעם זיסן חלום, וואָס הענגט ערגעץ אויף דער האָר פון די פערצן דאָלער.

ביינאַכט, אויפן געלעגער, האָט דער גאָלדענער חלום זיך גענומען פאַרוואַנדלען פאַר זיי אין אַ פיינלעך־זיסער ווירקלעכקייט . . . לאַנג זענען זיי געלעגן, זיך געקושט, געשושקעט זיך אין די אויערן אַריין: ערגעץ, ערגעץ וואַרטן פערצן דאָלער אַ וואָך!

אין זייער גרויסער פרייד און גענוס האָבן זיי גאָרנישט געדענקט אָן דעם אַלטן פּאַפּ, וואָס איז איצט געלעגן אויפן טאַפּטשאַנדל, אַנטקעגן, אַ וואַכער ביז די שפּיצן פון זיינע האָר. ער האָט אפילו נישט געטראַכט אַז ער דאַרף זיך מאַכן שלאָפן. אַ וואַכער האָט ער געהערט יעדן שאָרך, איבערגעלעבט זייער יעדן ריר.

דעם יונג, וואָס איז איצט געשלאָפן מיט וויוויאַן, האָט ער פיינט געקראָגן, דער אַלטער. דאָס נעבעכדיקע געפיל, דאָס טונקעלע, וואָס האָט זיך נאָך יענע אויסברוכן, געגערט פון וויוויאַנ׳ס בלויזן זיין דאָ, פון דעם וויכן אָטעם, וואָס זי האָט געשפּרייט אַרום זיך, אָט־דאָס פונקעלע איז איצטער, צוליב דער געפאַר פון איר אַוועקגיין, געוואָרן צעפלאַמט. אין דעם פלאַם איז דערווייל צעגאַנגען דאָס צאַרטע, האַלב־פאָטערלעכע געפיל. עס האָט פאַר אַ מאָמענט ווידער דערוואַכט דער הוילער, דער נאַקעטער באַגער . . .

פאַרטאָג. אינדרויסן בלויט. דזשאָ האָט זיך פּאַוואָליע אַרויסגעהייבן פון בעטל. דער יונג האָט דאָס געטאָן מיט דער צערטלעכקייט פון אַ מאַמע, וואָס שטייט אויף פון אַן איינגעשלאָפן, אָנגעזייגט קינד. ער האָט נישט געוואָלט איבערוועקן וויוויאַן, וועמענס שלאָפנדיקע פּנים, מיט די צעוואָרפענע, לאַנג אונטערגעוואַקסענע, בלאָנדע האָר, האָט איצט אַרויסגעלויכטן פון דער פאַרטאָגיקער בלויקייט. פּאַוואָליע איז ער געבליבן זיצן אויפן אייזערנעם ברעג פון בעטל. מיט די הענט האָט ער אַרויפגעצויגן אַ שוך און די אויגן כסדר געהאַלטן אויף איר האַלדז, וואָס איז געווען פול און ווייס, וואו צוויי דינע אָדערלעך, אין ביידע זייטן, לויפן ווי צוויי וואונדערלעכע ריטשקעלעך פון ערגעץ ווייט, אַרום

דער ברוסט, ביזן שײַנעם, שלאָפֿנדיקן מויל. אַט דורך די אָדערלעך, דאַכט זיך, זעט ער ווי איר בלוט ריזלט דאָרטן צו די פּולע, רויטע ליפּן. ער האָט זיך געוואָלט אײַנבויגן און איר נאָך אַ קוש טאָן, אַ קוש פֿאַר דער זיסער פֿרייד, וואָס זי גיט אים, אויך אַ קוש פֿאַר דעם פּיצעלעס, וואָס זי נערט שוין מיט אירע בלוטן, און פֿרילינג, ווען ער וועט שוין האָבן אַ היים, וועט זי עס אים געבוירן. עס וועט זײַן אַ יונג ווי ער אַליין און ווי זי.

נאָר געטאָן דעם קוש האָט ער נישט. ער מוז איצט לויפֿן. ער טאָר נישט זײַן שפּעט . . .

דער אַלטער איז געלעגן די גאַנצע צײַט אין האַלבן דרעמל. ווי אין חלום האָט ער עפּעס געזאָגט: דזשאָ — וויוויאַן. וויוויאַן — דזשאָ. נאָר אַז דאָס טירל הינטער דזשאָ׳ן האָט זיך שטיל פֿאַרמאַכט האָט ער געעפֿנט די אויגן. עפּעס איז מיטאײַנמאָל אים קלאָר געוואָרן אַז דער יונג איז אַוועק און וויוויאַן ליגט אַנטקעגן אַליין, אַ שלאָפֿנדיקע, אַ לויכטנדיקע . . .

ער האָט מער גאָרנישט געזען, דזשים. ער האָט מער גאָרנישט געטראַכט. געטראָגן פֿון אַ כּח שטאַרקער פֿון אים, איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון זײַן טאַפּטשאַן. שטיל, אויף די שפּיץ־פֿינגער, איז ער צו צו איר בעטל. אַ מינוט איז ער געשטאַנען און געפֿילט ווי צוויי שטראָמען לויפֿן אין אים און פֿאַרגיסן אים דעם מוח.

איין געפֿיל, אַ צערטלעכס, האָט געזונגען אין אים:

— אָט ליגט אַ פֿאַנאַנדערגעבליט קינד, אַ ליכטיקע, וואָס איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן. אפֿילו אין שלאָף זינגט אין איר דאָס בלוט פֿאַר פֿרייד, וואָס זי וועט אײַנגיכן ווערן אַ מאַמע! אַ מאַמע! . . .

אַ צווייט געפֿיל, אַ הונגעריקס, אַ געפֿיל זיך אײַנצובײַסן אין אָט דער ווײַכער, וואַרעמער ברוסט, אַרומנעמען, דערפֿילן די גאַנצע, ווײַבלעכע וואַרעמקייט פֿון דעם וואונדערלעך ליכטיקן לײַב, אַ וואַרעמקייט, וואָס ער האָט שוין נישט געהאַט אפֿשר צוואַנציק יאָר! . . .

פֿון דעם שווערן געראַנגל האָבן אים די קני געגומען דריגן אָט, אָט און ער פֿאַלט אַנידער.

וויוויאַן האָט אין שלאָף דערפֿילט עפּעס אַן אומרואיקייט. זי האָט זיך אַ שאַרפֿן דריי געטאָן מיטן פּנים צו דער וואַנט. פֿון דעם שאַרפֿן קער האָט אַ שטיק לײַב זיך אָפּגעדעקט.

דעם אַלטן דזשים האָט אַרומגעכאַפּט אַ קאָנוואולסיע. עפּעס האָט זיך אין אים צעווײנט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, די ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַרן בילד פון דער הייליקער מאַמע. די הענט זײַנע, גלײַך ער וואָלט געוויקלט דאָס שנירל קרעלן מיטן צלמ'ל, אַזוי צאַרט האָבן זיי באַרירט דעם בינט בלאָנדע האָר, וואָס איז געלעגן צעוואָרפן איבערן צוקאָפּנס.

וויוויאַן האָט פּלוצים געעפנט די אויגן. צום ערשט איז זי געווען פאַרטראָגן. זי האָט, דאַכט זיך, געקוקט און דאָך גאָרנישט געזען. דער־נאָך האָט זי אָנגעהייבן עפּעס באַנעמען, מער מיטן געפיל, ווי מיטן קאָפּ. זי האָט זיך דערשראָקן. אירע אויגן זענען מיטאַיינמאָל געוואָרן ווילד. אָט דאָס מיידל, וואָס האָט איבער די וועגן געוואָרפן איר קערפּער צו יעדן יונג, ווי מען וואַרפט אַ הונט אַ ביין, אָט דאָס מיידל האָט זיך איצט אויף טויט דערשראָקן, ווען זי האָט בלויז געאַנט וואָס דאָ קומט פאָר.

דער אַלטער האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ. די אויגן זײַנע, נאָך פייכטער ווי שטענדיק, האָבן נאָך אַלץ געקוקט אַראָפּ אויף דער ערד. ער האָט איר גאָרנישט געקאָנט זאָגן.

— פּאָפּ, האָט זי אין גרויס שרעק גערופן, וואָס טוסטו דאָ?

ער האָט נאָך אַלץ קניענדיק געשוויגן. ער האָט געפילט, ער איז אויסגעטונקט אין בושה. און די בושה שטיקט אים אין האַלדז. ענדלעך האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— וויוו, טייערע, איך בעט דיך, גיי נישט אַוועק. לאָז נישט דעם פּאָפּ אַליין . . .

27

ער האָט זיך נעבעך אומזיסט געשראָקן, דער אַלטער. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך אַרומגעפּאָרעט אַרום וואַסער־ברעג, אַרויסגעשיפּט שטיקלעך האָלץ און ברעטער, געלייגט זיי אויף דער זון און זיך נאָר געצאַפּלט אַז אָט, אָט קומט דער יונג מיטן דזשאַב, וויוויאַן גייט אַוועק און זי וועט אים נאָך דערציילן פון זײַן קניען איבער איר אינדערפרי . . .

פאַרנאַכט איז דזשאָ טאַקע געקומען. אָבער ער האָט דעם דזשאַב נישט געקראָגן. עס זענען געווען הונדערטער פאַר אים! ער איז געווען בייז אויף וויוויאַן. איבער איר, צוליב איר וואָרעם ליב פאַרטאָג, האָט ער פאַרשפּעטיקט דעם דזשאַב.

נאָר דער אַלטער, פון טעפּל אָוועק, האָט שטיל דאָרטן געזאָגט:

— שטענדיק איז דאָ עמעץ, וואָס קומט פריער . . .

די אָרימע, וויוויאַן איז אים געווען דאַנקבאַר, דעם אַלטן, וואָס ער נעמט אַראָפּ פון איר די שולד. דאָס אומשולדיקע קינד האָט, ווייזט אויס, נישט רעכט פאַרשטאַנען זיין קניען איבער איר בעטל, אינדערפרי. דער פּאָפּ האָט זי געבעטן זי זאָל נישט אַוועק. וואו קאָן זי דען גיין?

דער אַלטער האָט זיך אַזוי אַרום באַרואיקט. פון דעם לעצטן אויס־ברוך, אינדערפרי, איז קיין שפּור נישט געבליבן. וויוויאַן בלייבט דאָ אין ביידל. ער קאָן זיך רואיק צוריקנעמען צו זיינע אַרבעטן אַרום טשיקי און אַרום גערטל.

ביסלעכווייז הייבט אויך דזשאָ אָן טראַכטן אַז ער וואוינט שוין דאָ אייביק. ער האָט שוין גאָר פאַרגעסן אַז ערשט ווינטער האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער אַמעריקע. ווען נישט וויוויאַן צוליב וועמען ער האָט געהאַט דאָס געשלעג מיטן באָס, וואָלט ער אויך אָן באָס שוין גע־האַט פאַרגעסן. ער האָט אַפילו פאַרגעסן, דזשאָ, אָן קאָלאָמבוס עווענױ, מיטן בראַזגעדיקן על. עס דאַכט זיך אים אַז דאָ, אונטער דעם געפּלים־טער פון האָדסאָן, איז ער אויסגעוואַקסן. דאָ וועט ער שוין מוזן לעבן מיט וויוויאַן. אַז קיין דזשאַב קען מען נישט קריגן. וועט ער דאָ מוזן מאַכן אַן אמת'ע היים. ער וועט ערשט זען די ווערבע זאָל זיך צע־וואַקסן. נישט נאָר מיט די וואָרצלען וועט זי זיך צוקריגן צום טייך, נאָר אירע לאַנגע, דינע צווייגן וועלן נאָך אַראָפּהענגען און קושן דעם האָדסאָן. קומענדן פרילינג וועט ער זען, אַז אויך דער ראָז־בוש, אין מיטן גערטל, אין ציגלענעם רעדל, זאָל אויפבליען. ער וועט שוין זען. מער וועט ער זיכער נישט אַרומטרעמפּעווען. פּאָפּ איז גערעכט. מ'דאַרף דאָ מאַכן אַ באַקוועמע היים. דער קליינער דזשאָ, וואָס וויוויאַן וועט אים אין פרילינג געבוירן, וועט דאָ אויפוואַקסן! פּאָפּ איז גערעכט!

אַזוי, אין שטילער, צוריקגעוואָרפענער רו, איז אַוועק דער זומער. עס איז געקומען האַרבסט. דער צווייטער האַרבסט אויפן ברעג האָדסאָן. דזשים וויהיט האָט צום צווייטן האַרבסט דערלעבט נישט נאָר זאָל אַ גרין בלעטל אויפשפּראָצן אין זיין גערטל, נאָר אויך די גרינע בלעטלעך זאָלן ווערן געל; האַרבסט, ווען דאָס ביסל זאַפט ווערט אויסגעטריקנט און די בלעטלעך ווערן בלעכלדיק, שטייף, פאַרוויאַנעט און ענדלעך פאַלן זיי פון די צווייגלעך, שפּרייטן זיך אויף די וואַסערן פון האָדסאָן און שווי־מען אַוועק ערגעץ, ערגעץ, ווער ווייסט וואו?

פאמעלעך האָט ער זיך גענומען צום קומענדיקן ווינטער. האַי־יאָר דאַרף מען האַלטן ס'בײדל גוט וואַרעם. וויוויאַן וועט זײַן אַ גאַנצן טאָג. די אָרימע האָט נישט אין וואָס אַרויסצוגיין. מ'דאַרף פאַרגרייטן אַ סך האָלץ. ער האָט איצט אַ סך צו טאָן, דזשים וואַיט.

מיט פיל צערטלעכקייט האָט ער גענומען אַרומוויקלען, אַרומבעטן דאָס יונגע ווערבעלע מיט שמאַטעס. אונטן, איבער די פאַרדעקטע וואָרצלען, האָט ער אָנגעשאָטן נאָך ערד געמישט מיט גראָזן. אויך דעם נישט אויפגעבליטן ראָז־בוש און די קריכנדיקע פלאַנץ, האָט ער פאָרזיכ־טיק אַרומגעבעטן. דערנאָך האָט ער געמאַכט טשיקים בײדל העכער. מיט אַ שטעקן צום „זיצן". טשיקי פליט איצט און וויל נישט זיצן אויף דער ערד. זי וויל „זיצן" וואָס העכער. ביז די פרעסט וועט זי נאָך דאַרפן דאָ וואוינען. איבער די פרעסט וועט ער זי ווידער האַלטן אין שטוב, לעבן זיך, ביים אייוועלע.

נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט, אײַנאָוונט, ווען דער יונג איז אַהיימגעקומען און אַלע דרײַ זענען געזעסן איבער דעם בלויען, אָפּגעקנאַקטן פענדל און געגעסן דאָס געקעכץ, בעת אין דרויסן האָט שוין געריסן אַ שניידי־קער האַרבסט ווינט, האָט ער מיט פרייד זיך דערמאָנט:

— געדענקסט לעצטן האַרבסט, דזשאָ? זעסט וויוויאַן, אַט־דאָ, אונטער דעם שטיין בין איך געלעגן מיטן באָם. איצט וואָלט איך טשיקי נישט געלאָזט דאָרטן ליגן.

דזשאָ האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל צום האָדסאָן און גע־זאָגט:

— יעס, פּאַפּ, לאָמיר האָפן אַז נישט מער . . .

28

איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז ווידער געווען ווינטער. די ווייסע, זומערדיקע שיפן, וואָס שווימען איבערן האָדסאָן הין און צוריק, האָט מען ווידער אַוועקגעשטעלט ערגעץ אויף איבערווינטערן. בלויז איין שיף אין כמורנעם פרימאָרגן און איינע אין ווינטיקן אָוונט שלייכן פאַרביי. דערנאָך קומט אַ לאַנגע נאַכט. דער דרויסן וואַיעט קאַלט און בייז. די בלעכן פון דעכל דערמאָנען זיך ווידער אַז זיי קאָנען ציטערן. דער פאָן־שטאַנג בויגט זיך אין אַלע זייטן און די פאָן פלאַטערט שטייף און שטאָלץ . . . די טירלעך פון די באַטקעלעך שטייען פאַרמאַכט

און פון די קוימענדלעך וויקלען זיך שוין ווידער בלויע, געקרייזלטע רויכלעך.

אינגיכן האָט זיך ווידער אָראָפּגעלאָזט אַ שניי. אין גערטל איז אַלץ געוואָרן ווייס, פאַרדעקט אונטער אַ פוכקער דעק. מען זעט נישט מער די רויט־ציגלנע שטעגלעך. ס'איז איצט אַ שמאָל, ברודיק סטעזש־קעלע, ווי אַ שוואַרץ שלענגל, וואָס לויפט אין געדריי, פון פעדער־הייזל, דורכן גאָרטן־טירל, אַרויס צום ברייטן, אויסגעטראָטענעם שטעג.

אויך ס'לעבן איז איצט געווען מער סאָליד, ווי לעצטן ווינטער. אינדערפרי איז דזשאָ אַוועק זוכן, וואָס ער קאָן עפּעס אַהיימברענגען. דער אַלטער און וויוויאַן האָבן זיך געפונען גענוג צו טאָן אין ביידל. אַלעמאָל האָט ער ערגעץ וואו צוגעשלאָגן אַ ניי ברעטל. ער האָט זיך גע־פּאָרעט מיט טשיקי, געפלאָכטן דראָטענע שפּילכלעך, פאַר אַ קליין יינגע־לע, וואָס וועט דאָ באַלד געבוירן ווערן און אונטערוואַקסן. וויוויאַן האָט געלאַכט און אים גערופן מיט גרויס צערטלעכקייט:

— אַלטער, אַלטער נאַר.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער געהיט ס'אייוועלע זאָל ברענען און ביידע האָבן הנאה געהאַט פון דער ליבער וואַרעמקייט, וואָס מען קאָן אָנטאַפּן מיט די הענט. וויוויאַן האָט שטענדיק געזען עס זאָל עפּעס זיין וואַ־רעמס, ווען דזשאָ וועט אַריינקומען אַ געפרוירענער, און ער אַליין, דער אַלטער, האָט גוט געהיט דורכן פענצטערל דעם טייך דרויסן. ער האָט געהיט די ברעטער און פלעקער, וואָס דאָס וואַסער וואַרפט־צו צו זיין ביידל, דער לאַנגער זאָל עס נישט אַוועקכאַפּן. די שטיקער האָלץ טריקנט ער און הייצט ס'אייוועלע.

זיצנדיק מיט וויוויאַן ביים פענצטערל, היטנדיק די שטיקער האָלץ, ווייזט ער איר און דערציילט איר צו וועמען עס באַלאַנגען די אַלע שיפלעך, וואָס שווימען דורך, ווי ברוינע קאַטשקעס מיט שוואַרצע טשופּן און שלעפּן נאָך זיך אַ לאַנגע ריי בערלינקעס, אָנגעלאָדן מיט געלן זאַמד, רויטע ציגל און שוואַרצע, גלאַנציקע קוילן.

אָט צוליב די שטיקער נאַסע האָלץ האָט ער ווידער געהאַט צוזאַמענ־שטויסן מיטן הויכן. אויך קראָופאָרד האָט איצט צייט גענוג צו זיצן ביים פענצטער און היטן אַ צושווימענדיק ברעט. גיין שאַרן שניי, ווי די אַנדערע יונגען, דאַרף ער נישט. טראָגן קערב פון די מאַרקעטס, ווי זיין דזשאָ, דאַרף ער אויך נישט. ער האָט געמאַכט גענוג געלט פון אָפּפאַל!

זיצט ער אויך אינדערהיים און היט אַ צושווימענדיק ברעט פּונקט ווי דזשים.

דער אַלטער האָט גיך איינגעזען, אַז רייסן זיך מיט דעם לאַנגן חברה־מאַן איז נישט קיין פּלאַן. זיכער נישט פאַר אים. דער הויכער האָט אים גאַנץ איידל געגעבן אַנצוהערן, אַז ער ווייסט אַז דזשאָ האָט זיך געבראַכט אַ מיידל.

— און זי וואוינט דאָ אויך! . . . האָט דער לאַנגער אויס־וואורף אונטערגעשטראָכן.

דעריבער האָט דער אַלטער אויף גיך געמאַכט אַ גרענעץ צווישן זיין ביידל און קראָופּאָרדס. ער האָט צוגעפּעסטיקט אַ דראָט צו אַ פּלאָקן און דאָס אַריינגעזעצט אין כאַמע ברעג וואַסער. אָט, ביז אַהער! אַז אַ האָלץ שווימט צו אין דער זייט איז עס דיין! אין דער זייט — איז עס מיין! מיט מיין דראָנג און האָקן וועל איך עס אַרויסציען, און נישט קריגן זיך! דזשים ווהייט האָט פיינט זיך אַרום צו רייסן! גע־רעכטיקייט מוז זיין! דאָס איז מיין און דאָס איז דיין!

אין מיטן אָט־די איינגעפונדעוועטע טעג האָט זיך דאָס „שטעטל" פּלוצים ווידער אַ טרייסל געטאָן. די איינגעפונדעוועטקייט האָט זיך מיטאיינמאָל געטאָן אַ צעשאָקל!

עפּעס איז עמעץ געקומען מיט דער בשורה אַז נאָך דעם פרילינג, איידער אַ בלעטל וועט נאָך אויפגרינען, וועט מען אַלעם אַראָפּטרייבן פון דאַנען. אַז דער נייער מעיאָר וויל האַלטן זיין „פאַרשפּרעכן צום פאָלק" . . . ער האָט ביי די וואַלן צוגעזאָגט צו שטיין מיטן פאָלק? וויל ער איצט ווייזן אַז נאַר ער, נישט טעמעני, האַלט וואָרט! ער וויל מאַכן, זאָגט ער, דעם וואַסערברעג, ביים האַדסאָן, פאַרן שענסטן פּלאַץ אינדערוועלט! ער וועט, זאָגט ער, דאָ מאַכן טעניס־קאָורטס און קאַסי־נאָס, וואו „דער מידער ביזנעס־מאַן" זאָל קאָנען אָפּרוען ביי אַ גוט גלעזל וויין און דערביי געניסן די שיינע לאַנדשאַפטן פון האַדסאָן און די הויכע פּאַליסאַדן פון ניו־דזשוירזי ברעג.

פון דער בשורה איז אַ מהומה דאָ אַנגעשטאַנען אין די צעהוי־קערטע, אָפּגעזונדערטע ביידלעך. די אַלע יונגען, וואָס האָבן זיך נישט אַנגעגעגנט פון לעצטן ווינטער אָן, האָבן זיך מיטאיינמאָל ווידער דער־מאָנט, אַז עפּעס איז מען דאָך אַ „קאָמיוניטי". אַז עפּעס האָט מען דאָך אַן אייגענעם „מעיאָר"! אַ מעיאָר, אויף וועמענס דאָך עס פּלאַ־טערט די „יונייטעד סטייטס פלאַג" !!!

ווידער איז מען זיך צעגויפגעלאָפן אהער. דאָס מאָל איז מען שוין געשטאַנען אין אַן ארומגעצוימט גערטל, נישט אין אָפענעם דרויסן. דער אַלטער האָט נעבעך דאָס מאָל יעדן געקוקט אויף די פּיס. ער האָט נעבעך מורא געהאַט טאָמער צעטרעט מען אים דעם ראָז־בוש, וואָס וועט זיכער דעם זומער אויפבליען . . . אָדער טאָמער גאָר פאַרגלוסט זיך אַ יונג אַריינצוגיין אינווייניק און זעט זי, וויוויאַנען . . .

וואָס מען זאָל טאָן ווייסט נאָך אַלץ קיינער נישט! דער אַלטער שטאַמלט ווידער פאַרלוירן: „טעמעני". ער וויל נעבעך נישט אָפּלאָזן, דער אַלטער, דזשים ווהייט, דאָס איינציקע שטיקל אָנהאַלט! אַ לעבן לאַנג האָט ער זיך געקלאַמערט אָן אַ „גאָט"! איצט זעט ער נעבעך ווי יעדן טאָג פאַלט אים דער „גאָט" אונטער די הענט. אפילו דעם מעיאָר האָט טעמעני פאַרלוירן! צו זיין גרויס וויטיק, ווייסט ער דאָס, דזשים ווהייט! פונדעסטוועגן?

— אָלרייט, זאָגט ער, קיין מעיאָר האָט טאַקע מער נישט טעמעני, אָבער מאַיק דאָפּי לעבט נאָך! ער זיצט נאָך דאָרטן אין קלאָב! מען דאַרף אהין גיין ער זאָל עפּעס טאָן! ער וועט נישט לאָזן אָראָפּטרייבן די באָיס . . .

כאָטש אַלע זענען מער פאַרלוירן ווי לעצטן ווינטער, זענען זיי אָבער היינט מער אויפגעקאָכט! זיי זענען שוין נישט מער קיין ארומ־שלעפּערס, די יונגען, וואָס, נישט דאָ, נעכטיגט מען דאָרט. איינגעפּונ־דעוועטע מענטשן מיט „איינגנטום" איז מען איצט! ביי יעדן איינעם הענגען אָנגעקליבענע פענדלעך און צעשאָסענע זייגערס, און געשפּאָל־טענע, פאַרדריפּעטע שפּיגלען הענגען אויך! . . . מ'קאָן זיך נישט לאָזן טאָן אַ וואָרף אַרויס ווידער אויף הפקר! וואָס? מ'וועט זיך ווידער וואַלגערן אויף אָנגעבאַקעטע דילן אין „סאַבוויי־סטיישאַנס"?

— מ'דאַרף עפּעס טאָן! שרייען אַלע!

נאָר וואָס טאָן ווייסט קיינער נישט. דעם אַלטנס עצה מיט מאַיק דאָפּי האָט מען שוין געהערט. ווען מען וואָלט געקאָנט שטימען בעת וואַלן, אפשר וואָלט עס געהאָלפן, דאָס גיין צו מאַיק דאָפּי, אָבער איצט? ווען טעמעני אַליין איז אַזוי געשלאָגן?

— זיי וועלן אונדז אַראָפּוואַרפן . . .

אַזוי וואָרטשעט קראָופאָרד. דווקא ער, וואָס האָט זיך „אָנגע־שטאָפּט" מיט געלט פון זיין קלייבז אַפּפאַל.

אָבער דער אײַרישער מעקאַרטי און דער ייִדישער, ווילי בענדער, די צוויי פּערמאַנענטע שניי־שאַרער, זיי שרײַען ווידער ס'זײַעריקע:

— מען דאַרף קעמפן! מען דאַרף מאַכן אַ דעמאָנסטריישאָן! דער נײַער מעיאָר האָט אונדז אָפּגענאַרט! פּונקט ווי רוזוועלט האָט אונדז אָפּגענאַרט. בײדע האָבן זיי צוגעזאָגט צו שטיין מיטן אָרעמען פֿאָלק! איצט האָבן זיי זיך שוין פֿאַרקויפֿט צו די רײַכע! פֿאַר די רײַכע גייען זיי מאַכן נאָך טעניס־קאָורטס און קאַסינאָס צו גאַמבלען און אונדז טרײַבן זיי אויף דער באָורי זיך וואַלגערן אין גאַס!

וואָס קומט דערויס, אַז געפֿאָלגט די צוויי פּראָטעסטירער האָט סאַי־ווי קײנער נישט.

דאָס אַראָפּטרײַבן, שמועסט מען, וועט ערשט פֿאָרקומען אין פֿריי־ לינג, דאַרף מען שוין זאָרגן? דערווײַל ליגן בערג שניי אין די ניו־ יאָרקער גאַסן, דאַרף מען גיך לויפֿן קריגן אַ לאָפּעטע און אויך אַרײַנכאַפּן אַ פּאָר סענט . . .

דער אַלטער ווידער, דזשים וואַיט, האָט סאַי־ווי נישט געגלויבט. צו וואָס דאַרף מען דעמאָנסטרײַשאָנס אַז מען וועט סאַי־ווי נישט אַראָפּ־ טרײַבן. וואָס הייסט מען וועט אַראָפּטרײַבן? פֿאַרוואָס? און טעמעני וועט דאָס לאָזן?

— איך זאָג, אַ שטאָט איז נישט קיין לענדלאָרד! דזשאָ, דאָ וועט מען זיצן! דעם זומער וועט זיך נאָך דער ראָז־בוש צעבליִען. וועסט זען, דזשאָ!

נאָר אַזוי לאַנג וואַרטן, אַזש ביז דער ראָז־בוש וועט זיך צעבליִען, האָט מען אים נישט געלאָזט. גלײַך ווי דער שניי האָט גענומען לאָזן און דער שוואַרצער, אַשיקער באָדן האָט זיך ווידער באַוויזן אַ גלאַנצי־ קער, אַ צעשפּאָלטענער אין טויזנטער שטראָמעלעך און קאַרבן, איז מען אַהער אַראָפּגעקומען. צוויי מענטשן זענען געקומען. נישט קיין פּאָלי־ ציאַנטן, חלילה! אָט, צוויי מענטשן, פּשוט'ע, אַזעלכע ווי דער יונגער־ מאַן, וואָס איז געקומען צו דזשימין אַהיים אים אָנזאָגן, אַז מען נעמט ביי אים צו דעם דזשאַב. אויך די זענען געווען פֿײַן פֿאַרקעמט און געגאַנגען רואיק און געמיטלעך מיט טעקעס אונטער די אָרעמס. פֿון איין באַטקעלע אין צווייטן זענען זיי געגאַנגען און אָנגעזאָגט אַז:

— נישט שפּעטער ווי דעם ערשטן מאַי, נײַנצן פֿיר און דרײַסיק, מוזן אַלע פֿאַרלאָזן דאָס דאָזיקע שטיק לאַנד!

אַט איצט ערשט, נאָכן באַזוך פון די יונגעלייט, האָט דער אַלטער זיך געפרעגט, פונקט ווי דאַן, ביים סאַמע אָנהויב:

— דזשאַ, וואָס וועט איצט זיין?

נאָר דער יונג האָט אים גאָרנישט געקאָנט ענטפערן. וואָס האָט ער געקאָנט רעדן, ווען וויוויאַנס בויך איז אויפגעוואַקסן אַזוי גרויס, וואו וועט ער זי נעמען?

די אַנדערע איינוואוינער, ווי פּראַקטישע מענטשן, האָבן לאַנג, נאָך פאַרן ערשטן מאַי, שוין גענומען שלעפּן פון די ביידלעך אַרויס. בלויז דער אַלטער האָט זיך צו גאָרנישט צוגערירט. אפילו דזשאַ'ן מיט וויוויאַנען האָט ער נאָך אינערגעץ נישט געלאָזט גיין. עפּעס האָט נאָך ערגעץ אין אים געטליעט אַ פונקעלע אַז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דאָ אויפגעבויט, וועט נישט מיטאיינמאָל צעשטערט ווערן. אָבער זעענדיק ווי דער עולם צעקריכט זיך, האָט ער פאַרלוירן יעדן חשק ווייטער עפּעס צו טאָן, ווי ער וואָלט פּלוצים פּאַראַליזירט געוואָרן. און ווען אפילו נישט? וואו האָט ער זיך צורירן?

איין טאָג איז ער געשטאַנען אין אָפענעם טיר'ל אַ שטילער, אַ שווייגנדיקער, ביידע גראָבע פינגער פון די הענט, פאַרשטופּט אין רימען פון די הויזן. ער האָט געקוקט ווי דזשאַ און וויוויאַן גייען אוועק. וויוויאַן האָט אים געקושט און מיט פייכטע אויגן געזאָגט:

— גוד־באַי, פּאַפּ.

דער יונג האָט עפּעס געערדט אַז ער נעמט זי אין אַ הויז פאַר גע־ווינערינס און, אַז ער וועט געפינען אַ ווינקל וועט ער קומען נאָך אים אויך. נאָר דער אַלטער האָט קנאַפּ־וואָס געהערט וואָס דזשאַ זאָגט אים.

דערנאָך איז ער פונקט אַזאַ שטילער, אַזאַ שווייגנדיקער אַרומגע־גאַנגען צווישן די ביידלעך, געקוקט ווי די יונגען שלעפּן אַלץ אַרויס, און דאָס אויסגערוימטע פירן זיי ערגעץ אוועק. אויך דער הויכער קראָופאָרד האָט גענומען אויסרוימען. אַלעמאָל לאָדעוועט ער אָן זיין שטרויען קינ־דער־וועגעלע הויך ביז אַרויף, בינדט עס צו מיט שטריק און רעדלט אויך אוועק. פונקט אַזאַ שטילער איז ער געשטאַנען ווען דער איטאַליענער, וועמען ער האָט יענעם פרימאָרגן פאַרריכט דאָס אייזערנע אייוועלע, גייט אַדורך לעבן אים אַ באַלאָדענער מיט שמאַטעס און מעפּ און אַ קליין, ווייך־געבעטן פוסן־בענקעלע פאַרוואָרפן איבערן אַקסל און זאָגט אים:

אַ שאָד, מיסטער מעיאָר, וואָס זיי טרייבן אונדז אַראָפּ. זיך אַזוי גוט איינגעאָרדנט!

די ביידלעך ווערן ביסלעכווייז לער, און לער ווערן אויך דזשים וועייטס טעג. און ווי לער זיי זענען אַזוי גיך ציען זיי! מיט יעדן טאָג ווערט עס אַלץ נענטער. נאָר דזשים וועייט רירט זיך סאַי־ווי צו גאָרנישט צו. שטילערהייט מורמלט ער צו זיך:

— זאָל זיין וואָס עס וויל! וואוהין וועט ער דען גיין? וואוהין קאָן ער עפּעס נעמען? אַלץ וואָס ער האָט דאָ אָנגעזאַמלט וועט דאָ בלייבן!

אויך דער לעצטער טאָג איז געקומען. מאָרגן איז דער ערשטער מאַי! כמעט אַלע ביידלעך זענען שוין לער. אָפּענע שטייען זיי מיט אויסגעזעצטע שויבן, און דער פרילינג־ווינט וויגט די טירלעך הין און צוריק. אַנדערע האָבן, פון גרוים כעס, נישט נאָר די שויבן צעבראָכן, נאָר די גאַנצע ביידלעך אומגעוואָרפן! אויף אַ זייט ליגן זיי איצט! בערג חורבות! נאָך אַ שטופּ, און זיי פאַלן אַריין אין פרילינגדיק צע־שטראָמטן טייך און שווימען אַוועק ערגעץ, ערגעץ אין אַ גערעכטער וועלט . . .

דער אַלטער דזשים קריכט אַרום צווישן די חורבות, קוקט אין זיי אַריין און טראַכט אַלץ פון דאַן, ווען ער האָט דאָ אָנגעהייבן אַריינצו־שלאָגן ס'ערשטע פּלעקל . . . איצט טוט ער גאָרנישט! דאָס איינציקע וואָס ער טוט יאָ, איז אָפּהיטן טשיקי, דעם איינציק פאַרבליבענעם פריינט זיינעם. ער גיט איר אַביסל וואַסער און אַ פּאָר קרישקעס ברויט. יאָ, טיילמאָל גייט ער אויך־צו צו דער יונגער ווערבע, קוקט אויף די פּיצינקע קנאָספּעלעך, וואָס פייכטלען זיך שוין, אָט־אָט און זיי עפענען זיך און בלעטעלעך טוען ווידער אַ שיס אַרויס!

אַרום אים הוזשען שוין די מחבלים, די מאַשינען אויף ברייטע, שווערע פעסער־רעדער, וואָס וועלגערן דעם באָדן הין און צוריק.

אַ מאַן איז צוגעקומען צו אים, לעבן ביימל, און אים אַרויסגענו־מען פון דער פאַר'חלום'טער קנאָספּן־וועלט:

— און דו, „אַלד־מען", ווען קלייבסטו זיך אַרויס? מאָרגן וועט מען דאָ אויסגלייכן דעם פּלאַץ!

אויך אים האָט דזשים וועייט אָפּגעשוויגן פאַר'עקשנ'ט.

צומאָרגנס אינדערפרי איז אַהער אָנגעפאָרן אַזאַ מחבל. ער האָט

קוים באַוויזן צו כאַפּן טשיקי אונטערן אָרעם און זיך אָפּרוקן!

מיט רוגזה, ווי אַ צעיושעטער לייב אויף זיין קרבן, האָט דער מחבל זיך געטאָן אַ לאָז פון טשיקיס זייט אויפן גאַנצן ביידל און גענומען עס שטופּן אַזוי גאַנצערהייט, פּונקט ווי אַ מעכטיקער ריז — אַ הילפלאָז באַשעפעניש. אַלץ נענטער און נענטער שטופּט ער עס ביז, ביים סאַמע ברעג, האָט דאָס צעטרייסלטע ביידל פאַרלוירן דעם באָדן אונטער זיך און געטאָן אַ צעפּאַל גלייך אויפן וואַסער אַרויף! . . .

איצט האָט זיך דער מאָנסטער צוריקגעקאָלערט אויף די שווערע רעדער און אַזוי רואיק איינגעפּרעסט דעם לעצטן שטיק פּעלז, דעם ערשטן און לעצטן סימן פון דזשים ווהייטס דאַך איבערן קאָפּ.

נאָך אַמאָל האָט זיך דער מאָנסטער אַ קאָלער געטאָן. דאָס מאָל זייטיק. ס'איבעריקע שטיקל פאַרקאַנדל האָט זיך אַוועקגעלייגט און צו־זאַמען דערמיט אויך דאָס יונגענקע ווערבעלע. מיט די דינע וואָרצלען אַרויס, ווי אַרויסגעריסענע געדערים, איז עס געבליבן איינגעפּרעסט פון אויבן, אין אַשיקן באָדן.

אַז דער מחבל האָט אָפּגעטאָן זיינס און אַוועק, איז דזשים ווהייט פּאַוואָליע צוגעגאַנגען צו יענעם אָרט. טשיקי אין איין האַנט, מיט דער אַנדערער האָט ער אויפגעהויבן דאָס צעקוועטשטע ביימל, געזוכט דעם שניט, וואָס ער האָט דערין פאַראיאָרן געמאַכט. נישטאָ! אַ גאַנצס, אַ פאַרהיילטס, איז עס איצט צעמאָלן געוואָרן! די דינע הויט אויפ־געריסן! די קליינע קנאָספּן אויסגעוויקלט אין אַש. בלויז איינס, אַ פּיצלס האָט געפּלאַצט און אַביסעלע גרינס, דער אָנזאָג פון אַ ניי לעבן האָט ליכטיק אַרויסגעוואונקן.

גלייכגילטיק צו אַלץ שוין, רעזיגנירט, האָט ער געלאָזט פאַלן דאָס צעריבענע ביימל. גלייכגילטיק האָט ער געגלעט טשיקין איבערן קעפּל:

— וועל טשיקי, וואו גייט מען איצט? וו—אַ—ו גייט מ—ע—ן אַ—י—צ—ט? . . .

יוסף ראָלניק
אסתר שומיאַטשער
ה. רויזענבלאַט
לייבוש לעהרער
מלך ראַוויטש
אריה שמרי
יעקב צבי שאַרגעל
יעקב שטאָל
ב. ריווקין

יוסף ראָלניק

אָרום מיל

אין דער היים

איך דאַרף קיין רשות פון קיינעמס הענט
ניט נעמען און קיינער קאָן זאָגן: „באַצאָל
מיר אָפּטריט־געלט״. דאָך, פענצטער און ווענט
אַלץ מיינע און מיינער דער שליסל.
איך דאַרף נאָר וועלן אַביסל
און אָפן פאַר מיר איז די שטוב ווי אַמאָל.
דער שלאָג פון די טריט
ווי אויף הארטן גראַניט
איז הילכיק און קיל.
פון אייגענעם ליים
געטאָקט איז דער דיל.
איך בין אין דער היים.
איך וועל דאָ איבערשטיין אַ טאָג
און איבערציילן וואָס איך פאַרמאָג.

מעשה בראשית

די מיל איז פאַרטיק ביזן לעצטן טשוועק,
די באַלמעלאָכעס האָבן אין קאַסטנס און זעק
צונויפגעקליבן דאָס געצייג און אַוועק.
אַזוי איז געווען דעם זעקסטן טאָג אויף דער נאַכט
ווען גאָט האָט די וועלט פאַרטיק געמאַכט.

צוויי קליינע קינדער — שוועסטער און ברודער,
זענען מיט נייעם גערודער
אין מיל אַריינגעלאָפן.
ער האָט געטראָגן שפּענער אַ הויפן,
און זי — אין קלייד קאַרטאָפל.

זיי האָבן דריי ציגל אויסגעלייגט,
א קליינעם פייער פאַנאַנדערגעלייגט
די בולבעס אָפּצובראָטן.
און אַז עס איז זיי געראָטן
האָבן זיי, ווי גאָט אין דער צופרידענער מינוט,
געזען, אַז ס'איז גוט.

אַ פּרימאָרגן

דער טאָג האָט זיך אויסגעלייגט ליכטיק און שטיל.
כאָטש דאָס וואַסער־ראָד אין אַלטער מיל
האָט געקנאָטן דעם פּלוס אונטער זיך,
ווי עס קנעטן בלאָטע צעפּאָרענע שיך;
און פון וויאָרסט־ווייטן דאָרף האָט זיך דערטראָגן
אַ סקריפּ פון אַ ברונעם, און אַן איינציקער וואָגן,
וואָס איז געפאָרן אָנגעלאָדן היי,
האָט געקלעפּעלט מיט גראַבליע און היי־פּרעסער שטאַנג —
איז יעדער דערטראָגענער קלאַנג
געווען פאַר זיך אַליין, און האָט זיך נישט
מיט קיין אַנדערן צונויפגעמישט.
אויף אַ ווייסן וואַסער גרינען אַזוי
אַן אינזל דאָ, אַן אינזל דאָרט,
נאָר יעדערער האָט זיך זיין אייגענעם אָרט.
און אַרום אַלע — גלאַט און ברייט —
ליגט דאָס וואַסער אויסגעשפּרייט.

די פאַרלאָזענע בריק

אין טבת זענען פעלד און טייך
און אַלע גראָבנס פאַרשאָטן גלייך
מיט בלויליכן שניי און קעלט.
נאָר פון געטורעמטער בריק
פאַרווייען ווינטן דעם שניי צוריק;
און פורן פון דער גאַנצער וועלט

שנײַדן איבערן טײַך אַ וועג
(גאָטס בריק רופט מען דאָס אָן).
און דער שטענדיקער וועג איבער דער בריק
ווערט פֿאַרלאָזענער העק.
סײַדן אַמאָל אַ פּוסגייער קאָן
זיך פֿאַרגינען איבער די טרוקענע ברעטער צו גיין
און האַלטן די שטאַטישע שטיוול ריין.
אַזוי זעט אַ נעכטיקער גביר,
ווי ס'האָט זיך פֿאַרקירעוועט פֿון זײַן טיר
די שפע און האָט זיך אָפּגעשטעלט
בײַ אַן אַנדערנס געצעלט.

אַ פֿרעמדער שײַער

ער איז געקומען בעטן אין מיטן טאָג,
דער שכן פֿון דער רעכטער האַנט,
מען זאָל אים העלפֿן אויסגלײַכן די וואַנט
פֿון היי, וואָס האָט זיך מיט איר גאַנצער וואָג
ווי אַ שיכור, צום דיל אַ בויג געטאָן.
מיר האָבן אַלע: דער באַלעבאָס טיכאָן,
די גערונגענע דרעשער זאַלבעדריט,
(איך בין אויך געווען אין דער מיט),
געלאָזן די גאַרבן אויפֿן דיל
און די צעפּעס אין ווינקל שטיין שטיל,
און געגאַנגען העלפֿן יענעם אין נויט.
מיר זענען אַריבערגעקראָכן דעם פּלויט
און געשטאַנען אויף דעם שכנ'ס ערד.
כאָטש דער שײַער איז געווען ווי אונדזערער געבויט,
איז אָבער אינעווייניק אַלץ אַנדערש געווען. דער „טאָרף" מיט היי —
בײַ דער וואַנט וואו בײַ אונדז ליגן סנאָפּעס קאָרן,
און דער בערדיקער גערשטן איז אַזש פֿאַרפֿאָרן
צום סאַמע עק פֿון שײַער, און אַזוי
אויך דער האָבער פֿאַר די פֿערד.
און די גאַנצע משפּחה:

סערפּ, גראַבליע און סאָכע,
די געצייג פאַרן פעלד,
איז ניט ווי ביי אונדז געווען אויסגעשטעלט.

אין יענער נאַכט האָב איך איינשלאָפן ניט געקענט,
איך האָב אַן אַנדער שייער דערקענט.

דער זייגער איז צען

דער זייגער איז צען.
עס איז פרייטיק צו נאַכט,
איך גיי אַרויס זען
וואָס טוט די נאַכט.

אַ שפּעטע שעה.
דער שניי איז שטייף,
דער הימל בלאָ,
די לבנה רייף.

ווי אַ ווירע גלייך
איז ווייסער טראַקט,
דער אייז אויפן טייך
פּאַלט איין און קנאַקט.

צוויי גרינע שטערן
אויפן ווייסן שניי,
מען קען אַזש דערהערן
וועלפיש געשריי.

פון נאַקעטע שפּאַלן,
פון וואַלד געבראַכט,
שלאָגן אָפּ שטראַלן
אין דער נאַכט.

יוסף ראָלניק

דעם פּריץ׳ס טעכטער

דעם פּריץ׳ס טעכטער רייטן אַרויס
אויף ברוינע, דינע פערד.
פאַרנאַכטיקער הימל שווימט איבער זיי,
אונטער זיי שווימט די ערד.

זיי טראָגן קליידער שוואַרצע ווי נאַכט
און וואָלן איבערן געזיכט.
דער „סאַן בערנאַרד" מיטן לאַנגן צונג
שלינגט וויאָרסטן אונטער זיך.

זיי זיצן אין זאָטל ווי אויף אַ באַנק,
די שלעפּעס הענגען אַראָפּ.
די פּנים׳ער קוקן צום זוים פון וועג
ווען עס טראָגן די פערד אין גאַלאָפּ.

זיי זענען פאַרלאָזענע פרויען צוויי,
דאָס ווייס די גאַנצע שטאָט.
די כלה־מיידלעך קוקן זיי נאָך
מיט לייד און אַביסל שפּאָט.

די טורעמס פון שלאָס, די רוקנס פון בערג,
הערן זיך צו צום גאַלאָפּ.
דער סאָד איז אַלט, ס׳איז חודש אָב,
די בלעטער פאַלן אָפּ.

דאָס קלייד

זי איז אַפּגעפאָרן, און אויף דער וואַנט
אין צימער, וואו זי איז דריי נעכט געשלאָפן,
ווי ערשט אַראָפּגעגליטשט זיך פון דער האַנט,
געבליבן הענגען איז איר ראָק האַלב־אָפן.

און צו דעם קלייד נאָכגיביקן און שטומען,
ווען קיינער איז געווען אַ חוץ אונדז ביידן,
אין לערן־צימער פלעג איך קומען
זיך אויס׳טענה׳ן און ריידן.

און ווען דער אַלטער גוי האָט מיר געבראַכט
אַ בריוו, אַז מאָרגן קומט זי אָן,
האָב איך, אַן אויסגעליטענער, געטראַכט:
וואָס האָט ביי אונדז אַן אַנדער פרוי צו טאָן?

מילן

מיין טאַטע פלעגט זיך שפּילן
אין זיין געדאַנק מיט מילן;
מילן אויפן טייך,
מילן וואָס געדרייט
האָט דער ווינט די פליגלען
און געמאַכט אים רייך.
גרויסע זעק מיט תבואה,
זאַשיקעס מיט קאָרן,
באַליינגן אַלע דילן
ביזן דריטן גאָרן.
פון די הויכע היגלען,
פון די ברייטע טאָלן
ברוינע פערדלעך פירן
נייעס ברויט צו מאָלן.
נאָר דעם טאַטנס שפּילצייג
ווי אַ רויך צערינט —
מילן אויפן וואַסער,
מילן אויפן ווינט.

אַלע פּלענער גרויסע,
וואָס ער'ט ניט דערפירט,
האָב איך אין רגע'ס הייסע
אויף דאָס ניי דערשפירט.

די שליוזן זענען אָפן,
די רעדער גייען שנעל,
די לאַנגוויל איז אַנטלאָפן,
די שטיינער גיבן מעל.

און אויך מיינע מילן —
פּאַפּיר און בלויער טינט,
האָט אין גרינגן שפּילן
אוועקגעווייט דער ווינט.

נייעס פון דער היים

אויך ביי אונדז האָט אַמאָל אַזוינס געטראָפן.
דער מייסטער, אַ יונגער און זיכערער אין זיין פאַך,
האָט שפּעט ביינאַכט פאַרן גיין שלאָפן
געגאַנגען זען צי יעדע זאַך
איז אויף איר ריכטיקן אָרט און שטעל,
צי שייערט זיך ניט איין שטיין אָן צווייטן,
דער „קאָם" צי איז פול און צי דאָס מעל
אין קאַסטן וואַקסט אין ווייסע, געטורעמטע בייטן.
און אין דעם שעפּסענעם פעלץ, צעשפּיליעטן און לאַנגן,
איז ער, מיט אַ בלעכענער לאַמטערנע אין האַנט,
די אַפּאַרניע *) אַנקוקן געגאַנגען,
וואו דער פּראַקטיקער איז האָט דאָס וואַסער־ראָד
ארומגענומען פון ראַנד צו ראַנד.
דאָרט האָט אים דער וואָל מיט זיין פּאַמעלעכן טראָט
פאַר דער רעכטער פאָלע געכאַפּט,
און האָט זיך מיט אים געלאָסן און קאַלט
פיר מאָל איבערגעדרייט
און אָן קאַנטיקן באַלקן געקלאַפּט.
אויף זיין פיר־מאָליקן געשריי
האָט מען אָפּגעשטעלט די מיל —
אויך ער איז געווען שטיל.

ניט דורך אַ בריוו און אָפענע רייד
איז מיר די בשורה אָנגעקומען —
פון מויל צו מויל, פאַרשטעלטערהייט

*) די אָפּטיילונג אין מיל וואו די וואַסער־רעדער געפינען זיך.

איז זי צו מיין ברעג צוגעשוואומען.
און כאָטש איך אַליין האָב אַ ראָד געדרייט
און פרעמדן רייכטום געמערט,
האָב איך אויפגענומען זיין בלוט און טויט
ווי איך וואָלט געווען אַ שותף צום שווערד.

ק ר י ג

מיין גאַנג איז פאַמעלעך, מיין וואָרט איז שטיל,
ווייל קריג איז געשטאַנען אין דער לופטן ווי פיל *)
אין מיין טאַטנס מיל.

איין שטיין האָט געביסן אין צווייטן שטיין,
און מענטשן האָבן זיך געריסן ווי חיות מיט ציין
אין מיין טאַטנס מיל.

דער גוי פון דאָרף, דער יידישער שכן
האָבן מלחמות אייביק געפאָכטן
מיט מיין טאַטנס מיל.

אויף דער לאַנגער גרעבליע הין און צוריק
האָט מען שפּאַצירט און מען האָט זיך געקריגט
אין מיין טאַטנס מיל.

די פּאָלעס פאַרריסן — האָט מען אַנטפּלעקט
וואָס דאָרף זיין פון טאָג און מענטשן פאַרדעקט,
אין מיין טאַטנס מיל.

זון האָט ניט געשיינט זיין טאַטן מער,
און שנור איז אויפגעשטאַנען אויף איר שווער
אין מיין טאַטנס מיל.

דער מלוה האָט געריסן פון מיין שוועסטער דאָס קלייד,
געשריען, אַז זיינס איז דאָס מילך און ברויט
אין מיין טאַטנס מיל.

---

*) שטויב.

און איך בין געווען אַ קערנדל קאָרן,
וואָס האָט זיך צווישן צוויי שטיינער פאַרלאָרן
אין מיין טאַטנס מיל.

איך מייד אויס די מענטשן וואָס ריידן הויך,
ווייל עס שטייט פאַר מיר הינטער יאָרן־רויך —
מיין טאַטנס מיל.

גרויער געוואַנט

די פאַבריק איז שטום,
פאַרשלאָסן די טירן,
די לאָדנס, ווי אויף נאַכט,
פאַרמאַכט.
אַרום און אַרום
איז קיינער ניטאָ,
אין יוצא ואין בא.
מען טראָגט ניט קיין גרויען געוואַנט.
מען טראָגט רויט, שוואַרץ און בלוי,
און אַנדערע שאַרפע קאָלירן,
גאָר ניט קיין גרוי,
וואָס קען ניט פאַרפירן.
די פאַבריק איז שטום.
אַרום און אַרום
אין יוצא ואין בא.
קיינער ניטאָ.
נאָר אינעווייניק, הינטער לאָדנס און וואַנט
אַרבעט אַ פלייסיקע האַנט,
וועבט גרויען געוואַנט
וואָס קאָן ניט פאַרפירן.

אסתר שומיאַטשער

ניין חדשים

1

עס וואַקסט אַ לעבן אין מיר.
אין מיינע אויגן וואַקסט דער פּחד
פאַר ערד, פאַר מענטש,
פאַר שטומע, הילפלאָזע געוויקסן,
פאַר דעם האַרבסטיקן געוויין פון גראָזן
און בלייכן שימער פון לבנה אויף די דעכער.

עס ווײַנט אַ מענטש אין מיר —
איך פאַרבײַס די ליפּן,
איך פאַרברעך די הענט אַנטקעגן הימל:
געקרייציקט ברענט אין הייסן וואָלקן מיר אַנטקעגן
אַ מענטש, נאָך אײדערן געבערן!

אַ שיכור'ע פאַרגייט די זון מיט אַ פאַרזויפט פּנים.

זאָל איך ווײַנען, לאַכן אויף אַ פולן האַרצן?
עס וואַרט דאָס היימלאָזע לעבן אויף דיר.
עס וואַרטן תּפיסות, עס וואַרט דער עלענט,
דער גרויל פון תּליון,
דאָס בלוט פון עשאַפאָטן;
דער צער פון בלינדן, און פון וואָרעם.
דער הויקער מיט זײַן שאָטן.
עס וואַרט דער הונגער מיט אַלע זײַנע פיבערן;
דער הימל מיט זײַן בלוי,
און אַלע תּהום'עדיקע נידערן.
דאָס שעכטהויז,
דער חלף,
און די רויז.

און דער סוף פון אַלע סופ'ן:
דאָס אייביקע,

דאָס אומפאַרמיידלעכע,
דאָס מוזן שטאַרבן.

2

דיין לעבן שווימט מיטן טייך פון מיין הארצן.
דער ריח פון דיין ליב איז געמישט מיט דעם הייסן געוויין פון מיין בלוט.
ליכטיקער מיינער,
בלאָנד־לעבן מיינס;
זיסער פיין מיינער —
ליד פון מיין בלוט!

פאַר די זינד פון מיין הארצן,
פאַר מיין צער, בעט איך:
גיס מיך אָן,
צינד מיך אָן,
ווי א גרעזעלע גריינס,
ווי א טראָפּן רעגן,
ווי א וואָלקן איבער א טרוקן פעלד ערד —
כ׳זאָל זיך אָנווערן ווי א שטויבעלע לעבן.

די ערד איז היינט וואך,
און עס וויל נישט שלאָפן גיין מיין טרויער.
א טויב געוויין
טויכט אויף אין מיר —
א הייסע כוואַליע
געוואָרפן פון א שטורעם.
די נאַכט זינקט נידעריק,
דער הימל איז אָן שטערן;
דער ווינט וויגט א פאַרשפּעטיקטן זאַנג אין פעלד.
פּחדים, ווי וועלף, לויפן אָן און שטעלן זיך אַנטקעגן מיין הארצן.
עס ברענען שאָטנס,
צעטראָגן, ווי פייגל, מיין אומרו
אין נאַכט,
איבער קעפּ פון דיביימער.

אין ספקות וואַרפֿט זיך די ערד
און מיין נפֿש.
אַ ניט־געזעענער,
אַ דומם־כוח
וואַקסט אין מיר.
אַט, הייבט עס מיך אַריבער אַלע פֿינצטערע תהומות,
אַריבער אַלע פֿיבערדיקע הימלען —
ווי שטויב,
ווי גראָז,
ווי בליענדיקער קלעווער
פֿלאַנץ איך זיך איבער,
און כ׳וואַקס אַלעמען און אַלץ אַריבער;
און מיט איינמאָל —
עס שליידערט מיך צוריק אַראָפּ אין די נידעריקסטע תהום׳ען,
און פֿינצטערע וואַסערן
דעקן צו מיין קאָפּ.

3

עס שווימט די וועלט אין דיין פֿאַר׳חלום׳טן דמיון,
די זון איז פֿאַר דיר אַ בלינדע זאַך.
זי גייט אויף אין דרימל איעדן פֿרימאָרגן
און פֿאַרנעמט מיט זיך דעם גרינעם טאָג ביים פֿאַרגיין.
עס רעדט די ערד.
איך לייג מיך אַוועק ביי איר צופֿוסן.
אַ זעמדעלע גראָבט זיך איין אין מיין ליב.
עס רעדט מיט מאָך,
און מיט עלענט פֿון שטיין,
און נאָך :
מיט ליב,
מיט בלוט,
און מיט ביין.

נעמסט צונויף די הענטלעך,
ווי אַ פֿלאַנץ אַנטקעגן הימל

פאַרווינגסט דיין האַרץ מיט מיין געוויין.
איך גיב דיר זון,
פּשטות פון רעגן,
ס׳געדויש פון די זאַנגען אין טאָל,
דעם ווינט,
און אַ ליבע
בויגיק ווי שטאָל.

עס,
טרינק,
וואַקס!
גיס זיך אָן מיט לעבן.
דיינע ציינדלעך
זאָלן זיין שאַרף, פלינק,
זאָלסט קענען איינבייסן אַזאַ האַרטע נוס — לעבן.

דיר איז ענג,
ווילסט דיינע פיסלעך צענעמען —
פּויקסטו
אין די ווענט פון מיין ליב!
דו צעפּירסט די הענטלעך
און נעמסט אַרום די ערד.

איך ליג מיין קאָפּ אויפן פייכטן גראָז.
איך לאָז:
די נאַכט,
דער הימל,
די שטערן
זאָלן שווימען מיטן שטראָם פון מיין בלוט.

איך ליג אויף מיין רוקן —
עס רירט זיך אין מיר די גאַנצע ערד.

4

איך צייל די נעכט, איך צייל די טעג, איך צייל די שטונדן —
אויף טויט און לעבן ביסטו מיט דיין נפש צו מיין ליב געבונדן.

איך טראָג דיך, ווי עס טראָגט די ערד אַנטקעגן הימל אירע זאָרגן.
אוי, עס זאָל נישט זײַן, אַז כ׳טראָג דער פֿינצטערניש אַ קרבן!

פֿאַרגאַנגען אין מײַן בלוט איז הײַנט די גאַנצע ערד אין טראָגן —
איך שפּיר, איך הער דײַן וואָרצלדיקן כּוח שלאָגן.

ס׳האָבן הײַנט דער הימל און די ערד זיך אָנגערירט, באַגעגנט,
און אויסגע׳חלומ׳ט וואָלקנדלעך אַפּולע, אַ רעגנבויגן, און אַ רעגן.

אַ ווינט האָט זײַן האַרץ צעוויגט איבער אַלע צווײַגן,
און זיך פֿאַרמאָסטן אין מיטן העלן טאָג צו דער לבֿנה זיך דערקלײַבן.

עס וואַקסט מײַן זאָרג מיט דײַן יעדן ריר, מיט דײַן יעדן רודער:
מען האָט געשמיסן הײַנט, מען האָט פֿאַרפֿײַניקט הײַנט אַ מענטש —
דײַן ברודער.

פֿאַר איעדן בערגל ערד, פֿאַרן ייִנגסטן גראָז איך פֿאַל אַנידער;
איך פֿאַרבערג מײַן האַרץ אַנטקעגן די תּהומ׳עדיקע נידערן.

דײַן לעבן וואַקסט אין מיר ווי ס׳וואַקסן אין מײַן בלוט מײַנע
אויסגעוויינטע לידער —
אין פּחדימ׳דיקע אַנגסטן קוועלן אָן אין טראָגן מײַנע גלידער.

צי וועל איך קענען ענטפֿערן דיר אויף אַלע פֿינצטערע גרוילן —
איך קען אַליין נישט ענטפֿערן זיך, אַ מאַמע פֿון אַ דור אַ נאַקעטן,
אַ דור אַ הוילן.

איך טראָג דיך, ווי עס טראָגט די ערד אַנטקעגן הימל אירע זאָרגן.
אוי, עס זאָל נישט זײַן, אַז כ׳טראָג דער פֿינצטערניש אַ קרבן!

5

אַז איך טראַכט פֿון דײַן לעבן,
וויינט מײַן בלוט, וויינט מײַן האַרץ, וויינט מײַן שׂכל אין מיר.
דאָס לעבן איז הײַנט אומזיסט,
און אומזיסטער נאָך פֿון אַלע חיות און פֿלאַנצן —
דער מענטש.

איך בעט מחילה בײַ דיר און בײַ לײַט.

ווי אויף פּלייטן שפּילט היינט דער ווינט,
עס וואַרפט זיך אין צווייפלען די ערד,
און דער הימל שלאָגט מיט דונערן.
אַ בליץ, ווי אַ פייערדיקע שווערד,
שניידט אויף די ערד ווי אַן עפּל.
מיט שטורם איז פול דיין געביין.
ווי אין אַ פויק הילכן אָפּ דיינע קלעפּ —
ווי עס וואַרפט זיך אין אַנגסטן דיין קעפּל!

איך בעט מחילה ביי דיר און ביי לייט.

איך ליג אויף מיין רוקן,
איך טראַכט:
ווי זאָל איך דיך רופן:
נחמן,
שמחה,
צי בער?
צי זאָל איך צוגרייטן פאַר דיר
אַ שניידערשע שער;
דעם קאָוואַלס פאַרטעך פון לעדער —
די שוסטערשע אָל,
צי די פעדער?
און אפשר גאָר
אַ פאַר שטיוול מיט כאַלעוועס הויכע,
געשנורעוועט ביז צו די קני —
פון פאַרפרי
וועסטו דעפּטשען אין פייכטן טאָרף,
און דער מאָך וועט קילן מיט גרין דיינע אויגן.

ווי אַ רעגנבויגן
גייט אויף דיין לעבן אין מיר!

6

אז דו רעדסט נישט צו מיר אַ טאָג,
וואַרפט זיך אין אַנגסטן מיין האַרץ:

אפשר האָט דיך מיינע אַ פּינצטערע מחשבה פאַרשעמט?
אפשר האָט מיין צונג געזינדיקט אַנטקעגן דיין קומען?
זאָג:
צי האָסטו דעם ווינט פון מיין הארצן פאַרנומען,
און די הימלאָזע פרייד פון מיין וואַנדער געטרונקען?
וואָס פּייניקסטו מיך מיט דיין שטומען?!
— — — — — — — — — — — — — — — —
אין צווייפלען וואַרפט זיך מיין בלוט.

איך גיי מיטן וועג,
ביים האַנט מיט דעם זומער.
מיין הארץ דיר צוקאָפּנס;
שאָטן פון בוים אין די אויגן.
דער ווינט וויגט דיין הארץ אויף אַ צווייג.
עס פאַלן עפּל פון בוים;
עס שמעקט שוין מיט רעגן די נאַכט.
דער הארבסט שטייט אַן אַנגעצונדענער.
די גרילן שפּילן אויס זייער לעצט ליד פון זומער.
אַ בוים לאַכט
מיט אַ גאָלדענעם פּנים
אַנטקעגן הארבסטיקן הימל.
דער ווינט וויגט דיין הארץ אויף אַ צווייג.

נאַכט.
ביסט וואָך.
גליווערים צינדן די נאַכט,
די שאָטנס פון ביימער ציען זיך אויס ביז צו די שטערן —
איך, נאַריש מענטש,
פאַרגים היינט טרערן.

אַ זינד איז גאָר צו טראַכטן היינט וועגן גליק,
אַ חרפּה שטיקט מיך אַרום הארצן,
און קאָפּ מיינער צעוויגט זיך אינעם ווינט,
און פיס מיינע ווילן לויפן, האַסטיק טרעטן,
דאָס לעבן ווינט אַנטקעגן וויגט.

7

איך גיי מיט דיר,
איך טראָג דיך אונטערן הארצן.

עס רעדט דער טאָג מיט בלוט אויף פאָנען.
מיט אויסגעשריי פון אַ צעפלאַגטן קלאַס;
מיט ציין פון אַ באַליידיקט בלוט,
מיט נידעריקן טרויער,
מיט ליבע,
און מיט האַס.

אָרקעסטערן קומען אָן,
אָרקעסטערן גייען —
איך גיי נישט אַליין,
איך גיי מיט דיר,
איך גיי אינצווייען.

עס יובלען היינט
די פשוט'ע,
די מידע.
די, וואָס וויאָנען אין דער פינצטער,
אויסגעדאַרטע לעבנס;
די, וואָס טראָגן די זאָרגן
אין די ציין,
ווי קעץ
זייער קליינוואַרג.

נישט שטורך, נישט קלאַפּ, נישט בייזער זיך —
מוזט וואַרטן!
צי אוים די הענטלעך,
נעם אַרום די מאַרשירנדיקע קעפּ — — — —
אָט, זע:
עס לויפן דיינע פיסלעך איבערן ברוק!
עס רייט אַנטקעגן דיר אַ מענטש מיט בלוט אין אויגן,
מיט פאַנצער און מיט בליי —

מײַן האַרץ קלאַפּט האַסטיק אָפּ:
אײנס,
צװײ,
דרײַ — —
אַ װײנגעשרײ שנײַדט דורך מײַן אינגעװײד
װי שאַרפֿע מעסערס.

איך הײב אויף דײַן האַרץ אַנטקעגן די פּאַנען.
זײ װאָרנען,
זײ מאָנען.
איך טראָג דײַן האַרץ
אַ צושטײער
דעם באַרװעסן לעבן.

אָרקעסטערן קומען אָן,
אָרקעסטערן גײען.
איך גײ נישט אַלײן,
איך גײ מיט דיר,
איך גײ אינצװײען.

8

איך װאַקס,
עקשנות'דיק הײבט זיך מײַן בערגעלע לעבן.
איבער מײַן קאָפּ לאַכט הױך דער הימל.

אין מײַן בלוט
שרײַט דאָס באַרװעסע לעבן,
צעטאַנצט זיך אויף מײַן בערגעלע דער עלנט.

איך פֿאַל צו צום שטויב,
איך זוך אַ טרײסט בײַם װאָרעם.

דער הימל ציט זיך גרוי און אַשיק,
אין מײַן בלוט צעהוידעט זיך אַ גלאָק.
איך פֿאַרנעם:
מהומה,

גרויל,
און אומגליק.
עס יובל'ט א המון,
מיט פינצטערניש אין אלע גלידער.
מיין הארץ הייבט האסטיק אן צו קלאפן,
מיינע פיס — גיין.
אין קיימן פירט מען
דאס פארוויאנטע לעבן פון דער נידער:

די נויט,
דער עלענט —
אין קאמף
פאר פרייד
פאר ברויט,
פאר ברודער־ליבע.

עס יובל'ט א המון,
עס רעוועט די שנאה.
די האק איז שארף.
דער קלאץ איז בלייך.
דער קלאץ איז שטום — — —
מען פירט א יונגלינג צו דער געלאטינע!

די זון, א רויטע, האט זיך א וויג געטאן.
א שאטן האט זיך איינגעבויגן,
קוים אנגערירט דעם שטיינערדיקן שליאך,
טרויעריק געקוקט מיר אין די אויגן,
און זיך ווילד צעלאכט.

אזא שגעון איז מיך הײנט באפאלן!
מיינע אלע חושים שרייען בלינד:
א שלאכטפעלד
ווארט אויף דיר,
יונג־לעבן מיינס!
א תפיסה־וואנט.

א ברענענדיקע תליה.
שאנד,
און שפּאָט;
דער גרויל
פון לינטש,
די אימה
פון עשאַפּאָט.
און טרויעריקער נאָך:
האנדל
מיט ברויט,
מיט ליבע,
און
מיט גאָט.

9

איילעלולו,
וואָס קלאַפּסטו,
וואָס רייסט זיך מיט אימפּעט דיין נפש?

עס וואַרט אויף דיר א פּאָלק אָן עקשן.
עס וואַרט אויף דיר א באָרוועס לשון:
מאַמע־יידיש.

אין מאַמע־יידיש האָט מען די ווייסע ציג פאַרוויגט
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען:

איילעלולו,
דער טאַטע איז געפאָרן האנדלען!
אוי, האנדלען —
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

און ביים שיין פון דער בלויער הבדלה
ציילט ער:
גרעשעלעך,
בעבעלעך,

ס'אָרים פֿאָלק.
אַ ציג,
אַ באָק,
און רענדלעך
פֿולע פּעסער;
אַ האָס,
אַ לאָם,
און אַ פֿאַרבלוטיקט מעסער — — — —

איילעלולו,
איילעלו,
די ווייסע ציג האָט אירע ציגעלעך פֿון לאַנג שוין אָנגעוואָרן
איבער ים'ען,
הינטער בערג,
אין בלוי פֿון טאָלן,
אין כוואַליענדיקן קאָרן,
אויף וואַסערן ביטערע,
אין באָרוועס פֿון דער גאַס,
אויף שווינדל־טרעפּ פֿון שטאָקן,
אין פֿייערן פֿון האַס.
אין קראַנקער דער פֿון זאַמד,
אין מדבר־ערד פֿון יעדן לאַנד.

איילעלו־לו,
איילעלו,
איך גרייט דיר אַ זומער,
איך ניי דיר אַ העמד.
איך זאָרג פֿאַר דיין קומען
אויף אַזאַ ברייטער פֿרעמד.

איילע־לו־לו,
איילע־לו,
איך גרייט דיר אַ זומער,
איך ניי דיר אַ העמד.

ה. ראָזענבלאַט

לידער

אַ בייקע

איך בין דיין זון, דעם מילנערס זון,
און פּראָסט ווי דו און דיינע.
מיין לשון ברייט — פּאָדאָליער סטעפּ,
און פּשוט ווי אוקראַינע.

איך בין דיין פליייש און בלוט און קען
פון דיר זיך ניט באַפרייען:
דאָס לעבן מיינס — א וואַסער־מיל,
דאָס ליד מיינס — ברויט מיט קלייען.

מיין מאַמע, — פון א שטעטלשער,
פאַראָרעמטער משפּחה:
איז קלוג און שיין, וואוילקענעוודיק, —
נאָר ווינציק מזל־ברכה.

דאָס דאָרף, די דאָרפסלייט קען זי ניט
כאָטש סובל זיין אביסל:
מע עסט מיט לעפל הילצערנע,
און אלע פון איין שיסל.

און זי האָט מיטגעבראַכט פון דר׳היים
א מעשה־בוך צום לייענען.
איז פלעגט זי זיצן שפּעט באַנאַכט,
דאָס בלעטערן און וויינען.

עס פלעגן טאַטע־מאַמע אָפּט
זיך קריגן, וועלן גט׳ן.
פלעגט איך א כליפּע טאָן, און — אויס,
מע פלעגט זיך איבערבעטן.

איך בין געראָטן גאָר א סך
אין איר, עליה־השלום:

איך קריג זיך מיט מיין מזל אָפּט,
און בעט זיך איבער — שלום!

מיין זיידע, מיר צו לאַנגע יאָר, ——
אַ הויכער איד, אַ ברייטער, —
צו ניינאונאַכציק פלעגט ער נאָך
זיך דראַפּען אויפן לייטער.

נאָך מיטאָג האָט ער סתם ניט פיינט
צו כאַפּן דאָרט אַ דרימל;
אַ חלום טאָן: — ניט ווייט פון דר'ערד
און נאָענט פאַרט צום הימל.

און איך האָב איינגעגעבן זיך
אין אים, עליו השלום:
מיין וועלט — אַ לייטער־קריבעניש,
מיין גליק — אַ בוידעם־חלום.

מיין באָבע האָדל איז געווען
אַ פרומע און אַ שטילע.
צומאָל קיין דאַווענען ניט געקענט,
קיין טייטש־חומש אפילו.

צו אַכציק פלעגט זי נאָך אַליין
אַ דייזשע ברויט פאַרקנעטן.
און אויפגיין פלעגט דאָס טייג, ווי שוים.
און חלה'לעך — בוקעטן!

דעריבער, — ווען די נאַכט איז בלוי,
און שטערן פול דער הימל —
פאַרשמעקט מיר סטעפּ, אוקריינע, דאָרף;
דער באָבעס ברויט מיט קימל.

מיין פעטער בעריש איז געווען
אַ פישער אַלע יאָרן.
פלעגט כאַפּן פיש און פלעגט מיט זיי
אויף די יאַרידים פאָרן.

אמאָל האָט ער פון שיפל זיך
צום נעץ אראָפּגעבויגן, —
האָט אַ רוסאַלקע, פאַרן באָרד,
אים אין טיף אריינגעצויגן.

און איך, ווי פעטער בעריש, טרייב
זיך אום אויף מוטנע טייכן;
מיין שיפל, — שווער. מיין נעץ איז ליידיק,
און די רוסאַלקעס — ווייכן.

נאָר האָפן האָף איך — איך וועל מיין
רוסאַלקע נאָך געפינען — — —
מיין שיפל, — שאָטן־גרינג און לער,
וועט שווימען, שווימען, שווימען. —

דער שאָטן פון קריות

די לייכטער מיינע — ליימענע,
פון טריבן חלב — מיינע ליכט.
אַ בעטלער איז מיין אורח היינט.
און איך האָב זיך אויף אים געריכט.

וואָרום צווישן אורחים אָרעמע,
פון הינטער־גאַס, געפינט זיך ס׳רוב
אַ—דער, אויף וועמען כ׳האָב געוואַרט:
דער ענו און דער למד־וואָו.

ביי קאָרן־ברויט, געמישט מיט קלייען,
ביים אויסגעווייקטן הערינג־רויג,
וועט ער אמאָל זיך טאָן אַ הייב
און זיך צעשטראַלן פאַר מיין אויג.

דאָס הויז פון אכזר — אויפן באַרג,
און מיין כאַלופּקע — —טיף אין ראָוו.
פאַרבלאָנדזשען וועט אמאָל משיח
צו מיר, ווי היינט דער למד־וואָו.

זיין לייב אין וואונדן, אַן אַ העמד.
די פּיס געשוואָלענע, אָן שיך.
אַ שטעקן און אַ טאָרבע אַש —
דער אָרעמאַן, — וועט זיין משיח.

פון דמיון נאָר אַליין גייט אויף
אַ ליכטיקייט ביי מיר אין זעל:
אַ חלום פון אַ ווייטער וועלט,
אַ זעונג קלאָר און וואָר און העל.

און אין מיין פינצטערניש פלאַמט אויף
מיין האַלב־פאַר׳חרב׳ט הויז — אַ סנה.
דורכזיכטיק ווערט מיין הויט און ביין,
איך הייב אויף מיינע הענט און זע:

די פענצטער ברענען אויפן באַרג,
ווי אויגן פון צורייצטע וועלף:
דאָרט זיצן אורחים אָרעמע.
איך צייל זיי דורך די פענצטער — צוועלף!

איך צייל די שאָטנס דורך די ווענט.
איך צייל און צייל. די צאָל איז צוועלף.
איך צייל די שאָטנס פון די הענט —
אַן אורח פעלט. — געבליבן עלף.

נאָר קיין זאַך ווערט מיר שוין פון אויג
נישט מער פאַרהוילן און פאַרמעקט.
כ׳הייב אויף אַ ברעם, אַ האַנט — און זע
דאָס טיפסטע טיפעניש אַנטפּלעקט.

כ׳דערשפּיר דעם דינסטן שאָטן־טראָט.
מיין אויג ווערט שפּיציק, אויפגעשרויפט: —
י ה ו ד ה א י ש ק ר י ו ת פויזעט בלינד! — — —
ער האָט מיין אורח׳ס בלוט פאַרקויפט!

נאָר אים, מיין גאַסט, דעם אָרעמאַן,
וואָס שלאָפט אויף דר׳ערד, ביי מיר אין קיך, —

באשירמען וועל איך פון המון — — —
מיך קען מען ניט! . . . בין איך משיח!

און שלאָגט מען מיך צום צלם צו, —
פארגיי איך און עס לאַכט מיין בלוט: —
ער שלאָפט ביי מיר אין קיך — דער האַר . . .
און איך בין ער! — — און מיר איז גוט.

דער געבענטשטער

צווישן נעכטן און מאָרגן —
צווויי לענדער אזוינע —
ליגט דאָס לאנד, וואָס הייסט היינט,
א פארוויסטע פון שונא.

צווישן מאָרגן און נעכטן—
א מהלך א ווייטער —
ווי א שטורעם א ווילדער,
באווייזט זיך א רייטער.

— ווער איז ער, דער רייטער,
דער שטורעם דער בייזער?
— דער נביא פון נעכטן,
פון היינט דער דערלייזער.

צווישן נעכטן און מאָרגן —
א מדבר מיט ביינער —— —
דער טויט האָט געאַקערט,
פארזייט האָט ער שטיינער.

— ווער שיקט עס דעם רייטער
צום אומקום אנטקעגן?
— דער רייטער אליין האָט
באשטימט זיינע וועגן.

ער אליין — זיין געשיקטער.
ער אליין — זיין באגלייטער;

— געבענטשט איז דער ערשטער,
געבענטשט איז דער צווייטער.

ער אַליין — זיין באַפעלער,
באַגלייטער און היטער.
— געבענטשט איז דער ערשטער,
דער צווייטער און — דריטער.

צווישן נעכטן און מאָרגן —
בלויז קנאָכן און שטיינער,
— געבענטשט איז דער מדבר,
די טרוקענע ביינער!

נאָכן זאַמד־שטורעם

זאמד און שטויב און ווינט.

דריי שניטער, דריי אין צאָל.
פאַרשניטן ליגט אין טאָל,
אינמיט, ווי אָפּגעברענט —
א דאַך. צעפּאַקטע ווענט.
א פענצטער קאַלט ווי שטאָל.
אין פענצטער הענגט א ליכט,
א גרויע קוליע פלאַקס,
א קאָפּ, צוויי הענט פון וואקס: —
די נויט, די בלינדע נויט,
מיט אויגן, טריפוואקס־רויט, —
זי שפּינט און שפּינט און שפּינט —
א טאָרבעלע אויף ברויט,
תכריכים פאַר א קינד,
ניין איילן יאָרצייט־קנויט — — — —

זאַמד און שטויב און ווינט.

שטילע נאַכט

די נאַכט, זי קוקט אַרונטער
מיט הונדערט טויזנט אויגן:
דער ים האָט פיש און פּערל,
די ברעגן — זאַמד און רויגן.

אין ים אַ פישער־זעגל,
פאַרשנייט פון דער לבנה: —
די נאַכט איז פול מיט שטערן,
די שטילקייט — מיט סכנה.

דער ים־ווינט ציט דעם זעגל,
דער פישערמאַן — די נעצן: —
דער ים האָט פיש און פּערל,
און איך דאַרף ס'העמד פאַרזעצן.

די נאַכט האָט שלאָף און שטערן,
דער ים־ברעג — זאַמד און רויגן
און קליינע פישער־שטיבלעך,
מיט טריב־פאַרבענקטע אויגן.

לייבוש לעהרער

מ. ל. האַלפּערנס „משה לייב"

1

פיר יאָר זינט מ. ל. האַלפּערן איז פון אונדז אַוועק. פיר יאָר, וואָס איצטיקע וועלט־געשעענישן האָבן אָנגעפּראַפּט איבער די ברעגעס מיט ריזיקע שטראָמען צייט און ברוך־שטיקער פון ווייט־לויפנדיקע עפּאָכעס. פיר יאָר, פולע, איבערפולע לאַנגע יאָרן, און דאָך, די אויפטרייסלונג פונעם ערשטן געשריי „האַלפּערן—טויט" האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן איינגעשטילט. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן, געבליבן הענגען, און קען צו זיך נישט קומען.

איז דאָס דערפאַר ווייל ער איז געווען אַזאַ קרעפטיקער פּאָעט? איז דאָס דערפאַר ווייל ער איז פון אונדז פאַרשניטן געוואָרן אַזוי אומגע־ריכט און אַזוי יונג? דאָס און נאָך עפּעס.

איך האָב דאָס געפיל אַז די בשורה פון האַלפּערנס טויט האָט אַרויסגערופן נישט אַזוי וויִיט טרויער ווי פאַרווירונג, צערודערונג, עפּעס אַזוי ווי זיכערע געזעצן וואָלטן ערגיץ וואו לויז געוואָרן, עפּעס אַזוי ווי דאָס אייגענע מזל וואָלט זיך פאַרלוירן אינעם אָפּגרונט צווישן „יאָ" און „ניין". פאַרוואָס זאָל גראָד האַלפּערנס טויט אַזוי שוידערלעך אויפ־ברויזן די שטילסטע ווינקלען פון מענטשלעכן געמיט?

אַ מענטש מיט גרויסע שאַפנדיקע כוחות? יאָ, אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. האַלפּערנס אימפּולסיווער „קלאַפּ אין טיש", דאָס תאווה'דיקע איינבייסן זיך פון זיין וואָרט, דער אַטאַקירנדיקער ברי פון זיין סאַרדאָנישער גרימאַסע, דאָס איז דאָך אי דער זאַפט, אי דער קערן פון לעבעדיקן פונקציאָנירן. דער גאַנצער מין האַלפּערן וואָרצלט אינעם טיפסטן „יאָ"־שיכט וואָס לעבן פאַרמאָגט. האַלפּערן און טויט, דאָס איז עפּעס חוץ לדרך הטבע, ס'איז אַ סתירה וואָס דער עלעמענטאַרסטער חוש פאַר לעבן קען נישט סובל זיין. האַלפּערן און טויט — עפּעס ליגט אין דעם אַן אָפּלייקענונג פון פונדאַמענטאַלע זיכערקייטן, און יאָגט אָן אַ באַוואוסטזיין פון פּאָטענציעלע קאַטאַסטראָפעס אויף זיך אַליין.

די ספּעציפישע קוואַליטעט פונעם רושם וואָס האַלפּערנס טויט האָט געמאַכט נעמט זיך, דעריבער דער עיקר פונעם באַזונדערן טאָן פון זיין ליד, פון די אַרויסשטאַרנדיקע כאַראַקטער־שטריכן פון זיין

פּערזענלעכקייט. בלויז אין אַזאַ ליכט קען איך פאַרשטיין די געפיל־אויסדרוקן וועגן מ. ל. האַלפּערן וואָס איך האָב געהערט פון זיינע געטרייע לייענער אויף ביידע זייטן ים. פאַראַן אין די דאָזיקע געפילן נישט בלויז רעספּעקט, אָפּשאַצונג, באַוואונדערונג, אָדער וואַרעמע קריטיק. ס'איז עפּעס גיכער אַ פּערזענלעכע באַציאונג צו אומקאָנטראָלירטע נאַטור־כוחות וואָס בינדן צו און שרעקן אין דערזעלביקער צייט — לעבן.

איז מילא, דאָס איז מ. ל. האַלפּערן. און דער וואָס האַלט אַז ער האָט געהאַט אין זיין רשות אַ רייך קינסטלעריש פאַרמעגן — און איך גלויב אין דעם זער שטאַרק — אַזאַ מענטש קען בלויז פעסטשטעלן דעם פאַקט און פּטור. מען קען אים באַשרייבן אַזוי אָדער אַנדערש, מען קען אים כאַראַקטעריזירן בעסער, ערגער, אָבער אורזאַכלעך פאַרשטיין, וויסנשאַפטלעך דערגרונטעווען — קיין שום דערקלערונג — ביים איצטיקן צושטאַנד פון דער וויסנשאַפט — קען נישט אַרויסנעמען מער וויפיל זי וועט אַליין אַריינלייגן. אַזאַ איז די לאַגע אויף וויפיל מיר האָבן אין זינען דעם תוך, דעם תוך פון שאַפנדיקע כוחות בכלל.

אַביסל אָפּטימיסטישער קענען מיר זיך פאַרגינען צו זיין ווען מיר ווילן פאַרשטיין די סיבות וואָס האָבן די דאָזיקע פּאָטענציעלע כוחות פאַרוואַנדלט אין קינעטישער ענערגיע, ווען מיר ווילן באַנעמען די מאָטיוון וואָס האָבן דעם קינסטלערישן שטראָם איינגעשפּאַנט און איינגעראַמט אין באַשטימטע פאָרמען. וואָס איז געווען דער פירנדיקער מאָטיוו פון האַלפּערנס לעבן? וואָס איז געווען די כאַראַקטעריסטישע שייכות־סיסטעם אין וועלכער ער האָט זיך באַוואויגן? און וואָס איז באַשטאַנען דער קלעם פון זיין אינווייניקסט לעבן פון וועלכן ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען?

די לעצטע פראַגע איז נישט קיין סינאָנים פון די פריערדיקע, און נישט צוליב רעטאָרישע צוועקן איז זי אַוועקגעשטעלט געוואָרן. דער פאַרלאַנג צו באַפרייען זיך פון אַ קלעם איז נישט בלויז כאַראַקטעריסטיש פאַר מ. ל. האַלפּערן. אין דעם באַשטייט אייגנטלעך דער שטענדיקער אימפּעטיקער דראַנג וואָס שטורעמט אויף דאָס גייסטיקע לעבן פון יעדער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. צווישן פאַרלאַנג און דערגרייכונג ליגט אַ תהום וואָס נישט אַלעמאָל קען מען אים אַריבערשפּאַנען. און פאַרלאַנגען טויזנטער, מיליאָנען, טויכן אויף און פאַרשווינדן, טייל אין דער פרייד פון דערגרייכונג, טייל אינעם טרויער פון דורכפאַל. פאַרלאַנגען

משה לייב האַלפּערן — פון אים אַליין געצייכנט

נראָבן אין דער טיפעניש און שפּרינגען אויף דער אויבערפלאַך. טייל האָבן בלויז אַ קליינע שייכות צווישן זיך, אַנדערע שליסן זיך צונויף אין פולער האַרמאָניע, נאָך אַנדערע ציִען אין פאַרקערטע ריכטונגען, זענען בטבע סתירה׳דיק און בויען אויף די גרויסע מענטשלעכע דראַמע פון שטענדיקע אינווייניקסטע קאָנפליקטן.

וואָס איז געווען האַלפּערנס אינערלעכער קאָנפליקט מיט וועלכן ער איז לכתחילה אַריינגעקומען אין דער וועלט פון דיכטערישן שאַפן? און ווייל איך בין פאַראינטערעסירט אין אָט־דעם לכתחילה׳דיקן מאָטיוו־קאָנפליקט מיט וועלכן ער האָט זיך באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור, וועל איך זיך אינעם דאָזיקן אַרטיקל בלויז אָפּשטעלן אויף דער ערשטער פּעריאָדע פון זיין שאַפן. דאָס איז די פּעריאָדע וואָס שטייט צום נאָ־ענסטן צו די ספּעציפישע איינפלוסן פון זיין קינדהייט און יוגנט, אַ צייט וואָס שאַפט און פאָרמירט דעם לעבנס־מאָטיוו פון אַ מענטשן. צום גליק איז דאָס אויך, אין האַלפּערנס פאַל, אַ פּעריאָדע וואָס ער האָט אַזוי שאַרף אויסגעדריקט אין זיין ערשט בוך „אין ניו־יאָרק“.

2

דער צוגאַנג צו מ. ל. האַלפּערן וואָס איז מיר צום ליבסטן וואָלט זיך געגייטיקט אין אַ קלאָרער, דעטאַלער ביאָגראַפיע, אַ ביאָגראַפיע וואָס זאָל בולט פאַרצייכענען זיינע ערשטע פוס־טריט אויפן צעפלאָסענעם, שטויביקן וועג פון לעבן. אַזאַ ביאָגראַפיע איז נישטאָ, און דאָס איז אַ גרויסער שטער. אָבער פון די אַלגעמיינע שטריכן וואָס מיר געפינען אין רייזענס לעקסיקאָן, פון די ביאָגראַפישע נאָטיצן וואָס מיר געפינען ביי אליעזר גרינבערגן (אין ערשטן פון די לעצטע צוויי בענדער האַלפּערנס לידער), און אויך ביי די אויף וועלכע גרינבערג איז זיך סומך (יעקב מעסטל, ה. מ. קייזערמאַן, יצחק בלום, מ. דאַנצים), לאָזן זיך אַרויס־שיילן עטלעכע פּרטים וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף די הינטערגרונט־מאָ־טיוון פון האַלפּערנס טאָן און אינהאַלט.

ער איז געבוירן געוואָרן, און געלעבט די ערשטע צוועלף יאָר פון זיין לעבן, אין אַ קליין שטעטל אויף יענער זייט ים. דאָס איז איינס פון יענע שטעטלעך וואָס זענען אונדז גאַנץ גוט באַקאַנט מיט זייערע איינגע־וואָרצלטע, גע׳ירשנ׳טע פאָרמען. מיט זייער זיכערן לעבנס־שטייגער, מיט זייערע אָנגענומענע עסטעטישע און עטישע מאָסן, מיט זייער איינגע־

שטעלטער מאַראַל פאַר האַנדלונגען און געדאַנקען. און פונקט ווי פלי־סיקער מעטאַל נעמט אָן דאָס פאַרגליווערטע געשטאַלט פון דעם פורעם אין וועלכן מען גיסט אים אַריין, אַזוי ווערט אויך די פערזענלעכקייט פון אַ מענטשן איינגעצאַמט און אויסגעדריקט אין אייגנאַרטיקער רעליעפ־קייט אין דעם האַרטן פורעם פון אַזאַ מין סביבה.

צוועלף יאָר צייט, די סענסיטיווסטע יאָרן פון אַ מענטשן, האָט דאָס שטעטל אויסגעהאַמערט יענעם טייל פון האַלפּערנס גייסטיקער פיגור וואָס סאָציאַלע ירושה באַשאַפט. אָבער פלוצלונג איז אין זיין לעבן פאַרגעקומען אַ טיפער איבערברוך, אַ געוואַלטרים, וואָס האָט געמוזט האָבן די ווייטגייענדיקסטע קאָנסעקווענצן. ער איז אַוועק קיין ווין, פון אַ כאַראַקטעריסטיש ייִדיש קליין־שטעטל אין אַ טיפּישער וועלט־שטאָט, פון אַ שטייענדיק, איינגעגרענעצט ייִדיש־לעבן אין אַ נייער און פרעמ־דער גוי'אישער סביבה. עס איז נישט געווען קיין כסדר'דיקער מאַרשרוט, אַפילו נישט קיין נאָרמאַלער וואַנדער־וועג פון אייגענע צו אייגענע אין צוויי באַזונדערע סביבות. עס איז געווען אַ שפרונג איבער אַ תהום צווישן צוויי אָפּגעריסענע וועלטן: פון אַלטן חדר צו פוט־באַל און טאַנץ, פון היימישן, איינגעטוליעטן ישוב אין דער צעשוואומענקייט און פאַר־לוירנקייט פון דער גרויס־שטאָט, וואו די דראַמע איז ניי, די אַקטיאָרן פרעמדע, און די ראָלע וואָס ער האָט געדאַרפט שפילן האָט אָפּגעלייקנט די פריערדיקע און פון איר חוזק געמאַכט.

צען יאָר האָט ער געלעבט אין ווין, די בליענדיקע יאָרן פון דער יוגנט־צייט. די קינדהייט אין זלאַטשאָוו, די יוגנט אין ווין. האָט זיך דער זלאַטשאָווער אַנקער אָפּגעריסן פון נאָענטסטן באָרטן, געבליבן הענ־גען אַ צאַפּלענדיקער אין חלום פון אַ פאַנטאַסטישער צוגעבונדנקייט. אין דער נייער, פרעמדער סביבה האָבן זיך אַלע מאָסן געביטן. די ערד האָט געמאַניעט מיט ליכט און שוימיק לעבן, אָבער זי האָט קיין ווייכקייט נישט פאַרמאָגט פאַר וואָרצל און בליאונג. זלאַטשאָוו און ווין האָבן גע־נומען לעבן אין אים צוויי באַזונדערע לעבנס, לעבנס וואָס מוזן זיך אָנ־ברוגז'ן ביי יעדער באַגעגעניש, און קענען לויט זייער טבע קיין שלום נישט מאַכן.

וואָלט האַלפּערן געווען אַן אינטעלעקטועלער טיפּ, אַט־דער וואָס קען זען די סינטעטישע פעדים וואָס בינדן צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אַט־דער וואָס קען זיך באַרואיקן אין לאָגישע, אָדער אַפילו קינסטלעריש־פאַרטראַכטע פאָרמולעס, וואָלט ער דאָס געווען וואָלט ער אפשר געקענט

אויפכאַפּן די נאָענטקייט אין דער ווייטקייט פון צוויי פרעמדע לעבנס־שטייגערס. אָבער דאָס איז ער נישט געווען, האָט די וואונד פונעם קאָנ־פליקט געריסן אַלץ טיפער, אַלץ שאַרפער, און געבלוטיקט נישט צום פאַרהיילן.

ווען ער איז אין צוויי און צוואַנציקסטן יאָר צוריקגעקומען קיין זלאָטשאָוו האָט ער געמאַכט דעם ערשטן אַריינטריט אין דער יידישער לי־טעראַטור. א פאַרוואָגלטער, א פאַר׳גוי׳אישטער און פרעמדער פון ביידע וועלטן, האָט ער געפונען א דערוויילקן אויסוועג נישט אין עכטן היי־מישן יידישן לעבן, נאָר אין א געפונענעם סוראָגאַט, אין דער יידישער פּאָעזיע. אָט־דאָס אַפּרייסן זיך פון עכטער סביבה׳דיקער איינגעוועבט־קייט איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע, די יאָרן וואָס זענען געקומען גלייך נאָך זיין אומקער קיין זלאָטשאָוו. די וואונד איז געבליבן א נישט פאַרהיילטע און זי שרייט אַרויס מיט צאָרן און פאַרצווייפלונג פון יעדער שורה פון האַלפּערנס ערשטער פּע־ריאָדע.

אָט רעדט ער מיט אַזאַ גיפטיקער שנאה וועגן דעם „פּרומאַק", און אָט גיסט ער אויס זיין עקל אויף „יידישע טעכטער וואָס שלאָפן מיט גוי׳אישע הינט". אָט מאַכט ער חוזק פון גוי׳אישן גאָט, פון יויזל און צלם, און אָט ווערט ביי אים דער גלאָקן־קלאַנג א סימבאָל פון שיינקייט, רו און דערהייבנקייט. עס איז אמת, אַז אין דער דאָזיקער ערשטער פּע־ריאָדע איז ער אָפטער געגנויגט זיך צוצעטוליען צום לעבנס־שטייגער פון זיין קינדהייט, אָבער ער טוט דאָס על פי רוב דורך דער פּאַטאָלאָגישער נעגאַטיוויסטישער שטעלונג צו זיין שפּעטערדיקער יוגנטלעכער ספערע.

ס׳גייט איבער דער גוי ווען ער שיכור׳ט זיך איין
פון קוש ביז צו מאָרד ווי פון בראָנפן צו וויין.

אַזוי פלעג זיין מאַמע זאָגן, און ער איז מסכים דערמיט, און ווי אין יעדער עקסטרעמער נעגאַטיוויסטישער שטעלונג ליגט דאָ אויך מסתמא די זינדיקע נייגונג וואָס מען וויל פון זיך דערווייטערן דורך פאַרשעלטן זי. שוין צו אָפּט ווערט ביי אים, אין זיין בוך „אין ניו־יאָרק" דער־מאָנט די אַנטי־גוי־אישקייט, און גיפטיק אונטערגעשטראָכן. דאָס איז אפשר דער בעסטער עדות פון א טיף־דרינגענדיקן קאָנפליקט מיט וועלכן עס איז שווער צו לעבן און נאָך שווערער זיך פון אים צו באַפרייען.

דאָס איז אייגנטלעך דער זעלביקער קאָנפליקט וואָס, אויף די אַנדערער זייט, קילט ער זיך מיט דער טראַציקער הנאה:

אז ברענענדיק און הארב אזוי
ווי ביי א שיסל פרישן כריין
זאָל האַרב זיין דער פּרומאַק וואָס וועט
אין מיינע דלד אמות שטיין.

האַלפּערן איז דער איינציקער יידישער דיכטער וואָס ביי אים האָט דער שטייגער־קאָנפליקט אָנגענומען אַזאַ פּערזענלעכע טראַגישע פאָרם.

אָט־דאָס, פּאַרשטיי איך, איז דער אומבאַוואוסטזיניקער פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט פון האַלפּערנס אַליין־מאָטיוו וואָס שרייט און יאָמערט אַרויס אַזוי אָפט פון זיינע שורות אין יענער צייט. עס איז דאָס געפיל פון אַ מענטשן וואָס איז נאָך אַ שיפבראָך אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף אַן אָפּגעזונדערטן ראַנד פון דער וועלט וואו עס זענען קיין וועגן נישטאָ וואָס זאָלן אין ערגעץ פירן. און דאָרט, אפילו ווען דער געליטענער איז אויסדערוויילטער פון זיין דור,

איז דער נביא אויף אַ שטיין געזעסן
ביז ער איז אַליין אַ שטיין געוואָרן.

אַ שטיין, דער שאַרפסטער פאָלקסטימלעכער סימבאָל פונעם פיין פון סאָציאַלער אָפּגעריסנקייט. אין געוויסע פאַלן פירט דאָס צו פּאַטאָלאָגישע פסיכישע צושטאַנדן. אָבער אויך די דיכטערישע וועלט פון סאָציאַלסטן סימבאָל, פון וואָרט, איז בכוח אָפּצעציען די בריענדיקע האַרבקייט פון דער וואונד און איינוויגן דאָס געמיט אינעם אייגענעם געשריי.

האַלפּערן, דער שטאַרקער, מיט זיין קריגערישער שטים, מיט זיין בראַוואַדאָ־שטעל, מיט זיין ליד פון שווערסטן מעטאַל, ווי ווייך און הילפלאָז ער האָט זיך געוויזן אין מאָמענטן ווען דער „אַליין" האָט אים באַצוואונגען. מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר צוריק — די פּעריאָדע פון זיין לעבן וועגן וועלכער איך שרייב איצט — איז מיר אויסגעקומען אים אָפט צו באַגעגענען און נאָענט מיט אים צו פאַרברענגען. דער אָנהייב און דער מיטן פון יעדן שמועס איז געווען וואָרט, ליד, אָבער דער סוף איז געווײנטלעך באַשטאַנען אין אַ לאַנגער שווייגנדיקער הפסקה. און וואָס קרעפטיקער און ליידנשאַפטלעכער עס זענען געווען די רייד, אַלץ לענגער, שווערער און אָפּגעריסענער איז געווען דער שווייג־

דיקער פינאַל. איך האָב אים דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען. איך בין זיכער אַז ער אַליין אויך נישט. איינס האָב איך יאָ געפילט: כאָטש ער האָט אין זיינע רייד דירעקט און אומדירעקט אַרויסגעבראַכט זיין „אומרו פון אַ וואָלף", איז אָבער אין די שווייגנדיקע פינאַלן געבליבן בלויז די „אומרו", דער „וואָלף" איז פאַרשוואונדן.

ביי איינער אַזאַ באַגעגעניש האָט ער מיר פאָרגעלייענט אַ ליד וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט אָנגעשריבן. דאָס ליד געדענק איך שוין נישט. איך האָב דעם איינדרוק אַז ער האָט עס שפּעטער אין זיינע ווערק נישט אַריינגענומען. אָבער איין שורה ליגט מיר נאָך ביז איצט אין זכרון. איך קען נישט קאַווירן פאַר אַבסאָלוטער פּינקטלעכקייט, אָבער אומגעפער האָט זי זיך געלייענט אַזוי:

„און ווען אין דער נאַכט, דער שטאַרקער וויינט, ווער הערט?" — ער האָט געלייענט, און איך האָב געקוקט אויף זיין פּנים, אויף זיין מינע, אויף זיינע באַוועגונגען, אויפן גרויען בליק פון זיינע אויגן, און דערפילט אין די רייד אַ מין פּינקטלעכע דעפיניציע פון זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט. אַ שטאַרקער, אָבער הילפלאָז אין זיין גבורה. אַ שטאַרקער, אָבער נאָך שטאַרקער איז דער קלעם פון די כוחות וואָס ראַנגלען זיך אין אים. און ווען ער וויינט, ווער הערט? קיינער נישט. איך האָב מורא אַז ער אַליין אויך נישט.

3

יידיש און יידישע פּאָעזיע זענען ביי אים געבליבן דער איינציקער סוראָגאַט פון אַ לעבן וואָס האָט געבויט און פאָרמירט זיין פּערזענלעכקייט די ערשטע פולע צוועלף יאָר פון זיין קינדהייט. אין זיין פאַרלאַנג צו פיילן די שפּראַך און צו באַפרייען דאָס ליד פון די הינקענדיקע אינווערסיעס פון פריערדיקע דיכטער, איז זיכער געלעגן דער איינפלוס וואָס אויף אים האָבן געהאַט היינע און ליליענקראָן. אָבער אין דער הייסער ליידנשאַפט וואָס ער האָט אין דעם אַרויסגעוויזן האָט זיכער געשפּילט אַ גרויסע פּסיכאָלאָגישע ראָלע די „יידישקייט" צו וועלכער עס האָט אים אינווייניק געצויגן. עס איז געוואָרן אַ מין פאָרמעלע צוגעבונדנקייט צום סוראָגאַט ווען דאָס עכטע לעבן איז דערווייטערט. „ליידנשאַפט" איז באמת צו שוואַך צו כאַראַקטעריזירן דאָס דאָזיקע שטענדיקע, ברענענדיקע, אומאויפהערלעכע רייסן זיך צו האַמערן, שמידן

און איבערשמידן וואָרט און שורה, דאָס דאָזיקע רייבן און שייערן און פּיילן און פּוצן אָן אַ שיעור, אָן אַ סוף. און געצויגן האָט אים — און דאָס לאָזט זיך אויך פאַרשטיין — צום פּראָסטן וואָרט, צום פאָלקס־טימלעכן אויסדרוק, אפילו צום גאַסן־טערמין. וואָרים סיי דאָס געבוי־רענע, סיי דאָס געוואָרענע אין אים האָבן אין אַזאַ גאַנג געפונען דעם פּאַסיקן אויסוועג. האָט ער די געפליגלטע פראַזע פיינט געהאַט ממש שנאת מות, און ער האָט מסתמא אַליין נישט באַמערקט אַז ער באַצאָלט צו טייער פאַר דער דאָזיקער עקסטרעמקייט. דאָס זעט זיך בולט אַרויס אין זיין באַציאונג צו פאַרגלייכן און מעטאַפאָרן, די גויטוועגדיקע שפּראַכלעכע מיטלען פון קינסטלערישן צוגאַנג.

אין גאַנצן בוך „אין ניו־יאָרק", אַ בוך פון 298 זייטן, געפינען זיך בלויז 183 מעטאַפאָרן (דערין שלים איך אויך איין די פאַרגלייכן). דערפון דאַרף מען אַראָפּרעכענען יענע מעטאַפאָרישע אויסדרוקן וואָס זענען איינגאַנצן, אָדער כמעט איינגאַנצן, גענומען פון דער פאָלקס־שפּראַך, וואָרים זיי האָבן דאָך שוין פאַרלוירן דעם ספּעציפישן פיגוראַ־טיוון טעם און געהערן שוין צום „פּראָסטן לשון". דאָס זענען אַזעלכע אויסדרוקן ווי „שיינט ווי די זון", אָדער „צעגיין ווי אַ רויך", אָדער „ער פאַריאָגט זיי ווי הינט", א. ד"ג. אַזעלכע זענען פאַראַן 86. הייסט עס אַז אייגן געשאַפענע מעטאַפאָרן זענען פאַראַן אין בוך 97. דאָס מאַכט אויס אומגעפער איין פיגור אויף יעדע דריי זייטן. אַזאַ קאַרג־שאַפט איז שווער צו געפינען ביי פּאָעטן, אפילו ביי אַזעלכע וואָס שטייען גאַנץ ווייט פון האַלפּערנס מדרגה. קענטיק אַז ער האָט כמעט ווי איג־נאָרירט די דאָזיקע געוואַלטיק ווירקזאַמע קינסטלערישע געצייג. פאַר־וואָס? ווי אַזוי מיר זאָלן אָט־די אייגנשאַפט האַלפּערנס נישט דערקלערן, דאַרפן מיר זיכער אַריינגעמען אין חשבון די טענדענצן אויף וועל־כע איך האָב פריער אָנגעוויזן. אי די נייגונג צו פאָלקסטימלעכער פּראָסטקייט, אי די פאַרביסענע שנאה צום געפליגלטן צוק, קען, אויף אַ געוויסן אופן, אַפּקילן אַ דיכטער פאַר די ספּעציעלע פאָדערונגען פון פיגוראַטיווער שאַפערישקייט.

אָבער אַזאַ דערקלערונג איז דורכאויס נישט גענוג דעם ענין גרינט־לעך צו פאַרשטיין. פאַראַן אַ טיפערע שיכט אין זיין פערזענלעכקייט וואָס קען אונדז אין דעם פּרט אַרויסהעלפן. איך האָב פריער באַמערקט אַז האַלפּערן איז נישט געווען דער אינטעלעקטועלער, סינטעטיזירנדיקער טיפּ וואָס קוקט אין עטלעכע ריכטונגען אין דער זעלביקער צייט, וואָס

בינדט צונויף אָפּגעזונדערטע פּעדים אַרום אַן איינציקן קערן, ווייל ער זעט אַן איינציקן קערן אין דער פילקייט פון דער וועלט. ער איז גע־וועזן דער מאָמענטאַל־אימפּולסיווער טיפּ, דער וואָס ווערט גערייצט דער עיקר פון די נאָענטסטע, דירעקטע סטימולן אין רוים און אין צייט, דער וואָס זיין אויער עפנט זיך ברייטער פאַר די קלאַנגען פון געשעענישן, און האָט קיין געדולד נישט פאַר די פאַרקלאַנגען און נאָכקלאַנגען. דער־מיט האָב איך געוואָלט דערקלערן די באַזונדערע שאַרפקייט פון זיין אינוווייניקסטן קאָנפליקט. אָבער גראָד די סינטעטיזירנדיקע אייגנשאַפט איז פונדאַמענטאַל נייטיק אין שאַפנדיקער מעטאַפאָריק. דער מעטאַפאָ־רישער דורכבליק לאָזט זיך נישט שפּאַנען פון מאָמענט און פון די־רעקטן חוש־איינדרוק, און זעט ענלעכקייטן, אייגנשאַפטן, באַציאונגען, און שייכות׳ן דאָרט וואו דער באַלדיקער סטימול ווייזט דערפון קיין שום סימן נישט.

אין פלוג זעט אויס האַלפּערנס נעגאַטיווע באַציאונג צו שאַפערי־שער מעטאַפאָרישער בילדלעכקייט ממש אַ רעטעניש. ער, וואָס האָט אַזוי ליבטיק און בולט געזען, ער, מיט זיין מאָלעריש־רייכער פאַנטאַזיע און ברייט אויסגעשפּרייטן זע־פעלד, פאַרוואָס זאָל זיין מעטאַפאָריש אייגנס זיין אַזוי קאַרג, אַזוי אָרעם? אָבער ס׳איז קלאָר, ער האָט, צו־ליב זיין טבע, געמוזט באַנוצן זיינע בילדער אויף אַן אַנדער אופן, און פאַר אַנדערע צוועקן. ער האָט זיי געהאַלטן אין אַ מין אָפּגעשלאָסענער איינזאַמקייט, דערווייטערט אפילו פון די קוואַלן פון וואַנען זיי זענען אַליין געפלאָסן. דערפאַר איז אים געוועזן אַזוי נאָענט די פּאַראַבאָלישע פאָרם, וואָס ביי אים איז דאָס אַ ליד וואָס איז אַ קלאָרער משל אויף עפּעס, אָבער עס פעלט דער נמשל וואָס זאָל עס בינדן, פאַרפיקסירן. אַ נאַאיווער לייענער זעט אין אַזאַ ליד מיסטיק, און זיין ראַציאָנאַליזירנ־דיקער שׂכל שטעלט דעם דיכטער די אָפּטע קשיה: וואָס האָט ער גע־מיינט? די דאָזיקע פראַגע פאָדערט אייגנטלעך פונעם דיכטער צו זיין מעטאַפאָריש וואו ער האָט דאָס לכתחילה נישט געהאַט בדעה צו זיין. אַזאַ דיכטער „מיינט״ נישט, ער ווערט בלויז געמיינט, ער אַליין איז דער „געמיינטער״, אין יעדן בילד וואו אַלץ איז משל און אַלץ איז נמשל.

די פאַראַבאָלישע פאָרם איז ביי אים זער אָפּט פאַרטראָטן. טיילמאָל איז דער נמשל אויף דער האַנט, טיילמאָל נישט. דאָס אינטערעסירט אים נישט געוואוגנ. טיילמאָל איז ער בלויז אויף אַ האָר אָפּגערוקט פונעם מע־

טאפּאָרישן איינפֿאַל, אָבער אָנשטאָט אַריבערצוטרעטן די האָר לאָזט ער זיך אָוועק אויף אַ לענגערער פּאַראַבאָלישער עקסקורסיע. ווי למשל:

צו שיין איז זי געווען?
חכמים איר, —
הייבט אויף די אויגן צו דער זון. איר קענט?
העיהע, אַ מעשה פֿאַלט מיר איין! . . .

און דאָ הייבט זיך אָן אַ מעשה וואָס ענדיקט זיך מיט „אַ רויטער רעגן גייט". אַן אַנדער דיכטער וואָלט אפשר די גאַנצע מעשה קאָנדענסירט ביז צו אַ דינעם שפּיץ און אַרויסגעזויגן דעם מעטאַפֿאָרישן בלוט־טראָפּן וואָס זי פֿאַרמאָגט. דאָס וואָלט צונויפֿגעהאָפֿטן צוויי אָפּגעריסענע געוועבן אין דער וועלט פֿון געשען, און דערמיט אַליין וואָלט דערגרייכט געוואָרן אַן עכט־קינסטלעריש געווינס. אָבער האַלפּערן האָט אַזאַ געווינס נישט געזוכט. דער דירעקטער סטימול איז געווען דאָס גאַנצע בילד, אין זיין גאַנצער קאָמבינאַציע פֿון קאָלירן און אין זיין פֿולן פֿאַרנעם. אָט־די דאָזיקע גאַנצקייט און פֿולקייט, אפֿילו אין אַבסאָלוטער אָפּגעזונדערטער פֿאָרם, איז פֿאַר אים געווען די נאָענטסטע ספֿערע אין וועלכער זיך אויסצולעבן, מיט וועלכער זיך צו אידענטיפֿיצירן.

האַלפּערן איז מיט קיין באַזונדער ליבע נישט געגאַנגען אויפֿן נויטווענדיקן מעטאַפֿאָרישן וועג. אָבער דאָרט וואו ער האָט שוין יאָ אַזאַ וועג פֿאַר זיך אויסגעקליבן זענען פֿאַראַן דערביי עטלעכע אינטערעסאַנטע כאַראַקטער־שטריכן וואָס וואַרפֿן זיך אין די אויגן. פֿון די 183 מעטאַפֿאָרישע פֿיגורן וואָס ווערן באַנוצט אין בוך זענען 30 עכטע מעטאַפֿאָרן און די איבעריקע 153 — פֿאַרגלייכן, ד. ה. אַ פֿאַרהעלטעניש פֿון אַרום 20% צו 80%. דאָס איז ווייט, ווייט נישט געוויינטלעך. איך גלויב אַז בדרך כּלל גענומען זענען פֿאַרגלייכן גרעסער אין צאָל אין דער ליטעראַטור, פּונקט ווי אין דער שפּראַך. אָבער ביי האַלפּערן איז דער איבערוואָג אומגעוויינטלעך גרויס.

קינסטלעריש איז נישטאָ, און קען נישט זיין, קיין שום נפֿקא מינה צווישן צוויי פֿאָרמען וואָס מען קען לייכט, ריין מעכאַניש, בייטן איינע אויף דער אַנדערער. אָבער דער קליינער פּסיכאָלאָגישער אונטערשייד פֿאַרדינט — ספּעציעל אין דעם פֿאַל — מען זאָל אים דערמאָנען. אינעם פֿאַרגלייך האַלטן זיך מער אָפּגעזונדערט די צוויי קאָנטעקסטן, און דער שפּראַכלעכער „ווי" שטייט עפּעס ווי אויף דער וואַך אַז קיין פֿולער צו־

זאַמענגאָס זאָל נישט פּאַרקומען. אַט־די גרעסערע אומאָפּהענגיקייט פון בײדע טײלן פונעם פּאַרגלייך פּאַסט זיך בעסער אַריין אין אַזאַ פּסי־כישן צונויפשטעל ווי עס האָט פּאַרמאָגט מ. ל. האַלפּערן. דער „ווי" פאַרשטאַרקט דאָס געפיל אַז יעדע באַזונדערע טייל איז פול אויסגעשעפּט, איז עפּעס אין זיך אַליין, און ווערט באַנוצט נישט בלויז צוליב ריין מע־טאַפאָרישע צוועקן, נאָר אויך צוליב דער וויכטיקייט פון איר אייגענעם מהות. און דאָס איז ווי אַנגעמאָסטן פאַר האַלפּערנס טעמפּעראַמענט און פאַר דער בילדלעכער פאַנטאַזיע וואָס ווערט באַהערשט פון אַזאַ טעמפּעראַמענט.

נאָך אַ פּונקט איז פאַראַן וואָס פאַרדינט מען זאָל אים אונטער־שטרייכן. מעטאַפאָרן זענען נישט אַלע פון זעלביקן סאָרט. אין אַלגע־מיין קען מען זיי צעטיילן אויף פיר קלאַסן, וואָס דער פּרימיטיווסטער פון זיי איז די דרויסנדיקע ענלעכקייט פון צוויי אָביעקטן. אָבער די איבעריקע דריי קלאַסן שטייגן שוין העכער, און לאָזן מער פּלאַץ פאַר אינדיווידועלן בילדלעכן איינפאַל.

דער ערשטער פון דעם מין איז דער וואָס אָפּערירט מיט אינוויי־ניקסטע אייגנשאַפטן. באַנוצנדיק זיך מיט האַלפּערנס מעטאַפאָריק געפין איך אַ ביישפּיל דערפון אין אַזעלכע שורות ווי:

וואָס טויג מיר די רייכקייט וואָס שרייט
ווי נאָכגעמאַכט סאַמעט און זייד?

ניטאָ קיין שום ענלעכקייט צווישן רייכקייט און סאַמעט, און דאָס „שרייען" איז נישט פון פיזישן סאָרט. אָבער דאָך זעט זיך אַ טיפערע אייגנשאַפטלעכע ענלעכקייט צווישן אויפגעקומענער רייכקייט און נאָכ־געמאַכטן סאַמעט אָדער זייד.

די אַנדערע צוויי קלאַסן קען מען באַמערקן אין אַזעלכע שורות ווי:

„אַצינד בין איך אַ ליכט, אַ יאָרצייט ליכט וואָס ברענט,
אַן איבריק בילד אַן אַלטס אויף גרוי־פאַרשטויבטע ווענט".

אין דער ערשטער שורה איז זיך דער דיכטער נישט סומך אויף קיין שום אָביעקטיווער ענלעכקייט. די צוויי קאָנטעקסטן ווערן פאַרגליכן בלויז צוליב דער ענלעכקייט אין באַציאונגען וואָס זיי רופן אַרויס. דער דיכ־טער שטעלט פאַר זיין לעבן אַזוי אַז עס זאָל אַרויסרופן די זעלביקע

באַציאונגען צו זיך ווי די וואָס ווערן געוויינטלעך אַרויסגערופן פון אַ ברענענדיק יאָרצייט ליכט.

אין דער צווייטער שורה ליגט דער אַקצענט אויפן וואָרט „איבער־ריק". די „איבעריקייט" פון אַ בילד אויף דער וואַנט ליגט נישט אינעם בילד און נישט אין דער וואַנט, ליגט בכלל נישט אין קיין שום זאַך, נישט ווי אַ פיזישע כאַראַקטעריסטיק, נישט ווי אַן אינוווייניקסטע אייגנ־שאַפט. עס וויל בלויז אויסדריקן אַ דינע שייכות צווישן בילד און וואַנט, אין דעם פאַל אַ נעגאַטיווע שייכות.

ווען מיר באַטראַכטן האַלפּערנס מעטאַפאָריק פון דעם שטאַנד־פונקט געפינען מיר אַז פון דער גאַנצער צאָל 183 געהערן 7 צום דריטן קלאַס, 17 צום צווייטן קלאַס, און 159 צו די ערשטע צוויי קלאַסן. דאָ איז ווידער דאָס אייגענע וואָס מיר האָבן געזען פריער. ביי אַלע דיכ־טער וואָלטן מיר מסתמא געפונען אַן איבערוואָג פון די ערשטע צוויי איבער די לעצטע צוויי קלאַסן. אָבער דאָ איז עס באמת אומגע־וויינטלעך, און ווייט אַריבער אָנגענומענע פּראָפּאָרציעס.

די דערקלערונג פונעם דאָזיקן פאַקט פירט צוריק צו דער אויפפאַ־סונג פון האַלפּערנס פּערזענלעכקייט וואָס איך האָב פריער אָוועקגע־שטעלט. די פיר קלאַסן מעטאַפאָרן שטעלן מיט זיך פאָר אין אַ געווויסן זינען אַ כסדר'דיקע גראַדאַציע. אין ערשטן קלאַס זעען מיר דרויסנדיקע ענלעכקייטן, אָבער דער עיקר איז די זאַך אין איר פיזישער כאַראַקטע־ריסטיק. אין צווייטן קלאַס שפּילט נאָך אַלץ די הויפּט־ראָלע די זאַך, די אָפּגעזונדערטע זאַך, אָבער דאָס מאָל ווערט שוין אַקצענטירט איר אינוווייניקסטע אייגנשאַפט, איר „פּסיכישע" כאַראַקטעריסטיק, אַזוי צו זאָגן. אין דריטן קלאַס איז שוין די זאַך גופא אַ טפל, דער עיקר איז די באַציאונג וואָס זי רופט אַרויס אין מענטשלעכן געפיל. אין פערטן קלאַס איז שוין די זאַך כמעט אין גאַנצן נישטאָ, ווייל אַלץ קאָנצענט־רירט זיך דעמאָלט אויף דינע שייכות'ן פון רוים, צייט, פּאָעזיע, א. א. וו., און זייער ווירקונג אויף געמיט־צושטאַנדן. אויף אַזאַ אופן קומט אויס אַז די זאַכן גופא, אין זייער אומאָפּהענגיקן בילדלעכן פאַרנעם, געפינען אַן אויסדרוק בלויז אין די ערשטע צוויי מעטאַפאָרישע קלאַסן.

ווען מיר דערמאָנען זיך אַז האַלפּערן איז נישט דער סינטעטיזירנ־דיקער טיפּ, אַז זיין פאַנטאַזיע ווערט געפאַנגען פון די בילדער אין זייער רייצנדיקער אָפּגעזונדערטקייט, ווערט שוין קלאָר פאַרוואָס ער אָפּערירט

אַזוי אויסשליסלעך מיט די ערשטע צוויי מעטאַפּאַרישע קלאַסן. די זעל־ביקע סיבה וואָס ווירקט אַז זיינע שאַפעריש כוחות זאָלן בכלל זיך ווײ־ניק אָפּגעבן מיט אַקטיווער, דינאַמישער מעטאַפאָריק, פירט אויך דערצו אַז דאָרט וואו ער באַוועגט זיך שוין יאָ אין דער מעטאַפאָרישער ספערע, זאָל ער זיך אויסלעבן דער עיקר אין די ערשטע צוויי קלאַסן. מען קען נאָך גיין ווייטער און זאָגן אַז דער גאַנצער כאַראַקטער פון זיין מעטאַ־פאָריק עפּנט אויף ברייטער דעם פאַרהאַנג אַרום זיין פּערזענלעכקייט, און מען קען שוין אָפּלענער זען די פסיכישע כוחות וואָס האָבן געשאַפן און אַזוי פיינלעך פאַרשאַרפט די אינווייניקסטע דראַמע פון זיין גייסטיקן לעבן.

4

ווי מען קען זען, בין איך דאָ לחלוטין נישט אויסן געווען זיך אָפּ־צושטעלן אויף פאַרשיידענע ריין דיכטערישע קוואַליטעטן פון האַלפּערנס שאַפן. איך בין דער עיקר פאַראינטערעסירט אינעם וויכטיקסטן פּסי־כאָלאָגישן טרייב־כוח פון זיין ערשטער פעריאָדע. ממילא דאַרף מען זיך נישט ריכטן דאָ צו געפינען אַ פולע אָפּשאַצונג פונעם פּאָעט וואָס ער איז געווען, נאָר פון אַ הויפּט מאָמענט פון זיין פּערזענלעכקייט אויף וויפיל ער שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע לידער פון „אין ניו־יאָרק". ווי־זשע קען מען דעם דאָזיקן מאָמענט אין קורצן פאָרמולירן? וואָסער וואָרט, אָדער עפּיטעט, איז בכוח אויסצודריקן דעם דאָזיקן אינווייניקסטן צו־שטאַנד זיינעם? הגם אַ קורצע פאָרמולע קען אָפט קלאָר מאַכן אַ פאַר־פּלאָנטערטן ענין, איז דאָס נישט פון די לייכטע זאַכן צו שאַפן, בפרט ווען מיר האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָ. אָבער צום גליק האָט אונדז האַלפּערן אַליין אין דעם אַרויסגעהאָלפן. אמת, ער גיט אונדז נישט קיין לאָגיש אויס־געאַרבעטע פאָרמולע. דאָס איז נישט געווען זיין פעלד. דערפאַר אָבער האָט ער געשאַפן אַ סימבאָל וואָס קען אונדז טאָקע נישט געבן די קלאָרקייט פון שכל'דיקן רעזאָנירן, איז ער אָבער דורך זיין געניע־האַליזירטער בילדלעכקייט בכוח אַ סך צו אַנטפּלעקן. איך האָב דאָ אין זינען דעם נאָמען „משה לייב", וואָס איז אפשר באַוואוסטזיניק געמיינט געוואָרן צו זיין נישט מער ווי אַ פּערזענלעכע ווענדונג און איז אָבער אין דער אמת'ן אַ סך מער ווי אַ הוילער, צופעליקער נאָמען.

ווי אָפט און אין וויפיל לידער פון זיין ערשטער פעריאָדע באַנוצט זיך האַלפערן מיטן אויסרוף „משה לייב״? זיינע אויפמערקזאַמע לייענער האָבן דעם זיכערן איינדרוק אַז זער אָפט און אין זער אַ סך לידער. דאָס איז אָבער נישט מער ווי אַן אילוזיע. אין גאַנצן בוך „אין ניו־יאָרק״ געפינט זיך די ווענדונג צו „משה לייב״ 27 מאָל, און בלויז אין 9 פון די 96 לידער. פון וואַנען־זשע נעמט זיך די אילוזיע? מיר האָבן געזען אַז אָפטקייט קען נישט זיין די סיבה. קיינעם וואַרפט זיך, למשל, נישט אין די אויגן—סיידן מען זאָל עס ספּעציעל אונטערזוכן—אַז זיינע פאַרגלייכן שטייגן אַזוי וויט אַריבער די מעטאַפאָרן, כאָטש אויב אָפטקייט וואָלט געווען אַן אמת'ע סיבה וואָלט מען דאָס לייכט געדאַרפט באַמערקן.

היינט אויב נישט אָפטקייט פאַרוואָס זאָל די „משה לייב״־מאַניער אַזוי שטאַרק זיך איינקריצן אין זכרון? דערויף זענען פאַראַן צוויי ענטפערס. טייל זאָגן אַז דאָס איז דערפאַר ווייל אַזאַ מאַניער געפינען מיר נישט ביי אַנדערע דיכטער. אַנדערע שטעלן זיך דער עיקר אָפּ אויף דעם וואָס דאָס איז אַזוי „עכט האַלפּערינעסק״, עפּעס פּאַסט זיך עס אַזוי אַקוראַט פאַרן גאַנצן מין האַלפערן. ריין פּסיכאָלאָגיש גענומען, לויט די געזעצן וואָס באַהערשן דעם זכרון, זעט מיר אוים די צווייטע השערה צו זיין אַ סך נענטער צום אמת. עס שטאַמט נישט פון ריין מעכאַנישער אָפטקייט, און אויך נישט פון הוילער אַנדערשקייט, נאָר עס איז פאַראַן אַ נאָענטע שייכות צווישן דעם כאַראַקטער פונעם דיכטער גופא און דער דאָזיקער מאַניער זיינער — „עכט האַלפּערינעסק״.

און אָט־די עכטקייט — גייט ווייטער די השערה — באַשטייט אין דעם וואָס האַלפערן האָט ליב געהאַט די הפקר־באַוועגונג. די וואַויל־יונגישקייט, דעם בראַוואַדאַ־שטעל. אָט דאָס ווערט אויסגעדריקט אין דער ווענדונג צום אייגענעם ערשטן נאָמען — משה לייב. אויך דערויף וואָלט מען געקענט פרעגן אַ סך קשיות, אָבער אַ געהעריקע אויסטייטשונג וועט ווייזן אַז דער דאָזיקער אמת, ווי יעדער אמת, ווערט קלאָר ערשט דעמאָלט ווען מען נעמט פון אים אַראָפּ זיין שאָלעכץ און מען דערזעט דעם קערן.

האַלפערנס נייגונג צו דעם, וואָס אויבערפלעכלעך זעט עס אוים ווי וואַויל־יונגישקייט, קען נישט אָפּגעפרעגט ווערן. אָבער אַלע וואָס האָבן אים געקענט, מענטשלעך און דיכטעריש, וועלן זיכער מודה זיין, אַז ביי

אים איז דאָס נישט געווען קיין קאַפּריז אויסגערעכנט אויף צו מאַכן אַ באַשטימטן איינדרוק, נאָר דער עיקר אַן אינווייניקסטער פּסיכאָלאָגישער אָפּרוף וואָס האָט געזוכט אַן אויסדרוק. אַן אויסדרוק פון וואָס? דאָס דאַרף מען שוין זוכן אין די ספּעציעלע פאַלן ביי וועלכע די ווענדונג „משה לייב" ווערט באַנוצט.

פאַראַן אַ באַגרענעצטע צאָל קאָנטעקסטן וואו „משה לייב" פיגור־רירט. אין די נאָענטסטע ביאָגראַפיע לידער איז ער נישטאָ. אויך אין זיין אויטאָ־פּאָרטרעט איז ער נישטאָ, וואָס דאָס אַליין איז גענוג איינצו־זען אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות אויפצונעמען „משה לייב" ווי אַ סינאָנים פון מ. ל. האַלפּערן. ער פיגורירט יאָ אין געוויסע מאָמענטן פון וואויל־יונגישער אָפּגעריסנקייט פון אַלץ און אַלעמען, אָדער ווען אַ טיפע פאַרצווייפלונג נעמט אים אַרום און רייסט זיך אַרויס אין סענטי־מענטאַלער אָדער אָפּלאַכערישער פאָרם, אָדער ווען ער ווערט סקעפּטיש־פילאָזאָפיש און דאָס גאַנצע לעבן פאַרוואַנדלט זיך אין אַ „גלאַט אַזוי".

דאָס אַלץ פירט צוריק צו זיינע אינווייניקסטע קאָנפליקטן אויף וועלכע איך האָב פריער אָנגעוויזן. מען דאַרף בלויז צוגעבן אַז צווישן די סימבאָלישע מיטלען וואָס ער האָט אויסגעקליבן כדי צו פאַרפיקסירן די קריטישע מאָמענטן פון זיין אינערלעכע דראַמע איז געווען דער נאָמען „משה לייב".

וואויל־יונגישקייט, הפקר, אָבער נישט אַ מענטש וואָס איז הפקר, נאָר וואָס איז געלאָזן געוואָרן אויף הפקר. עפּעס ווי דאָס לעבן וואָלט זיך אָפּגערוקט פון אים, אים געלאָזן ערגיץ ביי אַ ראַנד אויף יענער זייט גרע־ניץ, און ער זעט עס און רייצט זיך דערמיט דורך אַ שפּאַרע פון אַ פאַרקאַן. עס איז דאָס אָננעמען זיך מיט מוט, מיט איבער־מוט, ביי די זיילן פון אומגעקומענע וועלטן, און טרייסטן זיך מיט אַ לעצטער פאַר־צווייפלטער טרייסט אַז

איך בין דער יונג וואָס שפּאַנט, דאָס היטל אויף אַ זייט,
און גנב'עט פייפנדיק ביי זיך אַוועק די צייט.

עס איז די וואויל־יונגישקייט, דאָס געלעכטער, און די פילאָזאָפיע פון אַ לעצטן אויסוועג פון אַ גייסטיקן קלעם וואָס האָט קיין אויסוועג נישט. ווען קיין קאָנקרעטע סאָציאַלע וואַרעמקייט איז נישט געווען, האָט ער די אייגענע טראַגעדיע פּערזאָניפיצירט און זיך אַרומגענומען מיט אַן אַבסטראַקציע — משה לייב.

אינעם ערשטן פון די לעצטע בענדער פון מ. ל. האלפערנס לידער וואס זענען דערשינען אין 1934, געפינען זיך צוויי לידער אין כתב־יד.ביידע פארענדיקן זיך מיט א וויניעטקע וואס איז די זעלביקע אין ביידע פאלן. וועגן דעם באמערקן די ארויסגעבער: „די צייכענונג — א פייגע־לע אויף א בוים — וואס געפינט זיך אויף די צוויי מאנוסקריפטן, איז האלפערנס באליבטע צייכענונג. זער פיל לידער האט ער פארענדיקט מיט אט־דער צייכענונג”. עס ווערט נישט געזאגט ווי לאנג האלפערן—וואס איז אויך געווען א טאלאנטפולער מאלער — האט אנגעהאלטן די גע־וואוינהייט צו מאכן די דאזיקע צייכענונג אויף זיינע מאנוסקריפטן. אבער זי איז יעדנפאלס א קלארער עכא, אדער אפשר א שטענדיקער נאכ־קלאנג, פון זיין ערשטער פעריאדע, לכל הפחות, פון זיינע ווייכערע מא־מענטן, ווען ער האט זיך דיכטעריש געפונען דארט וואו ער האט זיך מענטשלעך פארלוירן.

דער שטאם פונעם בוים איז א דיקער, אבער א קורצער, מיט צוויי צווייגן וואס שפארן ארוים בלויז פון שפיץ, אבער אין דער ברייט, נישט אין דער הייך. דער גאנצער בוים מאכט דעם איינדרוק, ווי א פאר־יתומ'טע איבערבלייבעכץ פון אן אמאליק לעבן. איך זאג צווייגן, אבער אין דער אמת'ן האט ער בלויז איין צווייג, די אנדערע זעט אויס ווי אפ־געבראכן, אדער פארדארט אין מיטן בליען. לויט דער דיק פון שטאם האט ער מסתמא פארמאגט א סך צווייגן, אבער די אנדערע, ווייזט אויס, האבן ווינטן אוועקגעטראגן, אדער א שטורעם האט זיי אויסגעפליקט. די איינע, די געבליבענע, איז נאקעט, הויל, אן א צייכן פון א בלעטל, אן א שאטן פון עפעס א סימן פון גרין לעבן. אויף אט־דער צווייג, וואס פארענדיקט זיך מיט א שפיץ ארויפצוצו, שטייט א פייגעלע, ווי פארשפארט, מיט א ביסטרן קוק, בייז, אבער הילפלאז. ווייט פון ברייטן, רחבות'דיקן פלי, אן א פעסטן אנשפאר ארומגערינגלט מיט בליענדיק לעבן, נאר אויף א דין, נאקעט, איינציק־געבליבן ריטל פון אן אפגעזונ־דערטן בוים. דאכט זיך אז אן אנווייז אויף אט־דער באשעפעניש גע־פינט זיך גלייך אין ערשטן ליד פון „אין ניו־יארק”:

אזא פויגל וואס פארגעסט
זיינע קינדערלעך אין נעסט,
זוכט פאר זיי קיין עסן נישט,
זינגט מיט זיי קיין מארגן ליד,

מ. ל. האלפערנס „משה לייב"

אזא פויגל, אזא פויגל
וואס ער הייבט זיך גארנישט אויף,
און ער פרואווט נישט פליען ארויף.
זאל דאס אונדזער פויגל זיין,
אט אזא אין מארגן־שיין?
אודאי אונדזער פויגל. וואס דען, נישט אונדזער פויגל?

דאס זעלביקע איינזאמע פייגעלע. בלויז אין משה לייבס שטעכיק אפלאכערישע ברילן ווערט דערפון א „פויגל" — די ביטערע נקמה אן זיך אליין. דאס איז די אום׳ברחמנות׳דיקע רחמנות אין משה לייבן ווען ער קוקט אויף די ווייכערע מאמענטן פון מ. ל. האלפערן. אבער דאס פשוט׳ע מענטשלעכע אויג זעט אנדערש — אן איינזאם פייגעלע אויף אן איינציק געבליבענעם צווייג אין דער וועלט. בלויז דער ביטערער קוק באווייזט אז אין אזעלכע מאמענטן האט מ. ל. האלפערן געדארפט האבן משה לייבס שטארקן ארעם כדי אויפצוהאלטן זיין גלייכוואג אין א שווערער אינווייניקסטער מלחמה.

אזוי זעט אויס דאס בילד אין דער צייט וואס זיין בוך „אין ניו־יארק" כאפט ארום. דאס איז מ. ל. האלפערן אונטערן צייכן פון משה לייב. משה לייב האט געזאלט זיין אן ענטפער, אן אויסוועג. אבער אין דער אמת׳ן איז דאס א צו אילוזארישער אויסוועג פון א צו רעאלן לעבנס־פלאנטער. וואוהין האט אים שפעטער זיין מזל געפירט? וואסער אנדער ליכט האט פאר אים אנגעצונדן די אינווייניקסטע דראמע פון זיין נשמה? וועלכע נייע וועגן האבן אנגעשלאגן זיינע דיכטערישע כוחות? א פולער ענטפער אויף די דאזיקע פראגן קענען בלויז געבן א דעטאלערע ביאגראפיע פון זיינע יארן און גרינטלעכער אנאליז, אי פון זיין „גאלדענע פאווע", אי פון די לעצטע צוויי ביכער וואס דער „האלפערן קאמיטעט" האט ארויסגעגעבן.

דאס ערשטע בוך זיינס „אין ניו־יארק" פארענדיקט זיך מיט א גרעסערער פאעמע „א נאכט", א ביטערן נאציאנאל־מאזאכיסטישן גראטעסק. און פונקט ווי דער אינהאלט, און דער נאמען פון דער פאעמע, אזוי שליסט זיך אויך די גאנצע ערשטע פעריאדע פון זיין שאפן — א נאכט, א טונקעלע און שרעקעדיקע ספערע אויף יענער זייט וועלט. ער האט געזוכט דעם אייביקן שלום אין זיין אינווייניקסטער מלחמה, אבער דערווייל אים נישט געפונען. זיין דיכטונג האט די וואונד קינסטלע־

ריש פאַרמולירט, אָבער נישט געהיילט. און טאָקע אין אַזאַ ספּערע זינגט ער זיין ליד „די אייביקע שפּיל", און וואָרנט:

זינגער זינגען אויף דער בינע ביז עס ווערט דאָס האַרץ צעריסן.
פּראָסטע שפּילער און סטאַטיסטן שטאַרבן הינטער די קוילסן.

קיין „פּראָסטער שפּילער" איז ער נישט געווען. די קראַפט פון זיין וואָרט און דער שוואונג פון זיין ליד האָבן אים געטריבן צום אויבן־אָן פון דער יידישער וואָרט־קונסט. אָבער ער האָט נישט געפונען דעם בישוף־שפּרוך איינצושטילן זיין אייגענע אינווייניקסטע טראַגיק. אין דעם זינען פאַרענדיקט ער דעם ערשטן ציקל פון זיין לעבן הינטער די קוליסן,—צום גליק, הינטער די קוליסן פון אַ רייכן בנין וואָס ער האָט אַליין געהאַלטן אין בויען.

מלך ראוויטש

אַ שאָטן פון אַ שאָטן פון אַ וויזיע
פון אַ ליד פון ניו־יאָרק

— העי, דו! פעדערן־דערלאַנגער פון אוניווערס,
דערלאַנג מיר אַ פעדער פון העלן בליץ!

— וואָס?!

— קער איבער דעם קרייזלער־טורעם,
שטעך־שטעק אים אריין אין גראַניט
מיט זיין שאַרפן שפּיץ,
פּיל אים אָן, ווי אַ טינטער מיט טינט,
מיט שוואַרצע דונערן און רויטן ווינט,
ווייל מיט דונער, בליץ און ווינט
אין אַ טינט
פאַריינט
דאַרף איך שרייבן היינט —

— אַ ליד?

— און דו, דו גייסטפּאַרטיילער פון אוניווערס,
דערלאַנג מיר אַזאַ מין פייער־טרונק,
און פאַרוואַנדל אין מעטאַל מיין צונג —
און נאַ דיר אַרויס פון מיין קאָפּ
די קופּע שמאַטעס, זאָרג!
— סטאָפּ!

סטאָפּ!!
סטאָפּ!!!

— זענען מיר שוין אין ניו־יאָרק?

— דאָס האַרץ — דאָס האַ — אַ — רץ —
— וואָס האַרץ?
— צווישן די ריפּן —

— אַ דינאַמאָ־מאַשין
וועלן מיר אַריינזעצן אַהין!
— זין איז אומזין — אומזין איז זין!

*

אַקאָמפּאַניאַמענט
צום ליד
שפּילן צוואַנציק מיליאָנען הענט
אויף קלאַווישן פון שוואַרצן און ווייסן גראַניט.

*

דאָס ליד פון ניו־יאָרק,
פון דער שטאָט פון די שטעט, פון די שטעט פון די שטעט,
אָן אַ פרי אין דער פרי, אָן אַ שפּעט שפּעט,
אייביק.
דאָ, אין דער שטאָט
יאָגט זיך דער טייוול נאָך גאָט
און גאָט יאָגט זיך נאָך דעם טייוול,
דאָ לעסטערט מען גאָט, פאַרזונקען אין גבעט
צום טייוול,
און מען לעסטערט דעם טייוול, פאַרזונקען אין גבעט
צו גאָט,
דאָ ווערט נישט טאָג און עס ווערט נישט נאַכט,
דאָ זענען נישטאָ קיין זינדיקע ווייל דאָ זענען נישטאָ קיין גערעכטע,
דאָ איז נישטאָ קיין געוויין ווייל דאָ איז נישטאָ קיין געלעכטער,
אַלע זענען — ווייל דאָ איז די שטאָט פון זיין!

*

דאָס ליד פון די ניו־יאָרקער גאַסן:
גאַסן אין דער לענג,
גאַסן אין דער ברייט,
גאַסן ווי בריקן,
בריקן ווי גאַסן,
איבער דער ברייט פון טייך,
איבער דער ברייט פון ים,
גאַסן אונטער טייך,
גאַסן אונטער ים,

א שאָטן פון א שאָטן פון א וויזיע

גאַסן דורך ערד, גאַסן דורך גראַניט,
גאַסן איבער דיין קאָפּ, גאַסן דורך דער מיט פון דיין אייגן האַרץ,
גאַסן דורך דיינע טעג און נעכט,
גאַסן דורך דיינע יאָרן, גאַסן דורך דיין לעבן —

דאָס גראַניטענע ליד
אָן גראַמען, ריטם, לויטער ריטם, אַספאַלט, קאַנקריט,
פון די ניו־יאָרקער גאַסן.

*

דאָס ליד פון ניו־יאָרק,
ליכטליד,
ליכט איבער דיר, דורך דיר, אין דיר,
ליכט פון דיר ארויס — ליכט צו דיר אנטקעגן,
ליכט אויף געקרייצטע וועגן,
ליכט אין שטיין, קאָנקריט און אַספאַלט,
אין דער צענטער,
הונדערטסטער,
טויזנטסטער געשטאַלט.
אין זיבן פארבן,
צען רעגנבויגנס — זיבעציק פארבן,
טויזנט רעגנבויגנס — זיבן טויזנט פארבן!
ליכט ווי פלאַטערלעך — היינט געבוירן — היינט שטאַרבן.
אייביקע ליכט, זון, סיסטעמען פון שטערן,
לאָמפּן, ניין, נישט קיין לאָמפּן, אולטרא־עדיסאָנען,
הונדערט ליכט, צענטויזנט, מיליאָנען!
לאָמפּן, וואָס ווערן געבוירן אָנגעצונדן,
ווי מעטעאָרן.
זון איז זייער אָפּשיין בלויז — — — לאָמפּ צום שפּיל, מוסטער־לאָמפּ
פון געטלעכער אוממאַכט.
ליכט זענען זיי!
ליכט, וואָס קענען מאַכן זעענדיק א בלינדן,
און א זעענדיקן בלינד.
קענסט אריינשפּרינגען אין זיי,
ווי אין א ים פון ליכט,
זיך אונטערטונקען —

און אין איין מינוט
וועט אין דיינע אָדערן רינען ליכט, שטאָט בלוט,
דאָס ליכט פון ניו־יאָרק.

*

דאָס ליד פון ניו־יאָרק,
דער שטאָט פון די טורעמס פון שטיין און מעטאַל.
ווער זאָגט, אַז זיי שטייען אויף דער ערד ?!
זיי שטייען אין וועלטן־אַל ,
שטייען אין שאַרפסטן זיגזאַג —
די גרויסע הימל־ליניע,
גרעניץ־צוים אין וועלטן־רוים,
צווישן צוויי וועלטן — דער נעכטיקער — פון אמת,
און דער היינטיקער — פון טרוים.
גרעניץ צווישן יאָרטויזנט צוויי און יאָרטויזנט דריי.
די וואַנט פון די ווענט, פון די ווענט פון די ווענט,
מיט די הונדערט טורעמס אין איבערגאָטס הויז, ניו־יאָרק,
וואו צענמיליאָנען הערצער שלאָגן
אין אַן איינציקער תפילה צוזאַמען.

*

אָפּגרונט פון אָפּגרונטן,
אַ שטאָט אָן אַ דעק פון אויבן,
און אָן אַ דנאָ אונטן — —
ווער עס איז איינמאָל נעבן דיר געגאַנגען,
שטאָט — אָפּגרונט פון אָפּגרונטן,
דער האָט זיין גאָט אין דיר פאַרלוירן —
איצטער שרייט ער —
— מיר ווילן ווידער געפינען גאָט!
און דאָס עכאָ ענטפערט פון ברעג צו ברעג:
— געפינען גאָט!

און גאָט פון ניו־יאָרק האָט נאָך נישט קיין נאָמען,
און זיין גייסט אפילו איז נאָך נישט געבוירן.

*

נאָר אויף די שפּיצן פון די וואָלקנהייזער
זעט זיך שוין די שיין פון זיין קומען,
ווי די שיין פון דער אויפגאַנג־זון —
נאָך אַן איר נאָמען —
ווי די שיין פון דער אויפגאַנג־זון אין די בערג.
און עס ווייזן שוין, ווייזן
צווייַ נעאָן־ליכט־ווייזער
אויף דעם ציפער־בלאַט פון דעם טונקעלן הימל
די גרויסע שעה פון זיין קומען.

העי דו! פעדערנדערלאַנגער פון אוניווערס,
נאָך אַ טונק פון דער פעדער פון בליץ,
פאַר דעם לעצטן ווערס!
דאָס ליד פון ניו־יאָרקער, דעם לעצטן מענטש,
אַ שיכור־ליד פון אויפגאַנג פון אַ נייער ראַסע,
פינעפפאַרביקער בלוט־קאַקטעיל,
ווייס, שוואַרץ, רויט, ברוין, געל —

— דו! האָסט פאַרלוירן דעם זין?
— דו שרייבסט וועגן מיר? — און איך בין
דער מענטש פון ניו־יאָרק!
— שוין?!
— אָנגעקומען קיין מעקקא פון וועלטפעלקערוואַנדערונגען,
איך בין דער סוף פון אַ יאָרטויזנט,
אַלע בלוטן — אין מיין בלוט, אַלע קולטורן — אין מיין גייסט געשלונגען,
מיין שפּראַך איז זיבעציק צונגען,
איך בין דער אָנהייב פון יאָרטויזנט, פון דריטן,
ווילדער, שיכור'ער קאַקטעיל,
מיין בלוט — ווייס, שוואַרץ, רויט, ברוין, געל,
מיין האַרץ — מענטשן־האַרץ,
ווייס, רויט, ברוין, שוואַרץ,
יאָגנדיק, שטרעבנדיק, הייס,
רויט, ברוין, ווייס,

ענדלעך אויפגעשטאַנען געגן שונא טויט,
ברוין, רויט,
די פינעף גאָלדענע צאַקן פון דער קרוין,
די הויט איז ברוין —
געזונטער זון־געמיש פון אַלע ראַסן —

*

ניו־יאָרק ווערט שטערן — טויזנט שטראַלן, טויזנט גאַסן,
דער לעצטער, דער גרויסער פלאַם דיעטואַל
צו דער גאַנצער ערד — צום וועלט־אַל —
און מענטשן ארויס אויף אַלע גאַסן פון ניו־יאָרק
פון שטערן: טויזנט־שטראַל,
ווייל דער נייער מענטש וועט פון דאַנעט ארויס —
צום נייעם וועלטן־אַל.

וועלטפאָלק יידן

וועלט־יידן —
צוזאַמען מיט דער וועלט באַשאַפן געוואָרן,
די טרעגער פון געטלעכן נאָמען אין א געטלעכן אָרון,
די ערשטע צערשטערער פון געצן,
אַגענטן פון געטלעכן וואָרט, שרייבער פון ערשטע געזעצן,
די קינדער פון גאָט פון נקמה —
געבוירן געוואָרן
אין טאָג פון זיין גרויסן צאָרן — —

די ערשטע סוחרים אין אוראַלטע מדבר־קאַראַוואַנען,
פאַסאַזשירן ערשטע אויף אַלע וועלטן־באַנען,
די ערשטע אין אַלע שיפן אויף אַלע דריי אָקעאַנען.

די געטלעכע בייטש —
מיט זיי דעם כעס
אויף די פעלקער אויסצולאָזן —
דאָס ווייסע, פאַרבלוטיקטע קרבן־לאַם, דער ציטערדיקער שעיר לעזאזל.

אַ שאָטן פון אַ שאָטן פון אַ וויזיע

שלאָג איינעם פון זיי מיט אַ בייטש, וועלן זיי דיך אויף קניען בייגן
מיט דער בייטש פון דער וועלט־רעקלאַמע!
נאָר הונדערט טויזנט פון זיי מעגסטו רואיק אין שטיקער שניידן —
און אַלע וועלן שווייגן,
און נאָר זעלטן און נאָר אין דער שטיל אַ קרעכץ טאָן: מאַמע — הייליקע מאַמע!

זיי היטן שוין פירטויזנט יאָר דאָס יחוס׳דיק בלוט פון זייער שטאַם,
ווי מען היט פאַר אַ ווינט אַ הייליקן פלאַם —
און לוחות אין זייערע הענט,
און דאָס הייליקע פייער ברענט,
אַלע זעכצן מיליאָנען, ווי איינער,
דעם הייליקן פייערס געטרייע וועכטער —
נאָר וואו אַ לאַנד און וואו אַ שטאָט ליגן אין פרעמדע בעטן זייערע שיינע טעכטער
און וויינען שטילע אין די נעכט, אַז דער מאַן זאָל נישט דערהערן,
און פון די באַקן אויף די קישנס רינען הייסע שנורן טרערן.
זיי האָבן זייער שליחות געטאָן אין שטומען לייד
און אין איינזאַמקייט
און אין טרערן, וואָס אין פינצטער איבער באַקן רינען —
און ווי בשמים — געטריפט די וויטאַמינען
פון זייער בלוט אין דעם בלוט פון דער וועלט.
וועלט־יידן
שטאַרבן אויף אַלע עשאַפאָטן מיט אַלע מינים מיתות,
קענסט זייערע ברענענדיקע אויגן זען ברענען דורך אַלע קראַטעס פון אַלע תפיסות
אויף אַלע שטיינערנע טעמפּל־טרעפּ
פון אַלע וועלט־אידעאַלן
איינזאַם און וויליק פאַלן
זייערע פלאַמען־קעפּ.

*

אין מלכות־פּאַלאַצן מלכות־שרייבער זיצן,
און גריבלען זיך אין אַלטע וויקל־פּערגאַמענטן,
און זייערע בלייכע, הויכע שטערנס שוויצן,
צו געפינען אין זייער מלכ׳ס בלוט אַ טראָפּן פון יידישן יחוס,
דער וועלט צו באַווייזן זיין געטלעך שליחות.

און זען קענסטו אַ גראָבן פּויער מיט אַן אָקסן־קאָפּ,
טרינקען ביר פון אַ גרויסן, ערדערנעם טאָפּ,
און אַלע זיינע דריי גנדאַנקען אַנצואווענדן,
און קלאַפּן זיך מיט דעם קולאַק אין דעם קולאַקישן אָקסן־שאַרבן,
צו באַווייזן דער וועלט — אין איינקלאַנג מיט דעם נייעם געזעץ,
אַז זיין בלוט איז ריין פון יידישע קרעץ.

וועלט־יידן —
הענדלער מיט רויע בריליאַנטן און בריליאַנטן — קרישטאַל־געשליפן,
דו קענסט שמוגלען זיי זען איבער אַלע גרעניצן און אין אַלע שיפן,
צווישן די בערזעס פון קימבערלעי, אַנטווערפּען און אַמסטערדאַם,
אַרויס פון ים און אַריין אין ים — —
און זען קענסטו — ווי די קאָרן־קערנער אין דעם פּויערס האַנט —
רינען פון איין יידנס האַנט אין אַ צווייטער האַנט —
ווי אַ זשמעניע קאָרן — אַ זשמעניע בריליאַנט — —
אַ —
און אין אַלע שטעט און שטעטלעך שיקן מאַמעס קינדער יידישע און באָרוועסע
אויף נאַסע שטיינער פון דער גאַס
אויסצושטרעקן די דאַרע קינדערהענט —
נאָך אַ פּעני, נאָך אַ גראָשן, נאָך אַ קאָפּיקע, נאָך אַ פּעניק, נאָך אַ סאַנטים, נאָך

וועלט־יידן —
ערשטע מעקלער פון די בערזעס מיט די שוואַרצע, ברוינע, געלע, ווייסע שקלאַפן,
וועלט־יידן —
ערשטע געזעצגעבער פאַר אַלע שוואַרצע, ברוינע, געלע, ווייסע שקלאַפן,
וועלט־יידן —
ערשטע געהויבענע פּויסט — די שקלאַפן־שאַנד פון דער וועלט אָוועקצושאַפן!

*

וועלט־יידן —
אַלע וועלטן־שיפן און אַלע וועלטן־באַנען פירן
אין די ערשטע קלאַסן די וועלט־פּאַסאַזשירן,
וואָס שנויפלען מיט די לאַנגע נעזער,
און גלאָץ־גלאַנצן אין יעדער נשמה אַריין מיט נייגעריק בליציקע אויגן־גלעזער,
עסן חזיר פּרינציפּיעל,

און מיט חזיר־פּעטס גלאַנצט זייער רויטע פעל,
זעקס וואָרשטלעך פּעטס אויף די קאַרקעס,
און דריי אַזש אַרויף אויף די פּעטע קעפּ,
צען וואָרשטלעך די פינגער פון די הענט,
און אויף יעדע פינף וואָרשטלעך פון אַזאַ האַנט,
צען פינגערלעך — איינס אין איינס בריליאַנט.
די ווייבער — פּלאַטינענע צלמים׳לעך אויסגעזעצט מיט בריליאַנט,
די מענער — בריליאַנטענע צלמים׳לעך אין די מאַנזשעטן־קנעפּ —

אַ —
אַ —
וועלט־יידן קענסטו זען אונטער רעדער פון באַנען צעשטיקלטע ליגן,
ווייל עס האָט זיי זייער פאָטערלאַנד אויסגעשפּיגן —
צו וועמענזשע זאָלן זיי שרייען ? — האָבן זיי נישט געשריגן,
נאָר זענען שטילע אַוועק צום פּלאַנט —
און אַוועקגעפאָרן — אונטער די רעדער פון דער ערשטער באַן
אין אייביקן לאַנד.

וועלט־יידן —
ליגן ווי ים־קראַנקע סקעלעטן,
אין בייכער פון שיפן אויף קופּעס קוילן, חדשים־לאַנג ווי מען ליגט אויף בעטן,
אַליין פאַרשוואַרצט ווי אַ קופּע קוילן,
צווישן אַמעריקע, אַפריקע, אַרגענטינע, אויסטראַליע —
און דעם לאַנד פון דער אָפּגעשטויסענער ליבע — פּוילן.

וועלט־יידן —
אין אַלע אימפּעריעס, קעניגרייכן און אין רעפּובליקן אַלע —
שטילער ווי דאָס גראָז, נידריקער ווי וואַסער — שעפעלעך לאַיאַלע,
מעקן מעען — מאַלעגיירען, קייען ווידער גראָז,
דאַרפן נישט מער ווי דאָס —

* * *

וועלט־יידן —
קענען נישט שלאָפן דורך נעכט, עס וואַרפט זיך זייער אינגעוויד פון
דעם גיפט פון דעם וועלטן־ליגן,
זיי חלום׳ען אַ וועלטן־שטורעם, זעען ווי די וועלטן־כוואַליעס וויגן

דעם ים פון דער וועלטס געוויסן; און אין חלום ועען זיי אליין זיך רייטן
אויף די ווילדע, ווייסע שוים־פערד,
אויף די כוואַליעס, אויף די טרוים־פערד —

וועלט־יידן —
רייטן איבער אַלע צייטן, איבער אַלע וועלטן־ווייטן,
איינער קעגן אַלע, אַלע קעגן איינעם, אַלע צוזאַמען, אַלע אַליין,
וועלט־יידן אויף שוימפערד און טרוימפערד
וועלן זינגן — און אַליין
אין די כוואַליעס אונטערגיין.
ווייל נישט דער ציל — דאָס מיטל זענען זיי —
דאָס געקריבטע, דאָס געהייליקטע —
דאָס בלוטיקע —
דאָס מיטל צום ציל פון דער וועלט. —

נאַכט־מעדיטאַציע אין צענטראַל־אויסטראַלישן מדבר

אין דעם גרויסן נעכטן — אין דעם יאָר־מיליאָן
פון דער ערד,
איז דאָ איבער שוויינגענדיק דאָס אומזיכטבאַרע, שטילע, לעצטע שווערט,
דאָס גרויסע שטאַרבן —

געבליבן איז די לופט,
די לופט — און דריי פאַרבן:
דאָס בלוי פון דעם הימל, דאָס געל פון דעם זאַמד,
דאָס בלוט פון דער זונס־אויפגאַנג און אונטערגאַנג — — —

ווער בין איך דאָ איצט — —איינער אַליין
צווישן די זאַמדן און די מיליאָנען
שוואַרצע בערגלעך פון די טערמיטן?
אינמיטן דער גאַנצער ערד אַליין?
איינער אין טונקעלען אולטראַמאַרין־
געצעלט פון דעם הימל, דער וועלט?

אַ שאָטן פון אַ שאָטן פון אַ וויזיע

בין איך אונטערגאַנג — דער לעצטער פון מיין מין?
איז וואוהין
גייען מיינע שריטן?
בין איך אויפגאַנג פון אַ נייעם מין?
ווער־זשע וועט מיר אָט־דאָ באַשיידן דעם זין?
ווער וועט מיר זאָגן — וואוהין?

די גייסט אין ערגעץ נישט און קומסט פון ערגעץ נישט,
און גאָרנישט איז געוועזן דאָ — און דאָס, וואָס איז געוועזן,
איז אין דעם גרויסן נעכטן, דעם יאָר־מיליאָן שוין אויך צעשטערט,
גאָרנישט איז געוועזן, גאָרנישט איז, גאָרנישט ווערט.

אומזיכטבאַרע הענט יעדן טאָג און יעדע נאַכט
ברענגען
די זון און די שטערן אַרויס,
אומזיכטבאַרע הענט
הענגען
ביינאַכט דעם הימל מיט שטערן אויס,
ביטאָג די זון
אָן אַ זין אַלעמאָל העכער און העכער ביז צום זעניט
פון דער הימלס־מיט
און שפּעטער ווידער צוריק.

גאָרנישט איז געוועזן און דאָס, וואָס איז געוועזן
איז צעשטערט פון אַ צאָרן — אפשר אַ גערעכטן און אפשר אומגערעכטן,
פאַרביי אין דעם גרויסן נעכטן,
אין דעם מיליאָן פון די יאָרן —

ווי אוראַלט איז דאָ אַלץ.
דער הימל אפילו,
דאָס געטלעכע געצעלט,
ברעקלט יעדע נאַכט מיט טויזנטער שטיקלעך
מעטעאָרן — —
אַזוי שטיל דאָ ביינאַכט,
אַז פון דער וויטן הערט מען דעם אָפּקלאַנג שאַלן — פון זייער פאַלן,
פאַלן פון הימל צו הימלס טונקעלן אולטראַמארין.

מען הערט ווי עס קלאַפּט דער וועבשטול פון אַן איינזאַמער שפּין,
צווישן צוויי טערמיטן־בערגלעך געשפּאַנט.
מען הערט וויאַזוי
דער זאַמד שווענט, ווען ער זאַפּט דעם ביינאַכטיקן מדבר־טוי.

מען הערט ווי עס רעדן, רעדן, רעדן
אין זייערע מיליאָנען בערגלעך,
זייערע מיליאַרדן־שטעט,
די טערמיטן:
מיר שטאַרבן — מדבר־הונגער־טויט שטאַרבן מיר,
גאָט — דערהער אונדזער טערמיטן־געבעט,
שוין האָבן מיר געגנוג געליטן,
דיין ווילן געטאָן — געהערט דיין געבאָט,
גאָט —
אויפגעגעסן
האָבן מיר דיין וועלט — און דו האָסט אונדז פאַרגעסן —
גיב אונדז, גיב אונדז נאָך אַ וועלט צום עסן — —
אָדער פאַרשעלט
אונדז און לאָז אונדז שטאַרבן —

איך גיי מיט גרויסע ווילדע שריטן,
איינער אַליין און מיין שרעק מיט מיר —
און עס דאַכט זיך מיר,
אַז איך בין נישט איך — אַז איך בין
אַ בערגל פון טערמיטן,
וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד און גייט — — — —

איך גיי מיט גרויסע, ווילדע שריטן,
און מיינע פיס — צוויי גלאָקן־צונגען —
האָבן זיך צעקלונגען
דומפּ און זאַמדיק
אין דעם גלאָק פון דעם נאַכט־הימל
איבער מיר —

בין איך דער לעצטער? איז וואוהין?
בין איך דער ערשטער? איז וואוהין?

א שאָטן פון א שאָטן פון א וויזיע

דו ביזט דו!
האָט דאָס אַ זין?
נישטאָ קיין אַנדערער זין —

און דער מדבר ארום?
איז די וועלט —
אזוי נעכטן, היינט און אייביק,
געוועזן, איז און וועט זיין —

אזוי ווי דו איצט איז יעדער אין דער מדבר,
און ווי דו — אצינד —
איינער אַליין.

אריה שמרי

ליכטיקע וועגן

די טעג פֿאַרגייען

די טעג פאַרגייען פאַר אונדזערע קינדער,
ווי גאָלדענע טאַשמעס — פול מיט ליכט און זון.
פלאַפלען זיי לאַנג נאָך — אין אָוונט — פון וואונדער,
און זיי ווייסן נישט וואָס מיט די אוצרות צו טאָן.

רינען ווי טוי אויף שויבן — זייערע רייד. —
קינדער דערציילן זיך מעשות פון גרויסע.
צעלויפן זיך ליכטיקע טאַשמעס מיט פרייד
פון קינדישע מיילער צו מאַמעשע שויסן.

און ס'רייבן זיך טאַטעס פון שמחה די הענט,
און פרייען זיך מיט מיטן שטיקעלע אייגנס.
זינגען די קינדער — זינגען מיט הילצערנע ווענט,
און ווינטן אויף ביימער צעשפּילן די צווייגן.

שטייען די גרויסע באַרוישטע אַנטשוויגן
און גלויבן אַליין נישט די אייגענע אויערן: —
זייער וואָכיקע וועלט קלינגט אָפּ אין ניגון,
אויף גלעקער פון יום־טוב ביי נאַכטיקע טויערן.

לויפן די גרויסע פאַרשטויבטע צו שויבן,
און וואַשן מיט טויען דעם שווייסיקן פּנים.
און אַ תפלה פון הערצער טוט זיך דערהייבן,
ווי אַפולע שעפע פון קוואַליקן ברונעם.

ליכטיקע וועגן ציען זיך פון אונדזערע טעג
צו פרייַלעכע — פאַרהילטע אין נעפל.
פון מידע מעת־לעתן, פון שטויביקן וועג,
ווינקען די ביימער אַנטקעגן מיט רויטע עפל.

גרייטן זיך אַלע צום שניט מיט פרייִדיקע רוישן,
און מען שאַרפט אויפן זונשטיין די פינגערשע שערן.

און אין קינדישע מיילער אריין — ווי אין קוישן,
שטעקן מאַמעס די עפּל און ס'טריפן באַגערן — —

און ער — אינדערמיט

א טראַקטאָר — פאַר אים,
א טראַקטאָר — נאָך אים.
איינער צעאַקערט,
דער צווייטער פאַרדעקט.
און ער — אינדערמיט,
פאַרשוויציקט און מיד —
אין שפּאַן פון די טעג.

און פעלדער — פאַר אים,
און פעלדער — נאָך אים.
א בייט נאָך א בייט —
צעגראָבן צום זיי.
און ער — אינדערמיט,
דער מאַן פון דעם ליד,
ווי איינער פון זיי.

און זון — איז זיין קלייד.
און קינד — איז זיין פרייד.
אין לייצעס פון דור —
נאָך איינער א פערד.
און ער — אינדערמיט,
נאָך איינער א מאַן
אין רויטן געשפּאַן —
אין לויף פון דער ערד.

מיין זון

דער הימל האָט געבליט ווי א רויטע רויז,
ארום מיר האָט געדעמערט א הייסע וועלט.

מיין זון האָט שטיל גע׳חלומ׳ט אויף מיין שויס,
ווי אַ קאָרנבלום אין פעלד.

מיין קאָפּ האָט געגליט ווי אַן אייזן הייס.
אין מיר האָט געפרילינגט אַ ווייסע וועלט.
און כ׳האָב שטיל געבענטשט די טראָפּנס שוויים
וואָס כ׳פאַרגיס אין פעלד.

*

מיין זון האָט מיך היינט געזען,
מיט אַ פיאשל אין האַנט
ווי כ׳פיר וואַסער
אין זוניקן ברען,
צו אַ בוים אין זאַמד.

און ער האָט געפרעגט:
נאָכוואָס?
צו וואָס?
זיין קול האָט געציטערט פעדים דין.
מיין האַנט האָט געגעבן אַ קוואַלעדיקן גאָס,
און ביימער האָבן זיך צעשיינט
לעבעדיק און גרין.

*

מיין זון האָט מיך געפרעגט
האַלב פאַרטרערט:
— פאַרוואָס פאַרגייט די זון?
— פאַרוואָס קרייעט אַ האָן?
— פאַרוואָס אַקערט אַ פערד?
און ער האָט געוואַרט
אויף מיין קלאָרן וואָרט.

און איך האָב געשוויגן,
און פאַר זיך געטראַכט:
ווען מענטש פאַרשטילט דעם ניגון,

ליכטיקע וועגן

פארגייט די זון,
און ס'קומט די נאכט.
און ווען מענטש אקערט
מיטן פערדל גלייך,
ווערן הימלען סאמעט־ווייך,
ס'רעגנט גאָלד אין פעלד,
און די גאנצע וועלט,
מיט דיר צוזאמען
גליט אין רויטע פלאַמען.
די הענער קרייען אוים באגין,
און אלץ האָט דאן א זין.

א שיין האָט זיך אויף זיין פנים פארצויגן.
זילבער וואָלקנדלעך זענען אנגעפלויגן
ווי ווייסע שוואנען.
זיין אויג האָט געקוקט אין מיינע אויגן,
מיין זון האָט מיך פארשטאנען:
אויף דער וועלט איז א ליכטיקער זין פאראנען.

ארץ־ישראל, — עין שמר.

יעקב צבי שארגעל

איין מעת־לעת

אַ נ אַ כ ט

האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ מין נאַכט.
קאַלטער גרוי האָט אָנגעצויגן פון יענע בערג;
אַנטקעגן, אינעם מערב, איז אַראָפּגעפאַלן די זון,
דער ים האָט זי געגלעט און גלעטנדיק געציטערט.
זי איז אָנגעקומען, די נאַכט, מיט באַהאַלטענעם געוויטער.

האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ מין נאַכט.
סיונ׳דיקער בלוי פאַרצויגן גאָר מיט כמאַרעס,
אַ קילקייט שלייכט אַרום, ווי אין רעגנדיקן האַרבסט,
און פּלוצלונג הייבט אַ רויטקייט אָן אין די כמאַרעס אַריינצערינען, —
ס׳האָט קיינער מער קיין אויג נישט צוגעטאָן ביזן טיפן באַגינען.

ב אַ ג י נ ע ן

האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ מין נאַכט.
אַ ווינטל שוועבט אין גאַס אַרום, ווי אַ קריכעדיקע שפּין.
דער ים האָט נאָר־וואָס אויסגעהויכט אַ קילן אָטעם,
ער האָט אויסגעשפּיגן שוים, פאַרזאַלצן האַרב די לופט.
און — אַ קוילנסווישטש פון ווייטנס, ווי אַן אָנזאָג, אַ סיגנאַל —
קיין האָן האָט ניט געקרייעט אין יענעם מאָרגן־פאַל.

האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ באַגין.
אַ ווינטל צווישן גאַסן בלאָנדזשעט בלינד אַרום,
גלעטנדיק די לאָדן — די טונקלקייט ווערט בלאַס, —
באַרג אַרויף דער שטאָט פאַרבט אַ בלויער פּאַס.
פון אויפגעפלאַצטע קנאָספּן ריחות קומען אָן;
עס רייט אַריין דער מאָרגן מיט סודות׳דיקן דראָען.

אַ וואַרעמער הויך פון מזרח גדלות׳דיק שפּאַצירט:
אַן אָנזאָג אויף אַ שחיטה דורך בלינדערניש געפירט, —
ער ברענגט אַ גרוס פון מדבר, אַן אָנזאָג אויף חאַמסין,
האָסט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ באַגין.

מעשקאַליריק, געל, געפאַרבט האָט זיך אין חלל,
פון אַנטקעגן האָט געטרויטלט מיט טונקעלן אָקסיד,
דרויסן פון שפּיטאָל, ווי וואַרטנדיק אויף שלל,
טויזנט קעפּ געבויגן מיט פּיין פאַרשטיקט אין קעל —
שאָטנס האָבן אומגעשליכט, ציילנדיק די טריט.

און ס'האָט קיינער נישט געוויינט אין דעם דאָזיקן באַגינען,
כאָטש אַ כאָר פון טויזנט קולות האָט אַנגעיאָגט די הימלען,
אין שטילקייט איז אַריינגעקומען אַ מאַטער, מידער מאָרגן,
אָפּגעווישט די געלקייט, ווי מ'רייניקט אָפּ דעם שימל.

אויף זיבן פעלד־בעטלעך, איינס נאָך איינס אין ריי,
אונטער דערשטיקטן, איבערגעשניטענעם געשריי,
האָט מען פון שפּיטאָל־הויף אַרויסגעטראָגן זיבן טויטע.
די זון איז אויך אַרויסגעקומען — אַ צעצונדערנע, אַ רויטע,
באַליִיט זיי צו די קברים, באַגלאַנצט דאָס ווייס געהיל,
און ס'בלוט איז נאָך געראָנען פּאַמעלעך און קיל.
אויף יעדן בעטל ליגט אַ נומער מיט שוואַרצער טינט געשריבן,
אַ בעטל און אַ נומער: איינס, און צוויי, און זיבן —

פּ אַ ר נ אַ כ ט

און אַזאַ פאַרנאַכט האָט נאָך קיינער נישט געזען.
אַ גאַנצע שטאָט טובלט זיך אין גאָלדענעם פאַרגיין,
שטראַלן — פּאַסן גאָלד, קרייצן אַלע וועגן.
שויבן פון דער זון אַרויס, ווי בלענדנדיק פּאָספאָר,
און אויגן קוקן וואַרטנדיק, ווי צום שטעקעלע דער כאָר.

אַזאַ פאַרנאַכט איז דאָ נאָך קיינמאָל נישט געווען:
פון סאַמע מיטנטאָג, ווי אַ וואונדער וואָלט געשען,
פון אַ ליכטיק־בלויען הימל, אַ צעשטראַלטער און צעשפּיגלט,
פון טיפן בלוי אַרויס ווי עמעץ וואָלט געקוקט, —
פון סאַמע מיטנטאָג דער פאַרנאַכט האָט זיך גערוקט.

צו אַ בוים אַ צוגעבונדנס — אַן אייזעלע האָט זיך צעשריגן,
אַ שטראַל האָט עס געשטאָכן, ווי ער וואָלט קומען פון אַ שפּיגל,

אַריה שמרי

דער גאָלדענער נאָכמיטאָג האָט פֿינלעך צוגעשוויגן;
מענטשן שטייען קופּעסווייז פֿאַר׳כישופֿ׳טע, פֿאַר׳עגול׳ט.

יינגלעך מיט פֿרישע צייטונגען, געדרוקטע אין שוואַרצער ראָם,
פֿאַרלויפֿן אַלע גאַסן מיט ווייטאָקדיקער בשורה,
פֿון יענער זייט שטאָט — פֿאַרלענדנדיקער פֿלאָם,
די זון, אַ צעצונדענע, לאָזט זיך גיין צום ים,
אַ זוניקער פֿאַרנאַכט פֿירט דעם טאָג צו קבורה.

און אָט שטייט ער שוין, דער טאָג, אין טיפֿן באַרג אַראָפּ,
מען ציט אַרויף אויף הייזער שוואַרצע פֿאָנען,
אַלע אויגן פֿרעגנדיקע, אַלע אויגן מאָנען,
און מ׳רירט זיך נישט פֿון אָרט, עס גליווערט איצט די שטאָט,
ביז מיטאַמאָל אַ וואָרט נעמט קייקלען זיך, ווי אַן אַראָפּגעפֿאַלן ראָד:
אַ—כ—ט!

מ׳האָט שוין אויסגעציילט די טויטע, אויפֿגעשריבן: אַכט.
די זון איז שוין אין ים אַריין, אָט־שוין קומט אָן די נאַכט,
עס רופֿט צו אייך די אָרדענונג, די היטער פֿון זיין מאַכט:
גייט אייך, גייט אַהיים. — נייע טויטע אַכט.

אַז באַגינען זיבן טויטע און סוף טאָג נייע אַכט —
וועסטו קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן דעם פֿאַרנאַכט.

תל־אביב, סוף אַפּריל, 1936.

יעקב שטאָל

פרימאָרגן

אויף אַ בערגל אין גרויען נעפּל ציטערט אַ בלויער וואָלקן,
קומט אַ ווינטל שטילערהייט און בלאָזט דעם וואָלקן אָפּ,
און ס׳בלויט זיך אויס אַ העלער פּאַס איבער אַלע בערגלעך,
דאָס ווינטל נידערט מיטן בלויען פּאַס ביזן טאָל אַראָפּ.

עס לייגט זיך אויס דער ווייסער פּאַס אויף אַלע רויטע דעכער,
בלויע אַקאַציעס שטייען אויף און שמייכלען צום באַגינען,
די בליהונג־בלימלעך שלאָפן נאָך מיט צוגעמאַכטע ליפּן
אויסגעוואַשענע אין טוי; — טראָפּנס טויען רינען.

די ביימער וויגן טראָפּנס טויען מיט אויפגעהייבענע צווייגן,
זיי וויגן און זיי זאָגן: דאָס זענען אונדזערע הענט! —
דערזעט די זון גרינע הענט און כאַפּט זיי אַלע פינגער אויס,
פאַרפעדעמט זיי מיט בלאַנדע פעדעם אויף אַלע ווייסע ווענט — —

אַ ווייס ווערעמל וויגט זיך אויף די פעדעם פון דער וואַנט,
שוואַלבן פלאַטערן אַרום אים, און פון די טירן גייען מענטשן,
אַלע מענטשן זאָגן: גוט מאָרגן, און אויך דאָס ווערימל זאָגט:
„איך טראָג אויף זיך זיידן־שטויב, איך וויל גוט־מאָרגן בענטשן״.

קעלבער, פערד לויפן אָן, שאָף מיט געשווירענע פליצעס,
בינען פון דעם בינשטאָק; און ביים וואַסער — די גאָלדענע פליגן;
די יונגען ציהען אויס די הענט און גיבן די שאָף טרינקען,
די מיידן שעפּן וואַסער און גיסן אָן אין קריגן.

כאַפּט זיך אויף אַ רויטער האָן און וואַשט זיך אויס דעם האַלדז,
און שרייט צו אַלע טירן, פענצטער און אויסגעגלאַנצטע שויבן,
די הינער לויפן נאָך נאָך אים, ס׳זאָל די זון זיי אויך דערזען,
און זאָל זיי לערנען פליען הויך ווי די ווייסע טויבן.

פרישע מיסט פון די שטאַלן ריח׳ט אַרום די הויפן,
זעק מיט קלייען אויסגעלייגט, און מילך אין בלעכענע קריגן. —
די קי שטעקן די קעפּ אַרויס און קוקן מיט קלאָרע אויגן,
ביי די טירן פון די שטאַלן געבוירענע קעלבער ליגן.

די זון פירט דעם טאָג אַרוים און נעמט אַלעמען צענויף,
דער פייגנבוים קוקט און בענקט: ער וואָלט מיט אַלעמען געגאַנגען;
די מיידן לאַכן אויף די יונגענס הענט און קריכן אַריין אין וואָגן,
מענטשן, ביימער, בלויע שוואַלבן — די זון האָט אַלעמען געפאַנגען.

עס קומען שאָף מיט די געשווירענע פלייצעס און שטעלן זיך ביים טויער,
פייגל מיט לאַנגע העלדזלעך באַגלייטן זיי מיט געזאַנגען,
די יונגען שפּאַנען איין דעם וואָגן און גלעטן די פערד ביי די העלדזער,
די מיידן זיצן אין וואָגן און לאַכן מיט שער־און־קאָסע־קלאַנגען.

דער טויער עפנט זיך ברייט פונאַנדער מיט פרייד אַנטקעגן פעלד,
דאָס פעלד איז אויסגעגאָסן מיט גאַנצע פעסער העלן וויין,
דאָס ווינטל רייסט זיך אין טויער און בלאָזט אויף אַלעמענס לייב,
די מענטשן כאַפּן דאָס ווינטל און נעמען עס אין וואָגן אַריין.

די מיידן לאַכן פון האַנט צו האַנט, זיי באַהאַלטן דאָס ווינטל פאַר זיך,
זיי גריסן מיט די הענט צום טויער, צו די רויטע ציגל ליים,
און צו די פאַלמענביימער מיט די גרין גאָלדענע פעכערס, —
די יונגען פאָרן פון טויער אַרוים מיט אַ שמייכל צו דער אייגענער היים.

די יונגען פאָרן צום פעלד אַוועק מיט אויפגעהייבענער פרייד,
דאָס פעלד נעמט זיי אויף און טראָגט זיך זיי אַנטקעגן, —
עס איז אויפגעגאַנגען ווייץ און גערשט און אַלע אַנדערע זריעות,
— דאָס גאַנצע פעלד איז העלער וויין — וויין פאַר אונדזערטוועגן!

שאָף און רינדער, פייגל און מענטשן — אַלע, אַלע צום פעלד אַוועק,
דער רויטער האָן שרייט זיי נאָך און רופט אַלע הינער צונויף,
זיי זאָלן זיך באָדן אין גריבלעך זאַמד, און עסן גרינע גראָזן, —
די הינער ענטפערן: גוט מאָרגן, אַ שיינער טאָג גייט אויף.

תל־אביב, 1936

זישאָ לאַנדוי

(1937 — 1889)

עס אָטעמט יעדער ווינקעל פון דער ערד
מיט לעבעדיקן אָטעם: האָס און ליבע!
און ווי דער ים, אַזוי האָט אויך די ערד
אַן אָפּפלוס און אַ צופלוס. ווי דער ים
באַוועגט זיך אויך די אויבערפלאַך פון אונדזער באַלאָדענער,
שווער אָטעמדיקער ערד

שבת נאָכט, דעם 16טן יאַנואַר, איז געשטאָרבן, אין עלטער פון זיבן און פערציק יאָר, איינער פון אונדזערע וויכטיקסטע דיכטער אין אַמעריקע — זישאָ לאַנדוי.

זישאָ לאַנדוי האָט געהערט צו דער גרופּע „יונגע", וואָס איז אויפגעקומען אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור אין 1910.

די גרופּע „יונגע" האָט אַ שטויס געטאָן דאָס יידישע ליד אויף נייע קינסטלערישע וועגן. — צו דערהייבונג, צו טיפקייט, צו שיינקייט.

פאַר די לעצטע פאַר יאָר זענען אַוועק פון אונדז — אַוועק אומגעריכט און פאַר דער צייט — משה לייב האַלפּערן, אברהם משה דילאָן, און איצט — זישאָ לאַנדוי.

דאָס ליד, וואָס מיר גיבן אין רעמל, איז בלויז דער אָנהייב פון זישאָ לאַנדויס לעצט ליד, וואָס ער האָט גענומען שרייבן צוויי טעג פאַר זיין טויט.

דאָס ליד איז געלעגן אויף זישאָס שרייב־מאַשין און געוואַרט דער דיכטער זאָל עס פאַרענדיקן, און — דאָס ליד איז געבליבן נישט פאַרענדיקט.

גענומען — 1913.

ערשטע ריי (פֿון רעכטס צו לינקס): מ. ל. האַלפּערן, זישאָ לאַנדוי;
צווייטע ריי: מאני לייב, דוד איגנאַטאָוו, י. י. שוואַרץ; —
דריטע ריי: יוסף אָפּאַטאָשו.

גענומען — 1915.

ערשטע ריי: א. ראַבאָי, ראובן אייזלאַנד, זישאָ לאַנדוי, ה. לייוויק, אברהם משה דילאָן.
צווייטע ריי: מ. ל. האַלפּערן, אברהם רייזען, מנחם באָרײַשאָ.
אויף דער וואַנט: אויבן — יוסף ראָלניק; אונטן — יוסף אָפּאַטאָשו, פּרץ הירשביין, י. י. שוואַרץ, **שלום אַש.**

ב. ריווקין

גרונט טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע

ערשטע טייל

דער אייראפעאישער הינטערגרונט

יידישע ליטעראטור אין אמעריקע — וואוהין?

די פראגע „וואוהין?" ווערט געפרעגט אנשטאט צו פרעגן „וואו?" — וואו האלט עס מיט דער יידישער ליטעראטור אין אמעריקע היינט. דער „וואוהין" דארף מיר פארלייכטערן דעם ענטפער אויף „וואו". דער אויסקוק צו דער צוקונפט זאל מיר העלפן צום איינבליק אין היינט.

דער „היינט" נעמט ארום די אלע יעניקע שריפטשטעלער, וואס ווירקן אין דעם היינט. דארף איך אנהייבן לכל־הפחות פון א צייט־פונקט מיט 25 יאר צוריק — פון דעם צווייטן אנהייב, וואס די יידישע ליטעראטור האט דא אין לאנד געהאט מיט דעם אויפקום פון די „יונגע" — א פעריאד, וואס איז אודאי נאך ניט אויסגעפארשט געווארן, און אפשר איז עס נאך גאר צו פרי פאר דעם.

ניט אויף צו פארשפארן די שפעטערדיקע אויספארשונגס־ארבייט, נאר ווי אן ארייגפיר צו איר, באהעלף איך זיך מיט די פירנדיקע פראגן „וואוהין?־וואו?" — דער „וואוהין" איבער דעם „וואו" באטייט, אז איך וועל זיין מער פאראינטערעסירט אין די טענדענצן, אין די טרייב־קרעפטן, וואס באוועגן די ליטעראטור פארווערטס, צוגרייטנדיק איר צוקונפטיקן גאנג, איידער אין דער גענויער פאקטישער געשיכטע פון איר אנטוויקלונג פארן לעצטן פערטל־יארהונדערט. פאר די טענדענצן קאן איך יוצא זיין מיט אילוסטראַציעס — אפשטעלנדיק מיין הויפט־אויפמערקזאמקייט אויף די שריפט־שטעלער, דורך וועלכע די טענדענצן האבן זיך בולט ארויסגעוויזן, אדער וועלכע האבן די טענדענצן ארויסגעבראכט, און איך בין ניט מחויב זיך צו פארהאלטן צו לאנג אויף די יעניקע, וואס מיר דוכט זיך, אז זיי זענען פון די טענדענצן געטראגן געווארן. במילא, וועלן די פראגן „וואוהין?־וואו?" ארויספאדערן ביי מיר סוביעקטיווע ענטפערס; במילא וועלן מיינע סימפאטיעס ־ אנטיפאטיעס, פארצוגן,

ליבלינג־אידייען, ריקבליקן און אויסבליקן אַרויסגעפֿירט ווערן אין פֿאַראַד. און אַזוי זאָל עס פֿאַרשטאַנען ווערן.

אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט, ווען דער לעצטער פֿערטל יאָרהונדערט פון דער יידישער ליטעראַטור וועט גענומען ווערן אונטער אַ גרינטלעכער אויספֿאָרשונג, וועט דער הינטערגרונט אירער, אירע ביידע הינטערגרונטן — סיי אין אַמעריקע און סיי אין אייראָפּע — דאָך שוין דאַרפֿן זיין אויפֿגעלויכטן. איז דאָס דען געטאָן געוואָרן? סוים־קוים. בלויז די קליינע צאָל פֿיאָנערן, וואָס זייערע געבורטסטעג, יאָרצייטן און יובלם זענען מער ווי איינמאָל געפֿייערט געוואָרן — בלויז זיי האָבן געהאַט וויפֿיל ניט איז די זכיה דערגרונטעוועט צו ווערן.

טריי צו מיין מעטאָד, וועל איך פון די ביידע הינטערגרונטן אַרויסציען בלויז די טענדענצן, וואָס האָבן זיך געירש'נט, און פֿאַרוואַנדלטע, ווירקן זיי נאָך היינט און פֿורעמען די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. און איך הייב אָן די עקספּאָזיציע פון די געירש'נטע טענדענצן מיט דער פֿראַגע: וואָס האָט געגעבן דעם געבורטס־שטויס צו דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור? — דאָס איז די זעלביקע פֿראַגע, וואָס, איבערברעכנדיק זיך אין באַוואוסטזיין פון יידישן שריפֿטשטעלער־פֿיאָנער, האָט זי זיך ביי אים געפֿרעגט אַזוי: צו וואָס יידישע ליטעראַטור? וואָס איז מיין כוונה מיט איר? — אַ קאַרדינאַלע פֿראַגע, וואָס אָפּענטפֿערנדיק אויף איר, האָט די פֿיאָנערישע יידישע ליטעראַטור אַריינגעזויגן אין זיך אירע ערשטע צוויי הויפּט־טענדענצן.

פֿאַרוואָס גראָד האָט מען עס ביי יידן געדאַרפֿט פֿרעגן: צו וואָס ליטעראַטור? — ווייל ליטעראַטור, וואָס ליטעראַטור הייסט, איז געקומען צו יידן מיט אַ געוואַלטיקער פֿאַרשפּעטיקונג, ווען די אַרומיקע גרויסע וועלט איז שוין לאַנג באַזאָרגט געווען מיט ליטעראַטור, וואָס האָט שוין געהאַט אירע פֿעסטע איינגעשטעלטע פֿאָרמען; געקומען צו אַ פֿאָלק, ביי וועמען עס איז ניט געווען די נאַטירלעכע סביבה, וואָס פֿראָדוצירט ליטעראַטור: ניט נאָר אָן אַן אייגענעם טעריטאָריעל־מלוכה'שן לעבן, נאָר אויך אָן אַן אייגענעם פֿאַררונדעטן עקאָנאָמיש געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס זאָל צווינגען די אינטעליגענץ צונויפֿצוורעדן זיך מיטן פֿאָלק דורך ליטעראַטור; צו אַ פֿאָלק, וואָס האָט נאָך דערצו גערעדט אַ שפּראַך, וואָס איז פֿאַררעכנט

געוועזן ביי דער אינטעליגענץ פאר א נבזה. די אינטעליגענץ צווישן זיך האט גע׳דבר׳ט און גע׳כתיבה׳ט לשון קודש און צום בעל הבית וועגן פריוואט־געשעפט און צו דער וועלט וועגן געזעלשאפטלעכן געשעפט האט זי גערעדט — אין רוסלאנד רוסיש און אין פוילן פויליש. און ועל כולם צו א פאלק, וואס לויט היסטארישער געוואוינהייט און לויט אינסטינקט איז עס געוועזן שטארק קעגן עצם ענין ליטעראטור לשמה; א פאלק א בעל תכלית; מיט א שארפן אינטעלעקטועלן אינטערעס אלס פארויסגייער אויף אלע זיינע לעבנסוועגן . . .

האט דער פיאנער פון דער יידישער ליטעראטור געהאט פאר זיין ערשטער און שווערסטער אויפגאבע צו פארענטפערן און באר רעכטיקן ליטעראטור אין די אויגן פון פאלק — פאר דעם פאלקס תכלית־געפיל און באוואוסטזיין. און א צווייטע, אפשר ניט קיין לייכטערע אויפגאבע: צו שאפן עפעס ענלעכעס צו א נאטירלעכער סביבה, וואס רופט ארויס באדערפעניש אין ליטעראטור. די ערשטע אויפגאבע האט דערפילט מענדעלע מוכר ספרים; די צווייטע — שלום עליכם.

ווען מען שטודירט מענדעלעס ווערק אין זייער שטופנווייזן שטייגן צו אלץ מער קינסטלערישקייט, לאזן זיי פון זיך אפלערנען, ערשטנס:—אז ניט נאר זיין ערשט יידיש ווערק „קליינמענטשעלע", נאר אלע זיינע וויטערדיקע ווערק האבן באקומען זייער געבורטס־שטופ פון דער אידייע פון תכלית. קיין איין ווערק, אפילו ניט „שלמה ר' חיימס", איז ניט געבארן געווארן פון ריינער כונה צו שאפן ליטעראטור. אלע זענען זיי, אן אויסנאם, פארענטפערט און באַרעכטיקט דורך דער גרויס־תכלית׳דיקער אידייע צו העלפן דער יידישער עדה קעגן דער טיראניי פון אינעווייניק און פון אויסווייניק — קעגן דער טיראניי פון קהל־שטיבל, וואס איז געוועזן דער ארגאן פון דער יידישער גביראקראטיע, אויף וויפיל זי איז גע־ווענדט געוועזן מיטן פנים צו דער יידישער גאס (איר הויפט־געשעפט האט זי געפירט אויף דער רוסישער גאס); קעגן דער טיראניי פון גאנצן רציחה־רעזשים, וואס האט אויסגעקליבן דעם יידן פאר דעם קרבן, קעגן וועמען אלע זיינע אנדערע קרבנות זאלן זיך פילן ווי גליקלעכע. אפילו „שלמה ר' חיימס", וואס קומט צו אם נעענטסטן צו ריינער ליטעראטור, איז אויך דיקטירט פון א תכלית־צוועק: אפשר וואלט דער גייסטיקער צעמענט, וואס האט אמאל צונויפ־

געהאַלטן די יידישע עדה, אויך איצט איר געקאָנט דינען צו פאַר־שטאַרקן איר ווידערשטאַנד קעגן דער רשעות? די סאַמע געבורט פון דער יידישער ליטעראַטור דורך מענדעלען איז געווען אַ רעזול־טאַט פון זיין תכלית׳דיקער פאָלקיסטישער איינשטעלונג. מיט זיין איבערגאַנג צום פאָלקס לשון האָט ער איבערגעריסן מיט דער זיס ליבעראַלער משכילישער אינטעליגענץ, נאָכדעם ווי ער איז געוואָר געוואָרן — גיכער האָט ער עס דערפילט, ווי דערגאַנגען מיטן באַ־וואוסטזיין — אַז די „השכלה בת השמים" איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי די אידעאַליזירונג פון דער לעבנס־פּראַקטיק פון דער אינטעליגענץ אין איר ראָלע פון אַן איידעלער משרת׳טע ביי דער יידישער גביראָקראַטיע, וועלכע איז גאָר ניט געווען אַזאַ איידעלע משרת׳טע ביי דער צאַרישער אויטאָקראַטיע. ניט אומזיסט איז די ערשטע גילדענע פּראָזע פון דער ערשט־געבאָרענער יידישער ליטע־ראַטור געווען: „קיין טאַנץ פאַרן עסן". אָנשטאָט דער משכילישער „ליכט־און־אויפקלערונג", וואָס מאַכט זיך ניט וויסנדיק וועגן אָרימאַנס מאָגן, ווערט דאָ אַרויסגערוקט דער פּראָסט־פּשוטער אָרימאַנסקער תכלית: ברויט! — גיב מיר ברויט, וועט מיר ליכטיק ווערן אין די אויגן!

צווייטנס, לאָזט זיך פון אַ שטודיום פון מענדעלעס ווערק אָפּלערנען, אַז די גרוים־תכלית׳דיקע אידייע איז ניט נאָר געווען די שטוים־קראַפט צו דער געבורט פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך די טרייב־קראַפט צו איר קינסטלערישער אַנטוויקלונג. דער סאַמע מעטאַד זיינער זאָגט עדות, אַז זיין קינסטלערישקייט שטאַמט פון זיין תכלית׳דיקייט אַרויס. דער משל, דאָס משל־פּראָדוצירנדיקע פאַרשטעלעניש דורך אַ מוכר ספרים, זענען פונקט צוגעמאָסטן צו מאַכן אַ תכלית׳דיקן געדאַנק דערציילעריש זיך באַוועגן. דאָס האָט דער בעל־תכלית אָנגענומען דעם קינסטלער ביי דער האַנט, אים געפירט און געלערנט, וואָס בולטער צו ווייזן, צו שילדערן, צו גע־שטאַלטן; וואָס געלויפיקער צו דערציילן — פאַר אַ שטאַרקערער פעולה; תכלית האָט זיך פאַרקינסטלערט פאַר אַ גרעסערן תכלית. בעת די תכלית־אידייע סטאַרטשעט נאָך אַרוים סקעלעטן־אַרטיק אין „קליינמענטשעלע" און די מעשה דערציילט זיך קוים, נעמט דער אידייען־סקעלעט אַלץ מער אָן אויף זיך קינסטלערישען לייב דורך דער „קליאַטשע", „מסעות", „פישקע", „ווינטשפינגערל"... דאָס האָט

דער פּאַרקינסטלערטער תּכלית־קוק אַלץ ברייטער אַרומגענומען דעם כּלל און אַלץ טיפער אַריינגעדרונגען אין דעם פּרט. אָן דער פאַר־קינסטלערונג וואָלט ניט געווען קיין אַרומנעמונג און קיין אַריינ־דרינגונג.

און נאָכפאָלגנדיק דעם תּכלית־קוק, האָט מענדעלע דערווייל טועם געווען פון דער קינסטלערישער הנאה; ער האָט זיך אָנגענומען מיט דער שרייבערישער לופט. דער אַלטער יידישער סופר האָט דערפון ניט געוואוסט. ער איז געווען אַ געפאַנגענער ביי זיין שטרענגער כונה. דאָס איז געווען דער נייער מעטאָד — דער ליטעראַריש־קינסטלערישער, וואָס ניט נאָר דערלויבט ער, נאָר פאָדערט אַרויס פרייען שפּיל — דער מעטאָד האָט אַרויסבאַפרייט אַ דערציילונג—שילדערונג—טעכניק. און דער בעל־מליצה און זייער מאָגערער שיל־דערער־דערציילער אין לשון קודש אבראַמאָוויטש — איז, איבער־גייענדיק צו יידיש אונטער דער מענדעלע־מאַסקע, געוואָרן אַ זאַפ־טיקער קינסטלער. און צו מאַכן אַ סך־הכּל, ווי אַזוי איז דאָס געשען? וואָרום איז דאָס אים אין לשון קודש ניט געלונגען? ווייל אויף מאַמע־לשון, זייענדיק געצוואונגען צו זוכן אַ פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג פאַר ליטעראַטור, האָט מענדעלע געמוזט זיך אָנ־לאָדן מיט לעבעדיקן תּכלית — צו דינען דעם פאָלקס־מענטשן — און דער תּכלית־דינסט, אין פרייער איבונג, האָט אָנגעצויגן קינסטלע־רישקייט.

און עס בלייבט אַ גרונט־אמת וועגן דער יידישער ליטעראַטור, ווי עס איז געווען אין דער פּיאָנערן־וועלט: זי מוז שטענדיק פאַר־ענטפערט און באַרעכטיקט ווערן. ווי זי וואָלט כּסדר געווען אין דער בחינה פון געבאָרן ווערן. און די גרויס־תּכלית־אידייע, וואָס האָט געגעבן דעם שטויס צו איר אָנהייב, איז געבליבן די קראַפט, וואָס דערהאַלט זי ביים לעבן און באַוועגט זי צו אַלץ מער קינסטלעריש־קייט. און גרויס־תּכלית מוז אָבער און ווידער גערופן ווערן צו הילף, בדי אַרויסצופירן זי פון אירע קריזיסן. און עס איז היינט קריזיס־צייט אין דער יידישער ליטעראַטור . . .

און עס איז פאַראַן געגנוג לעקציע צו לערנען פאַר דער מאָ־דערנער יידישער ליטעראַטור פון איר צווייטן פּיאָנער — שלום עליכם. שלום עליכם איז געקומען אויף דעם פּאַרטיקן, פון מענדעלען דורכ־געאַקערט באָדן. הגם אָנגעהייבן האָט ער אויך ווי מענדעלע מעשה

בעל־תכלית — פובליציסטיש־פעליעטאָניסטיש — אָבער די נויט צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן ליטעראַטור דורך תכלית איז שוין ניט געווען אַזוי שאַרף; איז אים לייכטער געווען דער איבערגאַנג צו שילדערונג־דערציילונג. אויך דאָ האָט אים מענדעלע געהאָט איינגעשפּאָרט אַ סך אַרבעט. ביידע האָבן געדעקט דעם זעלביקן שטח אין לאָקאַל און טיפּאַזש. די וואָלינער קליינשטעטלדיקע יידישע עדה איז שוין געווען אַרומגענומען — האָט שלום עליכם נאָר געדאַרפט דערגאַנצן מענדעלעס קאַבצאַנסק מיט כתרילעווקע און דער פאָלקס־טיפּ איז שוין געווען אָפּפאָטאָגראַפירט — מיט זיין פּנים, מיט זיין הילוך. אפילו זיין אינעווייניק איז שוין געווען איינגעבראָכן: אשר מעקלער פון „ווינטשפינגערל" איז אָן ספק דער טאַטע פון מנחם מענדלען. און מענדעלעס „מענדעלע" איז אודאי דער פאַרלויפער פון טביהן.

שלום עליכם האָט אָנגעהייבן, וואו מענדעלע האָט אויסגעלאָזט. מענדעלע האָט דורך זיינע העלדן אָנגעוויזן דעם אַדרעס פון דעם לעזער, דעם פאָלקס־מענטשן, צו וועמען די ליטעראַטור דאַרף זיין געווענדט. אָבער ניט גערעדט האָט ער צו אים פּה אל פּה, כדבר איש אל רעהו, נאָר אַביסעלע פונדערווייטנס, פון אויבן אַראָפּ, איבער דעם לעזערס קאָפּ. נאָר אים האָט ער געמיינט. איז געבליבן די צווייטע העלפט פון דער אויפגאַבע: דירעקט זיך ווענדן צו אים, געווינען, איינהאַלטן, פאַראינטערעסירן, פאַראינטריגירן מיט מעשה. פאַר דער אויפגאַבע איז שלום עליכם געווען ווי געבאָרן: באַשאָנקען מיט דעם פאָלקס מענה לשון, בטבע אַ „זאָגער", און אַ ווערטעלזאָגער, מיט אַ פריילעכקייט, וואָס מאַכט לאַכן מיט דעם גוטן געלעכטער, וואָס לאָזט קיין בייזקייט ניט איבער, נאָר גיט צו געזונט — האָט ער געמאַכט דעם לעזער פאַר זיין העלד, וואָס ביידע רעדן זיי איין לשון. ניט מכוח דעם העלד האָט ער גערעדט, נאָר דער העלד איז זיין מיטשמועסער געווען.

און דערצו נאָך איז דער לעזער—דער העלד, דער פאָלקס־מענטש — געווען אַ מער אויפגעוועקטער, ווי אין מענדעלעס פיאָנערן־צייט. זיכער האָט דער פּראָגרעס פון דער רוסישער האַנדלס־עקאָנאָמיק דערצו אַ סך ביי געטראָגן; דעם פאָלקס־מענטשן איז שוין פּשוט טשיקאַווע געווען צו וויסן וואָס ליטעראַטור איז, כדי כאָטש ניט פאַרשעמט צו ווערן פאַר די קינדער, וואָס זענען געגאַנגען, אָדער

גיכער זיך געריסען גיין, אין דער גימנאַזיע.

איז דורך שלום עליכמען אַוועק אַ קעגנזייטיקע באַאײַנפלוסונג — פון דער ליטעראַטור אויפן לעזער און פון לעזער אויף דער ליטעראַטור; די ליטעראַטור האָט געמערט דאָס לעזערטום; דאָס לעזערטום — די ליטעראַטור. און אַזוי־אַרום האָט דורך שלום עליכמען זיך איינגעשטעלט אַ יידישע ליטעראַטור, וואָס דערפילט די געוויינלעכע עובדא פון קינסטלערישער ליטעראַטור: שפּיגלט־אָפּ די מענטשן, טוט זיי איבער, בעת זיי שפּיגלען זיך; געשטאַלטיקט זיי איבער. אַריינגענומען האָט ער זיי אין זייער יידישען לבוש, מיט באָרד און פּאות, און אַרויסגעקומען זענען זיי פון זיינע הענט פונאַנדערגעקנעפּלטע, איבערגעטאָנענע, אַרומגעוואַשענע אין דעם וואַרימען שטראָם פון זיין הומאָר־מענטשן, ווי זיי וואָלטן חס ושלום קיין באָרד און פּאות ניט געטראָגן. און ער האָט זיי צוגעפירט צו גרונט־טיפּן, וואָס זענען גאָר נאָענטע קרובים צו אַלמענטש־טיפּן אין דער וועלט־ליטעראַטור. אָנגעלייענט זיך מיט שלום עליכמען, האָט דער ייד געקאָנט נעמען קוקן אויף זיך מיט אַ מיטפילנדיקן פאַרשטענדניש־שמייכל, ווי אָנגעקוקט זיך אַליין מיט די אייגענע אויגן פונדערווייטנס; ער האָט געקאָנט לאַכן דורך טרערן אויף זיינע אייגענע אומגליקן — און דאָס איז דאָך די באַפרייאונג און די אויסלייזונג, וואָס גיט פולע פאַרוואַנדלונג — און דאָס איז דאָך די העכסטע דערגרייכונג פון קינסטלערישער ליטעראַטור.

מען קאָן געפינען געגנוג דירעקטע תכלית'דיקייט ביי שלום עליכמען, אָבער די דערהייבונג פון דער יידישער ליטעראַטור צו דער ראָלע פון אַ קינסטלערישער פאַרוואַנדלערן איז אַ גרויסער תכלית פאַר זיך גופא — אמת, אַן אומדירעקטער תכלית, אַ באַהאַלטענער, וואָס ווייזט זיך ערשט אַרויס אחר המעשה, ווען עס איז שוין פריער דאָ נאַטירלעכער באַדאַרף אין ליטעראַטור. שלום עליכם האָט דעם באַדאַרף קינסטלעך אַרויסגערופן — טאַקי מיט דעם, וואָס אים, דעם ערשטן, איז געלונגען אַריינצורופן דעם ברייטן עולם אין דער ליטעראַטור. נאָך שלום עליכמען האָט גענומען אויסזען, אַז ביי אונז איז אַלץ נאָרמאַל ווי ביי לייטן — הייבט אָן ווערן נאָרמאַל — ווי ביי אַ פאָלק מיט אַ טעריטאָריע, מיט אַ מלוכה, מיט אַן אָרגאַניש פאַרצווייגטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס שלאָגט פון זיך אַליין אָפּ אַן אויבערשטע כוואַליע: ליטעראַטור, וואָס דאַרף ניט קיין קינסטלעכע

אַנשפּאַרן, אויסוועניקסטע און אינעווייניקסטע, אויף צו האַלטן זיך. דאָס איז שלום עליכמס אויפטו. א טעריטאָריעלאַז פאָלק — אין דעם זין, וואָס עס האָט ניט קיין אייגענע פאַרוואָרצלטע געזעלשאַפט־לעכקייט, ווייל די אידישע גאַס פירט איר הויפּט־געשעפט אויף דער גויאישער — א טעריטאָריעלאַז פאָלק האָט דורך שלום עליכמען באַקומען אַ כ מ ו ־ ט ע ר י ט אָ ר י ע ־ליטעראַטור

צו מענדעלעס גרויס־תכלית'דיקער טענדענץ, וואָס שטאַמט פון דער ספּעציעלער קאָנדיציע ביי דער באַשאַפונג פון דער יידישער ליטעראַטור — דאָס וואָס זי האָט געדאַרפט פאַרענטפערט און באַרעכטיקט ווערן — איז צוגעקומען די פון שלום עליכמען אַריינגעבראַכטע כמו־טעריטאָריעלע ליטעראַטור־טענדענץ, וואָס קירצער וועלן מיר זי אָנרופן: די ל י ט ע ר אַ ט ו ר ־ ט ע נ ד ע נ ץ — ווייל די באַרייכערונג פון דער יידישער ליטעראַרישער פאָרם קומט געוויינלעך מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער כמו־טעריטאָריע־אילוזיע.ביידע קינסטלעך אַרויסגערופענע—קינסטלעך, ווייל די ערשטע איז די פרוכט פון באַוואוסטזיניקער באַמיאונג; די צווייטע, ווייל אונטער דער כמו־טעריטאָריע איז דאָך קיין אמתע זיכערע טעריטאָריע ניטאָ — ביידע קינסטלעך־אַרויסגערופענע, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט ווי די צוויי גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס באַקעמפן זיך צייטנווייז, אָבער אונטערשטיצן זיך גלייכצייטיק; וואָס ווען איינע פונקציאָנירט ניט ווי געהעריק, איילט די צווייטע צו דער רעטונג פון דער ליטעראַטור.

מיט 25 יאָר צוריק, ווען גרויס־תכלית אין דער יידישער ליטעראַטור פון אמעריקע איז אויסגעביטן געוואָרן אויף קליינע תכליתימלעך, וואָס האָבן מיט זייערע טרוקענע דרשה־קול'כעלעך געטריבן די ליטעראַטור אין אַ וויסטן קלעם, זענען אונטערגעקומען די „יונגע", מיט זייער גלאָריפיקאַציע פון ליטעראַרישער פאָרם, און האָבן די ליטעראַטור אַרויסגעפירט אויף אַ ברייטן שליאַך. און אין דעם איצטיקן קריזיס, ווען די ליטעראַטור דאָ איז געבליבן הענגען אויף משקולת, ווייל די כמו־טעריטאָריע־אילוזיע האָט אָנגעוואָרן איר אָנשפּאַר אין לעזערטום, וואָס איז זיך צעקראָכן — דאַרף אונטערקומען גרויס תכלית און צוריקרופן דאָס אַלטע און צורופן נייעם לעזערטום.

די צוויי טענדענצן — די גרויס־תכלית'דיקע און כמו־טעריטאָריעלע — זענען געוווען דער ענטפער, מיט וועלכן די פּיאָנערישע

יידישע ליטעראַטור האָט זיך אָפּגערופן אויף דער פראַגע פון יידישן שריפטשטעלער־פּיאָנער: צו וואָס יידישע ליטעראַטור? דער „צו וואָס" האָט געבראַכט צו דעם „ווי אַזוי" — אַט אַזוי וועט די יידישע ליטעראַטור מעגלעך און נויטיק ווערן — דורך אַן אַנגעלאָדענער מיט גרויס־תכלית כמו־טעריטאָריע־אילוזיע, וואָס פאַרבייט נאָרמאַלע ליטעראַטור־פּראָדוצירנדיקע טעריטאָריע.

מיט די צוויי טענדענצן אַלס וועגווייזערנס, לאָזט זיך שוין זיכערער נאָכגיין דעם ווייטערדיקן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור.

י. ל. פּרץ האָט דיביידע טענדענצן אויפגעכאַפּט, און זיי פאַרטיפט און פאַרברייטערט. לכתחילה אַן איבעריקן גלויבן אין דער שפּראַך און אַן באַרופס־באַוואוסטזיין אויף דער שפּראַך, האָט דאָס תכלית'דיקע פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין זיין אויפמערקזאַמקייט, אַזוי ווי ביי מענדעלען און שלום עליכמען. און ווידעראַמאָל האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז דער בעל־תכלית האָט אַרויסגעפירט דעם קינסטלער אויף דער אַרענע; און פּרץ דער קינסטלער האָט זיך אָנגעלאָדן אַלץ מער מיט יידישן ליטעראַטור־אינטערעס, מיט באַרופס־באַוואוסטזיין פאַר דער יידישער ליטעראַטור — ביז צו אַ העכערן גראַד, ווי מענדעלע און שלום עליכם. ווייל אין אַ גינסטיקערער סיטואַציע, ווי די ערשטע צוויי פּיאָנערן.

פּרץ האָט געהאַט פאַר זיך אַן אויפגעוועקטערן פאָלקס־מענטשן, ווי שלום עליכם, און ווי מענדעלע אודאי — אַ פאָלקס־מענטשן, וועמען עס איז ניט נאָר טשיקאַווע געווען צו קענען זיך און די וועלט, און די ליטעראַטור האָט אים געדאַרפט דינען פאַר אַן אויגן־עפענער, נאָר ער האָט זיך שוין געגרייט צו אַקציע און האָט געמאָנט דערמונטערונג צו אַקציע. עס האָט זיך אויסגעטיילט דער אַרבעטס־מענטש, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען פון מחשבה למעשה; אַן אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אויסגעפורעמט, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט אַלץ מער כוח, מוט און אַקטיוויטעט: די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אריינגעצויגן אין זיך אַ פאָלקס־אינטעליגענץ; צום ערשטן מאָל אַן אינטעליגענץ, וואָס לעבט אין הארץ און איין שפּראַך מיט דער מאַסע; און די אינטעליגענץ האָט באַרעדעווודיק און בקול רם גענומען מאָנען פון דער ליטעראַטור — אין נאָמען פון דער אַרבעטערשאַפט — הילף אין איר דרייסטן קאַמף־פאַרמעסט, און אין איר אייגענעם נאָמען:

די מעגלעכקייט פול אויסצולעבן זיך אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַלע אירע אידייען, געפילן און צילן.

פּרץ איז אַנטקעגנגעקומען אַט די אַלע מאַנונגען פאַר דערמוני־טערונג, הילף אין פול אויסלעבן זיך. אַנגעהייבן האָט ער פון רעאַ־ליסטישע שילדערונגען, וואָס אָפּשפּיגלענדיק די מענטשן און דאָס לעבן, הייבן זיי אַרויס צו בולטקייט די סאָציאַלע מאָמענטן — די אָרעמקייט, די קעלער־שטוב אין דער גרויסער שטאָט, די איבלען פון פאַמיליען־לעבן, די עלנטקייט פון דער יידישער פרוי, פון יידישען קינד. דערנאָך האָט ער דירעקט גענומען העלפן דעם אַרבעטער־אינטעליגענט אין זיין אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע, אַטאַקירנדיק דאָס רעליגיעזע פּאַרפירעניש, וואָס בענטשט דעם גביר'ס עולם הזה און קאָרמעט דעם אָרימאַן מיט עולם הבא, און צייטנווייז אָנרירנדיק מיט אַ מיטליידנדיקן פינגער די וואונדן, וואָס עקספּלואַטאַציע ברענט אויס אין לייב און לעבן פון אַרבעטער — ספּעציעל פון דער אַרבע־טער־פרוי. אַזוי אַרום האָט פּרץ דעמאָקראַטיזירט און אַפילו פּראָ־לעטאַריזירט דעם השכלה־דינסט פון דעם אינטעליגענט, דעם אַמאָ־ליקן אײדעלן נשמה־פאַרזאָרגער פון דעם שררה, וואָס באַוועלטיקט מיט געלט די וועלט און יענע וועלט.

דאָס איז געווען דער אַזוי־גערופענער ראַדיקאַלער פּעריאָד אין פּרצעס שאַפן. און דאָ איז געשען אַן איבערברוך. האָבנדיק דעם אינטעליגענט פאַר זיין הויפּט־אַדרעס — אַפילו צום אַרבעטער האָט ער מערסטנס גערעדט אויפן אַדרעס פון אינטעליגענט — איז פּרץ, דער ערשטער אַריינצופירן דעם אינטעליגענט אין דער יידישער ליטע־ראַטור, אויך געווען דער ערשטער אַריינצוברענגען פּראָבלעמען אין דער יידישער ליטעראַטור. צווייערליי פּראָבלעמען—וועגן תכלית און וועגן עצם ענין ליטעראַטור. הארבע פּראָבלעמען, וואָס אייניקע פון זיי זענען געווען איבער דער ראַדיקאַל־אויפקלערערישער השגה פון דאַמאָלסדיקן אינטעליגענט.

דאָס פּראָבלעם פון תכלית. פּרצעס אַדרעסאַט — דער וואַרשע־ווער אינטעליגענט — האָט אויף דער פראַגע פון תכלית געענטפערט זער איינפאַך: אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע, סטרייק, דעמאָנסטראַציע— ביז אין דער רעוואָלוציע אַריין. דער טיפערער און טיף־אידישערער אינטעליגענט פּרץ האָט געפרעגט: אויב פון יידישן פאָלקס־מענטשן

ווערט פארלאנגט אזויפיל אקטיוויטעט—ביז צו באטייליקן זיך אין מאסן־אויפברויז פון רעוואלוציע — וואו וועט ער נעמען כוח פאר דעם? אגיטאציע און פראפאגאנדע זענען ניט גענוג שפייזערנס מיט כוח, דער יידישער רעזערוואואר דארף געעפנט ווערן — צו צאפן כוח פון די אלטע יידישע נשמה־קוואלן. עס איז פאראן גלויבן, פאראן בטחון, פאראן התלהבות, פאראן יום טוב, פאראן אייביקער ניגון אין דער יידישער נשמה — אט פון וואנען שעפן כוח! . . .

אן זייער וויסן איז דאס פראבלעם אויך געשטאנען פאר מענ־דעלען און שלום עליכמען. ווען מענדעלע האט ארום אנהייב פון די אכציקער יארן, צוזאמען מיט דער גאנצער רוסישער ליבעראלער אינטעליגענץ, אנגעווארן דעם גלויבן אין א באלדיקער איבערקערעניש, וואס זאל שטירצן דעם צארישן רעזשים — וואס דערמיט איז פאר אים פארבונדן געווען די אויסלייזונג פון יידישן קבצאנסק פון קבצנות — האט ער א קלאפ געטאן איבער זיין סאטירישער פען: האלט! מען וועט דארפן ווארטן און אויסהארן. מען וועט דארפן מאבילי־זירן די אלטע יידישע אויסדויער־קראפט. און ער האט גענומען צוריק אפזוכן אין דער נשמה פון יידישן ארימאן די ליכטיקייט, וואס האט אים געגעבן קראפט אלץ אויסצוהאלטן און אויסצושטיין. און ער האט אפגעפרישט דעם שבת קודש פאר שמואל דעם פאקענטרעגער. און ער איז צוריקגעגאנגען צו זיינע קינדהייט־זכרונות צו פייערן זיין אייגענעם שבת קודש — אזוי אז „שלמה ר׳ חיימס" איז ניט געווען הוילע קונסט, ווי מען וויל עס האבן; עס האט געהאט א גרויסן תכלית׳דיקן הינטערגרונט, נאר אין פארקערטער ריכטונג, ווי די „קליאטשע". און דאס איז עס וואס די פראלעטארישע אויסטייטשער באצייכענען אלס מענדעלעס רעאקציע.

און ביי שלום עליכמען, א חוץ זיין שבת קודשן און יום טובן, פון יידישע קינדערס־וועגן, וואס איז זיין הויפט־אויפטו מיט מנחם מענדלען און טביהן? — ער האט קינסטלעריש אינטואיטיוו אנט־פלעקט די פסיכאלאגישע טראנספארמאציע פון אלט־יידישן גלויבן און בטחון אין דעם יידן וואס פאר זיינע אויגן. ביי מנחם מענדלען איז דאס לייכטגלויביקייט, וואס מאכט אים זיך טראגן אין דער לופטן מיט א קאפ־שווינדלערישער האסטיקייט; ביי טביהן איז דאס אייזערנע געדולדיקייט—בטחון—וואס מאכט אים זיך פעסט האלטן אן דער ערד, אפילו ווען שטורעמס ווארפן אים פון די פיס. ניט אויסזאגנ־

דיק עס זיך אַליין, דורך דעם קינסטלערישן מעטאָד פון אָפּשפּיגלען, געשטאַלטן און פאַרמענטשלעכן, האָט שלום עליכם באַוויזן, אַז דער פאַרצייטיקער יידישער כוח ווירקט נאָך אין דעם היינט.

פּרץ, אַנדערש פון שלום עליכמען (און אויך פון מענדעלען), האָט ניט געוואָלט יוצא זיין מיט אָט דעם קינסטלערישן באַווייז. ער האָט געדאַרפט מער — ניט אַזוי דעם באַווייז, אַז דער כוח איז נאָך פאַראַן, ווי אַ צופלוס, אַן אָנשעפּונג פון פרישן כוח — פאַר דעם פאַרגרעסערטן באַדאַרף. אים איז ניט גענוג געווען דער כוח, וואָס באַפרייט זיך דורך קינסטלערישער שילדערונג — דורך אָפּשפּיגלונג־פאַרמענטשלע־כונג — אָט־די אומדירעקטע באַהאַלטענע תכלית׳דיקייט, וואָס איז פאַרוויקלט אין דעם עצם ענין ליטעראַטור. ער האָט אין באַוואוסט־זיניקער תכלית׳דיקייט זיך אַ קער געטאָן צום עבר — צום עבר וואָס איז נאָך דאָ און צום עבר וואָס איז שוין אַוועק. ער האָט זיך אַרויס־געלאָזט אין עקספּעדיציעס אויפצוזוכן די אייביקע יידישע נשמה־גבורה.

זיין ערשטע עקספּעדיציע האָט ער געמאַכט צו די חסידים און מקובלים. עס איז געווען רעאַליסטישע שילדערונג פון אידעאַליזירטער רעליגיעזיטעט. רעאַליסטיש, ווייל אַליין איז ער דאָך געווען דרויסן פון אַלטן רעליגיעזן שטייגער — האָט ער זיך געהאַלטן ביי זיין פריערדיקן רעאַליסטישן מעטאָד פון אַ דרויסנדיקן באַאָבאַכטער. אידעאַליסטיש, ווייל אויסן איז ער דאָך געווען אויסצוגעפינען די גיל־דענע פונקען, די ניצוצים, די אָפּשלאָגן פון אַלטן יידישן נשמה־אוצר. אָט די רעאַליסטישע איינפאַסונג פאַר אַן אידעאַליסטישן קרן איז גע־ווען אַ סתירה אין זיך אַליין, וואָס האָט אים אַלס קינסטלער, נאָך אַ קורצער ווײַלע, אויפגעהערט צופרידנשטעלן.

אין זיין צווייטער עקספּעדיציע האָט ער גענומען ציען ניצוצים פון דעם גלויבנס־אוצר, וואָס האָט אויפגעבלאַנקט אין אים גופא — אַן אָפּגעשייערטער פון די רייבונגען, בעת זיין פּען האָט זיך געריבן אַרום די חסידיש־מקובלישע טעמעס. ער האָט גענומען מאַכן פּרובן צו פאַרפאַסן רעליגיעזיטעט. דאָס איז די „גאָלדענע קייט" — אַ פאַר־זוך צו פאַרהייליקן די חסידיש־רביישע התלהבות. כולו שבת קודש זאָל זיין! קיין הבדל צווישן קודש און חול! — ווערט זיך איינ־שפּאַרן אין גלויבנס־עקשנות, וועט די וואָך ניט קומען. דער פאַרזוך האָט זיך איינגעגעבן—אינהאַלטלעך און קינסטלעריש—בלויז ביים

ערשטן אויפטריט פון גלויבנסהעלד—ביי דעם זיידן. אָבער די פאַר־היינטיקונג האָט זיך ניט איינגעגעבן. די גלויבנס־העלדישקייט ווערט שוואַכער און שלאַפער פון דור צו דור. און עס שטעלט זיך אָפּ אַ האַמעטנע וואַך — אַ בלינד־פאַנאַטישע פינצטערע רעליגיעזיטעט ביי די חסידישע אייניקלעך־יורשים; און, אַ בלינד־פאַנאַטישע אויפקלע־רעכץ — אַ פוסטע ליכטיקייט ביי די ראַדיקאַלע אייניקלעך־יורשים.

עקספּערימענטן אין פאַרהיינטיקן רעליגיעזיטעט זענען אויך זיינע סימבאָליש־מיסטישע דראַמעס—„אין פּאָליש אויפן קייט" און „ביי־נאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

פּרץ איז ווידער געבליבן ניט צופרידן, אַז ווייניק רעליגיעזיטעט דערטראָגט זיך, אַז ווייניק פאַרהיינטיקונג באַקומט זיך, אַ טונקלקייט בלייבט שטיין ווי אַ מחיצה וואָס דערלאָזט ניט, אַז די רעליגיעזיטעט זאָל זיך לאָזן פאַרוועגדן פאַרן היינטיקן געברויך. דאָך די אָנרעגונג, דער זוכערישער ברען זענען וויכטיק — זיי שטעקן־אָן. ,

און דער אומדערמידליכער, תמיד זוכנדיקער פּרץ האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ דריטער עקספּעדיציע. צום אוצר פון פאָלקס אָנגעזאַמלטער מאָראַל־ענערגיע איז ער אַוועק; דאָרט וואו דאָס פאָלק האָט דורך די צייטן זיך געשטרעקט אין מסירת נפש צו הייליקייט. און פּרץ האָט געקליבן דימענט־שפּליטערס פון דעם אוצר, און געזוכט און געפונען פאַר זיי קינסטלערישע איינפאַסן, דין־דינע געגוג, איידל־איינפאַכע, אויף איינצוהאַלטן די שפּליטערס, שיידל־רעמלעך פאַר דימענטן. דאָס זענען די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

אין אָט־די אַלע עקספּעדיציעס און עקספּערימענטן האָט פּרץ געדינט זיין באַהאַוונטקייט אין די ליטעראַטורן פון די פעלקער — פּוילישער, רוסישער, דייטשער — און אין ליטעראַטור־פּראָבלעמען בכלל. זיין זוכעניש נאָך נייע אינהאַלטן איז ביי אים באַגלייט געוועזן מיט בייטעניש פון פאָרמען — ווי מיר האָבן געזען — פון רעאַליס־טישער צו רעאַליסטיש־ראָמאַנטישער, צו ריין־ראָמאַנטישער, צו סימ־באָלישער. נאָוועלע, דראַמע, לעגענדע, סימבאָלישע מעשה'לע (אין אַ קלענערן גראַד: ליד, ליד־באַלאַדע) זענען געווען זיינע זוך־געצייג. אויך דער אַדרעסאַט זיינער, דער אינטעליגענט, וועמען ער האָט אַריינ־געפירט אין דער יידישער ליטעראַטור סיי אַלס העלד און סיי אַלס לייענער — איז אַ באַהאַוונטער געווען אין ליטעראַטור. ליטעראַטור־פּראָבלעמען זענען פאַר פּרצעס לייענער געווען אַן ענין, צו וועלכן

ער האָט געצאָלט פולן רעספּעקט. מיט אים האָט זיך געלאָזט שמועסן וועגן אַזעלכע פּראָבלעמען בפרהסיה (כלומרשט האַלטנדיק זיך מיט אים אַן עצה, אין דער אמתן אויסדיסקוטירנדיק זיי פאַר זיך אַליין, מיט דעם אינטעליגענט־לייענער אַלס פאַראינטערעסירטן צוהערער). דאָס האָט אַ סך פאַרגרינגערט פרצעס אויפגאַבע. ער איז געווען דער ערשטער אויפצוהייבן פּראָבלעם־פראַגן וועגן דער יידישער ליטעראַטור — מיט דעם עיקר־פּראָבלעם וועגן אַ מעגלעכן סינטעז צווישן דער יידישער גרויס־תכלית׳דיקייט, דעם נביאיש־עטישן פּאַטאָס, פון וועלכן פרץ אַליין איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער רעפּרעזענטאַנט, און דער פרייער גריכיש־קינסטלערישער סטיכיע, צו וועלכער ער, ווי אַ נאַר־וואָס פאַרליבטער אין קונסט, האָט זיך געפילט גאַנץ שטאַרק געצויגן (דער דיכטער־קינסטלער קאָנטראַסט, ווי דאָס פּראָבלעם האָט ביי פרצן זיך אויספאָרמולירט).

פרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זענען אַ פרוב אויף אַ סינטעז צווישן די צוויי קאָנטראַסט־עלעמענטן — דעם גרויס תכלית׳דיקן נביאיש־עטישן און דעם פורעמדיקן גריכיש־קינסטלערישן. זיין פאָלקסטימלעכע געשיכטע איז שוין כמעט אַ ספּעציעלע יידישע קונסט־פאָרם. די מאָראַלישע תכלית׳דיקייט איז דאָ ניט נאָר די מאָטיוו־קראַפט, וואָס מאַכט די מעשה זיך דערציילן, נאָר זי איז אויך דער פּראָדוצירמעטאָד, ווי אַזוי מאָראַלישער תכלית פּראָדוצירט פון זיך מעשה, און די מעשה פּראָדוצירט פון זיך מאָראַלישן תכלית. דאָ איז שוין געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז די יידישע ליטעראַטור וועט זיין גאַנץ אייגנאַרטיק, אַנדערש פון די ליטעראַטורן פון די פעלקער...

דער עיקר אָבער זעט זיך דאָ אַרויס, אַז דאָס איז געווען דאָס זוכן פון אַ נייעם טיפערן תכלית, פון אַ קרעפטיקערער פאַרענטפערונג און בארעכטיקונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אין אָפּענטפער אויף אַ גרעסערן באַדאַרף אין כוח — דאָס איז עס געווען, וואָס האָט אונטערגעשטויסן איר פאָרווערטס־באַוועגונג. פרץ האָט זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט דער קינסטלערישער פאַרוואַנדלונג פון דער יידישער גלויבנס־קראַפט אויף דער אויבערפלאַך פון לעבן. ער האָט באַוואוסטזיניק זיך אַראָפּגעלאָזט אין אונטערגרונט, כדי דאָרט אָנצונעמען זיך מיט גלויבנס־קראַפט, פון ירושה־רעזערוואַר — אויף צו פאַרוואַנדלען זי אין לעבעדיקן כח פאַר היינטיקן געברויך. און דאָס טאַקע האָט אָנגעטריבן זיין זוכעניש נאָך נייע ליטעראַרישע פאָרמען, כדי איינצושפּאַנען זיי

פֿאַר אַ טיכטיקערער אָנשעפּונג פֿון קראַפֿט. זעען מיר דאָ, אַז די גרויס־תּכלית טענדענץ האָט געשטיצט און געשטאַרקט די ליטעראַטור־טענדענץ. און פֿאַרקערט אויך: דער פֿיינערער ליטעראַרישער אינסטרומענט האָט אָנגעצויגן אַ רייכערע קוואַליטעט־אינהאַלט, פֿאַרמערנדיק די תּכלית'דיקייט פֿון דער יידישער ליטעראַטור.ביידע טענדענצן אין זייער סינטעז האָבן איינע די אַנדערע געדינט פֿאַר קעגנזייטיקער פֿאַרפֿיינערונג און באַרייכערונג. גרויס־תּכלית האָט אַרויסגעפּרעסט און זיך אַריינגעפּרעסט אין אַ קינסטלערישער פֿאָרם — מיט דעם ענד־רעזולטאַט: די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן".

ביידע טענדענצן — די גרויס־תּכלית'דיקע און די ליטעראַטור־טענדענץ — האָבן דאָ אויסגעשיידט פֿון זיך אַ דריטע טענדענץ — די באַוואוסטזיניקע טראַנספֿאָרמירונג פֿון דער גע'ירשנ'טער גלויבנס־ענערגיע אין מאָדערנער מאָראַל־ענערגיע דורך קינסטלעריש־ליטעראַרישע מיטלען — וואָס פֿאַר קורצקייט וועגן וועלן מיר זי אָנרופֿן: די ירושה־טענדענץ פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

אַז די דריטע טענדענץ איז ניט געווען קיין צופֿעליקע, נאָר אַן עיקר'דיקע; ניט פֿון פּרצעס אַ קאַפּריז געבאָרענע, אָדער פֿון זיינע אינדיווידועלע אינטואיטיווע נייגונגען אַן אַרויסגעשפּרונגענע, נאָר אַזוי צו זאָגן אַן איינגעבאָרענע דער יידישער ליטעראַטור, אַן אַרויסגעשטויסענע פֿון די פֿונדאַמענטאַלע קאָנדיציעס פֿון איר עקזיסטענץ — איז צו זען דערפֿון, אַז אַן אַ זייט פֿון וואַרשעווער ליטעראַרישן שטראָם, אין מינסק, איז דער יונגער א. וואַלט־ליעסין, אומאָפּהענגיק פֿון פּרצן און אפֿשר נאָך פֿריער פֿון אים, צוגעשטויסן געוואָרן צו דעמזעלביקן פּראָבלעם און צו דערזעלביקער ליזונג פֿון פּראָבלעם פֿון ירושה־פֿאַרוואַנדלונג. און מיט אַ וויכטיקן חילוק: פּרץ איז געווען אַן איינגעלאַדענער פֿון דער אַרבעטער־אינטעליגענץ, וועלכע איז געקומען צו אים מאָנען ליטעראַרישע הילף אין צוגרייטונג פֿון אַ גרויסער אַרבעטער־אַקציע (אָדער פֿאָלקס־אַקציע אין ברייטערן זין פֿון וואָרט). אַנדערש מיט ליעסינען. ניט קיין איינגעלאַדענער, נאָר אַליין דער אינטעליגענט, וואָס האָט געטראָגן דעם סאָציאַליזם צו דעם אַרבעטער — דאָס האָט שוין במילא איינגעשטעלט די פֿאָרם פֿון זיין ירושה־פֿאַרוואַנדלונג — ניט דורך דער פֿאַרמיטלערשאַפֿט פֿון אינטעליגענט, נאָר דירעקטער, אויף דער קירצסטער ליניע צווישן אים, דעם פּאָעט, דעם טרעגער פֿון דער ירושה, און דעם אַרבעטער, וועלכער דאַרף די ירושה־

ענערגיע גלייך פאַרווענדן אין אַקציע. דערפאַר איז אויך דאָס גע־צייג פון זיין ירושה־פאַרוואַנדלונג — ליד, וואָס דערלויבט דירעקטן רוף צו אַקציע — ניט מעשה, וואָס איז אין תוך אַן אינדירעקטער אָנווייז.

אָבער ווי געזאָגט, אין ליעסין געשטאַנען אויסער פּרצעס וואַר־שעווער קרייז, און אויסער דער יידישער ליטעראַטור־סביבה בכלל; ער האָט פאַרלאָזן מינסק, איידער נאָך איין ליד זיינס איז געדרוקט גע־ווען אין רוסלאַנד. הגם פאַרשפּרייט אין אָפּשריפטן און העקטאָגראַ־פיעס צווישן די רעוואָלוציאָנערע יוגנט־קרייזלעך, אָבער ניט צוגענג־לעכע פאַר דער ברייטער לייענערשאַפט, קאָנען זיינע מינסקער לידער ניט פאַררעכנט ווערן אַלס צוגעהעריקע צום היימישן ליטעראַטור־שטראָם. זיי דאַרפן גיכער צוגערעכנט ווערן צו ליעסינס הויפּט־ווערק אין אַמעריקע, וואו די לידער זענען אויך פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן, און וואו ליעסין האָט זיין ליד פאַרפולקאָמט, דערפירנדיק די ירושה־פאַרוואַנדלונג דורך ליד צו אַ הויכער מדרגה, וואָס דערנעענט זיך צו פּאַקטישער ניי־באַשאַפונג.

אומקערנדיק זיך קיין וואַרשע צו פּרצן; — מאַנכע ווילן אָפּ־פרעגן, צי פּרץ קאָן באַצייכנט ווערן גענוי ווי דער איניציאַטאָר פון אַ נייער באַשטימטער ווענדונג אין דער יידישער ליטעראַטור; אָבער אַז ער איז דער איניציאַטאָר פון אַ נייער ווענדונג צו ליטעראַטור, וועגן דעם קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין. ער איז געווען דער לערער, וועג־ווייזער און אינספּיראַטאָר צו ליטעראַטור.

פאַר זיין ערשטן פאַרדינסט דאַרף פאַררעכנט ווערן דאָס פאַקט, וואָס ער האָט צוגעבראַכט צו דער יידישער ליטעראַטור די אינטעלי־גענץ. אמת, נישט די גאַנצע אינטעליגענץ האָט אָנגענומען גאַנץ פּרצן. די מער פּראַקטיש־געשטימטע פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט דערוואַרט פון ליטעראַטור דירעקטע הילף צו אַקציע, האָט, צום ביישפּיל, ניט אויפגענומען די „פּאָלקסטימלעכע געשיכטן". זיי זענען איר פאָרגעקומען ווי מאָדערניזירטע מעשיות פון אַ פאַרצייטיקן מוסר־ספר. פאַר ליטעראַריש־קינסטלערישע צוועקן, האָבן זיי צוגעגעבן, זענען די פאַרצייטיקע נשמה־אוצרות אפשר גענוג פאַרוואַנדלט, אָבער ניט גענוג, האָט זיך זיי געדוכט, פאַר מאָדערנעם געברויך. פאַראינ־טערעסירט, פאַראינטריגירט — יאָ, אָבער ווי צו פאַרנוצן זיי אין אַקטיוון קאַמף האָבן זיי ניט אָנגעהויבן וויסן. עס האָבן געדאַרפט קומען אינטערפּרעטאַטאָרס צו פאַרענדיקן דעם פּראָצעס פון פאַרוואַנד־

לונג, אָבער ניט אַלע אינטעליגענטן זענען געווען ליטעראַטור־קריטיקער און ניט אַלע האָבן געהאַט חשק דערצו.

אָבער ווען אפילו ניט די גאַנצע אינטעליגענץ האָט אָנגענומען די גאַנצע פּרץ־ליטעראַטור; אפילו ווען די פּראַקטיש־פּראָלעטאַריש־געשטימטע אינטעליגענץ האָט ניט געקאָנט געפינען אין זיינע לעצטע ווערק קיין דירעקטע אָנווייזונג צו אַקציע, אָבער פאַרכאַפּט איז זי געוואָרן פון זיי. אַ היפּשער טייל פון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ און נאָך מער פון דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ זענען ענדגילטיק דורך אים געוואונען געוואָרן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס דאָס איז גאָר אַ וויכטיקער געווינס, וואָרים ביז די אַרבעטערשאַפט, די פאָלקסמאַסע, פאַרנעמט ניט דעם אויבנאָן אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע, איז דאָס די אינטעליגענץ, וועלכע לעבט מיט ליטעראַטור, די יעניקע, וואָס גיט איר צו אַ געזעלשאַפטלעך־פאַררונדעטן כאַראַקטער, וואָס דאָס איז עס, וואָס מאַכט די ליטעראַטור קוועלן מיט אַן אייגענער קוועליקיים.

פּרץ האָט צו אָט־דער קוועליקייט געגעבן אַ גרויסן צושטייער אפילו מיט יענע ווערק זיינע, וואָס גיבן אויף פּראָבלעמען און לייזן זיי ניט, אָדער לייזן זיי האַלב. זיין באַוואוסטזיניק אויפגעבן זיך פּראָבלעמען, וואָס האָט זיך געקרויינט מיט דער אָנצוהערעניש, דורך די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“, אויף אַן אייגענער יידישער קונסט־פאָרם, מיט דער אינטעליגענץ, אַלס פאַראינטערעסירטע צוהערערין, מיט דעם פאָלקס־לייענער, וואָס האָט איר נאָכגעפאָלגט — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אָן אַ שיעור בייגעטראָגן צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דער יידישער ליטעראַטור. עס האָט זיך גענומען דוכטן, אַז מען קאָן אַריינווינטשן און אַריינ׳חלום׳ען דער יידישער ליטעראַטור אַלץ וואָס ווינטשט זיך און חלום׳ט זיך. האָט מען איר פריער פון אַלץ אַריינגעוואונטשן און אַריינגע׳חלום׳ט — ליטעראַטור! מיר האָבן אַ ליטעראַטור ווי אַלע לייטישע פעלקער: די יידישע ליטעראַטור וועט פאַרנעמען איר אייגענעם אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור! דאָס האָט אָנגעלאָדן דעם יידישן שריפטשטעלער מיט גרויס־באַרוף. די כמו־טעריטאָריעלע אילוזיע, וואָס פאַרבייט אונז טעריטאָריע, וואָס פּראָדוצירט ליטעראַטור — האָט אונטער פּרצעס השפעה געפייערט איר גרעסטן טריאומף. נאָך קיינמאָל האָבן יידישע שריפטשטעלער ניט געפילט אַזאַ זיכערקייט פון שטיין אויף

אַ פעסטן באָדן, ווי ווען זיי האָבן זיך געזאַמלט אַרום פּרצן, אָנגע־צייגענע פון זיין שעפעריש־אומרואיקער, זוכערישער, היציקער, בליצי־קער, אימפּעטיקער פּערזענלעכקייט. ער איז געווען די פּאַרקערפּערטע יידישע ליטעראַטור־טעריטאָריע.

אַ ליטעראַטור, וואָס האָט דערגרייכט די טעריטאָריעלע מדרגה, האָט די גרויסע מעלה, וואָס זי מאַכט שאַפן ליטעראַטור דורך דעם פאַקט אַליין, וואָס ליטעראַטור איז דאָ. זי איז זעלבסטאָנרעגנדיק. דער שריפטשטעלער־יחיד דאַרף ניט וואַרטן אויף דעם שטויס פון דרויסן. ער דאַרף זיך ניט מאַטערן און פאַרשווענדן צייט, ווי ער וואָלט געווען אַן ערשטער אָנהייבער, צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן זיין באַשלוס צו ווערן אַ שריפטשטעלער. אים איז פאַרשפּאָרט די חבלה־לידה פון שריפטשטעלעריי. שריפטשטעלער ווערן געבאָרן דורך קעגנזייטיקער אָנשטעקונג.

אַ ליטעראַטור, וואָס איז בבחינת אַ טעריטאָריע, איז ווי אַ לעבע־דיקער אָרגאַניזם, וואָס וואַקסט, אַנטוויקלט זיך, צעגלידערט זיך, באַ־רייכערט זיך אין פאָרמען, אויספאָלגנדיק אייגענע געזעצן, ווירקט אויס אייגענע אימפּולסן, באַאיינפלוסט און ווערט באַאיינפלוסט, איינהאַלטנ־דיק די אייגענע גאַנצקייט.

אַ ליטעראַטור־טעריטאָריע איז ווי אַ מלוכה פאַר זיך, וואָס שטעלט איין געזעצלעכע אויסטויש־באַציאונגען מיט אַנדערע מלוכות; דער עיקר אָבער איז זי פאַרנומען מיט איינעמען נאָך טעריטאָריע, מיט פאַרגרעסערן כסדר איר בירגערשאַפט—דאָס מיינט מיט פאַרמערן דעם עולם לייענער; די ליטעראַטור־מלוכה וואַרט ניט די בירגער־לייענער זאָלן קומען זי פאַרבעטן צו זיך; זי צווינגט זיך אָפט אַרויף איבער געוואַלד. אַגענטן צו דערפילן איר ווילן — שריפטשטעלער מעלדן זיך אויך ניט געבעטענע — זיי קומען פריווויליק פון אַלע זייטן.

אָט די יידישע ליטעראַטור־מלוכה אין פּראָצעס פון ווערן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום י. ל. פּרץ, וועלכער האָט אין זיין אייגענער פּערזאָן, אַלס איר קינפטיקער הויפּט, פאַרלויפיק דערפילט אַלע אירע פונקציעס. ווי זיי וואָלטן דערהערט זיין רוף פונדערווייטנס, האָט מיט אַמאָל זיך אַרום אים באַוויזן, אָנגעקומענע פון שטאָט און שטעטלעך, אַ גאַנצע מחנה שריפטשטעלער, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך אַ שפע ליטעראַטור. אין דער ערשטער ריי האָבן זיך אָפּגערופן: אברהם רייזען, שלום אַש, דוד פּינסקי, ה. ד. נאָמבערג — וועלכע האָבן גענומען

אויף זיך די ערשטע „מלוכה־פּליכט" — איינצונעמען נייע טעריטאָריע פאַר דער יידישער ליטעראַטור. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם קינסטלערישן אַנאַליז פון דעם עולם, אויפהייבנדיק און אויפלויכטנדיק אים, שיכט נאָך שיכט, אַזוי אַרום פאַרמערנדיק די לייענער־אוידיענץ פון דער יידישער ליטעראַטור.

אברהם רייזען האָט אויפגעטאָן פאַר ליטע—צילבאַוואוסט, באַ־רופסמעסיק — נאָכדעם ווי ער האָט שוין ליטע געהאַט פאַרלאָזן, וואָס שלום עליכם האָט געטאָן פאַר אוקראַינע, אין נאַטירלעכן אָפּרוף אויף דער סביבה, אין וועלכער ער האָט נאָך געלעבט. רייזען האָט ליטע, דאָס ליטווישע קליינשטעטל אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור און קינסטלעריש פאַרוואַנדלט דעם ליטוואַק, דערהויבנדיק אים צום אַל־מענטשן. אַן אָרימאַן, אַן אָרימאַן פאַרן פרעמדן אויג, טרוקן, ווי די סקאָרינקע וואָס ער עסט, קאַרטאָפּעל מיט הערינג איז זיין מאַלצייט, אָבער אַ מענטש אַן עושר איז ער געוואָרן, ווי נאָר רייזען האָט זיך צו אים צוגערירט. ווי אַזוי האָט ער עס געטאָן? ער האָט גענומען דעם ליטוואַקס הארציקייט, די דימענטע גוטסקייט, די ווייכע שמייכל־דיקייט זיינע, וואָס לויכט זיך גוט שבת׳דיק דורך דער וואָך — אָט די גאַנצע רייך־אָרימע איינפאַכקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין זיין כאַראַקטער נאָך יאָרהונדערטער באַקלערן די וועלט מיט קאָפּ, קייענ־דיק דעם קאָפּ פון אַ הערינג — און מיט אָט די איידעלסטע מעלות פון ליטוואַק איז ער צוגעטראָטן צום ליטוואַק, און כהרף עין איז ער געוואָרן אוים ליטוואַק. אַ מענטש שטייט פאַר אייך, מיט וועלכן מען קאָן אויסרייזן אַ וועלט, און זיך ניט דאַרפן שעמען מיט אים — אַ וועלט־מענטש, און פון אָט דעם פאַרפיינערטן „צוגאַנג פון ליטוואַק צו ליטוואַק" האָט רייזען אויסגעאַרבעט זיין קינסטלערישן דערציילונגס־מעטאָד, וואָס דינט אים צו יעדער טעמע, צו יעדער גאַ־טונג מענטש, וואָס ער באַגעגנט אין דער גרויסער וועלט. עס איז אַ מעטאָד, וואָס לאָזט דערציילן דעם אמת אַזוי, אַז עס זאָל ניט קענטיק זיין די מינדסטע שפור פון פאַרפאַסונג; אַזוי אַז אפילו אַ ליטוואַק זאָל ניט קאָנען זאָגן: פּוסטע מעשיות! עס איז אמת, יעדעס וואָרט איז אמת; דורך אַ קנייטש לאָזט זיך דורכקוקן צום גאַנצן מענטשן, דורך אַ רגע ווייזט זיך דאָס גאַנצע לעבן; און דורך אָט די פונאַנ־דערגעעפנטע קנייטשן און פונאַנדערגעשפּאָלטענע רגע׳ס באַוועגט זיך די דערציילונג. עס איז די נאַטירלעכסטע טעכניק, וואָס לאָזט אַפילו

דורך אַ מיקראָסקאָפּ נישט דערקענען די געמאַכטע נעט.

רייזען האָט זיין סוזשעט און זיין שעפערישן מעטאָד געמאַכט פאַר דעם קנין פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אוועקגעשטעלט דעם גרונט־כלל — און מיט זיין ביישפּיל איז ער עד היום אַ דער־מאָנונג אָן דעם כלל — אַז קיין יידישער שריפטשטעלער קאָן קינסט־לעריש ניט שטייגן, סיידן ער וועט אויף וועלכן עס איז אופן קינסטלע־ריש מנצח זיין דאָס קליינשטעטל אין זיך; ווייל אַלע זענען זיי פון קליינשטעטלדיקער אָפּשטאַמונג. און די קליינשטעטלדיקע סימנים קלעפּן, אַפילו ווען זיי מאַכן עליות צו וועלט־פּראָבלעמען. עס איז קיין אויסנאַם ניטאָ. יעדער דאַרף זיך פונאַנדעררעכענען מיט זיין קליינשטעטל. נאָך מער: אַלע גרויסע וועלט־פּראָבלעמען וואַקסן ביי אונז אַרויס פון דער ראַנגלעריי מיטן קליינשטעטל. רייזען האָט גע־וויזן א י י ן וועג, ווי אַזוי דער איבערגאַנג קאָן געמאַכט ווערן— צו קינסטלערישן געווינס. וואָס שייך זיין דערציילונגס־מעטאָד איז ניט אָפּצושעצן — און עס איז ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן! וויפיל דער־ציילער ער האָט באַאיינפלוסט, אין זייערע ערשטע שריט, לערנענדיק זיי מיט ביישפּיל, אַז די בעסטע דערציילונג איז די, וואָס וועבט זיך פון דין־דינעם אמת אין אײדעלסטער איינפאַכקייט.

אויך אין ליד האָט רייזען נאָכגעפאָלגט זיין מעטאָד — דעם פאַרפיינערטן „צוגאַנג פון ליטוואַק צו ליטוואַק" — וואָס אַנטפּלעקט גלייך דאָס מענטשלעכע אין אים, און עס ווערט דורך דעם אַ ליד פאַר אַלעמען.

פון אויבן־אויף איז רייזענס ליד ווייניקער צוגעבונדן צום לאַנדס־מאַן, ווי די דערציילונג זיינע, אָבער אין תוך האָט רייזענס ליד אים נאָך מער אין זינען, ווי די דערציילונג. ווי רייזען וואָלט זיין ליד אויסגעפורעמט אויף דעם לאַנדסמאַנס קאָפּ, אָנגעמאָסטן עס אויף דעם לאַנדסמאַנס לעבנס־באַנעם — און דערנאָך אים משלח געווען. אָבער דער לאַנדסמאַן האָט איבערגעלאָזן זיין הויפּט־סימן: בילד און געפיל, און רייזענס ליד איז אַלעמאָל צוגעשפּאַנט צו אַ תכלית־דיקן געדאַנק.

עס איז שוין דאַמאָלסט געווען אַ גייענדיקע יידישע ליטעראַטור, און רייזענס דערציילונג און ליד זענען אַרויסגערופן געוואָרן פון איר גאַנג, און זיי האָבן זיך שוין ניט אַזוי געגוויטיקט אין פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג, אָבער אין ליד איז רייזען ווי צוריקגעטראָטן עטלעכע

שריט צום אָנהייב — צו דעם תכלית, וואָס האָט געגעבן געבורט צו דער יידישער ליטעראַטור. ליד איז דערלויבט — יאָ, אָבער אַ ליד דאַרף עס זיין, וואָס קאָן אויפגענומען ווערן פון אויסגעשפּראָכנסטן בעל תכלית צווישן יידישע פאָלקס־מענטשן, דעם ליטוואַק, וואָס פאַרטראַגט ניט קיין פוסטע פאַרפאַסונג, נאָר תוך־זאַכן גיב אים, דעם הוילן אמת. און לכתחילה איז ליד אים פאַרגעקומען נאָך פוסטער ווי די „פוסטע מעשה", אָבער זינגען פלעגט ער דאָך — איז עס אַ ליד, וואָס קאָן אַרויפגעכאַפּט ווערן פון אים אויף אַ ניגון ווי אַ פאָלקס־ליד, אָדער אויף דער מחשבה, ווי דאָס ליד פון פאָלקס־דיכטער פון אַ דור פריער:

„און אין טאַש אַ זייגערל, גייט עס פאַלש, צו טריי, — וועלכע שעה די כלה זען, ווייס איך סיי ווי סיי" — („דער חתן").

„ארימעס לעבן! נאָר שטענדיק זיך מאַטערן, שטענדיק צו לעבן אין נויט: כוחות די יונגע, די פרישע צע'פּטר'ן, זוכנדיק — טרוקענעם ברויט" — („אָרימעס לעבן").

רייזענס ליד האָט גע'ירשנ'ט פון פאָלקסליד זיין איינגעשטעלטקייט אויף אַן איינפאַכן נגון, און פון פאָלקסדיכטער זיין באַלערנדיקן שטייגער, די אָנגעצילעוועטקייט צו אַ שאַרפער לעבנסקלוגשאַפט — און פון ביידן האָט עס גע'ירשנ'ט זייער צוגענגלעכקייט צום עולם. אָבער עס איז פאָרט אַנדערש — ניט נאָר מיט דעם וואָס דער סטיל פון רייזענס ליד זעצט פאָרויס אַ גייענדיקע לעבעדיקע ליטעראַטור, נאָר אויך מיט דעם, וואָס דער פּאָעט פערזענלעך איז דאָ אין דעם ליד. און דאָס גוטע דערביי איז, וואָס דאָס פּערזענלעכע, דאָס פּריוואַטע פון פּאָעט קאָן גלייך ווערן דאָס עולמ'שע, דאָס קהל'שע. אין פולער איינפאַכקייט זינגט ער אַרויס, וואָס ליגט אים אויפן האַרצן — וואָס עס טוט פּערזענלעך ווייִ אים, מערסטנס; וואָס עס דערפרייט אים, צייטנווייז; און וואָס עס טראַכט זיך אים ביי לייד און פרייד. אָבער וואָס ער פילט און וואָס ער טראַכט קאָן גלייך געטיילט ווערן פון צוהערער. און פאַרקערט אויך: גאַנץ נאַטירלעך, אומגעצוואונגען, האָט רייזענס ליד וואָס מען רופט היינט אַ סאָציאַלע איינשטעלונג — אויף דעם אָרימאַנס נויט. אָבער צו דער נויט איז דער פּאָעט ניט קיין זייטיקער — זי איז צו־ערשט פון אים דורכגעפילט געוואָרן. דער פּאָעט איז דער מיטפילנדיקער גרויסער ברודער פון דעם צוהערער.

— האָט רייזענס ליד אָנגעשלאָגן ביידע געזונטע גרונטן פון ליד דעם עלטערן, דעם פאָלקסטימלעכן; און דעם אינגערן, דעם פּערזענ־

לעבן, און דערמיט האָט רייזענס ליד געהאַט אַ גרויסע מעלה איבער דער ליד פון זיינע צייטגענאָסן אין דער אַלטער היים. דאָס ליטעראַרישע ליד פון זיינע צייטגענאָסן איז געווען אַן אראָפּנידערן פון די הויכן צום פּאַפּיר. עס איז ווי אַ קאָפּירונג פון דער איינגעשטעלטער ליד־פאָרם אין די פרעמדע ליטעראַטורן. עס איז ווי אויפגעגעבן זיך אַ טעמע — מיט דער בפירוש'ער פּעדאַגאָגישער כונה מזכה צו זיין די יונגע יידישע ליטעראַטור מיט דער ליד־פאָרם. און ווי גוט עס זאָל ניט זיין — אין פערז, קלאַנג, בילד, איינפאַל און מיט די צוגעבענע יידיש־פאָלקסטימלעכע סימנים — בלייבט עס דאָך אַ ליטעראַרישע איבונג אויף אַ טעמע. פרוגס ליד אוודאי אַזוי. די רוסישע ליטעראַטור הערט זיך הינטער זיין ליד. און אפילו פּרצעס „מאָניש" איז די באַאַרבעטונג פון אַ טעמע. עס טוט ניט אויף וואָס די מינדסטע פּרצעס חסידישע מעשה טוט — עס פאַרוואַנדלט ניט די ירושה. ווייל אין תוך איז פּרץ פערזענלעך ניטאָ דערביי. אויך די „דריי נויטערינס" און „דאָס חופה קלייד" זענען ליטעראַרישע קאָמפּאָזיציעס אויף אַרבעטער־פריינטלעכקייט. אַן אויסגעשטודירטער ליטעראַטור־לערער קנעלט מיט דער יידישער ליטעראַטור. — עס האָט צוגעטראָגן צום וואוקס פון דער ליטעראַטור — עס האָט געשטאַרקט די ליטעראַטור־אילוזיע — אָבער עס איז גיכער געווען אַן אויפּשוס צו דער קרוין פון בוים, ווי אַ שלאָגן וואָרצלען מיטן ליד אין באָדן.

עס איז דאָ גענוג פּעדאַגאָגיש־ליטעראַרישע כונה אין רייזענס ליד. מען הערט אויך: — „רבותי! — דאָס איז אַ ליד — ביי לייטן!" אָבער ער דער ערשטער — אין דער אַלטער היים — האָט געלאָזט הערן דורך ליד דעם נאַטירלעכן קול פון הארצן. פּערזענלעכער טאָן האָט טאַקע ביי אים געמיינט, וואָס עס איז פּערזענלעך אים נוגע — ניט בלויז פאַר ליטעראַטור צוועקן — מיט דער דערמאָנטער אייגנשאַפט, וואָס דאָס פּערזענלעכע איבערזעצט זיך ביי אים אייגנבליקלעך אין ליטוויש — עולמ'שן. און אפילו ווען ער טראָגט אריין אין ליד אַזא פּערזענלעכן אייגנס צו וועלכן זיין לאַנדסמאַן האָט קיין שייכות ניט — אַן אייגנס וואָס שטאַמט פון זיין דערפאַרונג אין דער גרויסער שטאָט, אָדער דאָס אייגנס איז אַן אַנגענומענער מאָטיוו אין דער ליטעראַטור — ווי צום ביישפּיל דאָס ביסל צעלאָזנקייט, מיט וועלכער אַ גרויס־שטאָטישער יונגער בחור שטאָלצירט, דאָס ליבן זיך בפרהסיה, וואָס דאָס איז קעגן דעם ליטוואַקס געשמאַק — מאַכט רייזען עס גלייך צוגענגלעך פאַר דעם

לאַנדמאַנס השגה דורך אַ חכמה, מיט וועלכער ער פאַרשפּיצט דעם סוף פּסוק פון ליד: — „זי פאַרזאָרגט זיך איצט מיט קושן אויף דעם גאַנצן קאַלטן לעבן" — „אוי, מוז היינט אין הימל מלאכים זיין פיל!..." — „אויב לעבן הייסט ווערן פון גליק באַטש אַ קלאַנג, דאַן בין איך נאָך גאָר ניט געבאָרן..." — נו, ווי באַלד אַ חכמה, וועט דער ליטוואַק עס שוין באַנעמען.

אַזוי, אַז נעמענדיק די מאָס פון זיין לאַנדסמאַן, האָט רייזען אויסגעפורעמט זיין ליד, און דער פורעם האָט אים געדינט לאַנג נאָכדעם ווי ער האָט שוין אויפגעהערט צו אַדרעסירן זיך מיטן ליד צום לאַנדסמאַן: עס איז נאָך עד היום אַ תמימות'דיק קלאָגן זיך פון הארצן, וואָס כאַפּט אַריין ווען ניט ווען אַ טראָפּן פרייד פאַר אַ מציאה, מיט אַ מחשבה וועגן דער וועלט פאַר אַ מוסר השכל. און מיט דערזעלביקער כאַראַקטעריסטיק: איינגעבליקלעכער איבערגאַנג פון רשות היחיד אין רשות הרבים. און מיט אַ צווייטער כאַראַקטעריסטיק: דער לאַנדסמאַן וועט עס פאַרט באַנעמען, אַפילו ווען ניט אַדרעסירט צו אים, נאָר צו דער וועלט.

דערמיט האָט רייזען איינגעשטעלט — אין אייראָפּע — דעם ערשטן ניט נאָכגעזונגענעם ידישן ליד־נוסח, וואָס שליסט שוין איין דעם אָנזאָג: אידישער פּאָעט, פריער פון אַלץ רעכן זיך אָפּ מיט דער קליין שטעטלדיקייט אין דיין געמיט — שטאַמסטו פון ליטע, זאָל ליטע זיך אַרויסזינגען פון דיר! — דערנאָך מעגסטו זיך לאָזן מיט דיין ליד אויף גאַנס בראָט אין דער וועלט אַרויס. און אַז מען וויל קאָן מען אָט־די ליניע — פון קליין שטעטל — באַצייכענען ווי די רייזענשע טענדענץ אין דער יידישער ליטעראַטור, הגם פון קליין שטעטל — פון קאַבצאַנסק און כתרילעווקע, נישט נאָר פון קוידאַנאָוו — שטאַמט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור. — מיט דעם ליד־נוסח זיינעם איז רייזען, סיי אין אייראָפּע און סיי אין אַמעריקע, צו וועלכער ער געהערט מיט דער צווייטער העלפט פון זיין שאַפן — געווען דער וועגווייזער פאַר אַ היפּשע צאָל פּאָעטן. דער רייזענשער איינפלוס לאָזט זיך נאָכשפּירן אַפילו ביי פּאָעטן, וואָס זיינען שפּעטער הויך געשטיגן אויף זייער אייגענעם חשבון.

אָבער אַנדערש ווי רייזענס דערציילונג, האָט רייזענס ליד ניט געקאָנט דינען פאַר אַ מוסטער נאָכדעם ווי אַ פּאָעט האָט דערגרייכט אַ געוויסע הויך, ווייל עליה אין ליד גייט צוזאַמען מיט די נצחונות, וואָס דער פּאָעט האַלט אָפּ אין זיך — און אָפּהאַלטן אַ נצחון קאָן

מען נאָר אויפן אייגענעם חשבון, און יעדער טוט עס אויף זיין אייגענעם אופן...

רייזען האָט זיין אופן, וואָס קאָן נאָכגעפאָלגט ווערן פאַר אַ וויילע, אָבער ניט אויף לאַנג. ער איז אַ מזל'דיקער. ער איז באַשאָנקען מיט אַ לייכטן קינסטלערישן געמיט, וואָס פאַרשפּאָרט אים כמעט האָרעוואַניע, ראַנגלעריי און נצחונות. אין אַ מאָמענט גיט זיך אים דער אימפּולס צום ליד, צוזאַמען מיט דער ראַם, וואָס דאַרף איינפאַסן דאָס ליד; מיט דעם אינהאַלט, וואָס דאַרף איינגעפאַסט ווערן מיט דעם אויסדרוקס מיטל — די ווערטער, די שורות, וואָס לויפן זיך צו־נויף אין סטראָפן: וואָס איז רייזענס אַ ליד? אַ רעיון, אין וועלכן עס איז איינגעראַמט אַ געפיל אָדער אַ בילד. און דאָס אַלץ שטעלט אים צו דער פאַרפיינערטער, „צוגאַנג פון ליטוואַק צו ליטוואַק" — אָט־די איידעלע מעלה, וואָס רייזען האָט זיך אפשר צורעכט געמאַכט פון ליטוואַקס אַ חסרון, לייטערנדיק זיין געמיינטע „קורצזיכטיקייט" — זיין זען גיכער מיט קאָפּ, ווי מיט אויג. רייזען האָט אַנטדעקט, אַז עס איז גלייכצייטיק אַ זען גיכער מיט האַרץ, ווי מיט אויג. אָדער נאָך בעסער: אַ זען גלייכצייטיק מיט קאָפּ, אויג און האַרץ. עס איז ווי געזען מיט אַ דימענט אין אויג — אַ דימענטענער איינבליק, וואָס איז צוגלייך אי דורכגעטראַכט, אי דורכגעפילט, עס איז שאַרפע, שפּי־ציקע ראיה, וואָס דערזעט אַ שפּליטערל, קוקט דורך אַ שפּעלטעלע. עס כאַפּט ניט אַריין קיין בילד פון ברייטן פאַרנעם, קיין געפיל פון לאַנגן דויער. דערפאַר אָבער דורך אַ קנייטשעלע אין כאַראַקטער זעט עס דורך דעם גאַנצן מענטשן, דורך אַ רגע'לע לעבן — דאָס גאַנצע לעבן.

רייזענס ליד, פּונקט ווי זיין דערציילונג, נעמט זיך אַרויס פון קנייטשעלעך און רגע'ס — פון אַ מאָמענטאַל אויפגעכאַפּטן שטריך, פון אַן איינדרוק, וואָס דער געמיט האָט דערשפּירט אין אַן אויגנבליק. איר וועט געפינען, אַז זיין יעדעס ליד איז אַרומגעבויט אַרום אַ פונאַנ־דערגעעפנטן קנייטש, אַרום אַ פונאַנדערגעגרעדטער שפּירונג. אַ גוט ליד ביי רייזענען איז, ווען ער נעמט אַ פאַרבילדלעכונג פון אַ קנייטש אָדער אַ שפּירונג, וואָס האָבן זיך אים געגעבן אין אַ פּערזענלעכער איבער־לעבונג, און ער פאָלגט זיי נאָך מיט אַ סעריע קנייטשעלעך און שפּירונ־גען, וואָס פאַרבילדלעכן די איבערלעבונג פאַרן כלל־אויג. אַזוי די לי־דער: „אַ געזינד זאַלבע אַכט", — „מאַי קאָ משמע־לן", — „גייט אַריין אַן אָרימאַן, מיד און איינגעבויגן", — „ווי קום איך צום זינגען?

פון וואַנען מיין קינד? ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט...".

די איבערגאַנגען אין רייזענס אַ דערציילונג — פון קנייטש צו קנייטש, פון שפּירונג צו שפּירונג — די דין דינע רגע'ס — זענען אייגנטלעך רייזענשע ליד־מאָמענטן. נעמט ער זיי אַרויס פון טעקסט, מאַכט ער פון זיי לידער. לאָזט ער זיי שטיין זענען זיי דערציילונג־שטאָף. זיין דערציילונג איז אַ קייט פון ניט געשריבענע לידער.

אָבער דער מעטאָד, וואָס דינט אים אַזוי גוט אין דער דערציילונג, וואָס דערלויבט אַ געלאָף דורך אַ המשך פון קנייטשן און רגע'ס, קאָן ניט אַלעמאָל דינען אין אַ ליד, וואָס דערלויבט ניט קיין ברייטן געלאָף. אַ ליד, ווי איינפאַך עס זאָל ניט זיין, מוז איינגעפּרעסט ווערן, מוז אויפגעהויבן ווערן, מוז געמאַכט ווערן צו שטייגן אויף טרעפּן פון טיף אין דער הויך. וואָס עס קאָן ניט גענומען ווערן מיט ברייט, דאַרף גענומען ווערן מיט טיף און הויך. ווי גייט דאָרט די גאַנגבאַרע פאָרמולע וועגן ליד (די פאָרמולע דעקט ניט די גאַנצע פּאָעזיע): — „אַ ליד איז דאָס געוויינלעכע אומגעוויינלעך אויסגעדריקט". דאָס געוויינלעכע איז כּלל־אייגנטום. די אומגעוויינלעכע אויסדרוקסקראַפט — די שיינקייט, די בילדלעכקייט, דאָס וואָרט־עפעקט — איז דעם פּאָעטס יחיד'ישער אייגנטום, וואָס דאָס איז עס, וואָס דאַרף געצוואונגען ווערן דורך פּערזענלעכער איבערלעבונג, דורך אינעווייניקסטן נצחון. גוט איז רייזענען. זיין פּערזענלעכע איבערלעבונג קאָן גלייך ווערן כּלל־אייגנטום. זיי זענען, מערסטנס, אויף איין מדרגה. וואָס ער לעבט דורך פּערזענלעך איז אויך בצבור. איז אים פאַרשפּאָרט האַרעוואַניע, ראַנגלעריי און נצחון. זיין שורה האָט זייער אַן איינפאַכע אויפגאַבע: צו דערטראָגן די פּערזענלעכע איבערלעבונג, נישט געענדערט, צום רעיון פון ליד. אָט איז אַ גוטע, אַן אויסגעצייכנטע רייזענשע שורה נאָך די צוויי אויבן־ציטירטע שורות: „ווי קום איך צום זינגען? פון וואַנען מיין קינד? ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט" — נאָך די צוויי שורות קומט אַ דריטע: „די קינדער זיי פּלעגן נאָר זינגען האם! האם!" — און די פערטע: „און אָפטמאָל די מאַמע אַ קללה צום גראַם". — די שורה — די דריטע אָדער די פערטע — האָט בלויז ערלעך דערפילט אַ שליחות. די שפּראַך האָט פון זיך גאָרנישט צוגעגעבן, זי האָט גאָרנישט געשאַפן. זי האָט בלויז געדינט פאַר אַ וואָגן. עס איז איר אָנגעזאָגט געוואָרן: דין געטריי. דערפאַר

מיטן געפעק — די איבערלעבונג — ביז צום רעיון פון ליד. האָט זי עס געטאָן. דאָס איז איר עכטקייט. און דאָס איז רייזענס איינפאַכקייט.

ווי איז אָבער, אַז די פּערזענלעכע איבערלעבונג איז ניט תּיכף ומיד איבערזעצבאַר אין כּלל־אייגנטום? ווי איז, דאָס טרעפט אפילו ביי רייזענען, אַז דאָס ליד איז איינגאַנצן אָנגעוויזן אויף פּערזענלעכער איבערלעבונג? דאַמאָלס קאָן מען מיט איינפאַכקייט אַליין ניט יוצא זיין. דאַמאָלס ווען דער וואָרט־אויסדרוק איז ניט דערהויבן צו שטאַרקערן עפעקט; ווען די שפּראַך גיט ניט אַרויס נאָך אַמאָל אַזוי פיל, ווי פיל מען האָט אין איר אַריינגעלעגט; ווען דאָס ליד אַלס אַ בנין איז ניט קיין שטייגנדיקער געזאַנג — מוז צו דער שפּירונג, וואָס האָט געגעבן געבורט צום ליד, צוגעגעבן ווערן גלייכגילטיקע שטאָף אויף אויסצופילן די ליד־פאָרם. שורות, וואָס טראָגן שפּירונג, בינדן זיך מיט שורות ליידיקלעכע. אָט איז אַזאַ סטראָפע:

מיין האַר האָט מיט ערלעכן שטרעבן געשלאָגן, —
איך האָב ניט געהאַט דאָס אויף וואָס צו באַניצן;
באַגייסטערטע ווערטער, אַז איך פלעג ווען זאָגן,
פאַר׳סמ׳ט פלעגן ווערן פון נאַרישע וויצן.

און ווייטער גייט „דאָס געטלעכע פייער די וועלט צו באַלערן" — דאָס איז ווען זיין פּאַטעטישן באַרוף — אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג, וואָס קאָן ניט ווערן קיין כּלל־אייגנטום. רייזען אַליין וואָלט עס בעסער אָנגעשריבן אין פּראָזע.

און אין קאָנטראַסט זאָל דאָ געבראַכט ווערן אַ סטראָפע, איינע פון די רייכסטע אָנגעלאָדנסטע ביי רייזענען:

„און מיין לעבן איז געגליכן
צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט:
ווערן ווערט ער נישט פאַרלאָשן,
ברענען האָט ער ניט קיין קראַפט!..."

אויסגעצייכנט, יאָ? — ווייל דאָ האַנדלט זיך ווען אַ פּערזענלעכער איבערלעבונג בצבור. און די שורות האָבן געהאַט איין אויפגאַבע — צו באַוועגן זיך אויף דער אויבערפלאַך — אין אַ גלייכער ליניע — איבערצופירן די איבערלעבונג פון איין פונקט צום צווייטן — פון איך צום צבור — צו פאַרבילדלעכן די איבערלעבונג — צו פאַראַנשוילעכן פאַרן צבור דעם רעיון פון ליד. און די שורות האָבן עס

דערגרייכט מיט דעם פשוט׳סטן געוויינלעכסטן מיטל — וואָס קאָן זיין פשוט׳ער און געוויינלעכער, ווי אַ לאָמפּ מיט נאַפט? — איז דאָס רייזעניש פערפעקט. די שפּראַך גופא האָט דאָ גאָרנישט געדאַרפט אויפטאָן. דער רעיון איז געווען אַ פּאַרטיקער, אַ צוגעגרייטער, און געוואַרט פון דרויסן פון דער שפּראַך.

און עס איז קלאָר וואָרום פּאָעטן, וואָס זענען גישט פון רייזענס געמיט, וועלכע לעבן זיך אויס מער ביחוד ווי בצבור, האָבן געקאָנט נאָכפאָלגן רייזענען בלויז אַ קליינע ווילע. גלייך נאָך זייערע ערשטע שריט, האָבן זיי געמוזט פאַר זיך באַשאַפן אַ ליד און אַ ליד שפּראַך דורך פערזענלעכע נצחונות, און רייזען אין דעם האָט קיין וועגווייזער זיי ניט געקאָנט זיין.

האָט רייזען לידער־מוסטערן, וואָס האָבן געמוסטערט די ערשטע לידער פון מערערע יידישע פּאָעטן, און לידער, וואָס ער האָט אַזוי צו זאָגן נאָכגעשריבן זיך אליין.

ווי ווייט און אין וועלכן פּרט רייזען אַליין איז געשטיגן מיט זיין ליד פון זיין אָנהייב ביז היינט, וועט זיך ערשט לאָזן פעסטשטעלן נאָך אַ געגויער אונטערזוכונג. בלייבט עס, אַז רייזענס הויפּט־פאַרדינסט איז וואָס ער האָט אַריינגעשריבן אין דער קאָנסטיטוציע פון דער יידישער ליטעראַטור, אַז יעדער יידישער שריפטשטעלער, פּאָעט אָדער נאָוועליסט, וואָס וויל זיך דערהויבן צו דער וועלט, מוז פריער פון אַלץ קינסטלעריש גובר זיין דאָס קליין־שטעטל אין זיך.

שלום אש האָט אָנגעהייבן פון פּוילישן שטעטל, ווי רייזען פון ליט־ווישן. און אַזוי אַרום האָט ער אויך מקיים געווען די מצוה, אַז וויל מען שפּרינגען הויך און ווייט, מוז דער אייגענער באָדן געמאַכט ווערן פאַר דער שפּרינגברעט. אָבער שלום אש איז פון אַן אַנדער שעפערישן גע־מיט, ווי אברהם רייזען. ער ציט זיין הויפּט־חיות נישט פון די וואָרצלען, פון וועלכע ער איז אַרויסגעוואַקסן. נאָר פון דער „לופט" וואָס ער האָט אַריינגעאָטעמט און אַריינגעזויגן אין זיינע קינדהייט־ און יונגנט־יאָרן אין קוטנא, וולאָצלאַוועק און וואַרשע..

אויך אַלס שריפטשטעלער איז ער געבאָרן געוואָרן, איינאָטעמענדיק און אַריינזויגנדיק „לופט"־ליטעראַטור־אַטמאָספערע. ער איז דער ערשטער דירעקטער פּראָדוקט פון דער פולער ליטעראַטור־אילוזיע, וואָס איז אויפגעגאַנגען אַרום פּרצן — די אילוזיע, וואָס געבערט ליטעראַטור אָן פּיאָנערישע חבלי לידה. ביי אשן איז שוין קיין סימן פון פּיאָנע־

רישקייט נישטאָ. די פּיאָנערישע עפּאָכע האָט זיך געשלאָסן אַ שעה פאַר זיין אויפקומען. אפילו ביי רייזענען האָבן מיר נאָך די נאָכוויי־ענישן פון דער עפּאָכע — די מאַטערנישן זענען שוין נישטאָ, אָבער די מי איז נאָך דאָ. ער האָט געדאַרפט אויפברעכן זיין לייענער העלד — און צופּאַסן פאַר אים אַ ספּעציעלע פאָרם פון דערציילונג, אַ ספּעציעלע פאָרם פון ליד.

אַש האָט גלייך אָנגעהייבן ווי אַ בן־בית אין דער ליטעראַטור — ער איז אַן אָנגעהעריקער צו ליטעראַטור, וואָס האָט איר אייגענע טעריטאָריע, ווי ביי אַלע פעלקער; און זיין ערשטע אויסצייכנונג — „אַ שטעטל" — אַ צונויפזאַמלונג פון פריער געדרוקטע דערציילונגען איז אַ ליטעראַטור־ווערק, וואָס ווען איבערזעצט קאָן עס גלייך גיין צו די פעלקער, און עס איז אַוועק — אַלס אַ כאַראַקטעריסטיש יידיש ווערק, וואָס קאָן אָבער אָן שוועריקייטן צוגעלאָזן ווערן צו דער ליטעראַטור פון די פעלקער; עס איז ליטעראַריש קינסטלעריש נאָענט צו זייערע מוסטערן. „אַ שטעטל" האָט זיי אָנגעזאָגט: עס איז דאָ אַ יידישע ליטעראַטור!

אָבער וואָס איז דאָס ליטעראַריש־קינסטלערישע אין „שטעטל"? — דער מאַטעריאַל איז געווען אַ פּאַרטיקער, און די סכעמע אַ פּאַרטיקע — דאָס שטעטל איז די „צענטראַלע" ביי מענדעלען און ביי שלום־עליכמען. דיזעלביקע שבת׳דיקע סעודות און שבת׳דיקע שמועסן נאָך אַמאָל איבערגעגאַנגען. יאָ, אַנדערש, ווייל מיט אַ יאָר פערציק שפּעטער אין צייט, און אַנדערש ווייל אַ פּויליש שטעטל — וואו יידן אין אַשעס צייט זענען נישט געווען אַזעלכע אָרימע לייט, ווי ביי מענדעלען. אָבער ביי שלום עליכמען אַ חוץ שבת מאַכנדיקע אָרימע לייט, האָבן מיר שוין אַ מין יחזקאל גאָמבינער פון אַשעס „שטעטל" — אַ נגיד וואָס פּראַוועט אַ ברייטן טיש — זיין אייגענער שווער און זיינע פעטערס. נאָר שלום־עליכם גיט זיך מער אָפּ מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם מענטשן אין זיין נגיד — פון זיינע נגיד׳ישע שטיק; שלום אַש נעמט זיין יחזקאל גאָמבינער, אויף וויפיל ער איז דער צענטער פון אַ קרייז, פון דער נגיד׳־ישער אַטמאָספערע ארום אים — ווי דאָס גאַנצע שטעטל וואָלט געווען צוגעטוליעט צו אים, און געאָטעמט יחזקאל גאָמבינערס לופט. שלום אַש איז פאַראינטערעסירט מער אין אַטמאָספערע קרייזן, ווי אין מענטש כאַראַקטעריזירונג, צו יחזקאל גאָמבינערס ברייטער שטוב איז צוגע־קלעפּט די קוילער געסל — מיט אירע דריי „פּייען" — פישער, פליישער,

פורמאנעם (צו די פורמאנעם קומט נאך צו א פערטער „פיי" — פערד־הענדלער וואס נאך א האר און זיי ווערן בלאטע חברה־לייט). שלום אש, א זון פון א שוחט, האט דורך די פליישער (קבצים) געהאט צוטריט צו יחזקאל גאמבינער, וועלכער א חוץ תבואה־ און געהילץ־הענדלער, איז ער אויך אן אקסן־הענדלער נאך געווען דערצו.

און צוגעגעבן האט אש נאך חסידיש־רבייאישן שטאט — אויך א פארטיקער מאטעריאל, וואס איז פונאנדערגעארבעט געווארן פון פרצן — אש איז אן איינזויגער פון אטמאספערישע איינפלוסן! — און די חסידים מיטן רבין מיט זייער פרייטיק צו נאכט, און שיר השירים־התלהבות, זענען אויך אריינגעפירט געווארן אין דעם אטמאספערישן בילד, וואס איז קאנצענטירט אויף יחזקאל גאמבינער. און דאס אלץ צוזאמען פאר׳־שבת׳ט, פאר׳מנוחה׳ט און פאר׳זמר׳ט געווארן, וואס אין אט־דעם פיי־ערלעכן מקבל נגיד זיין באטייליגט זיך אויך די נאטור און גאט אליין.

די יידישונג פון דער נאטור איז אפילו אויך קיין נייעס נישט. אויך ביי מענדעלען האלט די נאטור שבת און יום־טוב און דאוונט. אבער מיט א נפקא־מינה. ביי מענדעלען דאוונט זי בצבור און בקול רם. ביי אשן בלחש, קוים הערבאר. „דער טונקעלער שיינער הימל האט קריאת שמע געלייענט". — די קירכן־גלאקן פרייטיק צו נאכט האלטן מלחמה מיט די שבת ליכטלעך. מען קאן מיינען אז עס קומט פון אינעווועניקסטן איינ־דרוק — און ווען גאט מישט זיך אריין, טוט ער עס כמעט אומגערן. גאט העלפט יחזקאל גאמבינער! — ער אליין גלויבט אין דעם, און נסים פאסירן מיט אים: די ווייסל פארפלייצט, און זיינע טראטוועס ווערן געראטעוועט. פאר שלמה נגיד, א נאך מער דעקארירטן יחזקאל גאמבינער, בוקן זיך אפילו די זאנגען אין פעלד, ווען ער פארט פארביי אין זיין פריצישן געשפאן.

איז דאס דאסזעלביקע שטעטל — מיט דיזעלביקע צענטראלע און זייטיקע פארשווינען — מיט די ייִנגלעך וואס צופן פערדישע עקן, מיט מוכר־ספרים׳ניקעס, טשיקאווע אורחים־סוחרים און ארץ־ישראל ייִדן, וואס באווייזן זיך צו די ימים־נוראים — דאס זעלביקע שטעטל, נאר דעקארירט — פארשענערט. יא, צוגעגעבן: עס איז א פויליש שטעטל.

שלום אשעס פויליש שטעטל איז נאך דער מיט אנדערש פון מענ־דעלעס און שלום־עליכמס, וואס די יידן דארטן האבן געלעבט מער מיטן פרייען דרויסן, מיט דער גויאישער „לופט", מיט דער נאטור. האבן די יידן פון קוילער־געסל שטארקערע מוסקלען. האבן ליב גע־

שמאַק אַ ביס צו טאָן און געשמאַק אַ לעב צו טאָן. צוויי מאָל שבת בייטאָג כאַפּט מען ביי אים אַ בחור מיט אַ מיידל אויפן אָרט פון פאַר־ברעכן און מען פירט זיי מיט פאַראַד איבערן געסל — וואָס ספּעציעל צוליב דעם צוועק ווערט פּלוצלונג איבערגעריסן די שבת־מנוחה, מיטן גמרא לערנען פון די זיידענע יונגעלייט און מיטן פאַרהערן פון די גמראָ־קינדער. — פּאַטשן! — רופט אויס יחזקאל גאָמבינער, און די שבת־מנוחה הייבט זיך ווידער אָן. — אַזוינס האָט נישט געקאָנט טרעפן אין מענדעלעס און שלום־עליכמס שטעטל. (וואו זענען אַהינגעקומען די אָרימע לייט, וואָס האָבן אפילו אין אַשעם צייט נישט געהאַט וואָס אַ ביס צו טאָן און מסתמא איז זיי נישט איינגעגאַנגען אַ לעב צו טאָן? פרעגט נישט: זיי האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער נגיד'ישער דעקאָראַציע). דער עיקר־אונטערשייד אָבער — אַשעם „שטעטל" איז אָנגעהויכט מיט פּאָעטישער אַטמאָספערע. און די אַטמאָספערע איז דער עיקר: די מענטשן זענען אין איר ווי אַריינגעשטעלטע. ווי די לופט, מיט וועלכער זיי אָטעמען, וואָלט פאַר אַשן געווען וויכטיקער, ווי די מענטשן אַליין. און עס איז דאָ אַן ענגע שייכות צווישן דער פּאָעטישער דעקאָראַציע און דער אָנגעהויכטער אַטמאָספערע. ווען מען באַשטעלט ביי אַ טעאַטער־מאַלער אַ דעקאָראַציע, דאַרף ער אויך מיט־אַריינגעבן „אַטמאָספערע" — אַ לייכטן, נישט איבריק טיפן פּאָעטישן איינדרוק, כדי דאָס מאָסן־אויג זאָל עס גלייך קענען כאַפּן. די פון אַשן געשאַפענע אַטמאָספערע ציט אויך אַריין די לייכטע דינגע מינעס פון דער נאַטור; און נעמט אויך אַריין די העווית, זשעסטן און רייד פון די מענטשן, גענוג קענטיקע אויף צו כאַראַקטעריזירן זיי, אָבער די כאַראַקטעריזירונג איז, אַזוי צו זאָגן, נישט קיין אינעוועניקסטע, נאָר אַן אויסווענידקסטע — אויף וויפל די רייד און האַנדלונגען פון די מענטשן מאַכן באַוועגונג אין דער לופט, העלפן מיטשאַפן אַטמאָספערע. און דאָס איז די אַטמאָספערע, וואָס גיט זיי כאַראַקטער. עס איז רע־אַליזם אונטער אַ לופט־טורעם. און אויבן אין טורעם הענגט אַ גלאָק.

און אָט־דער דעקאָראַטיווער אַטמאָספערישער „טורעם" האַלט צו־זאַמען די גאַנצקייט פון בילד, דעם דערציילונגס־געבוי.

וואָרים פאַקטיש געהערן זיי נישט אַזוי צוזאַמען — יחזקאל גאָמ־בינער, די חסיד'ישע רבייאישקייט און די קוילער־געסל (וועלכע איז דאָ אי ווי אַ קאַפּיטל פון „שטעטל", אי ווי אַן אויסגעברייטערטע זעלבסט־שטענדיקע דערציילונג). והראיה — זיי קומען ביי אַשן אין אַנדערע

קאָמבינאַציעס — אין „אַלטע לייט", וואו דער גאָמבינער איז פּשוט
אַ פּיש־העגדלער. אָבער ווייל נישט צוגעקניפּט צום אַטמאָספערישן
בילד, שלאָגט די דערציילונג זיך אַריין אין בלינדן טרוקענעם רעאַליזם.
זי לויפט זיך פונאַנדער, זי איז נישט געבויט. און איינצעלנע פאַרשוי־
נען פון קוילער־געסל פיגורירן אַלס טרעגער פון אייגענע דערציילונגען
— ווי זבולן מאיר פון „אַ היים" — געוואָלט ווערן אַ קונפטיקער
מאָטקע גנב, כאַפּט זיך אָבער באַצייטנס און ווערט אַ לייט. אָבער צום
שוואונג פון קוילער־געסל קומט ער נישט. די „נשמה" איז ביי אים
אַרויסגענומען. — און שלום אַש האָט זעלבסטשטענדיקע חסיד׳ישע
דערציילונגען, אויף פּרץ־שטייגער: „דער זינדיקער", „אַ מעשה מיט
אַ ספר" — קומען זיי אַרוים געקינצלט. עס מוז זיין די קוילער־געסל
מיט אירע ידים דערביי; ווייל לכתחילה האָט ער זיי אַריינגענומען אין
איין בילד. און עס מוז זיין יחזקאל גאָמבינער — אויף צו קאָנצענט־
רירן די אַטמאָספערע פון בילד (און לאָמיר שוין זאָגן, אַז נישט מחמת
גרויסער ליבע צום גרויסן נגיד גאָמבינער האָט אַש אים געמאַכט פאַר
דעם מיטלפּונקט פון „שטעטל", נאָר ווייל אויף אים לאָזט זיך אָנהענ־
גען אַן אַטמאָספעריש בילד).

עס איז אַ בכיוונ׳דיקע, קינסטלעך צונויפגעפירטע קאָמפּאָזיציע,
אָבער אָט־דאָס קינסטלעכע איז ביי אַשן נאַטירלעך. ער איז נאָך מער
אויסאָטעמער, ווי איינאָטעמער פון אַטמאָספערע. דאָס איז די אָנגע־
היצטע לופט, וואָס ער אָטעמט אן, וואָס באַהעפט צוזאַמען די פאַרשיי־
דענע טיילן פון זיין פאַרפּאָעטישטער דעקאָראַציע. זיין גבורה איז אין
זיין הייסן אָטעם, וואָס ער בלאָזט אַריין אין אַלץ וואָס מאַכט זיך אים
פאַר די אויגן, און דאָס הייסאָנגעאָטעמטע גייט אויף ווי אַן אויסגע־
פּוצטע פאַנטאַזיע, וואָס שימערירט מיט קאָלירן. ער איז בטבע אַ הייס־
אָטעמדיקע אויספּוצער. האָט ער אויסגעפּוצט די מוסקלען פון קוי־
לער־געסל, און עס האָט גענומען אויסזען, אַז אויף איר שפּאַצירן אַרום
יידישע גבורים. און ער האָט אויסגעפּוצט די מידות פון שיינעם בעל־
הבית, ביז ער האָט גענומען אין „שלמה נגיד" אויסזען ווי אַ שלמה
המלך (און ער האָט ליגן אַ פאַרטיקן סוזשעט, דאָ אין ניו־יאָרק פאָר־
געלייענט פון אים פאַר 20 יאָרן, וואו די דעלעגאַטן צו די פאַריייניקטע
יידישע געווערקשאַפטן וואַקסן אויס ריזן, וואָס האָבן איינגענומען דאָס
לאַנד אַמעריקע פאַר יידן).

הייסער אָטעם, היים בלוט; צוגעגעבן דערצו אַ לעבעדיק מאַכנ־

דיקע פאַנטאַזיע — דאָס איז דאָך וואָס מען רופט טאַלאַנט, וואָס פּראָדוצירט קונסט. דערצו נאָך אַ צוגענגלעכע פּאַעטישע דעקאָראַציע, דערצו נאָך איינפּאַסט אין אַ רעמל — עס הייבט זיך אָן מיט אַ וואַנדערער, וואָס גייט אַריין אין שטעטל, און עס לאָזט זיך אויס מיט דעם וואַנדערער, וואָס גייט אַרויס פון שטעטל — פאַר באַשטעטיגונג, אַז עס איז אַ דעקאָראַטיוו בילד — און געשיקט צו די פעלקער, איז עס אָנגענומען געוואָרן ווי אַ חידוש, וואָס די קינסטלערישקייט מאַכט עס גלויבלעך, אויסטערליש, אָבער עס ליגט זיך אויפן שכל: אַ ייד אַ סוחר, איינגעוויקלט אין אַ תורה־מענטעלע, איז אין צענטר פון שטעטלשן יידישן לעבן; תורה מיט סחורה גייט ביי יידן צוזאַמען—און צו דעם, גאָר אומגעריכט, יידישע גבורים — עס האָט אויסגענומען! אפילו אַביסל פּערשפּעקטיווע אָריענטאַלישע ראָמאַנטיק, אָבער באַלד וועט די יידישע ליטעראַטור זיך אויסגלייכן מיט דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

די יידישע לייענער און קריטיקער זענען אודאי פאַרכאַפּט געוואָרן. בעל מחשבות האָט געדרונגען, אַז דער אייניקל — שלום אַש — באַווייזט נאָך אַמאָל, וואָס דער זיידע מענדעלע האָט שוין באַוויזן. אַז פאַר קינסטלערישקייט און פּאָעזיע דאַרף די יידישע ליטעראַטור צוריק גיין צו דער פאַרצייטיקער פרומער טראַדיציע פון שטעטל; אַז עס איז נאָך נישט געקומען די צייט פאַר איר אַרויסצוהייבן זיך פון שטעטל. ער האָט נישט פאַרויסגעזען, אַז גאָר באַלד וועט די יידישע ליטעראַטור נישט נאָר אָניאָגן קינסטלעריש די יידישע ווירקלעכקייט פון היינט, נאָר זי וועט איר נאָך פאַרויסגיין. ווי עס האַלט היינט איז דאָס פאַרויסגיין אַ מוז פאַר איר. ווען זי גייט נישט פאַרויס, גייט זי אונטער.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דאָס „שטעטל" דעם אומבאַשטריטענעם פאַרדינסט, וואָס קינסטלעריש פאַרפיקסירנדיק דאָס יידיש־פּוילישע שטעטל, האָט עס געהאָלפן פאַרפעסטיקן דעם אונטערגרונט פון דער פּוילישער טעריטאָריע אין דער יידישער ליטעראַטור, די ליטעראַטור פּראָדוצירנדיקע טעריטאָריע־אילוזיע איז דורך אַשן כמעט געוואָרן אַ רעאַליטעט. אויף דער טעריטאָריע וועט זיך באַלד לאָזן אויספירן גאַנצע ליטעראַטור־בנינים.

אָבער אַנדערש ווי רייזען האָט שלום אַש אין שטעטל פון זיין אָפּשטאַמונג זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן. רייזען, ווייל ער האָט אַזויפיל פּיאָנערישע מי אָוועקגעשטעלט אויף זיין שטעטל, איז ער קינסטלעריש צו־

נויפגעוואקסן מיט זיין שטעטלשן שטאַף. שטייט ער ווי אַ צוגעקלאַ־מערטער צו זיין פּיאָנערישן פּאָסטן, פאַרקערפּערנדיק די וואָרנונג צו אַלע יידישע שריפטשטעלער :—פאַרגעסט נישט דאָס שטעטל פון אייער אָפּשטאַמונג. פריער פון אַלץ מוזט איר מיט איר קינסטלעריש זיך פונאַנדער׳חשבונ׳ען. און ווילט איר פאַרלאָזן דאָס שטעטל, ברענגט דאָס שטעטל אין זיך איבער און נעמט מיט דעם ניצוץ אירן אין דער גרוי־סער וועלט, פאַרוואַנדלט אים און פאַרטוט אים אין אייערע גרויס־וועלטיקע ווערק. רייזען אַליין, וויפיל ער האָט נישט אַרומגערייזט די וועלט און געזאַמלט חכמה און דערפאַרונג, פרעסט ער עס אַלץ אַריין אין אַ רעמל, וואָס קאָן אַריינגעשטעלט ווערן ווי אַ שייבל אין פענצטערל פון אַ קליין שטעטל. אפילו אַזעלכע פאַרפיינערטע דערציילונגען, ווי „אייזן" און „דער פּרוש", וואָס דאַרפן צעפרידנשטעלן דעם ראַפינירטעסטן גרויס־וועלטיקן געשמאַק — דער „פּרוש" איז אַ מין מאַגיקער, וואָס ווינקט אַרויס תאווה פון פרומקייט און פרומקייט פון תאווה — קאָנען אויך געלייענט ווערן דורך אַ קליינשטעטלדיקן פענצטערל.

שלום אַשן איז לייכטער געווען אַוועקצורייסן זיך פון שטעטל, מיט־נעמענדיק די מתנה וואָס דאָס שטעטל האָט אים געשאָנקן, אָט־דעם טאַ־לאַנט זיינעם אָנצואָטעמען הייסע אַטמאָספערע, וואָס שמעלצט פאַר אים אוים בילדער, וואָס שמעלצן זיך צענויף אין איין גאַנץ בילד. האָט ער מיטגענומען אָט־דעם הייסן אָטעם, און יאָ — אויך דעם ברייטן פונאַנ־דערפאָך פון זיינע אָרעמס, דעם פיזישן „פאַרנעם" פון קוילער־גאַסל.

אין די ערשטע יאָרן אין וואַרשע, נאָכן „שטעטל", האָט ער נאָך געצויגן בילדער און געשטאַלטן פון זיין שטעטלשער אַטמאָספערע. דער־נאָך זענען געקומען די דערציילונגען, וואָס גרופּירן זיך אַרום „שטעטל" — די וואַנדערונגען פון שטעטל. האָט ער געוואַנדערט פון שטעטל אין דאָרף אַריין צו די פּוילישע פּויערים — די נאָוועלע „ערד" — און נאָך אָפּטער האָט ער געוואַנדערט מיט דער ווייסל אין די פאָרשטעט פון וואַרשע, וואו די שטעטלשע יידן־פישער, פּרוכט־הענדלער שטעלן זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע. דאָרט אין די פאָרשטעט האַלט סטאַנציע די יידישע אונטערוועלט — האָט ער אַ צאָל פון זיינע שטעטלשע פאַרשוי־נען — שמייסער, קצבישע טעכטער פון קוילער־גאַסל — אָפּגעגעבן פאַר רעקרוטן אין דער אונטערוועלט — (די דערציילונג „די שיינע מאַריע"). און וואו ער פלעגט באַווייזן צוריק אויפצוכאַפּן די היימישע אַטמאָספע־רישקייט, פלעגט אַרויסקומען מחיה׳דיקער אַטמאָספערישער רעאַליזם

— ווי די דערציילונגען „די מחלוקת אין קאָרטשעווו", „אַ גט" — אַ פרומער בעל־הבית'ל גט אָפּ זיין פרוי אַן עקרה (וואו דער סינטעז פלעגט אים נישט געלינגען, איז עס געווען, ווי געזאָגט, קאָפּירנדיקער מיד־מאַכנדיקער רעאַליזם). — איינגעגעבן זענען אויך די דערציילונגען, וואָס זענען געבויט אויף וואַנדערונגען אין פרייען דרויסן — אין גאַנג זאַמלט זיך אים לייכט געדיכטע אַטמאָספערע — „אויפן וועג קיין שע־מענעץ" — (דאָס איז אים געבליבן: רייזע־מאָמענטן טוען אים גוט — דאָס גנב'ענען דעם גרעניץ דורכן וואַלד, דאָס אַראָפּגיין פון שיף אין עלים איילאַנד — און דער שענסטער ביישפּיל: די וואַנדערונג דורכן סטעפּ פון דער פאַרטריבענער יידישער עדה אין ערשטן קאַפּיטל פון „קידוש השם").

און ווען עס האָט אים אויסגעשעפּט דער היימישער מאַטעריאַל, האָט ער זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט. דער „שטעטלשער" הייסער אָטעם איז אים צו הילף געקומען — ס'איז געבליבן כאַראַקטעריסטיק פאַר אַלעמאָל און זיין קינסטלערישע פונקציע: טראַגנדיק זיך אויף זיין הייסן אָטעם, איז אַש אַ בריה אַריינצוכאַפּן זיך אין יעדן ווינטל, וואָס ווייט אין דער ליטעראַטור, און פונאַנדערצוזאָגן עס מיט זיין אימפּעט אַזוי, אַז עס זאָל נעמען אויסזען ווי אַ שלום אַש שטורם; ער איז פלינק אַריינצולעבן זיך אין יעדער אויפקומענדיקער טענדענץ און איינס צוויי מאַכט ער עס פאַר אַ שטיק שלום אַשיש אייגנטום. ווי אַ רעזאָנאַטאָר פאַרגרעסערט ער דעם שטילסטן קול. איז עס אַ גרויסע קינסטלערישע מעלה, און אויך אַ נוצלעכע. וואו עמיצער האָט פאַרטשעפּעט אַ טע־מע, וואו אַן אָנצוהערעניש אויף אַ געשטאַלט, וואו אַ פּיפּס אויף אַן אידייע, אַש האָט דאָס איינגעשלונגען, עס איז געוואָרן זיינס. עס איז ביי אים ווי אין פסוק שטייט — „ויפח" — דער באַשעפער האָט אַריינ־געבלאָזן זיין אָטעם אין די גאָזלעכער פון זיין באַשעפעניש, און דאָס באַשעפעניש האָט זיך אָפּגעצאַפּלט. אָבער וואו עס שטייט ביים באַשע־פער „בצלמו" — אין זיין אייגענער געשטאַלט — טוט עס אַש: ער האָט געגנוג אייגענע געשטאַלטן אויף צו באַפעלקערן אַ שטעטל. און טאָמער נישט, מאַכט אים אויך נישט אוים — שרייבט ער לויט אַ פאַר־טיקער געשטאַלט, לויט אַ פאַרטיקער אידייע. און ווען דער מאַטעריאַל איז אים אַ פרעמדלעכער, שרייבט ער אויסווייניק, אַן דער זיכערקייט, וואָס קאָווירט פאַרן אמת. אַזוי ווען ער האָט איבערגעאַרבעט זיין דערציילונג די „שיינע מאריע" אין דער דראַמע „גאָט פון נקמה" —

די רעאַליסטישע געשטאַלטונג איז געצייכנט מיט זיכערקייט, אָבער די סענטימענטאַלע הייזל־מיידל־ליבע־סצענע איז אויסוויייניק געשריבן; די אידייע גופא פון דער דראַמע איז אויסוויייניק געשריבן. אפילו אויס־וויייניק זענען די דראַמען אויף דער אויפגעכאַפּטער מאָדיש געוואָרענער נאַציאָנאַלער אידייע — „מיטן שטראָם", „משיח־צייטן" (די מערסטע ארץ־ישראל־רייזעס זענען אויסוויייניק געשריבן. אויף טראַדיציאָנעלן ביבלישן טעקסט. אַזוי אויך זיינע ערשטע אַמעריקאַנישע בילדער — פון דער צייטונגס־כראָניקע). אָבער אפילו מיט זיין אויסוויייניק שרייבן האָט אש אויסגעצייכנט געדינט דער יידישער ליטעראַטור. ער איז גע־וואָרן דער שטאַרקסטער אַרויסהעלפער פרצעס. ספּעציעל מסוגל געווען צו מאַכן אַ נוץ פון דער ליטעראַטור־אילוזיע, וואָס האָט זיך אָנגעקוואָלן אַרום פרצן. נישט נאָר האָט ער זי איינגעזויגן, נאָר ער האָט זיך ממש אָנגע'שכור'ט מיט איר — און ער, אפשר דער ערשטער, האָט גענומען שרייבן דערציילונגען אויס ריינער ליטעראַטור־הנאה, נישט אויסן זייענ־דיק צו פאַרדינען עפּעס אַ מצוה מיט דעם. ער האָט געשריבן אויף אַזעלכע טעמעס און פּראָבלעמעס, וואָס איז אָנגענומען ביי די אומות העולם, אַז זיי זענען ווערט דעם קינסטלערס אויפמערקזאַמקייט. אש מיט זיין ליטעראַטור־שכרות, מיט זיין פליים און איבערפלוס און אפילו מיט זיינע בלאָנדזשענישן האָט ער געמאַכט פאַר אַן ענין דעם סאָרט ליטעראַטור־דערציילונג, וואָס ראַטעוועט נישט — נישט כל ישראל און נישט בן ישראל, נאָר דעם שריפטשטעלער און זיין פען. נאָך אשן איז שוין לייכטער געווען זיי צו שרייבן, נישט אומקוקנדיק זיך, וואָס וועלן יידן זאָגן. אונטער די דאַמאָלסדיקע אומשטענדן פון דער יידישער לי־טעראַטור — ביז 1910 — ווען זי האָט זיך נישט געקאָנט אַריבערהייבן איבער אירע שווערע דינסט־פליכטן — איז עס געווען אַ היפּשער פאַרדינסט.

און שלום אש האָט נאָך מער פאַרדינסט: ער האָט געמאַכט פּלאַץ פאַרן יידישן שריפטשטעלער אין דער וועלט־ליטעראַטור. און אַזוי איז דאָס געווען; — ווען ער איז פון וואַרשע אַריבער קיין פּעטערסבורג— וואו ער איז אַ דאַנק דער „שטעטל" און זיינע דראַמען אויפגענומען געוואָרן בכבוד גדול — און פון פּעטערסבורג אין אַנדערע גרויסע איי־ראָפּעאישע צענטערן — האָט ער געמאַכט דעם וויטסטן שפּריַז אַוועק פון היימישקייט — אַ שפּרונג פון קוטנא צו די פעלקער — און ער האָט אודאי גענומען שרייבן אויסוויייניק: אויף אָנגעהערטע און אָנגע־

שמועסטע טעמעס, אויף אידייען, וואָס פּלאָטערן אין דער לופטן, אויף פּאַרטיקע ביישפּילן. — האָט היינריך מאַן דאַמאָלס געשריבן ראָמאַנען אויף צעשפּרייטע לייוונטן, און טאָמאַס מאַן אַ נאָוועלע „דער טויט אין ווענעדיק", האָט אויך שלום אַש אַ וואָרף געטאָן דעם ערשטן יידישן פּרוב אויף אַ ראָמאַן פון ברייטן שטח, וואָס זאָל דעקן שטעט און לענדער — דעם טאָפּל־ראָמאַן „מערי" און „דער וועג צו זיך" — און ער האָט נאָכגעפאָלגט דער נאָוועלע מיט אַ גאַנצער אָפּטיילונג אין ראָמאַן, קאָפּירנדיק נישט נאָר מוזייאישן טויט־גייסט, נאָר אפילו איר טיטל: „דער טויט אין ווענעדיק". אין בערלין האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט אינספּיראַציע פאַר דער סימבאָלישער פאַנטאַסמאַגאָריע „נאַכט" און פאַר דער פּאָעמע־נאָוועלע „יפתח'ס טאָכטער", וואו עס דערשיינט די געשטאַלט פון גאָט־אַקס, אַן אויסבאָרגונג ביי די בערלינער „אַדאַמיטן". און וואו ער קומט אָן — אַריינגעאָטעמט די לופט, אויסגעאָטעמט — שוין, ער קאָן שוין שרייבן אַ ראָמאַן — אויסווענדיק . . .

„דער וועג צו זיך" האָט ערגעץ נישט דערפירט, און „נאַכט" און „יפתח'ס טאָכטער" זענען געבליבן זיך טראַמפּלען אויף די ערטער. אָבער אפילו וואו שלום אַש שרייבט אויסווייניק, נישט פון זיין אינווייניק אַרויס, פּאַסירן גליקלעכע מאָמענטן; אָט ציען זיך לאַנגע מאָנאָטאָנע זייטלעך, אָפּגעשריבענע פון צייטונג — און פּלוצלונג גיט ער זיין פען געלאַף, און לויפנדיק אַזוי קייקלט ער צונויף בערגלעך אָטמאָספערע, לופט־ווירבלען אַזעלכע, וואָס ציען אַריין אין זייער געדריי ביינער, שטיינער, שפּענער, צייטונגס־שטויב און שפּראַך־זאַמד — און זע: די ביינער זענען לעבעדיק געוואָרן און האָבן אָנגענומען די געשטאַלט פון מענטשן; די שטיינער, שפּענער, שטויב און זאַמד האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ווי די געשטאַלט פוןווירקלעכקייט, וואָס בלענדט, פאַרנעמט דאָס אויג, איבערציינגט. דאָס איז שלום אַשעס אַטמאָספערישער מיראַזש, פאַרבילדלעכטע לופט. אָט גאָר לעצטנס, צום ביישפּיל, אין דעם נאָר וואָס אָנגעהייבענעם ראָמאַן: — „דאָס געזאַנג פון טאָל", אַ פּראָדוקט פון עטלעכע וואָכן שטיין אין ארץ־ישראל, אין צווייטן קאַפּיטל, וואו אַש קריכט, קריכט דורך לאַנגע זאַמדיקע פּאַראַגראַפן פון אַ פּאַרקילטן ציוניסטישן באַריכט, הגם די זון ברענט אויבן—מאַכט שלום אַש אַ הפסקה פאַר אַ סצענע, וואו די חלוצים אין עמק אַנטדעקן דעם קוואַל, וואָס מאַכט דעם זומפּ, און קאָן ווערן אַ לעבנס קוואַל. שלום אַש איז קיינמאָל דערביי נישט געווען, אָבער דאָ האָט ער אַ געלעגנהייט געהאַט

אַנצוקאָטעמען אַ מיראַזש — מיט זיך אַליין אַלס דעם הויפּט־אַנטדעקער פון קוואַל, און ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט מים חיים, און וואָס איז נישט געווען, ווערט פאַר די אויגן. אודאי איז עס טאַלאַנט. אָט־די אָנגעקייקלטע בערגלעך אַטמאָספּערע, פון וועלכן עס פלאַצן אַרויס די אַשישע מיראַזשן, זענען די געבענטשטע הפסקות אין די זיך ציענדיקע לײדיקייטן פון געשריבענעם אויף אויסווייניק, און זיי באַלויגען פאַר דער טרחה פון לײדיקן לײענען. גוט זענען דאַרום אַלע יענע מאָמענטן און שטעלן אין אָט־די ראָמאַנען, וואו ער קריגט אַ געלעגנהייט צו באַווייזן זיינע אַטמאָספּערע מופתים; היימען וואָס האָבן אַ סך איינגייער, הייזער וואו קהל קומט זיך צונויף, וואָס האָבן אַן איינגעשטעלטע אַטמאָספּערע — גיט ער זי אַ זופּ צריין צוזאַמען מיט די מענטשן, און אין זכות פון דער אַטמאָספּערע ווערן די מענטשן אויך לעבעדיק — אויף וויפיל זיי האָבן שייכות צו דער היים אָדער צום הויז. עפּעס פרישט דאָס אָפּ אין אים די ברייטע שטוב פון יחזקאל גאָמבינער, וואו ער איז אָנגעלאָדן געוואָרן מיט זיין אַטמאָספּערישער וואונדער־קראַפט. אַזוי דער סאַלאָן פון גרויסן אַדוואָקאַט אין „פּעטערבורג״, דער באַלאַגערטער האָטעל אין „מאָסקווע״, און אודאי און אודאי דאָס הויז פון לערער הורעוויטש אין וואַרשע. — דאָס הויז איז אַווטאָביאָגראַפיש. עס איז געווען די הויפּט־סטאַנציע פון זיינע בחור'שע יאָרן, ווען ער האָט געדאַרפט איבערקאָכן זיין קוטנא אין דער וואַרשעווער אַטמאָספּערע. דאָס הויז איז געווען אַ פאַרטיי־אַכסניה. ער האָט זיך דאָרט צונויפגעלעבט מיט מענטשן, וואָס האָבן געלעבט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. האָבן די מענטשן פאַר אים אַן אַטמאָספּערישן ריח. צוליב דעם הויז און צוליב די איינגייער אין דעם הויז האָט „וואַרשע״ זוכה בגורל געווען צו זיין דער בעסטער ראָמאַן פון דער „טרילאָגיע״. — שוין אין „מערי״ איז דער אַרבעטער־קוואַרטאַל אין האָמליע — דער „ראָוו״ — אויסגעצייכנט געשילדערט געוואָרן. צוליב קאָנספּיראַציע, ווייזט אויס, האָט ער דעם קוואַרטאַל פון וואַרשע אַריבערגעטראָגן קיין האָמליע.

און אודאי אַלץ וואָס רירט אָן אַשן פּערזענלעך איז קאַפּאַבל אָנצוציען אַטמאָספּערישקייט. איז ער דאָך אַליין דער מייסטער־אַטמאָספּערע־שאַפער. האָט אַש קענטיק אַ ליבע שוואַכקייט אַמאָל געהאַט פאַר מוטערלעכע פרויען. לאָזט ער זיין הויפּטהעלד פון דער „טרילאָגיע״ מירקינען, וועלכער פאַרטרעט טיילווייז זיין באַשעפער אַליין, צוויימאָל זיך פאַרליבן אין פרויען־מוטערס, אָנשטאָט פאַרליבט צו זיין אין זייערע

טעכטער. אַזוי איז ער זיך אַ בלאַסער, אַ מטושטשטער העלד, אָבער וואו ער קומט צו די סצענעס, איז ער וואונדערלעך. די לופט אַרום אים כישוף'ט. און נישט נאָר אַמאָל, נאָך היינט, וואו עס גיט אים אַ קלאַפּ עפּעס אַ לעבעדיקע רעטעניש — אַסימילירט ער אין אַ רגע די לופט אַרום דעם און שטעקט זיך אָן מיט דער רעטענעשדיקייט און שטעקט אונדז אָן. אַזוי האָט „מערי״ — די ערשטע קינסטלער־מיידל אין דער יידישער ליטעראַטור — פון די וואַרשעווער און פּעטערבורגער אַטע־ליעס, אונדז פאַרכאַפּט, ווי אַש איז פון איר פאַרכאַפּט געוואָרן.

דאָס זענען די שלום אַשישע אַטמאָספערישע מעלות, וואָס קויפן אויס די חסרונות מיט דער פּסולת פון אויסוויינינק געשריבענעם; טראָץ די חסרונות טראָגן זיי די ראָמאַנען אויף זיך און טראָגן זיי אַריבער צו די פעלקער. — האָבן מיר אויסגערעכנט אַ ריי גאַנץ גרויסע פאַרדינסטן שלום אַשעס. ערשטנס, מיט דעם „שטעטל״ און מיט די דערציילונגען, וואָס גרופּירן זיך אַרום „שטעטל״, האָט ער אַראָפּגעבראַכט פּרצעס טע־ריטאָריע־אילוזיע אויף דער ערד, אַזוי אַרום צוגרייטנדיק דעם באָדן פאַר אַ פּויליש־יידישן טעריטאָריע ראָמאַן. צווייטנס, מיט זיינע שפּעטער־דיקע וואַרשעווער דערציילונגען האָט ער געלאָזט אין גאַנג די דערציי־לונג, וואָס ווערט געשריבן אויס פרייען קינסטלערישן דראַנג — נישט פון מצוה וועגן, נאָר צוליב דעם אינסטרומענט, דער דערציילונג גופא. אָן ספק, האָט אָט דאָס משמח זיין דעם קינסטלער און זיין אינסטרו־מענט זיך אַריבערגעטראָגן צו די „יונגע״ אין אַמעריקע, וואָס האָבן דאַמלס זיך געהאַלטן אין פורעמען. דריטנס, האָט אַש אפילו מיט זיינע אויסוועניק געשריבענע ראָמאַנען אַרויסגעפירט די יידישע ליטעראַטור אויף דער וועלט־אַרענא. דאָס דאַרף אודאי הייבן דעם מוט פון יידישן שריפטשטעלער.

צוליב די אַלע פאַרדינסטן, פאַרדינט אַש מען זאָל אים זאָגן דעם גאַנצן אמת. ווען עס איז אַ סך געגעבן, פון דעם פאָדערט זיך אַ סך. זיין ערשטן פאַרדינסט, אַלס אַריינפירער פון דער פּוילישער ערד אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלן מיר נישט אָפּפרעגן. אָבער וועגן די אַנדערע צוויי פאַרדינסטן זיינע לאָזט זיך פרעגן קשיות.

וועגן זיין פאַרדינסט, אַלס אַריינפירער פון דער פרייער ליטעראַטור־דערציילונג פאַר דער באַפרידיקונג פון שריפטשטעלערס באַדערפניש צו איבן און שלייפן זיין אינסטרומענט („דערציילונג״ שליסט שוין אויך אַריין זיינע ראָמאַנען, וואָס זענען מער ווי אָפט גיכער פונאַנדערגע־

שפּרייטע, פונאַנדערגעשליידערטע דערציילונגען, איידער אויפגעבויטע ראָמאַנען, פונאַנדערגעוואָקסענע לעבנס) — לאָזט זיך דאָ פרעגן: נאָכדעם ווי ער האָט מיט טאַלאַנט און התמדה געוואונען אָנערקענונג פאַר דעם אינסטרומענט, וואָס פאַר אַ נוץ האָט ער פון אים געמאַכט, צו וועלכן לעבנסדינסט האָט ער אים געשטעלט? וואָרים אָן דעם קאָן דער אינסטרומענט קינסטלעריש זיך נישט פאַרפולקאָמען: ער קאָן נישט געאיבט ווערן אויף גאָרנישט, נאָר אויף וויכטיקן לעבנסאינהאַלט. האָט ער באַרייכערט זיין אינסטרומענט, באַרייכערנדיק אונדז מיט נייעם לעבנס־אינהאַלט?

מיר ווייסן, אַז אַש, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעליידיקט זיין אַט־מאָספערישן קינדהייט און יוגנט־רעזערוואואַר, האָט מער ווי אָפט געשריבן אויף פאַרטיקן — אויף טעמעס, געשטאַלטן און אידייען, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעשמעקט און אָנגעשטעקט. די ליטעראַטור איז מוחל. אין ליטעראַטור איז קיין פּריוואַט־אייגנטום נישטאָ. ווער עס קאָן, מעג נעמען. איז זאָל זיין נישט קיין ניי־אַנטדעקטע געשטאַלטן, אָבער נייע אַנטפּלעקונגען אין די געבאָרגטע געשטאַלטן? עס דערמאָנט זיך גאָרנישט. אויך דאָס איז קיין חטא נישט, וואָס ער האָט מער ווי אָפט געשריבן אויף אויסווענין. קינסטלער שרייבן אויף אויסווענין. קינסטלער מעגן. זיי דאַרפן עס אָבער באַרעכטיקן. אַ האַלבע באַרעכטיקונג האָט אַש. אין אימפּעט פון גלאָף אויף אויסווענין דערלאַנגט ער אונדז אַ פאַרבלענדעניש, וואָס האָט דעם אָנבליק פון ווירקלעכקייט. דערלאַנגט ער אָבער מיט דער ווירקלעכקייט־פאַרבלענדעניש אויך אַ נייעם לעבנס־אימפּולס? די אַנטדעקונג פון דעם קוואַל אין עמק דערפרישט — עס איז קינסטלעריש באַוועגלעך — דעקאָראַטיוו — אָבער אַ „שם המפורש" אויף צו באַשאַפן אַ חלוץ קוועלט פון דאָרט נישט. אין ביידע פאַלן — סיי ווען ער שרייבט פון גרייטן און סיי ווען ער שרייבט אויף אויסווענין — וואָלט די ענטגילטיקע באַרעכטיקונג געווען: צי ער טראָגט וואָס צו פון דער אייגענער נשמה? צי ער פאַרמערט אונדזער נשמה־ענערגיע מיט אַ חלק פון זיינער?

י. ל. פּרץ דער אַרויסבריינגער פון דער ירושה־טענדענץ, האָט אָנגעוויזן דעם וועג: נאָך נשמה־ענערגיע דאַרף מען גיין צו דער פאַרגאַנגענהייט. זאַמלען די אוצרות פון די דורות און זיי פאַרוואַנדלען. אַש איז געווען דער ערשטער צו פאָלגן. ער איז מיט חשק געגאַנגען צו דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער צוליב וואָס איז ער געגאַנגען? כדי צו פאַר־

וואַנדלען ענערגיע? ניין, נאָר ווייל דאָרט איז צו געפינען פּאַרטיקן שטאָף פאַר דעקאָראַטיווע עפעקטן. האָט ער אויסגעשטעלט לאַנגע רייען דעקאָראַציעס פאַר היסטאָרישע פּראָצעסיעס — „פּעדזשענטס" בלע"ז — פון דער ביבלישער און נאָך־ביבלישער צייט. לאָמיר מאַכן אַן אויס־נאַם פאַר „קידוש השם". די אַטמאָספערע פון יידישער מסירת נפש איז אַזוי קאָמפּאַקט אַריינגעפּרעסט אין דער דעקאָראַציע, אַז מען קאָן אָננעמען, אַז די ענערגיע איז פאַרוואַנדלט: מיר ווערן געשטאַרקט אין אונדזער יידישער עקשנות. אָבער וואָס האָט ער פון זיך צוגעגעבן צו „שבתי־צבי", מיר זאָלן דערפילן, אַז ער האָט פאַרזוכט פון דער משיח־איבערלעבונג, פון דעם דערלייזונגס־דראַנג? און דער „תהלים־ייד, וועלכער האָט באַקומען אַזאַ גרויסאַרטיקן קבלת פּנים — וואו אַלע שוין אַנטדעקטע און אַנטפּלעקטע צדיקים ווערן נאָכאַמאָל אַרויסגעפירט אויף פּאַראַד — וואָס פאַר אַ נייעם איינבליק אין דעם צדיק האָבן מיר גע־וואונען דורך אַשעם דעקאָראַטיווער פאַרגעשטאַלטיקונג — אַן איינבליק, וואָס מיר האָבן פריער נישט געהאַט און איצט האָט ער אונדז די אויגן געעפנט?

שלום אַש — נישט נאָר ער ציט נישט קיין נשמה־ענערגיע פון דער ירושה פון די דורות, נאָר פון זיין אייגענער ירושה אויך נישט.

נישט אומזיסט איז געגעבן געוואָרן אַ וואָרנונג צום יידישן שריפט־שטעלער: פאַרלאָזטו דעם אָרט פון דיין אָפּשטאַמונג, פאַרגעס נישט מיטצונעמען דעם ניצוץ, וואָס האָט דיר געגעבן די ערשטע שפּירונג פון רוח הקדש — די נשמה, די חלומות פון דיין קינדהייט און יוגנט — נישט בלויז דאָס פיזישע זאַלסטו מיטנעמען: דעם אָטעם־צוג, דעם בלוט־דרוק, די גבורה פון די הענט. יאָ, אַש האָט מיטגענומען טאַלאַנט אויף אָנצוגליען די לופט, ביז זי גייט אויף מיט קאָלירפולע מיראַזשן, וואָס פאַרוואַנדלען זיך מיט דעקאָראַטיווער בילדלעכקייט. און אפילו דער טאַלאַנט האָט זיך אומזיסט אים נישט געגעבן. טאַלאַנט איז נישט פון געבוירנשאַפט בלויז. אָט־דער טאַלאַנט זיינער איז איצט כמעט אַ פיזי־שער אָפּשלאַג פון אַ נשמה יתירה, וואָס ער האָט אָנגעהאַרעוועט אין זיין קינדהייט און יוגנט. אין זיינע אַמאָליקע שטעטלשע דערציילונגען פיגורירט אַ פאַר'חלומ'ט נשמה־יתירה'דיק יינגעלע, וואָס אויף זיין שטיי־גער איז ער מקריב אַ סך קרבנות — דאָס איז דאָס יינגעלע, וואָס האָט אָנגעשפּייזט שלום אַשן מיט טאַלאַנט. שלום אַש האָט אָט־די אַרבעט

פון אָנהאָרעווען נשמה יתירה אָפּגעשטעלט. ער פאַרלאָזט זיך נאָר אויף זיין טאַלאַנט —

צווישן שלום אַשעס העלדן איז לייכט צו אונטערשיידן צווישן די וואָס שטאַמען פון זיין יוגנט און האָבן נשמות און די שפּעטערדיקע, וואָס האָבן קיין נשמות נישט. פאַרגלייכט די ערשטע העלפט פון „מאָטקע גנב" מיט דער צווייטער — די ערשטע איז פון יוגנט־איבער־לעבונג, די צווייטע איז פון אויסגעטראַכטן און אויסוויינִיק געשריבע־נעם. אין דער „טרילאָגיע" זענען דאָ צוויי העלדן, וואָס פאַרטרעטן אַשן — איינער איז מירקין, וואָס פאַרטרעט אים אַלס וועלט־קלוגן — האָט ער קיין נשמה נישט, אויסער אין די מאָמענטן, וואו ער איז פאַרליבט אין די מוטערס פון זיינע כלות. דער צווייטער איז דער ישיבה בחור, וואָס קומט אַראָפּ פון שטעטל און איז גרייט מיט מסירת נפש אויסצו־קעמפן פאַר זיך אַ שריפטשטעלערשן באַרוף. — דאָס איז דער אויסגע־וואַקסענער פאַר'חלום'ט ייִנגעלע פון זיינע פריערדיקע דערציילונגען. הגם אַש ווי זיין שטייגער איז שילדערט אים, שילדערנדיק די לופט אַרום אים, דורך די כאַראַקטער־שטריכן, וואָס שטאַרצן אין דער לופט אַרויס —אינעווענִיק איז ער נישט אָפּגעשטעמפּלט — אָבער אַנטקעגן מיר־קינען איז ער איבער אָנגעלאָדן מיט נשמה.

און דאָס איז אויך דעם שריפטשטעלערס נשמה־יתירה, וואָס פאַר־נעמט די אימפּולסן, וואָס די יידישע ליטעראַטור זאָגט זיך אַליין אונ־טער, כדי צו פאַרזיכערן זיך קיום — דורך דעם, וואָס זי וועט ווערן דער יידישער הויפּט־דערלייזונגס־מיטל. און נשמה־יתירה קאָן מען מיט די הענט נישט נעמען. מען דאַרף זיין גרייט צו קרענקען, צו מאַטערן זיך און ברענגען קרבן נאָך קרבן. מען דאַרף אַרבעטן מיט דער נשמה, מען דאַרף פאַרדינען נשמה־יתירה. שלום אַש איז פאַר דעם נישט גרייט. קינסטלעריש איז ער אַן עגאָאיסט. ער קאַרגט, ער זשאַלעוועט.

אַט האָט איצט די יידישע ליטעראַטור זיך אויפגעגעבן פאַר אַ רעטונגס מיטל — אויסצושטרעקן זיך ביז צו אַ וועלט־פאַרנעם, ביז צום דעקן די גאַנצע יידישע וועלט־טעריטאָריע. דער דראַנג דאַרף זיך דורכ־ראַנגלען אין דער יידישער ליטעראַטור גופא דורך שווערער נשמה־אַרבעט. עס דאַרפן אויפגעוועקט ווערן נייע געפילן, עס דאַרפן אַרויס־גערופן ווערן נייע געשטאַלטן. וואָס־זשע טוט שלום אַש? כהרף עין כאַפּט ער אויף די היילנדיקע אימפּולסן, וואָס אַנדערע האָבן אונטערגע־הערט, זייערע אויפטועריש אידייען, זייערע פּראָויסזאָגערישע גע־

שטאַלטן — לאָזט זיי דורך דורך זיין שמעלץ־לופט, דעקאַרירט זיי און שיקט זיי אַריבער צו די לייענער פון די אַנדערע ליטעראַטורן, וואָס מיט דער כונה שרייבט ער לכתחילה זיינע ראָמאַנען. און יענע — וואָס אַרט זיי? זיי דאַרפן דען ראַטעווען די יידישע ליטעראַטור? אַשעם ראָמאַנען האָבן גענוג מעלות אויף אונטערצוקויפן זיי. קויפן זיי. און זיינע ראָמאַנען ווערן אפילו „בעסט סעלערס". אָבער אונדז אַרט, וואָס אין דער טרילאָגיע, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט שלום אַשישער כאַראַקטעריזירונגס־לוסט — פון די געשטאַלטן וואָס שטאַמען פון זיין יוגנט־ירושה איז די בעסט כאַראַקטעריזירטע די פרוי־מוטער הורוויטש; פון די „אָנגעשמעקטע און אָנגעשטעקטע" געשטאַלטן — די טראַציקע פּלאַטערפויגעלע, די טאָכטער פון גרויסן אַדוואָקאַט גאַלפּערין, מירקינס ערשטע כלה — אַרט אונדז גאָר שטאַרק, וואָס דער ראש פון די יידישע שריפטשטעלער האָט נישט געגעבן קיין איין געשטאַלט, וואָס זאָל אונדז אָנזאָגן אַ בשורה. — וואָס, איז מירקין דען אַ בשורה־טרעגער? וויים ער דען אויף וואָסער וועלט ער איז? פּייכטער נשמה־מאָך. און פון דער פּאַרשפּעטיקטער פּאַרטרעטור פון די ערשטע בונדיסטן — ווער פון זיי נעמט אונדז אַריבער איבער דעם שוועל פון דער צייט?

אַש נעמט דעם דראַנג פון דער יידישער ליטעראַטור צו וועלט־טעריטאָריע, און איינפּאַסנדיק אין לייכטע צוגענגלעכע דעקאָראַטיווע פּאַרמען טראָגט ער אים אַריבער אויף יענער זייט שפּראַך־גרענעץ — מיט גרויס דערפּאָלג. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? מאַכט ער פּלאַץ פּאַר דער יידישער ליטעראַטור אין דער וועלט־ליטעראַטור? אַ דערמוטיקונג פּאַר דעם יידישן שריפטשטעלער? אָן אָנשטויס פּאַר אים צו שעפּערישקייט? טויג עס ערשט נישט. עס טוט שאָדן. וואָרים די וואָס פּאָלגן אים נאָך שרייבן לכתחילה סחורה עובר לסוחר. און די וואָס קרענקען ווייטיקן אויף זייערע שעפּערישע אימפּולסן קאָנען זיך טראַכטן: צו וואָס לוינט עס? אַז פּאַרטיקע סחורה גילט. ווערן זיי ווילנדיק נישט ווילנדיק אַנטמוטיקט. עס טעמפּט זיך אָפּ זייער אָפּפערווויליקייט. — ווען מיר געווינען אַ וועלט־מאַרק, נישט קיין וועלט טעריטאָריע. און אונדזער ליטעראַטור וועט דערווייַלע אויסגיין אין אירע אייגענע פיר ווינקעלעך.

פונדעסטוועגן דאַרף צום סך הכל צוגעגעבן ווערן, אַז דאָס נעמט נישט אַוועק אַשעם פּאָזיטיווע פּאַרדינסטן: ער האָט געמאַכט וואַקסן

די ידישע ליטעראַטור, און איז געוואַקסן צוזאַמען מיט איר, אפילו ווען ער פּרובט איצט אַרויסוואַקסן פון איר.

און למען פאַרזיכערקייט דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז מיר וועלן ערשט ריכטיק קאָנען אָפּמעסטן אַשעם צושטייער צו דער ידישער ליטע־ראַטור, נאָכדעם ווי מיר וועלן שוין האָבן פאַר די אויגן דעם פולן חשבון פון די טענדענצן, וואָס האָבן זיך געצייטיקט אין איר. אפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז ער האָט נישט אויסגעלייגט די געזעצן פון דער ידישער ליטעראַטור — נאָר ער האָט זיי נאָכגעפאָלגט, אָבער ער איז אָן אַ שיעור וויכטיק מיט דעם, וואָס ער מאַכט אויסזען גרויס דעם פאַרמעגן פון דער ידישער ליטעראַטור. ער איז דער גרויסער ווייזער אויף דער ציפערבלאַט פון דער ידישער ליטעראַטור. ער איז איר וועלט־באַראָמעטער, מער ווי ווער עס איז נאָך פּרצן האָט ער געהאָלפן אויב נישט צו פאַרשטאַרקן, איז צו פאַרברייטערן די כמו־טעריטאָריע אילוזיע, אויף וועלכער די ידישע ליטעראַטור איז אָנגעהאנגען.

מיר זענען פאַרלאָפן צו ווייט פאָרויס, ווייל אויף אַשן האָט זיך געלאָזט לייכט אויפווייזן וואָסערע ווייטערדיקע פאַרוואַנדלונגען האָבן דורכגעמאַכט די טענדענצן, וואָס דערטראָגן זיך צו אונדז מעבר לים. און אגב, אַש ווי אַ וועלט־שרייבער, איז פּונקט אַזויפיל אַמעריקאַנער, גייען מיר צוריק אַריבער קיין וואַרשע צום פּרץ קרייז.

ה. ד. נאָמבערג האָט אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור דעם אינטעליגענט און האַלב־אינטעליגענט אין זייערע רעאַליסטיש־וואָכעדי־קערע געשטאַלטן. ער האָט זיי אָנגענומען פאַר די קעפּ און צעדריבלט זייערע צעקראָכענע געפילן. און אַזוי האָט ער פון זיי אַ תל געמאַכט. אַזוי אַרום האָט ער אויסגעשפּרייט די אינטעליגענטישע אודיענץ פון דער ידישער ליטעראַטור ביז איינצושליסן די „פליגלמאַנס" — אַן עלנטער מין, וואָס איז געווען נאָך טיפּישער פאַר דער ידישער אינטעלי־גענץ, ווי דער אַרבעטער אינטעליגענט, און אודאי טיפּישער ווי דער העכערער מין ידישער אינטעליגענט, דער יורש פון די דורות, וואָס פּרץ האָט זיך געמאָלן אין זיין אילוזיע, וועלכע איז געווען אמת נאָר מאָ־מענטנווייז, ביי דעם אָדער יענעם, און וואָס פּרץ האָט זי געהאָלפן פאַר־אמת'ן אויף דער דויער. אין אָפּשילדערן דעם עלנטן אינטעליגענט און האַלב־אינטעליגענט, וועלכער איז פון קליין שטעטל פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט, האָט נאָמבערג געהאַט פאַר אַ פּלייסיקן שותף רייזענען.

דוד פינסקי האָט באַוויזן פיאָנערישקייט מיט דער אַרבעטער־דער־ציילונג — פיאָנערישקייט אין דעם זין, וואָס ער האָט לכתחילה גענומען דעם יידישן אַרבעטער רעאַליסטיש, אָן איבער חכמות, אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען אין די אויגן פון אַקטיוון אַרבעטער אינטעליגענט. איז ער ביי אונדז דער פאָטער פון דער איצט אַזוי גערופענער פּראָלעטאַרישער דערציילונג. אָבער דוד פינסקי געהערט צו אַמעריקע מיט דעם ווייט־גרעסערן טייל פון זיין שאַפן. וועגן אים — שפּעטער.

דאָס זענען די וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף פּרצעס רוף אין דער ערשטער ריי. — מיט זיי און דורך זיי האָט זיך נאָך שטאַרקער געלאָזט הערן פּרצעס רוף. און עס איז געוואָרן ממש אַ גערעטעניש אויף טאַ־לאַנטן. און נאָך גרעסער איז די צאָל פון די, וואָס האָבן בלויז די זכיה געהאַט, אַז פּרץ זאָל אַריינקוקן אין זייער ערשטן ליד אָדער ערשטע דערציילונג. זיי האָבן מיטגענומען פּרצעס השפּעה אויפן גאַנצן לעבן.

דאָס אַלץ איז דער פּילפּאַכער פּראָדוקט פון דער כמו־טעריטאָריע־לער ליטעראַטור־טענדענץ, וואָס פּרץ האָט זי באַפרוכפּערט מיט דער ירושה פּאַרוואַנדלענדיקער טענדענץ, פון וועלכער ער איז געווען דער איני־ציאַטאָר — פון דער ליטעראַטור־טענדענץ וואָס פּרץ האָט דערפירט ביז צום פולן אויסדרוק דורך זיין מאַגנעטיש ווירקנדיקער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט.

נאָך פּאַר פּרצעס לעבצייטן האָט זיך גענומען דוכטן, אַז דער וואונ־דער איז געשען — אַז עס ווערט מקוים אַ יידישע ליטעראַטור ווי גע־וואונטשן — לויט דעם אידעאַל פון די ליטעראַטור־טרוימער. — ספּעציעל אין פּוילן, אויף דער טעריטאָריע, וואו פּרץ האָט דירעקט געווירקט, האָט עס גענומען אויסזען, ווי דאָס גאַנצע פאָלק, אין זיין אינגערן דור, האָט אָנגענומען די יידישע ליטעראַטור. ביי דער יוגנט האָט דאָס ליטעראַרישע בוך פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַלטן ספר — די ליטעראַטור ירשנט דעם ספר! — וואָס דאָס האָט זיך ניט געלאָזט זאָגן וועגן קיין אַנדער ישוב. אין פּוילן האָבן מיר דעריבער געהאַט די נאָענטסטע דער־נעענטערונג צו דעם וואָס ווערט דאָ באַצייכנט אַלס טעריטאָריע־ליטעראַטור. דעם ספר כאַראַקטער האָט די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן אָנגעהאַלטן ביז גאָר די לעצטע יאָרן — ווען זי האָט פאַרנומען דעם אַנגסט־געשריי פון פּוילישן יידנטום, וואָס גייט איצט דורך אַ פּעריאָד פון לעבנס־געפאַר, און די יידיש־פּוילישע ליטעראַטור, ספּעציעל איר יונ־

גער צוויג אין ווילנא, נעמט איצט אָן דעם כאַראַקטער פון לעבנס רעטונג. — דאָס לעבנס בוך פאַרבייט דעם ספר.

דער אַמעריקאַנישער הינטערגרונט.

עס איז נויטיק געווען באריכות ארומצורידן די גרונט־טענדענצן, וואָס האָבן זיך אָנגעצייכנט אין דער יידישער ליטעראַטור פון אייראָפּע, ווייל זיי וועלן זיכער זיך אויך קענטיק מאַכן אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע. און ווייל האָבנדיק אָט־די גרונט־טענדענצן קלאָר פאַר די אויגן — די גרויס תכלית׳דיקע, די כמו־טעריטאָריעלע ליטעראַטור־טענדענץ און די ירושה־טענדענץ — וועט זיך לאָזן גענויער פעסטשטעלן וועלכע נייע טענדענצן אַמעריקע וועט צוטראָגן.

דער אייראָפּעאישער הינטערגרונט האָט אָן ספק איינגעווירקט אויף דער אַמעריקאַנישער יידישער ליטעראַטור: די פּיאָנערן — מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ — האָבן זיך געדרוקט און זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַמעריקע מיט זייער ווישן און נאָך מער אָן זייער ווישן. און אָנהייבנדיק פון ב. גאָרינען, א. ליעסינען און יהואשן (וועלכער האָט אגב זיין ערשטן שריט אַלס פּאָעט געמאַכט אין פּרץ קרייז), זענען אין פאַרלויף פון וואָסערע 15 יאָר אַריבערגעקומען אַהער און דאָ געמאַכט זייער באַשטענדיקע אָדער צייטווייליקע היים אַ צאָל פּאָעטן און נאָוועליסטן, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט איינגעשטעלט אַלס שריפטשטעלער אין אייראָפּע; און ביז די דאָ פאַרבליבענע האָבן זיך אַליין ניט גענומען פאַרוואַנדלען, באַאיינפלוסטע פון דער אַמעריקאַנער סביבה, האָבן די און יענע געדינט פאַר דער היגער ליטעראַטור אַלס אייראָפּעאישער הינטערגרונט: דוד פּינסקי, ל. שאַפּיראָ, אברהם רייזען, שלום אַש, פּרץ הירשביין, מנחם — אייגנטלעך דאַרף איך נאָך רעכענען די וואָס זענען אָנגעקומען ביז די גרופּע „יונגע" האָט זיך אויסגעפורעמט, וואָס צו זיי ציל איך. זיי דאָ אויפגעקומענע, ריין אַמעריקאַנישע פּראָדוקטן, מיט דעם נייעם שטויס, וואָס זיי האָבן געגעבן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, גיבן נאָך היינט־צו־טאָג פון זיך שטויס־קראַפט, וואָס באַוועגט די ליטעראַטור פאָרווערטס. און קענטיק, אַז דאָס איז אַ באַוועגונג אין דער נאַטירלעכסטער ריכטונג — צום קיום און נצחון פון דער יידישער

ליטעראַטור אין אַמעריקע — ווייל אייניקע פון די לעבנספּיואיקסטע על־טערע שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך אויסגעליגט זייער וועג לאַנג פאר דעם אויפקום פון די „יונגע", און אַ צאָל פון די אינגערע, וואָס זענען ארויסגעשפּרונגען פון זיי, אָדער אָפּגעשפּרונגען פון זיי — אין צו להכעים — טרייבן און ווערן געטריבן אין דער זעלביקער ריכטונג. לאָזט זיך אויף די „יונגע" אַמבעסטן אויספּאַרשן די אָנפירנדיקע און אָנטרייבנדיקע טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אָבער הגם עס איז נישט צו לייקענען די השפּעה פון אייראָפּעאישן הינטערגרונט, טאָר מען נישט זאָגן, אַז די היגע יידישע ליטעראַטור האָט קיין זעלבסטשטענדיקן אָנהייב נישט געהאַט. אַמעריקע האָט פאַרמאָגט אַ ריי קאָנדיציעס, וואָס זענען גינסטיק געווען צו דער אַרויסבאַשאַפונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער ליטעראַטור. צום אַלעם ערשט, האָט זיך דאָ געזאַמלט אַ גרויסער עולם פון פּאָטענציעלע יידישע לייענער. אפילו ווען זיי וואָלטן ניט געוואָלט, האָבן זיי געמוזט. יידיש איז געווען די איינציקע שפּראַך, וואָס האָט זיי אַריינגעפירט אין נייעם לאַנד. זיי פון שטעט און שטעטלעך, וואו מענטשן אין גאַס זענען געווען מיט די אויגן צו ציילן, און מערסטנס באַקאַנטע; זיי פאַרלאָרענע „פאַרוואָגלטע" אין אַ „מדבר", וואו מענטשן זענען ווי זאַמד, און די שפּראַך פון מענטשן־זאַמד — ענגליש — האָט זיך זיי געלערנט זער שווער — אַ סך לאַנגזאַמער איז עס צוגעגאַנגען ווי איצט — האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו יידיש לייענען נאָך שנעלער, ווי זיי וואָלטן עס געטאָן אין דער אַלטער היים. אפילו פולשטענדיקע עמי־הארצים, וואָס האָבן קיין צורת אַלף נישט געוואוסט — און אַזעלכע זענען געווען אַ היפּש ביסל צווישן די ערשטע אַריבערגעלאָפענע, מער ווי מען וואָלט עס געגלויבט, און נאָך מער זענען געווען האַלבע עמי־הארצים, וואָס האָבן אין סידור יאָ גע־פּרעפּלט, אָבער יידיש אָן נקודות האָבן זיי נישט געקאָנט אין מויל נע־מען — זיי אַלע האָבן זיך אָוועקגעזעצט צום אַלף־בית אָן נקודות און זיי האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען אַ בלאַט־צייטונג.

און מאַסע האָט זיך געזאַמלט מיט אומגלויבלעכער שנעלקייט, גע־יאָגט פון דער פּאָגראָמען־בהלה אין צארישן רוסלאַנד. עס האָט אויסגע־קוקט ווי אַ גאַנץ פאָלק עמיגרירט קיין אַמעריקע. אין 1880, ערב דעם אויסברוך, וואָס האָט צוגעשלאָגן צום אַמעריקאַנער ברעג די ערשטע עמיגראַנטן־כוואַליע פון רוסלאַנד, זענען סך־הכל געווען אַרום 40 טויזנט מזרח־אייראָפּעאישע יידן איבערן גאַנצן לאַנד. און די גאַנצע יידישע

באפעלקערונג פון ניו־יארק — די אלט־געזעסענע פון מערב־אייראפע־אישער און ספרדישער אפשטאמונג, מיט דער הייפעלע מזרח־אייראפעער — האט אויסגעמאכט וואסערע 75 טויזנט נפשות. מיט אמאל האבן דורך „קעסל־גארדן" זיך גענומען שיטן טויזנטער און טויזנטער יידן. עס זענען געווען ציטן, ווען אין איין טאג פלעגט אריינקומען מער יידן, וויפיל פריער פאר א גאנץ יאר. אין צען יאר ארום, אין 1890, האט ניו־יארק אליין שוין געציילט 300,000 יידישע נפשות פון רוסלאנד און פוילן.

און אט־דער עולם, א היפשער טייל פון דעם עולם, אזוי גיך ער האט זיך אויסגעלערנט א בלאט ציימונג, האט אויך גענומען ווען לי־טעראטור — באוואוסטזיניקער, מאנענדיקער, ווי אין דער אלטער היים. ער האט געזוכט אין ליטעראטור — אין ליד און מעשה — דאסזעלביקע וואס אין דער ציימונג: כדי ארויסצושלאגן זיך פון זיין גרינקייט, כדי זיך צורעכט געפינען אין דער נייער סביבה, איז ער נייגיריק געווען צו וויסן וואס עס טוט זיך מיט די מענטשן ארום אים, מיט מענטשן בכלל, און נאך מער, וואס עס טוט זיך מיט אים אליין. און כדי ארויסצושלאגן זיך פון זיין עלנטקייט, איז ער געווען להוט נאך אונטערהאלטונג. און ווען ליד און מעשה האבן אים די אויפקלערונג וועגן מענטשן און די אונטערהאלטונג געגעבן, האט דער גרינער בפועל ממש געשפירט ווי ער ווערט אויסגעגרינט, אמעריקאניזירט, ער ווערט א „מענטש" גלייך מיט אלעמען—באלד, באלד איז ער אין אמעריקע ווי ביי זיך אין דער היים—האט עס אים הנאה געטאן און ער איז געווען דאנקבאר. און ער האט שוין געזוכט אי די אונטערהאלטונג, אי די אויפקלערונג. איז אין אט־דער פארבינדונג ווערט צו פארצייכענען, אז דער „ליטעראַרישער אוונט" מיט ליד־דעקלאמאציע און מעשה־פארלעזונג, איז גלייך פון אנהייב דא געווארן א נויטווענדיקע פאלקס־אינסטיטוציע. און די ציימונג האט דעם „ליטעראַרישן אוונט" דעם עולם געבראכט אין הויז אריין.

איז געווען א ליטעראטור־באדערפטיקער עולם, און אן אינטעליגענץ איז געווען דערביי וואס איז די ערשטע צייט פשוט געצוואונגען געווען צו מאכן איר מאטעריעלן און גייסטיקן לעבן ארום דער יידישער מאסע, וואס האט באלד גענומען אויסטיילן פון זיך פראלעטאריאט — נאדל־פראלעטאריאט — אין די צענדליקער טויזנטער. האט די אינטעליגענץ געהאט ארבעט לרוב, און מען מוז צוגעבן, אז זי האט פלייסיק געארבעט, און אין משך פון א פארהעלטנישמעסיק קורצער צייט האט זי אוועק־

געשטעלט אַ טרייד־יוניאָניסטישע־ און אַ סאָציאַליסטישע־באַוועגונג, מיט אַ סאָציאַליסטישער פּרעסע, פון אַזאַ פאָרנעם, וואָס אין דער אַלטער היים האָט מען עס אַפילו אין חלום ניט געזען. (מינסק איז אין 1897 פאַר־רעכנט געווען פאַר אַ צענטר פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג, מיט אָן „אָפּאָזיציע”, פון וועלכער א. ליעסין איז געווען דער אָנפירער. אָבער אָט איז ער געוואָר געוואָרן, אַז אין ניו־יאָרק זענען דאָ 30 טויזנט אָרגאַ־ניזירטע ארבעטער, צו וועלכע מען פּרעדיקט סאָציאַליזם. האָט אָט־די ידיעה הויפּטזעכלעך אים געבראַכט קיין אַמעריקע — אַזוי קליין האָט די מינסקער באַוועגונג געגומען אויסזען אין זיינע אויגן).

און ווען אָט־די סאָציאַליסטיש אויפגערודערטע מאַסע האָט באַ־דאַרפט ליטעראַטור, האָט די אינטעליגענץ, דורך דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, עס געדאַרפט איר צושטעלן. אַזוי גיך די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט זיך איינגעשטעלט, האָט זי גלייך געמאַכט פּלאַץ פאַר ליטעראַטור — צוערשט פאַר איבערזעצטער און איבערגעדרוקטער, דערנאָך פאַר אייגענער, דאָ גופא פאַרפאַסטער: פאַר פּאָליעטאָן, ליד און דערציילונג— אַ ליטעראַטור, וואָס האָט לכתחילה זיך געשטעלט ריין תכלית'דיקע פּראָ־פּאַגאַנדע־צילן. (די ניט סאָציאַליסטישע פּרעסע, וואָס האָט געסאַרווערט אַלט־היימישע פרומקייט צום אָנגעלאָפענעם אימיגראַנטן־עולם און פאַר כיבוד אים טראַקטירט גישט חלילה מיט יידיש־נאַציאָנאַלער, נאָר אַזוי־צו־זאָגן מיט יידיש־פּאַטריאָטישער אַגיטאַציע, אין קעגנזאַץ צו דער סאָ־ציאַליסטישער, האָט אין פרט פון ליטעראַטור געמוזט וויפיל ניט איז נאָכטאָן דער סאָציאַליסטישער פּרעסע).

עס איז פון גרויסן באַטייט פאַר דער פּיאָנערישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וואָס די ליטעראַטור־איניציאַטיווע האָט געהערט צו דער סאָצי־אַליסטישער פּרעסע. האָט דער לייענער די מענטש־אויפקלערונג און די אונטערהאַלטונג, וואָס ער האָט געזוכט אין ליטעראַטור, באַקומען צוזאַ־מען מיט אַ לעקציע אין סאָציאַליזם. די לעקציע האָט געשטאַרקט זיין מענטש־באַוואוסטזיין, וואָס דאָס האָט אים געמאַכט נאָך ליטעראַטור־באַדערפטיקער. דערפאַר האָט גאָר גיך, גיכער ווי אין דער אַלטער היים, וואו דער פּראָצעס האָט געדויערט צענדליקער יאָרן — זיך דאָ איינגע־שטעלט אַ ליטעראַרישע באַלעבאַטישקייט, וואָס האָט געגומען אַרויסרופן פּאָעטן און דערציילער. אין פאַרלויף פון וואָסערע פינף יאָר, אַרום 1890, האָבן זיך אַרויסגערופן אַ צאָל פּאָפּולערע פּאָעטן: דוד עדעל־שטאַט, יוסף באָווישאָווער — ווינטשעווסקי איז געווען אַ צוגעקומענער

פון לאָנדאָן — וואָס האָבן געזונגען תכלית׳דיקן סאָציאַליזם אין ליד אַריין, און ניט אַזאַ פּאָפּולערער, און איצט פאַרגעסענער א. מ. שאַרקאַנסקי, וועלכער האָט געזונגען תכלית׳דיקע היימישע יידישקייט אין ליד אַריין. און אַ פּאָעט, אַ געבאָרענער פּאָעט, וועלכער וואָלט אונטער אַלע אומשטענדן און באַדינגונגען געוואָרן אַ פּאָעט — מאָריס ראָזנפעלד און צוויי דערציילער — ליבין און קאָברין — וועלכע וואָלטן אונטער אַלע אומשטענדן און באַדינגונגען געוואָרן דערציילער. אפשר וואָלט מען צו די צוויי נאָך געדאַרפט צורעכענען י. זעווינען (תשרק), האָט ער אָבער נישט געהאַט זייער גוטן סאָציאַליסטישן מזל; הגם אַליין אַ סאָציאַליסט, איז אויף זיין גורל אויסגעפאַלן צו באַדינען מיט ליטעראַטור די באַלעבאַטישע פּרעסע, וואָס אַנדערש פון דער סאָציאַליסטישער, איז זי נישט אינספּירירט געווען פון קיין שום אידייאישן תכלית. נאָר אויסן איז זי געווען צו עקספּלואַטירן יידישע פרומקייט און יידישן פּאַטריאָטיזם פאַר געשעפט־צוועקן. און ליטעראַטור איז געווען ביי איר בלויז אַ קאָנקורענץ מיטל. און ווי די פרעסע אַזוי איר עולם — אַן עולם וואָס האָט געזוכט אין מעשה אַ שבתדיקע אונטערהאַלטונג — צו פאַרגיטיקן זיך מיט פרומן אָנשטעל פאַר דעם געצוואונגענעם חלול שבת. אַזאַ פרעסע און אַזאַ עולם זענען ניט ראוי געווען אַרויסצוציען דאָס בעסטע און דאָס פיינסטע אין אַ שרייבער.

און עס בליבט דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון דער סאָציאַליסטישער פרעסע — און אין דער ערשטער ריי פון דער וועכנטלעכער „אַרבעטער ציימונג" און טעגלעכן „אָוונט־בלאַט" פון דער ס. ל. פּ. (דע ליאָנס „סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי") און פון דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבעטער שטימע", וואָס זיי האָבן איינגעשפּאַנט ליד און דערציילונג אין אידייאישן תכלית־דינסט; און אין דער צווייטער ריי פון דער סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישער טריבונע, וואָס האָט אויך געדינט ווי אַ בינע פאַר די „ליטעראַרישע אָוונטן" — איז עס זייער פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן פונאַנדערגעשפּאַנט און פונאַנדערגעשפּרייזט די ערשטע טריט פון דער היגער יידישער ליטעראַטור.

איז עס געווען תכלית־דינסט, וואָס האָט געלאָזט אין גאַנג די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע? יאָ, אַוודאי, פונקט ווי אין דער אַלטער היים. עס מוז אָבער אָנגעוויזן ווערן, אַז דאָ איז געווען אַן אַנדער מין תכלית׳דיקייט, ווי די תכלית׳דיקייט פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער אַלטער היים. די אַלע דריי גרונט־טענדענצן האָבן מיט דער צייט

זיך דורכגעזעצט אויך אין דער היגער ליטעראַטור, אָבער מיט אַ חילוק. דער ערשטער חילוק האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין דעם כאַראַקטער פון דער תכלית טענדענץ. אין דער אַלטער היים איז דאָס געווען דער אינטעליגענט — משכיל — וואָס האָט געטראָגן ליטעראַטור צום עולם. האָבן מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ זיך געדאַרפט אָנוואָפּענען און אָנלאָדן מיט קלאָר־פאַרשטאַנענע און שאַרף־אויסגעשפּראָכענע יידישע כלל־אידייען, כדי צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן ליטעראַטור פאַרן עולם, וועלכער איז לכתחילה נישט אַזוי וויליק געווען אָנצונעמען ליטע־ראַטור. די ליטעראַטור האָט גענומען אויף זיך די פאַרטיידיקונג פון יידישן כלל, און די ערשטע קינסטלערישע פּראָדוקטן, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַפרייט, זענען געווען יידישע כלל־טיפּן: מענדעלע, בנימין השלישי, מנחם מענדעל, טביה. דאָ איז ליטעראַטור נישט געווען קיין איינגעבעטענע ביים עולם, נאָר דער עולם האָט געפאָדערט, געמאָנט און באַשטעלט ליטעראַטור פאַר דירעקטן לעבנס־געברויך. און אין דער דער־פילונג פון דער באַשטעלונג איז געווען דער הויפּט־תכלית פון דער הי־גער ליטעראַטור. יידישע כלל־פּראָבלעמען האָבן דאָ ניט געגאָלטן, ווייל מען האָט פּשוט פון זיי נישט געוואוסט. תכלית האָט דאָ געמיינט זיך ניצלעך צו מאַכן דעם באַשטעלער, דעם מאַסן־לייענער מיט כלערליי פּראַקטישער הילף. וועלכע הילף האָט ער באַשטעלט? מיר ווייסן שוין: הילף אין אַרויסנעמען אים פון דעם גרינעמס בהלה, אין אָפּ־טשוכן אים פון ערשטן שרעק, פון זיין צעטומלעניש אין אַמעריקעס גע־רודער־האַרמידער: הילף אין זיין איינלעבן זיך אין אַמעריקע, ער זאָל זיך דערפילן ווי אַ „מענטש", ער זאָל קאָנען האַלטן הויך זיין קאָפּ. — די סאָציאַליסטישע באַשטעלונג פון דער אינטעליגענץ איז נישט געווען קיין זייטיקער אָדער צייטווייליקער ביי־תכלית. נישט קיין צו־נאָב, נאָר דער סאַמע עיקר. פּסיכאָלאָגיש האָט עס געהערט צום אימיג־ראַנטס אָריענטאַציע אויף אַמעריקע, צו זיין דערפילן זיך ווי אַ „מענטש". ווען די סאָציאַליסטישע אידייע איז אָנגעצונדן געוואָרן אין זיין קאָפּ, האָט ער ערשט רעכט געקאָנט זיין קאָפּ אויפהויבן. איז דער פּראָלעטאַ־רישער (און נאָך אים דער פאָלקיסטיש־פּאַטריאָטישער) דינסט דאָ פּשוט געווען „מענטש"־הילף — צו העלפן דעם אימיגראַנט צו ווערן אַ לייט אין אַמעריקע אין אונטערשייד פון מענדעלע־שלום עליכם־פּרצעס גרויס־תכלית, וואָס האָט געזוכט אַרומצונעמען דעם גאַנצן יידישן כלל, איז עס דאָ געווען פּראַקטישער תכלית, פאַר דער באַדינונג פון דעם אימיגראַנטס

טענלעכער נויט, אפילו ווען פארשלייערט מיט דעם אידעאל פון סאָ־ציאַליזם. דאָרט יידישער כלל, יידיש פאָלק, „ייד". דאָ „מענטש", קלאַס, פּראָלעטאַריער — דאָס וואָס איז דעם לייענער גלייך אויפן אָרט נוגע. איז עס געווען אי אַ מעלה, אי אַ חסרון. אַ מעלה — עס האָט פאַרשנעלערט, ווי שוין געזאָגט, דעם אויספורעמונג־פּראָצעס פון דער ליטעראַטור. אַ חסרון — די ליטעראַטור האָט ניט דערגרייכט ביז צו דעם „יידן" אין לייענער, ביז צו דער טיף פון לייענערס געמיט, און האָט אויך ניט אַרויסגעפאָדערט די טיף פון שריפטשטעלערס געמיט . . .

אָבער לאָמיר נישט פאָראויסכאַפּן. — אַלזאָ, איז פּראַקטיש־תּכלית'דיקער דינסט ממש געווען איינגעבאָרן דער היגער יידישער לי־טעראַטור. איר ערשטער אויסגעשריי נאָכן געבאָרן ווערן איז געווען דער רוף פון דער „מענטש"־הילף־באַשטעלונג און דער אָפּרוף אויף איר. דערפאַר טאַקע אַנדערש ווי אין דער אַלטער היים, האָט ליד זיך געפאָ־דערט פאַר דער דערציילונג. ווייל ליד גיכער ווי דערציילונג קאָן דינען ווי אַן איינפאַס פאַר דירעקטן רוף און אָפּרוף. און דערפאַר איז אויך פאַרשטענדלעך, וואָרום דער ערשטער היגער ליטעראַרישער פּראָדוקט איז געווען דאָס פּראָלעטאַרישע ליד. ווייל די אויפוועקרין פון מענטש־באַוואוסטזיין אין אימיגראַנט איז געווען די פּראָלעטאַרישע אידייע, וואָס איז אויך געווען די אידייע, וואָס האָט אויפגעוועקט דעם פּאָעט, האָט דאָס ליד במילא גענומען אויף זיך די עובדא פון וועקן דעם פּראָלעטאַריער. קיין גרעסערער תּכלית האָט דאַמאָלס גאָר נישט געקאָנט געמאָלט זיין ווי איינצוגעבן די עסענץ פון פּראָלעטאַרישקייט אין קאָנצענטרירטער פאָרם פון ליד.

אידייאַישער תּכלית דינסט, ווי מיר ווייסן, איז נישט קיין שטער נאָר אַ הילף צו יידישער ליטעראַטור. עס איז שטוים־קראַפט און טרייב־קראַפט; עס גיט איר פאַראַנטפערונג און באַרעכטיקונג. און פרייע איי־בונג וואָלט דאָס איבעריקע געטאָן — וואָלט אַרויסבאַפרייט קינסטלערישן מעטאָד. און עס האָט אַרויסבאַפרייט. פאַרהעלטנסמעסיק אָן גרויסע שוועריקייטן האָט די ליטעראַטור דאָ בייגעקומען די אַרויסשטאַרצנדיקע אידייאַישע פּראָפּאַגאַנדע, איינזוויגנדיק זי אין זיך. דער „מענטש" האָט די פּראָפּאַגאַנדע גלייך איינגעשלונגען. זי איז געווען זיין נאַטירלעכסטע שפּייז. און ס'איז נישט קיין ירידה, נאָר אַ בכבוד'ע פונקציע פאַר דעם פּאָעט צו זיין אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פון אַ מענטש־באַשעפערישער אידייע. די פראַגע איז נאָר אויף וויפיל דער פּאָעט קומט צו מיט כוח צו שטאַרקן

דעם פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס אָט־דער כוח באַפרייט זיך אין אים לויט דער מאָס „נשמה יתירה״ וואָס דער פּאָעט האָט צוצוטראָגן פון זיך צו דער ווירדיקער תכלית׳דיקער פונקציע זיינער.

לאָמיר נאָכפאָלגן אָט־דעם פּראָצעס: די פּאָעטן־פּיאָנערן עדעל־שטאַט און באָוושאָווער גייען נאָך אין שפּאָן פון דירעקט געצילטער פּראָפּאַגאַנדע. דער פּאָעט אין זיי האָט נישט באַוויזן אַרויסצעוואַקסן פון הוילן תכלית־דינסט. וועגן עדעלשטאַטן קאָן מען נישט וויסן. אפשר ווען זיין לעבן ווערט נישט אַזוי פרי איבערגעריסן, וואָלט זיין הייסע אויפריכטיקייט, זיין גינציקייט אים דערפירט צו אַן עכטקייט, וואָס גרע־ניצט זיך מיט פּאָעטישקייט. וועגן באָוושאָווערן איז כמעט זיכער, אַז ווען ער ווערט נישט באַפאַלן פון גייסטיקער פאַרפינצטערונג, וואָלט דער פּאָעט אין אים געוואונען די אויבערהאַנט איבער דעם ענגן שטרענגן פּראָפּאַגאַנדיסט.

עדעלשטאַט האָט כמעט נישט געהאַט קיין פּאָעט־באַוואוסטזיין, וואָס זאָל צוגעבן עפּעס פאָרם צו דעם תכלית, וואָס האָט זיך אַרויסגע־רעדט דורך זיין ליד. אפילו די נאַכטיגאַל זינגט צו אים אַנאַרכיסטישע פּראָקלאַמאַציע. ער האָט פון זיך גאָר נישט געהאַט וואָס צוצוגעבן אוי־סער דעם קרעכץ פון אַ טויט־קראַנקען, וואָס ער האָט אים מנדב געווען דעם פּראָלעטאַריער אויף צו באַקרעכצן מיט אים זיין ביטערן פּראָלעטאַ־רישן גורל. די איינציקע זעאונג, וואָס פורעמט אַמאָל זיין ליד, איז פּאָראויסזעאונג פון זיין גיכן טויט „מיין צוואה״, „מיין לעצטער וואונטש״, דער „אָונט־גלאָק״ (אַ פאַריידישונג פון רוסיש). אָבער ווי גוט די לידער זענען צונוצגעקומען דעם פּראָלעטאַריער! — אַבי די אי־דייען, וואָס האָבן געוועקט אין אים דעם פּראָלעטאַריער, האָבן זיך גע־לייגט אין קורצע שורה׳לעך אויף זיין צונג, האָט ער זיי געזונגען דאָ און אין רוסלאַנד און אומעטום, וואו עס האָט זיך געוועקט אַ יידישע אַרבע־טער־באַוועגונג. עס מאַכט ניט, וואָס אונדז לייגן זיך ניט עדעלשטאַטס לידער ניט אויפן געהער און ניט אויפן געמיט—אָרים אין קלאַנג און בלוט־אָרים אין אויסדרוק. דער אַמאָליקער זינגער האָט זיי געהערט מיט קאָפּ, און געפיל האָט ער מיט זיין זינגען צוגעטראָגן, און זיי האָבן זיך אים אָפּגעקלונגען אין האַרצן. אַזוי געניי האָט עדעלשטאַט צוגעטראָפן דעם באַשטעלער, דעם נאָר וואָס דערוואַכטן פּראָלעטאַריער. יענער וואָלט אַליין אַזעלכע לידער פאַרפאַסט, האָט עדעלשטאַט זיי ביי אים אויסגע־

כאפּט. עס איז דעם באַשטעלערס ליד, איידער אַ פּאָעט האָט עס גענומען אין האַנט אַריין.

באָװשאָװער האָט אַ גאַנץ שטאַרקן פּאָעט־באַוואוסטזיין, אפילו אַן איבערגעטריבענעם פּאָעט־באַוואוסטזיין — ביז צו פּאָעט־גאוה. ער האָט לידער וועגן דער גרויסקייט פון פּאָעט, און פייערלעכע לידער־װענדונגען פון פּאָעט צום פאָלק. ער איז געווען אַן אָנגעלייענטער אין דער דייטשער און ענגלישער פּאָעזיע, און אפילו אַליין געשריבן ענגלישע לידער, און עס איז אפילו געווען אַן ענגלישער רעדאַקטאָר, וואָס איז נתפּעל געווען פון זיי. ער הערט דונערן קראַכן, און קאָן אפילו מאַכן הערן דונערן קראַכן. ער האָט אימפּעט, טעמפּעראַמענט און קאָן ציען אַ לאַנגן שטאַרקן אָטעם. ער בויט זאַצן גאַנצע סטראָפן, און איין סטראָפע נעמט איבער ביי אים דעם אָטעם פון דער אַנדערער. „הויב אויף דיינע אויגן, אָ פאָלק, וואָס דו ביסט אַזוי עלנט און אָרים, הויב אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב, צו צפון און דרום". (ערשטע סטראָפע פון „אַ געזאַנג צום פאָלק").

באָװשאָװער האָט בילדער. עדעלשטאַט האָט גאָר קיין בילדער נישט, נאָר פינטעלעך, אָנגעשפּריצטע מיט דער בלאַסעסטער וואַסער־פאַרב, וואָס מיט אַ הויך אויפן שויב מאַכט מען זיי קענטיקער, הגם ער נוצט אי רויטע פאַרב, אי בלוט. באָװשאָװערס „געזאַנג צום פאָלק" איז אָנגעפּראַפּט מיט בילדער. אָבער קוקט מען אַריין, וואָסערע בילדער זענען עס? רעמלעך פאַר בילדער, דאָס אָרט איז באַצייכנט וואו בילדער דאַרפן זיין, באַצייכנט מיט פּאַראַלגעמיינערטער פאַרב, איבערזעצבאַרער פון שפּראַך צו שפּראַך, אָן אייגענעם איביק־יידישן שפּראַך־זאַפט אָפּצו־פרישן די פאַרב.

באָװשאָװער האָט געפורעמטע לידער פון אַ פאָרם, וואָס קאָן איינ־פאַלן אַ פּאָעטישן באַוואוסטזיין. אַזוי דאָס ליד „מערץ־געזאַנגען": אַ פעלד, וואָס פאַרשפּאַרט אַ טייל דעם אויסוועג צום ים. דאָס טייכל — דאָס איז דער פּאָעט.

„ווען כ'זע דעם דונערס ווילדער קראַך צעשפּאַלט דעם שטיין און מאַכט אים פלאַך, צעשנייט זיין האַרטקייט ווי אַ זעג און מאַכט דעם טייכל פריי דעם וועג" . . . „טיף באַגייסטערט רוף איך, שריי: רעוואָ־לוציאָן ! דו מאַכסט מיך פריי ! . . ."

דאָס נאַטור בילד איז אַן אַלעגאָריע אויף דער רעוואָלוציע. דער פּאָעט איז אַ געפאַנגענער ביי זיין פּראָגראַם. ער קאָן איבערשפּרייזן

דעם גרענעץ פון זיין אידייען־קרייז, כדי אַנצונעמען זיך מיט קראַפט פאַר אַ רייכערער פאַרבילדלעכונג פון זיינע אידייען. צום שאָדן פון ליד און צום שאָדן פון דער רעוואָלוציע. ער האָט נישט געוואָלט זיך אַראָפּ־לאָזן מיט ליד צום באַשטעלער, נאָר דערהויבן אים צו זיך, דעם פּאָעט; קומט ער צו קורץ אין מיטלען — ער האָט זיי ניט פון וואַנען צו נעמען. בלייבט ער ביים אימפּעט, טעמפּעראַמענט, זשעסט; בלייבט ער אַ כוח, וואָס האָט זיך נישט אויף וואָס צו האַלטן. נישט געקוקט אויף זיין באַלעזנקייט אין פרעמד־שפּראַכיקער פּאָעזיע, האָט ער נישט געהאַט גע־נוג פּערזענלעכע פּאָעט־איבערלעבונג, ווייל נישט גענוג יידישע און יידיש־שפּראַכלעכע איבערלעבונג, אויף צו שפּייזן זיין פּאָעט־באַוואוסטזיין; דערפאַר איז עס איבערטריבענער באַוואוסטזיין, דערפאַר איז עס ליידיקע פּאָעט־גאווה; און דערפאַר אפשר איז די פּאָעט־גאווה איבערגעלאָפן אין משוגעת. ווייל משוגעת איז נשמה־הונגער, וואָס פאַרשטיקט זיך אליין מיט פאַרגליווערטע אילוזיעס.

באָוושאָווער איז אַ קרבן פון אַן אבנאָרמאַלער געבורט פון אַ יידי־שער פּאָעזיע וואָס איז געבאָרן געוואָרן אַן לופט — אַן יידישער לופט אויף צו אָטעמען, און אַן „באָדן" — אָן וואָרצלען אין יידישן אונטער־געמיט, אויף אָנצוציען זיך מיט האַפט און זאַפט — דער געבורטספעלער פון דער גאַנצער יידישער פּיאָנערישער ליטעראַטור אין אַמעריקע; ווי מיר וועלן עס באַלד געוואָר ווערן.

מאָריס ראָזענפעלד איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַרויס־באַפרייט זיין ליד פון אונטער דער תכלית־דיסציפּלין. דער ערשטער צו דערהייבן ס'תכלית־ליד צום פּאָעטישן ליד.

זיין ליד איז נישט ווי עדעלשטאַטס ליד, וואָס ערשט דער לייענער מיט זיין געפיל־פולן זינגען מאַכט עס צו ליד. ראָזענפעלדס אפילו שוואַכסט ליד פאָדערט אַ פּאָעט פאַר זיין פאַרטראַכטער־פאַרפאַסער. און זיין פּאָעטישער טאַלאַנט איז נישט געצאַמט געווען מיט די גרעניצן פון אַ באַשטימטן אידייען־קרייז, ווי באָוושאָווערס. דער פּאָעט אין אים האָט געהאַט די בכורה איבער דעם אידייען־דינער. אי פריער אַנגעהייבן פון די ערשטע צוויי, אי ער איז בכלל נישט געווען אַזאַ געטרייער אידיי־ען־סאָלדאַט, און ניגון האָט זיך געזונגען אין אים, איידער ער איז באַ־ווירקט געוואָרן פון וועלכער עס איז אידייע. נאָך קינדווייז איז ער ליי־דער זינגער געווען. איז אַזוי גיך ער איז בייגעקומען די ערשטע טעכני־שע שטרויכלונגען — ער האָט פון ליד טעכניק קיין אנונג נישט געהאַט

— און פיליפ קראַנץ, וועמעס פּען איז געווען אויפן ווייטסטן מהלך פון ליד, איז עס געווען דער יעניקער, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין די סעקרעטן פון מעטריק — אַזוי גיך ער האָט באַהערשט דעם ליד־שטייגער, האָט דער פּאָעט גענומען געוועלטיקן איבער זיין ליד. שטאַרקנדיק זיך איבער דעם אָדער יענעם אידייאישן אינהאַלט פון ליד.

און ווירקלעך, דער ערשטער איינדרוק פון זיינע לידער איז, אַז וועגן אידייען האָט ער זיך נישט געזאָרגט, ער האָט זיי געבאָרגט דאָ און דאָרט און אומעטום. ער האָט זיי לייכט גענומען און לייכט אָפּגעגעבן זיין ליד. ער האָט זיי געקראָגן פּאַרטיקעראַהייט צוזאַמען מיט זיין טעגלעכן ברויט, וואו גאָט האָט אים געגעבן — צוערשט אין דער סאָציאַליסטישער פּרע־סע, דערנאָך אין דער פרום־באַלעבאַטישער, צולעצט איבערגייענדיק הין און צוריק פון איינער אין דער אַנדערער. ווען אַליין אין פּראָלעטאַרישן צושטאַנד, שרייבנדיק אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, האָט ער אונטער דעם איינפלוס פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט די איינ־פאַכסטע מיטלען, בדרך כלל זאָגעריש, אָבער אָפט מיט אַ זינגנדיקייט און ניגונדיקייט, און צייטנווייז מיט לירישן געפיל און פאַנטאַזיע שפּיל, דעם שאַפּ־אַרבעטערס וויי, דעם בלייכן אָפּערייטאָר און דעם רויש פון מאַשינען דערהויבן צו ליד; און אַרבעטנדיק אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע, אַן אָנגערעגטער פון פרום יידישן פּאַטריאָטיזם, און שפּעטער פון ציוניזם — האָט ער דעם יידישן בראָך און קלאָג, דעם תשעה־באב און אלול־מעלאָדיען דערהייבן צו ליד. און ווען ער איז אַטאַקירט געוואָרן פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר זיין נישט־אויסגעהאַלטנקייט, האָט ער גע־האַט דערויף זיין פּאָעטישן תירוץ: — „אַזוי זינג איך מיין ערלעך ליד, וואו עס וועלקט און וואו עס גליט. האָב קיין באַשטימטע ריכטונג נישט. איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל".

דאָס מיינט צו זאָגן, אַז פּאָעט איז ער פריער פון אַלץ, אַלעס איבע־ריקע איז ביי אים טעמע — יעדער אינהאַלט איז אים גוט אויף צו איבן זיך און ליד. — איז עס געווען אַ פאַלשער תירוץ — צו פאַרענטפערן זיין פּרנסה־נויט; און אַן אמת'ער, גערעכטער תירוץ אויך.

אָבער סטייטש, איז דען אידייענלאָזיקייט, תכלית'לאָזיקייט אַ מעלה? איז דען אין לייז ווערן פון תכלית די אויסלייזונג פון פּאָעט? פאַרקערט, מיר האָבן דאָך אַ קימא־לן אַז תכלית איז שטויס־קראַפט און טרייב־קראַפט? איז די מעשה אין דעם, אַז ראָזענפעלד מאַכט דאָ כמעט אַ בלבול אויף זיך. און פּאָעטישע גלייכגילטיקייט צום אידייען־אינהאַלט

איז בלויז דער אויבנאויפיקער איינדרוק, וואָס מען באַקומט פון זיינע לידער. אין דער אמת'ן האָט ער פאַרמאָגט אי אידייאישע אויסגעהאַלטנ־קייט ביז אַ געוויסער מאָס, און נאָך מער פּאָעטישע אויסגעהאַלטנקייט. און דער עיקר, אַפילו דאָס פּאָעטישע ליד ראַזענפעלדס איז סיי־ווי מיט זיין ווייסן און אָן זיין ווייסן אָנגעשטעלט געווען אויף תכלית — עס דער־פילט אַ באַשטעלונג.

אויב עס איז אַ כלל גדול, אַז ליטעראַטור איז לויט דעם באַשטעלער, אַפילו ווען זי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז דערהויבן איבער אים, איז עס בפרט אמת וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אין איר ערשטן פּעריאָד. ווייל דאָס איז געווען דער באַשטעלער, דער עולם, וואָס האָט זי אַרויסגערופן צו עקזיסטענץ. איז זי געווען פונקט אין איר עולם געראָטן. און ראָזענפעלד איז געווען דער „געראָטנסטער" אין עולם. זיין ליד איז דורך און דורך באַשטעלעריש — סיי מיט זיין אינהאַלט און סיי מיט זיין פאָרם. יאָ, אַפילו מיט זיין וואַקלדיקן אידייען־אינהאַלט.

אַ גוטע העלפט פון זיין אידייאישער נישט־אויסגעהאַלטנקייט פאַלט אַראָפּ, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז דאָס האָט בלויז די דאַמאָלדיקע פּראָפּאַגאַנדיסטן געקאָנט פאַרקומען, אַז ראָזענפעלד באַגייט אַ „פאַר־ראַט", איבערלויפנדיק מיט זיין ליד פון סאָציאַליזם צו „אידישקייט" און צוריק, און נאָך אַמאָל פון צוריק אויף צוריק. מיר ווייסן דאָ, אַז עס איז קיין פאַרראַט נישט געווען אין דעם, אין וואָס זיי האָבן געזען פאַרראַט אין דעם עצם פאַקט, וואָס זיין ליד ענטפערט אויף יידישקייט. זיי האָבן דאַמאָלס נאָך נישט געוואוסט, אַז ס'איז קיין סתירה נישטאָ צווישן די צוויי איינשטעלונגען. אין תוך איז ראָזנפעלד געווען גערעכט, ניט די פּראָפּאַגאַנדיסטן. נישט מער, וואָס באַוואוסטזיניק און דיכ־טעריש — דורך ליד — האָט ער נישט געקאָנט פאַרבינדן די ביידע איינ־שטעלונגען זיינע — אויף סאָציאַליזם און „יידישקייט" (מיט אַ פּאָר אויסנאַמען, וואו עס איז דאָ אַן אומבאַוואוסטזיניקע פאַרבינדונג).

אודאי איז ער גערעכטער געווען פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן מיט דער יידישער ווענדונג פון זיין ליד, אַפילו ווען ער האָט אַליין געמיינט, אַז ער באַגייט אַן עבירה מיט „יידישקייט" צוליב פּרנסה. און נאָך גע־רעכטער איז ער געווען פּאָעטיש. עס איז דאָ אַ שטרענגע געזעצגעביקע אויסגעהאַלטנקייט אין ראָזנפעלדס פּאָעטישן־גאַנג. „האָב קיין באַ־שטימטע ריכטונג נישט. איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל" — עס איז גראָד געווען זיין גרויסער פאַרדינסט, וואָס ער דער ערשטער

דאָ האָט אויסגעהאָדעוועט דעם פּאָעט אין זיך, זאַמלענדיק טראָפּן פאַר טראָפּן פּאָעט באַוואוסטזיין. און נישט קלענער איז זיין פּאָעטישער פאַר־דינסט, וואָס ער האָט זיך געעפנט אַ צוטריט צום קוואַל פון יידישע שטי־מונגען. האָט ער געהאַט מיט וואָס צו שפּייזן זיין פּאָעט־באַוואוסטזיין. דאָס זענען די ערשטע צוויי אומבאַשטרייטבאַרע פאַרדינסטן מיט וועלכע ער האָט איבערשטיגן די פּאָעטן צייטגענאָסן זיינע.

די אינערלעכע פּאָעטישע לאָגיק איז געווען אויף זיין זייט. די צרה איז נאָר געווען, וואָס ער האָט זיין פּאָעט־פּריווילעגיע — נישט מקפיד צו זיין אויף „אויסגעהאַלטנקייט" צו אומגעלומפּערט אויסגענוצט. זיין שלימזל האָט געוואָלט, אַז זיינע איבערגאַנגען פון סאָציאַלן מאָטיוו צום ייד־מאָטיוו זאָלן אויסערלעך פאַרבונדן זיין מיט פּרנסה־פּניות, באַשטעט־טיקנדיק דערמיט, אַז ער איז נישט צו שטאַרק באַהעפט געווען צו אַי־דייען, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט אויסגעשוואָרן צו זיי אַ נשמה־שבועה. און צוריקגערעדט, וואָס האָט ער געזאָלט טאָן, ווען סאָציאַ־ליזם איז געווען טריף אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע, און „יידישקייט" איז געווען טריף אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע ?

אָבער אַ געוויסע דיכטערישע אומדאַנקבאַרקייט איז דאָ פאָרט גע־ווען. „נאַציאָנאַלע" לידער האָט ראָזענפעלד געשריבן נאָך איידער ער האָט זיך גענומען דרוקן — אונטער דעם איינדרוק פון די פּאָגראָמען, קאָפּירנדיק די לידער פון העברעאישן שיר אָדער פאָלקס־ליד אין אַ קאָל־ווּאַריער דייטש—אומבאַהאָלפענע לידער, וואָס האָבן גאָרנישט צוגעזאָגט. די יידישקייט דאַמאָלס איז אים קיין הילף נישט געווען. ערשט דאָס אַרבעטער־ליד האָט אים פּאָעטישע רעטונג געבראַכט. דאָס האָט ער גע־האַט צו פאַרדאַנקען דער העברעער אידייאישער און מאָראַלישער אַט־מאָספערע פון סאָציאַליזם, וואָס האָט געמונטערט און געוועקט דעם אַר־בעטער, געעפנט אים די אויגן און דעם מוח — דאָס האָט ער דעם סאָציאַליזם געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס דער פּאָעט אין אים האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט און איז אַרויסבאַפרייט געוואָרן. ערשט דאַמאָלס האָט געקאָנט אונטערקומען די „יידישקייט" מיט איר נערנדיקער שפּראַך־און שטימונג־שפּייז. און אַזוי איז אים געלונגען אויפצוהויבן דאָס אַי־דייאישע אַרבעטער־ליד צו אַ פּאָעטישן ליד — וואָס דאָס איז זיין דריי־טער און גרעסטער פאַרדינסט, און ער איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַלס פּאָעט מיט אַ נאָמען, וואָס האָט דערגרייכט איבער דעם ייִדיש־גרעניץ אין ענגליש אַריין, און שפּעטער פון ענגליש אין שפּראַך נאָך שפּראַך.

איז דאָס געווען די סאָציאַליסטישע פּרעסע, וואָס האָט אים די ערשטע און גרעסטע פּאָעטישע טובה געטאָן. ווען אים וואָלט באַשערט געווען דורכצומאַכן זיינע פּאָעטישע לערן־יאָרן אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע, וועלכע האָט געהאַנדלט מיט יידישקייט, ווי מיט אַ סחורה, פאַר וועלכער עס איז דאָ אַ מאַרק, וואָלט אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען די אַרויס־באַפרייאונג פון פּאָעט. און ערשט אַדאַנק דער דיסציפּלין, וואָס די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט אויף אים אַרויפגעפּרעסט, האָט ער שפּעטער אויך געקאָנט דערהויבן צו אַ מדרגה זיין נאַציאָנאַל ליד און ציען דורך אים פּרנסה פון דער באַלעבאַטישער פּרעסע.

האָבן די פּראָפּאַגאַנדיסטן געהאַט אַן אויסרייד פאַר זייערע אַטאַקעס. און ראָזענפעלד מיט זיין אויפגערעגטער נאַטור פלעגט ענטפערן אויף די אַטאַקעס מיט נאָך בייזערע און העפטיקערע קעגן־אַטאַקעס — ביז צום שפּייען מיט גיפט אין דעם ברונעם, פון וועלכן ער האָט אַליין געטרונקען.

האָבן די פּראָפּאַגאַנדיסטן אודאי שוין געמעגט פּאַראיבל האָבן. אָבער צי ראָזענפעלד איז געווען גערעכט צי אומגערעכט — ער איז געווען אומגעלומפּערט גערעכט! — דער עיקר איז אין דעם, אַז מיט זיין אומקאָנזעקווענט־ליד האָט ראָזענפעלד ריכטיק געענטפערט אויף אַ ריכטיקער באַשטעלונג. און אין דעם ווייזט זיך אַרויס די עצמ'דיקע תכלית'דיקייט פון זיין ליד. זיין ליד איז צוגעמאָסטן געווען צום באַנעם פון באַשטעלער, דעם לייענער־עולם. ער איז אין שטענדיקער קאָמוניקאַציע מיט עולם. סיי מיט זיין ליד, וואָס האָט געענטפערט אויף סאָציאַליזם, און סיי מיט זיין ליד וואָס האָט געענטפערט אויף יידישקייט, האָט ער געענטפערט זיין אוידיענץ, דעם עולם לייענער. דער עולם האָט באַדאַרפט האָבן ביידע זאַכן: אי סאָציאַליזם אי יידישקייט — טאַקע דערזעלביקער עולם. און ביידע זאַכן האָט ער באַדאַרפט אין זייער אַ רויער פאָרם, ווייל רוי איז ער אַליין געווען. אפילו מיט דער אומגעלומפּערטקייט פון זיינע וואַרפענישן אַהין און אַהער איז ער געטריי געווען צו זיין עולם.

לאָמיר נעענטער זיך צו אים צוקוקן. — וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן עולם? דער ערשטער אימיגראַנטן־עולם דורכאויס, און זיינע שרייבער אין זייער מאַיאָריטעט, זענען לכתחילה געווען יידן אַן יידישע זכרונות, אַן טראַדיציעס און אַן זכות אָבות. אפילו די געציילטע, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַזעלכע טראַדיציעס, האָבן אין זייער פּליטה פון די

פאַגראָמען, זיי פאַרגעסן אין די חרוב'ע היימען. אָדער זיי האָבן זיי אָפּגעשאָקלט פון זיך, שאָקלענדיק זיך מיט דער שיף דורך די שטורעמס אויפן ים. אָדער אין זייער גרינער בהלה ביים אראָפּגיין פון שיף האָבן זיי אויסגעטרייסלט און אויסגעלייִדיקט זיך דעם זכרון. ווען מען רעדט מיט פאַראַכטונג איז דאָס געווען ערב־רב; ווען מען רעדט מיט רעספּעקט איז דאָס געווען געזונט פאָלק.

אָבער מיטן עולם איז באַלד פאַרגעקומען אַן ענדערונג. צו זיין גרינער רויקייט איז צוגעקומען נאָך אַ סימן. צו זיין ליידיקן זכרון האָט זיך עפּעס געגומען צוקלעפּן. אַזוי גיך דער אימיגראַנט איז צו זיך גע־קומען פון זיין ערשטער דערשיטערונג און האָט זיך גענומען אַרומקוקן און באַרואיקן, האָט זיין געדאַנק זיך ווידער געווענדט צו דעם לאַנד וואָס ער האָט פאַרלאָזן — אָבער שוין נישט מיט מורא און גרויל, ווי מען דערמאָנט זיך אָן אַן אינקוויזיציע־קאַמער, פון וועלכער מען האָט זיך גע־ראַטעוועט, נאָר מיט ווייטיק און בענקשאַפט, ווי מען דערמאָנט זיך אָן אַ היים וואו מען האָט דאָס טייערסטע איבערגעלאָזט — די קינדהייט, די יוגנט. מען האָט זיך גענומען דערמאָנען די שבתים און יום־טובים, וואָס האָבן זים געמאַכט דאָס לעבן. נישט חלילה אויף נאָך אַמאָל זיי איבער־צולעבן, נאָר אויף צו פאַרזוכן זייער טעם אין זכרון. דערזעלביקער עולם, וואָס האָט אויסגעהערט מיט באַגייסטערונג אַ סאָציאַליסטישן רעדנער אין יוניאָן־האָל, איז געלאָפן זיך קוויקן מיט אַ חזן אין שול. תשעה־באָב איז דער איסט־ריווער אים טרויעריקער געוואָרן. און דאָס רוישן פון דיביימער אין דזשעקסאָן פּאַרק אין די טעג פון „אינדיאַנישן זומער" האָט אים געבראַכט דעם אלול פון שטעטלשן בית־עולם. יום כפור האָט ער אפילו נישט געציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער, אָבער געגנוג שרעק האָט זיך אין אים אָפּגערופן צו וועלן פאַרדינען אַ מצוה און מכבד זיין מיט קלעפּ די אַראַנזשירער פון די יום כפור־בעלער.

נאָך יום כפור איז ווי יום כפור וואָלט נישט געווען. עס איז נישט גע־גאַנגען צו טיף. נאָר אויף דער אויבערפלאַך איז דאָס געווען—וואו עס איז געווען רויקייט און חיי שעה'דיקייט, וואָס ווייס בלויז פון דאגות פּרנסה און ווייס פון קיין זכרונות נישט; נאָר די רויע אויבערפלאַך איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ דינער פלעווקע פון יידישקייט — געגנוג נאָר פאַר דער באַלעבאַטישער פּרעסע צו טרייבן געשעפט מיט איר, אָבער בלויז געשעפט, וואָרום עקספּלואַטירן האָט זיך דאָס געלאָזט.

און צו אָט־דער רויער אויבערפלאַך פון עולמ'ס געמיט וואָלט מען

אפילו ריידן נישט געקאָנט מיט אַ פיינערער כונה, ווען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע וואָלט זי נישט פונאַנדערגעשאָקלט — פונאַנדערגעעפנט, אַ פונק אַריינגעוואָרפן און אַ נשמה אָנגעצונדן — אַזוי אַז אפילו די פּלעווקע פון יידישקייט האָט זיך גענומען לויכטן מיט אַן אידעלן שיין. און צו אָט־דעם עולם, מיט זיין סאָציאַליסטיש צעשאָקלטער רויער אויבערפלעכלעכקייט, מיט דער דורכגעפינקלטער פלעווקע־יידישקייט, האָט ראָזענפעלד זיך אַדרעסירט מיט זיין ליד. זיין ליד איז געווען מער דעם עולמ׳ס, געטרייער דערפילט די עולמ׳שע באַשטעלונג, ווי די היגע פּיאָנערישע דערציילונג, צ. ב. ש. ליבינס, וואָס האָט געטרייער אָפּגעהיט די סאָציאַליסטישע באַשטעלונג. דאָס עולמ׳שע באַשטימט דעם אינהאַלט פון זיין ליד.

(אָבער אפילו דער סאָציאַליסט ליבין, אין זיין געטריַיהייט צו דער ווירקלעכקייט, האָט נישט געקאָנט אויסמיידן צו דערציילן אין איינער פון זיינע פריסטע דערציילונגען „ווידער דיזעלבע ניגונים”, ווי אַזוי אַ שוואַך מענטשל, נאָכן ערשטן אכזריות׳דיקן ברוך הבא, וואָס דער שאַפּ־עולם האָט אים צוגעטיילט, האָט געוואונען זייערע הערצער מיט זיין זים זינגען די ראש השנה און יום כפור תפילות. און נאָך זיין טויט האָבן זיי קעגן אַלע יוניאָן־כללים צוגעלאָזן אויף זיין פּלאַץ זיין יינגל, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַנטדעקט, אַז פּונקט ווי זיין טאַטע, קאָן ער פאַר זיי דעם מחזור איבערזינגען).

אָבער מען קאָן נישט גענוי כאַראַקטעריזירן דעם אינהאַלט פון ראָזענפעלדס ליד, ביז עס וועט נישט אָנגעוויזן ווערן, אַז די באַשטעלערישקייט פון זיין ליד דריקט זיך נאָך מער אויס אין דער פאָרם, ווי אין דעם אינהאַלט. די פאָרם איז דירעקטע ווענדונג, דעקלאַמאַציע. עס איז דער לאַנגגט געוואָרן צום עולם פון דער בינע פון די ליטעראַרישע אָוונטן. מען פאַרזעט די ראָלע פון דער ליטעראַרישער בינע אין דער אויספורעמונג פון ראָזענפעלדס ליד (און אויך פון דער פּיאָנערישער דערציילונג). איידער ער איז געוואָרן אַ בן־בית אין דער פּרעסע, נאָר געדרוקט זיך דאָ און דאָרט, האָט ראָזענפעלד זיך שוין באַגעגנט פנים אל פנים מיטן עולם, אַראָפּדעקלאַמירנדיק אָדער אפילו אַראָפּזינגענדיק זיין ליד פון דער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער בינע, וואָס איז דאָ אויפגעקומען גלייכצייטיק מיט דער סאָציאַליסטישער טריבונע; די געזאַנג־דעקלאַמאַציע האָט באַגלייט די אַגיטאַציע אין זעלביקן יוניאָן־האָל. און קענטיק, אַז זיינע בינע אויפטרעטן האָבן אים אַזוי צעפרידנגעשטעלט, אַז איין צייט האָט

ער אפילו געחלומ׳ט צו ווערן אן ארומרייזנדיקער פּאָעט־זינגער־דעקלאַמאַטער, וואָס דאָס האָט געזאָלט זיין די פּראָפעסיע, וואָס וועט אים אַרויסראַטעווען פון שניידער־שאָפּ.

די בינע־אָפּשטאַמונג האָט געלייגט איר שטעמפּל אויף ראָזענפעלדס ליד. ווען מען פאַרגלייכט זיין ליד מיט רייזענס, וואָס איז דאָך אויך אַדרעסירט צום עולם, זען מען גלייך די נפקא־מינה. רייזענס ליד איז געשריבן אין אַ חדר און דאַרף געלייענט ווערן אין אַ חדר־ביחידות, אין שטילקייט, פון איינעם, וואָס האָט יאָרן און זכרון. עס גיט אַ מחשבה, אָדער אַ שאַרפע דערשפּירונג, וואָס דאַרף אַריינזינגען אין געמיט אָדער אַרויפגעברומט ווערן אויף אַ פאָלקס־ניגון, ראָזענפעלדס ליד איז בפרוש געשריבן געוואָרן פאַרגעטראָגן צו ווערן בפרהסיה, פאַר אן עולם, וואָס איז זיך צונויפגעלאָפן פון טומלדיקן גרויס־ניו־יאָרק. עס טאָר נישט זיין שטיל. עס מוז נעמען מיט קול. אָדער מיט טרערן. איבערשרייען, איבערוויינען איז קיין חסרון נישט. אדרבא עס מוז זיין אָדער מעלאָדראַמיש, שטורעמען ווי אַ ים — און וועלכער ים שטורעמט נישט אין אַ ליד? — אָדער סענטימענטאַל („מיין ייִנגעלע" — אַ גוט ליד, מען פילט טאַקע די טרער צווישן די שורות אויך). ניגון מוז זיין, אָבער עס מאַכט נישט, אַז די ווערטער וועלן נישט אַזוי איבערקלייבעריש זיין. אויב זיי זענען בלאַס, זאָגעריש, ווערט פאַראויסגעזעצט, אַז דער פּאָעט וועט דערביי זיין — אָדער איינער וועט אים פאַרבייטן — און וועט צוגעבן אויסדרוק מיט זיין דעקלאַמירן, זינגען אָדער שפּילן.

דער אינהאַלט פון ליד דאַרף זיין אַלגעמיין־גילטיק. עס דאַרף זיין „אומיטלבאַר מיטלבאַר". עס זאָל גלייך קאָנען באַנומען ווערן, דערפילט ווערן פון אַ גרויסן עולם, אָן איבערקלערן. אַט־אַזוי פילט ער טאַקע, אָט אַזוי דאַרף ער פילן. און ווען ראָזענפעלדס ליד איז געשריבן געוואָרן מיט דעם וויסן, אַז עס דאַרף פאַלן אויף דער אויבערפלעך פון עולמ׳ס געמיט, האָט די דעקלאַמאַטאָרישע כונה נאָך מער פאַרפלאַכט די אויבערפלעכקייט. די עולמ׳שע אויבערפלעך איז געווען דורכגעשטרייכלט פון סאָציאַליזם, באַטויט מיט אַ פלעווקע ייִדישקייט און פון די סאָציאַליסטישע קערנדלעך, דורך דער פלעווקע, האָט געשפּראָצט „מענטש". ראָזענפעלדס ליד גיט דאָס אים אַלץ — נישט טיף מענטש, נישט טיף סאָציאַליזם, נישט טיף ייִדישקייט.

פון „מענטש" גיט זיין ליד, וואָס זיין צוהערער איז נויטיק אַ „מענטש" צו ווערן אין אַמעריקע, אויסגרינען זיך — און טאַקע פאַר־

וואָס נישט ענגליש לערנען? און בכלל נישט דאָס טיף־מענטשלעכע, דאָס פּערזענלעכע, נאָר דאָס אַלמענטשלעכע, דאָס אומפּערזענלעכע, וואָס העלפט צום מענטש ווערן, דאָס אומבאַדינגט־נויטיקסטע אַ מענטש צו זיין. זיינע נאַטור־לידער צ. ב. ש.—פאַרוואָס זאָל אַ יידישער אַרבעטער נישט הנאה האָבן פון דער נאַטור? — אַט איז אַ טייך, פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט באָדן? — „אַ דאַרט זיך צו באָדן, ווי גוט מוז עס זיין! ווי וואָלט איך מיט חשק אין וואַסער אַריין!” (דער בעסערער שטייגער פון זיינע נאַטור־לידער איז, ווען ער קאָמבינירט אַ פאַראַלגעמיינערונג מיט אַ פאַריידישונג, ווי מיר וועלן עס באַלד זען) און נישט פּאַרטיפּט איז זיין סאָציאַליזם, נאָר דאָס טעגלעכע—שאַפּ, פאָרמאַן, סטרייק. נישט דער אידעאַל פון סאָציאַליזם, נישט צוקונפט־אָרדנונג, נישט רעוואָלוציע. זיין רעוואָלוציע איז אַ גרויסער סטרייק, וואָס די גרויסע שמחה איז, וואָס מען וועט אויף אַלעמאָל פּטור ווערן פון שאַפּ און פאָרמאַן. פּטור ווערן פון שאַפּ — אָט־דעם אידעאַל האָט ער געטיילט צוזאַמען מיט דעם דורכשניטלעכן אַרבעטער־עולם.

(אודאי האָט ער געהאַט מער גרונט צו האַסן דעם שאַפּ, ווי דער דורכשניטלעכער אַרבעטער. און פאַר אים פערזענלעך ווי פאַר אַ היפּש ביסל פון זיינע שאַפּ־ברידער, איז אָט־די „סאָציאַלע רעוואָלוציע” אויך מקוים געוואָרן).

און נישט פּאַרטיפּט איז זיין יידישקייט, נאָר דאָס, וואָס דאָס אויער כאַפּט פאַרבייגייענדיק אַ שול אָדער אַריינכאַפּנדיק זיך אין אַ שול. „דער בעל תקיעה גיט אַ בלאָז, עס פאַלט אַ טריבעס וועטער. — „דער פויגל זינגט אין גרויסן וואַלד און וועקט און רופט צו סליחות” („אלול־מעלאַ־דיען”). אויך דער גלות־מאַרש איז אויף אַ שול־ניגון — דער ניגון פון קינות, וואָס האָט אַריינגעכאַפּט די געשטאַלט פון יידישן וואַנדערער, וואָס גייט אויף די וועגן דעם ווינט אַנטקעגן „מיט אַ וואַנדער־שטאָק אין האַנט” — אַ בילד, וואָס איז מסתמא אַנגעוויזט געוואָרן פון דער בשורה וועגן אַ נייעם יידישן גירוש. (אויך ביי ליבינען געפינען מיר, אין דער דערציילונג „אין אַ קריסטלעכער נאַכטבאַרשאַפט”, אַז נאָכדעם ווי אַ פּאָגראָם האָט חרוב געמאַכט דאָס שטעטל, האָט דער אַלטער טאַטע „גענומען דעם אַלטבאַקאַנטן יידישן וואַנדערשטעקן אין די ציטעריקע הענט” און זיך אָוועקגעלאָזט צו די קינדער אין אַמעריקע).

איז „דער גלות־מאַרש” אַן עולמ׳שע באַשטעלונג — אַ ווינטיקע טרויער־דעקלאַמאַציע, וואָס וועט זיך אַריינבלאָזן אין אויער פון גרויסן

עולם, און וועט זיך ליגן אויף זיין השגה, ווייל אויסגעלייגט מיט ווערטער, וואָס ער האָט שוין נישט איינמאָל געהערט פון מגידים: „אונדזער גבורה ליגט אין שטויב, אונדזער תורה איז אַ רויב" . . . (דאָס דאַרף דעם עולם נישט אַרן, און אַזוי ווי ער ווייס נישט, וועט עס אים נישט שאַדן, אַז צו דער נייער יידישער קינה איז צוגעשפּילעט אַ צושפּיל, וואָס איז געבאָרגט ביי אַ גוי: „גיי, גיי" איז טאַמאַס מורס: „ניי, ניי").

ווייל פון אויבערפלעך אויף אויבערפלעך געוואָרפן פון אַ בינע אויף די קעפּ פון עולם — באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז סאָציאַליזם, מענטשישקייט, יידישקייט זענען ביי ראָזענפעלדן אייגנטלעך טעמעס, אויף וועלכע ס'איז גוט צו איבן זיך מיט ליד. ווי באַלד פאַר דעקלאַמאַציע—אַ שטיק פון אַ „פאָרשטעלונג", וואָס ווערט געגעבן פאַר דער אונטערהאַלטונג פון עולם, איז יעדע טעמע גוט פאַר אַ „פאָרשטעלונג" און דאַרף אויסגענוצט ווערן. אַ ראיה דערויף, אַז טעמע, איבונג אויף ליד איז ביי אים געווען די הויפּט־זאַך און אינהאַלט, אידייאישער אינהאַלט איינגעשלאָסן—זיין צווייטע דאגה, האָבן מיר אין דעם וואָס ערשט אויף דער עלטער האָט ער גענומען שרייבן ליבע־לידער. בעת אין דער יוגנט האָט ער עס זיך נישט דערוועגט. איז דאָך געבליבן נישט אויסגענוצט אַ טעמע, האָט ער זי צוגעשריבן. און ער האָט זיי, די ליבע לידער, נאָכגעשריבן נאָכן אַלגעמיינעם פּאַסאָן גאַנץ לעבעדיק, ביז ער האָט די טעמע נישט אויסגעשריבן, האָבנדיק אויסגעשעפּט דאָס אַלגעמיין גילטיקע פון ליבעס־מאָטיוו.

אָבער נישט אַלץ איז ביי אים געווען טעמע. און אַנדערש קאָן נישט זיין. פּאָעטישע טעמע מוז ערגעץ וואו זיך אָנקלאַפּן אָן אַ וויכטיקער איבערלעבונג, כדי דער פּאָעט זאָל קאָנען אויף איר זיך אויפבויען. און ראָזענפעלד האָט געהאַט אַ צאָל אַזעלכע איבערלעבונגען, וואָס האָבן אויפגעבויט דעם פּאָעט אין אים. די ערשטע ראַיעלע איבערלעבונג זיינע — אפשר די ראַיעלסטע איבערלעבונג — וואָס האָט געדויערט פון פריסטער יוגנט דורך זיין גאַנץ לעבן, איז די פּאָעט־איבערלעבונג. עס איז אַ זעלבסטשטענדיקע איבערלעבונג, אָן וועלכער קיין פּאָעט קאָן זיך נישט באַגיין. עס זאַמלט זאַפט, קראַפט, וואַרימקייט, פאַנטאַזיע; עס רייסט אָפּ דאָס אויג פון בלינדן אָנקוקן, פון טעמפּן אָנגלאַנצן דעם פאַקט; עס שיידט אָפּ דעם בליק פון פאַקטס טרוקענער האַרטקייט און לאָזט אויף אים אָנוואַקסן אַ שפּילנדיקע אילוזיע — וואָס דאָס אַלץ איז דער מאַטעריאַל, וואָס גייט אַריין אין פורעמען די פאָרם פון ליד. די

פּאָעט־איבערלעבונג קאָן איבערלויפן אין זעלבסט נאַרעריי, זעלבסטפּאַר־בלענדעניש און פּוסטער גדלות; עס קאָן אַפילו דעגענערירט ווערן, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט ראָזענפעלדן, אין אַ גדלות־מאַניע, אין אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע, אין קנאה־שנאה, אין אַ גיפטיקן שוימען קעגן גאַנצן ליטעראַרישן געזינדל, וואָס פאַרגינט אים נישט זיין וועלט־רום; און אַפילו מגולגל ווערן, איין צייט, אין פאַראַכטונג צו דער שפּראַך, וואָס האָט אים אויפגעהאָדעוועט אַלס פּאָעט, וואָס דאָס האָט אים אַגב נישט געשטערט, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, נאָך דעם הויפן כבוד, וואָס ער האָט צונויפגעשאַרט אויף זיין טריאומף־רייזע, נתפּעל צו ווערן פאַר יידיש און צו בענטשן זיך מיט דעם. אָבער הינטער די אַלע פאַרוויל־דערונגען און אַרבעט־רייבונגען, הינטער די אַלע וואַרפּענישן איז דאָ אַ געזונטער קערן — דער פּאָעט־באַוואוסטזיין, וואָס ציט אָן איבערלע־בונג, וואָס ווערט פאַרברויכט אין ליד־בוי. אָט דער באַוואוסטזיין האָט זיך אים נישט אומזיסט געגעבן. ער האָט אים פאַרדינט, אָנגעהאָרע־וועט. פון זיין פריסטער יוגנט האָט ער פליסיק געלייענט אין עטלעכע שפּראַכן: צוערשט אַביסל אין פּויליש און אַביסל מער אין העבראַיש, דערנאָך אַ סך אין דייטש און אַ סך אין ענגליש, און זיין גאַנץ לעבן פליסיק געלערנט ביי פּאָעטן אויף פּאָעט. און די פּשוט׳סטע פאָרמען פון ליד בוי — די ליד פאָרם פון פראַגע־ענטפער, פון אויסרוף און אויפרוף, פון „אַ, זאָג מיר" און „קענסטו דאָס לאַנד" — האָט ער דעק־לאַמאַטאָריש איבערגעטראָגן אין יידיש, מיט די אינהאַלטן, וואָס לאָזן זיך דורכזייען, אויף אַ שטייגער, וואָס קאָמבינירט דאָס אַלגעמיינע, אומ־פערזענלעכע מיט דעם לייכט צוגענגלעכן פאַר אים און פאַר זיין עולם — די עלעמענטאַרע „מענטשישקייטן": — פאַרגענגלעכקייט פון לעבן, האָרבסט־טרויער, פרילינג־פרייד, נאַטור־באַוואונדערונג, ליבע. און נאַ־טירלעך האָט ער אַלץ געלייענט וואָס אין יידיש און געלערנט ביי יידישע פּאָעטן און ער האָט זיי פליסיק נאָכגעזונגען. הינטער זיין יעדן ליד לאָזט זיך דורכזען דעם מאָדעל, נאָך וועלכעם עס איז נאָכגעשריבן, אַ יידישער צי אַ פרעמדשפּראַכיקער. אָבער די יאָרנלאַנגע האָרעוואַניע האָט פאָרט אַרויסבאַפרייט אַ פּאָעטישן איינשטעל, וואָס איז שטענדיק גרייט געווען אַרויסצוגעבן פון זיך אַ ליד־געשטעל, זער אַן איינפאַכן אַפילו, וואָס איז אָבער פאָרט גענוג געווען אויף איינצופאַסן אַן אַלגע־מיין־גילטיקן, גאַנגבאַרן, עולמ׳שן, קהל׳שן אינהאַלט, וואָס דאָס גראָד איז נויטיק געווען. אַ רייכערע ליד־פאָרם, מיט אַ טיפערן פערזענלעכן

אינהאַלט, וואָלט זיך ניט אָנגענומען. דער דעמאָלטיקער עולם — דער ערשטער נאַאיווער, פּרימיטיווער אימיגראַנטן־דור, וואָס איז נאָר־וואָס אַריינגעפירט געוואָרן אין ליטעראַטור, וואָלט קיין אַנדער ליד נישט פאַרטראָגן. ראָזענפעלדס ליד האָט אַזוי אַרום דורכגעפירט אַ גרונט־תכלית'דיקע היסטאָרישע באַשטעלונג.

די פּאָעט־איבערלעבונג איז דער פורעמענדיקער פּרינציפּ. אָבער אַ פורעם דאַרף האָבן נישט נאָר ווייכן שטאָף, מיט וואָס זיך אָנצופילן, עס נויטיקט זיך נאָך מער אין האַרטן שטאָף, אויף וועלכן זיך אויסשמידן. אַ פּאָעטישער פורעם קאָן זיך נישט אויספורעמען אויף לופט, אויף הוילער טעמע. עס מוז זיין אַ שטאָף, וואָס איז נוגע דעם פּאָעט אין נפש. אַ ראַיעלע איבערלעבונג דאַרף עס זיין, אַ שותּפ'טע צו דער פּאָעט־איבערלעבונג. אַזעלכע שותּפ'טעם האָט ראָזענפעלדס פּאָעט־איבערלעבונג געהאַט צוויי — ביידע שוין אויבן דערמאָנט — די שאַפּ־איבערלעבונג, וואָס האָט ראָזענפעלדס ליד איינגעפונדעוועט, און די יידישע איבערלעבונג, וואָס האָט זיין ליד באַצירט און באַרייכערט, אַריינשפּריצנדיק אין איר אַ גילדענעם פונק.

אמת, זיין שאַפּ־איבערלעבונג איז נישט געווען פון יענעם געהויבענעם סאָרט, וואָס מאַכט דעם אַרבעטערס האַרץ אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, וואָס פאַרברידערט דעם אַרבעטער מיט זיין קלאַס אויפן גאַנצן לעבן — ערדלשטאַט און באַוואָוסער האָבן עס יאָ פאַרמאָגט אַלס „מיט־פילער"—נאָר פשוט'ער ווייטיק פון אַ שאַפּ־אַרבעטער—אַ טאָקע זיין האַס צום שאַפּ, וואָס האָט אים צייטווייליק פאַרבונדן מיט דעם גורל פון אַלע אַרבעטער. נישט גענוג צו געבן אים פּאָעטישע אינספּיראַציע פאַרן סאָציאַליזם — דאָס אַרויסרייסן זיך פון שאַפּ און לעבן פון דער פּען איז פאַר אים געווען אַ נענטערע מעגלעכקייט, און זיין קינפטיקער יחוס אַלס פּאָעט איז אים בילכער געווען ווי דעם אַרבעטערס יחוס אין דער צוקונפט־אָרדנונג. אָבער די שאַפּ־איבערלעבונג איז געווען גענוג צו לאָזן בלוט אין זיין ליד. זיין אַרבעטער־ליד איז געווען אַ ראַטונעקגעשריי: ראַטעווע מיך פון שאַפּ, ליד! — און דאָס ליד האָט אים גערעטעוועט. נישט נאָר פון שאַפּ, נאָר פון פּאָעטישער אומבאַהאָלפנקייט אויך.

די שאַפּ־איבערלעבונג האָט געגעבן קרעפטיקן יידישן לשון דעם שטאַמלער וואָס האָט זיך געוואָרגן מיט שערבלעך פון דייטשמערישע ווערטער. ווען ער פילט, ווי ער ווערט אַליין אַ מאַשין, פאַרוואָס שטאַמ־

לען לײדיקן דײטש, װען דאָס געפיל לױפט אַלײן אַרײן אין אַ געלױפיקן ײדיש? און װען עס נעמט אים דורך אַ קלעמעניש איבער דעם, װאָס זײן אײגן קינד האָט די זכיה נישט אים אָנצוקוקן, דעם טאַטן, און ער, דער טאַטע דאַרף יוצא זײן מיט אױסהערן דעם קינדס פּרעפּל פון שלאָף— בעט זיך דאָך אַלײן איבערצוזינגען דעם שמועס צװישן טאַטע־מאַמען. די שאַפּ־אַרבעט האָט אים געגעבן אַ טרעפּ פון געפילן, אױף װעלכע צו קלעטערן מיט די לידער־פאָרמען, װאָס ער האָט געהאַט זיך אײנגעלערנט. דאָס אַרבעטער־ליד, װאָס האָט געצױגן אינהאַלט פון זײן אײגענער אַר־בעטער־איבערלעבונג און איז געצױגן געװאָרן אין דער הױך פון דער סאָציאַליסטישער אידײאַישקײט, װאָס האָט געשװעבט אַרום אַרבעטערס קאָפּ, האָט אױסגעשטרעקט דעם פּאָעט אין אים. און דאָ איז ער גלײך אונטערגעכאַפּט געװאָרן פון זײן ײדישער איבערלעבונג — זײן צוגאָב צו פּאָעט און פּראָלעטאַריער — זײן יתרון איבער עדעלשטאַטן און באָור־שאָװערן װאָס אַדאַנק איר איז אים געלונגען צו דערפירן צו קינסטלע־רישקײט די טרוקן־אידײאַישע תכלית׳דיקײט פון פּיאָנערישן אַרבעטער־ליד — געלונגען אים, ראָזענפעלדן, דעם אײנציקן פון דעם דרײלינג. פאַרװאָס נאָר אים געלונגען? פרעגן מיר נישט די שאלה װעגן עדעל־שטאַטן. ער האָט גאָר קײן פּאָעט־באַװאוסטזײן ניט פאַרמאָגט, און זײן ליד איז פונקט אַזױ שװינדזיכטיק געװען, װי דער פּאָעט אַלײן. אָבער באָװשאָװער, װעלכער האָט יאָ פאַרמאָגט אַלע געזונטע, פיזיאָלאָגישע, אַזױ צו זאָגן, פאַרבאַדינגונגען פאַר פּאָעטישן טאַלאַנט — אַן אָנגעצונדן פאַנטאַזירנדיק בלוט — מיט אַ גרונטלעכער באַהאָװנטקײט אין ליטעראַ־טור און אפשר מיט אַ שאַרפערן חוש פאַר פּאָעזיע, װי ראָזענפעלד, און זיכער, מיט אַ טיפערן שניט אין פערזענלעכע איבערלעבונגען — פאַר־װאָס איז אים דאָס נישט געלונגען? איז שױן אָנגעװיזן גע־װאָרן, און איצט נאָכן אַנאַליז פון ראָזענפעלדס פּאָעטישן גאַנג איז עס פעסטגעשטעלט־באַשטעטיקט: פּאָעט־באַװאוסטזײן דער פורעמער, דער בױער פון ליד־פאָרם, מוז האָבן אױף װאָס זיך אױפצובױען. ראָזענ־פעלד, װי געשװאָלן עס פלעגט צײטנװײז נישט װערן זײן פּאָעט־באַ־װאוסטזײן, פילפאַך אַריבערשטײגנדיק זײן פּאָעטישן כוח, האָט ער אָבער אַלעמאָל עס געקאָנט װיפיל נישט איז באַרעכטיקן, צופאַלנדיק צו אַ צאָל ראַיעלע איבערלעבונגען אױף אָנצונעמען זיך מיט חיות—צו זײן פאַקטישער, נישט בלױז מיטפילנדיקער אַרבעטער־איבערלעבונג, און דער עיקר צו זײן ײדישער איבערלעבונג, װאָס ער האָט מיטגעבראַכט פון זײן

היימישער יידישער סביבה. ווי אויבערפלעכלעך, צעבלאָזן, מיט דער ריינער לופט זיך טראָגנדיק, זיין יידישע איבערלעבונג איז נישט געווען, איז זי דאָך גענוג געווען אויף צו שפייזן די פאַנטאַזיע, וואָס פורעמט ליד. — ווען מען קוקט אריין אין זיינע בעסערע נאַטור־לידער, זען מען, אַז די בילדלעכקייט זייערע איז פון יידישער אָפּשטאַמונג. אין ליד „ווינטער": „ווינטער! נאַטורס זילבערנע חתונה! אָנשטאָט איר גרינע זיידנס טראָגט זי אַ באַזילבערט קלאָרן חופה־שלייער" — איז די בילד־לעכקייט אַ צו באַוואוסטזיניקע, אַ געקינצלטע; דער ווינטער ווערט אוי־בערגעוואָלט צו דער חופה געפירט. אָבער אין די לידער „דער שטראָם" „דער קוואַל" ציט די יידישע בילדלעכקייט אַרויס שטימונג־נואַנסן, וואָס אויף אַן אַנדער אופן וואָלט דער פּאָעט זיי נישט אַרויסגעקראָגן. — אין „שטראָם" הערט זיך אים אַ יידישער וואַנדערער, וואָס זאָגט תהלים גיי־ענדיק; אין „קוואַל" — אַ ייד, וואָס דאַוונט ביחידות. — זיין ייד־איבערלעבונג פירט אים אין דעם אינעווייניק פון דער נאַטור אריין.

(בלויז אין ליד וועגן זיין היימישן טייך באַקשאַ, וואו זיין טאַטע, זיידע, פעטערס האָבן געפישט, לעבט ער זיך איין מיט דער נאַטור אָן פאַריידישונג: זיינע קינדהייט־איבערלעבונגען גיבן אים גענוג בילד־לעכקייטן).

און דערצו, ראָזענפעלדס איינגעלעבטקייט מיט דער יידישער שפּראַך, אַ ליד איז דאָך אַ שפּראַך־פלאַנץ. פון די געהיימנישן פון דער שפּראַך וואַקסט זי אַרויס מיט אירע צווייגן, בלעטער, בלומען און פרוכטן. אַ ליד, געשריבן אין אַ שפּראַך, וואָס איז אויסגעליידיקט פון אירע איינגעבאָרענע געהיימנישן, לײַדט פון אינערלעכער דאַרעניש.

אמת, ראָזענפעלדס שפּראַך איז נישט צו דערפינדעריש; זי איז גאָר נישט מחדש; פון זיך אַליין געבערט זי נישט דאָס ליד. בלויז אין דער פרייערער סאַטירע בריה'ט זי זיך ביי אים און ווייזט חידושים. אַזוי געוויינלעך אין אַ ליד פאָלגט זי אים נאָר אַ גאַנג. „אפשר ווייסטו, ווילדער ווינט, וואו עס ווײַלט מיין שיינעם קינד? אפשר ווייסטו, ים וואָס ברויזט, וואו מיין שיינע ליבסטע הויזט?" —

דאָס זענען געלויפיקע ווערטער פון אַלעמענס מיילער, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויפן שרייב־פּאַפּיר. אַמאָל קומען זיי ביי אים פרייוויליקע, אַמאָל איינגעבעטענע, אַמאָל דאַרף ער זיי צווינגען. אָבער איין מעלה האָבן זיי — אַז זיי זענען שוין אונטער זיין פען פאָלגן זיי. פון זיך אַליין באַשאַפן זיי קיין ליד נישט, אָבער זיי העלפן אים אויפהאַלטן די

פאָרם פון ליד — דעריין קאָן ער זיך אויף זיי פאַרלאָזן. און דאָס איז שוין אַ סך.

באָוושאָווער האָט אָט־דעם דינסט פון זיי נישט געהאַט. אָן דער הילף פון יידיש־היימישער בילדלעכקייט און אָן יידיש־היימישער־שפּראַך־הילף, וויפיל ער האָט זיך נישט געריסן פון דער תכלית־דיסציפּלין, האָט ער נישט געקאָנט דערהייבן זיין תכלית ליד צו אַ קונסט־מדרגה.

און אודאי האָט באָוושאָווער די הילף נישט געהאַט פון דעם פייער־דיקן פינטעלע אין ראָזענפעלדס יידישער איבערלעבונג, וואָס האָט זיך אים אָפּגעשפּריצט אפשר קעגן זיין ווילן פון דער פייערלעכער שטימונג, וואָס פלעגט פאַר אַ טאָג מיט אַ חודש דורכנעמען דעם גאַנצן אימיגראַנטישן עולם — די יום־כפּור־שטימונג, וואָס פלעגט אָנקוועלן פון זיך אַליין אפילו ווען מען האָט נישט געהערט קיין שופר־בלאָזן — דעם יום־כפּור מיט אַלץ, וואָס האָט צו אים צוגעפירט און איז צו אים צוגע־בונדן געווען — דעם אלול, דעם הארבסט. ראָזענפעלדס יום־כפּור־ליד האָט זיך אויסגעפורעמט ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט אויפגעזונגען זיין אַרבעטער־ליד און האָט זיך אויף אים געשטיצט. אָבער וואו האָט ראָזענ־פעלד אַ יום־כפּור־ליד? ער האָט נישט קיין דירעקט ליד וועגן סאָציאַלע רעוואָלוציע, אָבער ער האָט אַ יום־כפּור׳דיק פאַרשלייערטע סאָציאַלע רע־וואָלוציע — דעם יום־הדין, דעם וועלט־געריכט: „אַ דאַן וועט איר זען אייער שרעקלעכן סוף, פון וועלכן איר ווילט איצט נישט הערן! דאָס וועלט־געריכט וועט אייך באַשטימען די שטראָף און איר וועט נישט קע־נען זיך ווערן („אַ נבואה”)—אַ שטאַרקע דעקלאַמאַציע, אָבער עס הערט זיך גיט קיין פאַלשער קול, נאָר אַ ווייטער נאָך־קול נאָך אַ בת־קול, וואָס האָט אַמאָל זיך דורכגעקייקלט דורך די וועלטן. און דאָס ליד „צו די וועלט־פאַרשלינגער” איז עס נישט אָן אָפּקלאַנג פון ונתנה־תוקף? — וואָס האָבוועט איר? דער טויט וועט אייך טרעפן סיי־ווי. איר זייט אָרימע מענטשן, מיט אַ מלאך־המות, וואָס לויערט אויף אייך. צו די קאַפּיטאַליסטן זאָגט ער עס דעם יום־כפּור׳דיקן מוסר. און די נאַטור־לידער, וואו ער זינגט זיך אַריין אין קאָנטראַסט צווישן פאַרגענגלעכקייט און אייביקייט, דאַרפן אויך צוגעשריבן ווערן צו דער יום־כפּור׳דיקער שטימונג, וואָס דורך אָט־דער שטימונג ווערן זיי אויך צוגענגלעך פאַר דעם ברייטן עולם.

די שוואַכע, בלאַסע איסט־סיידישע יום־כפּור־שטימונג האָט געגעבן

ראָזענפעלדן זיין שטאַרקסטע אינספּיראַציע פאַר אַ צענדליק לידער. ווען באַוושאָווער, שרייבנדיק זיין ליד „די רעוואָלוציאָן", וואָלט אַריינגע־כאַפּט אין זיין אויער דעם יידישן ציטער פון דער איינאיינציקער יום־כפור'דיקער תקיעה גדולה, וואָלט דאָס ליד נאָך היינט צו אונדז געדו־נערט און געמאַכט ציטערן.

ראָזענפעלד מיט באַוושאָווערס פייערדיקן אימפּעט, מיט זיין אידיי־אישער זויבערקייט, מיט זיין אידעאַליזם וואָס איז געווען זיין גרעסטע נשמה־פאַרמעגן, וואָלט געשאַפן ווערק, וואָס וואָלטן איבערגעלעבט זיין דור, וואָס וואָלטן נאָך היינט צו טאָג אונדז אינספּירירט צו שעפערישע מעשים.

ראָזענפעלד האָט נישט אַריבערגעשפּרייזט זיין דור. ער איז געווען איינס מיט זיין עולם, אַליין איינער פון עולם, פון וועלכן ער האָט זיך בלויז אונטערשיידט מיט פּאָעט באַוואוסטזיין. ער האָט גערעדט צו דער רויער אויבערפלעך פון עולמ'ס געמיט און געשריבן פון דער רויער אוי־בערפלעך פון זיין אייגענעם געמיט. און ווייל אַ מענטש וואָס לעבט פון דער רויער אויבערפלעך האָט ער זיך אַזוי געוואָרפן און געפּלאָנטערט אין סתירות. און ווי אַן עמכ'אניק, פון פּראָסטן סאָרט, וואָס ווען ער ווערט פּלוצלונג דערהייבן, געפינט ער נישט אין זיך גענוג איידעלן שטאָלץ, אויף וואָס אָנצושפּאַרן זיין גדולה, און ער פּאַררייסט זיך — איז ער שוין אפילו גרייט געווען, צוליב די העפלעכע רחמנות־שמייכלען פון די פאַר־נעמע יאַהודימישע „דאַמען און הערן", „אָפּצו'שמדן" זיך אין אַ פאַראַכ־טער־פאַרשפּעטער פון ברייטן יידישן עולם, פון וועמען ער איז געווען ביין פון זיין ביין.

פון דער מענטשלעכער טיף, וואָס אונטער דער אויבערפלעך, האָט ער נישט געצויגן קיין אינספּיראַציע נישט פאַרן מענטש און נישט פאַרן פּאָעט ראָזענפעלד.

און ווען עס זענען געקומען פּאָעטן און צייטן, וואָס האָבן יאָ דורכ־געבויערט די אויבערפלעך פון עולמ'ס געמיט צו אַ צווייטער שיכט, האָט ער נישט געקאָנט נאָכהאַלטן. ווען דער לעזער איז אויסגעוואָקסן, איז ראָזענפעלד צו קורץ געקומען, און ער האָט זיך דערפילט אויסגעשפּילט. און פריינט און פיינט האָבן געזאָגט: ראָזענפעלד האָט זיך אויסגע־שריבן; ראָזענפעלד האָט זיך אויסגעוועפּט. — און זיין געקרענקטע פּאָעט־גאווה, אויב זי האָט אים נישט געטריבן אין משוגעת אַריין —

ליט ברירה האָט ער דאָך געקאָנט צוריקפאַלן צו זיין אַמאָליקער גלאָריע — האָט זי אים אָבער פאַר'סמ'ט ביז אין טויט אַריין.

אַ טראַגעדיע פון אַ פּאָעט, וואָס האָט געהערט בלויז צו זיין דור!

די דערציילער

פאַר דערציילער־פּיאָנערן דאַרפן פאַררעכנט ווערן צוויי: ז. ליבין און לעאָן קאָברין. דער דריטער — תשר'ק — ווי געזאָגט, האָט זיין פּיאָנערטום פאַרשפּילט, אָבער אַ כאַראַקטעריסטיק פאָרדינט ער דאָך — פאַר אַן אילוסטראַציע דערויף, ווי טאַלאַנט איז באַשעדיקט געוואָרן, ווען ער האָט געהאַט די באַלעבאַטישע פרעסע פאַר זיין היים. אָן ספק מיט אַ פייאיקייט אָנצעווינקען מיט אַ ווינקל־אויג אויף די קאָמישע שטריכן פון זיין פאַרשוין — דעם קאָסטימער פעדלער — און פונאַנדערצעגלאָצן זיי מיטן פולן אויג ביז צו משונה'דיקייט, און פונאַנדערצעפּאָכן דעם שמייכל אונטערן וואָנץ פון לייענער אין גרוים געלעכטער. אָבער תשר'ק איז נישט ביכולת געווען אויסצולייזן זיין איינגעבאָרענע באַגאַבונג, אויס־צעלייטערן זי פון דער פסולת, וואָס האָט זיך צו איר צוגעקלעפּט פון זיין יאָרנלאַנגער שבת'דיקער שמשות אין דער באַלעבאַטישער פרעסע; זיין מעשה פעליעטאָן איז געבליבן שטעקן אויף דער אונטער־שוועל פון ליטעראַטור — אויף דער שטופע פון געמאַכטער, אומישנע זיך פרומ־לענדיקער, מעכאַניש זיך איבער'חזר'נדיקער איבערטרייבונג. ער איז נישט קאַפּאַבל געווען זיך צו דערהייבן, צוזאַמען מיט זיינע קאָלעגן פון דער סאָציאַליסטישער פרעסע, צו דער מדרגה פון אַ ליטעראַטור־שאַפער.

פון די צוויי איז ליבין געווען דער ערשטער — בכלל דער ערשטער דערציילער אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע — פאַר 1892 איז קיין דערציילונג נישט געווען. און ער האָט באַקומען בפירוש אָנ־געזאָגט פון פיליפּ קראַנצן, דעם רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־צייטונג" — צו דינען מיט דער פען דער סאָציאַליסטישער אידייע, זיין דערציילונג זאָל זיין אַן אילוסטראַציע אויפן קלאַסנקאַמף אין שאַפּ, אַזוי ווי ער איז שוין אין דער „גליקלעכער" לאַגע אַליין אַ שאַפּ־אַרבעטער צו זיין. פאַר ליטעראַטור אין „אַרבעטער־צייטונג" האָט דער איירָאָפּעאיש געבילדע־טער רעדאַקטאָר געוואָלט יוצא זיין מיט איבערזעצונגען. און מסתמא האָט זיך אים אויך נישט געגלויבט, אַז אין דער „געטאָ" זאָל זיך געפי־נען איינער, וואָס זאָל קאָנען אָנשרייבן אַ ריכטיקע דערציילונג. און

לווינט זיך דען די מי? דאָס איז געווען פּיליפּ קראַנץ וואָס האָט דער ערשטער אַרויסגעלאָזט די פּראָזע, אַז העכסטנס וואָס מען קאָן געבן יידיש אין אַמעריקע איז 35 יאָר לעבן. ליבין, אַליין אַ סאָציאַליסט, פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, — אין זיין שטעטל גאָרקי, מאָהליוווער גובערניע, איז געווען אַן אַגראָנאָמישער אינסטיטוט, און די סטודענטן־אַגראָנאָמען האָבן פּלייסיק „געאַקערט דאָס פעלד" פון סאָציאַליזם — ליבין, וועלכער האָט אין דער היים אפילו נישט געהערט אַז עס איז פאַראַן אַ יידישע ליטעראַטור און פּשוט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז מען קאָן שרייבן ליטעראַטור אויף יידיש—האָט גערן זיך געשטעלט אין דינסט פון סאָציאַליזם, זיך פאַרנעמענדיק צו אילוסטרירן מיט דערציילונג דעם קלאַסן־קאַמף פאַר זיינע שאַפּ־ברידער. און פיר־פינף יאָר האָט ער געטריי געדינט. אָבער אַ חוץ סאָציאַליזם, האָט ער פון דערהיים מיטגעבראַכט דערציילערישע גבורה. מיט זיינע וויצן, גלייכווערטלעך, מעשות און אַנעקדאָטן, און מיט זיינע פרייליכע שמועסן בכלל — דערוויסן מיר זיך פון ליבינס אַן אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ — האָט ער געוואונען דאָס געהער פון די שענסטע מיידלעך אין שטעטל, אָבער נישט זייערע הערצער. און דער דערציילער־גבר האָט זיך געשטאַרקט איבער דעם רעדאַקטערס גזר; נישט נאָר האָט ער דערציילט וועגן די צרות, וואָס מען האָט אויסצושטיין פון דעם שאַפּ־פאָרמאַן — די צרות וואָס דאַרפן מאַכן די שאַפּ־אַרבעטער פאַר סטרייקער און קלאַסנקעמפער — נאָר אויך וועגן דעם מענטשלעכן און אימיגראַנטישן צער פון די שאַפּ־אַרבעטער, צו וועלכן דער פאָרמאַן האָט גאָר קיין שייכות נישט. — אַזוי אַז אפילו ליבינס „סאָציאַליסטישע" דערציילונג איז אויך אָנגעצילעוועט געוועזן צו „מענטשלעכקייט".

איינע פון זיינע פריסטע דערציילונגען — „אַ מאַמע" — באַציט זיך אויפן האָמסטעד־סטרייק, אין וועלכן אַלעקסאַנדער בערקמאַן האָט אָפּגעפייערט זיין שאָס אין שטאָל־מאַגנאַט פריק. דער איינגערער פון צוויי ברידער־סטרייקער איז דערשאָסן געוואָרן פון דער פינקערטאָן־וואַך. ווייל די מוטער ניט מיטפאָרן מיטן עלטערן זון קיין ניו־יאָרק. ער געפינט זי ליגן אויפן קבר פון דערשאָסענעם. זי וויל אים נישט איבערלאָזן אַליין אין האָמסטעד. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער דערציילונג איז קאָנצענטרירט אויף דעם צער פון דער מוטער. — אַ סיגאַרעטן־מאַשין ווערט איינגעריכט אין אַ שאַפּ, די אַרבעטער ווערן אָפּגעזאָגט. דער באָס פרייט זיך באַצייטנס מיט זיין נקמה אָן די אַרבעטער.

דערשפּירן זיי עס, און רויבן ביי אים אַוועק זיין שאַדנפריידע מיט דעם, וואָס זיי מאַכן זיך לוסטיק ווי קינדער אַרום דער מאַשין, דעם באָס אויף צופּוקעניש.

ליבין גיט דעם אַרבעטער צו שמעקן דעם שאַרפן ריח פון באָס, וואָס נאָר איינער, וואָס האָט דעם ריח געשפּירט, קאָן אים צוריק אויפכאַפּן מיט ווערטער. ער פאַרשאַרפט דעם אַרבעטערס מענטשישן חוש-הריח בנוגע זיין קלאַסן-שונא.

און ער האָט געגעבן צו שמעקן דעם אַרבעטער דעם אוממענטש-ריח פון זיין צווייטן קלאַסן-שונא, וואָס קומט גלייך נאָכן באָס — דעם ריח פון לענדלאָרד. סעריעס דערציילונגען שרייען קאַראַאול אויפן לענדלאָרד. אָבער דאָס איז אַזאַ קאַראַאול-געשריי וואָס באַרייכערט דעם אַרבעטערס מענטש-פאַרשטיין און מענטש-פילן.

פאַרקערט, די איידלסטע מענטשלעכקייט זאַמלט ליבין וואו ער איז אויסן צו באַווייזן וואָס פאַר אַן אדעלמאַן דער אָרימאַן איז. און ווען איז דער אָרימאַן דער גרעסטער אדעלמאַן? אין אַ קריזיס-צייט ווען יעדער סענט איז אים ווי אַן אויג אין קאָפּ: — אַ ציימונגס-פּעדלער, וועלכער האָט נישט קאָלעקטירט גענוג אפילו אויף אַ טאָג איבערצולעבן, נאָכן באַצאָלן פאַר די צייטונגען, כאַפּט זיך אינמיטן חשבונ'ען ביי אַ „גנבה" — ער האָט נישט געגעבן זיין וועכנטלעכן קוואָדער צו די קינדערלעך פון דער פרוי אין קעלער. לויפט ער עס גוט-מאַכן — די אייביק הונגעריקע קוקן אודאי אויס די אויגן אויף אים.

(דער צייטונגס-פּעדלער און דער אַרבעטער בייטן זיך אָפּט מיט די פּלעצער אין ליבינס אַמאָליקע דערציילונגען. דער דאָלאַר פון אַרבעט-לאָזן ווערט כסדר ביי אים געטובלט אין הייליקער מענטשלעכקייט — אין קעגנזאַץ צום בלוטבאַפּלעקטן דאָלאַר פון באָס און לענדלאָרד). דאָס איז ליבינס פּראָלעטאַרישע דערציילונג. די באַלערנדיקע טענדענץ ווערט גראַדנווייז אויסגערונען און איינגעשלונגען פון דער מענטש-מעשה. די דערציילונג פּראָלעטאַריזירט דעם לייענער, באַרייכערנדיק גלייכצייטיק זיין מענטש-קענטניש. די פּראָלעטאַריזירונג איז גלייכציי-טיק פאַרמענטשלעכונג. ווי דען אַנדערש? אַזוי איז אויך געווען אין דער ווירקלעכקייט: מאַיאָריטעט פון דער אימיגראַנטן-מאַסע איז דאָ אַריינגעפאַלן אין פּראָלעטאַרישן צושטאַנד. און דאָס קלאַסנבאַוואוסט-זיין פון אימיגראַנט-פּראָלעטאַריער איז געשטיגן צוזאַמען מיט זיין

מענטש ווערן. עס איז איין פּראָצעס געווען. און אַזוי באַדאַרף אויך זיין אין אַ ריכטיקער פּראָלעטאַרישער דערציילונג.

פּראָלעטאַרישע דערציילונג, נאָכן פּראָלעטאַרישן ליד, איז געווען דער צווייטער היגער ליטעראַרישער פּראָדוקט.

איינגעאַרבעט די פּען אויף דער פּראָלעטאַרישער דערציילונג, און באַקומענדיק די פרייהייט פון פּען, האָט ליבין זיך אַוועקגעלאָזט באַאַר־בעטן דאָס גאַנצע פעלד פון אימיגראַנטן־לעבן. ווי ברייט איז דאָס פעלד? אויפן ערשטן בליק נישט אַרומצונעמען. דער איינדרוק איז, אַז ביי ליבין איז אַן עשירות אויף טעמעס. אויף יעדן טראָט קייקלט זיך ביי אים אויס אַ טעמע. אויף יעדער טעמע גייט ביי אים אויף ווי אויף הייוון אַ סוזשעט.

עס איז דאָ אַ לייכטער וועג, ווי פונאַנדערצוקלייבן זיך אין לי־בינס הונדערטער און הונדערטער סוזשעטן, סקיצן און דערציילונגען. מען דאַרף נעמען זיין אייגענע לעבנסגעשיכטע פאַר אַן אויסגאַנגספּונקט. ווי ער איז גרינערהייט אַריינגעפאַלן אין שאַפּ; ווי ער האָט פון שאַפּ זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ צייטונגס־פעדלער; ווי ער האָט פון פעדלער זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ פּראָפעסיע (די שרייבער־פּראָפעסיע קאָן פאַרביטן ווערן מיט אַן אַנדער פאָרם פון האַלב אויפגעריכט ווערן) א. א. וו. ביז היינט צו טאָג. האָט ער מיטגעמאַכט אַלע צרות און נחת'ן פון אַן אימיגראַנט, געטיילט אַלע זיינע דאגות און גאַנצע און האַלבע וואוילטיקן.

און ער האָט אַ לייכטן וועג ווי אויסצוקייקלען טעמעס — פון די לעבנס־ברעקלעך, וואָס ער זאַמלט אָן אין זיינע אייגענע פיר־ווינקעלעך— לעבנס ברעקלעך, אין וועלכע עס איז אָפט אַריינגעקנאָטן שטיקער הארץ — און פון דעם שטאָף, וואָס עס דערציילן זיך אָן די שכנים; וואָס מען הערט זיך אָן אין גאַס; וועגן וואָס מען וויכוח'ט זיך אין קענדי־סטאָר, און וועגן וואָס מען לייענט זיך אָן אין צייטונג. ער איז אַ שמועסער און אַן אויסגעצייכנטער אָפּגעבער פון געהערטע שמועסן. ער קאָן נאָכגיין פאַקט נאָך פאַקט, נישט שפּרינגענדיק און אַרויסדרייענדיק זיך פון פּלאָנ־טערס מיט אַ גרינגן גאַנג. און געבענטשט איז ער מיט אַ ווייכ־שמייכלענדיקער גוטמוטיקייט און האָט אַן אויג פאַר די אַנעקדאָטן וואָס דאָס לעבן אַליין דערלאַנגט. אָדער ער קאָן אַליין צושטעלן פאַקט צו פאַקט אַזוי, אַז זיי זאָלן אויסזען ווי אַנעקדאָטן, וואָס דאָס לעבן אַליין דערלאַנגט. (עס איז געווען אַ סך געלעגנהייטן פאַר דעם אין אימיג־ראַנטן־לעבן, ווען די קבצנ'ישע אַלט־וועלט האָט זיך אַריינגעצויגן אין

דער מיליאָנערסקער ניי־וועלט, אַבי אַ פּריילעך אויג אויפּצוכאַפּן די אַנעקדאָטישע געלעגנהייטן) — אַ דאַנק אַט־די אַלע מעלות — זיין שמועס־מאַנער און הומאָריסטישן בייקול — האָט ליבין געקאָנט די מענגלעכסטע פּאַסירונג דערהייבן צום גראַד פון אַ דערציילונג.

האָט ליבין געפירט דעם טאָג־בוך פון אימיגראַנט פּאַר איבער 40 יאָר צייט — אָנהייבנדיק מיט דעם אימיגראַנטס גרינסטן צושטאַנד, ווען ער האָט געלעבט מער מיט אַלטער היים, ווי מיט אַמעריקע, און אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער איז דאָ ציטווייליק און זיך געריסן פאָרן צוריק, און דערווייל האָט ער אָפּגעריכט גלות אַמעריקע — אין אַ פינ־צטערן טענעמענט־הויז, אין דער „יידישער קאָלאָניע", אָדער „געטאָ", און אפילו אין יענע שווערע פּרופונגס יאָרן, ווען דער גרינער האָט אָפּ־געריכט גלות אין אַמעריקע, האָט ליבין געפונען גענוג פון וואָס צו לאַכן און זיך פריילעך מאַכן: אָט איז אַ גרינער, וואָס איז גליקלעך, וואָס מען האָט אים אויסגעזוכט אַ לאָזש, ביי די גרעסטע אביונים צווישן די לאַנדס־לייט. פּונקט פאַר אים ווי צוגעמאָסטן: וועט ער קאָנען פּראַווען סעודה מיט ברויט און ציבעלע און נאָך מכבד זיין די קינדערלעך.

און ליבין וואָלט זיך אפשר אָפּגעשטעלט אַן אַנעקדאָטיסט־פעלעטאָ־ניסט, אַ לוסטיקער אונטערהאַלטער אין אונטער־שטאָק פון אַ צייטונג — ער האָט אַזוי ליב אַן אַנעקדאָט און סתם אַ טשיקאַווע מעשה, וואָס מאַכן אַזוי באַ'טעמ'ט אַ שמועס — ווען נישט די דיסציפּלין פון סאָציאַליזם, וואָס האָט אָנגעלאָדן מיט ערנסטן מענטש־אינטערעס: איז יעדע דערציי־לונג ליבינס—די פּראָלעטאַרישע, ווי די ניט ריין פּראָלעטאַרישע—אָנגע־צילעוועט צום מענטש־פּינטעלע (אָדער צום אוממענטש־פּינטעלע, ווען עס האַנדעלט זיך וועגן אַ העלד, וואָס מען דאַרף פּיינט האָבן) און אפילו דער אַנעקדאָט איז אָפּגעטונקט אין ווארימער מענטשלעכקייט.

און אפילו די „מענטשלעכסטע" דערציילונג ליבינס, פּונקט ווי די בפירוש פּראָלעטאַרישע, איז אָנגעצילעוועט געווען צו תכלית. צו וועלכן תכלית? פּשוט: צו דעם, וואָס קאָן גלייך אויפן אָרט צונוצקומען. צוערשט איז דאָס געווען, וואָס קאָן העלפן דעם גרינעם זיך „אויס־מענטשלען" אין אַמעריקע. דערנאָך — וואָס קאָן העלפן דעם „אויס־געמענטשלטן" זיך ציוויליזירן. ליבינס דערציילונג גיט שנעלע הילף אין נוצלעכער מענטשלעכקייט.

הילף איז אויסגערינען: לערנען ענגליש פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט אין ליבינס דערציילונגען פאַר די ערשטע צען־פופצן יאָר. אָט מוסר'ט

ער אַ העלד, הלמאַי אָפּזייענדיק 20 יאָר אין לאַנד קאָן ער נאָך ריכטיק ענגליש נישט ריידן. און אָט־איז אַ טאַטע, וואָס איז נאָך פיר יאָר גייט־סקול אַ גאַנצער ענגליש־קענער, אַ טאַטע וואָס האָט שיר נישט געחלש׳ט פאַר פרייד, ווען דאָס טעכטערל האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגערעדט: „אור דיר קאָנטרי!”

און קענטיק, אַז ליבינס דאַמאָלסדיקע לייענער זענען שטאַרק פאַר־נומען געווען מיט דער פראַגע וועגן דערציאונג. וואָרום זיינע העלדן אויך אַזוי. און אויפקלערונג וועגן דער פסיכאָלאָגיע פון דער פרוי. און אויפקלערונג וועגן דער פסיכאָלאָגיע פון מאַן.

און אויפקלערונג וועגן ליבע: יאָ, ליבע איז מענטשלעך און כמעט אומפאַרשטענדלעך, זי באַפאַלט אַמאָל די פיינסטע פרוי און דעם שטילסטן מאַן קעגן זייער ווילן. מען זעט באַשיינפערלעך אַרויס פון ליבינס דערציילונגען, ווי זיינע לייענער ווערן „מענטשן” און פאַרליבן זיך, און ברעכן זיך די קעפּ: וואָס איז דאָס פאַר אַ געהיימניש די ליבע? —

היינט, איבערלייענדיק ליבינס אַמאָליקע דערציילונגען, שפירט מען ממש דעם רושם, וואָס זיי האָבן געמוזט מאַכן אויף די אַמאָליקע לייענער. נאָך יעדע אָפּגעדרוקטער דערציילונג האָבן די לייענער קומענדיק צו גאַסט איינער צום אַנדערן, מסתמא זיך מפלפל געווען איבער די רעטע־נישן פון מאַן, פרוי און ליבע ביז אין העלן טאָג אַריין. און ווען פאָר־געלייענט אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט, מיט טראָפּ און טעם, האָט ליבינס אַ דערציילונג אודאי געמוזט גאָר שטאַרק אויסנעמען.

עס איז נישט בלויז אין דעם, וואָס ליבינס דערציילונג האָט זיי געגעבן דיסקוסיע און פלפול־שטאָף. עס איז געווען אַ טייל — אפשר דער הויפּט־טייל — פון זייער „אַמעריקאַניזירונג” — פון זייער אַריינגע־פירט ווערן אין דער געמיינשאַפט פון קולטור־מענטשן.

און דער עיקר, ווייל געטאָן האָט זי עס אָפּשפּיגלענדיק דעם לייענער, מיט זיינע געדאַנקען און געפילן, האָט ליבינס דערציילונג דעם לייענער געגעבן צו פאַרזוכן פון אַ הנאה, וואָס איז אינגאַנצן אַ נייעס געווען פאַר אים — די הנאה פון זען זיך „באַשרייבן”. דאָס האָט אים באַ־רייכערט מיט אַ נייעם אינטערעס — צו ליטעראַטור. דערזען זיך אָפּ־געשפּיגלט און אָפּגעשילדערט. איז ער גאָר אָנגעקוואָלן: זע נאָר, זע נאָר, עס איז דאָך פונקט ווי מיט מיר האָט פאַסירט!

און דערמיט האָט ליבינס דערציילונג דערפילט די ערשטע און

עלעמענטאַרסטע פונקציע פון ליטעראַטור—צו טראַנספאָרמירן דעם לייע־נער דורך מאַכן אים איבערלעבן זיך אַליין און איבערלעבן דעם צווייטן; וואָס דאָס פאַרגרינגערט אָן אַ שעור זיין אָראָפּוואַרפן פון זיך דעם אַלטן לבוש און אָננעמען זיך מיט ניי־געשטאַלט.

דאָס איז געווען דער פּראַקטיש תכלית'דיקער אופן, ווי ליבין האָט פאַרעוּטפערט, באַרעכטיקט און איינגעשטעלט די דערציילונג פאַר דעם ערשטן אימיגראַנטן־דור. און דאָס איז זיין פאַרדינסט.

איצט צוריקקוקנדיק צו יענעם פּעריאָד, ווילן מיר פרעגן: אָנער־קענענדיק דעם היסטאָרישן באַטייט פון ליבינס דערציילונג, וויפיל לי־טעראַרישע וואָג פאַרמאָגט זי היינט?

ליבין שרייבט נאָך דערציילונגען היינט, און ווי געוויינלעך אין אַזאַ פאַל, איז די צייט גופא די קריטיקערין. אַנטקעגן דעם באַדאַרף פון היינטיקן טאָג דאַרף נאָך בולט'ער אַרויסקומען דער כאַראַקטער פון ליבינס דערציילונג, און אַזוי אַרום וועט זי אונדז העלפן נאָך שאַרפער כאַראַק־טעריזירן דעם פּיאָנערישן פּעריאָד פון דער היגער ליטעראַטור.

ליבין, האָבן מיר געזאָגט, האָט געפירט דעם טאָגבוך פון אימיגראַנט פאַר איבער פערציק יאָר — פון דעם אימיגראַנט פון צוויי דורות. אָבער עס איז שוין אַ יאָר צוואַנציק אין דעם, ווי דער אימיגראַנט איז אויס אימיגראַנט געוואָרן; דער אימיגראַנט פון עלטערן שטאַם האָט זיך איינ־געוואָרצלט, זיך איינגעבירגערט מיט זיין באַוואוסטזיין דאָ אין לאַנד, איינוואָרצלענדיק און איינבירגערנדיק און אויסגרינענדיק די ניי־צוגע־קומענע, וועלכע האָבן דאַרום שוין אפילו נישט באַוויזן גרין צו זיין. און ווען ליבין שרייבט נאָך אַלץ ווי ער וואָלט געפירט דעם טאָגבוך פון דעם זיך אויסגרינענדיקן אימיגראַנט, בלייבט ער דער טאָגבוך־פירער, דער ביאָגראַף, דער היסטאָריאָגראַף פון איין דור, דעם ערשטן אימיגראַנטן דור. ניין, ווען מיר לייענען אים מיט היינטיקע אויגן, אַנטפּלעקט ער זיך ניט ווי אַ היסטאָריאָגראַף, נאָר ווי אַ פּראָטאָקאָליסט. ער פּראָטאָ־קאָלירט דאָס לעבן אין קורצע טאָג־בוך נאָטיצן. און זיינע דערציילונגען זענען נישט אַזוי מענטשלעכע דאָקומענטן, ווי מענטשלעכע פּראָטאָקאָלן. וואָס געהערט, געזען, דעם שמועס־שטאָף — דאָס איז וואָס ער פאַר־צייכנט. און ווען ליבין גיט נאָך אַלץ לעקציעס אין מענטש־ און לעבנס־קענטניש, זענען דאָס קורצע דערציילערישע לעקציעס פון איין טאָג דויער. נישט וואָס די פּאַסירונגען אין זיינע דערציילונגען געדויערן בלויז איין טאָג. זיי מעגן זיך אפילו ציען אַ יאָר. און אַ טאָג־פּאַסירונג קאָן

אריינגעמען און אריינפרעסן אין זיך די חכמה פון א גאַנץ לעבן און ארומנעמען און איינשליסן אין זיך דעם צושטאַנד פון אַ גאַנצער וועלט. נאָר ליבינס דערציילונגען זענען פאַרן טאָג־געברויך. עס איז אַ שמועס, און אַ שמועס פאַרן טאָג־געברויך באַדאַרף נישט האָבן קיין צופיל לעבנס־דער־פאַרונג און צופיל מענטש־פאַרטיפונג. דער לייענער־צוהערער פון ליבינס דערציילונג האָט עס נישט באַדאַרפט. ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, און האָט געדאַרפט דעם טאָג איבערקומען, ער האָט גע־לעבט פון האַנט אין מויל אַריין, און פון מויל אין קאָפּ אַריין. אָדער לויט אַ פריערדיקן אויסדרוק, ער האָט געלעבט אויף דער אויבערפלעך פון זיין געמיט. ער האָט געהאַט גענוג אַרבעט אויף דער אויבערפלעך: איינזאַפּן אַזויפיל נייע איינדרוקן און אַזויפיל רויער מאַטעריאַל איז אים געלעגן אויף דער אויבערפלעך, וואָס האָט געדאַרפט באַאַרבעט ווערן און אַדאַפּטירט ווערן צו דער נייער סביבה, האָט ער נישט קיין צייט און קיין געלעגנהייט נישט געהאַט אַראָפּצולאָזן זיך צו דער אייגענער טיף און במילא האָט אויך זיין ליטעראַטור־שפּייזער, דער דערציילער ליבין, נישט געדאַרפט אַנקומען צו דער טיף פון זיין געמיט.

דאָ באַט זיך אָן אַ פאַרגלייך, וואָס לאָזט אַריינקוקן אין ליבינען און זיין לייענער. ווען מען פירט אַ פאַראַלעל צווישן ליבינען און ריי־זענען, וועלכע האָבן זייער ענלעכקייט אין דעם, וואָס ביידע גייען אַרויס פון שמועס — רייזען פון שמועס צווישן „ליטוואַק און ליטוואַק" — באַקומען מיר אַרויס די נפקא מינה, וואָס כאַראַקטעריזירט זיי ביידן. (דאָ ווערן זיי נישט פאַרגליכן אין טאַלאַנט, נאָר זייערע באַשטעלער ווערן פאַרגליכן) רייזענס דערציילונג אַדרעסירט זיך צו אַ לייענער העלד, וואָס איז איינגעזעסן אין צייט און אָרט — אין הונדערטער יאָרן ליטע. מיט איין שאַרפער שפּירונג, דורך אַ בליץ פון אַ רגע, וואָס מאַכט אַ שניט אין דער נשמה, דערגרונטעוועט מען זיך צו די טיפעניש—צו כאַראַקטער־שטריכן, וואָס שטאַמען פון די דורות. ביי ליבינען איז גענוג אַ לייכ־טער ריר, האָט ער שוין אָנגעקלאַפּט דעם דעק, וואָס איז פון אויבן באַ־צויגן מיט אַ צייטווייליק־דערווייליקן לעבנסוועב. אַזוי אויך דער אונ־טערשייד צווישן רייזענס און ליבינס הומאָר. ביי רייזענען איז עס דער מיטלייד־שמייכל, וואָס דאָס לעבן שמייכלט איבער זיך: שטויבעלע היינגט זיך אויף אַ אילוזיע, דער מענטשלעכער גורל אָפּגעוואויגן אויף אַ שטרויעלע, אַ שפּליטער פאַרמעסט זיך מיט אַ באַרג און וויל אים דורכשטעכן. ביי ליבינען איז עס דער געלעכטער, מיט וועלכן די

פּאַקטן לאָכן זיך אַליין אויס; אַ פּאַקט ווערט געשטרויכלט און ברעכט דעם קאָפּ; שטייט אַן אַנדער פּאַקט דערביי און האַלט זיך ביי די זייטן. — דער אונטערשייד איז דאָ, וואָס רייזען גרייכט ביז צו דער אונטערשיכט פון לייענערס געמיט, וואָס דאָס מיינט שוין ביז צו דער געדיכטעניש פון דער אָפּגעלייגטער ירושה, וואָס דאָס איז די יידישקייט פון דעם יידן. און ליבין אין זיין דערציילונג האָט זיך באַנוגנט מיט אָפּשעפּן דעם טאָגשוים פון דער אויבערפלעך, מיט אָפּהויבן דעם לעבנס־שטויב פון דער אויבערשטער שיכט פון געמיט. און במילא האָט ער נישט באַוויזן צוצוקומען צו דער „טיף", צו דער יידישקייט פון זיין העלד, פונקט ווי זיין העלד, זיין לייענער באַשטעלער, האָט עס נישט באַוויזן. (ראָזענפעלד אין זיין ליד האָט צוזאַמען מיטן טאָג־שוים אויך אָפּגעשעפּט אַ דינע פלעווקע יידישקייט, וואָס דאָס האָט אים שוין גוט געטאָן).

און לויט דער קנאַפּן באַדאַרף פון דעם באַשטעלער האָט זיך אויך אויסגעלייגט די טעכניק פון ליבינס דערציילונג. רייזען אויפן איינפּאַכן שמועס־עלעמענט שטעלט אויף אַ גאַנץ דערציילונגס־בנין — אַ בנין, וואָס דאַרף אויפהאַלטן אַ געהויבענעם שמועס צווישן אַ ליטוואַק, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט לעבנס־חכמה, און אַ ליטוואַק, וואָס איז חכמה־זשעדנע. ווי איינפאַך זי איז, אַזוי דין איז זיין טעכניק. זי זאָגט אויס סעקרעטן וועגן מענטש־כאַראַקטער, וואָס לאָזן זיך מיטן פּשוטן אויג נישט כאַפּן.

די באַזע פון ליבינס שמועס איז דער פּאַקט אויבן אויף — דער „אַנעקדאָט" — אַ קאָמבינירונג פון פּאַקטן, וואָס פּאַרשפּיצן זיך מיט אַ לאַך־פּונק. שטוקעווע ער פּאַקט צו פּאַקט און שמועסט זיי צונויף מיט דיאַלאָג. באַקומט זיך, וואָס ליבין רופט אַ סוזשעט, און וואָס געוויינלעך רופט מען דאָס סקיצע — אַ קיצור פון אַ דערציילונג. און ווען אָט־די פּאַרקירצטע דערציילונג ווערט נאָך אויסגעפילט וויפיל נישט איז מיט כאַראַקטער־באַשרייבונג — באַקומט זיך אַרויס אַ ליבינשע דערציילונג. כאַראַקטער נאָר אויף אַזויפיל, וויפיל עס פאָדערט זיך צונויפהאַלטן אַ סוזשעט פאַר דעם טאָג־דויער — דעם טעם פון די צוזאַמענגעבראַכטע פּאַקטן זאָל זיך נישט אויסוועפּן פאַר דעם גומען פון לייענער, איידער דער טאָג פאַרגייט — דער טעם, אָן וועלכן ס'קאָן קיין לאַך נישט זיין.

דאָס זענען ליבינס דריי טעכנישע טרעפלעך: אַנעקדאָט, סוזשעט, דערציילונג. אַ פּערפעקטע, פול אַנטוויקלטע ליבינשע דערציילונג האָט זיי אַלע דריי אין איינעם — אַ צונויפשטעלונג פון פּאַקטן, צונויפגע־

שמועסטע מיט דיאַלאָג, און אויסגעפּילטע מיט כאַראַקטער אויף אַזויפיל, עס זאָל אין סך־הכל געבן אַ פולן לאַך — אַמאָל באַגלייט מיט אַ טרער און אַמאָל מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

אָט אַזוי האָט ליבינס דערציילונג, מיט איר אינהאַלט און טעכניק, פּינקטלעך זיך אַרויסגענומען פון באַשטעלער (נישט פּינקטלעך, נאָר כמעט פּינקטלעך, ווייל מיט דער „פּלעווקע ייִדישקייט" האָט ליבין, אונטער סאָציאַליסטישער דיסציפּלין, געדאַרפט פּאָרזיכטיק זיין) — און איצט קאָן געוויזן ווערן, ווי די צייט האָט גענומען קריטיקירן ליבינען. זי האָט אים קריטיקירט טאַקע אויף דעם אונטערשייד צווישן זיין באַשטעלער און רייזענס, אויף זייער אונטערשייד אין טיף, אויף דעם ייִד־אונטערשייד. טיף מיינט ייִד.

אָן ספק באַגאַבט מיט אַ דערציילעריש־הומאָריסטישן טאַלאַנט — מיט אַן איינגעבאָרענער נויגונג אָפּצוגעבן דער וועלט זיינע איינדרוקן פון איר דערציילעריש און אָנצוקוקן די וועלט מיט אַ לאַכעדיקן אויג, איז אים פאַרשפּאָרט געווען אַרויסצורופן אין זיך די פולע מאָס פון זיין טאַלאַנט, וואָס פאַר דעם איז נאָר אין פּאָראַוים קיין באַשטימטער גרענעץ נישטאָ, ווייל די באַשטעלונג פון לייענער־עולם (וואָס דאָס שליסט שוין איין די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, די איבערגעבערין פון דער באַשטעלונג) האָט עס נישט געפאָדערט. און געוויינלעך איז די אָפּענטפערונג לויט דער אַרויספאָדערונג. און איניציאַטיווע פאַר אַן אייגענער אָנשטרענגונג, מוז מען צוגעבן, האָט אים אויסגעפעלט.

אַריינלעבנדיק זיך צוריק אין דער צייט, קאָנען מיר נאָך היינט ליבינס דערציילונג דורכלייענען מיט אַ טרער און מיט אַ לאַך. פון דעם אַמאָליקן „וויין־אַביסעלע־לאַך־אַ סך"־ און לעקציע־שטאַנדפּונקט זענען ליבינס דערציילונגען אויסגעפילט, פאַררונדערט. אָבער עס איז אויס מיט דעם אַמאָל. דער לייענער האָט אַריבערגעשפּרייזט פון איין דור אין צווייטן, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ליבין קאָן אים נישט נאָכהאַלטן.

דאָס מיינט נישט, אַז ווען די יאָרן זענען אונטערגעפאָרן, איז ליבינס דערציילונגס־קראַפט אונטערגעשניטן געוואָרן. ליבין שרייבט איצט בעסער ווי אַ מאָל. נישט נאָר איז זיין שפּראַך אויסגערייניקט געוואָרן פון סלאַוויזמען, אַנגליציזמען און דייטשמעריזמען, וואָס האָבן געהערט צו דעם סטיללאָזן סטיל פון די אַמאָליקע היגע ליטעראַטן; נישט נאָר איז זיין שפּראַך איצט אַ סך גלאַטער, פולער, ליטעראַרישער ווי

אַמאָל — נאָר וואָס נאָך וויכטיקער, ליבין בויט און פורעמט זיין דערציילונג מיט אַ סך מער בריה׳שקייט ווי אַמאָל. ווען ער וואָלט דאַמאָלס אַזוי געשריבן ווי איצט, וואָלט ער „מרעיש עולם" געווען.

און דאָס מיינט אויך נישט, אַז ליבין איז אָפּגעשטאַנען פון זיין לייענער. אודאי וויים ער, אַז זיין לייענער איז אויסגעוואָקסן; אַז ער האָט אויסגעלערנט אַלע זיינע אַמאָליקע ליבינשע לעקציעס. איבער וועלכע ער פלעגט זיך אָנלאַכן און זיך אויסוויינען — וועגן באָס, אַרבעטער, מאַן, ווייב, ליבע און „מענטשלעכקייט", אָבער ליבין איז גאַנץ גוט באַהאַוועוונט אין אַלע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר דער צייט אין דער סביבה, אין די מענטשן און אין דער וועלט בכלל. ער האָט נאָך אַלץ אַ גוטן געהער פאַר די טאָגשמועסן, וואָס כאַפּן איצט אַריין מיט די לעצטע געשעענישן פון ניו־יאָרק אויך די דראַמאַטישע דעפּעשן פון מאָסקווע, תל־אביב און וואַרשאַ. קאָן נאָך ליבין צו יעדער צייט אונטערטראָגן דעם לייענער אַן אינטערעסאַנטע טאָג־לעקציע. פון די הייניקסטע טאָג־שמועסן קאָן ער זיך צונויפשלאָגן אַ סוזשעט. האָט ער אין זיין לעצטן באַנד אַ קענדי־סטאָרקיפּער, וועלכער איז אַזאַ פאַרקאָכטער באָלשעוויק, אַז ער שעמט זיך די אויגן צו ווייזן פאַר זיינע קונדן, ווען סאָוועט־רוסלאַנד האָט איינגעפירט „נעפּ", און ער וואָלט זיכער זיך אויפגעהאַנגען, ווען זיין ווייב קומט נישט אָן באַציימנס און נעמט אים נישט אַראָפּ פון דער פּעטליע. און ווען ליבין פרישט אָפּ זיינע אַלטע טעמעס וועגן מאַן, פרוי, ליבע ביז צו דער טעמע פון דער גאָר גרינער צייט — וועגן בירגערשאַפט, באַרייכערט ער זיי מיט דער סאַמע לעצטער דערפאַרונג. און אויף ליבינס היינטיקע דערציילונגען איז גאַנץ קענטיק, אַז ער וויים, אַז זיינע לייענער זענען אַנדערע, וואָרום זיינע העלדן אויך אַזוי: נישט נאָר עלטער, נאָר אויך קליגער, דערפאַרענער, וויסנדיקער...

אַזוי אַז מיט דעם פּראָבלעם פון אָנהאַלטן דעם אינטערעס פון זיין לייענער האָט ליבין זיך לייכט „געספּראַוועט". זיין סוזשעט איז אַלעמאָל „אָפּ־טו־דייט" — בטבע אַזוי. און וואָס דאַרף אַ צייטונגס־לייענער מער כדי זיך צו פאַראינטערעסירן? ביי די וואָס לייענען מער ווי אַ צייטונג פרעגט מען נישט — דאָס הייסט, דער צייטונגס־רעדאַקטאָר פרעגט נישט. — וואָס־זשע דען מיינט, אַז ליבינס לייענער האָט אַריבערגעשפּרייזט פון איין דור אין דעם צווייטן, און ליבין קאָן אים נישט נאָכהאַלטן? — דאָס מיינט, אַז אַ נייער לייענער איז אויפגעשטאַנען וואָס לייענט מער ווי אַ צייטונג, און אָט־דער נייער לייענער האָט גע־

מעלדעט אַ פּרעטענזיע צו זיין טאָגגעבער פון ליטעראַטור, און ער האָט זיין פּרעטענזיע אויך דורכגעזעצט — אַזוי אַז ער האָט אפילו אָנגעשטעקט מיט איר דעם ציישונגס־לייענער, וועלכער נאָכדעם ווי ער איז פאַראינטערעסירט און אפילו פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ טאָג־מעשה, פרעגט אין אַ טאָג אַרום: וואָס האָט די מעשה אים געלאָזט הערן? — ער איז געבליבן הונגעריק. אים האָט זיך געוואָלט עפּעס מער. דער כלל־לייענער פאַרלאַנגט איצט אַן אַנדער ליטעראַטור — ער פאָדערט אַן אינעוועניקערן צוגאַנג פון שריפטשטעלער צום העלד, אַ טיפערע אויסלויכטונג פון כאַראַקטער, אַ ברייטערן לעבנסאַרומנעם. דער לייענער פון צווייטן אימיגראַנטן־דור, אָנגעזעטיקט מיט דערפאַרונג, האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער קאָן נישט יוצא זיין מיט חיי־שעה; ער האָט דערפילט, אַז כדי איינצופעסטיקן זיך אין דעם באָדן, דאַרף פון אים אונטערנומען ווערן אַן אַקציע, וואָס זאָל זיין אויסגערעכנט אויף יאָרן און דאַרף אין פאָראויס געפּלאַנעוועט ווערן. און די ליטעראַטור, אָפּענטפערנדיק אויף אָט־דעם באַדאַרף, דאַרף אויך אַרומנעמען דורך זיך יאָרן—וואַרפן בריקן פון נעכטן דורך היינט צום מאָרגן. און ליבינס מעטאָד פון נאָכפאָלגן דעם לייענער פון טאָג צו טאָג האָט דאָ אויפגעהערט טויגן. ליבין מיט זיין דערציילונג איז מיטגעגאַנגען מיט זיין לייענער, נישט פאָראויסגעגאַנגען. און אפשר איז ער אים גאָר נאָכגעגאַנגען, פאָראויסאיילנדיק אים מיט אַ האַלבן טריט, כדי אים אונטערצוטראָגן זיין טעגלעכע לעקציע. אָט אין דעם זין איז ליבין אַריבערגעשטיגן געוואָרן פון זיין לייענער; אָט אין דעם זין איז די צייט אים אַריבערגעוואַקסן.

אַדרבא, לאָמיר זען: פערציק יאָר שרייבט ליבין די געשיכטע פון פערציק יאָר. אָבער איז עס געשיכטע? טאָג־ביכער, אויפן סמך פון וועלכע עס קאָן געשריבן ווערן געשיכטע. אָבער ביי אים אַליין — פאַרוואָס נישט אַ ווערק, וואָס זאָל אַרומנעמען אַ לענגערן צייטפּאַס, שוין נישט רעדנדיק פון דער גאַנצער עפּאָכע — פאַרוואָס נישט אַ ווערק, צום ביישפּיל, וואָס זאָל אָנהאַלטן גילטיקייט, לאָמיר זאָגן, פון די ערשטע 20 יאָר ביז אין די צווייטע? קיין פאָראויסזעאונג פון דער צוקונפט. קיין אויפגראָבונג פון לעבנס־פלאַסטן. קיין אויספאָרשונג פון מענטש און כאַראַקטער. קיין גרונט־טיפּן.

לאָמיר דערווייל אָנרופן „פאַרנעם”: ליבינען האָט געמאַנגלט אין פאַרנעם. און דאָ באַשטעטיקט זיך, אַז דאָס פּראָבלעם פון פאַרנעם איז ענג פאַרבונדן מיט דעם ייִד־פּראָבלעם. אַזוי איז אויך געווען מיט דעם

באַשטעלער פון ליטעראַטור, דעם לייענער: זיין פאַרטראַכטן זיך וועגן אַקציעס אויף דער דויער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין איינזען, אַז עס איז דאָ אַ ייד־פּראָבלעם אויף דער וועלט, וואָס פאָדערט לייזונג; און אַז אפילו דער יידישער אַרבעטער, וואָס האָט אָנגעהייבן פון פאַר־חלומ׳ען אַ „לאַנג־דויערנדיקע אַקציע״ — די סאָציאַלע רעוואָלוציע — איז אויך פון דעם ייד־פּראָבלעם נישט פּטור; ער וועט דאָס פּראָבלעם מוזן אויפנעמען און לייזן נאָך פאַר אָדער מיט דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע (ביז דאָס איינזעעניש איז דער סאָציאַליזם פון יידישן אַרבעטער געווען בלויז אַ צודעק פאַר זיין „מענטש־ווערן״).

דערמיט האָט דער היגער באַשטעלער דעריאָגט און אַריבערגעיאָגט רייזענס אַמאָליקן באַשטעלער, דעם קליינשטעטלדיקן ליטוואַק — יענער פון זיין „טיף־יידישקייט״ האָט בלויז געקרעכצט אויף כלל ישראל. און מיט נאָך אַ וויכטיקן חילוק: יענער האָט פון זיין ענגן חדרל געדאַרפט אַרויסקוקן צו דער וועלט; דער האָט פון דער גרויסער וועלט געדאַרפט אַראָפּקוקן צו דעם יידן.

פאַר דער ליטעראַטור האָט עס באַטייט, אַז פאַר פאַרנעם דאַרף זי זיך אַראָפּלאָזן צו דער טיף. כדי איינצופאַסן דאָס לעבן אין אַ ברייטע־רער ראַם, כדי אַרומצוכאַפּן אַ ברייטערן לעבנס־קרייז, דאַרף די ליטע־ראַטור נעמען באַשרייבן אַזעלכע קרייזן אין דער לופטן, אויף דער אויבערפלעך פון לעבן, וואָס זאָלן זיך אַריינשניידן אונטער דער אויבער־פלעך, אָנרירנדיק די וואָרצלען פון כאַראַקטער, די וואָרצלען פון דורות.

אויפן ליד איז דאָס לייכטער איינצוזען. די דערציילונג קאָן זיך נאַרן: שוואונג, פאַרנעם וועט זיך איר געבן מיט דער ברייטקייט. אָבער ניין: אויך די ברייטקייט קומט פון דער טיף. פאַר דער דערציילונג האָט עס געמיינט, אַז כדי זי זאָל ווערן וואָגיקער, דויער־ווערטיקער, דאַרף זי זיך גראָבן צו דער אונטערשיכט פון העלדס געמיט — דאָרט, וואו דער „מענטש״ גייט איבער אין „ייד״. און דאָ איז ליבין, מיט זיין טאָג־בוך־דערציילונג, שווער געטראָפן געוואָרן פון דער „קריטיק פון דער צייט״.

דאָס שווערסטע פּראָבלעם ליבינס איז געווען דער ייד. אין ערשטן פּעריאָד, האַלטנדיק זיך אין די גרעניצן פון סאָציאַליסטישער דיסציפּלין, האָט ער זיך געדאַרפט צאַמען. דאָך זיין דערציילישער דראַנג פון פאַר־מענטשלעכונג האָט צייטנווייז פאַרט אַריבערגעשפּאַנט די דיסציפּלין, און די פאַרמענטשלעכונג האָט במילא שוין וויפיל נישט איז אַריינגעצויגן

די יידישקייט פון זיינע העלדן. נאָר ווייטער פון צופעליקע „פּאַרטשע־פּעניש׳ן” מיטן יידן איז ליבין נישט געגאַנגען. אָבער אָט־איז דער לייע־נער אויסגעוואַקסן. די סאָציאַליסטישע דיסציפּלין איז אויך אָפּגעשלאָפּט געוואָרן. דער שריפטשטעלער האָט געקאָנט אָן מורא, וויפיל זיין האַרץ גלוסט, אַרומכאַפּן זיך מיט דעם יידן, גיין הקפות אַרום אים, אונטער־גראָבן זיך אונטער אים. און דער מענטש ליבין און נאָך אים דער שריפטשטעלער ליבין האָבן אויסגענוצט די „נייע פריייהייט”. דער שריפטשטעלער האָט געמוזט אויסנוצן. אַניט וואָלט ער הינטעשטעליק געבליבן, און ער וואָלט געוואָרן „אומאינטערעסאַנט” פאַר דעם לייענער. און דער מענטש ליבין — איצט פאַרדריסט אים גאַנץ שטאַרק, וואָס מען איז אַמאָל געוועזן אַזוי אַסימילאַטאָריש געשטימט און מען האָט קיין גע־וויכט נישט געלייגט אויף דער יידישער שפּראַך. דער פּאַרדרוס און די חרטה און די ספקות שפּיגלען זיך אָפּ אין זיינע דערציילונגען. איצט כאַפּט זיך ביי אים אַ טאַטע פאַרן קאָפּ:

סטייטש, וואָס האָט ער דאָ אָפּגעטאָן!—ווען ער קומט צום שול־הויף אָנקוקן, ווי זיין טאָכטער, די לערערקע פירט אַ שפּיל מיט די קינדער. און זי, פאַר וועלכער ער האָט דאָס לעבן געלייגט, קערט זיך אָפּ פון אים, פאַר שרעק, טאָמער וועט ער זיך אַרויסכאַפּן צו איר מיט אַ יידיש וואָרט!

אָבער דער הכשר אויפן יידן וואָס דער מענטש ליבין האָט געגעבן דעם שריפטשטעלער, איז אַ קנאַפּע סגולה געווען. דער ייד־שטאָף בלייבט אויפן שמועס־אויבערפלעך פון דער דערציילונג, ווערט נישט איר גרונט־טייל. די דערציילונג שטעלט נישט און לייזט נישט קיין פּראָבלעם. פּאַרענטפערט נישט און ווייזט קיין אויסוועג נישט.

דער חרם אויפן יידן האַלט אָן. נישט געקוקט אויף דער דערלויב־ניש פון זיין באַוואוסטזיין, זיצט דער חרם אין זיין שריפטשטעלערישן נפש. און אָט־דער חרם האָט דאָס געשטערט, געקלעמט זיין דערציילע־רישן פאַרנעם און אויסגעלייגט זיין מעטאָד אויף דער פלאַך פון טאָגבוך טאַקע דערפאַר, ווייל ער איז אַזוי בריה׳דיק דערציילעריש. און ווען עס פלעגט געשען, אַז ער איז יאָ אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו אַ גרעסערן פאַר־נעם — צ. ב. ש. פון יידישן טעאַטער — פלעגט ער געשטרויכלט ווערן. זיין דראַמע האָט זיכער געהאַט אַ גרויסע מעלה קעגן דעם שונד־באַלאַ־גערער פון טעאַטער — זי איז געווען מענטש־און לעבן־געטריי. אָבער פאַר „פאַרנעם” — האָט ער בלויז איבערגע׳חזר׳ט, פאַרפילפאַכט די

מיטלען און די עפעקטן — דעם געוויין און דעם לאַך — פון זיין קור־צער טאָג־בוך דערציילונג—כפל'ענדיק טרער אויף טרער, אָנקיצלענדיק לאַך אויף לאַך — און עס איז אַרויסגעקומען סענטימענטאַל־מעלאָדראַ־מאַטיש און איבערטריבן קאָמעדיש. און ווען דער נייער לייענער האָט גענומען פאָדערן אַ גרעסערן דערציילונגס־פאַרנעם, האָט ער פונקט אַזוי געטאָן: פאַרגרעסערט, גע'כפל'ט, איבערגע'חזר'ט; ער האָט פאַרמערט די צאָל פאַקטן אין דער דערציילונג. און די צווישנס אויסגעפילט מיט מער דיאַלאָג, מיט מער כאַראַקטער — ד. ה. מיט מער כאַראַקטער־באַ־שרייבונג — און מיט מער „געזעלשאַפטלעכקייט" — ד. ה. מיט מער רייד וועגן געזעלשאַפטלעכע אידייען. אָבער קיין טיפערער אַריינדרינג אין תוך פון כאַראַקטער, אין אונטערגרונט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן; קיין אַרומנעם פון אַ ברייטערן לעבנס־פאַס, פון אַ לענגערן צייט־אָפשניט. מאַכנדיק אַ סך־הכל — ליבין האָט זיין ליטעראַרישן אינסטרומענט אויס־געאַרבעט אויף דעם עולם און דער אינטעליגענץ פון ערשטן אימיגראַנטן־דור, וואָס דער ייד האָט גערדעמלט אין זיין אונטער־באַוואוסטזיין. איז עס געווען אַן אינסטרומענט — די טאָגבוך־דערציילונג — וואָס האָט זיך געהיט צו בויערן ביז צו דער אונטערשיכט פון געמיט — דעם אונטער־באַוואוסטזיין. אָבער אַט איז שוין אַ שטיק צייט אין דעם, ווי עס איז אויפגעקומען אַ דור, וואָס דער ייד אין אים האָט זיך אויפגעוועקט און האָט זיך אַרויסגעהייבן פון אונטערבאַוווסטזיין צו באַוואוסטזיין. און ליבין פירט נאָך אַלץ דעם טאָגבוך פון אימיגראַנט — מיט דער טעכניק פון אַ טאָגבוך־דערציילונג. ער איז מיט זיין טעכניק, מיט זיין דערציי־לונגס־פאָרם, געבליבן שטעקן אין זיין דור. זיין ליטעראַרישער אינ־סטרומענט האָט זיך אויסגעדינט. אַט אין דעם זין זענען די יאָרן לי־בינען אַריבערגעוואָקסן.

פאַרן אויג האָט ליבין געדעקט אַ ברייט פעלד פאַר די 40 יאָר. אָבער ער האָט דאָס פעלד נישט דורכגעאַקערט, נאָר דורכגעבאַראָנעוועט. האָט געקאָנט וואַקסן גראָז, לייכטע פלאַנצונג, אָבער קיין בוים, וואָס זאָל מיט זיינע צווייגן וואַרפן שאָטנס ביז אין אונדזער צייט. — איז אונטער־געקומען אַ צייט, וואָס האָט דוקא געפאָדערט, אַז אין דער ליטעראַטור זאָלן וואַקסן ביימער. דאָס נעמט אָבער ביי אים נישט אַוועק זיין היס־טאָרישן פאַרדינסט, וואָס ער טיילט בשותפות מיט ראָזענפעלדן, וואָס ביידע צוזאַמען האָבן איינגעשטעלט די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע

— ראַזענפעלד מיט גרעסערן דערפאָלג, ווייל מיט עפּעס „ייד"־חילף, דאָס ליד; און ליבין, נאָר אַן „ייד"־הילף, די דערציילונג.

* * *

פאַר דער וויטערדיקער כאַראַקטעריסטיק פון דער פּיאָנערישער דערציילונג — פון אירע מעלות און חסרונות — וועלן מיר זיך ווענדן צו דעם צווייטן פּיאָנער־דערציילער — לעאָן קאָברין. ליבינס דערציי־לונג איז דורכזיכטיק, האָבן קלאָר זיך אַרויסגעזען אירע גרונטשטריכן, עס האָט זיך לייכט געלאָזט פעסטשטעלן איר אורשפּרונג פון תכלית׳־דינסט. אַ חוץ וואָס זי איז געווען די ערשטע, איז זי אויך באקוועמער געווען פאַרן ערשטן גענויערן אַנאַליז. קאָברינס דערציילונג, וואָס איז געקומען מיט צוויי יאָר שפּעטער — אין 1894 — איז פּאַרוויקעלטער; זי איז נישט געשמועסט, נאָר געבויט. אָבער פּאַרוויקעלטער, לאָזט זי דערקענען דיזעלביקע גרונט־שטריכן. דוקא איר אַנדערשקייט באַשטע־טיקט אַז אויך זי האָט געהאַט פאַר איר ציל דעם אימיגראַנט אויסצור־גרינען, אויסצומענטשלען.

האָבנדיק אין זינען צו דינען דעמזעלביקן עולם, ווי ליבין, האָט קאָברין אָבער זיך אַדרעסירט נישט דירעקט צום עולם, נאָר צום עולם דורך דעם אינטעליגענט, וואָס האָט באַדינט דעם עולם מיט סאָציאַליזם. און דאָס מאַכט די נפקא מינה. אומבאַוואוסטזיניק (אָדער אפשר באַ־וואוסטזיניק) האָט ער געזוכט אויסצונעמען ביים אינטעליגענט מיט לי־טעראַרישקייט. פון אָנהייב אָן מיט דעם וויסן און פילן, אַז ער שאַפט ליטעראַטור. זיין ערשטע אָריגינעלע סקיצע, אָפּגעדרוקט אין „פילאַדעל־פיער שטאָט־צייטונג" אין אַפּריל 1894, האָט געהייסן אַ „מערדער אויס ליבע" — אַ פּאָעמע אין פּראָזע, אַ געבאָרגטע פאָרם. אודאי ביי טורגע־נעוון גענומען. דער סוזשעט: ער האָט געפונען אין פעלד אַ בלום, איז זי אים זער געפעלן. האָט ער זי אָפּגעריסן און זי איז פאַרוועלקט געוואָרן. זינגט ער דערויף ליטעראַטור־עברי. אָן אַרבעטער האָט ער אזאַ מעשה נישט געקאָנט דערציילן. ער האָט שפּעטער נאָך עטלעכע אזעלכע פּאָעמען אין פּראָזע געשריבן, און נאָך מער האָט ער אזעלכע האַרטלעכע קאָפּ־לירישע שטעלן אַריינגעוואָרפן אין זיינע דערציילונגען — פון דעם אינטעליגענט אַרויס.

אין זעלביקן חודש אַפּריל האָט ער אָפּגעדרוקט אַ מעשה־פעליעטאָן „אַלץ איז ביי זיי אַ שפּיל" — באַבע באַשע גלויבט באמונה שלמה, אַז

אין פּאַנאָגראַף זיצט פאַרשפּאַרט אַ פּאַר׳כּישוף׳טער מענטש. אַן אינ־טעליגענט, וואָס חכמה׳ט זיך מיט געמאַכטער פאָלקסטימלעכקייט. דער־מיט האָט ער געמאַכט דעם אָנהייב צו אַ לאַנגער סעריע פון אַזעלכע אימיטאַציעס אויף פאָלקסטימלעכקייט — מסתמא באַשטימט אויף פאַר־געלייענט צו ווערן אויף ליטעראַרישע אָוונטן. אַלץ איז דאָ: אי חוש פאַר כאַראַקטער, אי אויג פאַר פּנים׳ער, אי געהער פאַר לשון, נאָר דער געלעכטער איז נישט קיין פרייער, אַ צוגעטראַכטער, אַ בכיוון׳דיקער. שפּעטער וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז קאָברין פאַרמאָגט יאָ אייגענעם הומאָר, וואו עס לאַכט זיך אים נישט געצוואונגענערהייט — דאָרט וואו ער וועט לאָזן זיין האַנט גיין אַ פרייען גאַנג, אַ האַנט, וואָס קאָן כאַפּן באַוועגונג.

שוין אין מאַי 1894 האָט ער אַזאַ דערציילונג — „אויפן דאַך" — וואו זיין האַנט שטרעקט זיך שוין צו איר נאַטירלעכער פונקציע. אין אַ הייסער זומער־נאַכט, אויפן דאַך פון אַ טענעמענט הויז אויף נאָרפאָלק סטריט, קאָן מאַקס, אַ קעפּמייקער ביים פאַך, נישט איינשלאָפן. ער וואַרפט זיך אַ גאַנצע נאַכט אין הוילער מורא, אַז זיין יונג ווייבל וועט אין שלאָף זיך אָפּדעקן, און דערוויילע וועט אַ בחור, וואָס שלאָפט דערביי — ער „מאַכט זיך שלאָפנדיק" — האָבן אַ געלעגנהייט צו צוקוקן זיך צו איר נאַקעטן לייב. פאַרטאָג, ווען ער האָט איינגעדרעמלט, כאַפּט ער דעם בחור ביים פאַרברעכן. און עס ברעכט אויס אַ סקאַנדאַל.

דער אַריינפיר איז אָנפאַנגעריש געשריבן אין סטיל פון אַ קאָרעס־פּאָדענץ קיין רוסלאַנד, וועגן דעם ניו־יאָרקער יידישן קוואַרטאַל, מיט אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס; די ווערטלעך, די זידלערייען זענען פּינקט־לעך אָפּגעשריבן. זיין האַנט גנב׳עט זיך פּאַוואָליע, נישט זיכער צו די אייפערזוכט־סצענען; אָבער קומט זי צו זיי, לעבט זי אָפּ און זי ווערט פריי.

די דערציילונג איז שוין אַן אָנווייז דערויף, אַז קאָברין איז אַ קאָפּ־מענטש וועלכער קאָפּירט דעם נאַטוראַליזם; אַ קאָפּ־מענטש, וועלכער האָט אָבער אויגן אין קאָפּ אויף אַריינצוזען שאַרפע כאַראַקטעריזירנדיקע זשעסטן, און ענערגיע אין האַנט אויף צו באַשרייבן אויסערלעכע באַ־וועגונג, וואָס דעקט צו און אַנטפּלעקט ליידנשאַפט.

קאָברין האָט מיטגעבראַכט פון דער היים ליטעראַטור־באַוואוסטזיין, וואָס דאָס איז געווען זיין צוגאָב צו דער היגער פּיאָנערישער דערציילונג. די לאַנדסלייט פון וויטעבסק געדענקען אים נאָך פאַר אַן איבערגעוואַק־

סענעם בחור, וואָס זיצט אין זיין טאַטנס געשעפט, תמיד פאַרטאָן אין ביכער און —— טשעפּע אים נישט!„ א „פּרא אדם", האָבן זיי זיך גע־טראַכט. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז אין דער משפחה, צווישן די גע־בילדעטע קוזינעס, האָט ער געהאַט אַ צונאָמען „אונדזער פּאָעט". אָנגע־לייענט זיך מיט טשעכאָוון און קאָראָלענקאָ, האָט ער אַליין געפּרובט זיין האַנט אויף רוסישע דערציילונגען (דאָס דערוויסן מיר זיך פון זיין אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג פון 1897 — „איך בין דאַן אַלט געווען 17 יאָר" — וועגן דעם, ווי אַזוי אָפּשעמענדיק זיך, נאָך אַ לאַנגער קווײנקלעניש, האָט ער זיין נאָר־וואָס פאַרהייראַטע קוזינע, אין וועלכער ער איז געווען יינגליש פאַרליבט, אַ קוש געטאָן אַזוי, אַז יענע איז אַזש רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן) — וועגן יידיש האָט ער עפּעס גע־הערט, אַז אויף אַט־דעם ווילדן לשון־„זשאַרגאָן" שרייבט מען ראָמאַנען פאַר דינסטמוידן.

אַ חוץ רוסישן ליטעראַטור־באַוואוסטזיין, האָט קאַברין אויך מיט־געבראַכט פון דער היים אַ דערציילונגס־מוסטער — דעם נאַטוראַליסטישן געבוי — וואָס דערמיט אונטערשיידט ער זיך פון ליבינען, וועלכער האָט גענומען אַרויפאַרבעטן די דערציילונג פון איינפאַכסטן עלעמענט — דער שמועס. אָבער דאָס נעמט ניט אַוועק פון קאַברינס פּיאָנעריש־קייט, פון זיין זעלבסטשטענדיקער אָנהייבערישקייט. ווייל קיין דערציי־לונג איז פּאַקטיש נאָך נישט געווען און זי האָט געדאַרפט אַרויסגעבויט ווערן אויף אַ רויען העלד, וואָס איז פון ליטעראַטור נאָך נישט געכאָוועט געוואָרן, און אויף אַ רויען לייענער, וואָס האָט ערשט געפּרואווט דעם טעם פון ליטעראַטור. (אַפילו דער סאָציאַליסט־אינטעליגענט, צו וועמען קאַברין האָט אומבאַוואוסטזיניק זיך אַדרעסירט, הגם מערסטנס מיט קענטניש פון דער רוסישער ליטעראַטור, איז ער אָבער אין הלכות יידישע דערציילונג געווען פּונקט אַזוי רוי ווי דער לייענער פון נאָרפאָלק סטריט).

דאָס וואָס קאַברין איז אָנגעלאָפן געווען מיט ליטעראַטור־אַמביציעס, איז געווען אי אַ הילף פאַר אים, אי אַ שטער. — אַ הילף: האָבנדיק פאַר זיין מוסטער אַן אַנטוויקלטע דערציילונגס־פאָרם, האָט ער געקאָנט זיך שטעלן גרעסערע אויפגאַבן: איינצופאַסן אין דערציילונג־ראַם ברייטערע לעבנס שילדערונגען, שטעלן כאַראַקטער, געבן טיפּן — דעם רעוואָלוצי־אָנערן אַרבעטער אין „באַקונין"; די נייע פרוי אין „ווייערא", דעם אינ־טעליגענט אין „ער, מאַקס, און די שיינע העלענא". האָט ער זיך אויך געקאָנט פאַרמעסטן אויף אַ לענגערער נאָוועלע — „קאַרל מאַרקס" —

בעת ליבין האָט קוים געמאַכט אַ פּאַרזוך אויף אַ נאָוועלע; אין זיין שמועס־פּאַקט־דערציילונגס־פאָרם האָט זיך נישט געלאָזט אַריינפּאַקן צופיל דערציילונגס־משא. מיט אַ פּאַרטיקן מוסטער פאַר די אויגן, האָט קאַברין געקאָנט טרייבן אַ סך וויטער דעם אויסגרינונג־פּראָצעס פון דעם גרינעם, זיין פּאַרמענטשלעכונג, זיין אַריינטריט אין דער ציוויליזאַציע. און דער הויפּט־מיטל פון פּאַרמענטשלעכונג ביי קאָברינען איז ליבע. ביי ליבינען איז ליבע בלויז סוזשעט, פּאַסירונג, מעשה. ער האָט זיך באַנוגנט מיט לאָזן וויסן זיין לייענער אַז ליבע איז מענטשלעך. אים וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו מאָלן אַ סצענע פון ליידנשאַפט. וועגן ליידנשאַפט „שמועסט" מען נישט. מען דערציילט דעם פּאַקט און דאָס אַלץ.

קאָברין האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף ליידנשאַפט־שילדערונג, אויף דעם קאָך און רעש אַרום געשלעכט־לעבן; אויף אייפערזוכט, אויף פאַר־פירעניש, אויף ברוגז און שלום אין פאַמיליען לעבן: אַ „יאָר נאָך דער חתונה", „דריי חדשים נאָך דער חתונה, „אויף מאָרגן נאָך דער חתונה" און „דער ערשטער אַקט אין אַ פאַמיליען־דראַמע". ער פירט אַריין אין די געהיימנישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ בחדרי חדרים, וואָס קיין פרעמד אויג זעט עס נישט אויף צו באַשמועסן פאַר שכנים.

און די ווענדונג צו פּאַרמענטשלעכונג פון לייענער דורך ליבע האָט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט: אין פּריוואַט־לעבן, אויסער דעם יו־ניאָן־לאָקאַל און דער „באַוועגונג", איז ליבע געווען דער טויער דורך וועלכן דער גרינער איז געגאַנגען צו ציוויליזאַציע. איין צייט איז דער ליבעס־קולט כמעט געוואָרן די נייע „מענטש־רעליגיע".

אין תוך איז ליידנשאַפט, אויפגעברויזטער געפיל, נישט דווקא גע־שלעכטלעכער, נאָר אַלץ וואָס רעגט דאָס בלוט, שאַפט צוזאַמענשטויס, קאָנפליקט — דער אונטערשלאַק, איבער וועלכן עס באַוועגט זיך קאָב־רינס יעדע דערציילונג — אַפילו די פּראָלעטאַרישע. אייגנטלעך האָט קאָברין כמעט קיין פּראָלעטאַרישע דערציילונגען נישט אין ענגן זין פון וואָרט. אמת, די מאַיאָריטעט פון זיינע העלדן זענען פּראָלעטאַריער, אָבער נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס ווערט אָנגעגעבן זייער פאַך. קאַפּנמאַכער, העמדל נייער, סיגאַר מאַכער, שניידער. פון די געציילטע שאַפּ־דערציילונגען איז דער טשוואַק פון דער „שיינער העלענאַ" — אַן אינטעליגענט אַ שלימזל, אַ שרייבער, וואָס ווערט אויסגעקאָנקורירט אין ליבע פון אַ גרעסערן פּאַרדינער ביי העמדער.—אין די „קליינינקע

נשמה'לעך" איז די טעמע נישט אַזוי דער פּראָלעטאַריער, ווי דער ייִד. די אָפּקומענישן פון פיר ייִדן אין אַ יאַהודימשער סיגאַר־פאַבריק, וואו ייִדן דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן ווי מאַראַנען. — אין „באַקונין" איז דער הויפּט־אינטערעס די כאַראַקטעריזירונג פון אַ פּרימיטיוון אַנאַרכיסט, וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין באַקונינען דורך אַ שונד־ראָמאַן, און דער הויפּט־קאָנפליקט איז, וואָס זיין מיידל, אויך אַ גענאָסין, האָט זיך דווקא איינגעשפּאַרט, צוליב דער מאַמען, חתונה צו האָבן כדת משה וישראל. און אפילו אין „קאַרל מאַרקס", וואָס איז שוין אַ פּראָלעטאַריש־אידייאישע אונטערנעמונג, זענען די בעסטע שטעלן די פאַמיליען־סצענען, די היימישע קריגערייען מיט דעם ברודער דעם פאַבריקאַנט; און די אידייאישע, אינטעליגענטישע און קלאַסנקעמפערישע שטעלן זענען די שוואַכערע. — די פּראָלעטאַרישקייט איז געפאַלן אַ קרבן צו דער פאַרמענטשלעכונג! נאָר וואו די פאַרמענטשלעכונג איז אונטערשטיצט פון בלוט־אויפרעגונג איז דערציילערישער געווינס.

נאָך אַ גרויסע הילף, וואָס קאָברין האָט באַקומען פון זיין ליטעראַטור־אַמביציע איז געווען, וואָס זי האָט אים אינספּירירט צו דער אויסברייטערונג פון די גרעניצן פון דער ייִדיש־אַמעריקאַנישער דערציילונג. ער איז אַוועק נאָך סוזשעטן צו דער אַלטער היים — אין דירעקטן פאַרמעסט מיט דער רוסישער נאַטוראַליסטישער דערציילונג, אָדער אפשר מיט דער ייִדישער דערציילונג פון רוסלאַנד. ליבין האָט מיט זיין דערציילונג קיינמאָל זיך נישט אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד. די אַלטע היים ווערט נאָך ביי אים דערמאָנט, ווען אַן אימיגראַנט פאָרט צוריק צו זיין פאַמיליע, אָדער ווען ער ברענגט אַראָפּ די פאַמיליע אַהער, אָדער ווען ער באָרגט אַן עפּיזאָד פון אַלט־היימישן לעבן צו אילוסטרירן אַן עפּיזאָד דאָ. ער איז אויסשליסלעך אַן אימיגראַנטן־דערציילער, ער וויל זיך נישט אַריבערהייבן איבער דעם אימיגראַנטס אומ־מיטלבאַרער אויפמערקזאַמקייט (ב. גאָרין איז געקומען אַהער אַ פאַרטיקער — אַ שילדערער פון היימישן קרעמערשן און ישיבה בחור'שן לעבן — און אַזוי איז ער דאָ פאַרבליבן. קאָן ער נישט פאַררעכנט ווערן פאַר אַן אַמעריקאַנער אויפטוער).—קאָברין, ווייל געטריבן פון אַ באַוואוסטזיניקן ליטעראַטור־מאָטיוו, האָט זיך יאָ אַריבערגעהייבן איבערן אימיגראַנט. און ווי ער אַליין זאָגט עדות: „די דערציילונגען פון היימישן לעבן האָבן זיך מיר געגעבן לייכטער" — ווייל איינגעשטעלט לעבן, איינגעשטעלטער כאַראַקטער, האָט זיך דאָס געלאָזט, בעת דער אימיג־

ראַנט, מיט זיין נישט איינגעשטעלטקייט האָט זיך געלאָזט בלויז אויסער־לעך פאָטאָגראַפירן. האָט ער שוין אין 1898 אַ פּערפעקטע קאַברינשע דערציילונג — „יאַנקעל בוילע" — וואו כאַראַקטעריזירונג און פּאַסירונג לויפט פּאַראַלעל צו בלוט־באַוועגונג. האָבנדיק די רוסישע ליטעראַטור פאַר אַ וועגווייזערין, האָט ער זיך דערגראָבן צום פּראָסטעסטן, פּרימי־טיוּוסטן פאָלקס טיפּ, איידער די יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום דעק פון פּראָסט־פאָלקישקייט. — אין 1904 האָט ער אויפגעגראָבן אַ גאַנצן נעסט פון פּראָסט־פאָלקסטום — „דער מילכי־קער בית־מדרש" — אַ שול, וואו גנבים פירן באַלעבאַטישן שטאַט, און מען פאָרט צו גאָט אויף נע'גנב'עטע פערד. און וואו נישט קיין גנב איז אַ יאָלד, וואָס מען טאָר מיט אים אינאיינעם נישט דאַווענען. נישטאָ קיין צענטראַלע פּאַסירונג, אָבער די כאַראַקטעריזירונג איז אַזוי שאַרף זשעסטיקולירט, אַז די באַשרייבונג גופא ווערט פּאַסירונג, וואָס קוועלט פון זיך אַליין מיט געלעכטער.

אויף אַזוי ווייט האָט די ליטעראַטור־אַמביציע קאָברינען אַרויסגע־האָלפן. אָבער די אַמביציע איז אים אויך געווען אַ שטער, ווייל זי פאָדערט אַרוים קאָפּ־אַרבעט, באַוואוסטזיניקע אָנשטרענגונג, איבער דעם פאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס שטייט צו דינסט.

דערפאַר האָט קאָברין געליטן אָפטער דורכפאַלן, ווי ליבין, וועלכער קומט פאַרהעלטניסמעסיק לייכט צו דעם מאַקסימום, וואָס זיין שמועס פאָרם קאָן געבן. ביי קאָברינען אַפילו אין גוטער דערציילונג שטויסט מען זיך אָן אויף „קאָפּ־לעכער", פון וואַנען מוח און גע'מוח'טקייט קריכן אַרוים. ווען דערגרייכט קאָברין זיין מאַקסימום, וואו מען זאָל נישט פילן די שטרויכלונגען פון זיין פען?

שטעלט זיך אַרוים אַט־וואָס: קאָברין, וועלכער האָט זיך ספּעציאַ־ליזירט אויף „ליידנשאַפט" (סיי אין ענגן זין פון וואָרט פון תאוה און סיי אין ברייטערן זין פון געפילס־לעבן) האָט נישט קיין ווערטער אויף אויסצודריקן דאָס אינעווייניקסטע, די פּסיכישע זייט פון ליידנשאַפט. פאַר דער פּסיכיק קומט ער אָפּ: „גערעדט ליידנשאַפטלעך", „געשעפּ־טשעט ליידנשאַפטלעך". וואָס ער באַשרייבט יאָ, זענען עס די צייכנס, די זשעסטן, די אויסערלעכע באַוועגונגען, וואָס באַגלייטן ליידנשאַפט. איז גוט ווען ער האָט אַלץ וואָס איז נויטיק פאַר דער באַגלייטונג — האַנדלונגען, סצענעס, רייד, כאַראַקטער. יעמאָלט איז די דערציילונג געפּאַקט, אָן איבערייסן, הוילע באַוועגונג. און יעמאָלט איז צמצום.

און געוויינלעך האָט ער די באַגלייטונג ביז צו אַ פּונקט — בלויז פאַר דעם ערשטן גאַנג פון דער לײַדנשאַפט, פאַר דער ערשטער גראַדער ליניע — ביז צו אַ בויג אין דער לײַדנשאַפט, ביז צו אַ בייט אין כאַראַקטער. ווען ער דאַרף פון זיך צוטראַכטן אַן ענדערונג, קומט ער צו קורץ. יעמאָלט נעמט ער זיך גריבלען, טומלען, זיך טראַמפּלען אויף איין אָרט; יעמאָלט שטוקעוועט ער און ווידערהאָלט. דאָס מיינט, אַז ער קען בלויז די אויבערפלעך פון דער לײַדנשאַפט.

זיין מאַקסימום איז ביז צום קריטישן פּונקט, וואו די אויבערפלעך פון דער לײַדנשאַפט לאָזט זיך אויס. פּערפעקט קאָברינישע זענען „דער ערשטער אַקט פון „פאַמיליען דראַמע", וואו אַ פרוי פון אַ שוואַכן מאַגנעלע ווערט פאַרקאָכט אין דעם מער מענערישן שוואָגער; „דער אמת", „סורפּרייז" — אין תוך איז דאָס דערציילטע דראַמע, וואָס וואָלט זיך געלאָזט שפּילן. דראַמע צי מעלאָדראַמע — מיר זענען צו פאַרנומען צו מערקן צוגעשפּילטקייט, אומישנעקייט, אָנגעשרויפטקייט.

צווייטנס, שטעלט זיך אַרויס, אַז הגם קאָברין אַדרעסירט זיין דערציילונג צום אינטעליגענט, אָבער רײַדן קאָן ער נאָר צום אינטעליגענט וועגן פּראָסטערן מענטשן, נישט וועגן אינטעליגענט אַליין. און וואו קאָברין דאַרף רײַדן וועגן אינטעליגענט, און פון זיך דער אינטעליגענט אַרויס, ווערט זיין שרייבן „ליטעראַריש", געקליגעלט, געקינצעלט. פּראָזאַיש־ליריש. „ביים איסט־ריווער", וואו אַן עלטערער מאַן פּאַקט זיין יונגע פרוי מיט איר שטיף זון, זיין זון פון דער ערשטער פרוי, און זי וואַרפט זיך אין וואַסער אַריין, איז סצעניש און פאַרביק; „ וויערא", ביים זעלביקן איסט־ריווער—אַן אינטעליגענטע פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ קינד אין פרייער ליבע, רופט אַרויס אויף אַן אונטעררײַדונג איר פאַלשן געליבטן, אַ סטודענט־קאַריעריסט, אין דעם טאָג ווען ער האָט חתונה פאַר נדן, איז לײַדיקלעך און בלאַס. בלויז דער פאַמיליען־קריג מיט זיין מוטער איז גוט. „דזשענים כל נדרי", וואו אַ הענדלערקע מיט זיך פאַר'שיכור'ט אירע דערינערונגען אַן היימישן ערב יום־כפּור — אַ פּאָרשפּיל צו דער שפּעטערדיקער הייזל נאָוועלע „טיר נומער 3" — איז שטאַרקע זשעסטיקולאַציע; „אננאם מה נשתנה", וואו אַן אינטעליגענטע אַרבעטער־מיידל רעדט פון איר נשמה אַרויס איר בענקשאַפט נאָך די אָנגעוואָרענע יידישע ימים־טובים, הגם אויסגעצייכנט לויט דער כונה, איז שוואַכע אילוסטראַציע. — וואו ער דאַרף פון זיך אַרויסנעמען זיין העלד, וואו ער דאַרף געבן פון פערזענלעכער איבערלעבונג, וואו

ער דאַרף אויסטראָגן און אויס'חלומ'ען זיין שטאָף — פעלט אים אויס אַטעם. (פונקט אַזוי ווי זיין אַדרעסאַט דער אינטעליגענט. פון זיך האָט ער נישט געהאַט וואָס צו געבן. דורכגעלייענט אַ ביכל, האָט ער עס פּאָ־פּולאַריזירט. און אפשר דערפאַר האָט ער זיך אַזויפיל אָפּגעגעבן מיטן פּראָסטערן מענטשן — נישט מחמת גייסטיקער עשירות — נאָר ווייל ער האָט געמוזט לעבן דרויסן — ער האָט נישט געהאַט געגוג אין זיך מיט וואָס צו לעבן. פונקט ווי דער פּראָסטערער מענטש, האָט ער גע־לעבט אויף דער איבערפלעך פון זיין געמיט).

מיט דער צייט, ווען קאָברין איז באַהאַוונט געוואָרן אין די וועגן פון יידישן טעאַטער, האָט ער זיך אויסגעלערנט פאַרגלעטן די שוואַכע ערטער. וואו ער פלעגט דערגרייכן דעם געפערלעכן פּאַר אים גרעניץ, האָט ער אָנשטאָט צו דערציילן דראַמע גענומען אַריבערטראָגן אויפן פּאַפּיר די דראַמע פון די ברעטער — מיט אַלע אירע קונצן און עפעקטן — מיט צופאַלן, צוזאַמענטרעפונגען און מעכאַנישע פאַרשטאַרקונגען. אַזוי „דער פאַרשטערטער שבת" — אַ היימישע דערציילונג, וואו אַן אַלט פּאָר פאָלק זעצט זיך פּרייטיק־צו־נאַכט צום טיש און זייער בת־יחידה, די משומדת'טע, גייט שווער צו קינד אין שכנ'ישן הויז פון איר שוועך דעם אַקציזניק. — אַנדערש ווי אין „יאַנקעל בוילע" האָט קאָברין קיין קענטניש ניט פון דעם נשמה־צושטאַנד פון אַ פרומען יידן; די פסוקים, די מדרשים און ראיות פון דער גמרא, וואָס אַ פרומער ייד וועט פּרעפּלען אויף צו שטאַרקן זיין געמיט, האָט ער גערדאַרפט עמיצן בעטן פאַר אים אָפּצושרייבן. גיט זיך קאָברין אַן עצה: ער שרייבט די דערציילונג ווי אַ סצענאַריאַ פאַר אַ מעלאָדראַמע — בוכשטעבלעך. אפילו מיט רעמאַרקן פאַרן בינען־רעזשיסאָר געפינען מיר דאָרט: „פאַר די וואָס זענען אומבאַקאַנט מיט די יידישע רעליגיעזע מנהגים, וועט עס פּאַרקומען ווילד — „דורך איר שטאַרקן רעליגיעזן גלויבן" — „אַ שרעק־לעכער שווייגן, האַרצרייסנדער פון העכסטן יאָמער" — האָט קאָברין נאָר זיך אַליין אויסגעצייכנט אָפּגענאַרט!

דער כלל איז, וואו קאָברין פאַרנעמט זיך איבער זיין פאַרנעם — ביים איבערברוך פון כאַראַקטער, וואו עס לאָזט זיך אים אויס „פּאָדים" — פּאַסירונג, באַוועגונג — נעמט ער ציען, מעכאַניזירן, מעלאָדראַמאַטי־זירן. אַזוי אין דער איבעראַרבעטונג פון זיין „יאַנקעל בוילע" פון דער־ציילונג אין דראַמע, וואו ער האָט געדאַרפט צואַרבעטן אַ שטאַרקן שלוס, האָט ער צוגעגעבן צעטומלטע, איבערגע'חזר'טע, מעלאָדראַמטישע „פּסי־

באַלאַגיע״. און וואו עס לאָזט זיך קיין מעלאָדראַמע נישט מאַכן — ווי אין אַ „ליטוויש שטעטל״ — אַ ריין באַשרייבנדיקע שילדערונג — ווערט ער מעכאַניש מאַנאָטאָן.

וואָס דאָס אַלץ זענען די דערקען־צייכנס פון דער ליטעראַטור פון ערשטן דור. אַזוי פלעגט אויך מיט ליבינען געשען, ווען ער פלעגט אויפגעפאָדערט ווערן, אָדער ער פלעגט זיך אַליין אויפפאָדערן צו אַ גרע־סערן פאַרנעם. מיט דער נפקא מינה, וואָס קאָברין מעלאָדראַמאַטיזירט מיט „ליידנשאַפט״, און ליבין מיט סענטימענטן. אויך ביי קאָברינען איז אינעוועניק אַ שטער, אַ קלעם, וואָס פאַרהאַלט די שעפערישע אָנשע־פונג פון דער טיף פון געמיט, וואָס דאָס איז פאַרבונדן געווען מיט דעם חרם אויפן יידן בלחש, און מיט דער אָפּלייקענונג פון דער יידישער צו־זאַמענגעהעריקייט בפרהסיה. און זייער דערציילישער מעטאָד איז דער־פאַר אַרויסגעצוואונגען געוואָרן צו דער דרויסנדיקער פלאַך — איבער וועלכער ליבין באַוועגט זיך מיט דער לייכטקייט פון אַ שמועסער־פּאַסאַ־זשיר און קאָברין מיט דער שווערקייט פון אַ משא־פירער.

וואָס דאָס איז אַ באַוויז, אַז קאָברין, פונקט ווי ליבין, געהערט צום ערשטן אימיגראַנטן־דור. ביים שוועל פון צווייטן דור איז זיין גרעניץ.

אָבער קאָברין האָט דאָך געפּרואווט אַריבערשפּרייזן פון ערשטן דור אימיגראַציע צום צווייטן און אַ דאַנק זיין ליטעראַטור־אַמביציע איז עס אים אָפטמאָל אויך געלונגען. אַט צ. ב. ש. ווען, אַריבערהייבנדיק זיך איבער דעם אימיגראַנט, האָט ער מיט זיינע אַלט־היימישע דערציילונגען גענומען וואַרפן אַ בריק צו דער ליטעראַטור מעבר לים. הגם ווי אַלע אינטעליגענטן פון יענע יאָרן, האָט ער אויך נישט געגלויבט אין דעם „מאָרגן פון דער יידישער ליטעראַטור״, האָט דער ליטעראַטור־אינטערעס אַריבערגעוואויגן, און ער האָט גענומען שאַפן יידישע ליטעראַטור לשמה, איבער דעם טאָג־באַדערפניש פון אימיגראַנט, פונקט ווי עס וואָלט געווען אַ יידיש פאָלק אויף דער וועלט, וואָס נויטיקט זיך אין ליטעראַטור, וואָס אין די ביידע זאַכן האָט מען דאַמאָלס נישט געגלויבט. דערמיט מיט זיין ליטעראַטור־באַוואוסטזיין — איז קאָברין שוין געווען האַלב־וועגס צו דער שעפערישער ליטעראַטור־אילוזיע, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין דער אַלטער היים אונטער שלום עליכם־פּרצעס שותפות׳ער השפעה. — קאָברין איז אַ בריק פון ערשטן דור צום צווייטן. זייט 1910 פאַרמעסט ער זיך אויף גרעסערע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען — געקייטלטע

שטייגער־שילדערונגן — „אַ ליטוויש שטעטל" — „טיר נומער 3" — און אויף פעריאָד־ראָמאַנען — „אָרע די באָרד". און צו קאָברינס שבח, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט געהאַט מוט, און נאָך אין 1897 האָט ער אין זיין דערציילונג „וואָס איז ער?" נישט מורא געהאַט צו שטעלן די פראַגע וועגן נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם און וועגן דער באַדייטונג פון יידישע יום־טובים פאַר דער דערציאונג פון יידישן קינד. אָבער קיין באַוואוסטזיניקער באַשלוס צו שאַפן יידישע ליטעראַטור פאַרן יידישן פאָלק איז נישט געווען. און וויבאַלד אַזאַ באַשלוס איז נישט געווען, האָט די ליטעראַטור נישט געקאָנט ווערן קיין אָרגאַן, וואָס שאַפט דויערנדיקע ווערטן. האָט זי סיי מיט איר אינהאַלט און סיי מיט איר פאָרם און סיי מיט איר סטיל נישט געקאָנט ווערן אַן אינסטרומענט אויף צו בויערן זיך אין דער טיף פון געמיט — פון לייענערס, פון העלדס און פון שריפטשטעלערס אייגענעם געמיט. איז עס געווען אַן אינהאַלט, אַ פאָרם און אַ סטיל, וואָס „פאָלגן אַ גאַנג", וואָס גייען אין שליחות פון צייטווייליקן נוצלעכקייט־תכלית.

אַ ליטעראַרישער אינסטרומענט, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף איין דור, קאָן נישט אַריבערטראָגן ווערן, ווי ער שטייט און גייט, אויף אַ צווייטן דור. און ווי עס זעט אויס, לאָזט זיך אַן אינסטרומענט אַזוי לייכט ניט איבעראַרבעטן—אין ליבינס פאַל, צוליב סבות, וואָס זענען אין דעם שריפטשטעלער גופא, און צוליב שטערונגען אין דער סביבה. — אין קאָברינס פאַל וועט די גענויע סיבה ערשט זיך אַרויס־שטעלן נאָך אַן אַנאַליז פון זיינע לעצטערע גרעסערע אונטערנעמונגען, וואָס וועט קומען אין אַ שפּעטערדיקער פאַרבינדונג. אָבער עס איז אין פאַראויס קלאָר, אַז אין קאָברינען, ווי אין אַ מיטגליד צווישן צוויי דורות, דאַרף אָנגיין אַ ביטערע ראַנגלעריי: פּרעטענזיע יאָגט זיך נאָך אַמביציע און ווערט צוריקגעהאַלטן פון אַ האַנט, וואָס האָט זיך איינגע־בריה׳ט אויף שלעפן אַ שווערן וואָגן לידנשאַפט אויף האַרטן דרויסן.

בלייבט דערווייל פאַר אונדז קאָברין אַ שריפטשטעלער פון ערשטן אימיגראַנטן דור.

די פּיאָנערישע ליטעראַטור — דאָס ליד, ווי די דערציילונג — איז געשלאָגן געווען מיט אַ גרונטפעלער, וואָס האָט זי נישט געלאָזט שטייגן נאָכדעם ווי זי האָט דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה. דער גרונטפעלער

קאָן באַצייכנט ווערן מיט פאַרשיידענע נעמען, אָבער דער בעסטער נאָ־מען איז גרונטלאָזיקייט — דער ייִד־גרונט האָט לכתחילה געפעלט דער פּיאָנערישער ליטעראַטור, ווען זי האָט זיך דאָ איינגעשטעלט. צוליב צוויי סיבות: ערשטנס דערפאַר, ווייל באַשטעלט, געפאָדערט איז זי גע־וואָרן פון אַן עולם, וואָס אויבערפלעכלעכקייט, רויקייט, חיי־שעה׳דיקייט, קורץ־אָטעמדיקייט פון געמיט זענען געווען זיינע הויפּט־סימנים. און צווייטנס דערפאַר, ווייל אויסגעטראָגן, געמוטערט איז זי געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, וואָס איר סאָציאַליזם האָט איינגעשלאָסן אין זיך דעם פאַרבאָט, די פאַרלייקענונג פון דעם ייִדן אין ייִדישן אַרבע־טער. אָדער אפשר זענען ביידע סיבות איין סיבה? די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, נישט געקוקט אויף איר געבילדעטקייט, איז געווען אַ טייל פון זעלביקן אויבערפלעכלעכן, רויען, חיי־שעה׳דיקן, קורץ־אָטעמדיקן עולם? און איר נישט־אָנערקענונג פון דעם ייִדן, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז פאַרפּוצט געווען מיט קאָסמאָפּאָליטיזם, איז געווען אַן אומ־באַרמיידלעכער רעזולטאַט פון זעלביקן פּסיכאָלאָגישן ערב־רב־צושטאַנד?

דאָס נעמט נישט אַוועק ביי דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ דעם פאַרדינסט, וואָס דווקא אין איר פּרעסע, נישט דער באַלעבאַטישער, איז די ליטעראַטור געבאָרן געוואָרן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן. אפילו די שטרענגע סאָציאַליסטישע דיסציפּלין איז געווען צו דער טובה פון דער יונגער ליטעראַטור. והראיה, די דערציילער זענען פון דער דיס־ציפּלין געהאָלפן געוואָרן דערצו, עס זאָל זיי נעמען ווייניקער צייט, ווי ראָזנפעלדן זיין ליד, צו דערפירן זייער דערציילערישן פּראָדוקט ביז צום גראַד פון ליטעראַטור — ראָזנפעלדן האָט עס גענומען אַ יאָר צען, ליבינען און קאָברינען ווייניקער פון פינף. אמת, די שטרענגע סאָצי־אַליסטישע דיסציפּלין, מיט איר ייִד־פאַרלייקענונג, האָט שפּעטער זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ מניעה, און סוף־כל־סוף געשטעלט אַ גרעניץ צו זייער שעפערישן פונאַנדערנעם. אָבער ביז צום יענעם גרעניץ האָט די דיסציפּלין זיי איבערגעלאָזט גענוג רוים אויף צו מאַכן אַ באַלדיקן שפּריי פון סאָציאַליזם צו „מענטש". די פאַרמענטשלעכונג, וואָס האָט באַפרייט זייער דערציילונג פון דער דירעקטער פּראָפּאַגאַנדע־פליכט, וואָס איז איר איינגעגעבן געוואָרן ביי איר געבורט, האָט אין זיי, די דערציי־לער, אַרויסבאַפרייט זייער דערציילערישע קראַפט. דער צווייטער נויטי־קער שפּרייז, וואָס איז אָנגעקומען אַזוי גרינג דעם אומדיסציפּלינירטן ראָזנפעלדן — פון „מענטש" צו „ייִד" — האָט זיך ביי זיי פאַרהאַלטן.

און נאָכפאָלגנדיק דעם עולם פונדערוויטנס, האָבן זיי דעם שפּריז געמאַכט מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג — צו שפּעט פאַר זיי אַליין — און צו זייער שאָדן.

נישט נאָר דער שריפטשטעלער-יחיד, נאָר די גאַנצע ליטעראַטור נויטיקט זיך אין רייכער אידייאישער שפּייזונג פאַר איר גדייאונג. און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, נאָך איר ערשטער גרויסער טובה, האָט שפּעטער מיט איר פירערשאַפט פון דער ליטעראַטור גענומען זי אידייאיש אויסמאָגערן. לאָמיר נישט אויסזאָגן, אַז זי, די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ איז געווען אידייאיש אָרעם. אָבער שוין דאָס אַליין, וואָס זי איז געווען אַסימילאַטאָריש. קאָסמאָפּאָליטיש האָט עס געהייסן, אָבער פּאַקטיש אַמעריקאַניזאַטאָריש-אַסימילאַטאָריש—דאָס אַליין איז שוין געווען גלות-פּראָדוצירנדיק. אין שום גלויבן אין דער נויטיקייט און לעבנספייאיקייט פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור — ווי שוין געזאָגט — העכסטנס וואָס מען האָט זיי ביידן געגעבן צו לעבן איז געווען אַ יאָר 25 — די פראַזע וואָס האָט געשטאַמט פון רעדאַקטאָר פיליפּ קראַנצן, איז געוואָרן אַ פּערמאַנענטע רעדאַקטאָרישע טראַדיציע און זי איז איבערגע'חזר'ט געוואָרן אַלע צען יאָר: נאָר 25 יאָר צו לעבן! — מיט דער פּאָראויסזעאונג פון אַזאַ גיכן טויט, ווּעמען וועט זיך גלוסטן אוועקצוגעבן זיין גאַנצע נשמה דער פעז?

די ליטעראַטור, פאַר פולער אינספּיראַציע, באַדאַרף האָבן גלויבן אין דעם קבוץ, פאַר וועלכן זי שאַפט, — דעם גלויבן, אַז אָט-דער קבוץ נויטיקט זיך אין ליטעראַטור, ווי אין זיין הויפּט-מיטל פאַר פּסיכישער זעלבסטדערהאַלטונג — כדי ניט צעפאַלן צו ווערן אין ווערטלאָזן מענטשן-שטויב — וואָס אָט-דער גלויבן דינט דעם שריפטשטעלער ווי אַ הייבער צו שעפערישקייט — אָט-דער פאַרבאַדינג צו אינספּיראַציע האָט געפעלט!

שוין מוחל דער אינטעליגענץ איר אַנטי-נאַציאָנאַליזם, איר אומגלויבן אין דער נויטיקייט און וויכטיקייט פון דעם קיום פון יידישן פאָלק. אָבער לכל-הפּחות גלויבן אין דעם יידן-געזעמל אויף דער איסט-סייד? ניין, די איסט-סייד וועט זיך מטריח זיין וואָס גיכער צו פאַרשווינדן! . . .

עס האָט בכלל געפעלט אידייאישע, אינספּירירטע פירערשאַפט פון דער ליטעראַטור. די השגה פון דער פירערשאַפט פון דער ליטעראַטור איז געווען די, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איר פריער יוגנט אין דער אַלטער היים. איר העכסטע השגה האָט זי דערגרייכט, ווען רוסלאַנד

האָט איר צוגעשטעלט טשעכאָווס רעאַליסטישע דערציילונג פֿאַר א מוסטער. צוגעגעבן, אַז אַ רעאַליסטישע דערציילונג איז גוט, ווען זי איז עכט; און צוגעגעבן, אַז די פּירערשאַפֿט האָט געהאַט אַ חוש פֿאַר עכטן רעאַליזם; און אודאי זאָל זיין צוגעגעבן, אַז טשעכאָוו איז אויס־געצייכנט! זי האָט בלויז פֿאַרגעסן, אַז טשעכאָווס רעאַליסטישע דער־ציילונג האָט געהאַט גרויס־רוסלאַנד און די צוקונפֿט פֿון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור פֿאַר איר אינספּיראַטאָרין; איז איר רעאַליזם אָנ־געלאָפֿן געווען מיט גרויס־מענטשישקייט. אין טשעכאָווס קורצסטער טאָג־פּאַסירונג־דערציילונג איז אַריינגעפּרעסט געווען די לעבנס־געשיכטע פֿון רוסישן פֿאָלק פֿאַר דורות, וואָס דאָס האָט איר געגעבן סטיל און נשמה־סובסטאַנץ. דאָ אָבער איז דער דערציילער צוגעשפּאַרט געוואָרן צו אַ ווינקל פֿון דער איסט־סייד, מיט גאָר קיין צוקונפֿט נישט, מיט דעם ענג־תּכלית׳דיקן אָנזאָג: קלייב גרויען מענטשן־שטויב און פּאַרוואַסער עס; מאַך אַ קאַשקעלע אויף צו שפּייזן דעם קבצן אין גייסט . . .

קיין אנונג נישט וועגן דעם, אַז דאָס איז אילוזיע, קאַפּריז, פּרייער אויפֿשפּיל, אידייען, ציִלן, דער וואונטש עפּעס מחדש צו זיין אין לעבן — דאָס איז עס וואָס ציט אָן שעפֿערישקייט. — די שריפֿטשטעלער, וואָס האָבן נאָכגעפֿאָלגט די פּירערשאַפֿט, זענען צעדריבלט און צעריבן גע־וואָרן. ווער ווייס, וויפֿיל פּייאיקייט און טאַלאַנט זענען אומגעבראַכט געוואָרן? — די אָרימע פּירערשאַפֿט האָט גע׳פּטר׳ט אַזאַ עכט־רעאַליס־טישן טאַלאַנט, ווי ז. לעווין, וועלכער האָט פֿאַרמאָגט אַ זשעדנע איינ־שלינגונגס־קראַפֿט אין זיין אויג, מיט אַן אומגעוויינלעכער זיכערקייט פֿון וויסן אין זיין פּען. אָבער גרוי, גרוי, ווי אַן איסט־סיידער מויז.

אַ נס וואָס קאַברין און ליבין האָבן זיך געראַטעוועט. אפשר האָט זיי געדינט דער פּרייער צוטריט, וואָס זיי האָבן געהאַט צו גאָרדינס טעאַטער? אַ קנאַפּער קינסטלער אָבער אַן אויסגעצייכנטער אידייאישער פֿאַרמיטלער צווישן יידישן טעאַטער און דער וועלט־דראַמע איז יעקב גאָרדין געווען. האָבן קאַברין און ליבין זיך אָפּגעאָטעמט אין טעאַטער, ווען עס האָט זיי געשטיקט אין דער ליטעראַטור.

האָט זיך איינגעשטעלט אַן ענגהאַרציקער ביוראָקראַטישער רעושים, מיט אַ שררה׳שאַפֿט, וואָס האָט פֿאַטאַקעוועט דעם האַלב־שרייבער, מיט אַ קריטיק, וואָס האָט זיך געגריבלט אין ווערימדיקע אַרבעסלעך, זוכנדיק קליינע תּכליתים׳לעך, מיט אַ ליטעראַטור, וואָס איז געווען גרויער שפּינ־

וועבס אויף צו כאַפּן פליגן, מיט אַפּגעלאַזטער שלומפּער־שפּראַך, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט לייענען מיט דעם מויל נישט געוואַשן.

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלייגט אין אַמעריקע די ערשטע גרונט־טענדענץ פון דער ייִדישער ליטעראַטור — די גרויס־תּכלית'דיקע. דער ייִדישער גרויס־תּכלית איז דאָ רעדוצירט געוואָרן צוערשט צו פּשוט'ן מענטש־תּכלית, וואָס האָט איז נאָך געווען גוט, אָבער דערנאָך צו דעם נאָך פּשוט'ערן פּראַקטישן טעגלעכן קליין־תּכלית. האָט די תּכלית־טענ־דענץ געגעבן דעם געבורטס־שטויס צו דער היגער ייִדישער ליטעראַטור, זי אַ באַוועג געטאָן פאָרווערטס, און דערנאָך פאַרהאַלטן איר ווייטערדיקע באַוועגונג.

די איבערגאַנג־שטופע

די פּיאָנערישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, האָבנדיק אויסגעגעבן איר ערשטן אימפּולס, האָט אונטער ניט געראָטענער פירערשאַפט זיך אַריינגעשפּאַרט אין אַ קלעם, פון וועלכן, עס האָט אויסגעזען, אַליין מיט אייגענער אָנשטרענגונג וועט זי זיך נישט אַרויסבאַפרייען. און עס האָבן געדאַרפט אונטערקומען כּוחות מן הצד, וואָס זאָלן איר פון דעם קלעם אַרויספירן. און זיי זענען אונטערגעקומען. נאָך פאַרן אָפּ־שלום פון ערשטן יאָרצענדליק זייט איר געבורט, אַרום יאָר 1900, האָבן זיך געמעלדעט די ערשטע שריפטשטעלער, וואָס האָבן גענומען אַרבעטן אויף דורכצוברעכן אַן אויסוועג פאַר איר.

אָבער איידער מיר ווענדן זיך צו יענע שריפטשטעלער, וואָס האָבן געווירקט צום בעסערן, דאַרף למען האמת אָנגעוויזן ווערן, אַז אפילו ווען די פּיאָנערישע ליטעראַטור האָט זיך נאָך געפונען אין איר פאַר־קלעמטן צושטאַנד, איז נישט אַלץ געווען צום טאַדלען אין איר. אפילו אין אירע חסרונות איז פאַרלייגט געווען אַ גוטע זריעה אויף להבא. די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן, וואָס די היגע ייִדישע ליטעראַטור האָט אין איר ערשטן פּעריאָד פאַרמאָגט, זענען געווען פון יענעם מין, וואָס ווען זיי פאַרהאַלטן זיך צו לאַנג אויף זייער עלעמענטאַרער שטופע, ווערן זיי חסרונות. אָבער אויסגעלייזט, סובלימירט, קאָנען זיי ווערן מעלות. מיט דער צייט זענען זיי געוואָרן מעלות.

בראשית זענען זיי געווען נויטווענדיקייטן. סיי די חסרונות, וואָס זענען אין פאַבריקן קאַפּיטל שוין גענוג געטאַדלט געוואָרן, און סיי די

שפּעטערדיקע מעלות האָבן זיך אַרויסגענומען פון דעמזעלביקן גרונט־פאַקט, וואָס די ליטעראַטור דאָ האָט געדאַרפט אַרבעטן פאַר רויע מענטשן, אויף רויען מענטשן־מאַטעריאַל. במילא האָט זי געדאַרפט אָנהייבן פון אָנהייב אָן, פון אלף בית, אָן שום פּאַרטיקייטן. במילא האָט זי זיך געדאַרפט באַנוגענען מיט די אויסערלעכע סימנים, וואָס לאָזן זיך אָראָפּלייענען פון די פּנים'ער, פון דער אויבערפלעך פון געמיט, פון די חיי שעה־איבערלעבונגען. רויקייט, אויבערפלעכלעכקייט, חיי־שעה'־דיקייט — לאָמיר די אַלע סימנים אַרונטערנעמען אונטער איין הויפּט־באַצייכענונג: „פון אָנהייב אָן". הייסט צו טאָג שפּירן מיר עס ווי אַ חסרון, אָבער דער חסרון האָט שוין געהאַט איינגעשלאָסן אין זיך אַ גרויסע מעלה. און מערקווירדיק, די שריפטשטעלער פון דער אַלטער היים זענען געווען די ערשטע צו דערשפּירן די מעלה פון „פון־אָנהייב־אָן". אויף זיי, וואָס האָבן שטענדיק געהאַט פאַרן אויג געדיכטע יידישע סביבה, און פון דער סביבה געצויגן זייער שטאָף, האָבן די אַמעריקאַנישע ווערק, מיט זייער רויער נאַקעטקייט, געמאַכט דעם גוטן איינדרוק פון פרישער „מענטשישקייט", אפילו ווען די רויקייט האָט געשטאָכן זייער קינסטלערישן געשמאַק. בעל מחשבות צ. ב. ש. האָט זיך אַריינ־געלייענט אין ליבינס דערציילונגען אויס ריינער הנאה צו זען, ווי יידן לעבן טאָג־איין טאָג־אויס נישט געדאַווענט, און ווען זיי גייען אין גאַס, טראָגן זיי זייער יידישע צורה נישט פאַרויס; און נישט קיין קלענערע איבעראַשונג האָט געמוזט פאַר אים זיין, ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז יידן אין אַמעריקע, ממש ווי גוים, פאַרבייסן ברויט מיט תאווה, ווערן משוגע פאַר אייפערזוכט און דערלאַנגען קלעפּ ווען נויטיק.

„פון־אָנהייב־אָן" אין זין פון אָנהייבן פון „מענטש" איז געבליבן אַ גרונט־כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אפילו נאָכדעם ווי זי איז אויסגעאיידלט געוואָרן און באַרייכערט גע־וואָרן מיט ייד־אינהאַלט. אפילו ווען די ליטעראַטור דאָ האָט זיך אָנ־גענומען מיט קוראַזש „משיח'ן אַראָפּצוברענגען", האָט זי אויך אָנגע־הייבן „פון אָנהייב אָן" — פון „רויען מענטשן", פון דעם יידן אָן זכות אָבות, וואָס געדענקט קיין פּסוקים נישט, שטיצט זיך אויף קיין גמטריות נישט — וואָס דאָס האָט במילא אַרויסגעפאָדערט אַ שטאַרקערע און פרוכטבאַרערע שעפערישע אָנשטרענגונג, ווי ווען זי וואָלט די משיח־גע־שטאַלט אַרויסגעלייענט אַ פּאַרטיקע פון די אַלטע ספרים, ווי דער מנהג איז געווען אין דער ליטעראַטור פון דער אַלטער היים.

און נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער סימן, וואָס האָט אַ ווײַלע שפּעטער זיך צוגעקלעפּט צו דער פּיאָנערישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — אַ סימן, וואָס האָט געשטאַמט נישט פון באַשטעלער — פון דעם אימיגראַנט, נאָר פון לאַנד—דער ערשטער בײַטראַג פון לאַנד אַמעריקע צו דער יידישער ליטעראַטור. דער סימן פאַרדינט נאָך דערווײַל קיין נאָמען נישט, נאָר שטאַמען שטאַמט ער פון אַמעריקעס ברייטן מאַטעריעלן פאַרנעם, איר האַסטיקער אונטערנעמערישקייט, וואָס באַמערקנדיק דעם קלענסטן געווינס, כאַפּט זי אים גלײַך אויס, און כפל׳ענדיק געווינס אויף געווינס, געווינט זי אַ מיליאָן. אַמעריקע פון די שטײַגנדיקע צאָלן, דאָס לאַנד פון מאַסן-פּראָדוקציע פאַר מאַסן-געברויך; וואו פון זאָקנבענדלעך מאַכט מען מיליאָנען . . .

ווי אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעגעבן צו דער ליטעראַטור מיט אַ חסרון וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ פאַרבאָרגענע מעלה? דאַרף די סאָציאַליסטישע פּרעסע, וואָס איז שוין אַזויפיל געטאַדלט געוואָרן פאַר איר אָרים-גײַסטיקער אָנפּירערשאַפט מיט דער ליטעראַטור, דאָ נאָך מער געטאַדלט ווערן. עס האָט פּאַסירט, אַז זי, די אָרים-גײַסטיקע, איז נתעשר געוואָרן און איר אָנפירערשאַפט מיט דער ליטעראַטור איז נאָך פאַרערגערט געוואָרן. — איינע פון די ערשטע צו געווינען פון אַמעריקעס ברייטן מאַטעריעלן פאַרנעם איז געווען די צײַטונג, וועלכע זאַמלענדיק טעגלעך סענטן פון אַן אַלץ זיך פאַרגרעסערנדיקער מאַסע געברויכער, האָט אָנגעשטעלט איר ציל צום מיליאָן און גענומען זיך ארויפאַרבעטן צו אַ גרויס געשעפט — צועדשט די באַלעבאַטישע צײַטונג, דערנאָך די סאָציאַליסטישע, וואָס — זײַט 1903-1904 — האָט זי גענומען אָניאָגן און אַריבעריאָגן די באַלעבאַטישע צײַטונג. אַזוי אַרום — האָט דער אַמעריקאַנישער פאַרנעם זיך אויך אָפּגערופן מיט אַ געוויסער קוואַליטעט אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט געהאַט איר ערשטע און פאַר אַ לאַנגער צײַט איר איינציקע היים אין דער צײַטונג. די אַלהערשאַפט פון דער צײַטונג איז טיפּיש פאַר אַמעריקע בכלל, און דאָס וואַקסנדיקע יידישע צײַטונגס-געשעפט האָט מיט פאַרגעניגן זיך צוגעכאַפּט צו אָט-דער אַמעריקאַנער פּריווילעגיע. געשעפט אין אַמעריקע האָט באַפעלערישע, דיקטאַטאָרישע מאַכט. אָט-די צײַטונגס-דיקטאַטור האָט עס באַוויזן נישט נאָר דעם בפירוש טאַלענטפולן ליבינען, וועלכער איז בטבע קיין עקשן נישט געווען, נאָר די גאַנצע פּיאָנערישע ליטעראַטור אַרײַנצושפּאַרן אין קלעם — מיטן כוח פון אַמעריקאַנישן

„פּאַרנעם", וואָס מעסט אויך ליטעראַטור מיט דער מאָס פון „דערפּאָלג". וואָס דער גראָבער טייטש דערפון איז — וויפל האַרטע ממתקים זי שטעלט צו צום געשעפט.

(איינגעקלעמטע אין געשעפט־רעזשים, וואָס האָט פּאַרענגט און צע־קוועטשט זייער בליק און פּען, האָבן די פּיאָנערן־שריפטשטעלער דערוויילפּאַרזען די טייערע אַמעריקאַנער מעלה, וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין מאַטעריעלן פּאַרנעם, און זיי האָבן געלאָזט אַנדערע, „געסט", ביי זיי זי אויסכאַפּן, ווי מיר וועלן עס באַלד זען).

ווען די חסרונות פון דער פּיאָנערישער ליטעראַטור וואָלטן געבליבן אירע אייגענע, וואָלט זי אפשר זיי לייכטער בייגעקומען. זענען זיי אָבער אויפגעכאַפּט געוואָרן פון צייטונגס־געשעפט, וואָס האָט זיי גענו־מען קולטיווירן פאַר פּראָפיט. זענען די חסרונות מאַטעריאַליזירט גע־וואָרן אין באַשטאַנד־טיילן פון מעטאַלענעם צייטונגס־רעזשים. און דער הויפּט־חסרון — די אויבערפלעכלעכקייט — וואָס די פּיאָנערישע ליטעראַטור האָט מיטגעהאַט פון געבורט, האָט זיך באַצויגן ווי מיט בלעך, און יעדער פּרוב צו פאַרטיפן די ליטעראַטור האָט גלייך זיך אָנ־געשלאָגן אָן דער האַרטער בלעכענער אויבערפלעך און איז אָפּגעשפּרונ־גען אויף צוריק — וואָס דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די ליטעראַטור האָט נישט זוכה געווען צו אַ נייער געבורט דורך אַן אָפענער מרידה קעגן דער צייטונגס־דיקטאַטור.

קאָנען מיר איצט איבערגיין צו דער מלחמה, וואָס איז פאַרפירט געוואָרן קעגן צייטונגס־רעזשים — אַ מלחמה, וואָס האָט סוף־כל־סוף אויסגעלייזט די ליטעראַטור פון צוואַנג־דינסט צום רעזשים. די איני־ציאַטיווע איז געקומען פון די טרעגער פון דער ירושה־טענדענץ.

ס'איז דאָך קלאָר, אַז די תכלית־טענדענץ, ווי זי האָט זיך דאָ אויסגעפורעמט, איז געווען אין דירעקטער קעגנערשאַפט צו דער ירושה טענדענץ, ווייל אַ ליטעראַטור אָן זכרונות און אָן זכות אָבות. נישט נאָר האָט זי געיאָגט פון זיך די ירושה, נאָר זי האָט פאַר איר קיין גע־ברויך נישט געהאַט, נישט געקאָנט געברויכן. אָבער פון אַרום סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט די ירושה־טענדענץ גענומען זיך דורכשפּאַרן און אַלץ קענטיקער זיך מאַכן, ווייל צוויי פאַקטן, וואָס האָבן זייער פּאַקט־באַוואוסטזיין מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, האָבן שוין דאָ געווירקט, ציענדיק זייער פּאַטעטישן חיות פון ירושה־רעזערוואואַר — און האָבן גראַנדוויז אַרויסגעפּרעסט זייער השפּעה אויף דער ליטעראַטור.

דער ערשטער איז געווען א. ליעסין, וועלכער, זייט זיין קומען אהער — אין 1897 — ביז היינט צו טאָג, איז דער הויפּט־רעפּרעזענטאַנט פון דער ירושה־טענדענץ אין אַמעריקע.

אין מינסק, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן, און וואו ער האָט אַלס יונגער מאַן אין די פריע צוואַנציקער, איינגעשטעלט זיין ליד, האָט ער, אָן שום פאַרבינדונג מיט די דאַמאָלסטדיקע יידישע ליטעראַטור־קרייזן, אין געציילטע עטלעכע יאָר — פון אָנהייב ביזן מיטן פון די ניינציקער יאָרן — געשטיצט אויף אייגענער דערפאַרונג, דורכגעמאַכט די גאַנצע עוואָלוציע פון דער יידישער ליטעראַטור פון מענדעלען ביז פּרצן. פּונקט ווי פּרץ, האָט ער די גרויס תכלית׳דיקע טענדענץ צוגעפירט צו דער ירושה־טענדענץ, אָבער אַנדערש ווי פּרץ.

אָנגעהייבן האָט פּרץ אַלס פּאָלקספריינטלעכער משכיל, צום סאָציאַליזם איז ער איינגעלאַדן געוואָרן. האָט פּרץ לכתחילה געגעבן הילף אין גייסט פון זיינע איינלאַדער — די אַרבעטער אינטעליגענטן — דעמאָקראַטיזירטע, פּראָלעטאַריזירטע השכלה־הילף. אָבער באַלד האָט ער זיך אַרומגעזען אַז פאַר זיין געפיל און געשמאַק איז עס אַ קנאַפּע הילף. די רעאַליסטישע, אַגיטירנדיקע, אָרימקייט־שילדערנדיקע דערציילונג ליפערט נישט גענוג קראַפט. וואָס־זשע האָט ער ווייטער געטאָן? אַ טרעגער פון אַ רייכער ירושה, אַן אָנגעלאָדענער מיט פּעק, וואָס די טראַדיציע, שוין אַ דורכגעלופטערטע פון דער השכלה, האָט אים מיטגעגעבן, האָט ער גענומען אויספּאַקן זיינע פּעק, ליטעראַריש זיי איבערפורעמען אין סימבאָלישע דראַמען און פאָלקסטימלעכע מעשיות, פאַרפּוצנדיק זיי מיט שיינקייט און חן, זיין זאָלן זיין אָנגענעם פאַרן אויג; און ער האָט זיי אויסגעשטעלט אין זיין ליטעראַרישן שויפענצטער און מודיע געווען: דאָס זענען אוצרות פון קראַפט — פאַרנוצט עס געזונטערהייט! — אַליין נישט אַקטיוו אין דער צוגרייטונג פון דער אַרבעטער־אַקציע, איז ער געשטאַנען און פונדערווייטנס גערופן צו דער אינטעליגענץ: „קומט, זעט און נעמט".

איז די אַרבעטער־אינטעליגענץ געקומען, געזען און — נישט גענומען! ווייל זי האָט נישט געוואוסט ווי צו נעמען, ווי צו פאַרנוצן „געזונטערהייט" די פאַרוואַנדלטע מאָראַל־ענערגיע פון דער „גאָלדענער קייט" און פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פאַרן סאָציאַליזם און פאַר רעוואָלוציע. וואָרום נאָך אַלעמען איז פּרצעס הויפּט־אינטערעס געווען יידישע ליטעראַטור. מיט זיין גאַנצער שעצונג פון לעבנסדינסט, איז

דאָס לעצטע און ענדגילטיקע פאַר אים פערזענלעך געווען — צו שאַפן יידישע ליטעראַטור. און וויפיל די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זענען נישט אַן אַריינפיר צו אַן אייגנאַרטיקער יידישער ליטעראַטור, וואָס פאַרוואַנדלט פרומע טראַדיציע אין מאָדערנער מאָראַל־ענערגיע, איז די פאַרוואַנדלונג נישט דערפירט ביז צום געברויך־מאָמענט. די „געשיכטן" גייען נישט אַריבער די גרעניץ פון דער היינט־גילטיקער ליטעראַטור, וואָס באַנוגנט זיך מיט אויסשטעלונג. די אויסשטעלונג פון די אוצרות איז פאַרבליבן אַ ליטעראַטור־אונטערנעמונג — אַ זאַמלונג פון ליטעראַרישע פערלען.

א. ליעסין, אַליין אַ טרעגער פון סאָציאַליזם און אַליין אויך אַ טרעגער פון איינגעפרעסטן באַרג ירושה — און געטראָגן האָט ער עס אין סאַמע הייסן מאָמענט, ביי דער סאַמע געבורט פון יידישן סאָציאַליזם — ווען ער האָט פאַרנומען דעם רוף צו אַקציע, האָט ער אים נישט פאַרנומען פון פרעמדע מיילער. אַליין דער אינטעליגענט, אַליין דער איינלאַדער, האָט ער פריער פון אַלעמען זיך דעם ערשטן איינגעלאַדן. און ווען ער האָט דערפילט די פאָדערונג אויף נייעם כוח — דורך ירושה־פאַרוואַנדלונג — איז עס געווען זיין פערזענלעכסטע פּראָבלעם. ער האָט נישט געקאָנט אָפּקומען זיין חוב מיט אַ ליטעראַרישער אויסשטעלונג פון פאַרוואַנדעלטן כוח און מיט שטיין פונדערווייטנס און רופן: קומט, זעט און נעמט! — נאָר אַליין האָט ער געדאַרפט נעמען און טראָגן דעם באַרג ירושה און איבערשמעלצן אים אין כוח, כדי טאַקע גלייך אויפן שטעל אים צו פאַרברויכן.

אמת, אויך מיט אַ הויפּט־אינטערעס פאַר ליטעראַטור, אָבער נישט דער הויפּט אינטערעס. מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן דרך־ארץ פאַר זיין פונקציע אַלס פּאָעט, איז דאָס לעצטע און ענדגילטיקע פאַר אים פערזענלעך געווען לעבנסדינסט. דערפאַר, אַנדערש ווי ביי פּרצן, האָט דער גרויס־תכלית׳דיקער צוועק ביי אים אַריבערגעוואויגען. נישט נאָר פאַר־ענטפערט ער און באַרעכטיקט זיין ליד, נאָר מאַכט עס אומבאַדינגט נויטיק. זיין ליד איז געשפּאַנטער רוף צו אַקציע. די סאַמע פונקציע פון ליד איז די צושטעלונג פון קראַפט, די איבערזעצונג פון דער ירושה־ענערגיע. וועגן דעם טאַקע איז דאָס ליד.

וואָרום וואָס האָט זיך געפאָדערט פון אַ ליד, וואָס איז געווענדט געווען צום מינסקער יידישן אַרבעטער? עס זאָל צוגרייטן אים צום קאַמף מיטן יידישן בעל־הבית? איידער ער האָט נאָך זוכה געווען צו

פאַרפירן דעם קאַמף מיטן בעל־הבית, איז ער שוין געשטאַנען אין קאַמף מיט דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע. האָט דאָס ליד געדאַרפט אים צוגרייטן פאַרשיקט צו ווערן אין סיביר, אומצוקומען אויף דער תליה, און האָט אים געדאַרפט טרייסטן מיט דעם צוזאָג פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע, וואָס וועט ברענגען די גליקלעכע צוקונפט־אָרדענונג. טוט דאָס ליעסינס ליד. און וואו זאָל דער יידישער אַרבעטער נעמען כוח אָנצופירן דעם קאַמף און אויסצוהאַרן ביז צו דער רעוואָלוציע? שטעלט ליעסין אים צו דעם כוח דורך ליד, — פון דער ירושה; ער נעמט דאָס בלוט פון דער'הרג'עטן נביא, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט איינשטילן, און שענקט עם אוועק דעם מאַרטירער־רעוואָלוציאָנער — („נאָר ניין, עס קען נישט, עס גייט נישט פאַרלאָרן קיין איינציקער טראָפּן מאַרטירערשע בלוט" — „מאַרטירער־בלוט") און ער נעמט דעם אחרית הימים פון ישעיה און איז מנדב אויף דער רעוואָלוציע — („עס וועט קומען די צייט, און די צייט איז נישט ווייט" — „צום נייעם יאָר").

און ועל כולם, די גאַנצע לופט פון די אַלע רעוואָלוציאָנערע לידער איז אָנגעאָטעמט פון איין יידישן גרונט־געפיל. און זייער הינטערגרונט איז דאָס ליד „דער אייביקער ייד" — אַ הימנע צו דער אייביק יידישער עקשנות פון אַ פאַרשפּעטיקטן גלות־נביא — די עקשנות, וואָס האָט אים ווי פאַר'כישופ'ט קעגן אַלע סכנות. געפינען מיר, אַז די קרעפטיקסטע און ריטמישסטע שטעלן אין זיינע לידער זענען די, וואו עס רופט זיך אָפּ די פּראָצעסיע פון אייביקן יידן דורך די צייטן. ס'הערט זיך כסדר: — „עס ציט זיך דורך ענדלאָזע דורות און ציט דער געוואַלטיקער פעלקער־געשלעג; עס ציטערט דאָס שלאַכטפעלד מיר אונטער די טריט" — די אַריינפירנדיקע שורות צום „אייביקן ייד".

איז די עובדא פון ליעסינס ליד די פאַרהיינטיקונג פון דער יידישער געשיכטלעכער ענערגיע. דירעקטע ירושה־פאַרוואַנדלונג. פון הארץ, פון קאָפּ, פון דער ירושה גלייך אין ליד אַריין. וואָס דערמיט אונטערשיידט עס זיך פון פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", וואָס האָבן געדאַרפט האָבן אַ ליטעראַריש געבילדעטן אויסטייטשער צו פאַר'ענדיקן די ירושה פאַרוואַנדלונג פאַרן געברויכער. ליעסינס ליד טוט די גאַנצע אַרבעט. עס איבערזעצט ביז צו פאַרענדיקונג פאַרן באַלדיקסטן געברויך די פאַרצייטיקע מסירת נפש אין היינטצייטיקער העלדישקייט — עס איז דירעקטע דערלאַנגונג.

די קונסט פון דירעקטער דערלאַנגונג איז די שווערערע. דער דיר־עקטער וועג איז אַ שטרויכלדיקער. די טראַדיציע פון ליטעראַטור, און פון קונסט בכלל, איז דער אומוועג, דער וואונק, דער סימבאָל, וואָס שפּילט אַרום אמת. און עס איז פאַראַן אַפילו אַ מיינונג, אַז דער תמצית פון קונסט איז דער שפּיל אַרום אמת, וואָס דערלאַנגט נישט דעם אמת. אינדירעקטע אַנצוהערעניש האָט די מעלה, וואָס זי גיט פון זיך סוגעסטירנדיקע קראַפט, און לאָזט לייכטער אָנטאָן אויף זיך קינסטלע־רישע פאָרם. און צווישן פּרצעס „פּאָלקסטימלעכע געשיכטן", די קיר־צערע, זענען פאַראַן פאַרענדיקטע קונסט־ווערק. דירעקטע דערלאַנגונג, כדי צו דערהייבן זיך צו אַ קינסטלערישער מדרגה, דאַרף כסדר אונטער־שטיצט ווערן פון פּאַטאָס, וואָס אין שוואונג פון באַרעדעוודיקייט נעמט וואַרפן פון זיך מיט בילדלעכקייט. אָבער מיט דעם סימן דירעקטקייט — דירעקטע ירושה פאַרוואַנדלונג — איז ליעסינס ליד געווען נאָך אַ בפירוש'ערער אָנזאָג, ווי פּרצעס „פּאָלקסטימלעכע געשיכטן", אויף אַ יידישע ליטעראַטור, וואָס וועט זיין אַנדערש פון אַנדערע ליטעראַטורן — אַ ליטעראַטור, וואָס וועט זיין מער ווי ליטעראַטור: זי וועט פּראָדוצירן מאָראַל־ענערגיע מיט קינסטלערישע מיטלען פאַר דירעקטן לעבנס־געברויך.

און נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער אונטערשייד לאָזט זיך אַרויסנעמען פון פאַרגלייך צווישן ליעסינען און פּרצן: — אַזוי ווי ליעסינס ליד איז דירעקט אַדרעסירט געווען צום אַרבעטער, וואָס האָט נישט געטראָגן אין זיין זכרון קיין צופיל זכרונות; און אַדרעסירט געווען אין אַ שפּראַך אויף וועלכער קיין ספרי תורות זענען נישט געשריבן געוואָרן, איז ליע־סינס אַרבעט געווען „פון־אָנהייב־אָן" — פאַר מענטשן מיט גאָר אַ רויען זכרון. זיין ליד באַרופט זיך אויף קיין טראַדיציע נישט, באַנוצט זיך מיט קיין פּאַרטיקע לעגענדעס נישט, נעמט נישט די ירושה פון זכרון. די „צוויי תפילות" — וואו אַ גלח פון דער אינקוויזיציע פאַרברענט אַ רב — דאָס איינציקע ליד פון מינסק, וואָס דערנענט זיך צו זיינע שפּעטערדיקע געשיכטלעכע לידער — איז זיך נישט סומך אויף קיין פאַרשריבענער לעגענדע. אַ מעגלעכער געשיכטלעכער פאַקט איז גענומען ווי אַ היינטיקע פּאַסירונג. נאָר דאָס היינטיקע פון געשיכטלעכן איז גענומען. נישט די געשיכטע, נאָר די לעקציע פאַרן היינט איז דער עיקר. וואָס ליעסין האָט יאָ גענומען פון דער ירושה, איז די נשמה־

שפּאַנונג, דעם רעזולטאַט פון דער ירושה, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך. די קאָנצענטרירטע ענערגיע פון די דורות.

מיט זיין „פון־אַנהייב־אָן"־צוגאַנג האָט ליעסין ווי דערלאַנגט אַ האַנט איבערן אָקעאַן צו די פּיאָנערן־שאַפער פון דער יידישער ליטע־ראַטור אין אַמעריקע, און ער וואָלט געדאַרפט ווערן דער געוואונטשנ־סטער שותף זייערער ביי זיין אָנקומען אַהער אין 1897; ער איז דער באַרופענער געווען אַריינצוטראָגן די זער נויטיקע קאָרעקציע אין זייער „פון־אַנהייב־אָן"־טענדענץ, וועלכע איז ביי זיי געווען אויסגעטאָן ירושה־נאַקעט, בעת זיין „פון־אַנהייב־אָן" איז געווען איניקסט אַריינגעטאָן אין דער ירושה. ניו־יאָרק האָט אים באַדאַרפט האָבן. און ער האָט באַדאַרפט האָבן ניו־יאָרק. ער — ניו־יאָרק? ווי אַזוי?

ליעסין האָט געהאַט מיטצונעמען קיין ניו־יאָרק נישט נאָר אַ פּאַר־מעגן, נאָר אויך אַ פּראָבלעם.

דאָס האָט צו טאָן געהאַט מיט די ספּעציעלע שוועריקייטן, וואָס ער האָט געהאַט אַלס דירעקטער דערלאַנגער פון קראַפט און אַלס אָנהייבער „פון־אָנהייב־אָן", וואָס גלייך מיט דעם אָנהייב האָט ער שוין גע־דאַרפט געבן די שפּאַנונג פון טויזנטיעריקער ירושה — האָט ער גע־דאַרפט אָננעמען ספּעציעלע מיטלען אויף צו האַדעווען דעם פּאָעט און אויף צו שמידן זיין אינסטרומענט. זיין הויפּטמיטל, נאָכן אייביק־יידיש־ליד, איז געווען נאַטור־ליד. נאַטור לידער בכלל זענען נויטיק פאַר דער אָנלאָדונג מיט פּאָעט־באַוואוסטזיין. זיי גיבן די שטילע פויזן, וואָס לאָזן אָנקוועלן געמיט. וויפיל ליעסינשן געמיט אַנטפּלעקן זיי? אין די פרילינג־לידער זענען די באַריר־פּונקטן מיט זיין געמיט דער „עפּעס", דער אימיצער, וואָס טרייבן כישוף אין דער לופטן. דער אויסדרוק פאַר דעם קומט צו אים גערן:

און עפּעס הימל־העלעס דרינגט
אַריין אין זעל מיר און באַצווינגט.

און — „ווי וועך, אַ ליכט־אַנטציקטער שוועבט אין גאָלד און בלויקייט אויסגעוועבט". — אָבער פאַר דעם רויש און רעש און פאַר'שיכור'ונג דאַרף ער די ווערטער צונויפטרייבן מיט כוח. איז עס געקומען מיט מוח. די אָסיען־נאַכט־לבנה־לידער זענען שוין אַ סך נעענטער צו זיין געמיט — זיי גיבן אים די קוועליגסטע פויזן. זיי ריידן צו אַ פּערזענ־לעכער שטימונג, צו עפּעס אַ שטילער ליכטיקער פאַרקלערטקייט, צו אַ באַשטראַלטער מילדער מעלאַנכאָליע. דאָס ליד „לבנה־נאַכט" — דאָס

געלונגענסטע פון דער מינסקער סעריע נאַטור־לידער — גיט דעם באַשייד פון וואַנען עס פלעגט קומען צו אים די ליכטיקע פאַרקלערטקייט אין די שעה'ן, ווען ער פלעגט רוען פון אַגיטאַציע־טומלעניש:

„עס פאַלן די שטראַלן אויף בערג און אויף טאָלן, אויף פעלדער און וועלדער און הילן זיי איין אין צאַרטער פאַרקלערטקייט, אין טוי־לייכטן טרויער, אין ווייכן, אין בלייכן, אין בלוּליכן שיין. עס שפרייט זיך דער חלום, אַ היילונג פאַר זעלן וואָס וואַגלען גלגולים אין עלנט און ליד" . . . — דאָס איז באַלייכטונג פאַר דעם וואַגלער,נע־ונד'דיק, דעם וואַנדערער. לבנה־ליכט ענטפערט דעם אייביקן יידן אין אים. די לבנה־באַלייכטונג פון גייסט — ווי ער באַצייכנט עס אין אַ שפּעטערדיקן ליד — איז די באַלויכטענע אָרענאַ פאַר דער פּראָצעסיע פון אייביקן יידן. דער ריטם איז אויך אַ דערוווּיטערטער אָפּהילך פון דעם טראָט פון אייביקן יידן. ווען די נאַטור איז שטיל און דרימלט, הערט ער אים. און דאָס וועט שפּעטער זיך נאָך מער באַשטעטיקן: אומעטום אין דער נאַטור וועט ער זוכן דעם אייביקן יידנס אַרענאַ — אין ים, אין באַרג, אין וואַלד, אין ווינטערס, פרעסט, זאַווערוכעס, אין נאַכט וואָס שפּאַרט דורכן פענצטער און אין נאַכט פון זיין געמיט.

איז דאָס נאַטור־ליד, וואָס האָט געדאַרפט האַדעווען זיין פּאָעט־באַוואוסטזיין און פורעמען זיין אינסטרומענט, אויך אָנגעקניפּט געווען אָן אייביקן יידן, וואָס האָט געשפּייזט מיט התלהבות דעם אינהאַלט פון זיין ליד. איז דאָס געווען זער אַ מזל'דיקע קאָמבינאַציע פאַר אַ פּאָטענ־ציעלן גרויסן פּאָעט: אינהאַלט און אינסטרומענט —ביידע פון איין גרונט־אָפּשטאַמונג.

און וואָסערע נאָך מיטלען האָט ער פאַרמאָגט אויף צו שמידן זיין אינסטרומענט? די טעכניק פון זיין ליד איז די מוזיק. קלאַנג איז גע־ווען אייגנגעבאָרן זיין געהער. קלאַנג איז דער באַשטימענדיקער פאַק־טאָר. זיין סטראָפע איז פריער פון אַלץ אַ קלאַנג־קאָמפּאָזיציע. ער קאָן וואַריאירן דעם ריטם דורך אַלערליי פערז־מאָסן. ער קאָן איבערגיין פון ריטם צו ריטם, נישט ענדערנדיק דעם קלאַנג־פוס, די זילבן־צאָל, אַקצענ־טירנדיק אין איין סטראָפע דאָס פאָרלעצטע וואָרט פון דער שורה, און אין דער צווייטער סטראָפע אריבערטראָגנדיק דעם אַקצענט צום צווייטן וואָרט פון אָנהייב — און ער דערגרייכט עס בלויז דורך אַ קלאַנגן־אָפּ־קלייב אין די אותיות און דורך גאַנצע ווערטער, וואָס ציען צו זיך דעם אַקצענט דורך דער וואָג פון זייער זין. — איז דאָך גוט. נאַטור־ליד,

קלאַנג שטייען אים צו געבאָט . . . איז דאָס דאָך אַלץ פאַרמעגן. — וואו־זשע איז דאָס פּראָבלעם?

נאָר לאָמיר זיך נאָכאַמאָל איינהערן אין זיין ליד: די קלאַנג־קאָמפּאָזיציע איז די איינפּאַסונג פון ליד. אָבער אינעווייניק, אין דער ראָם פון קלאַנג, איז דער געדאַנק דער קאָמאַנדיר, דער אויספירער, וואָס באַפעלט און דיקטירט דעם זין־אָפּקלייב פון די ווערטער. דאָס איז שוין נישט אַזאַ מזל'דיקע קאָמבינאַציע. און געדענקען דאַרפן מיר, אַז מען האָט בכלל נאָך געדאַרפט האָרעווען אויפן יידישן וואָרט, און ליעסין דערצו איז נאָך נישט באַהעפט געווען מיט יידישן ליטעראַטור־שטראָם; זיין סאָציאַליסטישע אידייאַישקייט און די גאַנצע מאָדערנע באַוואוסטזיניקייט זיינע, אין אונטערשייד פון גע'ירש'נטן ייד־באַוואוסטזיין, האָבן געדענקט רוסיש — און ווען דער געדאַנק איז ביי אים געווען דער קאָמאַנדיר, האָט ער נישט געקענט אָנשעפּן גענוג שפּראַך־אויסדרוק, וויפיל זיין געדאַנק האָט פאַרלאַנגט — איז די שפּראַך פון זיין מינסקער ליד פאַרבאַגריפלעכט, פאַראידייאַיזירט, שלאָגט אין אַבסטראַקט אַריין. האָט איר כסדר ביי אים ווערבן, וואָס ווערן אדיעקטיוון און סובסטאַנטיוון, וואָס טייטשן איינע די אַנדערע. ספּעציעל אויף די באַגריפן שטראַלן און שאַלן. דער שטראַל ווערט ביי אים אַ גאַנצע אַלעגאָריע אויף ליכטיקייט: „נאָר ווי דער ערשטער פרילינג־שטראַל, מיט וואַרימקייט און ליכט אַ שאַל, ער טוט זיך נאָר אַ וואָרף . . .״ (און אפילו שפּעטער אין ניו־יאָרק: „דער באַלעבנדיקער שטראַל״ — „דער שטראַל טונקלט זיך״ — „דער שבת־שטראַל״). די ליכט־שטימונג איז פאַרהאַלטן אין מוח. דאָס וועט שוועדער מאַכן די אַרויסוויקלונג פון זיין פולער פּאָעטישער קראַפט. אָבער עס איז נישט אַזאַ מניעה, וואָס מען קאָן נישט איבערקומען. דעריין איז ליעסין נישט געווען דער איינציקער. באַוואוסטזיניקייט, געדאַנקלעכקייט איז נישט קיין ספּעציעלע ליעסינישע איינגנשאַפט. בדרך כלל האָבן מיר יידן שכל. מיר קאָנען גאָר קיין נאַראָנים נישט זיין. און מיט שכל אַלס פּאָרויסגייער צו קינסטלערישקייט ציִבענען זיך אויס אַלע אונדזערע שריפטשטעלער: מענדעלע, און אפילו שלום עליכם, און פּרץ אודאי. קאָפּ איז שלעכט, ווען עס איז טרוקענער שאַרבן. אָבער קאָפּ, וואָס איז איינס מיט האַרץ, עמאָציע מיט אָנגעצילעווטקייט צו אידייע, איז אַ ברכה. והראיה, פּרץ מיט זיין גוטן קאָפּ האָט געמאַכט יום־טוב אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז אַ הויפּט־פּראָבלעם, וואָס קאָן עד היום נישט אויסגעמידן ווערן. — ווי

פֿאַרט מען אידייאישע תכלית'דיקייט מיט קינסטלערישן געמיט? ווי לאָזט מען דעם באַוואוסטזיין אַראָפּזינקען אין אונטערבאַוואוסטזיין, פֿון וואַנען די אידייען שיסן זיך צוריק אַרויף, איינגעלייבלעכטע אין זאַפּטיק אַנגעקוואָלענעם וואָרט, איינגעפּאַסטע אין בילד, פֿאַנטאַזיע? און ס'בלייבט אַ פּראָבלעם ביז עס קומט נישט צו אַט־דעם פּסיכאָלאָגישן סינטעז. און יעדער יידישער שריפֿטשטעלער האָט זיך זיין וועג ווי צו לייזן דאָס פּראָבלעם. פֿון דער געלונגענער לייזונג הענגט אָפּ זיין גוטער שריפֿטשטעלערישער גורל. אין ליעסינס פֿאַל איז דאָס פּראָבלעם געשטאַנען האַרבער: ער האָט פֿון אָנהייב אָן זיך אויסגעצייכנט מיט דעם וואַכזאַמסטן באַוואוסטזיין; דער מוח האָט כסדר געאַרבעט ביי אים קאָכעדיק אינטענסיוו. בטבע אַ חריף, איז די חריפֿות נאָך אַרויסגעפּאָ־דערט געוואָרן ביי אים צום פֿאָדערגרונט פֿון באַוואוסטזיין דורך זיין סאָציאַליסטישער פּירערשאַפֿט. ער האָט אָנגעפֿירט אַן „אָפּאָזיציע" קעגן די „אַגיטאַטאָרס", וואָס האָבן פֿון דעם יידן נישט געוואָלט וויסן. זיינע דעבאַטן־דועלן מיט זיי האָבן נויטיק געמאַכט שאַרפֿזין גלייך אויפֿן אָרט צו שטעכן מיטן אָנגעשליפֿענעם שפּיץ פֿון געדאַנק, צו שניידן מיטן חלף פֿון אַנאַליז. דערצו אַלס פּאָעט — דער גרויסער בעל־תכלית, דער דירעקטער דערלאַנגער פֿון קראַפֿט, וואָס דאָס האָט ווידער אַמאָל געצונדן און גע'שרפֿה'ט זיין באַוואוסטזיניקייט.

דערפֿאַר אָבער אַלס שכר איז אים פֿאַרגעשטאַנען אַ פֿיל גרעסערער געווינס: — געגרונטעוועט איז זיין באַוואוסטזיניקייט געווען אין אַ געפֿיל, וואָס האָט געברענט אין אים מיט אַן אומפֿאַרלעשלעכן פֿייער — אין זיין אייביק־ייד־עמאָציע. און עס איז געווען פֿאַרויסצוזען, אַז ווען ביי אים וועט קומען צו אַ סינטעז, וועט ער נעמען ריידן די אָנגעלאָדענ־סטע נשמה־שפּראַך, וואָס וועט האָבן אין זיך אי די קלאָרקייט פֿון רעיון, אי די שפּאַנונג פֿון געפּרעסטער ענערגיע. איז אָן אַ שיעור פֿאַר אים וויכטיק געווען, אַז זיינע אינטואיטיווע אידייען־פֿונקען, איידער נאָך זיי ווערן איבערגענומען, געפּאַלמעסט צו ווערן פֿון זיין צו שאַרפֿן מוח, זאָלן זיך קאָנען אַרויפֿכאַפּן אויף אַ דרויסנדיקן מאַטעריעלן פּונקט — אין סיסטעמאַטישער איבונג — יעמאָלט וועלן די ווערטער־פֿונקען, אויפֿן וועג פֿון דער טיף צום דרויסנדיקן אָנהאַלט, דערווייל גראָבען אונזאַקערן, זיך קנעטן און איינגעבאַקן ווערן אין זיין געמיט, ביז ער וועט זיך אויס־אַרבעטן זיין אייגענעם יידישן לשון.

און צווישן די מינסקער לידער זענען פֿאַראַן אַ צאָל וואָס באַשטע־

טיקן, אַז דאָרט וואו זיין לשון קריגט פאַר זיך ממשות'דיקע אָנשפּאַרן, נעמט ער זיך איינהיימישן: — דאָס איז דאָס סאַטיריש ליד „צוויי תפילות" — די תפילה פון גלח, וואָס פאַרברענט, און די תפילה פון רב, וואָס ווערט פאַרברענט, און דאָס איראָניש ליד „דער עקספּלואַטאַטאָר" — אַ קרעמערל, וואָס לייענט די „הצפירה", און פאַרקויפט פאַר אַ קאָפּיקע פּוטער און פאַר אַ קאָפּיקע הערינג, און חלום'ט חלומות — דאָ איז ער שלמה המלך, און דאָ איז ער לכל הפחות באַראָן הירש.

דער שטויס צו ביידע לידער איז געקומען פון זיין פייער־קוואַל, פון דעם הייסן אייביק־ייד־אונטערגרונט — פון זיין יידישן אידעאַליזם. און אָנגעשטויסן האָט זיך דער אידעאַליזם אויף ווירקלעכקייט — אויף דעם יידנס געשיכטלעכער ווירקלעכקייט, וואָס גילט נאָך היינט—די שנאה פון דער קריסטלעכער „ליבע" צו יידן, און אויף זיין היינט־היינטיקער ווירקלעכקייט — די יידישע פּרנסות, וואָס מאַכן אַ סך קליינע יידעלעך פון דעם איין גרויסן יידן, וואָס האָט געזאָלט זיין. ביידע לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער אייגן געשאַפענעם לשון. דער לשון, אי ער איז אָנגעצונדן מיט ליעסינישע פונקען, אי ער שניידט אַרויס ווירקלעכקייט־סימנים, ווי אַ מעסער ברויט.

דאָס איז אַ שטעלע אין די „צוויי תפילות", וואָס מעסערט דעם גלח: — די תפילה . . .

. . . איז שטאָלציק אַרויס פון אַ גלח,
אין ווייערעכשן וועקסענעם זינגען,
מיט גלאָצעניש פרומע, מיט סאַפּעניש טיפע,
מיט גלעקערנעם קופּערנעם קלינגען.

אָט־אַזוי פלעגט זיין לשון געגעזן ווערן, צוזאַמען מיט זיין ליד, וואָס איז אויפגעשטעלט אויף לשון, ווען ער פלעגט פּאַקן אַ לעבעדיקע רעאַליטעט. און כדי צו פאַרפולקומען דעם פּאָעט אין זיך, כדי צו קאָנען שמידן און שלייפן זיין ליד־אינסטרומענט, האָט ליעסין זיך גענויטיקט אין קאָנטאַקט מיט אַ לעבעדיקער רעאַליטעט, וואָס זאָל קאָפּאַבל זיין גאַנץ צו מאַכן די שפּאַלטונג צווישן זיין פאַרשפּיצטן אונטער־באַוואוסטזיין און פאַרשפּיצטן איבער־באַוואוסטזיין—די שפּאַלטונג, וואָס האָט אָפּגעשפּאָלטן זיין לשון פון זיין צונג; וואָס דאָס האָט נישט געלאָזט זיין ליד וואַקסן און זיך פונאַנדערוואַקסן; נישט סתם אַ רעאַליטעט, נאָר אַזאַ וואָס זאָל אַרויספאָדערן פון אים און אויפנעמען אין זיך זיין גאַנצע גבורה — פון באַוואוסטזיין, געמיט און אונטערגעמיט. ליעסין האָט

געלעבצט־געהונגערט נאָך אזא פולער רעאַליטעט. נאָך מער דערפאַר, ווייל זיין פּראָבלעם איז געווען נאָך הארבער: דער מענטש, דער סאָציאַליסט איז אין אים געשפּאָלטן געווען. דערפאַר האָט ער אויסגעביטן מינסק אויף ניו־יאָרק. — סטייטש, מינסק, זיין היים, וואו ער איז מיט ליבּ און לעבן אריינגעטאָן געווען אין לעבעדיקער רעאַליטעט, זייענדיק דער אָנפירער פון אַן „אָפּאָזיציע", וואָס האָט געציילט מער אָנהענגער־שאַפט ווי די אָפיציעלע באַוועגונג — מינסק האָט נישט געטויגט פאַר דעם? ניין, מינסק האָט נישט געטויגט. מיר האָבן עס פון אויטאָביאָגראַפישע קוועלן, און מיר האָבן אַ באַשטעטיקונג דערויף אין אַ ליד — „אויפן שיידוועג" — פון יאָר 1895 — וואָס אויבן אויף איז דאָס פּערזענלעבע ליריק — אַ קדיש נאָך דער יוגנט — אין דער אמת׳ן אָבער איז דאָס אַ קלאָג־ליד אויף מינסק.

דאָס ליד מאַכט אַ סך הכל פון זיין גאַנצן טון טאָן אין מינסק — „מיינע שטורמישע יאָרן זיי זיינען אַוועק אזוי ווי אַ טומלדיק דריקנדער חלום" — „פאַרצאָרנט און טונקל גייט אונטער מיין וועלט . . . " — ער איז געגאַרט, גענאַרט! ס׳איז אַלץ געווען אַ פאַר׳חלומ׳טער הבל הבלים", — וואָס זאָל דאָס באַטייטן? זיינע שטורמיקע יאָרן אַוועק, ווען ער איז ערשט 23 יאָר אַלט געווען — אינמיטן פון זיינע שטייגנדיקע טריאומפן — אַ פירער, אַ פּאָעט — וואָס־זשע האָט ער מער געדאַרפט? ווי־זשע קומט פּלוצלונג אַן „איכה ישבה בדד" מיט אַ הבל הבלים? און דערצו נאָך איז דאָס ליד באַטיטלט „אויפן שיידוועג" — וואָס פאַר אַ ברירה איז אים פאָרגעשטאַנען? וואָס פאַר אַן אַנטשיידונג האָט ער געדאַרפט מאַכן? ווענן דעם איז דאָך קיין וואָרט נישט אין ליד.

אַ האַלבן ענטפער אויף דעם רעטעניש געפינען מיר אין די לעצטע צוויי שורות פון ליד:

„און איך זע און געפין נישט קיין רייץ און געדאַנק
אין אַלץ וואָס מיר שעצן און זוכן און ווילן!" —

אין זיין סאָציאַליסטישן בריה׳נען זיך אויך נישט. ער האָט זיך טאַקע ארומגעקריגט מיט די „אגיטאַטאָרס", איינ׳טענה׳נדיק מיט זיי, אַז די גאַנצע יידישע „אָרימקייט" דאַרף מאָביליזירט ווערן פאַר קאַמף און זעלבסטהילף. אָבער ער איז געווען גענוג מאַרקסיסט אין הארצן מיט זיי מסכים צו זיין, אַז בלויז אין אַרבעטער איז כוח און אַז דער כוח פון דער יידישער „אָרימקייט" איז גאָרנישט ווערט. אָבער דער יידישער

אַרבעטער אויף דער מינסקער יידישער גאַס האָט נישט וואו זיינע אָרעמס צו צעשפּרייטן — וואו־זשע איז דער אויסוועג? דערפון די פאַר־צווייפלונג, דערפאַר ס׳געפיל, אַז אַרויסגעוואָרפן זענען זיינע בעסטע יאָרן.

און דאָ איז צו אים דערגאַנגען, אַז אין דער ווייטער ניו־יאָרק זע־נען דאָ 30 טויזנט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער — און עס האָט אים אַ הייב געטאָן פון מינסק.

ביידע האָבן געדאַרפט האָבן ניו־יאָרק, אי דער סאָציאַליסט, אי דער פּאָעט, וואָס שטיצט אים און ווערט פון אים אונטערגעשטיצט.

אָנקומענדיק אין מאַי 1897 פון מינסק קיין ניו־יאָרק, איז ער אַריינגעפאַלן מיט זיין געזונטן קאָפּ אין נאָך אַ קראַנקערן בעט. יאָ, אמת, ער האָט טאַקע געפונען 30 טויזנט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער, און זייער צאָל האָט זיך געהאַלטן אין פאַרגרעסערן. אָבער בלויז נאָך דער גרויסער ציפער האָט ער זיך דען געיאָגט? זיין אָרגאַניזירטער יידי־שער קלאַסן־קאַמף האָט געדאַרפט געשפּייזט ווערן מיט גרויסע יידישע זאָרגן, מיט דער היץ פון אייביק־יידישן פלאַם־פייער. דערפאַר איז ער אַ חוץ סאָציאַליסט אויך געווען אַ יידישער פּאָעט.

האָט ער געליטן טאָפּלטן אָנוואָר: דאָרט אין מינסק — פלאַם־פייער, ריזיקע, גרייטקייט צו באַגעגענען סכנות. ווי קליין די באַווע־גונג איז נישט געווען לגבי ניו־יאָרק, האָט די שכינה געשוועבט איבער איר. קיין שום שכינה אָבער האָט דאָ נישט געשוועבט. גרויסע סטרייקס פלעגן אפילו אָנבלאָזן פאַרגרעסערטע התלהבות, אָבער באַלד דערויף פלעגט די התלהבות זיך אָפּקילן ביז אַ טעמפּעלע לינזן. דאָרט אַ געדיכטער יידישער קיבוץ, איבער וועלכן ס׳האָט שוין געווייעט אַ ווינ־טעלע פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. דאָ איז פון דעם קיין זכר נישט געווען — אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אודאי נישט, אין דער ליטע־ראַטור אויך נישט.

די היילנדיקע רעאַליטעט נאָך וועלכער ער האָט געגאַרט, וואָס האָט געדאַרפט אויפריכטן אי דעם סאָציאַליסט אי דעם פּאָעט אין אים האָט ער דאָ נישט געפונען. איז ער געבליבן אויסגעשטעלט מיט זיין יידישן סאָציאַליזם און מיט זיין יידישן ליד.

ליעסינס לידער פון די ערשטע יאָרן אין ניו־יאָרק זענען דערמיט אַנדערש פון זיינע מינסקער לידער, וואָס זיי גיבן צו פילן, אַז זיי פאַלן אויף אַ האַרטן קאַלטן געהער, זיי קלאַפּן אָן אַ דעק, וואָס לאָזט זיך נישט דורכברעכן. מען קאָן נאָכפאָלגן פון יאָר צו יאָר, פון ליד צו ליד דאָס

פאַרצווייפלטע ראַנגלעניש פון ליעסינס ליד מיטן היגן ליטעראַטור־געמיט, וואָס איז צוגעטוליעט געווען צום צייטונגס־רעזשים וואָס האָט זיך שוין געצייטיקט, איידער נאָך די צייטונג איז אַ געשעפט געווען. אָבער דאָס ערשטע יאָר — 1897 — איז דוקא געווען איינס פון די פּרוכטבאַרסטע אין ליעסינס שאַפן. איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט דער פּאָעט, נאַטירלעך, זיך געדאַרפט פאַרשטעלן פאַר זיין נייעם עולם:

ער שטעלט זיך פאַר אַלס רעוואָלוציאָנער. ער איז שולדיק געווען אַ רעפּאָרט וועגן רוסלאַנד. — עס פילט זיך גליך, אַז ער רעדט צו זייטיקע צוהערער, ווען ער דאַרף ערגיץ נישט רופן. ער שטעלט זיך פאַר אַלס ליריקער, אַלס זינגער פון נאַטור־לידער. דאָס בעסטע איז „אין דער פרעמד" — בעסער נאָך ווי די „לבנה נאַכט". — נישט נאָר רופט זיך אָפּ די אַרענא פון אייביקן יידנס פּראָצעסיע, נאָר אַ יונגער פרוים טרויערגעשטאַלט שפּיגלט זיך אין לבנה־שיין, מיט אַ גרויסער פּעולה: דאָס לבנה־ליכט איז אַנגעוואַרימטער. — אַ פרויענגעשטאַלט אין ליעסינס ליד — דאָס איז ווערט צו פאַרצייכענען.

און אָט האָט ער שוין דערקענט זיין נייע סביבה — מיט אַ געוואַלטיקער אַנטוישונג פאַר זיך. לאָמיר „די אַלטע היים" צושרייבן צו דער נאַטירלעכער היים ווי: „און איך האָב נישט פאַר וועמען צו שטאַרבן און איך האָב נישט פאַר וועמען צו לעבן" — אָבער „פון פינצטערן באַעבר" לאָזט הערן אַ סך מער. הגם קיין איין וואָרט פון אָפענער באַשולדיקונג, אָבער עס איז אַ קלאָג אויף אַמעריקע. אין מינסק איז דער יידישער עבר געווען פאַר אים אַ קוואַל פון מוט. דאָ אַ קוואַל פון יאוש. פון וואַנען יאוש? ווען ער טראַכט וועגן דעם עבר, פילט ער ווי ער וואָלט אַ בר מנין געטראָגן אין הארצן. די דערקלערונג איז, ער ווייסט נישט וואו זאָל ער אַהינטאָן דעם עבר דאָ. — דריי מאָל ווערט אין ליד דערמאָנט: די „בעסערע צוקונפט", די „שטראַליקע צוקונפט", די „אַלמענטשלעכע צוקונפט" — און די איין פראַגע וואָס ער פרעגט: „צי וועסטו פאַרשווינדן אין גליק? טאָ צו וואָס־זשע די לײדן יאָרטויזנטער לאַנג?" — איז דאָך אומזיסט געווען, הייסט עס, די גאַנצע מאַרטירערשאַפט? עס איז אַ פראַגע פון דעם ירושה־פאַרוואַנדלער. דאָס ליד איז וויכטיק ווייל עס אָריענטירט אונז וועגן ליעסינס צושטאַנד אין ערשטן יאָר פון זיין קומען: ער האָט דערפילט, אַז ער איז דאָ איבעריק מיט זיין באַרוף פון ירושה־פאַרוואַנדלער און פאַרהיינטיקער!

דאָך גיט ער נישט אויף. ער זאַמלט צונויף זיין גאַנצע גבורה אין

שפּראַך און קלאַנג און מאַכט אַן אַטאַקע אויף אַמעריקע. זאָל זיין נישט ירושה. זאָל זיין, ווי מיר וואָלטן ערשט נעכטן געבאָרן געוואָרן — אין קעסל גאַרדן. ער ווענדט זיך צו זיינע צוהערער דורך דעם סימבאָל פון אַמעריקע — „די סטאַטוע פון פריהייט". עס איז אַ לענגערע פּאָ־עמע אין דריי טיילן: די ערשטע טייל — די סטאַטוע ביי די וואַסער־טויערן פון ניו־יאָרק, די סטאַטוע זינגט פון דעם נס ניו־יאָרק — „פון דעם נס פון שטאָל און שטיין". צווייטע טייל — זי זינגט אַ ליד פון איינלאַדונג צו די פעלקער. דריטע טייל — דער חוזק־ענטפער פון ניו־יאָרק: אויף וואַסערע גליקן רופסטו זיי? — שלום: — אַ שפּין האָט אויסגעשפּרייט זיין שפּינוועב איבערן פּאַקל, נאָרט אריין קרבנות און זוינט זיי. זיין גאַנצע קלאַנג־קונסט האָט דער פּאָעט אריינגעטאָן אין דער פּאָעמע, ווי די סטראָפן וואָלטן געפירט אַ דיאַלאָג צווישן זיך דורך דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע ריטמס. ריטם אונטערגעהערט ביים שטראַלן־וועלן־ווירבל אַרום דער סטאַטוע: „די טאַנציקע, גלאַנציקע קינדער פון תהום־גרין". אַ ריטם פאַר דער רחבות פון איינלאַדנדיקע אָרעמס: „אָ, קומט איר פאַרוואָגלטע, אָ, קומט איר געדריקטע". די שורה עפנט אַ סטראָפע — די איינציקע אַרויסגעשפּרונגענע פון פּאָעטס טיפערן איך: ס'הערט זיך אַן אָפּהילך פון אייביקן יידנס פּראָצעסיע, ווייל געוואַנדט צו די פעלקער־וואַנדערער.

די פּאָעמע איז כאַראַקטעריסטיש — זי האָט איינגעשטעלט דעם גאַנג פאַר אַ סך שפּעטערדיקע לידער. ער וויל באַגעגענען זיינע נייע צוהערער אויף זייער אייגענעם באָדן, אויף זייער פאַרשטיינערטער פלאַך. דעם מינסקער אָנהייבער „פון־אָנהייב־אָן" ציט אינסטינקטיוו צו די אַמעריקאַנער אָנהייבער „פון־אָנהייב־אָן" — ער וויל זיי אַ טובה טאָן: דורכבויערן זייער פלאַך, כדי צו עפענען אַ וועג צו זייער אינע־ווייניק פאַר דעם טיפערן ליד. פאַרשטעלט ער זיין אייגענע טיף. אַליין אַ צוגעמאַכטער, פאַרבאַהאַלטנדיק זיין אייגנס, פון דער אויבערשיכט פון זיין געמיט, שליידערט ער פון קאָפּ אַרויס פאַרבילדלעכטן שאַרפן מוח, שפּיציק פּאַראַדאָקסאַליזירטע קלאַנגען — און ער בויערט און שרויפט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז צוזאַמען מיט פונקען־שפּריצן פון אָנגעגליטער עמאָציע שרויפט ער אויך אריין אין ליד די אָפּשפּרינגנדיקע מוח־אָפּשניצלעך — געדאַנק־שפּליטערס. און נישט געקוקט אויף זיין גוטן געהער, פאַר־הערט ער, ווי טרוקענע קלאַנגען־סטרוזשקעס שרויפן זיך אויך אריין: „וואו טעגלעך רק טרינקען זיך זונען־מיליאָנען".

דאָס ליד פון איינלאַדונג צו די פעלקער קאָן דינען ווי אַן אילוס־טראַציע. די סטראָפע, וואָס עפנט זיך מיט דער שורה: „אָ, קומט, איר פאַרוואָגלטע. אָ, קומט איר גערריקטע". — האָט געקראָגן איר אימפּולס פון זיין יידישער טיף. זי איז דאַרום אָנגעלאָדן מיט געפיל, לאָזט הערן דעם שוואונג פון א געלאַף איבער ארענא, מיט דער באַגלייטונג פון א בת־קול.

דער שוואונג גערויערט נאָך אין דער צווייטער סטראָפע, הגם שוין געשפּאָלטן אויף העלפט: דער געלאַף האַלט נאָך אָן, הגם שוין אויף א געבאָרגטן ריטם — בא קאָלצאָוון — אָבער גיט נאָך אַלץ גוטן איינדרוק דעם געהער: „אין דער נייער וועלט, הינטער דעם אַטלאַנט, ליגט די רחבות גרויס, ליגט דאָס וואונדערלאַנד" — א הימנע אויף אַמעריקע.

אין דער דריטער סטראָפע: — דער אימפּולס האָט זיך אויסגע־לאָזט, אָבער דער אימפּעט טראָגט נאָך דעם געלאַף לויטן זכרון פון גע־הער: — „צווינגט ער די נאַטור אים צו דינען קלוג, און ער שפּאַנט זי איין אין זיין לעבנסצוג" — דאָס איז שוין נישט קיין הימנע, נאָר א רעקאָמענדאַציע אויף אַמעריקע — דינער, גע'מוח'טער.

די פערטע, די שלום־סטראָפע איז נאָך דינער, נאָך גע'מוח'טער — דער אימפּעט האָט זיך אויסגעלייזיקט, דאָס געפיל האָט זיך אויסגעשעפּט. קיין זכר פון אימפּולס, וואָס האָט געגעבן געבורט דעם ליד. נאָר ער וויל נאָך אַלץ מאַכן א „טיף" אין זיינע צוהערער נישט שפּייזנדיק זיך פון דער אייגענער טיף. האַמערט ער די פּלעך, — „אָ, קומט פון די אַלט־איינגעשרומפּענע וועלטן, פון אברים אין ציטער, פון הויט פון פאַרגעלטן, צו אונדז אין דער יונגקייט אריין, צו אונדז אין דעם וואַגנדן שוואונג . . ." — פאַרשפּיצט אין אַבסטראַקט.

דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון זיין דערפילן, אַז דער עבר איז געבליבן ליגן אין אים ווי א טויטער באַלאַסט. ער האָט זיך גע־וואָלט באַגיין אָן זיין עבר־אינספּעקציע. באַרויבט פון זיין הויפּטשטיצע און אָנגעשטויסן אויף א דרויסנדיקער מניעה — די פאַרהאַרטעוועטע פלאַכקייט פון זיינע ניו־יאָרקער צוהערער — האָט ער געדאַרפט פאַרטאָן דעם גאַנצן כוח פון זיין מוח אויף בייצוקומען די מניעה.

און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פון זיין „פון־אָנהייב־אָן" ביז זייער „פון־אָנהייב אָן" — איז א היפּשער מהלך.

אין זעלביקן יאָר 1897 האָט ער געמאַכט א נייע אַטאַקע אויף ניו־יאָרק — א לייכטערע — א פאַרזוך אויף אַן ערלעכן קאָמפּראָמיס. גוט,

ער וועט נישט בויערן, ער וועט בלייבן מיט זיינע ניו־יאָרקער צוהערער אויף זייער אויבערפלעך, ער וועט זיך פאַראויבערפלעכלעכן. ער האָט אָנגעהייבן אַ סעריע ניו־יאָרקער בילדער, וואָס אין אַ צאָל פון זיי פיגורירן שאַפּ־מיידלעך — „פּראָלעטאַרישע" לידער, הייסט עס, און מיט אַן איבעררים אין 1898, האָט ער די סעריע פאַרגעזעצט אין 1899 — 1900.

די לידער זענען אַן ערלעכער קאָמפּראָמיס, ווייל ער פאַרשטעלט זיך נישט פאַר אַן „אַמעריקאַנער", ער צווינגט אויף זיך נישט אַרויף קיין „אַסימילאַציע", אין שאַפּ איז ער נישט געווען, וויזט ער זיינע שאַפּ־מיידלעך אין הויז און אין גאַס. נאָך דעם איינדרוק גיט ער, וואָס זיין אויג און אויער כאַפּן — אַמאָל גאַנץ פיינע איינבליקן און איינהערעניש: דאָס יתום־קול'כל פון ניוסבאָי — די ניוסבאָיס פלעגן אָפט דער'הרג'עט ווערן שפּרינגנדיק אַרויף און אַראָפּ פון טראַמוואַי צו טראַמוואַי. ער טונקט זיינע אַמעריקאַנערקעס אָפּ אין זיין היימישן מיטגעפיל: אַ היימישן פאָלקס־טאָן אַרויפגעוואָרפן אויף אַ שאַפּמיידל. — די לידער וויזן אַ שטייגנדיקן פּראָגרעס אין גלאַטקייט פון לשון: קיין שרויף־ווערטער. מעגלעך, אַז דאָס איז די גוטע ווירקונג פון זיין פּלייסיקער פּובליציסטיק. זי האָט איינגעהיימישט דעם יידישן לשון אויף זיין צונג. אָבער קענטיק, אַז די נייגעוואונענע גלאַטקייט איז אים נישט געפעלן. ס'איז געווען אַ נישט גוטע גלאַטקייט פאַר אים. ער האָט די לידער פאַרבראַקירט. והראיה, ער האָט מער קיין רעאַליסטישע לידער־בילדער נישט געשריבן.

נישט נאָך אַזאַ געזונטמאַכונג פון זיין ליד האָט ער געגאַרט. די רעאַליטעט, אויף וועלכער אָנצושפּאַרן זיין ליד, וואָס ער האָט געזוכט, האָט געדאַרפט מיט־אַריינעמען אַ חלק פון זיין פּערזענלעכן אידעאַלן פאַרמעגן: און ווען ער האָט שפּעטער זיך יאָ אומגעקערט צו רעאַליסטישע בילדער, האָט ער זיי איינגעפּאַסט אין רעמלעך פון סאַטירע און איראָניע. ווייל ביידע, אי סאַטירע, אי איראָניע, שטאַמען פון דער באַרירונג פון אידעאַליזם מיט ווירקלעכקייט; אין סאַטירע איז די באַרירונג מיט שנאה, אין איראָניע — מיט מחילה.

אַ „רעאַליסטיש" בילד, איינגעפּאַסט אין איראָניע, האָט ער שוין אין 1900 — „דער תנא און דער שאָטן". הגם געבויט אויף אַ לעגענדע, אָבער די איראָניע מאַכט דערפון היינטצייטיקן רעאַליזם. אויך דער היינטיקער תנא האָט זיינע גלוסטעניש; נאָר ווייל ער איז אַ תנא

מאַכט ער זיך בלינד, כּדי נישט צו זען וואָס מען טאָר נישט: „דער היי־ליקער תּנא ווערט בלינד, דער כּישוף דער בייזער פאַרשווינדט, די מעשה גייט איבער דורך טויזנטער יאָר, ביז אונדזער אַ תּנא פון היינטיקן דור". — צו דער איינגעהיימישקייט פון לשון, האָט די איראָניע צוגע־געבן איר פלאַמענציינגעלע, וואָס שנײַדט פּאַסן פון לשון אַרויס. זענען די שורה׳לעך קורץ און שאַרף; די געלויפיקייט איז געדיכט, קאָמפּאַקט.

אפשר נאָך אַ גרעסערער געווינס — אין אַן אַנדער ריכטונג: צו קראַפט פון לשון — איז דאָס ליד פון 1900 — „אין אַ שטורעמדיקער מאַי נאַכט". די געלויפיקייט פון לשון איז דאָ אויפגעהייבן אויף אַ כוואַליע פון פערזענלעכער שטימונג, וואָס האָט דאָ דווקא נישט צו טאָן מיט זיין אייביק־ייד־געפיל. די שטימונג האָט זיך געזאַמלט אין אַ צאָל לירישע און נאַטור־לידער, וואו עס דערשיינט ווידער אַמאָל די „יונגע פאַרטרויערטע פרויען געשטאַלט" פון „אין דער פרעמד". דאָרט אַ לעבעדיקע, דאָ אַ געשטאָרבענע. מעגלעך, זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דאָס ליד איז געווידמעט „צום אָנדענק פון ב. מ.". — די ערשטע סטראָפע, פון „די בייזע, די ברומיקע נאַכט" ביז „זי האָט מיך משוגע געמאַכט", און יעדע אַנדערע סטראָפע, פון צען שורות יעדע, איז אַ שטורעם־כוואַליע — אַ באַרג אַרויף און אַ באַרג אַראָפּ — פון איין שטיק — הוילער ריטמישער שוואונג.

(מער וועט קיין פרויען געשטאַלט נישט דערשיינען אין זיינע לי־דער, סיידן אַ פאַרשלייערטע, אין צוואַנציק יאָר אַרום; מער וועט ער קיין פערזענלעכע סעקרעטן נישט אויסזאָגן לויט דער טבע פון אַנדערע פּאָעטן; נאָר פונדערווייטנס. דאָס פערזענלעכע פאַראַלגעמיינערט).

פּאָזיטיוו, די פּובליציסטיק האָט אים געמאַכט פאַר דעם מייסטער פון זיין אייגענעם לשון. פון אָט־דעם ליד האָט ליעסין לייכט געקאָנט אַריבערגיין צום געוויינלעכן סדר היום — צום פּאָעט פון דער אויבער־פלעך, אָן אָנגעלאָדנקייט מיט ירושה־פּעק. אָבער ניין, ביי אָט־דעם ליד, דווקא ווייל איינגעגעבן, האָט ער איינגעהאַלטן זיין פּאָעטישע פּראָדוקציע. ווי איינער זאָגט, אויב נישט קיין פאַרוואַנדלער און פאַרהיינטיקער פון דער ירושה, האָט די גאַנצע פּאָעזיע פאַר אים קיין זין נישט. דער פּאָעט רוקט אַרויס אין פאָדערגרונט דעם פּובליציסט, וועלכער האָט געקאָנט טאָן די אַרבעט וואָס דער פּאָעט האָט געוואָלט טאָן: אָנהייבן „פון־אָנ־הייב־אָן"—פון אַלע אלף־בית׳ן, און בויערן, פאַרטיפן, מיט אָפענער כּונה בויערן מוח מיט מוח. גיין אין דירעקטער ליניע אין אַ פראָנט־אַטאַקע.

און דער פּאָעט? — אין 1904 פּרובט ער נאָך זיך אַ ראַנגל טאָן מיטן געמיט־פלאַכן ליטעראַטור־רעזשים דורך דעם פריעריקן ערלעכן קאָמפּראָמיס מיט דער אויבערפלעך; דעם מינסקער אָנהייבער „פון־אָנהייב־אָן" האָט נאָך אַלץ אַביסעלע געצויגן צו די היגע אָנהייבער „פון־אָנהייב אָן"; ער באַנייט זיינע ניו־יאָרקישע לידער־בילדער אויף אַ נייעם אופן, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין פּאָעטישע טעמעס: — „די גאַס", „טרעמפּס"... דאָס ראַנגלעניש האָט אָנגעהאַלטן אומגעפער ביזן סוף 1904 — ווען קעשענעוו האָט גענומען אַרויסשיקן אין אימיגראַציע די קרבנות פון פאָגראָם־שרעק, און די מלחמה מיט יאַפּאַן אירע רעזערוויסטן — וואָס פאַר די און יענע איז די ציימונג געווען אַ נויטווענדיקייט — און איר צירקולאַציע איז אויף אַמאָל אַרויפגעשפּרונגען אויף גאַנצע 18 טויזנט. און די געשעפטפירונג איז געוואָרן איינס מיט דער פירונג פון דער ציי־טונג. און די געשעפטפירונג האָט גאַנץ באַוואוסטזיניק זיך געשטעלט דעם ציל: צו באַהערשן דורך דער ציימונג די ליטעראַטור; די פלאַך האָט טריאומפירט: די בלעכענע אויבערפלעכלעכקייט פון ציימונג־ליטע־ראַטור רעזשים איז געוואָרן אייזערנער געזעץ . . .

און דער פּאָעט האָט איינגעזען, אַז זיין ראַנגלעניש מיטן רעזשים איז אומזיסט — און אַ ברוגז'ער, האָט ער זיך אַריינגעגעבן אין רעזערוו. ער האָט זיך אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. ער האָט געמאַכט אַ הפסקה אויף גאַנצע 15 יאָר. דער פּאָעט האָט זיך אָפּגעצאַמט מיט אַ פּערזענ־לעכער מחיצה. הינטער דער מחיצה, אויף אַ דיסטאַנץ פון רעזשים, און אפילו אויף אַ דיסטאַנץ פון זיין פּערזענלעכן טאָג־טעגלעכן איך, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַ פּאָעטישע לאַבאָראַטאָריע. —

און ווען נאָך דער הפסקה האָט ער די לאַבאָראַטאָריע פאַרלאָזן, האָט דער רעזולטאַט געוויזן, אַז דער פּאָעט האָט יאָ געלייזט דאָס פּראָב־לעם, וואָס ער האָט זיך אויפגעגעבן אין מינסק: ער האָט זיך געשאַפן די רעאַליטעט, נאָך וועלכער ער האָט געלעכצט — אַן אייגענע אינערלעכע לעבעדיקע רעאַליטעט, אויף וועלכער זיין ליד קאָן זיך אָנשפּאַרן.

אַט־די רעאַליטעט האָט ער שוין גענומען צוגרייטן אין זיינע ערשטע ניו־יאָרקישע יאָרן, ווען אָן אַ זייט פון פלאַך האָט ער געפּרובט אָנטאַפּן זיין אייגענעם גרונט. אין 1902 אין 3טן ליד פון דער סעריע פון 5 בארג־לידער, וואו די לבנה באַלייכט דעם נעבל אין טאָל, האָט ער גע־פונען מאַטעריאַליזירט די אַרענאַ פון אייביקן יידן, וואָס ער האָט פריער געזען אין חלום: — „אָנגעגאָסן ווייס מיט נעבל, כוואַליעט לייכט דער

טאָל און וואַכט, ווי אַ ווייסער ים, אַ שטילער, אין דער ווייסער שטילער נאַכט". — פון אָט־דעם ווייסן ים וועלן אים שפּעטער אַרויסשווימען זיינע רייכסטע זעאונגען־געשטאַלטן.

און שוין אַזוי פרי ווי אין זיין ערשטן ניו־יאָרקער יאָר, 1897, האָט ער זיך געפּעדערט מיט אַ ליד: „יום־כּפּור אין שול", נאָכגעפאָלגט אין 1900 מיט „שבת פאַרנאַכט", אין 1905 — מיט „שמחת בית השואבה", אין 1910 — מיט „והיה באחרית הימים" און מיט נאָך מער ענלעכע לידער נאָך דער לאַנגער הפסקה. וואָס איז דער צוועק פון די אַלע לי־דער? אויפצושטעלן די אַטמאָספערע פון זיין קינדהייט. וואָרום אויף דעם פאַרהיינטיקער פון דער ירושה־ענערגיע לאָזט זיך דאָך שטעלן אַ פראַגע; וואו איז די בריק צווישן עבר און היינט? די בריק איז די קינדהייט. אין זיין קינדהייט איז דער עבר פאַר אים געווען לעבעדיקער היינט. ער האָט געאָטעמט די אַטמאָספערע פון עבר. און האָט אַריינ־געזויגן די נשמה־שפּאַנונג — די קאָנצענטרירטע עסענץ פון דער ירושה, וואָס דאָס איז דער עיקר, נישט די זכרונות. אָט־די נשמה־שפּאַנונג דאַרף ער איבערגעבן אין זיין היינטיקן ליד. דערפאַר זוכט ער זי צו־נויף. — אין ערשטן ליד „יום־כּפּור אין שול" איבערוועגט דאָס אויטאָ־ביאָגראַפישע: ווי דער יונגער אפּיקורס'ל מאַטערט זיך מיט ספקות; אין צווייטן ליד — „שבת נאַכט" — איז שוין אויסדריקלעך די נשמה־שפּאַ־נונג דער צוועק: — „אָן אַלטע פאַרגעסענע שטימונג". — אין „שמחת בית השואבה", געשריבן אין יאָר פון דער רעוואָלוציע, איז די נשמה־שפּאַנונג שוין אַריבער אין הוילע באַוועגונג, שמחת־תורה־טענץ. אָבער בסוד איז עס אַ ליד אויף דער רעוואָלוציע. אין אַ ליד פון זעלביקן יאָר „די גנבה" דריקט ער אויס זיין פרייד און שטאָלץ מיט דעם יידישן אָנטייל אין דער רעוואָלוציע. אָבער ערגיץ אין אַ ווינקל מוח שמייכלט ער אונטער גוטמוטיק: אָט־די „גאָטס־קאָזאַקן", „כּשל ברכם"—זיי רעוואָ־לוציאָנערן? יאָ, דוקא זיי, קוקט נאָר אָן זייערע שמחת־תורה התלהבות! אָט־די התלהבות — די נשמה־שפּאַנונג פון פרומען יידן — שפּייזט מיט העלדישקייט די יידישע יוגנט. אָט־די באַהאַלטענע איראָניע מיט דעם זיכערן, פרייידיקן ענטפער: יאָ! — העלפט אים אויסקריצן די פּי־גורן אין טאַנץ־באַוועגונג. — אין „והיה באחרית הימים" איז די שפּאַ־נונג קאָנצענטרירט אויף דעם פלאַקערדיקן רבין, וועלכער האָט אין זיין קינדהייט פאַר אים פאַרקערפּערט ישעיה הנביא'ן . . .

אין 1907 איז געקומען „ר' עקיבא" — זיין ערשטע היסטאָרישע

באַלאַדע, אָדער ליד־כראָניקע. דאָס איז שוין אַן אָפּווייכונג — אַ נייער באַשלוס — דער ערשטער באַשלוס וואָס ער האָט אָנגענומען נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעצאַמט פון הערשנדיקן ליטעראַטור־רעזשים מיט אַ מחיצה און זיך פאַרשלאָסן אין זיין פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע. און דאָ קאָן מען נאָך אַ האַרבערע פראַגע פרעגן: ווי קומט צו אַ פאַרהיינטיקער פון דער ירושה־ענערגיע זכרונות? אמת, עס ווערט געזאָגט, אַז דער שריפטשטעלער רעדט דורך דער געשיכטע צום היינט; דער קריטיקער, נאָך אַן אונטערזוכונג, קאָן דאָס אויסגעפינען. אָבער פון אַ פאַרהיינטי־קער פאָדערט זיך מער: ער דאַרף דערלאַנגען די ירושה־ענערגיע אַ פאַר־טיק פאַרוואַנדלטע. קאָן זיין אַ חילוק אין דעם, מיט וואָס פאַר אַ כונה מען באַאַרבעט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל. מען קאָן אויספּוצן די לעגענדעס צו שאַפן פון זיי ליטעראַטור־צירונג, דעקאָראַציע. און מען קאָן אַזוי איבערגעבן לעגענדעס די שטימונג זאָל זיך דערלאַנגען פאַרן היינטיקן געברויך. דער אויסדרוק זאָל זיין גלייכצייטיק היסטאָ־ריש טריי און פאַרהיינטיקט. אין די אָנגעזעטיקטע, געפּרעסטע שורות פון זיינע געלונגענערע לידער־כראָניקעס טוט עס ליעסין. אַזוי אין „ר' עקיבא" — „אָ, זיי געגריסט, דו מיתה, זיי געגריסט, באַשערטע, איך גיב זיך איבער דיר, געווינטשטע און באַגערטע!" — און אין די שלום־שורות: — „דאָס רופט מען מיך, איך גיי, דערפילט איז מיין פאַרלאַנ־גען. געבענטשט זיי גאָט, אחד! — דער גרייז איז אויסגעגאַנגען".

ליעסין אַרבעט אויף זיינע לידער־כראָניקעס סיסטעמאַטיש, עפּאָכנ־ווייז. ווי דער פובליציסט־היסטאָריקער וואָלט אים אויפגעגעבן אַ פּראָג־ראַם: איבערזעץ די גאַנצע יידישע געשיכטע אין פּאָעטישער כראָניקע. אָבער קוקט מען אַריין אויפמערקזאַמער, מערקט מען, נישט אַלע גע־שיכטלעכע געשטאַלטן נעמט ער אין כראָניקע אַריין. ער נעמט נאָר די וואָס זענען געווען לעבעדיקע פּערסאָנאַזשן פאַר אים אין זיין קינדהייט. קאָן ער זיי מיטגעבן פון זיין קינדהייט נשמה־שפּאַנונג. ער נעמט בלויז די געשטאַלטן פון נאָכן חורבן—די גלות־געשטאַלטן. פאַר די ביבלישע און פאַרביבלישע געשטאַלטן האָט ער גאָר אַן אַנדער מעטאָד. ער ציט זיי אַרויס פון זיין איך־אָפּגרונט, ער זעט זיך אין זיי אַ פאַרלעבעדיקטן. ער אידענטיפיצירט זיך מיט זיי. און אויף אַזויפיל גילטן זיי פאַר אים. אַזוי אין דער סעריע „איבער די תהומות". אויב מען וויל זענען עס נישט קיין היסטאָרישע, נאָר וויזיאָנערישע שטימונגס לידער. און ער גייט נאָך ווייטער פון ביבלישער און פאַרביבלישער צייט, — ער גייט אין פאַר־

היסטאָרישן פּאַרצייטן, און נאָך ווייטער אין דער אורצייט, ווען דער מענטש איז נאָך קיין מענטש נישט געווען — און ער אידענטיפיצירט זיך מיט יענע שטומע באַשעפענישן. און נישט נאָר פון איך־אָפּגרונט, נאָר פון אומעטום, וואו עס לאָזט זיך שאַפן אָפּגרונט — אין דער נאַטור: ים, באַרג, וואַלד, נאַכט, שטורעמס, זאַווערוכעס — אין דער געשיכטע, אין דער רעליגיע, אין פּאָעזיע — קריסטאַליזירט ער פון דעם כאַאָס אַרויס שטימונג־וויזיעס. פון דאָרט ציט ער אויך אַרויס זיינע פאַנטאַזיע־שפּילן: די „ווינטער־באַלאַדע" די „שעהערעזאַדע". אין יענעם כאַאָס זענען איך, גאָט, נאַטור, געשיכטע, פּאָעזיע איינס. און פון יענעם כאַאָס קריגט ער אַרויס זיינע פיינסטע ליד־מאָמענטן. מאָמענטנווייז, יאָ מאָמענטנווייז, קומט ער צו יענער טיף, וואו באַוואוסטזיין און אינטואיציע זענען איינס. באַוואוסטזיניקער עקסטאַז. העלזעאונג אונטער דער שיין פון באַוואוסטזיין. טראַנס מיט אָפענע אויגן. אין אַזעלכע מאָמענטן איז וואָרט הוילע טרעפעניש — און וואָס עס טרעפט, ווערט אמת און פּאָעזיע. און עס איז פולער „פון־אָנהייב־אָן"— אַ שאַפונג פון גאָרנישט אַרויס — אַ יש מאין —מעשי בראשית. און פולע פאַרוואַנדלונג פון דער ירושה־ענערגיע. ווייל די מאָמענטן זענען אויפגעבראָכענע, עקספּלאָדירטע נשמה־שפּאַנונג.

דאָס איז דער ציל געווען פון דער גאַנצער ראַנגלעניש פון פּובליציסט און פּאָעט אין אים. פון זיין איינשפּאַרן זיך צו גיין אין ליד אין דירעקטער פראָנט־אַטאַקע. ער האָט דערגרייכט דעם סינטעז — די קונסט פון דירעקטער דערלאַנגונג. און עס איז באַשטעטיקט, אַז די קונסט פון דירעקטער דערלאַנגונג איז מעגלעך. עס איז נישט קיין נייע טענדענץ, פון ליעסינען אַריינגעפירט. עס איז די עלטסטע יידישע ליטעראַטור־טענדענץ—די נביא׳ישע. האָט דער נביא אָבער געהאַט אַ מעכטיקן אַרויסהעלפער — גאָט. איידער ער האָט זיך דערלאַנגט צום מענטשן, האָט ער זיך דערלאַנגט צו גאָט. און כדי צו דערגרייכן דעם אומדערגרייכבאַרן, האָט ער געדאַרפט אויפהייבן אַ קונסט־טרעפ — פון בילד און וויזיע. דער מאָדערנער פּאָעט האָט נישט גאָט פאַר אַן אַרויסהעלפער. זיין קונסט־טרעפ — זיין ליד — דאַרף זיך האַלטן אין דער הייך דורך דעם אימפּעט, וואָס שטויסט עס אַרויס, און דורך דעם פּאָעטישן אויפשפּיל, וואָס לאָזט זיין ליד נישט אַראָפּנידערן. דער פּאָעט דאַרף גלייכצייטיק זיין אי אַן אינדירעקטער שפּילער אַרום דעם אמת, אי אַ דירעקטער דערלאַנגער פון אמת.

דאָס איז דער וויכטיקסטער רעזולטאַט, וואָס ער האָט דערגרייכט זייט ער האָט זיך דערוווייטערט אין זיין פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע. ער האָט זיך געשאַפן אַ ליד־אינסטרומענט פון דירעקטער דערלאַנגונג, דורך וועלכן די אמת־זאָגערישע אידייע, אָנגעטרונקענע מיט עמאָציע, וואַרפט זיך פונאַנדער אין שפּילנדיקער בילדלעכקייט, ער האָט זיך געשאַפן אַ פּאָעטישע רעאַליטעט וואָס איז עקוויוואַלענט צו רעליגיע, וואָס קאָן פאַר־בייטן דעם מאָדערנעם יידן רעליגיע.

צום זעלביקן ציל גייט אַ היפּשער טייל פון דער יידישער ליטעראַ־טור אין אַמעריקע — דורך אירע בעסטע פאָרשטייער: אפילו אַזעלכע, וואָס זענען נישט חושד, אַז זיי האָבן אַזאַ פרום־אַפּיקורס'ישע כונה: צו שאַפן אַ קונסט וואָס איז גלייכווערטיק מיט רעליגיע. — דער ציל איז איינער פון די זעלבסטרעטונגס־מיטלען — אַ הויפּט־רעטונגס־מיטל פון דער יידישער ליטעראַטור. ווייל בלויז אַזאַ ליטעראַטור וועט קאָנען געבן דעם יידישן ענטפער אויף דער וועלטס אַרויספאָדערונג צום יידן, און אַזוי אַרום העלפן אַרויספירן די הייניטיקע יידישע ווירקלעכקייט פון דעם וועלט־קלעם.

די אַנדערע, וואָס דערנענטערן זיך, פּאַראַלעל מיט ליעסינען, צו דעם ציל: קונסט וואָס איז עקוויוולענט צו רעליגיע — זענען געגאַנגען מיט דעם לייכטערן אינדירעקטן ליטעראַטור־וועג, און גענענטער צו דער ווירקלעכקייט. ליעסינס דירעקטער וועג איז דער שווערערער, דער שווערסטער. עס האָט אים געקאָסט גרויסע האַרעוואַניע — מיט אַ צו־גאָב פון מסירת נפש. ער האָט זיך גענראַפּט אָפּזאָגן פון אַ סך באַקווע־מערע גליקן. ווען אפילו די איבער 40 יאָר פּאָעטישע אַרבעט וואָלטן געגעבן אין רעזולטאַט בלויז אַ צענדליק לידער פון דעם אויבן־באַשריבע־נעם מין, איז עס ווערט געווען. אָבער אין זיינע געזאַמלטע ווערק וועלן מיר זיי אָנציילן אפשר איבער אַ הונדערט. — אין ליכט פון דעם לעצט דערגרייכטן רעזולטאַט דאַרפן ליעסינס לידער פון די ערשטע יאָרן גע־לייענט, פאַרשטאַנען, און אָפּגעשאַצט ווערן.

ס'איז נאָך מער אמת וועגן יהואש, דעם צווייטן טרעגער פון דער ירושה־טענדענץ, ווי וועגן ליעסינען, אַז זיינע לידער פון ערשטן יאָר־צענדליק קאָנען ערשט ריכטיק באַהאַנדלט ווערן אין ליכט פון זיינע לעצטע דערגרייכונגען. יהואשן דאַרף מען פּאָזיטיוו אָנהייבן פון סוף, און אויפנעמען אים אין אַ שפּעטערדיקן צוזאַמענהאַנג, נאָכדעם ווי דער פּאָעט אין אים וועט האָבן פול זיך באַפרייט. אָבער מען קאָן אים

פּאַרט נישט אַרויסנעמען פון ערשטן יאָרצענדליק. אפילו מיט זיין נעראַנגל האָט ער געהאָלפן דער ליטעראַטור זיך אַרויסראַנגלען פון איר פּיאָנערישן צושטאַנד. ווען מיר דאַ באַרגן פון סך הכל, וואָס וועט אין שפּעטערדיקע קאַפּיטלען גענויער פונאַנדערגעגלידערט ווערן.

וואָס איז געווען יהואשעס גרונט־אינספּיראַציע? ביי יהואשן איז שווערער געווען צו טרעפן. מען האָט יאָ געשפּירט, אַז דער פּאָעט אין אים איז אַ שפּירער, אַ נאָכשפּירער. אַ נאָכשפּירער פון וואָס?

ביי יהואשן איז פאַראַן אַ ליד — איינס פון זיינע לעצטע לידער: אַן אַרויסגעטריבענער מלאך לויערט ביי די פאַרשלאָסענע טויערן פון גן־עדן, און וויל אונטערהערן די געטלעכע אמת'ן, וואָס ווערן דאָרטן אנטפּלעקט, און ער פּרוּווט נאָכטראַכטן זיי אין זיינע געדאַנקען. און נאָכפּילן זיי מיט זיין האַרצן און נאָכפּליסטערן מיט קלאַנגען. וואָס ער ווייס, אַז דאָס זענען נישט גענוי די קלאַנגען, דורך וועלכע דער פול אַנטפּלעקטער אמת לאָזט זיך הערן הינטער די טויערן. עס איז נאָר זיין פאַרזוך זיי צו פאַנגען, זיין באַגער נאָך זיי — און דער פאַרזוך און דער באַגער מאַכן אים גן־עדנ'דיק פּילן.

און אָט־דער אַרויסגעטריבענער, זיך אונטערהאָרכנדיקער מלאך — איז דער פּאָעט. און אַלס אַזאַ פּאָעט וויל זיך יהואש זען און פאַרשטיין. די חכמה פון פאַרן אמת, דער פאַרגעפיל, די נאָכשפּירונג פון אמת, דאָס זוכן, דאָס באַגערן דעם אמת — דאָס איז ביי אים פּאָעזיע; דער אַנטפּלעקטער אמת, דאָס איז שוין פילאָזאָפיע, רעליגיע, אָבער נישט קיין פּאָעזיע. און ער האָט פאַרגעצויגן צו זיין אַ פּאָעט.

אין זיין ליד דאָס אונטערהערן זיך, ווי מען זינגט אין גן־עדן. און מערקווירדיק, דאָס וואָס ער האָט אויסגעזאָגט אין אַ ליד, וואָס איז געווען כמעט דאָס לעצט געדרוקטע ביי זיין לעבן, האָט ער שוין געהאַט אָנגעזאָגט אין זיין ערשט געדרוקטן ליד אין פּרצעס „יידישע ביבליאָטעק", 1889). „מזמור שיר ליום השבת! — שטאַמט דאָס ליד נישט פון קיין מענטשן, נאָר מלאכים ווייסע האָבן דאָס געזונגען אין גן־עדן, אין דעם ערשטן הויכן שבת, נאָך דער גרויסער וועלט־באַשאַפונג..."

איצט, אַז מען וועט נאָכאַמאָל איבערלייענען זיין ערשטן באַנד — „געזאַמלטע לידער" — וועט זיך דאָס באַשטעטיקן: ער איז אַלעמאָל אויף אַ שפּור, אָדער אין גייעג נאָך אַ שפּור. זיין ליד איז אַ שטייגל אויפגעשטעלט צו כאַפּן אַ שפּור.

אַנדערע פּאָעטן מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען אין

געיעג נאָכן אַבסאָלוטן. זיי ווילן גילטן פאַר אמת־זאָגער. אפילו נישט דערגרייכנדיק, דוכט זיך זיי, אַז זיי דערגרייכן. און דאָס דוכטעניש איז זייער אמת און פּאָעזיע. יהואש זאָגט: מען קאָן נישט און מען דאַרף נישט. פאַר אים איז די דערנענטערונג צום אמת, דאָס נישט דערגיין, דער שפּיל אַרום — דאָס איז זיין פּאָעזיע, דער אונטערשייד איז דאָ צווישן דירעקטער דערלאַנגונג און אינדירעקטער. מיט אַנדערע ווערטער: יהואש ציט פּרצעס ליטעראַטור־ליניע.

ענג פאַרבונדן מיט דעם איז ביי יהואשן די פאַרהערלעכונג פון גלויבן. גלויבן — מיט גאָט אָדער אָן גאָט — גלויבן איז דער עיקר. וואָרים גלויבן איז זוכן, באַגערן און פאָרפילן; האָט עס ווידער אַמאָל פאַר אים געהאַט דעם טעם גן־עדן. און ענג פאַרבונדן מיט גלויבן איז ליבע, וואָס איז די נאָכשפּירערין פון גלויבן אין אַ מענטשנס האַרצן. און ליבע, געשטאַרקט ביז גלויבן — ביידע צוזאַמען האָבן אים געגעבן דעם טעם פון הערואַישן. דער העלד, וואָס ריזיקירט, איז פאַר אים געווען פאַרקערפּערטער ליבע־גלויבן. נישט אַזוי דער צוועק, צוליב וועלכן דער העלד איז זיך מוסר־נפש — דאָס איז פאַר דעם העלד אַן ענין. פאַר דעם פּאָעט אָבער איז דער עיקר דער נשמה־צושטאַנד וואָס כאַפּט פאַרוים דעם ניגון, וואָס די נשמות פון די העלדן וועלן זינגען אין גן־עדן. דאָס פאַרליבט־גלויביק זיין אין אַ זאַך, וואָס איז נאָך נישטאָ און דאַרף אפילו נישט זיין — הערואַיזירטער ליבע־גלויבן — דאָס איז די גרונט־שטימונג, וואָס האָט יהואשן באַהערשט, באַגליקנדיק אים מיט זיינע הייסטע פּאָעטישע אַנטציקונגען, איבערשפּאַרנדיק דעם סקעפּטיקער אין אים, וואָס ער איז מסתמא געווען גלייך מיט אונדז אַלעמען.

און ווער עס האָט געהאַט גוטע אויגן האָט עס געקאָנט אַרויסזען פון זיינע ערשטע בענד געזאַמלטע לידער: — „דער גאָט־באַגער — דאָס איז ער" („גאָט זוכעניש"). ווען פאַרליבט, חוזק'ט זיין יידישער מוח איבער אים, דעם פּאָעט. — „דיין אמונה איז אַ פאַלשע! — („בלומען און דערנער") — הייסט עס, ליבע איז אמונה. דער, וואָס זוכט דעם אמת איז געגליכן צו אַ האָן, וואָס — „בויגט זיך הינטער דעם שפּיגל־גלאָז דעם קאָלטן, צו זען דעם האָן דעם אמת'ן באַהאַלטן" — („אמת זוכן"). — און וועגן פּאָעט און העלד ווערן מיר געוואָר: — „געזאָלט האָט ער ווערן פון חיל אַ פירער, אַ מעכטיקער צעזאָר, אַ שטאַרקער רעגירער און נעביך אַרויס — אַ פּאָעט" — („כביכול'ס מעות"). דאָ קומט אויס, ווי ער וואָלט באַדויערט דעם גורל פון פּאָעט.

אָבער דאָס באַדויערן איז נאָר פאַר ליטישע אויגן. ער איז שטאָלץ אויף זיין באַרוף: „נישט דו, נישט דו, דער זעער און פּראָפעט, נאָר ער, דער גבור מענטש, דער מאַן פון טאַט" — נישט משה רבינו, נאָר יהושע בן נון — „וועט פירן דאָס פאָלק צום שיינעם לאַנד כנען" („דעם נביא'ס גורל"). ער באַדויערט, יאָ? אָבער שוין דאָס אַנטקעגנשטעלן משה רבינו צו יהושע גיט צו פאַרשטיין ווי אומפאַרגלייכלעך העכער ער שעצט דעם זעער דעם פּאָעט איבער דעם קריגער־העלד. נאָך די מלחמות און רעוואָלוציעס איז דער פּאָעט נאָך העכער געשטיגן אין זיין אָפּשאַצונג. די סעריע לידער „שטאַפּלען", פון זיין פּאָעטישן נאָכלאַז, געדרוקט אין פּאַריקן נומער „זאַמלביכער", וואָס ווייזן אַ הונדערט גראַדיקן געווינס אין טאַלאַנט אויף איינצוהערן זיך, וואָס זיין נשמה שפּירט — זענען גלאָריפיקאַציע פון פּאָעט אויפן חשבון פון דעם העלד, וועלכער איז נישט מער, ווי אַן אָרימער נאָכשלעפּער, וואָס פאַר'גלגול'ט דעם פּאָעטס זעאונגען. „צו איינעם אַזאַ": — „ביי אַל דיין פייער און דיין שוועבל און דיין דונער־קנאַלן איז דאָ אַ טיפעניש אין דיר וואָס ווייגט פאַרלאָזט און עלנד. נישט דו ביסט דער, וואָס וועט יריחו'ס מויער מאַכן פאַלן..." — אפילו די רייד פון פּאָעט, וואָס אַלע האָבן פאַרהערט, וועלן זיך אַריינכאַפּן אין מענטשעלעך, וואָס וועלן זיי מקיים זיין און וועלן אויף דעם סמך זיך אָנרופן העלדן.

איז עס צום צווייטן מאָל די ווייטערפירונג פון דער פּרץ טראַדיציע. העראָאיזירטע ליבע־גלויבן דאָס איז די עסענץ פון דער ירושה טענדענץ, וואָס פּרץ האָט זי אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור. דער קול פון זיין ייִדיש בלוט האָט זיך געריסן דורך יהואשעס גרונט שטימונג, באַרייכערנדיק אים מיט אַ זעקסטן חוש — „שפּירונג". מיט דער נפקא מינה, וואָס פּרץ, הגם זיין הויפּט אינטערעס איז געווען ייִדישע ליטעראַטור, האָט טאַקע צוליב אַ גרעסערן תכלית פאַר איר, געעפנט דעם ירושה רעזערוואואַר, כדי צו פאַרוואַנדלען די אַלטע גלויבנס־ענערגיע אין מאָדערנער מאָראַל ענערגיע, און מיט זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז ער שוין געווען האַלבוועגס צו אַ ייִדישער ליטעראַטור, וואָס טוט לעבנס דינסט, — יהואש, וועלכער האָט אין לעבנסדינסט נישט געזען דעם פּאָעטס באַרוף, איז יוצא געווען מיט שפּירונג. איז ער געווען מער דער פּאַרזעצער פון פּרצעס ליטעראַטור־טענדענץ, ווי פון זיין ירושה־טענדענץ. פּונקט ווי אַש, האָט ער אין עבר געזוכט צירונג, דעקאָראַציע. און זיין הויפּט־געפינס איז געווען אַ שטיק צירונג — אַ כישוף־רינג

(„שלמה המלכ׳ס רינג”), האָט ער געהאַט אַן עשירות פון טעמעס: פון אומעטום, וואו עס לאָזט זיך עפּעס שפּירן און אויסשפּירן: פון ביבל און תלמוד, פון יידישע לעגענדעס, פון צייט געשעעענישן, פון ליבע און גלויבנס־געפילן — האָט ער געצויגן טעמעס. אָבער זיין הויפּט־אינספּיראַציע, דער אַל־הערשנדיקער מאָטיוו פון זיין אינספּיראַציע, איז געווען די שפּירונג און אויסשפּירונג פון דעם, וואָס טוט זיך אין דער סאַמע אינטימסטער נאָענטקייט פון זיין איך.

אָבער וואו האָט ער געזאָלט געפינען אויערן צו פאַרנעמען די סעקרעטן פון זיין יחיד׳ישער התלהבות? האָט ער אָבער געהאַט איין צוהערערין וועלכע האָט אים פאַרביטן מענטשן אין אַ ווערטפולן פאַרבייט— די נאַטור. זיי האָבן זיך ביידע אַמבעסטן פאַרשטאַנען. ביי איר פלעגט ער אויסשפּירן די פיינסטע סעקרעטן, און זי ביי אים. מיט דער נשמה פון די ביימער האָט ער זיך שטענדיק געשושקעט. „און דאַן האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט ווי ס׳רעדט דער בוים . . . דערהערט ווי ס׳פרעגט דער בוים ביי מיר די סודות פון דער מענטשן־וועלט . . . („דעם בוימס נשמה”). די נאַטור האָט אים אויך אַן אינסטרומענט געגעבן — אויגן־שפּראַך. צו זיין אויג האָט זי גערעדט. יהואש האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן, קלוג־בליציקן, בילד־בויערישן בליק.

אָבער דאָ, ביים איבערגעבן זיינע אויגן־ און נשמה־שפּירונגען צו מענטשלעכער אויערן האָט ער אין ערשטן פעריאָד זיין גרעניץ געהאַט. ער פלעגט מיט זיינע ליפּן זיך צעשטעלן ביים שוועל פון זיינע שפּירונגען. אין צווייטן פעריאָד האָט ער אויסגעלערנט זיינע ליפּן לייכט און פלינק נאָכצוהאַלטן זיינע בליקן: — „אַ שטערן איז אַריינגעפאַלן דורכן שויב. איז מיין שוואַרצע פעדער טויט געבליבן אין די פינגער. האָבן אַלע קליינע שיינע זאַכן זיך אויסגעשאָטן און צעפלויגן ווי שטויב פון אַלטע בגדים, און איך בין געבליבן ברייט און ליידיק ווי אַ שנייאיק פעלד מיטן שטערן אין דער מיט” . . . („אַ שטערן”). אַנדערש אָבער אין ערשטן יאָרצענדליק — אַט וויל ער איבערגעבן אַ סוד, וואָס דער פרילינג האָט אים פאַרטרויט: „פון די אויגן גלייך אין מוח, קענטיק, איז דער טוי גערונען, און די וועלט געוואָרן העל איז, ווי באַשטראַלט פון הונדערט זונען” — יאָ, אמת, פון די אויגן גלייך אין מוח . . .

עס קלינגט ווי אַ שלעכטע איבערזעצונג פון אַ פרעמדער שפּראַך. אין ערשטן יאָרצענדליק איז ער געווען אַ שלעכטער איבערזעצער פון דעם פיין־פילנדיקן פּאָעט אין אים. ער האָט ווי באַשטעלט, ווי אויס־

געגעבן זיין קאפ אן אויפגאבע: שטעל מיר אויס א פאסטקע פון ווערטער צו פאנגען די פארשווינדנדיקע שפור. און די ווערטער האבן זיך נישט געגעבן. שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האט פונדערהיים מיטגעבראכט א שלל היימישע ווערטער. אבער ווען ער האט געדארפט איבערזעצן דעם פאעט פאר זיינע צוהערער, האט ער געמוזט ברעכן זיין לשון. ער האט אין דעם ערשטן יארצענדליק נישט פארמאגט קיין פארטיקן אומזיסטן שפראך־אינסטרומענט. דערפאר, ווייל די קוואל פון זיין אינספיראציע איז געווען איבערן וואַרט. וואו? — ביים שוועל פון עפעס א טיפן אמת וועגן זיך, וועגן דער וועלט, אין א געהיים קעמערל פון די דינסטע שפירעוודיקסטע פארגעפילן. און פאר דעם זענען קיין ווערטער אין דער יידישער דיכטונג נישט געווען; און קיין ווערטער זענען נישט געווען, ווייל קיין אודיענץ איז נאך פאר דעם נישט געווען. ווערטער קוועלן פון זיך אליין, ווען זיי האבן א באשטימטן אדרעס. און דערפאר טאקע, ווייל קיין אדרעס איז נישט געווען, האט זיין אינספיראציע זיך געמוזט אויפהייבן איבערן וואַרט. יהואש וואלט זיך וואונדערלעך געפילט אין א ליטעראטור מיט א רייך אנטוויקלטער פאעטישער שפראך — איז דערפאר זיין דיכטערישער באַרוף געוואָרן צו געבן דער יידישער פאעזיע שפראך עשירות.

האט ער געהאט גאר א שווערן גראנגעל. אנקומענדיק קיין ניו־יארק (פון דענווער) האט ער אנגעטראפן די זעלביקע הארטע ליטעראטור־אויבערפלעך, א פארקלעמטע פון צייטונגס רעזשים, וואס האט קיין ליד פון טיפערן אונטערגעגראבענעם געמיט נישט געוואלט אויפנעמען.

יהואש, פאר וועמען פאעט איז געווען דער פארטריבענער מלאך, וואס קלעטערט אויף די שטיינער, וואס פארלייגן דעם וועג צו די פארשלאסענע טויערן פון גן־עדן, האט גענומען שליידערן און בראזגען מיט די שטיינער, כדי צו צעשמעטערן דעם בלעך פון דער איסט־סיידער ליטעראטור־פלאך. די שטיינער האבן זיך צעשמעטערט, נישט דער בלעך. אנגעבראכן געגנוג שטיינער־שערבלעך — אזוי רופט ער עס אליין אן — פלעגט ער זיי אויסלייגן אין שורות, שטיינערנע שטייגען, פאסטקעס, שטיינערנע פידלען — לאנגע ליד־קאנסטרוקציעס — וואס פארנעמען פיר מאל אזויפיל פלאץ, וויפיל זיי האבן געדארפט. אפשר וועלן זיי מיט זייער לענג אויפכאפן דעם ניגון, וואס זינגט זיך אין גן־עדן? — „פאגאניני" — „ווי ס'ווערן לידער פארפאסט" — פון צייט צו צייט פלעגט אים אפגליקן צו געפינען א בלאנקנדיק, בלישטשנדיק דימענט־

שטיינדעלע, אַ הערעוודיקס, וואָס וויברירט מיטן ניגון פון גן־עדן. און די קורצערע לידער יהואשעס זענען טאַקע די איינגעגעבענערע. אַזוי „די צווי יאָרצייט־ליכט״:—צווי נאָענטע נשמות האָבן זיך נאָכן טויט דער־קענט. די שפּירונג איז איינס צווי געכאַפּט. אויך בלאַנקער פערז פּלעגט אים פאַרשפּאָרן צו שלעפּן שטיינער.

די אוידיענץ איז זיין צווייטער גרעניץ געווען. דער ערשטער גרעג־ניץ, ווי געזאָגט, איז געווען דער שוועל פון אמת. ער איז אַ פּאָעט, וועמעס פּאָעזיע איז אַ זינגענדיקער פּראָלאָג צו אמת. (יהואש האָט זער גערן געשריבן פּראָלאָגן). צווישן אָט־די צווי גרעניצן האָט יהואש זיך באַוועגט. ער האָט די גרעניצן אָפט אריבערגעשפּרייזט—אין דער צווייטער פּעריאָדע — אַלץ אָפטער צום גוטן. אין שלאַנקער, זעלבסטשטאָלצער הערבאַישקייט האָט ער כסדר געהאָרעוועט, שלייפנדיק זיין אינסטרו־מענט, און ער האָט אים דערפירט ביז צו דעם דין־דינעם זילבערנעם קלאַנג פון די לידער פון זיינע לעצטע יאָרן, און צו דער ערלעכער איידל־קייט פון סטיל אין זיינע מאָנומענטאַלע ביבל־איבערזעצונגען.

יהואש האָט גענומען אויף זיך אַ הערבאַישע אַקציע, פּאַראייניקנ־דיק דעם פּאָעט און דעם העלד און אָפּצאָלנדיק זיין חוב פּרצן פאַר דער אויסגעבאָרגטער ביי אים ירושה־טענדענץ.

ער האָט אַ באַרג אַראָפּגעלאָזט אויף זיך צו צעשמעטערן די מחיצה, וואָס האָט אָפּגעטיילט זיין געמיט פון זיין לשון. פאַר צוואַנציק יאָר צייט האָט ער געזיפּט יעדעס וואָרט פון יידישן לשון פון אַלע צייטן און ערטער, און אָנגעזאַמלט אַ באַרג מיט וויברירנדיקע ווערטער — מויער־קעפּלעך, וואָס פאַרנעמען די שטילסטע שפּירונגען. און ער האָט דער־גרייכט, אַז מיט דער שפּירעוודיקייט פון זיין לשון, מיט זיין אָפּרופּי־קייט, מיט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיינע טעמעס האָט ער געקאָנט מיטגיין און פאַרויסגיין דעם ליד פון דעם מאָדערנסטן פּאָעט.

אי יהואש אי ליעסין — האָבן אין זייער ערשטער פּעריאָדע גע־האַט מער מוח און מער כוח, וויפיל די אוידיענץ האָט געקאָנט פאַר־טראָגן. זיי האָבן אָבער געקראָגן זייער שכר; זיי האָבן איבערגעלעבט די פלאַכע אוידיענץ מיט אירע פלאַכע פּאָעטן. ווען די פלאַך איז דורכ־געבראָכן געוואָרן, האָבן זיי זיך ערשט באַוויזן מיטן פולן כוח.

„די פלאַך איז דורכגעבראָכן געוואָרן״ — דאָס מיינט נישט, אַז דער רעזשים איז איינגעבראָכן געוואָרן. אַ געשעפט אין אַמעריקע, מיט אַ שטייגנדיקער קליענטל, גייט נישט געבראָכן. דער „דורכברוך״ איז באַ־

שטאַנען אין דעם, וואָס די אַטמאָספּערע איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל נישט דאַרפן זיך אָנשפּאַרן אויף דער צייטונג. און די ליטעראַטור איז צוגעגרייט געוואָרן צו באַגעגנען די נייע לייענער־אוידיענץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון יאָרצענדליק — ביז 1910. — דאָס איז געווען נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, וועלכע ווי גרעסער זי איז געווען אין פאַרנעם פון רעוואָלוציאָנערן אַקט פון „נאַראָדנאַיאָ וואָליא", אַזאַ גרעסערע בלוטיקע נקמה־וואַקכאַנאַליע האָט זי געבראַכט פאַר יידן. די רעוואָלוציע פון 1905 האָט צוגעשלאָגן צו די ברעגן פון אַמעריקע אַ נאָך גרעסערע אימיגראַציע־כוואַליע, ווי אין יאָר 1881, די אָנקומענדיקע אימיגראַנטן האָבן זיך שוין געציילט נישט אין צענדליקע טויזנטער, נאָר אין הונדערטער טויזנטער. צווישן זיי אַ סך אויפגעברויזטע יוגנט, אינטעליגענץ. אָט־דער ניי אָנגעקומע־נער, מער קולטורעלער עולם, צוזאַמען מיט דעם מער אַנטוויקלטן לייע־נער פון דער עלטערער אימיגראַציע, ווען עס איז דערעסן געוואָרן צו שפּייזן זיך מיט טעגלעכן קיי און שפּיי, צוזאַמען מיט דער דאָ אויפגע־קומענער נאַציאָנאַל־געשטימטער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ — זיי האָבן עס געגעבן אַ נייע ליטעראַטור־אוידיענץ.

(פון וואַנען האָט זיך דאָ גענומען אַזאַ אינטעליגענץ? — איז וועגן דער ראָלע פון דר. חיים זשיטלאָווסקי אין אָרגאַניזירן די נאַציאָנאַלע שטימונג פון דער אינטעליגענץ, וועגן זיין פאַרדינסט אַלס איינבעבער פון איינגעפונדעוועטן צייטונג־רעזשים מיט זיין היסטאָרישער קאַמפּאַניע קעגן „עם הארצות", און בכלל וועגן דעם אידייאישן הינטערגרונט פון דער ערב־רעוואָלוציע אין דער ליטעראַטור — וועגן דעם אַלעמען קומט אַ באַזונדער קאַפּיטל).

עס האָט געמיינט, אַז עס איז אויפגעקומען אַ נייער באַשטעלער אויף ליטעראַטור. דער שריפטשטעלער האָט באַקומען אַ נייעם אַדרעס. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון פּראָצעס, וואָס וועט באַלד פירן דערצו, אַז די ליטעראַטור דורך די „יונגע" זאָל זיך אַוועקשטעלן פולשטענדיק אומאָפּהענגיק פון צייטונג־רעזשים.

קאָנען מיר שוין אַריבערגיין צו דער מרידה פון די „יונגע"? ניין, נאָך נישט. נאָך נישט אַלע איינפלוסן זענען שוין גענומען געוואָרן אין באַטראַכט. עס האָבן זיך געמעלדעט שריפטשטעלער — דוד פּינסקי, ל. שאַפּיראָ און דער שפּעטער־צוגעקומענער פּרץ הירשביין — וואָס אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלן אַרויסצוברענגען פון באַהעלטעניש צוויי

נייע אַמעריקאַנישע טענדענצן צו דער ערשטער „פון־אַנהייב־אָן"־טענ־דענץ. די ערשטע פון די צוויי האָבן מיר שוין געהאַט אָנגעזאָגט, אָבער קיין נאָמען נאָך נישט געגעבן, ווייל זי האָט זיך נאָך נישט געהאַט קענ־טיק געמאַכט. איצט נעמט זי זיך קענטיק מאַכן. און זי פאַרדינט שוין אַ נאָמען. גוט, לאָמיר זי אָנרופן די „פאַרמעסט"־טענדענץ אין אונטער־שייד פון מאַטעריעלן פאַרנעם.

וואָס איז פאַרמעסט? נישט יענע אונטערנעמערישקייט, וואָס מאַכט פון זאָקסבענדלער אַ מיליאָן, נאָר יענע באַרימטע אַמעריקאַנישע אונטערנעמערישקייט, וואָס שטעלט אויף די העכסטע הימל־קראַצערס, גראָבט די לענגסטע טונעלן אונטערן וואַסער און שפּאַנט פונאַנדער די לענגסטע בריקן איבערן וואַסער: די אַמעריקאַנישקייט, וואָס פאַרמעסט זיך מיט אירע ריזן־אינדוסטריען אין ענערגיע און שוואונג מיט די אַמע־ריקאַנישע אָרגאַנאַנען און פאַרפלייצונגען. אַט־די שטורעמדיקע פּראַק־טישע ענערגיע עלעקטריזירט די לופט, לופטערט און ניכטערט דעם גייסט, אויסלייטערנדיק אים פון דער קריכנדיקער נעבלהאַפטיקייט, וואָס פאַרפאַמעלעכט זיינע באַוועגונגען; שטרעקט אים פונאַנדער מיט חשק אַרומצונעמען און אַרומצוכטפּן ברייטע און גרויסע אויפגאַבן.

און אַ דריטע טענדענץ וואָס האָט שוין געשטאַמט נישט פון באַ־שטעלער, ווי דער „פון־אַנהייב־אָן", און נישט פון לאַנד אַמעריקע, ווי דער „פאַרמעסט", נאָר אַזוי צו זאָגן פון דער געאָגראַפישער פּאָזיציע פון אַמעריקע, פון דעם פיזישן פאַקט, וואָס אַמעריקע איז אַ מדינה מעבר לים. פון דער פּאָזיציע „מעבר לים" האָט געטראָגן דעם ריח פון יידישער אַלוועלטלעכקייט. וואו איז דער ייד נישט? ער איז גלייכ־צייטיק אין רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע און רומעניע און אין אַמעריקע! און אויף אַט־דעם ריח פון אַלוועלטלעכקייט האָט זיך געלאָזט אָנבלאָזן אַן אילוזיע פון אַן אַלטוועלטלעכער יידישער ליטעראַטור־טעריטאָריע — די אילוזיע, וואָס טוט אַזויפיל גוטס דער היינטיקער יידישער ליטעראַ־טור; וואָס שטאַמען שטאַמט זי פון אַמעריקע — ניט פון אַנדערשוואו! עס איז אַ מעבר־לים׳יקע אילוזיע.

האָבן די הינגע שריפטשטעלער פּיאָנערן געשפּירט אַט־די צוויי אויס־געצייכנטע אַמעריקאַנישע טענדענצן—„פאַרמעסט" און מעבר־לים׳יקייט? ל. קאָברין, ווייזט אויס, האָט יאָ געהאַט אַן אָנונג פון „מעבר לים". אָבער דוד פינסקי, ל. שאַפּיראָ און פרץ הירשביין זאָגן די טענדענצן בפירוש אָן מיט די ווערק, וואָס זיי האָבן דאָ געשאַפן,

ווען זיי זענען געווען געסט אין אַמעריקע, אין פּראָצעס פון זייער אַמע־ריקאַניזאַציע. אויב נישט זיי אַליין, האָבן די ווערק זייערע די טענדענצן אויסגעשפּירט, און פּראָפיטירט פון זיי.

אויף זיי, וואָס זענען געקומען אַהער פאַרטיק אויסגעפורעמטע, לאָזט זיך בולט אָנזען דער קאָנטראַסט צווישן זייער שאַפן אין דער אַלטער היים און דאָ.

(מיר נעמען דאָ ביי פּינסקין, שאַפּיראָן און הירשביינען בלויז דעם מאָמענט פון זייער „אַמעריקאַניזאַציע”. ווי איינגעבירגערטע „אַמערי־קאַנער” וועלן זיי שפּעטער באַהאַנדלט ווערן).

דוד פּינסקי איז אַ גוטער ביישפּיל — דער ערשטער, מיט וועמען דער „מעבר לים” האָט אַזאַ פּעולה געטאָן. פון אַ פּיאָנער אין פּראָלע־טאַרישער דערציילונג — פּראָלעטאַרישער אין אונטערשייד פון רחמנות־דיקער פילאַנטראָפּישער אָרעמקייט־שילדערונג — איז ער געשטיגן צו אַ פּיאָנער אין פּראָלעטאַרישער דראַמע — „אייזיק שעפטל”. דער קוק פון־דערווייטנס האָט פאַרגרעסערט דעם פאַרנעם, געשטאַרקט די אויפנאַמס־פייאיקייט פון זיין אויג. ס'איז געדיכטערע אַריינזעאונג: כדי צו דערהייבן די טראַגעדיע פון אייזיק שעפּטלען פון אַ דערציילונג צו אַ דראַמע, פאַר־דערט זיך פולערע קאָנטראָל־קראַפט איבערן מאַטעריאַל. אָבער נאָך מער עדות, אַז זיין שעפּערישע ענערגיע איז פילפאַך גע'כופל'ט געוואָרן, איז זיין קרוינווערק „דער אוצר” (1906).

עס איז נישטאָ קיין גלייכן צום „אוצר” אין דער יידישער דראַמאַ־טישער ליטעראַטור. פּינסקיס „אוצר” איז אַ פּאַנאָראַמע פון אַ קליין שטעטל, וואָס איז כולל אַלע יידישע קליינע שטעטלעך, מיט אַ הינטער־גרונט וואָס לויפט אין דער טיפעניש פון דורות; מיט אַלע קלאַסן שטעטלשע אידן: רייך־אָרים, חכם־נאַר, למדן־עם הארץ, יחסן־שלעפּער — צענויפגעקנוילטע, פאַרדרייטע אין אַ ווירבל, וואָס קערט אַלץ און אַלע־מען איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ: משוגע געוואָרענע פון אַ חלום, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן דורך אַ פונק פון אַבערגלויבן. דאָ איז די נשמה פון שטעטל אין לעבנס בילד און סימבאָל. דאָ איז דער פּאַרצייטיקער יידישער גרויס־גלויבן אויסגעביטן דורך דער נויט אויף דער קליינגעלט פון לייכטגלויביקייט. די קללה, וואָס מאַכט דעם פּרינץ פאַר אַ הונט, ווערט מגולגל אין דער ברכה, וואָס מאַכט דעם הונט פאַר אַ פּרינץ. דער אייביקער ייד אין זיין קליינשטעטלדיקן גלגול — דאָס איז „דער אוצר”. נאָך פון אַמעריקע, וואָס גיט שטרעק־קראַפט צו די אָרעמס און צום

גייסט האָט אַזאַ באַרג געקאָנט אויפגעהייבן און אויפגעשליידערט ווערן.

(דוד פּינסקיס „דער אוצר" איז גלייכצייטיק אַ גרויסער ביישפּיל, וואָס לערנט דעם אַמעריקאַנישן שריפטשטעלער וואָס זאָל ער טאָן מיט דער קליינשטעטלדיקער אָפּשטאַמונג, וואָס ער טראָגט אין זיך. דורך אַ פּלעצלעכן ריס מיט איר טויטעט מען אָפּ די וואָרצלען, וואָס גיבן די זאַפּטיקייט פון געמיט. פּינסקי האָט געוויזן, ווי די קליינשטעטלדיקייט שעפּעריש צו פאַרוואַנדלען און דערהייבן צו גרויסוועלטיקייט. ער האָט געלייזט דעם פּראָבלעם).

כראָנאָלאָגיש געהערט דאָ דער פּלאַץ צו ל. שאַפּיראָ, וועמעס הויפּט־ווערק פון דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן — „דעם צלם" — איז דאָ פאַרפאַסט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1909. אָבער שאַפּיראָ געהערט צו אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע. לכתחילה — אַ ליריקער אין פּראָזע, וואָס זעט די ווירקלעכקייט מיט פאַרמאַכטע אויגן און וואָס זיין אָנגעגליטער איך־אינסטרומענט צייכנט אין איר פייעריקע יעראָגליפן. זיין „צלם" איז געווען אַ איך־יעראָגליף, דורך וועלכן ער האָט פאַר־סך־הכל'ט זיין צאָרן־אָפּרוף פון אַמעריקע אויף דער יידיש־רוסיש־אינטעליגענטישער צעקראָכנקייט אין דער פּאָגראָמען־בהלה. עדות'ט עס טאַקע אויף געשטיגענער ענערגיע און מעבר־לימ'יקן פאַרמעסט. אָבער אין אַמעריקע האָט שאַפּיראָ איבערגעאַרבעט זיין ליטעראַרישן מעטאָד. ער האָט זיין אָנגעגליטן איך־אינסטרומענט זיך אַריינגעזעצט אין די אויגן, און ער זעט די ווירקלעכקייט דורך פאַרגרעסערטע פייער־גלעזער. און זיינע געשטאַלטן — ווי זיי וואָלטן אייערע נאָענטסטע באַקאַנטע געווען, און איר ווילט צו זיי ריידן. איז שאַפּיראָ נאָך אַ בולט'ערע אילוסטראַציע אויף אַ טענדענץ, וואָס האָט לעצטנס זיך אָנגעמערקט ביי אַ צאָל היגע שריפטשטעלער, אַ טענדענץ צו פאַרקינסטלערן דעם פאַקט אין זיין געלאַף.

פּרץ הירשביין איז געקומען צום שפּעטסטן, אָבער ווי אַ ביישפּיל קאָן ער דינען צום בעסטן. די אַמעריקאַניזירונג פון פּרץ הירשביין ווייזט אויף אַ פולער טראַנספאָרמאַציע. לויט זיין אייגענעם עדות זאָגן, און די פאַקטן באַשטעטיקן עס, האָט אַמעריקע אים אָנגעשפּאַנט צו זיינע פאָלקס־קאָמעדיעס — „דעם שמידס טעכטער", „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל", „די פוסטע קרעטשמע" — מיט וועלכע ער האָט געמאַכט זיין גרעסטן ביישטייער צו קינסטלערישן טעאַטער. דאָרט אין דער אַלטער היים האָט ער זיך געפּרובט אויף נאַטוראַליזם — „די נבלה"

און אויף דין־דינעם אַבסטראַקט אינטעליגענטישן סטיל, מיינענדיק שוין, אַז דאָס וועט זיין זיין באַרוף. — ערשט פון מהלך אַמעריקע, אַריבער־קוקנדיק איבערן אַנטלאַנטישן אָקעאַן און האַלב־אייראָפּאַ צו זיין דאָרפישער היים, צווישן ווייסרוסלאַנד און אוקראַינאַ, האָט ער זיך דער־זען און געפונען אין זיין קלאָרער געשטאַלט—אַז ער איז אַ דאָרפס ייד, מיט דאָרפישע חושים, וואָס זעט ווי אַ גראָז וואַקסט און הערט ווי די נאַכט פּליסט, און פילט ווי וואַסער רינט. דער שטאָט־אינטעליגענט האָט אים נאָך צוגעגעבן: שאַרפן לשון צו פּאַלמעסן דאָס, וואָס ער זעט און הערט און פילט. האָט ער גענומען מאָלן די ליבעס און די שנאה'ס פון דאָרפישע בחורים און מיידן מיט אַזויפיל זיגזאַגן, וואַריאַציעס און שאַטירונגען, אַז מעטערלינקס פּרינצן און פּרינצעסינס האָבן זיי געמעגט מקנא זיין. זיין „בעבעלע", מיט דעם כסדר'דיקן איבערגעלאַף פון אירע נאַאיווע פאַרוואונדערטע שטימונגען און רייד דאַרף זיך גאָר נישט שעמען קעגן אַ בעלגישער פּרינצעסין.

אַמעריקע האָט דעם פאַרנעפּלטן הירשביינען אויסגעניכטערט און אויסגעלייטערט. פּלוצים האָט ער זיך דערזען אין באַזיץ פון איידעלן מאַטעריאַל מיט געזונטן טעם. אַמעריקע האָט אים געלערנט דעם שניט ווי צו מאַכן דערפון געזונטן געברויך. אַמעריקע האָט קאָנצענטרירט זיין שעפערישע ענערגיע פאַר פּראַקטישע פאָרמעסטן מיט ממשות'דיקע רעזולטאַטן.

דוד פּינסקי, ל. שאַפּירא, פּרץ הירשביין עדות'ן, אַז דער „מעבר לים" האָט זיי געדינט ווי אַן אַקומולאַטאָר פון שעפערישער עלעקטריצי־טעט. אָבער די פּאָזיציע פון „מעבר לים" אַליין וואָלט נישט גענוג גע־ווען צו געבן זיי אַזאַ שטאַרקנדיקע אינספּיראַציע, ווען דאָ וואָלט קיין לעבעדיקע לופט נישט געווען פאַר טאַלאַנט צום אָטעמען. איין הויפּט־איינפלוס איז דאָ געווען, וואָס האָט אַלע איינפלוסן געשטאַרקט און פאַר־לעבעדיקט: — אַ לעבעדיקע אוידיענץ.

די יידישע באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק האָט שוין ווייט אַריבערגע־שטייגט אַ מיליאָן. אַ גאַנצע יידישע מדינה מיט אַ גרויסער פּראָפּאָרציע יונגע לייט וואָס נישט נאָר האָבן זיי געהאַט דורכגעמאַכט די פייערן פון דער רעוואָלוציע און די פאַרשיידענע שולעס פון סאָציאַליזם, נאָר האָבן אויך געהאַט קענטשאַפט אין דער רוסישער און יידישער ליטעראַטורן.

אַזאַ יידישע מדינה, מיט אַזאַ מאַסע פּאָטענציעלע לייענער, מיט

אזא יוגנט — די ליטעראַטור דאָ איז ראוי געוואָרן אָנגעשטעקט צו ווערן מיט אַן אויפשטייג־אילוזיע.

זענען מיר דאָ צוגעקומען צום עיקר: עס זענען צייטיק געוואָרן די באַדינגונגען פאַר אַ גרויסן שעפערישן אויפשוואונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. האָט די גרופּע „יונגע" זיך ארויס־גערוקט אויף דער סצענע.

ווען מען האָט פאַר די אויגן די לעצטע 25 יאָר און מען ווייס ווי פאַרשיידן עס זענען געווען זייערע שפּעטערדיקע גאַנגען, קאָן מען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן זייער צוזאַמענזיין אין איין גרופּע: — גיי געפין אַן אויסגלייך צווישן יוסף אָפּאַטאָשו און דוד איגנאַטאָוו, צווישן מאני לייבן און משה לייבן, צווישן זישא לאַנדוי און ה. ליוויק, צווישן א. ראַבאָי און מ. י. חאַימאָוויטשן, צווישן יוסף ראָלניק און א. מ. דילאָן, י. י. שוואַרץ און ר. אייזלאַנד, — איז אָקאָרשט נישט געווען אַ פאַר־בלענדעניש זייער שותפות'ן זיך אין איין גרופּע? עס איז יאָ געווען באַרעכטיקט אַ גרופּע. זיי האָבן געהאַט צו מעלדן אַ שותפות'ן פּראָ־טעסט און אַ שותפות'ע דעקלאַראַציע.

פּראָטעסט — קעגן וואָס און קעגן וועמען? — קעגן דער הערשנ־דיקער ליטעראַרישער „קליקע", האָבן זיי געזאָגט. און געמיינט האָט עס, אַז די ליטעראַטור דאַרף זיך איינאָרדענען ווי אַ זעלבסטשטענדיקע באַלעבאַטישקייט, וואָס זאָל נישט אָנגעוויזן זיין אויף דעם „חסד" פון דער צייטונג. זייער דעקלאַראַציע האָט אָפּגעגעבן דעם אויבן אָן דער ליטעראַרישער פאָרם, און געמיינט האָט עס נאָך מער: — אַז די פאָרם אין ליטעראַטור דאַרף באַרייכערן דעם אינהאַלט, נישט פאַראַרימען אים, זייער פאָרם איז שוין געווען רייכער אינהאַלט: זי איז אָנגעזעטיקט גע־ווען מיט די אַלע טענדענצן, וואָס האָבן זיך אָנגעצייטיקט אין דער יידי־שער ליטעראַטור פון אַמעריקע. און עס איז געווען די העכסטע צייט, אַז ביידע רעוואָלוציעס — קעגן דער צייטונג און פאַר פאָרם — זאָלן דורכגעפירט ווערן. דערפאַר זענען זיי, די „יונגע", פון אָנפאַנגער גלייך געוואָרן פּיאָנערן — מיט די אַלע נצחונות, וואָס זענען דער גיבער שכר פון פּיאָנערנטום.

(צווייטע טייל אין דריטן בוך).

The author wishes to make grateful acknowledgment to WPA Federal Writers Project in New York City.

אינהאַלט:

חיים גראַדע — געווייַן פון דורות ... 5

א. סוצקעווער — די טויערן פון געטאָ ... 12

מאיר סעגאַל — פון ווינטערלאַנד ... 21

ב. דעמבלין (בנימין טייטלבוים) — וועסט־סאַיד ... 27

יוסף ראָלניק — אַרום מיל ... 195

אסתר שומיאַטשער — נייַן חדשים ... 204

ה. רויזענבלאַט — לידער ... 216

לייבוש לעהרער — מ. ל. האַלפּערנס „משה לייב" ... 223

מלך ראַוויטש — אַ שאָטן פון אַ שאָטן פון אַ וויזיע ... 242

אריה שמרי — ליכטיקע וועגן ... 254

יעקב צבי שאַרגעל — איין מעת לעת ... 259

יעקב שטאָל — פרימאָרגן ... 262

זישאָ לאַנדוי — אָנהייב פון זיין לעצט ליד ... 263

ב. ריווקין — גרונט טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע ... 265